STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03674

DER MABL

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער מבול

ראָמאַן

פון

שלום עליכם.

סעפּאַראַט-אַבדרוק פון „אונזער לעבען".

— ערשטעס בוך —

ווארשא.

ДЕРЪ МАБУЛЪ

Романъ Шоломъ-Алейхема.

ВАРШАВА.

Тип. Г. Пимента и Я. Швабе, Варшава, Сѣраковская 4.

דער מבול

א ראמאן

פון

שלום עליכם.

אנשטאט א הקדמה.

(א בריעף צום רעדאקטאר).

זעהר געעהרטער הערר!

אייער בריעף ערהאלטען.

מיין ראמאן „דער מבול“, וועלכען איהר געהט דרוקען אין אייער בלאט, הויב איך אן מיט א הקדמה. לאמיר אקארשט בעקלערען, וואס איז אייגענטליך א הקדמה? א הקדמה, א פאררעדע איז, נאך מיינער אנזיכט, נישט מעהר ווי א מין רעקלאמע, אדער ווי מען רופט דאס אין אמעריקא איין אדווערטייזינג צום ווערק און צום פערפאסער. אמאל האט דאס געהייסען ביי אונז „התנצלות מאת המחבר“, דאס טייטש: דער מחבר פונ'ם ווערק איז זיך מתנצל, צעגיסט זיך פאר'ן לעזער אין א לאנגער דרשה, הויבט אן כלומר'שט מיט א רחמנות פנים: וואס בין איך משטיינס געזאגט, קליין מענשעלע, קעגען יענע גדולים, וואס האבען פריהער פאר מיר אזוי פיעל אויפגעטהון? ווער בין איך משטיינס געזאגט, קליין ווערעמעל, איך זאל וואגען ארויס-טרעטען מיט מיין קליינער אבגעניצטער טארבע צווישען אזעלכע גרויסע מאגנאטען פון חכמה און פון וויסענשאפט, וואס זייער קליין פינגעריל איז דאך גרעסער פון מיינע

לענדרען ?... נישט מעהר אזוי ווי איטליכעס בעשעפעניש אויף דער וועלט, וואס איז מקבל די חשפעה פון אויבען, מוז צו גלייכער צייט עפעס נעבען אויך, א ניט — צו וואס לעבט ער אויף דער ערד ? לכן האב איך, דער איננסטער פון די איננסטע און דער קלענסטער פון די קלענסטע, מיך בעשלאסען, יעבור עלי מה — לאז זיין וואס עס וויל זיך — איך וועל אויך ארייננשטעלען מיין קול צווישען אלע וואס לאזען זיך הערען אויף דער וועלט! למאי זאל איך זיין ערגער פון א סך אנדערע, וואס איך וואלט אפשר געקאנט זיך מיט זיי פערהערען, הן אין שכל, הן אין וויסענשאפט, הן אין עהרליכקייט, הן אין רעכטפערטיגקייט ? אדרבה איך וועל מיט גאטס הילף ארויסווייזען, אז די, וואס זענען געקומען פאר מיר, האבען, זאלען מיר מוחל זיין, געהאט ניט איין מאל א טעות, און איינינע פון זיי האבען זאגאר שטארק געפאלשט, פערקראכען קיין בויפעריק, מחמת זיי האבען נישט פערשטאנען מה דקאמרי רבי׳צין און נישט געוואוסט, ווער עס האט זיי געשלייערט..

ואני — און איך — דער מחבר פונ׳ם דאזיגען בוך, קאן מיך, דאכט זיך, מיט רעכט בעריהמען, אז צו מיין געניטקייט מיט מיין טיעפקייט מיט מיין ברייטקייט האט נאך נישט געגרייכט קיין איינציגער פאר מיר, ווארום זיי זענען אלע בלא אקעגען מיר. מען קאן זאגען כמעט גאלע גארנישט... על כן האב איך צו מיר אזוי געזאגט: „בן אדם!" פאר וואס זאלסט דו ניט מזכה זיין דעם דור מיט די זיסע שפייזען, וואס דו האסט ווי א געטרייע ביען געקליבען דא און דארטען ? ווארום זאלען מענשען ארומגעהן בלינד, טאפען אין דער פינסטערניש ? פאר וואס זאלט איהר, פינסטערלינגען, שאף, בהמות, זיין אזוי ווילד און נישט וועלען הערען קלוגע רייד פון א מענשען, וואס איז זיך מקריב פון אייער טובה וועגען ?...

און אזוי ווייטער, אלע מאל שטארקער, רעפענט ער זיך בעצייטענס מיט די קריטיקער, טאמער וועלען זיי איהם

חס ושלום אָנגעריפֿען, שנײדט פֿון זײ אַ פֿאַס, אָפּטמאָל מיט אַ בײַסנדען שיר, און זאָגט זײ פֿאָראויס, לאָזען זײ בילען. ער הערט זײ ווי דעם פֿאָראָיאָהריגען שנײ. און לאָזען לאָזט ער אויס מיט אַ רוהיגענדען ליריזם: געה — געה, ביבעלע מײַנס, אויף דער ליכטיגער וועלט. וועק אויף די פֿערשלאָפֿענע! בעלײַכט די פֿערפֿינסטערטע! שרײַ צו די טויבע! און האָב נישט מורא פֿאַר די וואָס בילען, ווארום דו טהוסט געהן אינ'ם נאָמען פֿון גאָט — אָמן...

אַט אַזוי האָט זיך דאָס געפֿיהרט אין אונזער אַלטער אידישער ליטעראַרישער וועלט, און כמעט דער זעלבער זינן איז פֿערבליבען בײַ אונז אויך אויף שפּעטער, נאַטירליך אין אײן אַנדער וועלטליך-לײַטישער פֿאָרם. און דערפֿון וועט איהר שוין אַלײן אַרויסציהען, פֿאַר וואָס איך וויל אײַך קײן הקדמה ניט שרײַבען... זעהט איהר, אײַער צווייטער פֿערלאַג, איך זאָל אײַך בעקאַנט מאַכען מיט'ן פּלאַן, מיט'ן אינהאַלט און מיט דער טענדענץ פֿון ראָמאַן, — איז עפּעס אַנדערש.

ווי איהר זעהט אַרויס פֿון די ערשטע קאַפּיטלעך — איז דאָס אײן אָבשפּיגלען פֿון דעם גרויסען מישמאש, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דעם יודישען וועלטעל דאָרטען, אין דעם גרויסען ברײטען צעטרײסעלטען רוסישען לאַנד; אײן אָבשפּיגלען פֿון בעוועגונגען, שטרעבונגען, בלוטיגען קאַמפּף צווישען פּאַרטײען, ראַסען און פֿעלקער; אַ בילד פֿון דעם אַלעם, וואָס דער פֿערפֿאַסער האָט דורכגעלעבט, בײַגע-וואָהנט און דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט אַלע זײַנע זעכס מיליאָן ברידער און שוועסטער, מעגליכסט אָביעקטיוו גע-שילדערט אין דער פֿאָרב פֿון אַ ראָמאַן, געשריבען שוין דאָ, אויפ'ן רוהיגען באָדען פֿונ'ם גליקליכען פֿרײַען אַמעריקאַ מיט אײן אויסגערוהטען קאָפּ און מיט אַ רוהיגער טענדענץ... עס איז לײַכטער צו מאָלען אַ וואַלד פֿון דער ווײַטען, עס איז פֿיעל נאַטירליכער צו בעשרײַבען אַ שרפה ערשט דאַן, ווען דאָס פֿײַער איז געלאָשען, זאָלען רויבערען די האָלאָ-וועשקעס, זאָלען פֿונקען פֿליהען, זאָל די אַש נאָך זײַן געפֿעהר

ליך — דער טומעל איז פאראיבער, דאס לעבען איז גערעטעט... יא, א שרפה איז דאס געווען, א גרויסעס, גרויסעס פייער, א וואלקענברוך, א שטורם, איין אויסגוס פון זיבען נאמען, א מבול, א גאנצער מבול, א מבול אויסגע-מישט פון בלוט און טרעהרען — און דארט בין איך געווען און דארט האב איך מיט אלע מיינע מיליאנען ברידער און שוועסטער זיך געטראגען אויף די גרויסע וואסערען פונ'ם גרויסען מבול אויף אונזער קליין צעשמעטערט שיפעלע וואס טראגט זיך באלד צוויי טויזענד יאהר אהן א פיהרער און אהן א ברעג, גאט דער העדר נאר ווייסט, וואהין און ווען מיר קאנען צושטעהן!...

אט דאס אלס, וואס האט פאסירט מיט אונז בעפאר דעם מבול און בשעת דעם מבול, האב איך אייך בעשריבען אין דעם „מבול", געשילדערט א בילד, געמאלט אין פארם פון א ראמאן, איינגעטיילט אין בעזונדערע קאפיטלעך, געגאנגען מיט די פאסירונגען טריט ביי טריט, נישט דורכגעלאזט די פסיכאלאגיע פון איינצעלנע פערזאנען און פון גאנצע מאסען, און בכדי צו פעראינטערעסירען דעם אלטעגליכען לעזער, וואס זוכט א מעשה, האב איך געטראכט צו פערבינדען וואס מעהר אינטריגען, וואס מעהר איבערשפאנענדען אינטערעס אבער אסור נישט איבערטריבענעם! איך בין, דארף איך אייך זאגען, א גרויסער געגנער פון די וואס האלטען, אז דער עולם איז א גולם, און אז מען מעג איהם געבען קייען שטרוי. זיי זאגען, אז אונזער אידישע מאסע דארף האבען שונד. איך וואלט וועלען אנדערש דענקען; איך וואלט וועלען גלויבען, אז אונזער אידישע מאסע איז ניט גלייך צו אנדערע, אויף דעם איינציגען גרונד, ווייל אונזער מאסע שטאמט ארויס גלייך מיט אונז פון אברהם יצחק ויעקב...

ווער פון אונז עס האט רעכט — וועלען מיר זעהען.

מיט אלער אכטונג   שלום-עליכם.

ערב פסח תרס"ז, 28-טען מערץ 1907.

קאפיטעל א.

פסח, פסח און פסח.

דריי פערשידענע פסח'ן האט מען צוגעגרייט אינ'ם הויז נומער 13, וואס אויף וואסילטשיקאווער גאס.

דאס הייסט דער פסח איז איינער, די מצות, דער מרור, די הגדה — אלעס, אלעס די זעלבע, נאר די ארט צוגרייטען, דאס פארברייטען, דאס רעכטען זיך איז נישט אומעדום גלייך. ווייל די מענשען וואס אינ'ם הויז נומער 13 אויף וואסילטשיקאווער גאס זענען פערשידענע מענשען מיט פערשידענע כאראקטערע, מיט פערשידענע מיינונגען.

דריי זענען זיי דא אינ'ם הויז נומער 13, וואס אויף וואסילטשיקאווער גאס, און יעדער פון די דריי מיינט, אז נאר זיין גאט איז אמת, אז נאר זיין מיינונג איז ריכטיג און אז נאר צוליעב איהם איז בעשאפען געווארען אט דאס וועלטעל.

אפשר מיינט איהר, אז די דריי זענען מענשען פון פערשידענע גלויבענס, פון פערשידענע עלטערען און פון פערשידענע לענדער?

חלילה! אלע דריי גלויבען אין איין גאט, אלע דריי קומען-ארויס פון איין יחוס און אלע דריי געהערען צו איין לאנד.

דאס זענען דריי רוסישע יודען, וועלכע דער פערפאסער פון דעם ראמאן האט די עהרע פארצושטעלען פאר זיינע לעזער (אויף דעם אלטען שטייגער פון אמאליגע ראמאניסטען) איציקעל שאסטעפאל, סאלאמאן ראפאלאוויטש און נחמיה דער שוסטער.

איציקעל! — דער נאמען אליין זאגט אייך שוין, אז דאס דארף זיין א יוד פון דער אלטער וועלט, א יוד, וואס

האנדעלט מיט וואלד, מיט גוראלניס, מיט ברויט, מיט פאדראדען; אדער ער האט א שארפע קראם, א מאנופאקטור-געשעפט, אדער א פאבריק פון גלאזווארג; אדער ער שטעלט צו פראוויאנט אין די טורמעס מיט די קאזארמעס, טיילט זיך מיט׳ן סמאטריטעל און מיט די אפיצירען אויף דער-האלב און האדעוועט די ארעסטאנטען און די סאלדאטען מיט קדחת און מיט קרייניק; אדער אויב ניט, איז איציקעל א יוד א בעל הלואה, חלילה נישט קיין פראצענטניק, קיין וואכערניק, נאר מעשה באנקיר מיט אנווייזונגען, טראטען און אקרעדיטיוועז, יאגט זיך ניט נאך גרויסע פראצענטען, זוכט בטוחים, פערלייהט געלד אויף הייזער, סאלידע וועקסעלעך וכדומה.

יעדענפאלס איז איציקעל פערדעכענט אין שטאדט פאר איינעם פון די פיינסטע, פארנעהמסטע און אנגעזעהענסטע מענשען. אומעדום בעגעגענסט-דו איהם אובען-אן, אומעדום הערסט-דו: איציקעל שאסטעפאל! איציקעל שאסטעפאל! איז ערגיץ א שמחה, א פערזאמלונג, איין אונטערהאנדלונג וועגען שטאדט-זאכען — איז איציקעל שאסטעפאל. איז חלילה א צרה, א לויה, איין אומגליק, א שרפה, א מגפה, א פאגראם — איז איציקעל שאסטעפאל. קלויבט מען געלד — איז איציקעל שאסטעפאל. דארף מען שרייען — איז איציקעל שאסטעפאל. און פון אמת קאן מען ניט אוועקגעהן: שרייען קאן איציקעל שאסטעפאל זעהר גוט. געבען גיט ער נישט אזוי פיעל, ווי ער שרייט און פילדערט און טאראראמט...

אז איהר וועט קומען אמאל צופאהרען אין מיין שטאדט אריין, אדער אז איהר וועט פאהרען אמאל אין באהן און וועט בעגעגענען א צעטראגענעם נפש מיט רויטע גלאטע בעקלעך, מיט שטארק גלאנצענדיגע שווארצע (איצט שוין גרוילבע) האר, מיט א געגרייזעלט בערדעל וואס ער לאזט דאס נישט צורוה און פלעכט דאס, און דרעהט דאס און צופעט דאס, מיט גרויסע שענע שווארצע יודישע אויגען, וואס ווען א פרוי פערמאגט אזעלכע אויגען זענט איהר נאך

איהר די כפרה, מיט אביסעל איין אויסגעבויגענע עלט יודישע נאז, מיט א קאפעלושעל, וואס איז תמיד פערריקט ארינטער אויף יענער זייט קאפ, מיט האלב פערקאטשעטע ארבעל און מיט א שירם אונטערען ארעם סיי זומער סיי ווינטער, — אז איהר וועט בעגעגענען אזא נפש, מעגט איהר צוגעהן צו איהם גלייך אויף מיינע אחריות, איהר זאלט גאר קיין מורא נישט האבען, און זאגען צו איהם: — שלום עליכם רבי איציקעל!

וועט ער אויפשטעלען אויף אייך זיינע שענע שווארצע יודישע אויגען, געבען א האלבען שמייכעל, אויסציהען א ווייסע, א שענע, א ווייכע האנד און אייך ענטפערען, עליכם שלום אייך, וואס מאכט איהר?

ער וועט ביי אייך נים פרעגען, ווער איהר זענט, און ווי אזוי איהר הייסט; ווארום אז איהר זענט איהם מכבד מיט א שלום-עליכם, קענט איהר איהם מן הסתם, און ווער קען איהם נישט? פונ'ם קלענסטען חסיד ביז'ן גרעסטען אריס־טאקראט, און צוריק — פונ'ם לעצטען קאלבאסניק ביז'ן שטרענגסטען פרומאק, קענען זיך אלע מיט איציקעל שאפ־טעפאל, און איציקעל שאפטעפאל קען זיך מיט אלעמען, שטימט מיט אלעמען, זאגאר בעפריינדעט מיט אלעמען, אויסגעבונדען מיט דער גאנצער וועלט.

און די „גאנצע וועלט" האט ליעב אזעלכע מענשען. די „גאנצע וועלט" האט ליעב א מענשען, וואס בייגט יענעם און בייגט זיך אליין; די „גאנצע וועלט" האט ליעב א מענשען וואס שמייכעלט און לאזט זיך שמייכלען, וואס נארט אב און לאזט זיך נארען, וואס טרעט און לאזט זיך טרעטען. די „גאנצע וועלט" געהט מיט רעם גאנג, אז פרינציפען, אידעאלען וכדומה אזעלכע זאכען זענען גוט אויף פאפיר, אינ'ם לעבען זענען זיי דומהייטען, קינדערייען, יונגעלשע זאבאבאנעס... פאלג מיך, לעזער, געב אהער די האנד, לאמיר געהן ווייטער, מיר האבען א סך — א סך צו געהן!

דער צווייטער פארשוין, וואס וואוינט אינ'ם הויז

נומר 13, וואָס אויף וואַסילטשיקאָווער גאַס, איז סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש. (איהר זאָלט גאָר קיין יסורים ניט האָבען, וואָס מיר האָבען מיך אַזוי גיך צעשיידט מיט איציקעל שאַסטעפּאַל: מיר וועלען זיך מיט איהם בעגעגענען אינ'ם דאָזיגען ראָמאַן נישט איין מאָל).

איך זאָל געהערען באֱמת צו דער אַלטער פּראַקציע ראָמאַניסטען, וואָלט איך געמאָלט אַ בילד, אַז מיין סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש איז געוועזען אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ בלאָנדער מיט אַ פֶעסטען כאַראַקטער, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ העלד. איך בין אָבער ניט פון יענע ראָמאַניסטען און מיין סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש איז ניט קיין העלד, ער איז איין אַפּטייקער, אַ טיפּ פון יענעם מין אַפּטייקערס, וואָס פלעגען עסען אַ קאָלבאַס איינגעטונקען אין סמעטענע אָהן אַ היטעל אומגעוואַשען פאַר'ן דאַוונען יום כפור אין דערפריה און דאָס איז געוועזען כמעט אַזאַ קונץ, אַזאַ העלדענטהאַט ווי גרשוני'ס ענטלויפען אין אַ פעסעל קרויט פון אַקאַטויסקער טורמע.

איהר קאָנט זיך שוין, יעדער פון אייך, אַליין פאָר, שטעלען, אַז סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש דער אַפּטייקער האָט פיינט אַ יודען בתכלית השנאה, און נאָר דערפאַר, וואָס קיין אומה ולשון פאַרמאָגט נישט אַזוי פיעל סובּיעקטען מיט געלע האָר, ווי דאָס יודישע פאָלק. און כמעט קאָן מען זאָגען, אַז ער האָט רעכט. איהר האָט געזעהן עפּיס אַ סך רויטע גוים מיט געלע האָר? אָט נעהמט ראַפּאַלאָוויטשען אַליין — איז ער אַ געלער, אַ טאַטען האָט ער געהאַט אַ געלען, אַ שוועסטער האָט ער — איז זי אַזש אַ רויטע; ער האָט אַ זוהן, סאַשע הייסט ער (מיר וועלען זיך באַלד מיט איהם בעקענען), איז ער אַ געלער.

מאָלט אייך, סאַלאָמאָן אַליין פאַרבּט זיך, גאָלט זיך, לאָזט נישט מע זאָל אַרויסזעהען די געלע האָר פונ'ם קאָפּ מיט'ן באָרד. וואָס זשע טהוט מען אָבער מיט די ברעמען? וויפיעל וואָלט סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש אַוועקגעגעבען ער זאָל געוועזען געבאָרען ווערען אַ שוואַרצער!

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַ מאָל, איצט איז אונזער כאַלאַמאָן ראַפּאַלאָוויטש שוין נישט מעהר קיין גאַלער: ער איז שוין אַ ווייסער, — ער איז גרוי.

און גרוי איז ער געוואָרען פאַר דער צייט, פון צער גדול בנים, איבער צרות פון קינדער!

איין קינד, איין און איינציג שטיקעל סאַשע — און אַזוי פיעל צרות! און פון וואָס מיינט איהר צרות? אַ שלעכט קינד? וויל נישט לערנען? אַ פאַרשטאָפּטע קאָפּ? — חלילה! אומגעקעהרט. אַ יונגעל איז סאַשע געווען אַ וואוילס; אַ קעפּעל אַ גוטס; לערנען האָט ער געוואָלט זעהר; צו צעהען יאָהר איז ער געווען גרייט אַריינצוטרעטען נישט נאָר אין ערשטע — אין דריטע קלאַס גימנאַזיע. איז אָבער דער חסרון וואָס מען האָט איהם נישט געוואָלט צונעהמען איבער די פּראָצענטען! איך מיין, אַז איך דאַרף מיינע לעזער נישט געבען צו פערשטעהן, פון וואָסערע פּראָצענטען עס רעדט זיך דאָ, אַלע ווייסען, ברוך השם, אַז בייַ אונז אין'ם געבענטשטען רוסישען לאַנד האַנדעלט מען מיט אַ יודען אויף פּראָצענטען: אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען נעהמט מען צו וואָס ווינציגער יודישע קינדער, דערפאַר אָבער אַז עס קומט צום פּריזיוו, צו'ם מיליטער, נעהמט מען בייַ יודען אָהן פּראָצענט, זיי זאָלען חלילה קיין פאַראיבעל נישט האָבען...

אַך, האָט זיך נעבאַך סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש געפּלאָגט, געערגערט זיך, אויסגעריסען געוואָרען! סטייטש, זיין זוהן, זיין סאַשע וויל מען ניט צונעהמען אין גימנאַזיע! ערשטענס איז ער נישט גלייך מיט אַלע יודען, איז בעקאַנט מיט'ן דירעקטאָר פון גימנאַזיע, קען זיך גוט מיט די לעה-רער, שפּיעלט מיט זיי אין פּרעפֿעראַנס און אין ווינט, מיט איינעם, אַ לעהרער, ראַמאַנענקאָ הייסט ער, (דער נאָמען ראַמאַנענקאָ שפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם ראָמאַן) האָט אונזער סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש געהאַט אַ שמועס וועגען זיין זוהנדעל סאַשע, און האָט געחאַפּט פון איהם אַ מאוס'ן אָבשניט. ער, דער לעהרער ראַמאַנענקאָ, האָט איהם

אָבגעשניטען אויפ'ן גוי'שען שטייגער: — וואָס ווילט איהר? וואָהין קריכט איהר? וואָס פאַר אַ שייכות האָט איהר, יהודים מיט אונזערע שולען, גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטען? דאָרטען, אין אייער לאַנד, אין אֶרץ-ישראל, וועט איהר געבען אייערע קינדער שטודירען! דאָ וועט איהר זיי לערנען האַנדלען, וואַנדלען, שאַכער-מאַכער!...

אַ צעקאָכטער איז אַוועק פון איהם אונזער אַפּטייקער נישט געוואוסט, וואו זאָל ער אַהינטהון די גרויע אויגען מיט די געלע ברעמען אונטער די בלויע ברילען. ערגער פון אַלץ האָבען איהם געשטאָכען די ווערטער: „אייער לאַנד"..„אֶרץ-ישראל"... ער, סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש, איז אַזאַ מחותן מיט אֶרץ-ישראל, אַזוי ווי ראָמאַנענקאָ איז אַ מחותן מיט יושר... אַדרבה, אין שטאָדט ווייסען אַלע אַז ראַפּאַלאָוויטש דער אַפּטייקער איז אַ געפערליכער אַנטיציוניסט פאָפרינציפּ, האָט פיינט די נייגעבאָרענע יודישע סעקטאַנטען. וואָס רופען זיך נאַציאָנאַליסטען, אַ סך ערגער, ווי איציקעל שאָסטעפּאַל האָט פיינט די ווייסע חברה'ניקעס, וואָס ווילען זיך צעטיילען מיט זיין ביסעל אָרעמקייט, — די סאָציאַליסטען.

און מערקווירדיג, ווי גאָט פיהרט די וועלט! בעדאַרף זיך טרעפען אַזוי, אַז דוקא ביי דעם אַפּטייקער דעם געוועזענעם קאָלבאַסניק און יעצטיגען אַנטיציוניסט שפּרינגט אַרויס אַ זוהן כאַשע, אַ הייסער פייעריגער נאַציאָנאַליסט! און ביי דעם בעל-הבית'שען איציקעל שאָסטעפּאַל, וואָס האָט מורא פאַר אַ סאָציאַליסט ערגער ווי פאַר אַ רוסישען זשאַנדאַרם, וואַכסט-אויס אַ טעכטערעל טעמע אָדער טאַמאַראַ, אַ פערברענטע, אַ פערקאָכטע סאָציאַליסטקע, וואָס רעדט פון עקספּראָפּריאַציע און... ענטשולדיגט, מיר וועלען זיך נאָך נישט איין מאָל אומקערען צו איציקעל'ס טאָכטער אין אונזער ראָמאַן, מיר טאָרען נישט פאַרגעסען, אַז עס וואַרט אויף אונז אַ דריטע פערזאָן, וועלכע מיר האָבען דערמאַנט אויבען אין אָנפאַנג פון אונזער בעשרייבונג. איך רעד פון נחמיה דעם שוסטער.

אמת נחמיה דער שוסטער איז נישט מעהר ווי א יוד א בעל-מלאכה און איין ארעמאן דערצו. וואס שטארק צערע-מאניען זיך מיט איהם איז נישטא וואס; ווארום לאמיר זיך נישט נארען: וואס פאר א ראלע קאן שפּיעלען א שוסטער אין א ראמאן? אין א ראמאן דארף מען ארויספיהרען גראפען און פירסטען! שוסטערס איז דא גענוג אין מארק און אין שוהל-גאס און אין באד און וואו איהר ווילט! — גערעכט. ווי-זשע איז אבער דער דין, אז מיר וועלען אייך געבען גראפען אויך, און פירסטען אויך, האט'ס נאר געדולד און נישט אונז די מעגליכקייט צו בעקענען אייך דערווייל מיט געוועהנליכע מענשען...

אלזא — נחמיה דער שוסטער.

נחמיה דער שוסטער איז א שלים-מזל... אזוי רופט איהם זיין ווייב זיסעל — א קליין שווארץ ווייבעלע מיט קליינע שווארצע ברענענדיגע אייגעלעך, פון פארנט נישט איין צאהן. אז מען טהוט א קוק אויף דעם קליין-דאר-טרוקען ווייבעלע און אויף איהרע צוויי בנים חיים און בעני, צוויי הויכע, געזונדע, געפּאקטע חלאפּאקעס, וויל זיך בשום אופן נישט גלויבען, אז דאס איז די מוטער און דאס זענען איהרע קינדער. אויך דער פאטער, נחמיה, האט ווינציג עהנליכעס מיט זיינע זיהן. נחמיה איז א קארענאסט יודעל, א בע-וואכסענס מיט א ברייטע ברוסט, מיט ברייטע ביינעריגע פּלייצעס, מיט א ברייט ביינעריג פנים, מיט א צונעפּלעצטע נאז און האט ליעב צוויי זאכען: אביסעל בראנפען און א סך רעדען. און מערקווירדיג! א גאנצען טאג מאכט זיך איהם נישט צו דאס מויל. און זאל ער נעהמען אביסעל בראנפען, אזוי ווערד ער אנטשוויגען, אומעטיג און דערשלאגען.

פונקט דער היפך פון זיין פריינד יודעל קטנתי.

יודעל קטנתי'ס פּראפעסיע איז שניידעריי, נאר פער-נעהמען פערנעהמט ער זיך מעהר מיט פּאליטיק. מיט זייטיגע ענינים, מיט שטאדט-זאכען, אויף אונזער היימיש לשון ווערד דאס אנגערופען: א מענש וואס קהל'ט זיך... און קהל'ען

קהל'ט ער זיך דערפאר, וואס ער זיצט מיינסטענטייל אהן א שטאך ארבייט, און מהאי טעמא איז ער א קבצן, און מהאי טעמא האט ער אין זיך ניין מאס רעד, און מהאי טעמא רופט איהם די וועלט קטנתי.

און קטנתי רופט מען איהם איבער זיין לשון-קודש רעדען; כמעט נאך יעדע צוויי דריי ווערטער יודיש מוז ער אריינוואַרפען איין ווארט א לשון-קודש'דיגם, וואסער'ס ניט איז, צי עס פאסט זיך, צי ניין, אפי לשון-קודש... פארהאן א סך מענשען אזעלכע, וואס האבען ליעב בעפוצען און אויס-מישען זייער שפראך מיט פרעמדע ווערטער. איך קען איינעם א קליינשטעדטיגען משכיל, א „אינטעליגענט“, וואס שפריצט מיט פרעמדע ווערטער אויף אלע זייטען, האט מען איהם א נאמען געגעבען „ישראליק ציוויליזאציע“ — און ראם קליינע שטעדטעל אז עס גיט א נאמען, איז דאס אנגעמאסטען, ווי יודעל קטנתי זאגט: אגיל ואשמח, צוגעשניטען און אויפגענייט...

א משונה מאדנע ריהרענדע גוטפריינדשאפט הערשט צווישען די צוויי ווילד-פרעמדע נפשות, צווישען יודעל קטנתי און נחמיה דעם שוסטער. ס'איז נישטא דער טאג, וואס יודעל זאל נישט קומען צו נחמיה דעם שוסטער „א ביסעל זיצען“, און א ביסעל זיצען הייסט א ביסעל שמועסען, און א ביסעל שמועסען הייסט א ביסעל בערעדען די שכנים, די שטאדט, די גאנצע וועלט... נאך אז יודעל איז אויף יענער זייט שוועל, קאנט איהר שוין הערען א הוסט מיט א „רוח אין זייער טאטען ארייַן, עמך, אונזער פאלק, ס'זאל אויף זיי קומען א פאהיבעל, א חלירע, א שרפה, א מגפה מיט כל ישראל אחיהם... ענטפערט איהם נחמיה מיט א נגון:

— ונאמר אמן! וואס איז די מעשה אידעל, וואס דו ביזט אזוי, אזוי...

— אזוי וואס? ברפידימ'דיג? חאפט איהם אונטער יודעל קטנתי — ס'זאל א רוח אין זייער טאטענס טאטען ארייַן ביז אדם הראשון געפלויגען געווארען פאר זייער יפיש חייכון ויסגי יומיכון, ווי זיי פאראימערען אונז די יאהרען און

מעג מיט זייערע פאראדקעס און מיט זייערע מנהגים און מיט זייערע בעלי-טובות און מיט זייערע רחמנות האבען זויף ארעמע לייט געבאך, וואס האבען נישט מיט וואס דעם פסח אריינצופיהרען...

— שוין! — מישט זיך אריין דעם שוסטערס ווייב זיסעל — צוויי שלים-מזל'ען האב זיך צענויפגעסקאמפאניעט און מען זארגט זיך וואס ארעמע לייט האבען נישט אויף פסח. נו, און איהר זענט שוין באווארענט מיט'ן גאנצען פסח? געהט אייך געזונדערהייד. אם ירצה השם יום-טוב וועט איהר קומען צו געהן, אדער חול המועד, דעמאלט איז ניטא וואס צו טהון, וועט איהר זיך אנרעדען ווי די פויקען...

און זיסעל דעם שוסטערס ווייב איז משלח דעם שניי-דער קטנתי מיט כבוד און נעהמט זיך צו דער ארבייט: רוימען, קערען, שמירען, וואשען, קראצען, — צי ס'איז דא אויף פסח צי ס'איז ניטא אויף פסח — פסח'דיג אין שטוב, כשר, ריין, זויבער — דאס מוז זיין, סיי ביים גביר, סיי ביים ארעמאן, און אפילו ביים לעצטען עני-שבעניים מוז זיין פסח גלייך כשר. ריין און זויבער, ביי אלעמען, ביי אלע יודען גלייך, ביי אלע יודען אין איין צייט, ביי אלע יודען איין מצה, ביי אלע יודען ארבע כוסות — פיער, נישט מעהר און נישט ווינציגער... אין דער גלייכהייט ליגט א שטיק סאטיספאקציע, א בעלוינונג פאר דעם געמיינעם מאן נעבאך, ער זאל זיך ניט מתקנא זיין אן דעם נגיד.

— האט דען איציקעל שאסטעפאל אנדערע מצות ווי מיר? — אזוי טישעט זיך נחמיה דער שוסטער און בעקומט פון זיין סקעפטישער זיסעל א יברכך:

— סא משל! האט דאך שוין איציקעל שאסטעפאל די מצות אין שאפע, און מיר האבען זיי נאך ניט!

— ווען מיר האבען. זיסעל, דאג'ע ניט, אלע יודען וועלען האבען מצות אויף פסח, קיין חמץ וועט קיינער חלילה נישט עסען!

— שלים־מזל, נו און אייער? און שמאלץ? און עופות? האסט דו פארגעסען?

— עט, נו, למאי א גאנץ יאהר האט ער דען נישט די זעלבע אייער און שמאלץ און עופות? — אזוי פרובט זיך דער שוסטער בעקעמפפען דעם סקעפטיציזים פון זיין ווייב און ברייננט איהר א נייעם ארגומענט:

— צי א שטייגער אט וועלען מיר זיך אלע זעצען אין איין צייט צו׳ם סדר, אלע וועלען מיר זאגען פון איין הגדה, אלע וועלען מיר דערצעהלען די זעלביגע נסים פון דעם זעלביגען מצרים, אלע וועלען מיר טרינקען צו פיער כוסות, צי אפשר רעכענסט דו, זיסעל, אז מיר וועלען טרינקען נאר דריי כוסות און איציקעל שאסטעפאל וועט טרינקען פינף כוסות?

— וויאס איך רעכען, ווילסט דו וויסען? רעכען, אז ער האט שוין די ארבע כוסות לאנג אנגעגרייט אין קעלער, און דו האסט זיי דערוויילע נאר אין זינען...

— וואס ארט מיך אז אין זינען, נארעלי? וואס אי! מיר שלעכט, אז איך טראכט מיר איצט פון אביסעל משקה, פון א גוט ביסעל וויין, איין אמת א בעסאראבער גלעזעל וויין, א געשמאקס, א שטארקס, א שטשיפעדיגס...

— וואס זאגט איהר אויף דעם שלים־מזל?

די ווערטער זענען געזאגט געווארען שוין צו די קינדער, צו חיים׳ן און צו בעני׳ן, וואס זיצען ביי׳ם ווארקשטאט מיט די האמערס אין די הענד און קלאפען פלעקלעך אין די פארעשוועס אריין.

— וואס זאלען מיר זאגען? — ענטפערט איהר דער עלטערער חיים פאר זיי ביידען — מיר קאנען נאר זאגען, א דער וואס האט נישט וואס צו עסען האט פאלעס רעכט צו דענקען וועגען עסען, און נישט נאר צו דענקען פון דעם אליין, נאר צו טראכטען וועגען דעם, ווי אזוי מאכט מען אז אלע זאלען עסען גלייך...

—וועגען דעם האט אונז שוין באווארענט משה רבנו—

זאָגט נחמיה דער שוסטער, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט תורה פון יודעל דעם שניידער — ער האָט אונז אַלעמען גלייך געשענקט איין ברויט אויף פּסח, מצה, אַלעמען גלייך אָנגעשריבען איין הגדה, אַלעמען גלייך געגעבען פיער כוסות...

— משה רבנו איז געווען אַ גאַנץ גוטער מענש — מישט זיך אריין דער קלענערער זוהן בעני — ער האָט אונז געשענקט, זאָגסט דו, אַלעמען גלייך איין ברויט אויף פּסח מיט איין הגדה מיט איינע פיער כוסות, פאַר וואָס־זשע האָט ער שוין אין איין וועגס נישט געמאַכט, אַז אַלע זאָלען טאַקי האָבען די אַלע דריי זאַכען? דערווייַלע ווייסען מיר, אַז מצות און אַרבע כוסות האָט איציקעל שאַסטעפּאַל און מיר האָבען נישט מעהר ווי די הגדה...

— זיי האָבען אונז איינגעטהיילט די הגדה, מאַכט חיים, בכדי מיר זאָלען האָבען וואָס צו זאָגען, און זיי וועלען דערוויַיל עסען די פּאַלירטשיקעס מיט די חרעמזלעך...

— אויסקריינקען זאָלען זיי, רבונו של עולם! — שטעלט אריין דערווייל אַ קללה זיסעל.

— פאַר וואָס קומט זיי שעלטען? — פרעגט נחמיה — וואָס זענען זיי, חכמה מיינע, שולדיג אין דעם, וואָס מיר האָבען ניט אויף פּסח?

— אַט מיט דעם, וואָס זיי האָבען און מיר ניט, זענען זיי שולדיג!...— אַזוי גיט איהם צו פערשטעהן זיין וויַיב זיסעל, ווי אַ רבי גיט צו פערשטעהן דעם תלמיד — זאָלסט ניט זיין קיין שלים־מזל, וואָלסט דו אַליין פערשטאַנען, אַז זיי זאָלען האָבען ווינציגער, וואָלטען מיר געהאַט מעהר, דעמאָלט וואָלטען מיר זיך אַלע אויסגעגלייכט.

— די מאַמע איז אַ מאַרקסיסטקע — בעמערקט חיים צו בעניין, און בעני ענטפערט איהם:

— מע וואָלט זי בעדאַרפט נעהמען אַמאָל אויף אַ דיסקוסיע... מאַמע, ווּעסט געהן מיט אונז אויף אַ דיסקוסיע?

— אין דער ערד אריין וועל איך איַיך געהן! איהר פערגעסט, אַז ס'איז ערב־פּסח און איך האַלט נאָך גאָר פון

פֿאַרינגט!... דער שלים-מזל זאָל זיך עס דערמאַנען, אַז אַ חוץ קאַרטאָפֿעל האָבען מיר נאָך גאָר גישט ניט, נישט, קיין ביסעל שמאַלץ, נישט קיין אייער, נישט קיין עוף... אַ קיש, קיש, קיש-קיש!...

דער דאָזיגער „קיש" געהערט צום האָהן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען שטיל פֿאַרבאָרגען אונטערען אויבען און געפּיקט די ברעקלעך, און דערהערט פֿון דער שוס-טעריין אַזעלכע ווערטער, האָט דאָס איהם אַ פּנים פֿערדראָסען:

— קאַ-קאַ-קאַ-קאַ-קאָ, מיט וואָס בין איך ניט קיין עוף?

— אין דער ערד אריין, קיש-קיש-קיש-קיש-קיש! שוין צעבראָכען אַ טעפּעל אַ חלי רע.

— אָ! זעהסט דו—מאַכט נחמיה דער שוסטער צום ווייב—נאָר וואָס האָסט דו געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ ביי דיר קיין עוף אויף פסח, און וואָס איז דאָס?

—א גדולה אויף דער באָבע! — ענטפֿערט איהם זיסעל— שענע זאַכען וועסט דו האָבען פֿון דעם דאָזיגען עוף! דריי פֿינט ביינער און אַ האַלב פֿינט פֿאָדעשווע, פֿלייש ווי אַ גומעלאַסטיק פֿון איין אַלטען קאַלאָש, אַפּילו קיין פּלאַסטערעל ניט אויף אונטערצושמירען די סקאָווערדע, טאָמער וועט זיך פֿערגליסטען די קינדער אַ לאַטקע. אַ שטיקעל צוגע-פֿרישטע מצה... זאָלסט אָנקוקען ביי איציקעל שאָסטעפּאַל געהן אַרום צוויי אינדיקעס, איין אינדיק מיט איין אינדיטשקע, ס'זאָל איהם נאָר פֿאַרשטערט ווערען, רבונו של עולם, גאָט זאָל טהון אַ נס, זיי זאָלען איהם טרפה ווערען ביידע מיט אַמאָל, וואָלט איך מיך מחיה געווען! אַ שטיק געזונד וואָלט מיר צוגעקומען!...

— וואָס וואָלט אָבער דיר אַרויס געקומען דערפֿון?— פֿרעגט דער מאַן.

— אַ מצוה! פֿאַר וואָס קומט איהם, אַז זיין טאָכטער, וואָס איז געוואַכסען מיט מיין טאָכטער אין איין הויף, אונ-טער איין דאַך, זאָל זי שטודירען אין די קלאַסען, שפּילען אויף פֿאַרטעפּיאַנעס, און אונזער טאָכטער זאָל זיצען איינגע-

בויגען אין דרייען איבער דער מאשין, טאמער וועט זי קוים פערדינגען אויף א קליידעל?

— צו ווען האסט דו טענות? — שלאגט איהר איבער נחמיה און קוקט אויף איהר דורך א מאדנע בריל, וואס בעשטעהט פון איין גלעזעל און פון איין לעבעל.

— נישט צו דיר שלים-מזל, צו גאט האב איך טענות...

— נישט צו גאט, צו מענשען דארפסט דו טענ'ען — מישט זיך אריין דער עלטערער זוהן חיים — גאט אליין האט באשאפען די וועלט פאר אלעמען גלייך, נאר די מענשען האבען זיך מיט איהר שלעכט איינגעטיילט...

— איינעם גאר, דעם אנדערען גאר נים — לעגט צו דער יונגערער בעני.

זיסעל פערטראכט זיך, לעגט אוועק אויף א מינוט די ארבייט, ווישט אוים די הענד אין פארטוך און טהוט א פרעג ביי די קינדער גאנץ ערענסט:

— וואס-זשע טהוט מען דערצו?

— וואס מען טהוט דערצו? ציהט אוים חיים — עקספראפריאציע!

— עקס וואס? — פרעגט זיסעל.

— עקספראפריאציע — זאגט איהר בעני.

זיסעל וויל נאכזאגען דאס ווארט און קאן נישט, טהוט זי א שפיי, נעהמט זיך צוריק צום בעזעם, און ביידע זיהן שיסען אוים א געלעכטער.

* * *

גאנץ אנדערש קומט פאר דער פאר פסח אינ'ם וועלבען הויז נומער 13, וואס אויף וואסילטשיקאווער גאס, ביי איציקעל שאסטעפאל. א ביסעל איז דעם שוסטער'ס ווייב גערעכט, וואס זי פייערט אזוי: נישט נאר אינדיקעס א פאר דרעהען זיך דארט ארום און פארהאקען דעם קאפ מיט זייער געפילדער „האלדער! האלדער!" און פארפאסקודיגען דעם הויף מיט דערלאזען סמנים אויף יעדען טריט און שריט, — מען בעדארף זיך פערגינען א קוק טהון, וואס

פאר א שטייג מיט עופות דארטען זיצען און פיקען און גריי-
טען-צו שמאלץ פאר זייער בעל-הבית'טע, איציקעל שאס-
טעפאלס פרוי שיוקע די נגידת'טע, און אויב איהר פוילט
זיך ניט אריינקוקען צו איהר אין דער „שפייזארני" זעהען די
טעפ שמאלץ פסח'דיגע, מיט די סלאיעס איינגעמאכטס פסחי-
גען, און אין קעלער די דייזשקעלעך נעזייערטע אוגערקעס;
געמארענירטע עפעל, מן המובחר! און בראנפען פסח'דיגערי
און קאניאק, עכטער „כרמל קאניאק" פון ארץ ישראל נאך
פון פאראיאהרען צוגענרייט... ווי גוט עס מוז זיין אויפ'ן
הארצען, ווי ריין עס דארף זיין דער קאפ, ווי לויטער עס
דארף זיין דער מוח, אז מען זאל אין זינען האבען איבער-
צולאזען קאניאק פון איין יאהר אויפ'ן אנדערען! און רעדט
מיט איציקעל שאסטעפאל, וועט ער אייך ניט אויפהערען
צו זיפצען און צו קרעכצען אויף צרות ישראל, און זאגען,
אז מען לעבט גאר נישט אויף דער וועלט!

אויך שיוקע זיין ווייב האלט אין איין קלאגען און
וויינען אויפן יודישען גלות. פון די ארעמע לייט, זאגט זי, איז
ניט אויסצושטעהן! ווי אזוי האט מען כח, זאגט זי, צו צו-
זעהען דעם דלות וואס אין שטאדט? מען דארף האבען,
זאגט זי, א הארץ פון א טאטער, אז מען זאל קאנען דורכ-
געהען די יודישע גאס פאר פסח, וואו ארעמע לייט נעבאך
שלעפען פאר די פאלעס! נאר א גזלן, זאגט זי, קאן געהן
אין שוהל-גאס און אויסהערען אלע געשרייען מיט די גע
וויינען פון די ארעמע לייט, וואס בעטען מצות אויף פסח!
איך גע‍ה, זאגט זי, דעריבער פון שטוב ניט ארויס, איך זאל
ניט צוזעהען די צרות מיט די יסורים מיט די ווייטיגען
פונ'ם יודישען פאלק. וויפיעל איך האב געקאנט, זאגט זי,
האב איך געגעבען... אין פאדראד האב איך געשיקט צו-
טיילען אנדערהאלבען רובל, א פאר אלטע שיך האב איך
אוועקגעשענקט צו דער חברה מלביש ערומים, דעם
שניידער האב איך אויסגעבארגט א פאר רובל אויף אבצו-
נייען, נדבות טיילט מען אלע טאג, הײנט וואו איז מעות

חטים? מיין מאן ארבייט טאג ווי נאכט ארום די מעות חטים, גאט זאל מיר העלפען מיין טאכטער זאל מיר קומען בשלום אהיים. וועל איך האבען אם ירצה שם א כשר'ן און פריילינען פסח.

אזוי טראכט זיך איציקעל שאסטעפאל'ס פרוי, שיווקע, קוקט אין פענסטער אריין אין דער וואסילטשיקאווער גאס, וואס ווערט ערב פסח צייט א טוואן ביז'ן האלז, ארעמע לייט שפאנען ארום איבער דער בלאטע שטארק פארפארעט און פארשוויצט, מען זוכט עפעס יעדער א פערדינסטעל אויף פסח; מיט זיי אינאיינעם ווערען פארשווארצט די פערדלעך נעבאך, אויסגעדארטע, הונגעריגע, פארשוויצטע, מיט איינגעפאלענע זייטען און מיט צעלאזטע נעזיבער — גאט ווייסט, אויף ועמען עס איז דא א גרעסערער רחמנות: צי אויף די דאזיגע אויסגעמוטשעטע פירפיסיגע שטומע בעשעפעניסען, וואס דינען אזוי געטריי זייערע ארימע בעלי-בתים, צי אויף זייערע צווייפיסיגע נישט מעהר גליקליכע טיראנען, וואס געהן נאך פון הינטען און הוקען און טיוקען און וויוקען, און שמייסען און קאטעווען און שניידען זיי די אבגעקראכענע פארוואונדעטע פעל: — וואס הוקעט איהר? וואס טיוקעט איהר? וואס וויוקעט איהר? וואס שמייסט איהר? וואס קאטעוועט איהר? וואס שניידט איהר די פעל? נארישע מענשען! זעהט איהר דען ניט, אז מיר ווילען געהן, מיר ווילען שלעפען, נאר מיר קאנען נישט, קוים וואס מיר פלאנטען מיט די פיס?!

און שיווקע די נגידת'טע קוקט אין פענסטער אריין. זעהט דאס אלעס, הערט דאס געשריי מיט'ן טארעראם וואס אין דרויסען — נאר דער קאפ איהרער איז נישט דא; איהרע מחשבות זענען דארטען, מיט איהר טאכטער וואס פאהרט אהיים אויף פסח, שוין דא א רעפעשע, אז היינט פארנאכט קומט זי צופאהרען מיט'ן קוריער-צוג אהיים.

„דער אויבערשטער זאל העלפען (אזוי טראכט זיך שיווקע שאסטעפאל) דאס קינד זאל קומען געזונטערהייט,

אוועקווארפען די נארישקייטען, שטודירען, בילדען, שוין בלייבען בעסער א היגע, דא וועט זי א כלה ווערען, אדער פאר שמשון בערינשטיינס א זיהנדעל, אדער פאר לוי האל־פערינס א זיהנדעל, ביידע וואוילע בחורים׳לעך, שענע, געזונדע, רייכע, און ביידע פון פיינע עלטערען — זי ווייסט אליין נים, וועמען פון די צוויי זאל זי געבען דעם פארצוג?...

— געקומען דער יוד פונ׳ם האלץ און וויל אייך זעהען...

— וואס וויל פון מיר אט דער שלימ׳מזל? אט באלד געה איך...

און שיווקע שאסטעפאל געהט ארוים צום יודען פונ׳ם האלץ, ליפא הייסט ער, אליין איז ער א קליינער, נאר א בארד טראגט ער ווי א בעזעם, און עס דאכט זיך איהר אוים, אז ער איז א ביסעל א חושים׳דיגער, עפים דולט ער איהר א קאפ, ער האט א טאכטער, וואס זי זיצט, און אזוי ווי איהר טאכטער, טאמארא, איז געוועזען בעקאנט מיט זיין טאכטער, לכן איז ער געקומען אבנעהמען א גערוס. אט דער חושים ליפא האט זי געמאכט נערוועז און זי פאלט אן אויף איהם, טאקי נאר ווי א נגידית קען אנפאלען אויף איין ארעמאן:

— ערשטענס ווער זענט איהר, וואס אייער טאכטער זאל זיין בעקאנט מיט מיין טאכטער? און צווייטענס, וואס פאר א מחותן איז זי מיט איהר, אז איהר אליין שעמט זיך נים און זאגט, אז אייער טאכטער זיצט?...

— וואס זאל איך מיך שעמען? ענטפערט איהר דער יוד פון האלץ און גלעט זיך דעם בעזעם־בארד מיט גדלות — זי זיצט חלילה נישט פאר קיין גנבה, זי איז א... „פאלי־טיטשעסקע"...

דאס ווארט פאליטיטשעסקע איידער ער רעדט ארוים קוקט ער זיך ארום אויף אלע זייטען, און אז ער האט דאס שוין ארויסגערעדט, זעהט מען אז עס טהוט איהם הנאה און ער האט חרטה...

— געהט אייך געזונדערהייט און לאזט אונז צורוה

מיט אײַערע פּזמונות דאָרטען, מײַן טאָכטער איז װײַט פון די זאַכען און מיר אַודאי...

— װײַט זאָגט איהר? הם.. איך מײַן, איהר האָט אַ טעות... — אַזוי ענטפערט איהר ליפּאַ, נאָר שיװקע הערט איהם שוין נישט; זי האָט איהם געלאָזט דאָ שטעהן אַליין מיט זײַן בעזעם-באָרד און איז פערשװאונדען געװאָרען אין קיך אַרײַן צו די דינסטען, זײ געבען אַ פינסטערען סוף זײ זאָלען נישט אַרײַנלאָזען יעדען שלעפּער אין שטוב אַרײַן מיט די בלאָטיגע שטיװעל!... און אַליין זעצט זי זיך אַװעק צוריק צום פענסטער און קוקט אַרױס אויף איהר טאָכטער, װאָס דאַרף באַלד קומען צו פאָהרען.

* *
*

נאָך איין מענש זיצט אין דער זעלבער צײַט בײַם פענסטער אינ'ם זעלבען הױז נומר 13, װאָס אויף דער װאַסילטשיקאָװער גאַס, און קוקט אַרױס אויף אַ גאַסט, אויף אַ זעהר אָנגעלעגטען גאַסט — דאָס איז סאַלאָמאָן ראַפּאַ-לאָװיטש דער אַפּטײקער, ער האָט אויך געהאַט אַ דעפּעש פון זײַן זיהנדעל סאַשע, אַז ער פאָהרט מיט'ן קוריער-צוג און קומט פאַר נאַכט אַהײם.

סאַשע לערענט אין אוניװערזיטעט, שטודירט מעדיצין. שוין באַלד אַ יאָהר אַז דער פאָטער האָט איהם ניט געזעהען, בריעף האָט ער פון איהם זעהר אָפטע און זעהר גוטע און ראַפּאַלאָװיטש איז מיט זײַן זוהן העכסט צופריעדען. נאָר פון אַ צײַט, אַז אינ'ם זוהנס בריװלעך האָבען זיך אָנגעהױ-בען דורכװאַרפען מאָדנע װערטער. סאַשע האָט אָנגעפאַנגען צו דערמאָנען זעהר אָפט די װערטער: „יוד"... „פאָלק"... „נאַציאָנאַליזם" „פּפּליכט"... „היסטאָריע"... װי קומט דאָס צו סאַשען? און צו װאָס דאַרף ער דאָס? סאַלאָמאָן ראַפּאַ-לאָװיטש האָט זיך צוליב זײַן קינד, קאָן מען זאָגען, מפקיר געװען אַיידער ער האָט איהם דערלעבט זעהען ענדיגען די

גימנאזיע און ארײנטרעטען אין אוניווערזיטעט. דער אפטי־קער האט געהאט פֿאר זיך נאר אײן ציעל: אז זײן סאשע זאל זײן א דאקטאר, מעהר פֿערלאנגט ער נישט! דאס הײסט, עס רעדט זיך נאר אזוי... פֿערלאנגען פֿערלאנגט ער נאך עפּיס און צוואר: א שענעם קאבינעט, א פֿערדיל אײן אײגענם מיט א פֿאעטאנדעל א שענם אויף ארומצופֿאהרען איבער די קראנ־קע... נו און צו דערצו דארף מען געלד, און געלד קאן מען בעקומען דורך א שדוך, און א שדוך דארף מען טהון א געהויבענעם, א רײכען, מינימום פֿינף און צוואנציג טויזענד!... און עס פֿליהט איהם דורך א מחשבה: איציקעל שאסטעפּאלס טעכטעריל... א שען מײדעל... א ברונעטקע מיט פֿײעריגע אויגען... געלד איז אפילו דא און א סך, נאר עס איז א פֿראגע, אויב דער חזירוק, אט דער איציקעל שאסטעפּאל וועט וועלען געבען פֿינף און צוואנציג טויזענד?... חאפּט איהם דער וואטענמאכער, וועט ער ניט וועלען דארף מען ניט! איך דארף איהם אויף כפּרות, דעם חסיד'ינע, דעם צבוע'ק, דעם אידאש מיט'ן שירם!...

אזוי זיצט זיך אונזער אפטײקער בײם פֿענסטער, קוקט דורך די בלויע ברילען און טראכט וועגען זײן זוהן סאשע און בויעט לופֿט־שלעסער פֿון זײנעטוועגען. און זײן זוהן סאשע? — סאשע ראפּאלאוויטש זיצט אין וואגאן צווײטע קלאס מיט איציקעל שאסטעפּאל'ס טעכטער'ל טאמארא, און דיסקוטירט מיט איהר איבער דער פֿראגע פֿון נאציאנאליזמוס און קאסמאפּאליטיזמוס, און קוקט איהר בעת מעשה אין די קלוגע שווארצע ווײכע אויגען, וואס נעהמען אײך דורך און דורך, לאכען פֿון אײך, גלעטען אײך צו גלײכער צײט או ציהען אײך צו צו זיך מיט א אונפֿערמײדליכע קראפֿט.

— וואס ווילט איהר פֿון מיר? — זאגט צו איהם טאמארא האלב לאכענד — איך זאל אויפֿגעבען דעם גרעס־טען אידעאל פֿון דער וועלט, איך זאל פֿערשטעלען די אויהרען און ניט הערען די געשרײען פֿון די הונדערט מיליאן מענשען, וואס שרײען: ברויט און פֿרײהײט! צוליב

א הויפען מענשען, וואס ליידען נישט מעהר און נישט ווייניגער פון אלע אנדערע, וואס איז? באשר זיי זענען מיט מיר פון איין פאלק און זיי האבען מיט מיר איין היסטאריע און מיר מיט זיי טראגען אלץ איינע געמען...

— און האבען אלץ איינע אויגען און זענען געשטעמפעלט מיט אלץ איינע נעזער — ענדיגט פאר איהר סאשע ראפאלאוויטש.

— איצט איז נישט קיין צייט צו קוקען אויף אזעלכע זאכען, ענטפערט איהם טאמארא.

— און דאך קוקט מען — זאגט סאשע — אויף אזעלכע זאכען זעהר שטארק. אט וועל איך אייך דערצעהלען, וואס איך שטעה אויס אין אוניווערזיטעט פון מיינע חברים איבער דער פארב פון מיינע האר...

— אי-אי-אי! — שלאגט איהם איבער טאמארא — זיי האבען אייך אודאי געזאגט, אז איהר זענט א רויטער? ערשטענס איז דאס אמת (לאכט), און צווייטענס, וואס פאר א ווערט האט דער בזיון מיט די ליידען קעגען די בזיונות מיט די ליידען וואס דאס גאנצע רוסישע פאלק טראגט איבער פון דעם ביוראקראטישען רעזשים?!

— אויב דאס גאנצע רוסישע פאלק טראגט איבער בזיונות מיט ליידען, טראגען מיר, יודען, די זעלבע בזיונות און צרות דאפעלט, ערשטענס אלס מענשען און צווייטענס אלס יודען.

— וועלכעס איבערוועגט ביי אייך, מאסיע ראפאלאוויטש: די אלגעמיינע מענשליכע ליידען, צי אייערע אייגענע יודישע צרות?

— עס לאזט זיך נים אבשאצען און איבערוועגען, פריילין שאסטעפאל, פונקט ווי איהר וואלט מיך פרעגען אלס מעדיקער: וועלכע שמערצען איבערוועגען, צי דער וועהטיג פון איין אבגעשניטענעם פינגער פון דער האנד? צי דער וועהטיג פון איין אבגעשניטענעם פינגער פון דעם פוס? דערויף וואלט איך אייך געזאגט: ביטער איז דעם, וואס

מען האָט איהם אָבגענומען א פינגער פון דער האנד, צוויי מאָל ביטער איז דעם, וואָס מען האָט איהם אָבגענומען צוויי פינגער, פון דער האנד און פון דעם פוס... און אויב איהר ווילט, פרײַלײן שאָסטעפּאַל, וועל איך אײַך אויסזאָגען א סוד, אז מײַנע יודישע צרות ערגערען מיך מעהר אַלס מײַנע אַלגעמײַנע מענשליכע שמערצען, ווײַסט איהר פאַר וואָס? ווײַל צו די צרות ווערט נאָך צוגעזעצט אויך א פערדראָס, א הארצװועהטיג: למאי זאָלען מיר, אַלס יודען, זײַן פערפאָלגט בײַ פערפאָלגטע, פערשקלאַפּט בײַ פערשקלאַפּטע?...

טאַמארא שאָסטעפאַל חאַפּט זיך אויף און איהרע שענע שווארצע אויגען צינדען זיך אָן ווי צוויי ליכט.

— סאַ ליגען! סאַ ליגען, מאָסיע ראַפּאַלאָוויטש! איהר הערט וואָס איך זאָג? איך זאָג, אז איהר און אַלע אײַערע קאָלעגען, די נאַציאָנאַליסטען האָבען אויסגעטראַכט א ליגען, אז מיר ווערען פערפאָלגט פונ'ם רוסישען פאָלק! סאַ ליגען — מיר ווערען פערפאָלגט פון דער ביוראָקראַטיע, ניט פונ'ם פאָלק! איהר זענט אָדער גרויסע ליגנערס, אָדער גרויסע טפשים!

— ווי באַלד אַזוי, האָב איך מיט אײַך ניט וואָס צו רעדען! — זאָגט סאָסע ראַפאַלאָוויטש, און קערט זיך אָב פון איהר און קוקט אין פענסטער פונ'ם וואַגאָן.

— חאַ-חאַ-חאַ! חאַ-חאַ-חאַ! צעלאַכט זיך טאַמארא און ריקט זיך צו צו איהם און פארקוקט איהם אין די אויגען אַרײַן—נישט אײַך האָב איך געמײַנט, נאָך אײַערע חברים, אײַך האָב איך אויסגעשלאָסען...

— איך דאַנק אײַך זעהר! ענטפערט איהר סאָשע און קוקט איהר נישט ווילענדיג אין די אויגען אַרײַן און טראַכט זיך בעת מעשה: וועלכע פערבאָרגענע קראַפט ליגט אין די דאָזיגע צוויי שווארצע פענסטערלעך, וואָס זיי האָבען איהם אַזוי פאַר'כשופ'ט, בעצויבערט און פערשקלאַפּט, אז ער איז גרייט איבערצוטראָגען אַלע מינים בעליידיגונגען אויף

דער וועלט, אבי זעהען פאר זיך אט די צווי גרויסע שענע שווארצע טיפע קלוגע אויגען?...

קאפיטעל ב.

קינדער און עלטערען, עלטערען און קינדער.

איך זאל וועלען חאראקטעריזירען דעם ראמאן פון סאשע ראפאלאוויטש און טאמארא שאסטעפאל אין דריי ווערטער, וואלט איך געזאגט דאס, וואס מיר זאגען בשעת קדוש לבנה: כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך— ווי איך שפרינג קעגען דיר און קאן דיך נישט אנריהרען... אלע זיינע יונגע יאהרען לויפט סאשא נאך טאמארען, שפרינגט אקעגען איהר — און קאן זי נישט חאפען...

פריהער אז סאשע איז נאך געווען א יונגעל אין ה-טע קלאס-גימנאזיע און האט גע'בחור'ט זיך, געזוכט וואנסילעך אויף דער אויבערשטער ליפ, האט ער זיך ניט איין מאל בעגעגענט מיט איציקעל שאסטעפאל'ס טאכטער אויף די גריעפ. זיך פערקוקט אויף איהרע שווארצע גלענצענדע ווייכע שענע אויגען, וואס האבען אלע מאל געלאזט אויף איהם איין איינדרוק, גלייך ווי זי לאכט אויס איהם און וואהרשיינליך אויס זיינע געלע האר, וואס ער האט גע'יריש'עט פון זיין פאטער דעם אפטייקער, און דאך האט ער חשק געהאט זיך אבשטעלען מיט איהר רעדען, זיך בעקענען, אביסעל שמועסען, רעדען וועגען א ביכעל, אדער גלאט אזוי פלאפלען אין דער וועלט אריין. ווי געוועהנליך א בחור מיט א מיידעל... איז דאס אבער איהם קיין מאל נישט געראטען, ווייל טאמארא איז געוואכסען אין אזא הויז, וואו א מיידעל שטעלט זיך ניט אב און שמועסט ניט און פלאפעלט ניט מיט קיין אומבעקאנטען בחור, און בעקענען זיך מיט איהם פאסט דאס נישט פאר איהר פאטער.

איציקעל שאסטעפאל וואוינט אינ'ם הויז נומער 13

וואָס אויף דער וואסילטשיקאָווער גאַס, שוין היבשע עטליכע יאָהר, און איז מיט סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש כמעט נאָך נישט בעקאַנט, אַ חוץ וואָס ער שיקט אַ מאָל אַריין צו איהם אין דער אַפּטייק נאָך אַ רפואה אָדער ער חאַפּט זיך אַריין צו איהם נאָך אַ נדבה אויף שטאָדט־זאַכען.

ביי איציקעל שאָסטעפּאַל האָט סאַלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש קיין אַנדער נאָמען נישט, נאָר „אַפּטייקער“.

— גוט מאָרגען אייך אַפּטייקער!

— רב אַפּטייקער! גיט עפּיס אַ נדבה אויף אַ נייטיגער זאַך.

און אָבגענומען ביי'ם אַפּטייקער די נדבה און אַרויס־געגאַנגען פון דער אַפּטייק, קען ער איהם שוין מעהר ניט.

וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט איהם, אַז שבת — אַזוי דערצעהלט שיוועקע — קאָכט מען ביי'ם אַפּטייקער פונקט ווי אין דער וואָכען, ערב יום כפור קיין כפרות שלאָגט מען ניט ביי איהם, און אַ פּסח איז ביי איהם... גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד!

שיוועקע שאָסטעפּאַל וויל נישט רעדען קיין לשון הרע אויף אַ יודען, נאָר פערדריסען פערדריסט זי, און קאָכען קאָכט זי זיך:

— סטייטש פּסח! אַזאַ הייליגער יום טוב פּסח!...

וואָס פּסח? ווער פּסח? — דאָס זאָגט זי נישט, נאָר מע בעדאַרף שוין אַליין פערשטעהן, וויפיעל גאַל עס שטעקט אין די ווערטער...

אויך דער אַפּטייקער האָט פיינט איציקלען ווי אַ כשר'ער יוד האָט פיינט חזיר, נאָר ער בעווייזט ניט אַרויס זיין פיינדשאַפט און איז מיט איהם, אדרבה, פריינדליך ווי מיט אַלע שכנים; וואָס זאָל מען טהון? די וויסטע פּרנסה!... אונטער די אויגען הייסט ביי איהם איציקעל שאָסטעפּאַל „גאָטס גנב“, „היפּאָקריט“ „אידאַש“, וכדומה אַזעלכע נעמען... אין די אויגען אָבער הייסט ער ביי איהם: „גאָספּאָדין שאָסטעפּאַל“ און אַ מאָל נאָך: „מנאָגאָאוואַזשאַיעמי גאָספּאָ־

דין שאַסטעפּאַל"... פֿאַר וואָס קומט דאָס איהם — ווייסט ער אליין נישט, וויפֿיעל יאָהר זיי זענען שכנים האָט נאָך דער אַפּטייקער נישט געהאַט פֿון איציקעל שאַסטעפּאַל קיין טובה אויף אַט אַזוי פֿיעל — און פֿון דעסטוועגען זעהט איהר דאָך, מנאָגאַאוואַזשאַיעמי!... דער נגיד האָט שוין אַזאַ גליק: אַלע ווייסען בּיי זיך, אַז ער איז, איך בּעט איבּער אייער כּבוד, אַ דבר-אַ"ר, קיינער האָט נישט פֿון איהם קיין הנאה, און אַלע בּייגען פֿאַר איהם די הימלען, טראָגען איהם דעם גוטמאָרגען אַקעגען, שמייכלען איהם אַזוי פֿיעל, אַז עס שלאָגט שוין צו דער גאַל.. די פֿראַגע, למאי? פֿאַר וואָס זאָלען מענשען דערלאָזען אַזאַ עבודה זרה, אַזאַ געצענדינערי פֿון אַ מענשען צו-נ-אַמענשען? — די פֿראַגע לאָזען מיר איבּער פֿאַר די מאָראַליסטען, פּרעדיגער, און רעדנערס; מיר האָבּען קיין צייט נישט, מיר דאַרפֿען געהן צו אונזערע יונגע לייט: סאַשע ראַפֿאַלאָוויטש און טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל און צו דער געשיכטע פֿון זייער ליעבּע.

סאַשע דעם אַפּטייקערס זוהן איז געווען אַ וואויל יונגעל און איינער פֿון די בּעסטע שילער אין גימנאַזיע. ער האָט זעהר פֿלייסיג געלערענט, פֿיעל געלעזען, נישט אין זינען געהאַט דאָס וואָס אַנדערע בּחורים, נאָר זינט ער האָט זיך בּעקאַנט מיט טאַמאַרעס שענע שוואַרצע גרויסע ווייכע אויגען האָט ער אָנגעפֿאַנגען אָפֿט צו פֿערטראַכטען זיך, בּעקומען חשק צו בּעגעגענען זיך מיט זיי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — בּיז זיי זענען געקומען צו איהם מיט אַ בּעזוך איין מאָל בּיינאַכט אין חלום.

און געקומען זענען זיי צו איהם מיט אַ פֿייער, מיט איין אימפּעט, האָבּען איהם אַרומגענומען מיט זייער פּראַכט און גלאַנץ, האָבּען זיך צעגאָסען מיט אַזוי פֿיעל חן, פֿריינד-ליבקייט, מיט לייד און ליעבשאַפֿט, האָבּען ענדליך אַריינ-גענידערט צו איהם אין הארצען אַזוי טיעף און בּעזעצט זיך בּיי איהם אין דער נשמה אַזוי פֿעסט, אַז מעהר פֿערגעסען

זי האָט ער שוין נישט געקענט, וויפיעל ער האָט זי פון זיך נישט געטריבען!

סאשע האָט אליין נישט געקענט פערשטעהן, וואָס פאר א כח עס ציהט איהם אבצושטעהן שטונדען לאנג און ווארטען אויף די טרעפ, טאָמער וועט זיך בעוויזען איציקעל שאָסטעפאלס טאָכטער און טאָמער וועט ער זיך בעגעגענען מיט איהרע שווארצע שענע קלוגע אויגען. — און האָט ער זיך דערוואַרט אויף איהר, און האָט ער זיך בעגעגענט מיט איהר פייעריגען קוק, האָט ער געטהון נישט מעהר, ווי אויפגעהויבען די רגלים און געמאַכט א ויברח, אנטלאָפען צו זיך אהיים, צו די לעקציאָנען, צו די ביכער, זיך פערטיפט און פערטראַכט און ווידער געטרוימט פון איציקעלס טאָכטער, פון איהר שען ענטוויקעלטע פיגור און פון איהרע שווארצע גרויסע קלוגע אויגען, און ווידער אָבגעוואַרט זי אויף די טרעפ, און ווידער בעגעגענט זיך און ווידער א ויברח! — און אזוי א לאנגע צייט ביז דאס פייער האָט אויסגעבראָכען און דער אפטייקערס זוהן האָט זיך איינגעשטעלט, פערבינדען א געשפרעך מיט איציקעל שאָסטעפאלס טאָכטער.

איך מיין, אז דער געשפרעך איז פאר מיינע לעזער נישט אזוי אינטערעסאנט, ווי די ענטדעקונג, וואָס דעם אפטייקערס זוהן האָט געמאַכט איבער איציקעל שאָסטעפאלס טאָכטער, אז ערשטענס איז זי אזוי קלוג ווי זי איז שען, און צווייטענס, אז זי איז ענטוויקעלט און בעלעזען א סך מעהר ווי ער האָט געמיינט. איציקעל שאָסטעפאל האָט נישט געוואָלט, אז זיין טאָכטער זאָל געהן מיט אלע מיידלעך אין גימנאזיע; ער האָט אָבער נישט געשפאָרט פאר איהר קיין געלד צו דינגען איהר די בעסטע לעהרערס מיט די בעסטע גובערנאנטקעס זי צו אונטעררייכטען, און די בעסטע לעהרער — אזוי האָט גערעכענט איציקעל — זענען גוים, נים יודען. א יודישער לעהרער איז קודם כל איין אפיקורוס און מאַכט זיינע שילער און שילערינס אויסגעלאסען, און

א גוי'עשער לעהרער ווייסט זיך גאר זיין זאך — מע צאהלט איהם געלד, דארף ער לערנען.

מיט דעם גאנג איז געגאנגען איציקעל שאַסטעפּאל און האָט זיך נישט געפּוילט איבערגעהן אין גימנאזיע צום בעסטען לעהרער, צו ראמאנעגקא'ן, זיך איין עצה האלטען מיט איהם: אזוי ווי ער, שאַסטעפּאל, האָט א טאָכטער וועהר א געראָטענע, זאל ער ראמאנענקא, איהם רעקאָמענ־דירען עפּיס א רעכטען אונטערריכטער.

האָט איהם ראמאנענקא אויסגעהערט און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט א רעכטען לעהרער, א געטריי'ען, קאָן איך דיר עמפּפעהלען מיין אייגענעם זוהן, ער איז א געצייכענטער פּעדאגאָג, א געוועזענער סטודענט, וואָס האָט זיך צעקריגט מיט די פּראָפעסאָרען און איז איצט ביי מיר אָהן א שום בעשעפטיגונג.

דאָס איז זיכער, אז ווען ראמאנענקא זאל זיין א יו־דיש קינד, א „געוועזענער" סטודענט וואָלט איהם אזא מין איציקעל שאַסטעפּאל געוויס נישט אריינגעלאזט צו זיך אין שטוב אריין, נאר פאר א גוי האָט א יוד דרך ארץ, ער מעג זיך זיין וואָס ער וויל זיך, אבי א גוי.

אונזערע שונאים, וואָס ווייסען נישט דאָס ודישע לע־בען אין גלות און קענען נישט זיין גלות-פּסיכאָלאָגיע, שטע־לען זיך פאר, אז א יוד פערהאַסט א גוי און פעראַכטעט איהם. זיי ווייסען נישט פון דעם סוד, אז אלץ וואָס פרעמדס איז ביי יודען טייערער ווי אייגענס; אז א יוד וויל עפּיס דערצעהלען א זאך, וואָס מען זאל איהם גלויבען, זאָגט ער: „דאָס האָב איך געהערט פון א קריסט, נישט פון קיין יו־דען"... זיי קוקען זיך נישט צו, ווי דאָס גאנצע שטרעבען פון א פערמעגליכען יודען איז, צו געווינען די געזעלשאַפט פון די קריסטען, די גוטע מיינונג פון א קריסט; איין גוי'עשער קאָמפּלימענט איז ביי זיי טויזענד מאל טייערער פון צעהנטויזענד יודישע קאָמפּלימענטען... ביי קיין אומה ולשון האָט איהר נישט אזא אויסדרוק ווי: „אונזערע יודע־

לעך ו״ „מיט א יודען איז גוט קוגעל עסען" „יודישע גליקען", „יודישע מעשיות", „יודישע זאבאבאנעס" און נאך ברומה אזעלכע שענדליכע אויסדריקע, וואס האבען זיך געקאנט אויסבילדען נאר ביי א פאלק, וואס לעבט אזוי פיעל הונדערט יאהר אהן א היים אין גלות...

אז ראמאנענקא'ס זוהן, דער געוועזענער סטודענט, איז נעקומען צו טאמארען פאר דער ערשטער לעקציע, האט איציקעל שאמשעפאל, פון זיין כבוד וועגען, אראבגעכאפט דאס היטעל און אנגעטהון א קיילעכיג זיידען יארמעלקעלע — שייך א פריץ! און אזוי איז שוין געווען א חוק אלע טאג, איז אריינגעקומען ראמאנענקא — איז דאס היטעל ארונטער; איז אוועקגעגאנגען ראמאנענקא, איז ארונטער די יארמעלקע.

און ראמאנענקא דער לעהרער, דער געוועזענער סטודענט, האט געטהון זיין ארבייט געטריי: ער האט מיט טאמארען געלערענט, מיט טאמארען געלעזען, טאמארען ענטוויקעלט און האט זיך אין טאמארען פערליבט, און טאמארא האט זיך פערליבט אין ראמאנענקען מיט יענער פייעריגער מסוכנ'ער ליעבע, וואס ברענט און טליעט אינוועניג, אין פערבארגעניש, האט נישט די מעגליכקייט ניט נאר ארויס אין די עפענטליכקייט, נאר אפילו געבראכט ווערען אויפ'ן מויל...

נישט ראמאנענקא, נישט טאמארא האבען זיך ווען עס איז ערקלערט אין זייערע געפיהלען אדער אפילו מזכיר געווען וועגען דעם. דאס איז געווען א שטילער צוזאמענשטויס פון צוויי ברענענדע שטערען, וואס האבען זיך געטראגען מיט איין אונגעהייערען כח איינס אקעגען דאס אנדערע און ביידע צוזאמען האבען זיי געשוועבט אין דער אונענדליכקייט פון זייערע אידעאלען, נישט אבצוגעבען זיך דין וחשבון, וואס זיי טהוען, וואהין זיי געהען, און וואס קאן זיין דערפון דער סוף...

דער, וואס איהם איז נישט פרעמד דאס יעצטיגע לע

בען אין דעם גרויסען צערודערטען רוסישען לאַנד, און ווייסט די געשיכטע פון די בעוועגונגען אין דער לעצטער צייט, זעט פערשטעהן דעם פשט פון די ווערטער: „געוועזענער סטודענט", דאָס איז געוויס איינער פון די בעסטע סטו־דענטען, פון די בעסטע קינדער פונ'ם לאַנד, וואָס האָבען א ווארעם ליעבענדעם הארץ, מיט א ריינעם געוויסען, מיט א הויכען אידעאל, מיט א גוטען ווילען צו טהון עטוואָס גו־טעס, נוצליכעס פאַר'ן אומגליקליכען הונגעריגען, פער־שקלאַפטען פאָלק — און אזעלכע קינדער ליידען נישט די, וועלכע האלטען די לייצים אין די הענד...

קורץ, ראַמאַנענקאָ איז ניט נאָר א סאָציאַליסט און א רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך אַן'אָנפיהרער, אַן'אָרגאַניזאַטאָר פון א גאַנצער חברה, וואָס ווערען בעטראַכט אלס די גע־פעהרליכסטע פאַר דער רעגיערונג, און אָט דער בחור איז געווען געצוואונגען א געוויסע צייט צו פערברענגען אין דער היים, און איהם האָט דאָס אונזער איציקעל שאַמטעפּאַל אויסגעזוכט פאַר דעם איינציגען אונטערריכטער פאַר זיין איינציגער ציטערדיגער טאָכטער טאמארא, און ווי גליקליך האָט זיך געשעצט אונזער איציקעל, אז ער האָט געהערט פון ראַמאַנענקען אליין, פון א קריסט, אז זיין טאָכטער לע־רענט גוט און קאָן גוט און איז אליין גוט—ארום און ארום גוט!

ניט איין מאָל האָט זיך איציקעל שאַמטעפּאַל בעריהמט צווישען יודען, וואָס פאַר אטייערען לעהרער ער האָט, א קריסט, און וואָס דער לעהרער דער קריסט זאָגט וועגען זיין טאָכטער! און אז ער, איציקעל, וועט זעהען, אז זיין טאָכטער זאָל זיך לערנען און לערנען, עס ארט איהם ניט, אז זי זאָל אָבגעבען עקזאַמען אויף אלע 8 קלאַסען גימנאַזיע, אין גימנאַזיע געהן—דאָס טאַקי ניט, אָבער אָבגעבען עקזאַמען, ברענגען איין אטעסטאַט, פאַרוואָס ניט?

און איציקעל האָט אויסגעפיהרט זיינס: זיין טאָכטער איז אין די קלאַסען נישט געגאַנגען, זיך אליין געלערענט, אונטערריכטעט פון ראַמאַנענקען, געהאלטען עקזאַמען אויף

אלע 8 קלאסען גימנאזיע און געבראכט צוטראגען אהיים
אין אטעסטאט!— דאס איז געווען פאר אונזער איציקעל
שאסטעפאל א גליקליכער טאג, א טריומף, זיין מאמרא האט
אין אטעסטאט פון 8 קלאסען, און דוקא נישט געגאנגען
אין גימנאזיע!

— הא וואס זאגסט דו שיווקע?

— וואס זאל איך זאגען?—ענטפערט איהם זיין פרוי
שיווקע—ס'איז צייט איצט צו טראכטען וועגען א שדוך.

— הא? וואס? א שדוך זאגסט דו? אזוי פריה?—
מאכט צו איהר איציקעל און דרעהט און פלעכט און גרייזעלט
זיך דאס שווארצע געגרייזעלטע בערדיל—וואס האסט דו אזוי
קיין צייט נית? און אפשר הא? אפשר ביזט דו נערעכט
שיווקע? מאקי צייט שמועסען וועגען א שדוך.

און איציקעל שאסטעפאל בעטראכט זיין טאכטער, ווי
אזוי זי האט זיך ענטוויקעלט, געווארען א פארשוין קיין עין
הרע, א יפת־תואר; אלע זאגען א יפת תואר, אפילו קריסטען...

און מאמרא לעזט ביכער, לערענט ווייטער, זעהט
זיך אלע טאג מיט'ן לעהרער, מיט ראמאנענקען... און די
פאטער און מוטער פערשטעהן נית, וואס נאך האט זי צו
לערנען? ביז וואנען איז דער שעור צו לערנען? און וואס
געהט אהער אלע טאג: דער לעהרער? און דער פאטער
ווארט אב א טאג און צוויי און דריי און רופט צו זיך
מאמרען און זאגט צו איהר:

— טאכטער מיינע, וואס טהוט דא דער לעהרער?

— גאר־נישט—ענטפערט איהם די טאכטער—מיר
לעזען צוזאמען ביכער, מיר שמועסען.

— ביז וואנען איז דער שעור? עס מוז דאך האבען
אמאל א סוף, צי ניין?

— וואס מוז האבען א סוף.—פרעגט איהם די
טאכטער.

— דאס לערנען מוז האבען א סוף—ענטפערט איהר
דער פאטער.

— לערנען האט קיין סוף ניט—זאגט איהם טאמארא...

— די תורה האט ניט קיין גרונד? בעמערקט איהר מיט א שפאס דער פאטער.

— געוויס נישט,—מאכט צו איהם טאמארא אויך מיט א שפאס—איך האלט ערשט ביי מה טובו.

— נאך גאר פון פארינט? — שפאסט ווייטער דער פאטער—ווען־זשע וועסט דו קומען צו גאט?

— אז איך וועל ענדיגען אוניווערזיטעט און פראק־טיצירען פריהער א פאר יאהר אין קליניק און אין האספיטאל, וועל איך ערשט דאן אנפאנגען מיין פראקטישע ארבייט, וועלכע וועט זיין פאר מיר א גייע שוהלע אויף צו שטודירען,

. . . .

עס גיבט אפט מאל אין לעבען אזעלכע מאמענטען, ווען א מענש ווערט אבהענדיג, צעשטערט און אהן לשון. דאס איז געוועזן דער ריכטיגער מאמענט פאר אונזער איציקעל שאסטעפאל. ער האט דער טאכטער אויף איהר פארשלאג נישט געענטפערט גאר נישט, ער האט זיך נאר אויפגעחאפט פונ'ם בייגקעל, פערלעגט די הענד אריינטער, דעם קאפ אראב, און גענומען שפאנען איבערען שטוב מיט אזא מהירות, ווי אונגעפעהר א שנעלצוג, ווען ער פיהלט אז ער האט געמאכט צו א גרויסע פערשפעטיגונג... נאכדעם, א ער האט זיך גענוג אנגעלאפען הין און צוריק איבערען שטוב, האט ער זיך אוועקגעשטעלט אקעגען זיין טאכטער, און זיינע ביידענס גרויסע שווארצע אויגען האבען זיך בעגע־גענט, געקוקט נישט גלייך, נאר פון אונטען ארויף, און שארף, און אהן ווערטער, געפייערט ווי צוויי ווילדע חיות, וואס זענען גרייט זיך א ווארף טהון איינס אויף דאס אנ־דערע... ענדליך האט דער פאטער אויסגערעדט מיט א פעסטע שטימע:

— טאמארע! דו וועסט טהון אט דאס וואס איך וועל דיר הייסען!...

דערויף האט איהם טאמארא געענטפערט אויך מיט א פעסטע קלארע שטימע:

— טאטע! דו האסט א טעות! איך וועל טהון אט דאס, וואס איך וויל!...

— וואס? וואס האסט דו געזאגט? זאג נאך אמאל!

— איך וועל דיר זאגען נאך צעהען מאל, נאך הונדערט מאל: איך וועל טהון אט דאס, וואס איך וויל!...

— אנו לאמיר זעהען!...

— מיר וועלען זעהען!...

* * *

נארישקייטען! איציקעל שאסטעפאל איז גענוג קלוג אויף צו פערשטעהן, אז ס'איז נישט די יאהרען, ניט די צייטען וואס מען האט געקאנט א קינד צווינגען עס זאל טהון דעם רצון פון די עלטערען, די צייטען האבען זיך אויף אזוי וויים געביטען, איבעראל אויף דער גאנצער וועלט, אוטער די יודען ווענינסטענס, אז מאנכע עלטערען זענען צופריעדען, ווען זיי זענען ניט געצוואונגען צו טהון דאס, וואס זייערע קינדער ווילען... איציקעל שאסטעפאל האט בכבודו ובעצמו אבגעפיהרט די טאכטער זיינע קיין פעטערבורג, איהר בעשטעלט קווארטיר און קעסט ביי זיינע איין אייגענע, א דרוקערס א פרוי, אליין געגאנגען מיט איהר איינקויפען ביכער, קליידער, פאפיר, טיי און צוקער, און אז ס'איז געקומען צום געזעגענען און צום קושען זיך, האט זיך דער פאטער געוואלט צעוויינען, האט איהם די טאכטער אנגענומען ביי די הענד:

— פע, טאטע, ווי קומט דאס צו דיר, דאס פאסט פאר א יודינע!... דו קענסט גאנץ רוהיג פאהרען אהיים... דו ווייסט, אז דיין טאכטער איז שוין נישט מעהר קיין קינד, וואס מען דארף איבער דעם ציטערען... פארהאן דאנקען גאט א פאסט, וואס טראגט בריעף הין און צוריק... אויף יום-טוב וועל איך מסתמא זיך דורכפאהרען אהיים... פאהר געזונד און גריס דער מאמע גאר פריינדליך!

אַ גאַנץ וועג צוריקפאָהרענדיג זיצט איציקעל שאָסטעפּאַל אין וואַגאָן און טראַכט זיך:

— וואָס טהוט זיך דאָ? מיין טאָכטער, מיין איינאונאיינציגע קינד, וואָס איבער הונדערט צוואַנציג יאָהר איז מיין פערמעגען איהר'ס, — צו וואָס דאַרף זי שטודירען, לערנען זיך?... אַ פּראָפעסיאָן, זאָגט זי. וויל זי האָבען... זעלבסטשטענדיג וויל זי זיין... אַ מענש פאַר זיך... גנבו!!! נאָט אייך אַ זעלבס! און ווער איז שולדיג, אז ניט איך אליין? עס האָט זיך מיר געגלוסט זי לערנען, בילדען, מאַכען זי פאַר אַ וואוילקענעוודיגע — אַ מצוה אויף דיר!

אזוי טראַכט זיך איציקעל שאָסטעפּאַל און דרעהט און פלעכט און ציפּעט דאָס געגרייזעלטע בערדעל זיינס און טרייסט זיך חאָטש דערמיט, וואָס זיין טאָכטער האָט איהם ניט אָבגעטהון קיין ערגערע זאַך... למשל, וואָס וואָלט זיין ווען טאַמאַרא פערליעבט זיך אין אַ שלים-מזל, אָט אַ שטייגער אין דעם אַפּטייקערס זוהנדעל, וואָס דרעהט זיך איהם אַלע מאָל פאַר די אויגען?...

און עס קומט איהם אויפ'ן זינען דער געלעהרטער סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש, וואָס איז אויך געבליבען אין פּעטערבורג שטודירען און וואָס דעם גאַנצען וועג האָט ער זיי געפּלאָנטעט זיך פאַר די פיס, נישט געהאַט די העזה צו צוגעהן צו זיי צו נאָהענט...

— וואָס טהוט דאָ דעם אַפּטייקערס בחור'ל? — האָט איציקעל געהאַט אַ פרעג געטהון ביי דער טאָכטער און בעקומען ענטפער:

— ער פאָהרט שטודירען.

— שטודירען? אַלע שטודירען! אויף וואָס שטודירען?

— אויף דאָקטאָר.

— מיט דיר אינאיינעם?

— וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט מיר?...

די לעצטע ווערטער האָבען דעם פאָטער אביסעל בערוהיגט, און דאָך איז ער געקומען צופאָהרען אהיים אַ

צעקאַכטער, אויסגעלאָזט זײַן גאַנץ ביטער האַרץ אויפ'ן ווײַבס קאָפּ, ווי געוועהנליך אַ מאַן, אַז ער קומט אַהײם צעטראָגען און צערודערט... אַ קלוגע פרוי, וואָס קען איהר מאַן און פערשטעהט איהם, לאָזט זי איהם צורוה „ביז דאָס משוגעת וועט איבערגעהן"... שיוועקע איז אָבער נישט פון דער קאַטעגאָריע קלוגע פרויען, און דאָס וואָס דאָס האַרץ פיהלט און דער קאָפּ דענקט—דאָס זאָגט איהר מויל...

קוים דערלעבט זעהען דעם מאַן צוריק, געהט זי איהם אַקעגען:

— נו? וואָס הערט זיך?

— וואָס זאָל זיך הערען?

— וואָס מאַכט דאָס קינד?

— וואָס זאָל־זי מאַכען?

— אָבגעפיהרט קײַן פּעטערבאַרג?

— נײַן, איך האָב זי איבערגעלאָזט אין וועג.

— באַשטעלט אַ קוואַרטיר?

— נײַן, געלאָזט אין דרויסען.

— וואָס ביזט דו אַזוי כּהנדיג?

— דול מיר נישט קײַן יאַרמעלקע!..

אַ קלוגע פרוי וואָס קען איהר מאַן און פערשטעהט איהם, אַז זי חאַפּט פון איהם אַ פּעטשאַטעק, ווישט זי אָב די ליפּען און מאַכט אַ שווײַג... שיוועקע איז אָבער, ווי געזאָגט, נישט פון די איבערגעשפּיצטע פרויען, וואַרט זי אָב אַ ווײַלע און פערבינדט אַ נײַעם שמועס...

— געפעלט דיר אונזער שכן?

— וואָסער שכן?

— דער אַפּטײקער.

— וואָס איז שוין ווידער?

— ער בעגעגענט מיך נעכטען אויף די טרעפּ און מאַכט צו מיר: אוועקגעפאָהרען אײַער מאַן קײַן פּעטערבורג?... זאָג איך! אוועקגעפאָהרען קײַן פּעטערבורג... זאָגט ער: אָבגעפיהרט די טאָכטער?.. זאָג איך: אָבגעפיהרט די

טאָכטער... און איך האָב, זאָגט ער, מײַן זוהן אָבגעשיקט אַלײן...

— טהוט מיר הנאה—זאָגט איציקעל צו׳ם װײַב און שטעלט אַװעק אויף איהר אַ פּאָר גרױסע שװאַרצע אויגען— אַקעגען װאָס דערצעהלסט דו מיר?

— אַקעגען גאָר ניט, זאָגט שיװקע, גלאַט אַזוי... נאָכ-דעם מאַכט ער צו מיר, דער אַפּטײקער הײסט עס, מײַן זוהן קען זיך מיט אײַער טאָכטער...

— טהוט מיר נאָך מעהר הנאה! צו װאָס דאַרף איך דאָס װיסען?! — שרײַט שאָסטעפּאָל.

— װאָס האָסט דו זיך צעשריגען? גלאַט אַזוי, דו ביזט געקומען פון װעג, דערצעהל איך דיר...

— איך פרעג דיך דען?

— זעה נאָר, װי ער האָט צו לאָזט דעם כּהן!

— לאָז מיך צורוּה! און דול מיר ניט מײַן קאָפּ!! און טשעפּע זיך אָב פון מײַן לעבען!!!

— און איציקעל שאָסטעפּאָל חאַפּט דעם שירם און ענטלױפט פון שטוב און בעגעגענט זיך אַ נאָז קעגען אַ נאָז מיט׳ן אַפּטײקער. קאָן מען ניט זײַן אַזוי גראָב און ניט אָבגענט-פערען אױפ׳ן גוט מאָרגען מיט אַ גוט יאָהר, און אַז יענער פרעגט: װאָס מאַכט איהר? מוז מען זיך אָבשטעלען און זאָגען: אַ דאַנק, װאָס מאַכט איהר? און אָט אַזוי פערבינדט זיך ניט װילענדיג אַ שמועס צװישען אונזערע צװײ שכנים, װעלכען מיר געבען איבער מיט די פּינקטליכקײט פון אַ ערענטליכען ראָמאַניסט:

אַפּטײקער: װען קומט איהר פון פּעטערבורג?

איציקעל: הײַנט.

אַפּטײקער: אָבגעפיהרט די טאָכטער אויף די קורסען?

איציקעל: אָבגעפיהרט די טאָכטער אויף די קורסען.

אַפּטײקער: שטודירט מעדיצין?

איציקעל: שטודירט מעדיצין.

אפטייקער: מיינעם האב איך אבגעשיקט אליין.

איציקעל: אליין...

אפטייקער: א זוהן איז נישט קיין טאכטער.

איציקעל: נישט קיין טאכטער.

אפטייקער: מיינער קען זיך מיט איטערער זעהר גוט...

איציקעל: זעהר גוט... האט קיין פאראיבעל ניט, איך האב קיין צייט ניט!..

און איציקעל שאסטעפאל געהט אוועק נאך מעהר צעקאכט און טראכט זיך: וואס וויל פון מיר אט דער אפטייקער? וואס דרעהט ער מיר א מוח מיט זיין זוהן, אז ער קען זיך מיט מיין טאכטער?.. האט ער נישט עפּיס א מיין דערביי?.. באמבעלט זיך ניט ביי איהם א שדוך?.. א שענער מחותן ראפאלאוויטש דער אפטייקער, חא-חא-חא!..

אזוי לאזט אוים איציקעל שאסטעפאל זיינע טרויעריגע מחשבות מיט א ביטער געלעכטער און בעגעגענט זיך מיט א נייע פריטשעפע, מיט ליפאן.

ליפא, אדער ווי מע רופט איהם, דער יוד פון האליץ, איז געוואהר געווארען, אז איציקעל שאסטעפאל איז געקומען פון פעטערבורג, איז ער געקומען צו לויפען אבנעהמען א געדוס, טאמער האט ער זיך ערגיץ בעגעגענט דארטען מיט זיין טאכטער?

— שלום-עליכם אייך, רב איציקעל, איך לויף אייך שוין נאך א האלבע שעה! — אזוי זאגט צו איהם ליפא דער יוד פון האליץ און גלעט דעם בעזעם — בארד!

— וואס ווילט איהר זאגען גוטס? פרעגט איהם שאסטעפאל.

— איך האב אייך געוואלט פרעגען, אפשר האט איהר בעגעגענט דארטען מיין מאשען?

— וואסער מאשע?

— מיין טאכטער מאשע!

— וואו האב איך זי בעגעגענט?

— דארט, אין פעטערבורג איז זי דאך, איגאיינעם מיט אייערע... זי איז א גוטע בחור'טע!

— ווער?

— די טאכטער מיינע, מאשע הייסט דאס... זי קאן זיך מיט אייערע זעהר גוט... ווייסט איהר, ווער זיי האט בעקענט?

— ווער?

— דער לעהרער.

— וואסער לעהרער?

— ראמאנענקא? ער איז א רעכטער חברה מאן...

— וואס הייסט א חברה מאן?

ליפא דער יוד פון האלץ גלעט זיך דעם בעזעם־באָרד און קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען, רעדט שטיל:

— ער איז א צעצעליסט!..

— א וואס?

— א צעצעליסט... פון צעצעליסטען, וואס... (ער קוקט זיך ארום, רעדט שטיל)... ער האט זיי אלע געמאכט פאר צעצעליסטקעס, מיינע און אייערע...

— מיינע? מיין טאמארע? אבער גאר לא!... האט קיין פאראיבעל ניט. איך האב קיין צייט ניט...

און איציקעל שאסטעפאל לויפט ווי א משוגענער, גלייך ווי עמיצער יאגט איהם נאך. „וואס פאר איין אנשי־קעניש! — טראכט ער זיך—אלע בעריהמען זיך אז זיי קענען זיך מיט איהר!.. נו, קענען זיי זיך מיט איהר! געזונדערהייד! לאזען זיי זיך קענען!..“

דאס איז אבער נישט ריכטיג. א ווארעם האט זיך פערקליבען צו'ם פאטער אינוועניג אין הארצען און עסט איהם און טאטשעט איהם, און עס פערדריסט איהם זעהר גוט, וואס וואו ערגיץ א שלים־מזל קען זיך מיט זיין טאכטער און האלט זי אין מויל!.. און מעהר גיפט פון אלע האט איהם אריינגעלאזט אט דער באָרד־יוד ליפא מיט זיין „צעצע־ליזם“... עפים האט שאסטעפאל געחאפט נאך פריהער; עפים האט מען איהם אריינגעלאזט א גריל; עפים האט ער גע־

הערט די טאכטער פלעטשען: „ארגאניזאציע... אלגעמיינער סטרייק... קאנסטיטוציע...” וכדומה אזעלכע דבורים האט ער זיך אנגעהערט פון איהר. ווען עס פלעגט קומען צו רעד... און ער, דער נארישער פאטער, פלעגט הערען, קוקען איהר אין די אויגען אריין און קוועלען, ווערען ברייטער ווי לענגער: „א מאנסבילשער קאפ אויף איהר—פלעגט ער זיך טראכטען—וואס וועט פון איהר אויסוואקסען? איין עבירה וואס זי איז ניט געבארען א יונגעל!” און דער גליקליכער פאטער האט געבויעט לופט-שלעסער וועגען זיין געליעבטע טאמארא, זיך פארגעשטעלט, אז עס קומט צופאהרען צו איהם א מיליאנער, א מין פאליאקאוו פון פעטערבורג, און שדכנ'ט זיך צו זיין טאכטער, און די טאכטער שיקט איהם אב צו'ם טאטען, און ער, דער טאטע, נעהמט אויף פאליאקאוו'ן פאר א גאסט אין דער גרויסער זאל, זיצט מיט איהם ביי'ם קיילעכדיגען טישעל, א קרעסלע קעגען א קרעסלע, און מע רעדט פון אייזענבאהנען, פון בריקען, פון צוקער-פאבריקען, וואלד קלעפקע, רעלסען, נעכטיגע טעג, ביז מע קומט ארויף אויף דעם רעכטען ענין: אויף זיין טאמארא.

— איך האב געהערט, הערר שאסטעפאל, אז איהר האט זעהר א געראטענע טאכטער—זאגט צו איהם פאליאקאוו און שפילט זיך מיט'ן קייטעל פונ'ם זייגער.

— וואו? אזש דארט אין פעטערבורג?—מאכט צו איהם איציקעל שאסטעפאל און דאס הארץ זיינס שפרינגט שיער ניט ארויס פאר פרייד און גדלות.

— גוטס—זאגט צו איהם פאליאקאוו—לאזט זיך הערען גאנץ וויים... איך האב זי שוין געזעהען, געערעדט אויך, זי געפעלט מיר זעהר, איך בין, דארפט איהר וויסען, נאך נישט קיין אלטער מאן, איך האב שוין געהאט א פרוי, איז זי, איהר צו לאנגערע יאהר, געשטארבען, קינדער האב איך צוויי, נו און פערמעגען דאנקען גאט...

— א! שלאגט איהם איבער שאסטעפאל—פון אייער פערמעגען האבען מיר געהערט, אויף מיר געזאגט געווארען

חאטש א צעהנט-חלק, א צוואנציגסטעל ... דער עיקר איז זי, די טאכטער מיין איך, אויב איהר זענט איהר געפעלען?..

און איציקעל שאסטעפאל קוועלט, דאס הארץ וואכסט איהם פאר פרייד, פאר גדלות און פאר גליק! א קלייניגקייט האבען פאליאקאווען פאר איין איידעם! ס'איז פאוואלינקע עטליכע און דרייסיג מיליאן! עס וועט א רוח אין אייערע פאטער און מוטער אריין, דער גאנצער שטאדט, דער גאנצער וועלט!!!

אט דאס זענען געווען די זיסע חלומות פונ'ם נארישען פאטער, און דיזע חלומות זענען צעשלאגען געווארען מיט אמאל, אין איין טאג, אין איין אויגענבליק, אין דעם מאמענט, וואס טאמארא האט איהם ערקלעהרט, אז איהר גאנצער איינציגער צוועק איז לערנען, שטודירען מעדיצין, ענדיגען דאקטאר, פראקטיצירען, זיין א נוצליכער מענש פאר'ן לאנד, פאר דער מענשהייט, וכדומה אזעלכע מאדנע דבורים... ווער שרוך? וואס חתונה האבען? פון דעם קיין חצי דבור נישט אפילו, זי דערמאנט גארנישט און וויל נישט הערען!...

פון דער אנדערער זייט אבער, פאטערליעבע זוכט א זכות אויף א קינד; וויל זיין א מליץ יושר, געפינט א טרייסט:

— נישטא נאך א צווייטע טאמארע ווי מיין טאמארע!.. נישטא נאך די אנדערע אזא גערא‏טענע, אזא שענע, אזא קלוגע, אזא טייערע און אזא געטרייע טאכטער, ווי מיין טאכטער!

און ער דערמאנט זיך, ווי זי האט זיך מיט איהם געזעגענט און וואס זי האט איהם געזאגט, און עס ווערד איהם א ביסעל גרינגער אויפ'ן הארצען, און ער טרייבט אוועק פון זיך אלע דונקעלע מחשבות מיט אלע איבעריגע רעד מיט די אלע זייטיגע פארשוינען, וואס פלאנטען זיך איהם פאר די פיס, און ער לאזט ארײן צו זיך א האפענונג, אז זי קאן אנדערש ווערען, אז זי קאן אויך דארטען זיך בעגעגענען מיט א מין פאליאקאוו און עס קאן זיך איבערדרעהען די גאנצע מאשינעריע מיט'ן קאפ אראב, מיט די פיס ארויף,

אז דער אויבערשטער זאל נאר וועלען געבען אקוק...„נישט געזארגט זיך!—נאר נישט געזארגט זיך! בטחון! געוואלד בטחון! האפענונג! אמונה אין הקדוש ברוך הוא! ער, אז ער וויל, קאן ער!“

— האף, האף, איציקעל שאסטעפאל! האפענונג איז א זיסער טייערער ביסען!...

קאפיטעל ג.

געהט אפ אין א זייט. חאפט זיך אריין אין די הויכע פענסטער.

איך וויל בעטען דעם לעזער (אזוי האבען זיך נוהג געוועזען די אמאליגע ראמאניסטען און איך שנייד מיך אויף זייער שניט), ער זאל זיך מטריח זיין מיט מיר אין איינע פון די שענסטע גאסען אין דער רעזידענץ שטאדט פעטערבורג, דארט שטעהט א גרויסארטיג הויז, וואס געהער צום איינעם פעראסיעוו. אינ'ם דאזיגען הויז אויפ'ן אויבערשטען עטאזש האט זיך ניט לאנג אריינגעצויגען זעהר א רייכע גרוזינערין פון קאווקאז מיט'ן נאמען שערעקאדזע מיט איהר זוהנ'דעל דמיטרי שערעקאדזע אדער ווי אלע רופען איהם דער „ווייסער מיטיא“ נישט דערפאר, וואס מיטיא איז א ווייסער בחור, אדרבה ער איז א שווארצער א ברענענדער ברונעט ווי אלע גרוזינער קינדער; דער „ווייסער מיטיא“ רופט מען איהם דער־פאר, וואס ער געהט אין ווייסע קליידער מיט א גרויס ווייס פוטערען היטעל.

ער איז ריין אזוי ווי גאלד, נישט פערמישט חלילה אין קיין שום סקאנדאל, א חוץ א פאר קליינע סקאנדאלטשי־קעס מיט גרוזינער מיידלעך אונטערען שטאדט, נישט באַ־קענט חס ושלום מיט קיין סטודענטען, יונגווארג, ארבייטער, יודישע קינדער, ובדומה טרפה סחורה, פערברענגט די גאנצע יוגענד מיט רייכע חברים אין קלוב, גוט געשפיעלט אין

קאָרטען, פערשפּיעלט אין איין נאכט אַמאָל אַ גאַנצען מאָנטיק עפּים אַ צעהענטויזענד אַקער ערד אויף קאַווקאַז, וואָס איז איהם געבליבען בירושה פון זיין רייכען פאָטער מיראָדזע, געהאלטען אין פּעטערבורג צוויי מעטרעסעס, געחתמעט וועכסלען אויף צעהענערטויזענדער, וואָס די מוטער שערעקאָדזע קאָן זיך פון זיי ניט אויסצאָהלען, צעבראָכען אַ פּאָר מאָל אויף אַ וועטשערינקאַ אַלע שפּיגלען אינם „אַלטען בער" (אַזאַ רעסטאָראַן אין פּעטערבורג) זיך צעדראַפּעט מיט נאָך איין חבר דאָס פּנים אויף אַ דועל, פערשטעהט זיך, איבער אַ שאַנסאָנעטין אַ זינגערין. מיט איינעם וואָרט, אַז מע שמועסט ריין, ריין ווי גין-גאָלד!

נאַטירליך ווען מיטיאַ שערעקאָדזע האָט איין בעקאַנטען יודישען סטודענט, אָדער איין בעקאַנט מיידעל אַ סטודענטין, אָדער ער איז זאַפּאַניבראַטאַ מיט די וואָס שרייבען אין אַ צייטונג, אָדער מע זעהט איהם ערגעץ אויף אַ פערזאַמלונג פון געלעהרטע פּראָפעסאָרען-לעקטורעס וכדומה אזעלכע קרימינאַל-פערברעכענס, — דאַן קאָן אַזאַ בחור אין קלוב פון די רייכסטע לייט ניט אריינטרעטען פאַר קיין געלד אין דער וועלט! צוריק אָבער, איז דער בחור שוין אריינגעטראָטען, קאָן ער שוין טהון וואָס ער וויל זיך... האָט זיך להבדיל דער כהן גדול אריינגעחאַפּט אין קדשי-קדשים איז איין עק! נישטאָ אויף איהם קיין קאָנטראָל!...

אַלזאָ געהן מיר צוזאַמען צום הויז פון פעדאָסיעוען וואָהין עס פאָהרען צו און פאָהרען אָב אַלע מאָל פערשידענע עקיפּאַזשען, קאַרעטען, מאָטאָרען, וועלאָסיפּעדען און עס שפּרינגען אַרויס פערשידענע מענשען פון פערשידענע קלאַסען — און אַלע מעלדען זיך צום שווייצאַר אַרויף, צו דער רייכער פרוי שערעקאָדזע — און וויל דאָס איז צו דער רייכער פרוי שערעקאָדזע און ביי פעדאָסיעוען אין הויז, דעריבער קאָן יעדער צוטרעטען פראַנק און פריי נישט צו ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די וועכטער און פּאָליציי, וואָס דרעהען זיך אַרום צופוס און רייטענדיג אויף פערד.

עס איז שוין געוועזן גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, ווען צום הויז פון פּעדאָסיעוויען איז צוגעפאָהרען איין עקיפּאַזש און עס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון דאָרטען צוויי פּאַרשוי־נען, איין „ער" מיט אַ „זי", דורכגעלאָפען דעם אַרייַנגאַנג אַרויף אויף די טרעפּ גלייַך צו דער פרוי שערעקאַדזע.

אין דעם דאָזיגען פּאַריל איז גרינג געוועזען צו דער־קענען נאָר „זי". דאָס איז געוועזן אונזער איציקעל שאַסטע־פּאַלס טאָכטער טאַמאַראַ. „איהם" צו דערקענען איז אונמעג־ליך, אַזוי קונציג האָט „ער" זיך פערמאַסקירט, און אַזוי ווי דעם מחבר פון דעם ראָמאַן איז דאָך בעוואוסט אַלסדינג, זאָג איך אייַך אוים דעם סוד, אַז דער „ער" — דאָס איז טאַמאַרעס געוועזענער לעהרער ראָמאַנענקאָ!

צוליב וואָס האָט ער זיך אַזוי פערמאַסקירט? נישט צוליב תענוג, נאָר פּשוט, ווייל איהם זוכט די פּעטערבורגער פּאָליציי מיט ליכט; זי דאַרף איהם זעהר נייטיג האָבען, זי וועט איהם חלילה גאָר נישט טהון, זי וועט איהם נאָר איבערלייענען אַ פּאַפּיער, אַז ער מיט נאָך אַ גאַנצע חאַליאַס־טרע יונגע לייט געוועזענע סטודענטען האָבען אויף זיך אַ משפּט:

ראָמאַנענקאָ וויל אָבער ניט זיך בעקענען מיט פּאָליציי, האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבען מאַרטשענקאָ, געקריגען דערצו געוועהנליך אַלע נייטיגע פּאַפּירען, און אַליין האָט ער זיך אַזוי בריה'ש פערמאַסקירט, אַז טאַמאַראַ האָט איהם בשום אופן נישט דערקענט, ביז זי האָט נישט דערהערט די גוט בעקאַנטע שטימע זייַנע.

אַרייַנגעקומען צו דער פרוי שערעקאַדזע, האָבען זיי געטראָפען דאָרטען אַ היבשען עולם פון פערשידענע געסט, אונטער זיי אויך אַ צוויי דריי פּאַדיאָוואָקעס, וואָס זיי קאָנען זייַן מענשלעך פּשוטע און אָפשר הויך געבילדעטע, אָדער פערמשפּט'ע קיין סיביר, אָדער אַנטלאָפענע פון דער טור־מע, — יעדענפאַלס זענען דאָס מענשען, וואָס זייער נאָמען זאָגען זיי ניט, קיינער פרעגט זיי נישט, און אַלע ווייסען

און ס'איז אויך קענטיג פון די פנימער, אז דאס זענען העלדען, וואס זענען גרייט יעדע מינוט, אבי מע דארף נאר, געהן צו דער תליה טאנצענדיג ... אויך האבען זיי דארטען געטראפען א גלח מיט איין אונטערגעשארען בערדעל, טאמארא האט איהם בעטראכט מיט בעזונדערע אויפמערקזאמקייט; זי האט געהערט וועגען איהם פון ראמאנענקא'ן זעהר זעהר פיעל און איז שוין לאנג געוועזען נייגיעריג איהם צו זעהען!

— טאמארא! — אזוי האט זי פארגעשטעלט ראמאנענקא פאר'ן גלח'ל און דאס גלח'ל האט א ווארף געטהון אויף איהר זיינע געשווינדע גרויע אויגלעך און א זאג געטהון מיט א קלינגענדע דינע שטימע!

— דער נאמען טאמארא איז פון דער ביבעל, די אויגען זענען גרוזינער, די נאז איז יודיש...

— און אליין בין איך א יודין... — זאגט טאמארא און קוקט וואס פאר איין איינדריק וועט דאס מאכען אויפ'ן גלח.

— איך זאל זיין א מאלער, וואלט איך זי גענומען אלס מאדעל פאר יהודית...

אזוי זאגט דער גלח און לאזט נישט אראב קיין אויג פון איהר.

זעלבסטפערשטענדליך, אז מען האט די שענע טאמארא גיך בעמערקט אין דער געזעלשאפט און עס איז ניט אויסגעגאנגען קיין עטליכע מינוט איז זי בעקאנט געווארען מיט אלע געסט, געווארען גיך א צענטרום, ארום וועלכען עס האבען זיך ארומגעדרעהט יונגע לייט, און נעהענטער פון אלע — דער יונגער מיטיא שערעקאדזע.

מיטיא — א שענער יונג, א גרוזין מיט קאווקאזער בלוט, מיט א יודיש פנים — האט לאנג נישט בעדארפט האבען אום ער זאל זיך פערליעבען אן טאמאראן אזוי ערענסט, אז ער זאל דאס איהר געבען צווויסען דעם זעלבען אבענד ביי'ם געזעגענען זיך דורך א צושטארקען קוועטש ביי דער האנד און דורך איין איבעריגען קוק מיט די פייע-

ריינע אויגען... דאס האבען בעמערקט אלע, און מעהר פון אלעמען — ראמאנענקא וואס האט געוואלט אברופען דעם יונגען מיטיא אויף א זייט און איינראמען איהם א סוד, אז דאס מיידעל איז זיין שילעריון, און אויב זי וועט א מאל וועלען צו עמיצען געהערען, וועט זי געהערען צו איהם, צו ראמאנענקא'ן, נישט צו קיינעם!... ער האט זיך אבער ניך איבערלעגט, אז דער מיטיא איז א פארשוין א נייטיגער וואס קאן זעהר-זעהר נוצליך זיין דער ארגאניזאציע און דורך טאמארא'ן, אדרבה, קאן מען האבען אויף איהם א געוויסען איינפלוס און מען קאן זעהר א סך אויפטהון!... און אנשטאט דעם ער זאל זיך מיט מיטיא'ן צעקריגען, האט ער געפרעגט ביי טאמארא'ן, אויב זי ערלויבט דעם שערעקאדזע'ן צו מאכען איהר א בעזוך?... נאטירליך, האט טאמארא דאס אנגענומען מיט פערגניגען: ערשטענס ווען האט זי געהאט א השגה שליעסען אזעלכע גרויסארטיגע בעקאנטשאפט? און צווייטענס האט זי געקוקט מיט פערגעטערונג אויף דער גאנצע געזעלשאפט, וואס יעדער איינציגער פון זיי איז געווען ביי איהר א האלבער גאט און א גאנצער הייליגער!...

א ביסעל איז טאמארא געווען אונצופריעדען און צעדרודערט פון דער פרוי שערעקאדזע. פון דער ערשטער מינוט וואס זיי זענען בעקאנט געווארען, האט זי איהר גענומען דערגעהן די יאהרען מיט'ן גלויבען, מיט דער רעליגיאן, די פרוי שערעקאדזע האט געפונען, פערשטעהט איהר מיך, אז דאס יודיש מיידעל מוז אננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. ערשטענס דערפאר, ווייל דאס איז דאך דעם סאמע ריכטיג גלויבען, און צווייטענס, איז דער נאמען טאמארא איין אמת'ער גרוזינישער נאמען! די פרוי שערעקאדזע איז טריין אין אזא התפעלות, אז זי האט צוגערופען צו זיך דעם גלח גאפאן און איהם איבערגעגעבען דעם דאזיגען גלענצענדען פלאן און געפרעגט, אויב ער וויל זיך אבגעבען מיט דער מיססיאן?... דערויף האט איהר דער

נלה נאפאן אָבגעשניטען קורץ און קאַלט אַז ער האָט קיין צייט ניט זיך פערנעהמען מיט אויפלבע זאַכען...

— אַ דור פון אונגלויביגע, פון אפיקורסים, פון סקעפּטיקער! — האָט אויסגערופען די אַלטע שערעקאַדזע און געבעטען ביי טאַמאַרא'ן זי זאָל קומען וואָס אָפטער, דערויף האָט איהר טאַמאַרא געענטפערט פּראָסט, מיט אַ שמייכעל:

— מיט איין בעדינג: איטליכער זאָל זיך בלייבען ביי זיין מיינונג און נישט רעדען פון רעליגיאָן...

פרוי שערעקאַדזע האָט איהר צוגעזאָגט און האָט אָבער נישט געהאַלטען קיין וואָרט: אַלע מאָל ווען טאַמאַרא איז צו איהר געקומען האָט זי אַזוי לאַנג גערעדט ביז זי איז אַרויף אויף איהר גאָט, וועלכען זי האָט מיט גוואַלד געוואָלט אָנהענגען איטליכען בעזונדער... טאַמאַרא האָט געזעהען, אַז עס איז אַ מעשה אָהן אַ סוף, האָט זי איהר אָבגעהאַקט די פליגעל איינמאָל פאַר אַלע מאָל און אַרויסגעזאָגט איהר גאַנץ דייטליך, אַז בכלל גלויבט זי ניט אין קיין זאַך.

קורץ און שאַרף!

די פרוי שערעקאַדזע איז אויפגעשפרונגען פאַר שרעק און געזאָגט: — אָן וועמען דען גלויבסט דו, אומגליקליכע וואָס דו ביזט?

— אָן דעם מענשען! — איז געווען טאַמאַרא'ס ענטפער. אָבער דאָס איז געווען איהר לעצטער וויזיט ביי דער פרוי שערעקאַדזע אין הויז.

דערפאַר האָט אָבער דער יונגער מיטיא אָנגעהויבען מאַכען צו אָפטע וויזיטען צו טאַמאַרא'ן און אַלע מאָל מיט ראָמאַנענקאָ'ן, וואָס האָט זיך געמעלדעט מאַרטשענקאָ.

ראָמאַנענקאָ-מאַרטשענקאָ האָט קיין מינוט רוה נישט. פון דעם ערשטען טאָג וואָס ער איז אָנגעקומען קיין פעטערבורג, און געקומען איז ער גלייך מיט טאַמאַרא'ן. געפאָהרען מיט איהר אין איין וואַגאָן און נישט געלאָזט זיך ערקענען, — איז ער שטענדיג בעשעפטיגט, תמיד פערנו-

מען, קיין מאל קיין צייט נישט, קומט צו לויפען אלע מאל צו איהר, זיצט א מינוט און ווערט פערשוואונדען, וואו־הין — דאס ווייסט ניט קיין פויגעל, און אפילו טאמארא האט נאך קיין מאל ניט זוכה געווען צו וויסען ביי איהם א מינדסטע זאך. אלעס איז ביי איהם פערוויקעלט, פערבאר־גען, צוגעדעקט מיט א געדיכטען שלייער. אויף אלע איה־רע פראגען בעקומט זי איין ענטפער:

— עס וועט קומען די צייט וועסט דו אלעס, אלעס וויסען...

— יא טאמארא גלויבט איהם, ווי מען גלויבט א גאט, אז עס וועט קומען די צייט וועט זי אלעס, אלעס וויסען, זי וויל אבער וויסען איצט, און נישט אויס נייגיע־ריגקייט, נאר צו ליעב דעם, וואס זי וויל עפּיס טהון, מיט עפּיס ניצליך זיין דער אידעע, צו ליעב וועלכע זי איז איי־גענטליך אהער געקומען און צוליעב וועלכע זי איז גרייט זיך מקריב זיין באמת, נישט נאר מיט ווערטער אליין, נאר מיט לייב און לעבען, געהן אויפ'ן עשאפאט, שפּרינגען אין פייער אריין...

— דארפסט נאך נישט געהן אויפ'ן עשאפאט — זאגט צו איהר געלאסען ראמאנענקא־מארטשענקא, דו טארסט נאך ניט שפּרינגען אין פייער אריין; עס וועט קומען די צייט וועסט דו געהן; עס וועט שלאגען די שעה וועסט דו שפּרינגען; דערווייליע האסט דו צו טהון נאר איין זאך: דו דארפסט אבשמד'ען דעם ווייסען מיטיא, מאכען איהם ער זאל זיין אונזערער אינגאנצען, מיט זיינע ווייסע קליידער, מיט דער גאלדענער קאווקאזער שפּאגע, מיט אלע זיינע פאפּירען, מיט דער נשמה און איבערהויפּט מיט די מיליא־נען, וואס עס שטעהט איהם פאר צו ירש'ענען פון זיין מו־טער. — ווען דו וועסט דאס ערגרייכען, דאן וועט דו דיר קאנען זאגען מיט פאלען רעכט, אז דו האסט אויסגעפּילט די פפליכט צו אונזער פאטערלאנד!..

טאמארא הערט מיט קאפּ און שליננט איטליכס

ווארט, וואס איז בײ איהר א ווארט פון א פראפעט, פון א הײליגען נביא, און עס צינדט זיך אן א פײער אין איהרע שענע גרויסע שווארצע קלוגע אויגען און זי זאגט איהם צו, אז זי וועט אנווענדען אלע כוחות אום צו געווינען דעם „ווײסען מיטיא" מיט זײן נשמה אויף זײער זײט, און זי גיט איהם האפנונג, אז זײן גרויסער פלאן, וואס ער האט פער־קלערט און האלט אין געהײם, וועט אויפ'ן גלענצענסטען ארט אויסגעפיהרט ווערען, און דאן... א! דאן וועט זי זיך שעצען גליקליך, זי וועט ניט פערשעמט ווערען פאר מאשע באשעוויטש, איהרע א חברטע, פון איהר שטאדט, וואס אלע רעדען פון איהר...

קאפיטעל ד.

ווער איז מאשע באשעוויטש

און וואס האט זי געטהון?

דעם פערפאסער פונ'ם ראמאן איז אנגענעהם צו דענקען, אז דער לעזער האלט קאפ און קאן זיך עראינערען פון קאפיטעל א און קאפיטעל ב אויף א פארשוין מיט'ן נא־מען ליפא, מיט א סימן ער טראגט א בארד ווי א בעזעם, האנדעלט מיט האלץ און האט א טאכטער מאשע וואס זיצט...

ליפא באשעוויטש, אדער דער יוד פונ'ם האלץ, איז א יוד וואס שטעלט־צו האלץ אין אלע הײזער—און פון דעם לעבט ער, ערציהט קינדער, גיט זיי בילדונג...

„ערציהט קינדער, גיט זיי בילדונג"... עס רעדט זיך נאר אזוי, ווארום ווי איז דאס אימשטאנד אזא, איך בעט איבער אײער כבוד, אײן עני ואביון ווי ליפא באשעוויטש צו געבען בילדונג זײנע קינדער און ערציהען זיי, אז דער קאפ איז איהם גאר פערטהון אין אנדערע זאכען: ער וואלט ברויט א שטיקעל פאר זיך, פאר זײן ווײב און קינדער,

ער זוכט און זוכט און קאן עס נישט געפינען! אויף אלע זייטען ווארפט זיך נעבאך דער ארימער באשעוויטש, פון שטוב צו שטוב געהט ער אנשלאגען האלץ, א גוטע מאס איין אמת'ער קלאפטער, דריי מיט א פערטיל אויף דריי מיט א פערטיל, צוויי און פיפציג ווערשאק!... און אויף אויסצוצאהלען! איהר הערט? אויף אויסצאהלען, סך הכל א קערבעל א וואך!...

און נאך די אלע גליקען, אז מען געפינט שוין דעם קונה, און מען האט זיך שוין אויסגעדונגען פאר'ן פרייז, און מען האט איהם שוין צוגעשטעלט דאס האלץ און מען האט שוין אויסגעמאסטען דעם קלאפטער דריי מאל אין דער ברייט, און ער האט אראבגעשיקט דעם איידעם ער זאל אויך אנקוקען און אויסמעסטען דאס האלץ (דער איידעם איז א יונגערמאן א בעל חשבון, א מאטעמאטיקער, פערשטעהט אלגעברע), און דעם שכן האט מען אויך א בעט געטהון ער זאל האפען א קוק אויפ'ן קלאפטער האלץ, און מען האט שוין ברוך השם דאס האלץ צעהאקט אויך, און צענויפגעלעגט אויך, און מען הייצט שוין מיט'ן האלץ א גאנצע וואך, — קומט מען צוגעהן נאכ'ן ערשטען קערבעל, חאפט מען ערשט א פעטשאנטעק פון דער בעל הבית'טע, פון דער מאדאם, אז עס ווערט פינסטער אין די אויגען:

— א שענעם קלאפטער האלץ האט איהר מיר געגעבען! אזא מזל אויף מיינע שונאים! עס איז דען האלץ? עס וויל דען ברענען? עס ברענט ניט, נאר סע זידט און סע שפריצט ווי א נאס ליבט!... איידער מען דערלעבט זעהען א שטיקעל פייער, קריכען ארוים, שונאי ציון, די אויגען פון קאפ!... נעהמט אייך צו אייער האלץ און געהט אייך געזונדערהייט!...

— וואס רעדט איהר מאדאמעניו, זאלט איהר מיר זיין געזונד און שטארק! — טענה'ט נעבאך דער ארימער האלץ-יוד — ס'איז גאלד ניט קיין האלץ! ס'איז אמת'ע באר-

לינער האלץ, ניט פלאטאווע האלץ, טרוקענע האלץ ווי פעפער, גאלד ניט קיין האלץ!...

— א מאדנער יוד איהר זייט! — מישט זיך אריין דער־מאן — מע'זאגט אייך, אז דאס האלץ איז נאס האלץ, דאס האלץ וויל ניט ברענען דאס האלץ, קומט איהר צוגעהען און זאגט, אז דאס האלץ איז טרוקען האלץ!

— דאס האלץ מוז זיין פון אזא ביים א נאסען — שטעלט אריין אווארט אויך דער איידעם, דער בעל־חשבון, דער מאטעמאטיקער, וואס פערשטעהט אלגעברע.

די נסים וואס א יוד שטעהט אוים אין דער איינגער, פינסטערער, חשכ'דיגער, שמוציגער זאגענאנטער „טשערטא" וואוהין דער שיקזאל, דער גלות האט זיי פארווארפען און צענויפגעפאקט אלע אין איינעם, זענען אזוי גרוים און אזוי וואונדערבאר, אז יעדער איינציגער וואלט געהאט צו דער־צעהלען יציאת מצרים, ווי אזוי גאט האט מיט איהם גע־פיהרט, ער האט דורכגעלעבט א יאהר, און נאך א יאהר, און נאך א יאהר, און האט אויפגעצויגען און חתונה גע־מאכט א קינד, און נאך א קינד, און נאך א קינד, — חדושים ונפלאות ממש אויף בילעטען דאס צו הארכען!

ליפא באשעוויטש וואלט געהאט צו דערצעהלען מעהר פון אלעמען. אכט קינדער האט איהם גאט געגעבען און אלע אכט געראטענע, געצייכענטע קעפ, אלסדינג קאנען זיי, אלעם וויסען זיי, און פרעגט זיי, ווען און וואו האבען זיי געלערענט? צי האבען זיי אנגעקוקט ווען א חדר? (א חוץ דעם וואס ער אליין פלעגט מיט זיי ביי נאכט א מאל אונטער־געלען.) צי האבען זיי געזעהען ווען א לעהרער? (א חוץ דעם וואס איינער האט געלערענט מיט'ן אנדערען) און פון דעסטוועגען, אז ס'איז באשערט, זענען זיי אלע אריין אין גימנאזיע, אלע גוט געלערענט און אויסגעצייכענט זיך אזוי, אז דער לעהרער דער אנטיסעמיט רשע ראמא־נענקא (דער פאטער פון אונזער העלד ראמאנענקא) האט געפיעלט מען זאל זיי בעפרייען פון געצאהלט'ס, און מען

זאָל זיי נאָך אַרויסגעבען אויף קליידונג און אויף שטיוועלעך, מחמת ליפּאַ'ס קינדער האָבען אַ טבע: ביז פינפצעהן יאָהר געהן זיי האַלב נאַקעט און איינגאַנצען באָרוויס...

לעבערליך און קאָמיש איז דער פּאָטער, וואָס האַלט אין איין לויבען זיינע קינדער, ווי עס איז לעבערליך און קאָמיש דער פּערפאַסער וואָס בערימט זיך מיט איינענע ווערק: האָט איהר געליינענט מיין בוך? וואָס זאָגט איהר אויף מיין בוך? גוט איז דעם פּערפאַסער. ווען נעם בוך עס ווערט געליינענט און דער עולם רעדט און די קריטיק שרייבט. פרעגט זיך: וואָס זאָל נעבאך טהון דער מחבר, וואָס זיין בוך ווערט נישט געליינענט, דער עולם שווייגט און די קריטיק שרייבט ניט אַ וואָרט?... איך קען אַ מחבר וואָס האָט די גאַנצע גאַל אויסגעשפּיגען אויף דער וועלט למאי מען אנערקענט איהם נישט, ביז ער האָט אַליין אַרויס-געלאָזט אַ קריטיק איבער זיינע איינענע ווערק און האָט זיך זאָגאַר אַליין געמאַכט אַ יובילעאום, און איך וויל האָפען, אַז ער איז געוועזען צופרידען אי פון דער קריטיק און פונ'ם יובילעאום...

אונזער ליפּאַ באַשעוויטש זאָל זיך פּאַרלאָזען אויף דער וועלט ביז עמיצער וועט זיך אַמאָל דערמאָנען זאָגען אַ גוט וואָרט איבער זיינע קינדער. וואָלט ער בעדאַרפט לאַנג וואַרטען, און דאָ וואַקסט ביי איהם אַזאַ מאַשע, וואָס „זינט גאָט האַנדעלט מיט מאַשעס האָט ער נאָך אַזאַ מאַשע ניט געהאַט"...

— ערשטענס איהר טהון, איהר אַרבייטען, נילדענע הענד! הייַנט איהר לערנען!.. גאָלע פינגען!.. איהר האָט געזעהען איהר אַטעסטאַט? ניין נאָך? איך האָב אייך נאָך נישט געוויזען? אַט וועל איך אייך ווייזען וועט איהר זעהען איין אַטעסטאַט! און אַליין, אַליין פון זיך, אַז איך זאָג אַז ס'איז אַ מאַשע פון גאָט! שוין איין מאָל אַ מאַשע!

אַזוי האָט געקלונגען ליפּאַ באַשעוויטש איבער אַלע שכנים און בעקאַנטע, פּערשלאָגען אַלעמען דעם קאָפּ מיט

זיין מאשע, און ווער שמועסט אז מאשע האט געענדיגט די גימנאזיע און האט געבראכט אהיים א גאלדענעם מעדאל, איז דער ארעמער פאטער שיער ניט אראב פון'ם זינען און האט שיער ניט משוגע געמאכט אלע שכנים מיט אלע בעקאנטע און אומבעקאנטע. איטליכען בעזונדער האט ער אבגעשטעלט, געוויזען די מעדעל און דערצעהלט, ווי אזוי זיין מאשע לערענט, ווי אזוי זי האט אויסגענומען ביים דירעקטאר און ביי די לעהרער און ווי אזוי זי טהוט און ארבייט אין שטוב, לערענט מיט די קלענערע קינדער, און וואס פאר א פאפיר זי האט אוועקגעשריבען צום מיניסטער, וואס זי, מאשע, אליין האט געשריבען... און נישט לאנג געטראכט האפט ער ארויס א פאפיר און לייענט אייך בקול רם און מיט א קוועטש און מיט איין אבועץ:

יעוואַ וויסאָקאָ פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ גאָספּאָדינו מיניסטרו נאַראָדנאַהאָ פּראָסוועשטשעניאַ...

פריי האבען אבגעאטעמט די שכנים און בעקאנטע פון ליפא באשעוויטש, אז זיין טאכטער מאשע איז אוועקגעפאהרען קיין פעטערבורג, אצונד האבען זיי גערעכענט וועט זיי ליפא לאזען צירוה מיט זיין מאשען. זיי האבען אבער געהאט א מאוסען טעות; זיי האבען געמוזט בעקענען זיך מיט זייער קארעספאנדענץ, מיט די בריעף וואס מאשע שרייבט צו איהרע עלטערען פון פעטערבורג. מערקווירדיגע בריעף! זי ארבייט שווער און ביטער, נייט גרעט, אום צו פערדיענען איהר אויסקומעניש און שטודירט אויף דאקטאר, היינט שרייבט זי פון א נייעם לעבען, וואס וועט גיך איינטרעטען אין גאנצען לאנד, א לעבען פון פרייהייט, פון גלייכהייט — קאנסטיטוציע! אין יעדען בריעף רעדט זי פון קאנסטיטוציע; עס הויבט זיך אן ביי איהר מיט קאנסטיטוציע און עס לאזט זיך אויס מיט קאנסטיטוציע... עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז די שכנים האבען איהם א נאמען געגעבען „קאנסטיטוציע" דאס הייסט אנשטאדט ליפא באשעוויטש האט מען איהם אנגעהויבען רופען ליפא קאנסטיטוציע...

חכמים האָבען זיך געווערטעלט איבער ליפּא באַשע־וויטשעס טאָכטער מיט איהר קאָנסטיטוציע, און ליפּא באַ־שעוויטשעס טאָכטער האָט געאַרבייט מיט דער גאַל גאָר נישט אויף קאַטאָוועס איבער דער קאָנסטיטוציע און גע־גלויבט, אַז ניט היינט איז מאָרגען האָבען מיר זי, די שענע, די רענע, די געווינשטע קאָנסטיטוציע! מע וועט זי אונז געבען, האָט מאַשע באַשעוויטש געטענעט, אַ מבול פֿון בלוט וועט פֿערגאָסען ווערען! דער מבול וועט פֿערטרייגקען די פֿערשמוציגטע ערד און אָבשווייגקען דעם גאַנצען שמוטץ, און עס וועלען זיך אויסלייטערען די הימלען, און עס וועט אַרויסשיינען די זונן און עס וועט ווערען ליכטיג אין דעם גאַנצען לאַנד!

אַזוי האָט געפּרעדיגט מאַשע באַשעוויטש אויף יעדען טריט און שריט צווישען יונגוואַרג און צווישען אַרבייטער און האָט בעקומען אַ נאָמען אין די געוויסע קרייזען און איז געוואָרען בעליעבט, פֿונ'ם פּראָסטען פֿאָלק, געוואָרען די צווייטע מאַמורע פֿערזענליכקייט נאָך דעם גלח גאַפּאָן... „אונזער מאַשע" — אַזוי האָט זי געהייסען אין די געוויסע קרייזען, — און אַ סך זענען געווען גרייט מיט איהר אין פֿייער און אין וואַסער און אין עק וועלט, „ווי אַזוי מאַשע וועט זאָגען אַזוי וועלען מיר טהון"... „לאָמיר פֿרעגען מאַשען"... אַ מענש מיט אַ שטאַרקען ווילען קאָן בעאיינפֿלוסען אַ מאַסע מענשען נאָך מעהרער אַלע איינצעלנע פּערזאָנען, וועלכע ווערען בעאיינפֿלוסט איינע פֿון דער אַנדערער...

די הויפּט אַרבייט פֿון מאַשע באַשעוויטש מיט איהרע חברים איז געווען אַגיטאַציע נישט נאָר מיט וואָרט, נאָר מיט דרוקזאַכען, פּראָקלאַמאַציעס און ביכלעך וואָס ווערען אַרויסגעשיקט אין דער פּראָווינץ אין די צעהנער און הונ־דערטער טויזענדער. עס איז כמעט יעדען בעוואוסט, ווי הונגעריג דער עולם איז אין אַ געדרוקטעס וואָרט און דאָר־שטיג צו פּאָליטיק נאָך יעצט, ובפרט נאָך אין יענער צייט, אונגעפֿעהר מיט דריי—פֿיער יאָהר צוריק, ווען די גאַנצע

ליטעראטור מיט אלע פערלעגער און דרוקערייען האבען געקרעכצעט אונטער דער אייזערנער האנד פון דער צענזור מיט'ן רויטען שמירער. נאטירליך האט זיך דערפון אויסגעארבייט א גרויסע „לינקע“ ליטעראטור מיט א סך געהיימע דרוקערייען מעהרסטענטהייל ביי די טשינאווניקעס אונטער דער נאז... דעם אומגליק האט זיך די אדמיניסטראציע גענומען אויסראטען מיט'ן גאנצען כח. די אגיטאטארען אבער אהן א דרוק זענען ווי א ביקס אהן פולווער, ווי א האנד אהן פינגער, ווי א קאסע אהן געלד, אדער ווי א צייטונג אהן לעזער... טראגען זיך אלע טאג מיט דער דרוקמאשין פון איין הויז אין'ם אנדערען, ציטערען פאר'ן שטן, האלטען די נשמה אין די הענד — דאס איז קיין פלאן ניט! מע דארף צוטראכטען דערצו עפיס א מיטעל! און מאשע באשעוויטש איז געפאלען אויף א אידעע.

קיין בריעפטרעגער אין דער גרויסער שטאדט פעטערבורג האט ניט אזוי פיעל אויסגעמארשירט א טאג ווי אונזער מאשע באשעוויטש. אויפגעשטאנען אין דער פריה און אנגעשריבען א פאר צעהנדליג בריעף צו פערשידענע קאלעגען איבער פערשידענע אנגעלעגענהייטען, האט זי זיך געלאזט געהן פון עק שטאדט היבשע עטליכע מייל אין אינסטיטוט, פון אינסטיטוט ווידער א היבשער מהלך אין דיעשאווקע, וואו מען קאן קריגען צו יעדער צייט דעם ביליגסטען מיטאג, און פון דארטען ווידער א מייל צעהען צו דער פאבריק אויף דער ארבייט, און פון דארטען צו בעקאנטע, פון די בעקאנטע צוריק אהיים אין עק וועלט אריין, מעהרסטענטהייל צופוס, ווארום אויף צופאהרען אומעדום בעדארף מען האבען רוטשילדס פערמעגען מיט קורח'ס עשירות... אזוי האט געזאגט מאשע באשעוויטש און האט געשפרייזט איבער פעטערבורג, ווי א גוט פערד, זיך ניט אבצושטעלען אויף קיין מינוט.

וואו האט מאשע באשעוויטש יא ליעב געהאט זיך אבשטעלען? ביי א דרוקערייי. קיין זאך אויף דער וועלט האט נישט געצויגען אויף זיך איהר אויפמערקזאמקייט אזוי שטארק

ווי אַ דרוק, דאָס וואָרט טיפּאָגראַפיאַ האָט געהאַט פֿאַר איהר אַ סך מעהר חן, אַ סך צוציהונגס־קראַפֿט אַלס די גילדענע ווערטער אויף די גאָלדענע שילדען: „באַנק" „וועכסעל־שטוב" ...

— ווען איך זאָל זײַן ראָטשילד—אַזוי פֿלעגט זיך מאַשע באַשעוויטש טראַכטען, אָבגעשטעלט זיך נעבען אַ דרוק— ווען איך בין ראָטשילד, קויף איך אָב אַט די אַלע גרויסע הײַזער פֿון דער גרויסער לאַנגער גאַס, פֿיל זיי אָן פֿון אונטען ביז אַרויף מיט דרוקמאַשינען, שטעל אַוועק טויזענדער אַרבײַטער און זאָג צו זיי: דרוקט, קינדער, פּראָקלאַמאַציעס!...

פּראָקלאַמאַציעס איז געווען דער העכסטער אידעאַל בײַ מאַשע באַשעוויטש, אַלס דינג וואָס איהרע אויגען האָבען געזעהען, האָט זי דאָס איבערגעלעגט אויף פּראָקלאַמאַציעס. דורכגעשפּאַנט דערבײַ אַ וויטרינע—אויסשטעלונג מיט גאָלד, זילבער, בריליאַנטען, איז די ערשטע מחשבה געווען: וויפֿיעל קאָן מען פֿאַר דעם אָנקויפֿען פּאַפּיר און אָנדרוקען פּראָקלאַמאַציעס? אַ גרויסאַרטיגע קאַרעטע איז דורכגעפֿלויגען פֿאַרבײַ מיט אַ פּאָר ברענענדיגע פֿערד—איז איהר השגה געווען: די קאַרעטע מיט די פֿערדלעך צו פֿערקויפֿען, פֿאַר'ן געלד קויפֿען פּאַפּיר און דרוקען פּראָקלאַמאַציעס. קורץ— פּראָקלאַמאַציעס, פּאַפּיר, דרוקזאַכען און איבערהויפּט דרוקערײַען—דאָס איז געוואָרען איהר אידעע־פֿיקס; מיט דעם איז זי געגאַנגען, מיט דעם איז זי געזעסען; מיט דעם האָט זי זיך געלעגט, מיט דעם איז זי אויפֿגעשטאַנען.

איין מאָל אין אַ שענעם טאָג האָט מאַשע באַשעוויטש געשפּרײַזט איבער פּעטערבורג פֿאַרבײַ די גרעסטע דרוקערײַ פֿון דער גרעסטער רוסישער אַנטיסעמיטישער צײַטונג. די ראָטאַציאָנס־מאַשינען פֿון מאַרינאָני האָבען געאַרבײַט הילכיג און לעבעדיג; די רעדלעך האָבען זיך געדרעהט, די וואַלען האָבען זיך געקאַטשעט און געוואָרפֿען די הונדערטער און טויזענדער בלעטער, די רעגולאַטאָרעס האָבען זיי צענויפֿגעלעגט, אַרויסגעשטופּט און צוגעצעהלט, — אַלעם האָט

געארבייט אזוי זיס. אזוי געשמאק, אז אונזער מאשע האט זיך נישט געקאנט אפרייסען, — און ביי איהר אין קאפ איז פלוציים פארטיג געווארען א פלאן, און זי איז אוועק צו דער ארגאניזאציע, און האט געפועלט מע זאל איהר געבען א צעהען-פיפצעהען ארבייטער, און איז מיט זיי די זעלבע נאכט, א פאר שעה פאר טאג, ווען אלעס שלאפט, איבער-געפאלען אויף דער גרויסער דרוקעריי פון דער גרויסער אנטיסעמיטישער צייטונג, נעבען שומר האט מען אוועק-געשטעלט איין ארבייטער מיט איין אנגעלאדענעם רעוואל-ווער, — אין א פערלויף פון צוויי שעה האט זי ארויסגע-פיהרט פון דארט א פיפציגטויזענד רעוואלוציאנס-פראקלא-מאציעס, איבערגעלאזט ביי'ם שומר פאלגענדען בריעף:

„געעהרטער הערר אייגענטימער און רעדאקטאר!

נעהמט צו מיין טיעפסטען דאנק פאר אייער פראכט-פאלעס פאפיער און שנעלדרוקעריי, וואס האט מיר געגעבען די מעגליכקייט אין צוויי שעה אבצודרוקען און ארויספיהרען מעהר אלס 50,000 פראקלאמאציעס. איך וויל מיינען, אז זינט אייער דרוק און אייער צייטונג עקזיסטירען האבען זיי נאך אזוי פיעל נוצען נישט געבראכט פאר אונזער פאטער-לאנד, ווי אין די 2 שעה פון היינטיגער נאכט.

האכאכטונגספאל מאשא".

עס איז בעוואוסט אין דער גאנצער וועלט די מאכט פון דער רוסישער פאליציי. ענגלאנד, למשל, בעריהמט זיך מיט איהר וועלטבעריהמטע פאליציי; אמעריקא שטעלט ארויס אלס מוסטער איהר דעטעקטיוום. לאזען זיי מיר נאר מוחל זיין, וואס פאר א ווערט האבען זיי קעגען אונזערע רוסישע קווארטאלנעס, בשעת עס האנדעלט זיך וועגען איין איבערפאל אין מיטען האלבע נאכט איבער יודישע הייזער, וואו עס דאכט זיך זיי, אז דארט דארף זיין טרפה סחורה, דאס הייסט אזעלכע יודען, וואס האבען נישט אלע נייטיגע פאפירען און קיין רעכט צו וואוינען אין דער שטאדט אדער אין דער גאס? אזא מין איבערפאל ווערד אנגערופען מיט

א זעהר נאבעלען נאמען „אבלאווא", וועלכער ווערד בענוצט אויך דעמאלט ווען מע מאכט איין איבערפאל אויף א פערדע. טיגען הונד וואס האט צעביסען א סך אנדערע הינד אדער אויף א וואלף וואס האט על פי טעות פערבלאנזעט פון וואלד אין שטאדט אריין... אין די „אבלאוועס" בעווייזט ארויס די רוסישע פאליציי מערקווירדיגע קונצען: זי שלעפט אראב צעשראקענע יודען פון די בוידעמער, האלב נאקעטע פרויען פון די בעטען און פערצווייפעלטע קינדער פון די וויגעלעך, און איהר קאנט בעגעגנען גאנץ אפט א מחנה נפשות ארומגערינגעלט מיט א פאטרול און קאנוואירט פון א הויך ציווילייזירטען טשינאווניק, און איהר שטעלט זיך אב נישט ווילענדיג און בעטראכט דאס דאזיגע בילד און איהר קלעהרט זיך: „וועה-וועה! וויפיעל פערברעכער אין איין נאכט!" צום סוף לאזט זיך אויס, אז די אלע פערברעכער זענען שטילע אונשולדיגע מענשען, וואס זענען געקומען פון בויבעריק קיין יעהופעץ, אדער פון יעהופעץ קיין בויבעריק זוכען פרנסה, קויפען און פערקויפען סחורה, אדער גלאט אזוי אויף א פערזאמלונג פון ציוניסטען... און זיי מארשירען די בויבעריקער, אדער די יעהופעצער פרנסה־זוכער אדער ציוניסטישע דעלעגאטען!! מען פיהרט זיי אין איינעם מיט אלע גנבים, גזלנים און רויבער, וועלכע קלינגען מיט די קייטען, זיי שעמען זיך אויפהויבען די אויגען, ווי אמת'ע גנבים, גזלנים און רויבער, און דער פארבייגעהער שטעלט זיך אב, שאקעלט מיט'ן קאפ און קלעהרט זיך: „יודעלעך גנבים! וויפיעל מע חאפט זיי און מען קאן זיי ניט אויסרוימען! לעבען זאל אונזער פאליציי!"

אויך קעגען פאליטישע פערברעכונגען צייגט זיך ארויס די פאליציי מיט איהר גאנצען ביוראקראטישען שטייגער.

אודאי איז אויף מארגען אין דער פריה, נאך דער געשיכטע מיט די 50,000 פראקלאמאציעס, וואס מאשע באשעוויטש האט אבגעדרוקט, גאנץ פאליציי געווען אויף די פיס, מען האט אויסגעקוקט אויסגענישטערט און אויסגעשטעקט

אַלע ווינקעלעך פֿון דער גרויסער דרוק, אויפֿגעריסען אַלע פּאָדלאָגעס, איבערגעקעהרט אַלע בוידע־ייַ־ער, צענומען אַלע מאַשינעס און אָנגעמאַכט דעם אייגענטהימער אַ סך מעהר היזקות, וויפֿיעל ער האָט געהאַט פֿון מאַשע באַשעווישעס 50,000 פּראָקלאַמאַציעס... דערפֿאַר האָט איהם די פּאָליציי אַוועקגעשטעלט אַ וואַך ביי דער דרוק פֿון עטליכע און צוואַנציג סאָלדאַטען און ער קאָן שוין זיין זיכער, אַז ווען די פֿערבאָרגענע מאַשע זאָל זיין מיט 18 קעפּ וועט זי מעהר קיין פּראָקלאַמאַציעס דאָ נישט קאָנען דרוקען!...

אַזוי האָט דאָס גענומען עטליכע נעכט און די פֿערבאָרגענע מאַשע האָט זיך מיט איהרע קלאָפּער אריינגעכאַפּט אין אַ צווייטען דרוק, האָט אָבגעאַרבייט דאָס זעלבע שטיקעל אַרבייט און האָט איבערגעלאָזט אַ צעטעלע אויפֿ'ן נאָמען פֿונ'ם אייגענטימער, בזה הלשון:

„האָכוויירדיגער אייגענטימער און געעהרטער העrr!
ערלויבט מיר אים נאָמען פֿון דער אָרגאַניזאַציע אויסצודריקען אייך איין פֿאָלשטענדיגען דאַנק פֿאַר די 75,000 פּראָקלאַמאַציעס, וואָס מיר האָבען אָבגעדרוקט אין אייער טיפּאָגראַפֿיע, ענטשולדיגט פֿאַר דעם קליינעם שאָדען, וואָס מיר האָבען אייך געטהון, מיר האָבען אייך צעבראָכען אַ קליין וואַליקעל, מחמת גרויס איילעניש. מיר האָבען מורא געהאַט פֿאַר דער פּאָליציי. גריסט אַלע אייערע מיטאַרבייטער גאָר פֿריינדליך.

מיט האָכאַכטונג מאַשע."

זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז די פּאָליציי האָט געמאַכט איין אָבלאַווע אויך אויף דער צווייטער דרוקעריי, איבערגעקעהרט דאָס גאַנצע הויז ביז'ן דאַך, אָנגעמאַכט היזקות, אַוועקגעשטעלט אַ שטרענגע וואַך אין אָנגעווענדט אַלע מיטלען אויף אויסצופֿאָרשען, אויסצוזוכען און אריינצוכאַפּען די בעהאַלטענע געהיימפֿאָלע מאַשע. און די געהיימפֿאָלע מאַשע האָט אָבגעוואַרט אַ פּאָר טעג, אויסגעקוקט דערווייל אַ נייע גרויסע דרוק אויף אַ דריטע גאַס, אָבגעשטעלט אַ גינסטיגע

ציַיט א יום-טוב, ווען מע ארבּיַיט ניִשט, אריַינגעחאפּט זיִך איִן מיִטען העלען טאָג מיִט די קלאָפּערס, אָבּגעטהון די נייטיִגע ארבּיַיט און איִבּערגעלאָזט בּיַי'ם אָנגעשפּורטען שומר פאָלגענדען בּריִעף:

„ליִבּעסווירדיִגער אייגענטיִכער און פריַינד!

איִך האָבּ די עהרע צו מאַכען איַיך דעם גרעסטען קאָמפּליִמענט: איִך געפּיִן, אַז איַיער דרוקעריַי איִז די בּעסטע פון אלע טיִפּאָגראַפּיִעס איִן פּעטערבּורג. איִן פערלויף פון קארגע דריַי שעה האָבּען מיִר אָבּגעדרוקט און עקספּעדיִרט כמעט 100,000 פּראָקלאַמאַציִעס. איִך מיַין, אַז קיַין בּעסערע רעקלאַמע האָט קיינער ניִשט געקאָנט מאַכען, ווי עס האָט איַיך געמאַכט איַיער גליִקוויִנשענדע און האָכאַכטענדע

מאַשע."

— ווידער מאַשע!! מען זאָל זי געפּיִנען א לעבּעדיִגע אָדער א טוידטע!!

אַזאַ שטרענגען בּעפעהל איִז געגעבּען געוואָרען דער געהיים-פּאָליִציַי איין מאָל פאַר אלע מאָל — און דאָ פאַנגט אָן די ארבּיַיט פון איינעם פון איִהרע טיִכטיִגסטע ארבּיַיטער, פונ'ם געוויִסען יאַשקאַ וואָראָנאָוו, איינער פון די געהיים-אַגענטען, וועלכער שפּיִעלט א בּעדיַיטענדע ראָלע איִן דער געשיִכטע פון דער ציַיט און נאָך מעהר בּעדיַיטענד איִז זיַין ראָלע איִן אונזער אֶמת'ען, ניִשט אויסגעטראַכטען ראָמאַן און מיִר מיינען, אַז יאַשקאַ וואָראָנאָוו פערדיִענט, מיִר זאָלען איִהם ווידמען א בּעזונדערען קאַפּיִטעל.

קאַפּיטעל ה.

דער גרעסטער געהיים-אַגענט („דעטעקטיוו").

די שנאה וואָס הערשט בּיַי אונז צו אונזערע רענע-גאַטען-משומדים וואַכסט, אַזוי דאַכט זיך מיִר, ניִשט פון פאַנאַטיִזם צו דער אמונה אליין, ניִשט דערפאַר. וואָס זיי האָבּען „אויסגעבּיִטען דאָס רענדיִל", נאָר מעהר נעמט זיך

דאָס דערפון, וואָס מייסטענטהייל פערקויפען זיי דאָס יודענטום: מאַכען דערפון עסקים, זאָגען-אויס כלומר'שט פונ'ם חדר, דעקען-אויף געהיימניס, וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, געוויינליך פאַר געלד, נעהמען דאָס אָן, ווי מע זאָגט אין אַמעריקאַ, פאַר „ביזנעס”, מיט איינעם וואָרט זיי פערקויפען דעם יודישען גאָט מיט'ן יודישען גלויבען מיט'ן יודישען פאָלק פאַר אַ טאָפּ לינזען... ווענינגסטענס אַזוי איז דאָס ביי אונז. אין רוסלאַנד ווייסט מען פון דעם סוד און מען האָט דאָס פון תמיד אָן געקאָנט אויסנוצען. איהרע יודישע געהיים-אַגענטען זענען מייסטענטהייל געווען משומדים, אין מאַנכע ערטער זענען זיי נאָך היינט אויך; דאָס איז אַ בעוויז, אַז צום ערגסטען משומד האָט די ביוראָקראַטיע מעהר צוטרויען אַלס צום בעסטען יודען, און דאָס איז אַ כלל, וואָס מעהר צוטרויען פון דער ביוראָקראַטיע, דעסטאָ מעהר פעראַכטונג פונ'ם פאָלק...

אין פלעוועס צייטען האָבען זיך געפונען איינינגע משומדים און אויך איינינגע — ס'זאָל אונז צו קיין שאַנדע ניט זיין — יודען, וואָס האָבען פערקויפט זייער גאָט מיט זייער געוויסען מיט זייער נשמה צו דער ביוראָקראַטיע, וועלכע האָבען געגלויבט אין פלעוועס פראַזע: „איך וועל פערטרייקען די רוסישע רעוואָלוציע אין יודישע בלוט!” פאָן פלעווע האָט גוט געוואוסט, פון וואַנען עס וואַקסט די רעוואָלוציע און אַז יודען האָבען אין איהר נאַטירליכער ווייזע אַ גרויסען חלק, אויב ניט דעם גרעסטען, ווייל דאָס רוב אינטעליגענץ זענען יודען, און וועלענדיג די רעוואָלוציע פערניכטען, האָט ער געשלאָגען בלאַט מיט אַזוינע יודען, וואָס זענען גרייט אויס נויט צו פערקויפען אַלעם וואָס הייליג איז... ער האָט געהאַט פערזענליכע קענטשאַפט צווישען סטודענטען, וועלכע ער האָט פראַקטעזשירט מיט אַבזיכט ער זאָל זיי קאָנען נאָכדעם אויסנוצען צו זיין זאַך... איינינגע פון זיי, די וואָס האָבען געהאַט גאָט אין האַרצען, האָבען זיך צוריק געצויגען, געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד; די אָבער, וואָס

די קאריערע איז ביי זיי פריהער פון אלעם, האבען זיך גע־לאזט פערקויפען צו דער עבודה־זרה, — און איינער פון זיי איז אונזער נייער העלד, וואס מיר האבען די עהרע איך פארצושטעלען איהם, יאשקא וואראנאוו.

אפיציעל אין די דעקומענטען שטעהט ער פארשרי־בען „יאקאוו וולאדימיראוויטש וואראנין, צוויי און דרייסיג יאהר אלט...” דער אמת'ער נאמען זיינער איז: „יענקעל ווארענער”, פון א קליין שטעדטעל ווארענע גראדנער גוב. זיין ביאגראפיע איז אינטערעסאנט און מיר געבען זי איבער אזוי קורץ, ווי ווייט ס'איז נאר מעגליך, און מיר וואלטען געוועזן צופריעדען, אז דאס זאל דיענען פאר א מוסטער פאר די, וואס פערנעהמען זיך מיט לעבענס־בעשרייבונגען פון פערשיעדענע פערזענליכקייטען...

ביאגראפיע פון יאשקא וואראנאוו:

... דער פאטער א מלמד... די מוטער א בעקערין... ביז פינף יאהר געליטען הונגער... פון פינף יאהר געהאלפען ברענגען די קינדער עסען אין חדר אריין, פערדינט א גראשען, געקויפט ביי דער מוטער א בייגעל אויף אנבייסען... פורים געטראגען שלח מנות... זומער געגאנגען בארפיס ביז דרייצעהן יאהר... נאך דער בר מצוה נישט געוואלט דאוונען... געשלאגען פונ'ם פאטער. צעבראכען א האנד... ענטלאפען קיין גראדנא... געשלאפען אין דרויסען... געלערענט פון א משוגענעם רוס־סיש און מאטעמאטיק... געגנב'עט א גמרא אין שוהל, פאר־זעצט פאר א האלבען ברויט... אנטלאפען קיין מיר אין דער ישיבה... זיך פערשטעלט פאר א פרומען, געדאווענט פון פריה ביז נאכט... געגעסען טעג... געגנב'עט שטיקלעך בולקע פונ'ם טיש... שבת געהאפט מיט א פאפיראס אין בית הכסא... געשלאגען... אנטלאפען קיין ביאליסטאק... געווארען א לעה־רער... גענומען א גילדען א וואך פאר 2 שעה אין טאג. געהונגערט... געווארען א חתן פאר א מיידעל טויב אויף

ביידע אויהרען... גענומען פינף און פינפציג רובל גדן... געקויפט א פאר שטיוועל (די ערשטע נייע פאר שטיוועל!) ענטלאפען קיין ווילנא... אפגעגעבען עקזאמען אויף זעכס קלאססען... זיך בעקאנט מיט בונדיסטען... געשריבען דראמעס און זשארגאן... געטראגען פערקויפען צו א פערלעגער... פארגעלעגט א פרייז אויף דער וואג: 2 גילדען א פונט... די דראמעס צעריסען, אנגעשריבען א סאטירע אויפ'ן פערלעגער... געוויזען חברים... אלע ענטציקט... פארפאלען ווי אין א יודיש בלאט... פארפאלען ווי אין וואסער... זיך פעליעבט אין א מיידעל... מאוס ענטזאגט.. זיך געוואלט טרענקען אין ווילייקא... בעקומען א אידיעה, אז דער פאטער איז טויט, די מוטער הונגערט... זיך גענעבען דאס ווארט אויסשטודירען אדוואקאט... אריין אין אפטייק... אפגעוועזען 2 יאהר... געשיקט דער מוטער געלד א רובל א וואך... אויף יום טוב 2 רובל... אפטייקער זיך געטשעפעט, אז ער טיילט ארעמע מיידלעך פארפימען אומזיסט... א אינטריגע פונ'ם אפטייקערס פרוי... ענטלאפען קיין פעטערבורג.. געוואלט שטודירען מעדיצין... שטארק געהונגערט... געוואלט דערשלאגען זיך צום באראן גינזבורג.. אויסגעשטאנען שטונדענלאנג אויף פראסט... געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער פאליציי... ארעטירט... געוואלט ארויסשיקען... מיט'ן עטאפ קיין גראדנא... זיך געטויפט.. פערלארען די האפענונג אויפ'ן באראן גינזבורג... דער מוטער קיין געלד נישט געקאנט מעהר שיקען... אליין אויך געהונגערט... זיך געשטעלט אין ארסענאל פאר איין ארבייטער.. געהערט לעקציעס אין אוניווערזיטעט... זיך געריבען אויף אלע פערזאמלונגען... זיך געקענט מיט אלע סטודענטען און ארבייטער.. די טויפונג פון יודען פערבארגען... געוועזען פערמישט אין א סקאנדאל מיט דינאמיט... שיער נים בעקאנט זיך מיט סיביר... געגאנגען אויף קאמפראמיס, געפאלגט דער געהיים-פאליציי... אויסגעגעבען א פאר חברים, גיך בעפרייט געווארען... געוואלט הענגען זיך... בעקומען איין איינלאדונג פון געהיים-פאליציי... פארגעלעגט

אַ שטעלע אַלס שפּיאָן... דערזעהען דעם ערשטען הונדער־טער... זיך פערליעבט אָן אַ גוי'ע אַ וועשערין... חתונה גע־האַט... האָט 2 קינדער... דיענט נעטריי... די נעהיים־פּאָליציי העכּסט צופרידען... נעקויפט איין אייגען הייזעל... גענהט אלע מאָל העכער... ביי איינינע אַרבייטער פערדאַכטעט... בע־קומען אַ גרוס פונ'ם מלאך המות... היט זיך די ביינער... גענהט די עהרע אַ פּאָר מאָל צו ראַפּאָרטירען פערזענליך פאַר אַ הויכען נאַטשאַלניק... געריידט בלויס פון יודישע איינגעלעגענהייטען... איין מאָל האָט מען איהם אַ פרעג געטהון גלייך: „וועסט ניט פערקויפען אמאָל די רעגירונג צו דיינע געוועזענע גלויבענסגענאָסען?..." אַליין זיך באַלד פערחאַפּט: „ניין, דו וועסט דאָס נישט טהון!..." בעקומען אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין וואַרשאָ... אויסגעפילט זיין מיססיאָן אויפ'ן בעסטען אַרט... בעקומען אַ שענע מתנה מיט אַ שטענדיגען פּאָסטען אין דער געהיים־פּאָליציי פון פּעטער־בורג... ער וואָלט געקאָנט זיין פאָלשטענדיג צופריעדען, ווען די אַרבייטער זאָלען ניט שרעקען מיט'ן טוידט..."

עד כאן ביאָגראַפיע פון יאַשקאַ וואָראָנאָוו.

* *
*

בעקומען אַ טעלעגראַמע פון געהיים־פּאָליציי ער זאָל די רגע קומען, האָט יאַשקאַ וואָראָנאַ פערשטאַנען, אַז דאָ מוז זיין עפּעס זעהר עקסטראַ, געקומען אַהין, האָט מען איהם בעוויזען אַלע דריי בריוולעך געחתמ'עט „מאַשאַ" או אַ פרעג געטהון:

— יאַשקאַ, וואָס זאָגסט דו?

יאַשקאַ וואָראָנאַ האָט בעטראַכט די דריי בריוולעך און מאַכט צום שעף:

— דאָס שרייבט אַ יודיש קינד...

— פון וואַנען נעמסט דו דאָס?

— פון דריי זאַכען: ערשטענס פון דעם, וואָס זי דאַנקט אין יעדען בריעף... דאָס איז אַ יודישע טבע, אַ יוד איז אַזוי

געשלאָגען, אַז ער איז דאַנקבאַר פֿאַר דער מינדעסטער טובה אפילו דעמאָלט ווען יענער האָט דעם דאַנק נישט פֿערדינט... צווישענס רעדט זיך דאָ וועגען רעקלאַמע, געשעפֿט... דאָס איז אודאי אַ יודישע זאַך... דריטענס... אויב ס'איז מיר ערלויבט צו זאָגען אַלעס וואָס איך מיין?...

— דיר איז אַלעס ערלויבט צו רעדען! — ענטפֿערט איהם דער שעף.

— די גאַנצע געשיכטע מיט דעם דרוקען פּראָקלאַמאַציעס דריי מאָל אין די גרעסטע דרוקערייען איז צו קלוג אָבגעאַרבייט, אַז דאָס זאָל שטאַמען ניט פֿון קיין יודען...

דער שעף פֿון געהיים-פּאָליציי האָט נאָר אַראָבגעלאָזט די ברעמען, האָט באַלד אויפֿגעהויבען די אויגען צוריק און אַ זאָג געטהון צו יאַשקאַ וואָראָנאַ פֿעסט:

— וואָראָנאַ! די מאַשאַ זאָל מיר זיין!...

— זייט זיכער — ענטפֿערט איהם יאַשקאַ וואָראָנאַ נאָך אַ האַלבע מינוט טראַכטען — סיידען זי איז שוין ניט אין פּעטערבורג...

— איך וויל דאָס גאָר נישט וויסען! — ענטפֿערט איהם דער שעף און דרעהט זיך אויס צו איהם מיט דער ברייטע פּלייצע, און יאַשקאַ וואָראָנאַ ווייסט וואָס דאָס בעדייט; דאָס בעדייט: „אָדער רויט, אָדער דער טויט"... און ער פֿערלאָזט דעם שעף מיט אַ האַרץ פֿול שרעק און האָפֿנונג און נעהמט זיך צו דער אַרבייט געשמאַק, מיט חשק, מיט ענערגיע, מיט קאָפּ, מיט מח — אַזוי ווי יאַשקאַ וואָראָנאַ קאָן...

קאַפּיטעל ו.

אַ פּירוש אויפֿ'ן פּסוק פֿון שיר השירים.

די ליבע לעזער, ווי דער גרויסער פּערפֿאַסער שמ"ר ואָגט, וועלען מיר מוחל זיין וואָס מיר וועלען אויף אַ קורצער צייט אוועקוואַרפֿען אונזער יאַקאָוו וולאַדימיראָוויטש וואָראָנאָח

אָרער ווי מען האָט איהם גערופֿען איידער ער איז גרויס געוואָרען—יענקעל וואָרנער און וועלען זיך אומקעהרען צו אונזערע אַלטע העלדען.

זאָרגט זיך ניט „ליעבע לעזער", מיר וועלען זיך נאָך אי״ה צו יענקעל וואָרנער אומקעהרען אין א גוטער שעה.

וועגען דעם וואָס איהר וועט ווייטער לייענען זאָלט איהר ניט פֿרעגען קיין שאלות, איהר זאָלט נאָר לייענען מיט קאָפּ אזוי, אַז יעדעס מאָל ווען מיר וועלען זיך אומקעהרען צו אונזערע העלדען, וועלכע מיר שטעלען אַלע מאָל אָב אין אַ זייט, זאָלט איהר געדענקען וואָס זיי לאָזען זיך הערען און וואָס איז מיט זיי דער מעהר. פֿריהער פֿאַר אַלעמען קעהרען מיר זיך אום צו טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל.

קומענדיג אהיים האָט זי ביי זיך אויף דעם טיש געפֿונען אַ בריעף פֿון טאַטען אויף יודיש און אויך איז געלעגען אויף דעם טיש אַ גאַל צעטעלע אויף לשון קודש.

אויף דעם טאַטענס בריעף איז זי אין כעס געוואָרען וואָס ער דרעהט איהר דעם קאָפּ מיט אַזוינע בריעף, און באַלד זעצט זי זיך אַנשרייבען אַ ענטווער דעם טאַטען.

אויסגעזידעלט דעם טאַטען און אַריינגעוואָרפֿען דעם בריעף אין פּאָסט-קאַסטען, איז אונזער טאַמאַראַ'ן אָבגעגאַנגען דער כעס און עס האָט איהר פֿערקלעמט דאָס האַרץ. מיט וואָס האָט דער פֿאָטער פֿאַרדיענט ביי איהר אַזאַ שטרענגען טאָן? וואָס האָט ער איהר אַזעלכעס געשריבען?... און טאַמאַראַ נעהמט אַרויס דעם פֿאָטער'ס בריעף און לייענט איהם נאָך אַמאָל און געפֿינט נישט אין איהם גאָר-נישט, אַ חוץ ריהרענדע נאַאיוויטעט און אונענדליכע פֿאָטער-ליעבע, און זי ווערט אויפֿגעטראָגען אויף זיך אַליין און בייז, בייז אויף זיך און אויפֿ'ן פֿאָטער און אויף דער גאַנצער וועלט, פֿאַרוואָס איז זי געצוואונגען צו שרייבען צו איהרע עלטערען ניט אין דער אייגענער שפּראַך וואָס זיי שרייבען צו איהר? פֿאַרוואָס פֿערשטעהט זי ניט איהר אייגענע פֿאָלקס-שפּראַך—יודיש? און פֿאַרוואָס טאַקי זאָל זי ניט פֿערשטעהן איהר נאַציאָ-

נאל שפראך — העברעאיש? און טאמארא ווייזט דאס געלע צעטעלע דעם בעל-הבית פון איהר קווארטיר (מיט וועלכען מיר וועלען זיך אין גיכען אויך בעקענען). דער בעל-הבית, א יוד א דרוקער און א מאלער און א קינסטלער, א אינטעלי-גענטער מענש וואס פערשטעהט אויך עטליכע שפראך, נאר נישט זיין אייגענע, טהוט אן די ברילען, דרעהט דאס צעטעלע אויף אלע זייטען, און זאגט צו איהר מיט א שמייכעל:

— ס'איז שווער צו פערשטעהן, ווייל ס'איז געשריבען אויף לשון-קודש.

— ענטדעקט אמעריקא!—ענטפערט איהם טאמארא מיט פערדראס. רייסט אויס ביי איהם דאס צעטעלע און חאפט אויף זיך דאס מענטעלע און לאזט זיך געהן אין גאס אהן א ציעל, און נעהמט דעם „איזמפעריאל" אהן א ציעל, און אהן א ציעל פאהרט זי אויף „נעווסקי פראספעקט" אין צו-פעליג בעגעגענט זי זיך מיט א פארשוין, וועלכער איז שוין לאנג איהר אויפ'ן זינען נישט געקומען און וועלכער הערט נישט אויף צו קלערען פון איהר פון דער ערשטער מינוט אן וואס זיי זענען אנגעקומען ביידע קיין פעטערבורג.

— מאנסיע ראפאלאוויטש!

— פריילין שאסטעפאל!

אזוי האבען זיי אויסגערופען ביידע מיט א מאל און ביידע מיט אמאל האבען זיך געלאזט גאלאפירענר אין א שמועס אריין, און א קוואל פון ווערטער, גערעדט, ערואי-נערונגען האט זיך פאר זיי געעפענט, א קוואל וועלכער שעפט זיך קיין מאל נישט אויס, ווי געוועהנליך, אז עס בע-געגענען זיך יונגע קינדער פון איין שטאדט.

זינט סאשא ראפאלאוויטש קען זיך מיט טאמארא שאסטעפאל (און קענען קען ער זיך מיט איהר, ווי מיר ווייסען, פון קינדווייז אויף) האט ער נישט געהאט די זכיה אזוי פיעל צו רעדען מיט איהר, ווי אין דעם דאזיגען טאג, און ער האט קיין מאל נישט געזעהען זי אזוי גוטמוטיג, אזוי פריינדליך און צוגעלאזט צו איהם, ווי איצטיגס מאל. זי

האט איהם אויסגעפרעגט איטליכ̄ם ברעקעל: וואו ער
וואוינט, און וואס ער טהוט, און ווי געהט איהם אין אוני־
ווערזיטעט, און צי האט ער בריעף פון דערהיים, און וואס
מע שרייבט צו איהם, און וואס ער שרייבט צו זיי?...

אויפ'ן זיבעטען הימעל איז געווען סאשא ראפאלאוויטש,
און געגאנגען פארביי די גרויסע הויכע שפיגעלדיגע פענסטער
וואס אויף „נעווסקי" האט ער, ניט ווילענדיג געחאפט א קוק
אלע מאל אויף זיך און אויף איהר, און עס איז איהם דורכ־
געפאלען א מחשבה: „דאס פאריל פאסט זיך זעהר ניש־
קשה'דיג!"...

אמת, אז בטבע איז סאשא א רויטער מיט געלע האר,
וואס ער האט בירושה פון זיין פאטער דעם אפטייקער, מיט
געלע שפריינקעלעך (קלייען) נישט נאר אויף די באקען,
נאר אויף דער נאז און אויפ'ן שטערען און אומעדום... אמת,
אז אויגען האט ער גרויע, ווי ביי א קאטץ, און ברעמען
שיטערע נאר געלע, און די נאז איז שפיצעדיג און אויסגע־
בויגען, און דער אונטערשטער קאסטען ציין איז העכער
פונ'ם אויבערשטען, און אליין איז ער דין און אויסגעצויגען
ווי א לולב, — פון דעסטוועגען אז ער טהוט א קוק אויף זיך
אין א שפיגעל, דאכט זיך איהם אויס, אז... עס קאן זיין
שענערס, נאר ער איז אויך ניט מיאוס. און ס'איז זעהר גוט
אזוי, וואס א מענש איז בלינד אויף זיך, ווארום אז יעדער
איינציגער זאל קאנען זעהען זיך אין שפיגעל פונקט מיט די
זעלבע אויגען, .וואס דער אנדערער זעהט איהם, וואלטען
א סך מיליאנען יונגע מענשען און איבערהויפט פרויען בע־
דארפט נעהמען און אריינווארפען זיך חס־ושלום אין טייך
אריין. און ווייל די מילדע נאטור האט אזוי קלוג בעשאפען
דעם מענשען, אז די גרעסטע מאוסקייט מיינט אז זי איז
רייצענד שיין, דעריבער נעהמט צו ביי דער העסליכסטע פרוי
אויף אויסצופוצען זיך א סך מעהר צייט ווי ביי דער גרעסטע
שענהייט. און דעריבער טראגט סאשא ראפאלאוויטש דאס
שענסטע קאפעלושעל, וואס האט חשק אלע מינוט אראבצו־

שפּרינגען פון זיין רויטען קאָפּ, און דעם טייערסטען שניפּס אויפ'ן האַלז קונציג פערשפּילעט מיט אַ גרויסען פּערל, און אַלעס וואָס ער טראָגט, זינגט דאָס, און עס גלאַנצט, און עס פינקעלט, און עס שעמערירט. אפילו די לאַקירטע שטי־ וועלעך אויף די פּיס זעגען אַזוי קליין, אַזוי שמאָל און מיט אַזעלכע שענע שפּיצען, אַז ס'איז אַ צער בעלי־חיים צו קוקען ווי דער מענש נעבאַך געהט גלייך ווי אויף הייסע קוילען...

פון דעסטוועגען איינס מיט'ן אַנדערען קעהר זיך ניט אָן: סאַשאַ איז אַ וואוילער בחור, בעליעבט פון אַלע חברים סטודענטען, בעליעבט פון די פּראָפעסאָרען, בעליעבט פון אַלעמען, אויסער פון די וואָס זייער עובדא איז טרינקען ביער, טאַנצען אויף בעלער. מאַכען סקאַנדאַלען וכדומה אַזעלכע לומפּעריי'ען. אפילו די סטודענטען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָטש זיי ווייסען אַז סאַשאַ איז אַ פערברענטער נאַציאָנאַליסט (מאַנכע רופען איהם „רעאַקציאָנער”), דאָך אַכטען זיי איהם פאַר זיינע ריינע איבערצייגונגען און פאַר זיין נאָבעלען, עהרליכען האַראַקטער. פון די סטודענטען נאַציאָנאַליסטען שמועסט מען ניט; ביי זיי איז ער דער „לידער”, פּרעזידענט און פיהרער, און ס'איז קיין חדוש ניט וואָס יעדער פון זיינע חברים וועט זיך לאָזען פאַר איהם די פינגער שניידען, ווארום אַלע ווייסען, אַז כאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש איז גרייט פאַר זיי זיך מוסר נפש זיין מיט לייב און לעבען. סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש איז געוועזען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען אָרגאַניזירט די יודישע נאַציאָנאַל־פּאַרטיי אין פּעטער־ בורגער אוניווערזיטעט, דער ערשטער וואָס האָט געגרינדעט אַ יודישע נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, אָבענד־קורסען אויף לערנען די סטודענטען די יודישע נאַציאָנאַל־שפּראַכע, העברעאיש.

— העברעאיש? לשון־קודש? — זאָגט צו איהם טאַ־ מאַראַ — אַך, ווען איך זאָל פערשטעהן העברעאיש!

— קומט צו אונז, מיר וועלען אייך לערנען העברע־ איש! — מאַכט צו איהר סאַשאַ און קוקט איהר אין די אוי־

גען אַרײַן. — איהר פֿערשטעהט דענן גאָרניִשט? קײן אײנציג וואָרט אפילו?

— לײַדער, קײן אײנציג וואָרט אפילו — זאָגט טאַמאַרא — איך װעל אײַך דערצעהלען אַ קוריאָז. איך קום אַנימולטען אַהײם, טרעף איך בײַ מיר אַ געל צעטעלע אויפ׳ן טיש, צװײ שורות לשון-קודש... ניט איך װײס, װאָס דאָרטען שטעהט, ניט איך װײס, װער דאָס האָט געשריבען... װאָס איז מיט אײַך, מאָנסיע ראַפֿאַלאָוויטש?...

װען מ׳זאָל נעהמען צום בײַשפּיעל סאַשאַ׳ס פּנים, גוט אויסשמירען מיט קרײַדען אָדער מיט אײן אַנדער זאַך װאָס ברענט, און מ׳זאָל דאָס אונטערצינדען, װאָלט דאָס ניט בעדאַרפֿט בעסער פֿלאַקערען, װי עס האָט זיך צופֿלאַקערט אין דער מינוט, װאָס טאַמאַרא האָט איהם געצײַגט דאָס געלע צעטעלע מיט די געצעהלטע געהײמפֿאָלע װערטער, װאָס זי פֿערשטעהט ניט זײער בעדײַטונג... ער האָט נישט געהאַט נויטיג צו בעהאַלטען פֿאַר איהר דעם סוד, אָדער מודה זײַן זיך פֿאַר איהר, װער איז דער פֿערפֿאַסער פֿון דעם צעטעלע; מ׳האָט בעדאַרפֿט זײַן אָדער אַ בלינדער אָדער אַ נאַר, מ׳זאָל דאָס ניט אַרויסזעהען פֿון סאַשאַ׳ס פּנים אַז דאָס האָט ער געשריבען דאָס געהײמפֿאָלע צעטעלע... טאַמאַרא איז נאַר נײַגיעריג געװען צו װיסען, װאָס דאָרט שטעהט און װאָס דאָס בעדײַט. און סאַשאַ האָט דאָס איהר מיט אַ קלאַפּענדעם האַרץ און מיט אַ ציטערענדע שטימע ערקלערט און פֿערטײַטש: דאָס איז אַ פּסוק פֿון שיר-השירים:

שמוני נוטרה את הכרמים,
כרמי שלי לא נטרתי —

מ׳האָט מיך געמאַכט פֿאַר אײן אויפֿזעהערין אויף די
װײַנגערטנער, מײַן אײגענעם װײַנגאָרטען האָב איך
פֿערלאָזט...

טאַמאַרא זאָגט איבער דעם פּסוק פֿון שיר השירים עטליכע מאָל אינאײנעם מיט סאַשאַ׳ן, לערנט איהם אויס אויף אויסװעניג, צעלאַכט זיך, פֿערטראַכט זיך און אַ מינוט

נעהמט דאָס שטילשווײַגען, און באַלד הויבט מען אָן צו רעדען איבער דער פֿראַגע פֿון פֿרעמדע און אײגענע גער-טנער, אין עס פֿערקאָכט זיך צווישען זײ אַ לאַנגע, אַ הײסע דעבאַטע איבער דעם, וואָס הײסט פֿרעמדס און וואָס הײסט אײגענס, אײנער דעם אַנדערן וויל איבערצײַגען, איבער-רעדען, איבערשרײַען, ווי געוועהנליך יונגע הײז-קעפּ, וואָס ווײסען ניט, אַז איבערצײַגען אײנער דעם אַנדערען מיט אַ סך ווערטער איז פּונקט אַזוי לײַכט ווי ווײַס מאַכען אַ נעגער מיט אַ סך וואַשען און אַ סך זײַפֿען.

— ווי קאָן, ווי טאָר אַ מענש אויפֿגעבען זײַנע פֿליכ-טען צו זײַן הויז, צו זײַן משפּחה, צו זײַן נאַציע, צו זײַן פֿאָלק אין דער צײַט, ווען דאָס פֿאָלק מיט אַלע זײַנע אידעאַלען שטעהען אין געפֿאַהר, ווען אַלעס קאָכט. ווען אַלע זענען קעגען איהם? — אַזוי האָט ערענסט און געטרײַ געטענ'עט ראַפּאַלאָוויטש און געמאַכט מיט די הענד ווי אַ ווינטמיהל מיט די פֿליגעל, און טאַמאַראַ ענטפֿערט איהם מיט נישט ווינציגער היטץ:

— וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דאָס זשומען פֿונ'ם קלײַ-נעם טײַכעל דאָרטען ערגעץ קעגען דעם ברומען פֿון דעם גרויסען ים, וואָס די חוואַליעס זײַנע האָבען זיך צעשפּילעט און זענען גרײַט אַלעס צו פֿערטרינקען, צו פֿערניכטען, ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט?...

— דאָס קלײנע טײַכעל זאָגט איהר? פֿרײלין שאָסטע-פּאַל! ווײסט איהר, אַז דאָס קלײנע טײַכעל האָט דאָס זעלבע רעכט אויף זײַן עקזיסטענץ פּונקט אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל אײַער גרויסער שטורמיגער ים?

— עקזיסטירט אײַך! ווער לאָזט אײַך ניט? — שרײַט אויס טאַמאַראַ און וויל רעדען ווײַטער, שלאָגט איהר סאַשאַ איבער.

— ווער לאָזט אונז ניט? אונזערע ברעגעס ווערען אַלע מאָל קלענער, דער אַבגרונד פּלאַטשיגער, דאָס וואַסער ווערט אויסגעטריקענט, דאָס טײַכעל ווערט קלענער... ווײסט

איהר איבער וואס? איבער דעם, וואס אבלויפען לויפט אב און צוקומען קומט ניט צו...

— איהר זאגט דאס מיט אזא טראגישען טאן — בעמערקט איהם טאמארא — גלייך ווי עס וואלט שוין קיין גרעסערע צרות מיט גרעסערע אומגליקען אויף דער וועלט ניט געווען! גלייך ווי דאס גאנצע גרויסע לאנד אט דא איז צופרידען, לעבט א גוטען טאג, און נאר איהר... (זי פערהאפט זיך) איך האב געוואלט זאגען נאר מיר, דאס ביסעל יודען, שטעהען שמאל...

— וואלט איהר טאקי וויסען, — חאפט איהר אונטער סאשא מיט פייער — דאס גרויסע לאנד וואס איהר זארגט זיך אזוי פאר דעם, וועט נישט אונטערגעהן; אלע לענדער האבען אין זייער צייט געהאט אויף זיך פאקען און מאזלען און דיפטעריט, און סקארלאטין, און אלע איבעריגע וועהטיגען, וואס א לאנד דארף איבערטראגען ביי'ם איבערגאנג פון איין רעזשים אין דעם אנדערען, פון איין עפאכע אין דער אנדערער... א פאלק אבער, א קליין ארעם פאלק אז עס ווערט פערשלאפט, אז עס האלט ביי אונטערגעהן... א! פריילין שאסטעפאל! פארהאן ביי אונז א שרייבער, איהר האט געוויס זיין נאמען נישט געהערט, ווארום ער איז א יודישער שרייבער... אחד־העם איז דער נאמען זיינער. זאגט אט דער „אחד־העם" ערגיץ אין איין ארט: „א לאנד אז עס ווערט חרוב, קומען אנדערע און בויען אויף דאס לאנד; א פאלק אז עס געהט חרוב ווערען, — ווער וועט דאס בעניייען?"...

טאמארא שאסטעפאל וואלט געמעגט שווערען, אז אויף די גלעלע לאנגע ברעמען פון דעם געלען סאשא ראפאלאוויטש העגנט א טרעהר... צו הייליג איז אזא מאמענט מ'זאל יענעם שטערען מיט א גלעלבטער אדער מיט א שטאכווארט, מענען די מיינונגען זיין פערשידען און ווייט איינס פון דאס אנדערע ווי איירא פון אמעריקא... און דעריבער האלט טאמארא די אויגען אראב און שווייגט א

ווײַלע, ביז דער שמועס ווערט פֿערשטאָרבען און אויף זײַן אָרט ווערט געבאָרען אַ שפּאָגעל-נײַער שמועס; מיט נישט ווינציגער היטץ און פֿײַער וויל אײַנער דעם אַנדערען איבערציינגען, אַז נאָר דאָס וואָס ער דענקט איז ריכטיג, דער אַנדערער פֿערשטעהט גאָר ניט!... און טאַמאַרא מוז זיך מודה זײַן בײַ זיך אין האַרצען, אַז סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש איז גאָר ניט אַזוי קאָמיש ווי זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט ביז אַהער... און פֿון סאַשאַ'ן רעדט מען ניט: ער וואָלט וועלען, אַז דער שמועס זאָל זיך ציהען און ציהען, און אַז דער טאָג זאָל זיך קײן מאָל ניט ענדיגען, און אַז דער „ניעווסקי פּראָספּעקט“ זאָל זיך קײן מאָל נישט אויסלאָזען... אַ! ליבע זיסע יוגענד! דאָס ביזט דו — איך האָב דיך דערקענט!...

. . . .

און אַז דאָס יונגע פּאָר האָט זיך געזעגענט און געשײדט, איז שוין געווען דער פּראָספּעקט לאַנג אײַנגעטונקען אין עלעקטריציטעט-ליכט און אַ ווײכער, וואַרעמער, געדיכטער שנײ האָט געפּאָראָשעט פֿון אויבען און געדרעהט זיך אין דער לופֿטען אויף דער ליכטיגקײט פֿון די עלעקטרישע זונען און האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי פֿעדערען פֿון נאָר וואָס אויפֿגעריסענע קישענס און פּערענעס, און וואַנקים מיט שליטעלעך זענען געלאָפֿען הין און צוריק, געקאָנקורירט מיט די אויטאָמאָבילען-שנעליגקײט, און אַ פּרײליכער, אַ ברײטער, אַ רוסישער „וויאָ“ האָט זיך געלאָזט הערען פֿון די וואַרעם-געקלײדעטע קוטשערס מיט די ברײטע הינטענס און מיט די פֿיער-עקעכיגע המנ'טאַשען אויף די קעפּ.

— וועט איהר נישט פֿערגעסען דעם פּסוק פֿון „שיר-השירים“? — זאָגט סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש צו טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל, שוין האַלטענדיג איהר האַנד אין זײַן האַנד.

— דעם פּסוק וועל איך געדענקען — ענטפֿערט איהם טאַמאַראַ — נאָר מיט אײַער קאָמענטאַריעס מיט אײַער פּירוש בין איך קײן מאָל נישט געווען און וועל קײן מאָל נישט זײַן אײַנפֿערשטאַנדען, וואָרום דער ווײַנגאָרטען, וואָס

מיר גענהען אויפֿזעהען און בעארבייטען, איז אונזער אלעטענס גארטען ...

— אהן א שום אונטערשיעד? — פֿרעגט זי סאשא איבער נאך א מאל — אהן א שום „קראמיע יעווריעוו"? (אויסער יודען).

— אהן א שום „קראמיע יעווריעוו"! — ענטפֿערט איהם טאמארא פֿעסט און מיט פֿולע איבערצייגונג — שוין! עס האבען זיך אויסגעלאזט יענע פֿינסטערע צייטען פֿון „קראמיע יעווריעוו"! ווי זאגט ער, דער פאעט: „לאזען בלאזען מארצאווע ווינטען, לאז בושעווען דער אפריל, — דער מאי וועט מוזען קומען"! הערר ראפאלאוויטש! אנדערע צייטען טרעטען איין, צייטען, ווען דאס פֿאלק אליין וועט נעהמען די לייצעס אין די הענד און אויפ'ן וואגען וועלען זיצען אלע גלייך. קיינער וועט נישט פֿרעגען, וואו איז יוד, וואו איז ניט יוד, ווי א בייזער חלום וועט אוועק דאס אלעס אין דער פֿערגאנגענהייט! פֿערשרייבט אייך נאר וואס איך זאג אייך, ראפאלאוויטש, אז ניט שפעטער פֿון די ערשטע טעג פֿונ'ם קומענדיגען חודש וועט אונזער לאנד אויפֿמישען א נייעס בלאט אין דער גרויסער וועלט-געשיכטע... אדיע!

— פֿון אייער מויל אין גאטס אויערן, — ענטפֿערט איהר סאשא ראפאלאוויטש מיט א זיפֿץ, — און דאס יונגע פארעל צוגעהט זיך, יעדער אין זיין וועג, יעדער מיט זיינע געדאנקען, מיט זיינע האפֿנונגען, מיט זיינע אידעאלען.

קאפיטעל ז.

די קאטץ לויפֿט נאך דער מויז.

דער געהיים-אגענט, אונזער גוטער בעקאנטער יאשקא וואראנא, האט זיך מודה געווען שפעטער אין א צייט ארום, אז אזא שווער שטיקעל ארבייט ווי די „טאשא" האט איהם

פערגעבען האט ער נאך נישט געהאט קיינמאל און אז ער וועט זי האבען צו געדענקען ווי לאנג ער וועט לעבען!... אז עס האט זיך געשלאסען די ציוניסטען-פערזאמלונג ביי די פעטערבורגער „בני ציון" (וואו ער האט נאכגעפארשט מאשא'ן) און אלע זענען זיך צעגאנגען אהיים, האט זיך יאשקא געלאזט פיס-טריט נאך מאשא'ן, וועלכע איז געגאנגען ניט אליין, נאר מיט א גאנצע חאליאסטרע פערעהרער, וואס האבען זי ארומגערינגעלט און ארומגעטאנצט ווי חסידים ארום א רבי'ן. אלע מאל האבען זיך חברה אבגעשטעלט און גערעדט און געדיסקוטירט און געאמפערט זיך איבער ציוניזם, טעריטאריאליזם, מארקסיזם, סאציאליזם. — און אונזער יאשקא האט נעבאך געמוזט אויסשטעהען אויף דער קעלט און איבערווארטען ביז דער עולם וועט זיך צעגעהען אהיים. און דער עולם אבער האט, ווי עס ווייזט אויס, געהאט צייט; אריינגעגאנגען אין א קאפע עפעס נעהמען אין מויל אריין, — יאשקא האט אויך געמוזט נאכגעהען, א ברירה האט ער געהאט! ביז גאט האט זיך אויף איהם דערבאַרעמט און „מאשא" האט ענדליך גענומען א דראשקע און געהייסען זיך פיהרען אויף איינע פון די פינסטערע געסלעך פון דער גרויסער שטאדט פעטערבורג. זעלבסטפערשטענדליך, אז יאשקא האט באלד אויך גענומען א דראשקע און האט זיך אויך געהייסען פיהרען אויף דער זעלבער גאס, און אז מאשא האט זיך אבגעשטעלט. צעצאהלט זיך, אראבגעקראכען, אנגעקלונגען און אריינגעגאנגען אין הויף אריין, האט אונזער אגענט אבגעווארט א ווייל'ע, אנגעקלונגען צום דווארניק, אריינגעגאנגען אין הויף אריין, בעוויזען דעם דווארניק זיין אגענט-צייכען און געהייסען זיך ווייזען די ביכער, וואו עס ווערען אריינגעשריבען אלע די וואס וואוינען דא אין הויף. יאשקא האט דורכגעבלעטערט אלע ביכער עטליכע מאל הין און צוריק און נישט געפונען דעם נאמען מאשא באשעוויטש אין ערגעץ! יאשקא ווארגא האט אנגעהויבען צו פערלירען זיין גערולד, זיך גענומען צום שומר,

אויספרעגען בײַ איהם, װער איז דאָס מײדעל מיט די אונ=
טערגעשאָרענע האָר װאָס האָט ניט לאַנג אָנגעקלונגען און
אַרײַנגעגאַנגען?

— אָט װײסט זײ דער שװאַרצער יאָהר! — האָט דער
פֿערשלאָפֿענער דװאָרניק געענטפֿערט — קאָרג שדים קלינ=
גען דאָ איבער אַ נאַכט, מ'זאָל זיך זײ אַלע אָנגעדענקען!...

כבקרת רועה עדרו — װי אַ פּאַסטוך קאָן צעהלען זײַנע
שאָף, אַזױ קאָן די געהײם=פּאָליצײ צעהלען יעדען טאָג אַלע
אײַנװאָהנער, אָנרופֿען זײ אַלע בײַ די נעמען, װיסען װיפֿיעל זײ
זענען אַלט, און צי זענען זײ בעװײַבטע, און װיפֿיעל קינדער
האָבען זײ, צי זכרים צי נקבות, און װאָס טהוען זײ, און
װאָס דענקען זײ און װאָס טראַכטען זײ בשעת זײ ליגען בײַ
זיך אויפ'ן געלעגער — אַלעס, אַלעס מוז זי װיסען און
טאַקי פֿון זײער טובה װעגען!... מערקװירדיג און שכל'דיג
איז אײַנגעריכטעט די דאָזיגע ריזיגע מאַשינע, װאָס קאָנ=
טראָלירט דאָס לאַנד פֿון עק צו עק מיט איהר זעלטענעם
פּאַספּאָרט=סיסטעם, װאָס מיט דעם האָט זי איבערשטיגען
אַלע ציװיליזירטע לענדער און אַלע פֿאָרטגעשריטענע פֿעל=
קער, װאָס בעריהמען זיך מיט זײער ציװיליזאַציע און מיט
זײער רײַכע קולטיר! װאו האָט איהר נאָך אַזאַ לאַנד אויף
דעם גאַנצען ערד=קוגעל, װאו יעדער מענש איז פֿעררעגעס=
טרירט, אַרײַנגעטראָגען אין אַ בוך אונטער אַ בעזונדער
נומער און לאָז ער װעלען זיך אַ ריהר טהון פֿון אָרט,
אַרויספֿאָהרען אײן מײל פֿון זײן שטאָדט אין אײן אַנדערער —
מוז ער שוין צײַגען אַ פּאַס, און צײגט ער ניט קײן פּאַס,
װערט ער ניט אַרײַנגעלאָזען אין קײן האָטעל, אין קײן הויף,
סײַדען נעכטיגען אונטער גאָטס הימעל. און װער שמועסט
אחינו בני ישראל — מיר האָבען נאָך מעהר זכיות און פּרי=
װילעגיעס פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער. מיר זענען בײַ דער רע=
גירונג אַזױ טײַער, אַזױ ציטעריג, אַז פֿון אונזערט=װעגען האַלט
מען אַ גאַנץ בעזונדערען שטאַט מיט מענשען, אַזױ אַז אין
יעדער אַנשטענדיגער שטאָרט טרעפֿט איהר אין דער פּאָלי=

ציי א בעזונדערען דעפּאַרטאַמענט, וואָס רופט זיך מיט'ן נאָמען „יעווריייסקי סטאָל" („דער יודישער טיש"). געבענשט זאָל זיין דער קאָפּ, וואָס האָט אויסגעטראַכט אָט דעם קלוגען אויסגעצייכענטען פּאַספּאָרט-סיסטעם נאָר דערפאַר אַליין, וואָס פאַר עגונות זענען ביי אונז יודישע טעכטער בעוואָרענט. למשל אין דעם פריי'ען אַמעריקאַ, אַז אַ מאַן וואַרפט איין אומ'חן אויף זיין ווייב, הויבט ער זיך אויף און פאָהרט אַוועק אין איין אַנדער געגענד — און רוף מיך קנאַקניסעל—געה זוך דעם נעכטיגען טאָג! ציי גלאַט אַזוי פון בעקוועמ-ליכקייט אַליין: למשל לאָמיר נעהמען דאָס פריי'ע פאָר-געשריטענע לאַנד אַמעריקאַ. איך האָב דאָ אַ בעקאַנטען און אַ גוטען בעקאַנטען, אַ פריינד קאָן מען זאָגען און אַ שטיקעל קאָללעגאַ; ער איז אַ פּערפּאַסער, שרייבט ראָמאַנען, געוואַלדיגע, איבערשפּאַנענדע, הימעל-שרייענדע, מיט שרעק-ליכע נעמען און מיט מורא'דיגע בילדער, וואָס אַקעגען נאַכט איז געפעהרליך זיי צו לייענען... זוך איך איהם און זוך איהם און קאָן איהם נישט געפינען... בין איך געגאַנגען אין „פּאָליס-סטיישאָן", מיטגענומען אַ יודישען „פּייפּער" מיט די פּאָרט-רעטס פון זיין לעצטען גוואַלדיגען איבערשפּאַנענדען הימעל-שרייענדען ראָמאַן און האָב זיי געצייגט און געפרעגט: וואָס פאַר אויסקינפטע קאָנען זיי מיר געבען איבער דיזען פּער-פאַסער? האָבען זיי אויף מיר אַ קוק געטהון און געגעבען אַ זאָג: „גאָ-אָן" — געה געזונד — קורץ און שאַרף.

נאָר אַזוי ווי איטליכע גוטע זאַך מוז האָבען אויך אַ חסרון (אויף דער זון, זאָגט מען, געפינען זיך אויך פלע-קען) האָט דאָס בערימטע פּאַספּאָרט-סיסטעם דעם חסרון, וואָס דאָס רוב בעאַמטע זענען ביי אונז, ניט אַזוי כשר אויף דער האַנד און די דוואָרניקעס, במחילת כבודם, האָבען ליעב דעם טרונק — און דאָ ליגט דער הונד בעגראָבען! מיט די צוויי כחות, מיט געלד און מיט אַ ביסעל בראָנפען קאָנט איהר דורכגעהן דאָס גאַנצע לאַנד, איהר קאָנט בעגעהן די גרעסטע פערברעכען אונטער צוואַנציג פערשידענע נעמען.

צו פערדאנקען די צוויי כחות, געלד און בראנפען, קאן מען זיך צעפיהרען די הענד, ארבייטען אויף אלע כלים, טהון מעשים אשר לא יעשו! חאפט מען אייך איז אודאי שלעכט, אבער ביז מ'חאפט!... יאשקא וואראנא האט אויף זיך געריסען די האר, געשריגען, געבייזערט זיך אויפ'ן דווארניק, געזאגט אז ער וועט איהם ארעטירען.

— וואס ביזט דו פאר א דווארניק—האט ער צו איהם גע'טענה'ט,—אז דו ווייסט ניט, וואס ביי דיר אונטער דער נאז טהוט זיך?!

— פאלג מיך, טייערער, סאי ווי סאי וועלען מיר שטארבען, לאמיר נעהמען צו ביסלעך בראנפען!—האט איהם געענטפערט דער עהרליכער שומר און האט זיך בעלעקט נאך פריהער, איידער דאס פלעשעל איז נאך געשטאנען אויפ'ן טיש.

יאשקא האט ארויסגעזעהן, אז ער וועט מיט דעם שכור גארנישט מאכען, האט ער זיך גענומען גריבלען אין די ביכער און געפונען דעם נאמען משה מאלקין... און עס האט איהם געגעבען א בלישטשע איין געדאנק—מאלקין?.... איך וואלט געמעגט שווערען, אז דעם נאמען מאלקין האב איך געהערט פון איהר בשעת זי האט זיך געזעגענט מיט איהרע בעגלייטער—דאס איז נומער איינס. צווייטענס איז מיר דער נאמען מאלקין זעהר קענטליך...

און יאשקא טהוט זיך א רייב דעם שטערען און א נייע אידעע בעלייכט איהם דעם פנים:

— א??? דאס איז דאך מאלקין דער טינטענמאכער! יא, ס'איז ער! ס'איז ער!... איך האלט א וועטע, אז ביי איהם, ביי דעם שלים מזל, בעדארף זיך געפינען אט די מאשא באשעוויטש... יעדענפאלס ביי איהם וועל איך שוין עפעס געוואהר ווערען... א, ביי איהם וועל איך שוין אויסטאפען מעהרער ווי מע בעדארף...

און מיט דעם געדאנק איז דער אגענט אוועק א צופריעדענער צו זיך אהיים.

קאפיטעל ח.

מאלקין דער טינטענמאכער.

מאלקין דער טינטענמאכער איז איינענטליך א יוד א סוחר; ער האט זינט ער לעבט ביז היינטיגען טאג, קאן איך אייך שווערען, נישט נאר ניט געמאכט אליין קיין טראפּען טינט, איך האב מורא אז ער האט נאך אפילו ניט געזעהען ווי אזוי מען מאכט טינט... אין פלוג קומט דאס אוים אפילו פריקרע, נאר מען דארף דאס פערשטעהען.

פאר אונז, קינדער ישראל, האט מען אויסגעארבייט אין פערלויף פון א גאנצען יאהרהונדערט אלפי אלפים כללים, דינים און געזעצע ספּעציעל פון אונזערטוועגען, אבגעגרענצט פאר אונז, יודען, ערטער, וואו מיר מעגען שטעהן נאר ניט זיצען, וואו מיר מעגען שטעהן און זיצען נאר ניט ליגען און פערקעהרט, אזעלכע ערטער, וואו מיר מעגען ליגען נאר ניט שטעהן און ניט זיטצען... צום ביישפּיעל אין די גרויסע שטעדט פעטערבורג, קיעוו, מאסקווא, מעגען וואהנען נאר פּריווילעגירטע יודען און בעל-מלאכות. וואס-זשע טהוט איהר אבער, אז איהר זענט נישט קיין פּריווילעגירטער און נישט קיין בעל-מלאכה? איז דא איין עצה: איהר ווערט א בעל-מלאכה... און א בעל-מלאכה ווערט איהר דורך אזא רעצעפּט, נעמליך: איהר שיקט אוועק אין א קליין שטעדטעל אריין, וועלען מיר זאגען אין כתרילעווקע, אין דער רעמעסלענע אופּראווע, אייער פּאס מיט עטליכע רובל און בעט מען זאל אייך מאכען פאר א טינטענמאכער, אדער עסיגמאכער, אדער שוהוואכסמאכער, איז שוין אין כתרילעווקע פאראן אזא יוד א „מאכער", וואס „מאכט" טינטענמאכערס, עסיגמאכערס און שוהוואכסמאכערס, קומט אייך אן אין דער פּאסט צוריק א פּאפּיער מיט א גאלדענעם אדלער, אז אין אזא און אזא טאג האט איהר זיך געשטעלט אין כתרילעווקע צום עקזאמען און האט געמאכט טינט, און די אופּראווע האט געפונען, אז אייער טינט מאכען איז גאר א הריפות, און האט

אײַך אנערקענט אַלס בעל־מלאכה ערשטען ראַנגעס און האָט אײַך ארויסגעגעבען אײַן אַטעסטאַט, און מען האָט זיך אָבגעחתמ'עט און פערזיגעלט מיט'ן אָדלער ווי עס געהער צו זײַן, און איהר קומט מיט דעם „אַטעסטאַט" קײַן מאָסקווא; קײַן קיעוו אָדער קײַן פעטערבורג, און איהר מעלדעט אײַך אײַן אין דער פּאָליציי אַלס בעל־מלאכה, און הענגט אַרויס אַ שילד אויף דער טהיר: משה מאַלקין טינטענמאַכער פון כתרילעווקע — און געה לאָד מיך! די פּאָליציי ווייסט גאַנץ גוט פון דער מאַכעריי. זי האָט שוין געפּרובירט מאַכען רעוויזיעס, רופען די טינטענמאַכערס מיט די עסיגמאַכערס מיט די שוהוואַכסמאַכערס נאָך אַמאָל צו'ם עקזאַמען. האָבען די בעל מלאכות געגיבען אַ שמיר־אונטער, און ס'איז אויסגעוואַכסען אין פערלויף פון אײַן האַלבע שעה עפּעס ווי דורך אַ כישוף אין דער פּאָליציי אַ פולע קאַמער מיט די שוואַרצסטע טינטען און מיט'ן זויערסטען עסיג און מיט פעטסטען שוהוואַכס — דער פּאָליצמייסטער מיט די טשינאָווניקעס האָבען זיך גאָרנישט געקאָנט גענוג אָבלויבען!

מאַלקינען האָט שוין דאָס לאַנג געצויגען קײַן פעטערבורג; נאָר זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה מיט יאַפּאַן, האָט ער נישט גערוהט, גערעדט טאָג ווי נאַכט פון מיליאָנען, פערלאָזט אַלע געשעפטען, פערקויפט די שטוב מיט האַק און פּאַק, צונויפגעשלאָגען עטליכע טויזענד רובל און מאַרש מיט'ן ווייב און מיט די קינדער קײַן פעטערבורג.

געקומען צופאָהרען אַ נײַער מענש אין אַ גרויסער שטאָדט, האָט ער קודם אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן אויף דער בערזע, אין „קאַפע דע פּאַרי". דאָרטען זעהט מען זיך דאָס אָן מיט אַ וועלט מיט מענשען! דאָרט ווערען געמאַכט טויזענדער געשעפטען: ברויט, און קוילען, און אימעניעס, און האָלץ, און הײַזער, און וואָס נית! מאַלקינען אָבער האָבען די אַלע מסחרים נית געשמעקט. איהם האָט געצויגען אַהין אין דער מאַנדזשוריע, אויף דער שלאַכט מיט יאַפּאַן, דאָרט דאָרט ליגען די מיליאָנען!!

— ווייסט איהר ניט — פרעגט מאלקין אין „קאפע דע פארי" — וואו מאכט מען די געשעפטען מיט דער ארמעע, מלחמה-געשעפטען.

— מלחמה-געשעפטען? — ענטפערט מען איהם — אהא? נאך וואסערע געשעפטען!.. געלד האט איהר?

— פארהאן אביסעל געלד — זאגט מאלקין.

— וואס הייסט ביי אייך אביסעל? א פאר הונדערטער? מיט אזעלכע געלדען קאן מען אין פעטערבורג קיין געשעפטען ניט מאכען, ובפרט נאך אצונד, אין מלחמה צייט. איהר זאלט האבען חאטש עטליכע טויזענד רובל, איז עפעס אנדערש!..

— עס וועט זיך געפינען עטליכע טויזענד רובל — מאכט מאלקין, אבי נאר עפעס א רעכט געשעפט, ס'זאל זיין רעאל.

— רעאל זאגט איהר? מיר האבען פאר אייך א רעאל געשעפט... וואו וואוינט איהר?... אפשר וועט איהר טרינקען א גלאז טעע? עי! טשעלאוועק! טשאיו! טרי סטאקאנא טשאיו!

פון דעם געשפרעך זעהט דער לעזער ארויס, אז אונזער טינטענמאכער האט געהאט צו טהון מיט צוויי פארשוינען. בעדארף מען זיי פארשטעלען. די נעמען זייערע ווייס איך ניט און עס איז ניט וויכטיג. איינער איז א הויכער, א טרוקענער, מיט א פערזארגט פנים. דער אנדערער איז אדרבה פערקעהרט א נידעריגער, א פייכיגער און א לעבעדיגער פארשוין. דער „פערזארגטער" איז א ווינציגער רעדנער, ס'איז ביי איהם צו קויפען א ווארט. דער „לעבעדיגער" איז אדרבה פערקערט א גרויסער פלאפלער, שיט מיט ווערטער און מיט גלייכווערטלעך און איז א גוטער ברודער ביז לעצט, איז גרייט יענעם זיין נשמה אוועקגעבען, ובפרט נאך א פרעמדען! (אזוי זאגט ער אליין אויף זיך און דער צווייטער פארשוין, דער „פערזארגטער", שאקעלט צום זיי'ן

קאָפּ.) אונזער טינטענמאַכער זיצט קוים איין. ער וויל אַ געשעפט, ער חלשט!

— הקצור, זאָגט צו זיי מאַלקין, לאָמיר שוין האַרבען וואָס פאַר אַ געשעפט איהר האָט פאַר מיר?

— ס'איז שוין איין מאָל אַ געשעפט! — זאָגט דער „לעבעדיגער", און דער „פערזאָרגטער" שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ מיר האָבען אַ גענעראַל האָבען מיר, אָבער אַ גענע־ראַל, זאָג איך אייך!...

און דער „לעבעדיגער" מאָלט אויס וואָס פאַר אַ גענעראַל זיי האָבען, אַ גאָלד, ניט קיין גענעראַל. צולענט דאָס אויף צעהן טעלערלעך, דערצעהלט אַלערלעי גוזמות, וואָס ווען דער „פערזאָרגטער" זאָל ניט צו־שאָקלען אַלע מאָל מיט'ן קאָפּ. וואָלט מאַלקין חלילה אריינ־געפאַלען אין אַ ספק, צי איז דאָס נישט קיין ליגען... מאַלקין הויבט שוין איין מאָל אָן אַרוים פון די כלים:

— מילא פונ'ם גענעראַל האָבען מיר שוין געהערט, אַצונד לאָמיר האַרבען דאָס געשעפט!

— דאָס געשעפט? האָט צייט אַ ביסעל, לאָמיר פריהער איבערשמועסען מיט אונזער גענעראַל. נאָכדעם וועלען מיר אייך שוין זאָגען, צי ס'וועט געהן, צי ס'וועט ניט געהן; איהר האָט דאָך צו טהון ניט מיט קיין יודען ס'איז דאָך עפּיס אַ גענעראַל, און נאָך וואָסער אַ גענעראַל! זאָג איך אייך!...

אזוי זאָגט דער „לעבעדיגער", און דער „פערזאָרגטער" שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ, און עס בלייבט ביי די דריי, אַז מאָרגען פריה אַרום זייגער צעהען זאָל מען זיך צונויפקומען ווידער אַלע דריי דאָ, אין „קאַפע דע פּאַרי", — און מיט דעם צוגעהט מען זיך.

קאַפּיטעל ט.

מאַלקין פֿאָהרט מלחמה האַלטען מיט יאַפּאַן.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה, פּונקט זייגער 10, זענען אונזערע צוויי אונבעקאַנטע פּאַרשוינען, דער „לעבעדיגער" מיט'ן „פֿערזאָרגטען", צוגעפֿאָהרען צו „קאַפֿע דע פּאַרי" און האָבען שוין געטראָפֿען מאַלקינען זיצען ביי א ווייס מאַרמאָרען טישעלע און טרינקען טעע. דערזעהען די צוויי פּאַרשוינען, האָט אונזער מאַלקין אויפֿגעלעבט. ער האָט מורא געהאַט, א קשיא אויף א מעשה — טאָמער האָבען זיי פֿערגעסען דעם זייער געוונד?

— איהר זענט פּינקטליך ווי א זייגער. — זאָגט צו זיי מאַלקין.

— געשעפֿט פֿאָדערט מען זאָל זיין פּינקטליך, — מאַכט דער „לעבעדיגער", און דער „פֿערזאָרגטער" שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ. — מיר זאָלען ניט זיין פּינקטליך, וואָלטען מיר דאָך קיין געלד נישט פֿערדיענט... עה! טשעלאָוויעק! טשאַיו!... הכלל איצט קאָנען מיר אייך שוין זאָגען, וואָס דאָס געשעפֿט איז. נאָר קודם דאַרפֿען מיר אייך שטעלען א פֿראַגע, איהר זאָלט קיין פּאַראיבעל ניט האָבען: כדומה למשל צום ביישפּיעל נאָרימער עס זאָל זיך אייך טרעפֿען אזא געשעפֿטעל וואָס איהר מוזט פֿאָהרען קיין חאַרבין, דאָס הייסט גלייך אין דער מלחמה מיט יאַפּאַן, וואָלט איהר געפֿאָהרען?

— א שענע מעשה! — זאָגט מאַלקין און טהוט אזש א שפּרונג-אונטער אויפֿ'ן בײנקעל — צו וואָס דען בין איך אהער געקומען? איך רייס מיך פֿון דער ערשטער מינוט אָן אין דער מלחמה אריין, זאָגט איהר גאָר דאָס.

— וואָס זשע? איהר זענט טאַקי אזוי ביז אויף יאַפּאַן? וואָס האָבען זיי אייך געטהון? — מאַכט צו איהם דער „לעבעדיגער", און דער „פֿערזאָרגטער" שענקט א שמייכעל (דער ערשטער שמייכעל פֿון זינט זיי קענען זיך!)

— חס וחלילה! וואָס האָב איך צו יאַפּאַן? — זאָגט

מאַלקין

— מען פערשטעהט, אז צו יאפאן האט איהר גאר ניט, איהר זאלט דאס האבען צום רב. איהר וואלט גאר א בעלן געוועזן פערדינען; אלע שלעפען פון דער מלחמה געלד, פאר וואס זאלט איהר אויך ניט א לעק טהון?

— אלזא, מיין ליעבער יוד, מיר געהען איבער צו געשעפט: הנה זייט וויסען, אז מיר האבען זיך געזעהען מיט אונזער גענעראל, דאס געהען מיר פון איהם טאקי. אוי! א גענעראל! א גאלד נישט קיין גענעראל! מען קאן מיט איהם אבמאכען איצט א געשעפט, און א גאלדען געשעפט. ער טרעט ארויס, דער גענעראל הייסט דאס, גאר אין גיכען מיט זיין דיוויזיע אין מאנדזשוריע, קיין חארבין וועט מען דארפען האבען פלייש, אקסען הייסט דאס. ער האט שוין אלע אינסטרוקציעס אפילו מיט א טאקסע אויף פלייש מיט אלע מיט אייננאנדער. האלט ער אצונד אין אונטערהאנדלונג וועגען אקסען מיט איינעם א פאני. האבען מיר איהם קלאר געמאכט: וואשע, זאג איך, פרעוואסחאדיטעלסטווא! וואס טויג דיר, זאג איך, פריץ, האבען צו טהון, זאג איך, מיט פאנין וואס ווייסט נאר זיך, א מעהר, זאג איך, אט, וועלען מיר דיר ברייננגען, זאג איך, א יודען. וואס פערשטעהט, זאג איך, אז ער דארף פערדיענען און יענער אבער דארף אויך פערדיענען.

— נו, וואס זשע האט ער געזאגט, אייער גענעראל?

— וואס זאל ער זאגען? ער זאגט, אז ער האט, זאגט ער, טאקי דערפאר ליעב תמיד האבען בעסער צו טהון, זאגט ער, מיט א יודען, איידער, זאגט ער, מיט א גוי, און דערפאר טאקי איז ער נאך יודען, זאגט ער, די כפרה, זאגט ער...

— ווען זשע דארפען מיר ביי איהם זיין?

— באלד, דאס הייסט ניט באלד, נאר אין א שעה ארום. איהר ווייסט ניט? א גענעראל, ביז ער טהוט זיך אן אין דער גאנצער אוניפארם; עס איז דאך עפעס א גענע-ראל, און נאך וואסער א גענעראל! זאג איך אייך!..

און דער „לעבעדיגער“ הערט ניט אויף צעליינען דעם גענעראל אויף צעהן טעלערלעך, דערצעהלט פון איהם נוזמות מיט מעשיות מיט אנעקדאטען, און דער „פערזארגטער“ שאקעלט צו מיט׳ן קאפ.

און אט אזוי געהט אוועק די שעה, און אלע דריי טהוען זיך א חאפ-אויף, אלע ווילען צאהלען פאר דער טיי, דער „לעבעדיגער“ לאזט נישט קיינעם צאהלען, צערעבענט זיך אליין און טהוט א חאפ מאלקינען...

— יא, גוט, איך האב מיך דערמאנט, וואס וועט זיין, טאמער שלאגט ער צו מיט אייך, דער גענעראל הייסט דאס, און מע דארף האבען א פאר טויזענד רובל אויף דער האנד; מע קען דאך מיט איהם גלאט אזוי אויפ׳ןווארט קיין געשעפט ניט שליסען, מע האט דאך צו טהון ניט מיט קיין יונגעלע, עפעס א גענעראל איז ער זיך דאך...

— אין דעם איז קיין מניעה ניט — זאגט מאלקין — לאז נאר גאט געבען דאס געשעפט זאל זיין א געשעפט, דאס איז דער עיקר.

און אלע דריי נעהמען א פאעטאן און מע פאהרט צום גענעראל.

צוגעפאהרען צו א גרויס שען הויז אויף א גאס, וועלכע אונזער העלד מאלקין האט פערגעסען צו בעמערקען, וואס פאר א נאמען זי טראגט, איז דער ערשטער אראבגעשפרונגען דער „לעבעדיגער“, אנגעקלונגען אין דער טיר, אויף וועלכע מאלקין האט מיט פערגניגען איבערגעלייענט אויף א גלענצענדעם ברעטעלע א גלענצענדע אויפשריפט:

„גענעראל א. פ.

יאסטרעמבסקי-שטשופאקין“.

— א צווייענדיגער נאמען — האט איהם א בורקע געטהון שטילערהייד אויפ׳ן אויהער דער „לעבעדיגער“, וועהרענד א סאלדאט אין א ווייס העמדעל מיט רויטע פאסען מיט פעט בעשמירטע האר האט אראבגעצויגען זעהר געשווינד פון אלע דריי די אויבערפאלטענס און א וויי געטהון

מיט דער האנד אויף א הויכער טיר מיט א גלעזערנער גאלקע און א זאג געטהון מיט א שמייכעל:

— פאזשאלטיע!

— יהודי בלא! — האט דער „לעבעדיגער" איינגערוימט מאלקינען א סוד געהעהנדיג — איהר זאלט נאר וויסען ווי אזוי זיך מיט'ן אדון צו האלטען... נישט דבר'ען קיין איבעריגע און אז איהר וועט נתנ'ען מעות זאלט איהר בעטען א געשריפטס...

און אזוי האבען אונזערע דריי פארשוינען אריינגעטרעטען צום גענעראל יאסטרעמבסקי-שטשופאקין אין קאבינעט אריין. אויבען אן ביי א הויכען שרייב-טיש האבען זיי געטראפען א הויכען מאן מיט ווייסע באקענבארדען, מיט גאלדענע עפאלעטען, מיט היבשע עטליכע מעדאליען אויף דער ברייטער ברוסט. דערזעהען די אריינגעקומענע, האט זיך דער מאן אויפגעהויבען פונ'ם טיש, צוגעגאנגען צו זיי מיט שווערע טריט, געקלונגען בעת מעשה מיט די זילבערנע שפארען וואס אויף די שטיוועל, געגעבען אלע דריי די האנד און זעהר העפליך זיי געבעטען זיצען. אלע דריי האבען זיך אוועקגעזעצט מיט געניג רעספעקט, ווידליג עס פאסט פאר א גענעראל, וואס טראגט א צווייענדיגען נאמען. און מעהר רעספעקט פון אלע האט געצייגט דער „לעבעדיגער". ער, אז ער האט זיך אוועקגעזעצט, האט מען געזעהען, אז ער פיהלט, אז דאס ארט וואס ער מוז איהם פערנעהמען איז צו גרוים און צו הייליג, ער זאל איהם בענוצען מיט'ן שענדליכסטען חלק פון זיין זינדיגען גוף, און ער האט זיך א צייט געשובב'ט, ווי אזוי זאל ער דאס מאכען, ער זאל קיינעם ניט בעליידיגען? קודם כל האט ער ארויסגעחאפט דאס נאז-טיכעל און האט אבגעטרייסעלט די קאפאטע פון אונטען, נאכדעם האט ער זיך אנגעבויגען צו דער שטוהל, ווי ער וואלט געבעטען ביי איהר מחילה; נאכדעם האט ער צענומען די פאלעס און טאקי באלד זיי צענויפגענומען צוריק און ערשט דאן האט ער זיך פאמעליך

און פארזיכטיג אוועקגעזעצט — און די האנדלונג צווישען די דריי פארשוינען מיט'ן גענעראל האט זיך אנגעהויבען.

תחלת האט מען גערעדט געוויינליך פון דער מלחמה, דער גענעראל האט זיך ארויסבעוויזען אלס גרויסער ליבעראל, שטארק געקריטיקירט די אנפיהרער פון דער מלחמה. געזאגט, אז ער איז איבערצייגט, אז פערשפּילען וועלען מיר, און געווינען וועט יאפּאן.

— איך זאג שוין לאנג דאס אייגענע! — רופט זיך אב מאלקין, און ביידע פארשוינען קוקען אויף איהם און ווינקען מיט די אויגען ער זאל שווייגען. נאר מאלקין האט א טבע׳ אז ער צערעדט זיך, איז ער ווי א פאס, וואס מע האט פערלארען איהר צאפּען...

— פערצייהעט! — מישט זיך אריין דער „לעבעדיגער" און שלאגט איהם איבער די רעד און טהוט א מאך צו איהם פארשטעלט אויף לשון קודש: מיט אזא איין אדון דארף מען וויסען וואס צו דבר׳ען...

איך רעכען אבער, אז ס'איז ניט אזוי נייטיג צו בעמיהען דעם לעזער מיט אלע איינצעלהייטען פון דער אונטערהאנדלונג, וואס איז פארגעקומען צווישען די דריי אידען און צווישען דעם גענעראל יאסטרעמבסקי-שטשופאקין. אינטערעסאנט איז נאר, ווי אזוי דער „לעבעדיגער" האט אבגעהיט מאלקינען, ער זאל זיך חלילה ניט ארויסחאפּען מיט קיין איבעריג ווארט. דעריבער האט ער איהם אלע מאל אונטערבראכען, גערעדט צו איהם אויף לשון קודש:

— יהודי בלא! דאס דארפט איהר ניט דבר׳ען... דבר׳ט מיט איהם נאר עסק... פארגעסט ניט ווער דער אדון איז... אז איהר וועט איהם נתנ׳ען דאס מעות זאלט איהר איהם ניט נתנ׳ען אין דער יד אריין... לעגט דאס אוועק אויף יענעם מקום... אט אזוי א... איצט שטעהט אויף וועלען מיר הלכ׳ענען... אז דער אדון וועט אייך נתנ׳ען די יד זאלט איהר זי ניט קוועטשען... יהודי בלא, מיט דעם רעכטען פום!...

און מאַלקין האָט איהם געפאָלגט, נאָכגעטהון איהם אלסדינג וואָס ער האָט איהם געזאָגט, אַזוי ווי אַ חדר־יונגעל. און אַז ער איז געקומען אַהיים, איז ער אַריינגעפאַלען אין שטוב אַריין מיט אַזאַ גדולה, גלייך ווי ער וואָלט גיבר גע־ וועזען יאַפּאַן, אַרויס־געטריבען דעם שונא פון מאַנדזשוריע און פון קאָרעיע העט־העט ביז'ן ים אַריין, צעקלאַפּט איהם די פלאָט אויפ'ן ים, געמאַכט אַ תל פון אַ גאַנצער מדינה, און איצט שטעהט איהם פאָר צוקוועטשען דעם מאַרשאַל אָיאַמאַ צו דער וואַנד און צווינגען איהם ער זאָל אונטערשרייבען אַ שלום און דוקא אין טאָקיאָ, אַזוי ווי קוראָפּאַטקין האָט פאָראויס געזאָגט...

— דאַנקען גאָט! — האָט געזאָגט מאַלקין צו זיין ווייב און קינדער — מיין וואונש איז מקוים געוואָרען, איך פאָהר.

— וואָהין פאָהרסט דו?

— קיין חארבין פאָהר איך, גלייך אין דער מלחמה אַריין, נישט אַליין, מיט'ן גענעראַל, איך האָב פערגעסען ווי ער הייסט... אָט וועל איך אייך באַלד זאָגען... איך האָב פון איהם אַ בריעף... זעהט איהר? גענעראַל א. פ. יאַסטרעמב־ סקי־שטשופּאַקין...

— זעהסטו דו, דאָס איז דווקא ביי מיר ניט אַזאַ גוטע בשורה, — רופט זיך אָן די פרוי מאַלקין, אַ אידינע אַ הויביע, אַ גראָבע, אַ ווייסע, וואָס ווייסט ניט פון קיין זאַך אין דער וועלט. און קיין זאַך אויף דער וועלט האָט ניט פאַר איהר קיין שום אינטערעס, אַ חוץ איין זאַך: איהרע קינדער זאָלען האָבען עסען און טרינקען צו דער צייט.

— וועלכע איז ביי דיר ניט קיין בשורה? — פרעגט ביי איהר מאַלקין.

— אָט דאָס וואָס ער איז אַ גענעראַל...

— וואָס געהט'ס דיך אָן?

— איך האָב מורא, — ענטפערט איהם די פרוי — ער זאָל זיך ניט אויסזאָגען, אַז דו וואוינסט אין פעטערבורג אויף אַ

שײַן פֿון אַ טינטענמאַכער, זאָל ניט אַרויס דערפֿון חלילה אײַן אומגליק...

מאַלקין און אַלע זײַנע קינדער האָבען אויסגעשאָסען אַזאַ געלעכטער, אַז די פֿרוי מאַלקין האָט זיך תּחלת דערשראָקען, און נאָכדעם האָט זי זיך אַװעקגעזעצט אין אַ װינקעל און האָט זיך צעװײנט.

קאַפּיטעל י.

אַנשטאַט יאַפּאַן פֿאַלט מאַלקין אַרײַן אין „אוטשאַסטאָק".

דאָס װאָס װערט אָנגערופֿען היער אין אַמעריקאַ מיט נאָמען „פּאָליס־סטײשאָן" הײסט דאָס בײַ אונז, דאָרט, אין דעם גרױסען לאַנד, „אוטשאַסטאָק". עס איז אײגענטליך כּמעט אײנס און דאָס זעלבע, מיט דעם קלײנעם אונטערשיד, װאָס אַז מע כאַפּט זיך אַרײַן אין דעם פּאָליס־סטײשאָן, װערט מען גיך געמשפּט. אָדער מע װערט אָבגעשיקט אין געריכט, אָדער מע װערט בעפֿרײַעט, — טױדט אָדער רױט, אַהין אָדער אַהער, — איהר װײסט אױף װאָסער װעלט איהר געהט אַרום. אין „אוטשאַסטאָק" אָבער אַז איהר פֿאַלט אַרײַן, איז װעה צו אײַך, צו אײַערע קינדער און קינדס קינדער! ערשטענס... נאָר צו װאָס נוצען אונ. נאָקעטע דבורים? אַמעהר װעלען מיר אײַך מאָלען אַ בילד, װי אַזױ אונזער העלד מאַלקין, װאָס האָט זיך געקליבען פֿאָהרען קײן חאַרבין מלחמה האַלטען מיט יאַפּאַן, איז פּלוצים אױסגעװאַכסען אין אוטשאַסטאָק. די מעשה איז אַזױ געװען.

אָבגעװאַרט אַ פּאָר טאָג און צוגעגרײט זיך צו דער רײַזע, האָט אונזער נײַגעבאָרענער מאַרקיטאַנט מאַלקין געװאָלט נאָך אַ מאָל זיך דורכרעדען מיט'ן גענעראַל יאַסטרעמבסקי־שטשופּאַקין, האָט ער אָבער (כּאַשערט אײַן

אומגליק !) פערגעסען פערשרייבען זיין ריכטיגע אדרעסע...
אמאל צוואנציג אדער דרייסיג איז ער אריינגעלאפען אין
„קאפע דע פארי“, טאמער וועט ער זעהען איינעם פון זיינע
צוויי פארשוינען, נאר ווי אויף צו להכעים איז נישט געווען
דארטען נישט דער „לעבעדיגער“ נישט דער „פערזארגטער“.
זיי זענען עפעס ווי אין דער ערד אריין! נאכפרעגען זיך
אויף זיי האט ער נישט געקאנט איבער א קליינע אורזאכע:
ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי מע רופט זיי ביים נאמען...
זאגען, אז איינער איז א „לעבעדיגער“, דער אנדערער א
„פערזארגטער“ איז לעכערליך. האט ער זיך צוגעשארט צו
א יודען א מעקלער פון הייזער, שיינט א לייטישער מענש,
געבעטען פערראוויכערען, מכבד געווען איהם דערפאר מיט
א פאפיראס און געהייסען געבען טיי, זיך צערעדט מיט איהם
פון פערשידענע זאכען, פון מסחר, פון פאליטיק, פון דער
מלחמה, ארויסגעזעהען אז דער יוד דער מעקלער איז פול
אומעדום, א מענש א בר דעת. האט זיך מאלקין מישב
געווען: מע בעדארף איהם דערצעהלען די גאנצע מעשה און
פרעגען איין עצה וואס טהוט מען.

— איך האב צו אייך א בקשה — זאגט מאלקין צום
מעקלער.

— איך צו אייך האב אויך א בקשה — זאגט דער
מעקלער צו מאלקינען.

— א בקשה? — זאגט מאלקין — וואס איז אייער
בקשה?

— זאגט איהר פריהער אייער בקשה — מאכט דער
מעקלער — וועל איך אייך נאכדעם זאגען מיין בקשה.

— ווייסט איהר וואס? — מאכט מאלקין — זאגט
איהר פריהער אייער בקשה וועל איך אייך נאכדעם זאגען
מיין בקשה.

— מיין בקשה — מאכט דער מעקלער און בעטראכט
די נעגעל פון די פינגער—בעשטעהט אין א קלייניגקייט: איך
דארף האבען ווי אין לעבען אריין א גמילות חסד, ניט אויף

לאנג, אויף עטליכע טעג, ביז איך וועל מיך אויפוויקלען פון א געשעפט. איך האב דורכגעשלאגען דאנקען גאט א געשעפטעל, א לייטיש געשעפטעל! ... און דער מעקלער דערצעהלט איהם וואס פאר א געשעפטעל ער האט דורכגעשלאגען, נאר מאלקינען קריכט דאס ניט אין קאפ אריין, שלאגט עו איהם איבער:

— וויפיעל, למשל, וואלט איהר בעדארפט האבען? קיין גרויסען גמילות חסד קאן איך אייך לײדער נישט געבען, מחמת איך האב ניט...

און מאלקין האט בעמערקט, אז בעת דער מעקלער האט אריינגעלייגט די עטליכע רובל אין קעשעני, האבען איהם די הענד געציטערט, די אויגען געפינטעלט און מיט דער נאז האט ער עפעס מאדנע געסמארעט, און א רויטע פארב האט זיך בעוויזען ביי איהם אויף די בעקלעך, און דאס קול האט זיך ביי איהם איבערגעביטען.

— אצונד לאמיר הארכען, וואס איז אייער בקשה?

אין מאלקין פוילט זיך ניט און דערצעהלט איהם די גאנצע מעשה פון א׳ ביז ת׳ לאזט נישט דורך קיין ברעקעל. דער מעקלער, האב איך אבער מורא, הערט נישט ווי עס געהערט צו זיין: זיין קאפ איז איהם וויים פון דאנען, ערגעץ אין דער היים און פערנומען איז ער איצט מיט חשבונות: וואס זאל ער טהון מיט די עטליכע קערבלעך? צי זאל ער בעצאהלען דירה געלד? צי אין קלייטעל? צי דעם קצב? צי דעם לעהרער וואס גרייט-צו דאס זוהנדעל אין גימנאזיע?... צי אויסלעזען דער טאטער׳ס בורנוסעל פון לאמבארד?...

און אז מאלקין האט געענדיגט זיין טרויעריגע געשיכטע, האט דער מעקלער פערדרעהט מיט דער נאז און אבגערופען זיך מיט א נגון:

— אוי, פעטער! איך האב מורא, אז מע האט אייך אנגעטהון א ספאריק!

— וואס הייסט מע האט מיר אנגעטהון א ספאריק? — פרעגט מאלקין דערשראקען!

— דאָס הייסט מע האָט אייך געפֿירט אין באָד אַריין! — זאָגט דער מעקלער אַליין מיט דעם זעלבען נגון.

— וואָס הייסט מע האָט מיך געפֿירט אין באָד אַריין?

— איהר פֿערשטעהט ניט, וואָס דאָס הייסט? — זאָגט דער מעקלער שוין אָהן אַ נגון — מע האָט ביי אייך אויסגעמאַגאַטשעט דאָס ביסעל מיָנץ, און אַ גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע.

דאָס האָט שוין אונזער העלד גוט פֿערדראָסען און ער האָט זיך אויפֿגעהאַפּט מיט אַזאַ גרימצאָרן, גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם אָנגערופֿען גנב, אָדער גזלן, אָדער נאָך ערגערס דערפֿון...

— וואָס רעדט איהר? — האָט מאַלקין אויסגעשריען — איהר ווייסט וואָס איהר רעדט? גלאַט אַ יוד האָט אַ צונג און רעדט! מען דערצעהלט אייך אַ מעשה, אַז איך האָב אַליין גערעדט מיט'ן גענעראַל, געווען ביי איהם אין דער היים, אַט האָב איך פֿון איהם אַ פּאַפּיער, ער איז אַ גענעראַל, איך האָב נאָר פֿערגעסען נעהמען ביי איהם זיין אדרעס...

— אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש! — זאָגט דער מעקלער שוין ווידער מיט אַ נגון — אַזאַ פּאַרשוין דאַרף מען קענען אין פּאָליציי און איהר פֿאָלגט מיך, געהט זיך דורך, זייט מוחל, אין אוטשאַסטאָק, אַט דאָ ניט ווייט, ווייזט דאָס פּאַפּיער און זאָגט זיי אַזוי און אַזוי, וועט אייך ווערען ליכטיג אין די אויגען, אַזוי געהט איהר דאָך אַרום ווי אַ בלינדער!

און דער מעקלער איז זיך מחיה, וואָס ער איז פּטור געוואָרען פֿון מאַלקינען; אַצונד וועט ער קאָנען לויפֿען אַהיים מיט די עטליכע קערבלעך, וואָס גאָט האָט איהם צוגעשיקט. אַ מענש טאָר קיין מאָל נישט אָנווערען דעם בטחון: אַט האָט גאָט געוואָלט האָט ער איהם באַשערט עפּיס אַ יודען אַ שלים מזל, וואָס האַנדעלט מיט גענעראַלען, חאַ-חאַ-חאַ!...

און מאַלקין האָט געפאָלגט דעם יורען דעם מעקלער און איז אַוועק אין אוטשאַסטאָק.

* *

אַריינגעחאַפּט זיך אין „אוטשאַסטאָק" צווישען טאָג און נאַכט, האָט מאַלקין אָנגעטראָפען פונקט אין אַזאַ שעה, וואָס אין שטאָדט האָט געפּלאַצט אַ באָמבע און האָט צוריסע אַ פּאָליציאַנט אויף שטיקלעך, פערוואונדעט אַ פרוי מיט אַ קליין קינד, אויסגעזעצט אַלע פענסטער פון עטליכע נאָהענטע הייזער און אָנגעמאַכט אַזאַ מהומה אין שטאָדט, אַז די גאַנצע פּאָליציי מיט דער זשאַנדאַרמעריע זענען געווען אויף די פיס, אַלע אוטשאַסטקעס האָבען געקאָכט, דער טעלעפאָן האָט געאַרבייט.

דער טשינאָווניק, צו וועלכען מאַלקין האָט זיך געווענדעט מיט זיין בקשה, האָט פריהער גאָר נישט געהערט וואָס מען רעדט צו איהם און אפשר האָט ער גאָר ניט בעמערקט אַז מען שטעהט נעבען איהם. ער האָט געהאַלטען אין אַ שמועס מיט נאָך איינעם אַ טשינאָווניק וואָס אַקעגען איהם. אינ'ם שמועס האָט זיך דורכגעוואָרפען אַלע מינוט דאָס וואָרט „געחאַפּט"...

— אויף דער פּרעאָבראַזשענסקי האָט מען געחאַפּט נאָך צוועלף שטיק.

— דריי האָט מען געחאַפּט אויף דער „מאָזייקע".

— מעהר פון אַלע האָט געחאַפּט קאַליוזשנע.

— אַ טעות. אַזוי פיעל חאַפּען וויפיעל קאַראָמיייצעוו חאַפּט האָט נאָך קיינער ניט געחאַפּט.

דער מענש וואָס שטעהט ביי אַ זייט קאָן זיכער מיינען, אַז דאָ שמועסט מען אָדער פון פיש אין וואַסער אָדער פון האָזען אין וואַלד. עס איז אָבער נישט קיין פיש און ניט קיין האָזען; דאָ רעדט מען פון מענשען פון מייסטענטייל יונגע לייט, וואָס מען „חאַפּט" זיי און מען ברענגט זיי צו-פיהרען אין „אוטשאַסטאָק", און פון'ם אוטשאַסטאָק צעשיקט

מען זײַ שוין װעמען אין טורמע, װעמען אין פּעטראָפּאַװ־לאָװסקי, יעדען לפי כבודו און נאָך זײַן פֿערדינסט...

— װאָס װעסט דו זאָגען? — װענדט זיך דער משינאָװניק צו מאַלקינען נאָכדעם, אַז מאַלקין האָט שוין געענדיגט כמעט די גאַנצע געשיכטע, אַזוי אַז ער מוז אָני הויבען נאָך אַמאָל פֿון אָנהויב, און אַז ער ענדיגט, בעטראַכט איהם דער טשינאָװניק פֿון קאָפּ ביז פֿיס און טהוט איהם אַ װײַז מיט׳ן קאָפּ אַהין צו דער טהיר, דאָרט װאו עס זיצט דער אָדון דער פּריסטאַװ אַלײן.

אַריבערגעטראָטען די שװעל פֿונ׳ם קאַבינעט װאו דער פּריסטאַװ זיצט, האָט נאָך מאַלקין קײן מויל נישט געעפֿענט און עס האָט זיך געהערט אַ דאָננערשטימע:

— טשטאָ נאַדאָ? — װאָס דאַרפֿסט דו?

אויסגעהערט פֿון מאַלקינען די גאַנצע געשיכטע, אַז ער האָט אַ געשעפֿט מיט אַ גענעראַל, האָט דער פּריסטאַװ אַ געהױבער, אַ בײַלינגער פּאַרשוין, מיט דער זעלבער דאָננערשטימע אויסגעברומט:

— פּאַטשפּאָרט!!!

מאַלקין האָט פֿערשטאַנען, אַז מען פֿאָדערט פֿון איהם אַ נעשריפֿטס, און אַזוי װי אַ יוד געהט נישט אַרום אין פּעטערבורג אָהן אַ געשריפֿטס, האָט ער איהם מיט גדלות אונטערגעטראָגען זײַן פּאַס, װאו ער שטעהט פֿערשריבען טינטענמאַכער.

— אַהאַ! — האָט אויסגערונערט דער פּריסטאַװ, — מען פֿערשטעהט די מאַכערײַ! אַ יוד אַ טינטענמאַכער בעשעפֿטיגט זיך מיט גענעראַלען, פֿאָהרט מלחמה האַלטען מיט יאַפּאַן, װיל פֿערקויפֿען דאָס פֿאָטערלאַנד פֿאַר אײן פֿינף־און־צװאַנציגער! מיר קענען אײַך! מיר פֿערשטעהען אײַך! (טהוט אַ קװעטש אין טיש אַרײַן, עס בעװײַזט זיך אַ סאָלדאַט מיט נאַסע ליפּען, װאָס האָבען נאָר װאָס געגעסען).

— נעהמען איהם! — שרײַט אויס דער פּריסטאַװ, גלײַך װי דער סאָלדאַט װאָלט געװען אַ טויבער.

אין אַ מינוט אַרום איז שוין אונזער מאַרקיטאַנט מאַלקין געזעסען אויף אַ גליטשיקער זאַך אין דער פֿינסטער, געהאַפּט געהענדיג אַ שנייד מיט דעם פּוס אין זייט אַריין פּונ׳ם סאָלדאַט, וואָס האָט איבער איהם בעדאַרפֿט מפסיק זיין אין מיטען עסען, און אַלערליי טרויעריגע מחשבות. איינע פֿינסטערער פֿון דער אַנדערער, האָבען זיך געפּלאָנטערט ביי איהם אין מוח — משוגע צו ווערען!

קיין ראָמאַניסט אין דער וועלט איז ניט אים שטאַנד צו מאָלען אַזעלכע רייכע פֿאַנטאַסטישע שרעקליכע בילדער, ווי אַ מענש, וועלכען עס פּאַסירט פּלוצים איין אונערוואַרטעטעס אומגליק. איבערגעבען אַלעס, וואָס מאַלקין האָט איבערגעטראַכט אין דער ערשטער נאַכט פֿון זיין געפֿענגניס, איז אונמעגליך. עס איז ביי איהם נישט געווען קיין ספק, אַז אין גאַנצען וואַקסט דאָס פּונ׳ם גענעראַל, און עס האָט זיך איהם גאָר אַנדערש ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז יענע צוויי יודען נעבאַך זיצען אויך מסתמא אין אוטשאַסטאָק. מאַלקין האָט אָנגעווענדעט אַלע כחות פֿון זיין זכרון, ער זאָל זיך דערמאָנען, וואָס האָט ער אַזעלכעס גערעדט פֿאַר׳ן גענעראַל?... ער געדענקט נישט, חאָטש נעהמט איהם אַראָב דעם קאָפּ, ער געדענקט נישט!... היינט דער געדאַנק: וואָס אַ שטייגער ערוואַרטעט איהם?... וואָס פֿאַר אַ שלאַק עס קאָן איהם טרעפֿען?... וואוהין קאָן מען איהם פֿערשיקען? צי אפשר הענגען?... שיסען?.. אַ קשיא אויף אַ מעשה, מלחמה-צייט!?... אָט אַזעלכע וכדומה אַזעלכע געדאַנקען פֿליהען דורך ביי איהם אין מוח אונגעפֿעהר עטליכע הונדערט אין אַ סעקונדע... נאָר דער ערגסטער, דער ביטערסטער פֿון אַלע געדאַנקען איז דער געדאַנק פֿון דער היים: „וואָס טראַכטען זיי? וואָס דענקען זיי? וואָס טהוען זיי? וואָס וועלען זיי נעבאַך טהון, טאָמער חלילה...?"

און נישט ווילענדיג קייקעלט זיך אַרויס אַ טרעהר פֿונ׳ם אויג, און נאָך דער טרעהר נאָך אַ טרעהר און נאָך אַ טרעהר... און מאַלקין טאַפּט אָן אין דער פֿינסטער אַ

וואנד, א נאסע, א קאלטע און א גליטשיגע, און ער שפארט זיך צו צו דער קאלטע, נאסע, גליטשיגע וואנד און טראכטעדיג איבער דער ווסטער פינסטערער לאגע זיינער א שעה און צוויי שעה און דריי שעה, ווערט ער ענטשלאפען... און עס חלומט זיך איהם, אז ער איז א גענעראל און איז איינגעלאדען אין הויף אריין צו מאכען טינט, האט ער נישט קיין רעכטען קאסטיום... ער האט געהאט איין קאסטיום, האבען איהם צענעסען די מייז.... זינט ער לעבט, האט ער אזוי פיעל מייז נית געזעהען ווי דא אין דער שטאדט... און ער טאפט אן מיט דער האנד א לעבעדיגע זאך, ער וואלט געמעגט שווערען, אז עס איז א מויז. עס ווערט איהם נישט גוט אויף צו חלש'ען, ער חאפט זיך אויף און שפרינגט אויף פונ'ם ארט, לאזט זיך געהען און חאפט א זעץ אין קאפ אריין.

— וואו בין איך? — פרעגט ער ביי זיך אליין און פיהלט, אז דער מוח קיהלט איהם. און די האר שטעלען זיך איהם קאפויר. און ער מיינט, אז ער איז נית ער, און ס'איז איהם שלעכט אויף צו שטארבען... פלוצים דערהערט ער נעבען זיך א קול פון א מענשען, א הייזעריגע שטימע:

— דו ביזט א פאליטישעסקער?...

קאפיטעל י"א.

מאלקין בעשט גומל.

אודאי וואלט דא געווען א פלאץ פאר מיין קאללעגא וואס איך האב איהם דערמאנט אויבען, דעם פערפאסער פון פיעלע הארצרייסענדע איבערשפאנענדע הימעל-שרייענדע ראמאנען, אז די פאנטאזיע זאל זיך דאס אביסעל צושפיעלען, עס זאל אויסוואכסען פון אונטער דער ערד א ריעזיגער העלד, וואס זאל מיט איין קלאפ פון זיין מעכטיגער האנד צעשמעטערען די איזערנע טהיר אום צו בעפרייען

דעם אומגליקליכען טינטענמאכער מאלקין, און איך גיב צו, אז עס וואלט טאקי געוועזן אפשר א גרויסער יושר, עס זאל אזוי זיין... וואס זאל מען אבער טהון, אז קיין רייזיגע העלדען און ווירקליכען לעבען וואקסען ניט אויס פון אונטער דער ערד, און די אייזערנע טהירען פון די רוסישע קאזעמאטען, טורמעס און אסטראגען קאן מען לײדער מיט א קלאפ פון דער מעכטיגסטער האנד ניט צעשמעטערען? דערויף מוז מען האבען אנדערע מיטעל און צייט מוז דאס נעהמען, צייט!...

דער, וואס אונזער העלד מאלקין האט דערהערט פלוצים זיין הייזעריגע שטימע, איז געוועזן א גאנץ געוועהנליכער שכור וואס מען האט איהם אהער אריינגעווארפען א שכורען נאך נעכטען, אין דער צייט ווען מאלקין איז געשלאפען... איבער נאכט האט זיך דער נפש אויסגעניכטערט און דאס הארץ האט איהם שוין געצויגען ווידער א מאל צו א ביסעל בראנפען.

איין און איינציגער שטראהל פון דער אויפגעהענדער זונן האט זיך אריינגע׳גנב׳עט דורך דעם איינציגען פענסטער וואס איז רעכט פערקאוועט מיט צווייענדיגע אייזערנע גראטעס, און האט בעלויכטען א צעקאשמעטע צעפאטעלטע פיגור מיט א פערשוואלען צעוישעט פנים מיט רויטע און בלויע צייכענס, וואס האבען שטארק עדות געזאגט, אז אויף דעם צעשלאגענעם פנים האבען געטריי געארבייט ניט נאר עטליכע פאר הענד, נאר געוויס אויך א פאר געזונדע פיס מיט גוטע שטיוועל. אנגעטהון איז דער נפש געוועזן אין א צעריסען צעפיצעלט מלבוש׳ל, וואס מע רופט דאס „טשויקא", מיט א רויט העמדעל און מיט אזעלכע מיני תחתונים, וואס אין א ציווילעזירטעם לאנד איז שווער צו געפינען איין ארט אויף ארויסצווארפען זיי. און ביי דעם אלעם האט דער נפש געהאט אין זיך א מין צוציהונגסקראפט פון א געפיהל, וואס גרענעצט זיך צווישען סימפאטיע און רחמנות. ווענינגסטענס ביי אונזער געפאנגענעם משה

מאלקין האט ער ארויסגערופען אזא מין געפיהל... עפעס
איז געלעגען אין דער פערשכורטער צעיושעטער מארדע א
מין חן, ווי עס מאכט זיך אמאל ביי א שען-געזונד-אויס-
געשמירט-איינגעמורזשעט-אבגעריסען-אבגעשליסען קינד מיט
חנ'עוודיגע-קלוגע-גוטע אויגען... מאלקין האט געקוקט אויף
דעם נפש און דער נפש האט גערעדט.

— דו ביזט א פאליטישעסקי? דו שווייגסט? א סימן
אז איך האב געטראפען... און איך בין א פראלעטארי, און
א באסיאק און א שכור, א ביטערער שכור. דו מיינסט איך
בין פון אייביג אן א שכור? האסט א טעות, מיין פריינד!..
קאנסט פרעגען וועמען דו ווילסט אויף סעריאזשען, אזוי
רופט מען מיך, וועט מען דיר זאגען, אז סעריאזשא איז א
יונג מיט א נשמה, סעריאזשא וועט קיין פליג ניט זאטשעפען.
כל זמן קיינער טשעפעט איהם ניט, און זאטשעפעט מען
איהם—איז חיות ניט זיכער! אט האט מען זיך נעבטען גע-
נומען אין דער ארבייט דערפאר וואס איך האב געזאגט,
אז די איצטיגע מלחמה איז א נידערטרעכטיגקייט, וואס דען
איז זי? די נידעריגסטע אין דער וועלט? עטליכע לעריגגעהער
דארמאיעדניקעס האבען זיך פארבענקט נאך מעדאליען,
בעדארף מיין יונגערער ברודער וואניושא, וואס האט אויס-
געהאלטען איין אלטע מאמע און א בלינדע, אוועקווארפען
ווייב און קינד און אוועקטראגען קיין מאנדזשוריע זיין געזונ-
דען קאפ? איז דאס ניט נידעריג? טאר איך ניט זאגען אז
ס'איז נידעריג? און אז איך בין אזא מענש וואס האט ליעב
א ביסעל בראנפען, דעריבער טאר איך ניט זאגען דעם
אמת? און פאר וואס טרינק איך ווי א בעסטיע, אז ניט
איבער זיי?...

און מאלקין הערט אויס פון סעריאזשען א גאנצע
געשיכטע, א טרויעריגע געשיכטע פון זיין טרויעריגער
עלענד, ווי אזוי די נויט, דער הונגער, דער אוריאדניק
מיט די אלע איבעריגע צרות האבען איהם ארויסגעיאגט
פון דארף אהער אין שטאדט אריין, און דא האט ער זיך

ציוויליזירט, געוואָרען פֿון אַ בהמה אַ מענש מיט פֿערשטאַנד, ער ווייסט שוין דאַנקען גאָט, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, און אַז דאָס וואָס ס'איז אַצונד איז געוויס ניט גוט, און עס דאַרף אַנדערש זיין, און עס וועט געוויס זיין אַנדערש, זאָל נאָר וועלען ער סעריאָזשאַ, אַזוי ווערט אַלסדינג אַנדערש! ...

— וואָס קוקסט דו אויף מיר אַזוי? זאָגט סעריאָזשאַ צו מאַלקינען, וואָס בעטראַכט איהם מיט פֿערחדושטע אויגען — דו מיינסט, אַז דאָס פּלאַפּעלט אַ שכּורע צונג? דאָס האָבען זיי מיך געמאַכט פֿאַר אַ שכּור! ... וואַרט צו אַ ווײַלע, לאָז נאָר ענדיגען זיך אָט די פֿערשאָלטענע מלחמה. וועסט דו זעהן וואָס וועט זיך טהון! עס וועט זיך גיסען בלוט אין די גאַסען! אומעדום, איבער'ן גאַנצען לאַנד וועט זיך גיסען בלוט אַזוי ווי בראָנפֿען! ...

גאָט ווייסט, ווי ווייט עס וואָלטען געגרייכט די נביאות פֿון סעריאָזשען, ווען עס וואָלט איהם ניט איבערשלאָגען אַ קלאַפּ פֿון דער אייזערנע טהיר מיט אַ קלונג פֿון שליסלען מיט אַ קום-אַרײַן פֿון צוויי סאָלדאַטען, צוויי שלוחים פֿון דער אויבערמאַכט: איינער איז געקומען בעפֿרייען סעריאָזשען מיט אַ לײַטישען סטוסאַק פֿון אונטען און מיט אַ ברכה אחרונה:

— געה דיר צו אַלדע שווארצע וויסטע פֿינסטערע יאָהר, דו שכּורע מאָרדע וואָס דו ביזט!...

און דער אַנדערער שליח איז געקומען נאָך מאַלקינס נשמה, איהם נעהמען און שטעלען צום בית-דין של מעלה פֿאַר'ן נאַטשאַלניק פֿון גערהיים-פּאָליציי אַליין — און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען פֿאַר איהם אַ חבוט הקבר מיט אַ גיהנום מיט אַ כּף הקלע מיט אַלע גוטע זאַכען, וואָס ווערען בעשריבען ביי אונז אין די אַלטע מוסר ספרים. צעהן מאָל אַ טאָג האָט מען איהם געטריבען הין און צוריק. אויסגעשטאַנען כּל הבזיונות שבעולם! נאָר ערגער פֿון אַלץ האָט איהם געקרענקט, וואָס מע גלויבט איהם ניט און וואָס מע האַלט

איהם פאר א שווינדלער, אז דאס האט ער אליין אויסגע־טראכט א פזמון מיט'ן גענעראל. ווארום אזא גענעראל מיט'ן נאמען יאסטרעמבסקי־שטשופאקין איז לא היה ולא נברא, קיין מאל אין פעטערבורג ניט געוועז!... אלזא לא די וואס דאס געלד איז פערפאלען, האט ער נאך אויף זיך א מאוס פעקעל, ווארום מע פאדערט פון איהם ער זאל אויפ־הערען זיך מאכען תמ'עוואטע און ארויסגעבען דעם ריכ־טיגען נאמען פונ'ם גענעראל מיט דער גאנצער קאמפאניע... איין אמת'ער בלבול, איין אנשיקעניס, א שלאק פון זיין ליעבען נאמען!...

* * *

אז גאט בעשאפט די רפואה פאר דער מכה — דאס איז א פאקט, „וואס דער גרעסטער אפיקורוס קאן איהם נישט אבלייקענען. נישמעהר וואס איז דא דער חסרון? וואס די רפואה קומט אביסעל צו שפעט, אזוי אז אפט מאל מאכט זיך אז איידער די מכה פיהלט זיך קומט אן נאך א מכה און די רפואה איז נאך אלץ נישטא... דעם דאזיגען נס האט מען ארויסגעזעהען ביי מאלקינען; די רפואה צו זיין מכה איז געוועזן אונזער גוטער בעקאנטער יאשקא וואראנא. ווען נישט וואראנא וואלט אונזער געפאנגענער געקאנט זיצען און זיצען ימים ושנים. דער חסרון איז געוועזן נאר דער, וואס צו שפעט איז ער אריינגעפאלען צו דעם געהיים־אגענט אין די הענד אריין. און קוים האט איהם וואראנא נאר איין מאל אויסגעהערט, אזוי האט ער באלד פערשטאנען, אז ער האט דא צו טהון מיט א קרבן, וואס ביי אונז הייסט דאס א „פיזשאן" אדער א „פרעהער", און דא אין אמעריקא ווערט דאס אנגערופען א „גרינער"... זאל זיין א „פרעהער" זאל זיין א „גרינער", אבי ארויס פון גוי'עשע הענד!... און אונזער מאלקין איז בעפרייט געווארען, געקומען אהיים מיט א גדולה און מיט א גם־זו־לטובה, געמאכט א סעודה און גע־דאנקט גאט, וואס ער איז חאטש ארויס מיט'ן לעבען...

קאַפּיטעל י"ב.

דאָס גרויסע געזינדעל אָדער קליינע קאַמונע.

געכאַפּט אַזעלכע צוויי פֿײַנע קלעפּ: אָנגעוואָרען דאָס געלד און בעקענט זיך מיט'ן „אוטשאַסטאָק", האָט מאַלקין פֿײַנט געקראָגען פּאָנין נאָך מעהר ווי פֿריהער. פּעטערבורג איז איהם געוואָרען נמאס, די בערזע האָט ער געווײַבט, און קיין גענעראַל האָט ער נישט געקאָנט אָנזעהען!... איין שטיקעל טרייסט האָט ער געהאַט — יאַפּאַן.

— איטמאַ, קוראָקי, נאָגי, נאָדזי — זיי זאָלען רעכענען זיך שוין פֿאַר מיר און פֿאַר אײַך און פֿאַר אונז אַלע! —

אַזוי האָט געזאָגט מאַלקין און אַזוי האָבען אין יענער צײַט געדענקט אַ סך — אַ סך אומזיסט בעליידיגטע, ערנידעריגטע, געשעדיגטע, אונשולדיג בעשטראָפֿטע בירגער. וועה איז צו דער מוטער וואָס איהרע שונאים זענען איהרע אייגענע קינדער! וועה איז צו דעם לאַנד, וואָס ווערט פֿערדאַמט פֿון אייגענע בירגער! דאָס בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסען טײַכענווײַז אויף די ברייטע פֿעלדער פֿון מאַנדזשוריע, האָט אַרײַנגעפּלאָסען אין דעם גאַנצען לאַנד אַרײַן, און האָבען מענשען דערזעהען בלוט, זענען זיי געוואָרען בלוטדורשטיג און האָבען אָנגעהויבען פֿאָדערען עס זאָל זיך גיסען נאָך און נאָך, אַ מבול פֿון בלוט זאָל צעגיסען און פֿערפֿלייצען דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע וועלט!... און מענשען זענען געוואָרען באַרבאַרען... מענשען וואָס האָבען ביז דאַן נישט געקאָנט צוזעהען איין אײַנגעשניטענעם פֿינגער, מענשען, וואָס האָבען געקאָנט חלש'ען, אַז זיי האָבען געזעהען אַ וואונד, די זעלבע מענשען האָבען גלײַכגילטיג געלעזען די ידיעות פֿון ד'ער מלחמה: „זעכס טויזענד געפֿאַלען, אַכצעהן טויזענד פֿערוואונדעט... עלף טויזענד גע'הרג'עט, דרײַ און צוואַנציג טויזענד פֿערוואונדעט..." אין די געפֿאַלענע, גע'הרג'עטע, געקוילעטע און פֿערוואונדעטע זענען דאָס געווען נישט מעהר און נישט ווינציגער ווי אונזערע אייגענע ברידער,

קרובים, פריינד און בעקאנטע!... ווער שמועסט שוין פונ'ם פיינדס קרבנות? ווער רעדט פון די געפאלענע, צעשניטענע יאפאנעזער? אמת, פון זיי זענען געפאלען א סך ווינציגער ווי ביי אונז; ביז מע האט אוועקגעלעגט איינעם פון זייערע האבען מיר דערווייל פערלארען הונדערט צוואנציג אונזערע, גאר וואס מאכט דאס אויס? ס'איז דא גענוג מענשענפלייש דארטען אויפ'ן ווייטען ארינט... סאי ווי סאי וועט שוין קיינער נישט קומען צוריק, זאלען זיי חאטש נוקם זיין זיך איינס אן דאס אנדערע! און דער עולם האט געלייענט די בריה'שאפטען מיט די גבורות וואס האט ארויסגעוויזען אונזערער א גענעראל און האט געלעקט די פינגער. דער בראווער גענעראל האט זיך געדרעהט ערגעץ מיט זיינע קאזאקלעך ארום קארעא. האט זיך ארייגעכאפט אלע מאל אין א דארף אריין אויסגעקוילעט אלע „יאפאנטשיקעס", אונטערגעצונדען, פערברענט, פערניכטעט און אוועק — אך ווי גוט! אך ווי זיס!

— אונזערע וועלען זיי בעוויזען! אונזערע קאזאקלעך וועלען מיט זיי לערנען דרך ארץ! — אזוי האט איהר גע- קאנט הערען אויף יעדען טריט און זעהען ווי אויגען ברענען און בעטען בלוט... איך וועל קיין מאל נישט פערגעסען א יונגע דאמע, וואס איז געפאהרען מיט מיר אין איין וואגאן אין שטאדט-טראמוואי. פון וואס רעדט מען? געוועהנליך פון דער מלחמה.

— וואס הערט זיך היינט? — פרעגט מיך די דאמע — וויפיעל „יאפאנטשיקעס" האבען מיר אוועקגע- לעגט?

דערהערט פון מיר, אז אוועקגעלעגט האט מען ליידער א שטיקלעך דרייסיגטויזענד אונזערע ניט „יאפאנ- טשיקעס", האט מיר די דאמע געענטפערט:

— סא ליגען! דאס האבען יודען אויסגעטראכט!...

נו און מישטשענקא? וויפיעל „יאפאנטשיקעס" האט אויס- געלעגט מישטשענקא? אך, יאפאנטשיקעס, יאפאנטשיקעס!

זאָגט די דאַמע און פֿערגלאָצט די אויגען אַרויף—איך זאָל האָבען חאָטש איין „יאַפּאָנטשיקעל“! . . .

— וואָס-זשע וואָלט געווען? — פֿרעג איך זי.

— וואָלט איך איהם אָבגעבראָטען אויף פּוטער און וואָלט איהם דערלאַנגט צום טיש אויף אַ זילבערנעם טעלער פֿאַר מיין מאַן אַ מתנה. . .

און די דאַמע האָט זיך אַזש באַלעקט פֿון דעם דאָזיגען מערקווירדיגען מאכל, וואָס זי האָט זיך געוואונשען דערלאַנגען צום טיש אויף אַ זילבערנעם טעלער פֿאַר איהר ליעבען מאַן אַ מתנה! . . . ווילד און הפקר זענען מיט אַ מאָל געוואָרען מענשען, ווילד, ביליג און הפקר, ביי זיך און ביי יענעם . . . נמאס איז מען געוואָרען איינער דעם אַנדערן, שונאים, דם שונאים! און מעהר פֿון אַלע האָט מען פֿיינט געקריגען די יעניגע, וואָס האָבען אַרויסגערופֿען אַזאַ בלוטיגע שנאה צווישען מענשען-ברידער. ווער דאָס האָט אַרויסגערופֿען אַזאַ שנאה צווישען ברידער-מענשען — איז נישט געווען קיין סוד פֿאַר קיינעם; אַ מינדסט קינד האָט דאָס געוואוסט, נאָר אַרויסזאָגען אָפֿען האָט קיינער ניט געוואַגט: דאָס האָט געשמעקט מיט „אוטשאַסטאָק“, מיט טורמע, מיט סיביר, מיט קאַטאָרגע, מיט תליה, מיט בלוט האָט דאָס געשמעקט! . . . און דעריבער האָט מען זיך פֿערבאָרגען אין די לעכער, אין די פֿינסטערע קעלערס, אויף די הויכע בוידעמער, און דאָרט האָט מען זיך גענומען טהון די גרויסע שווערע אַרבייט, און דאָרט האָט מען צוּלעגט דאָס ערשטע פֿייערעל, וועלכעס איז גיך אַרויסגעטראָגען געוואָרען אויף דער ליכטיגקייט, אויף דער לופֿט, אויפֿגעבלאָזען געוואָרען פֿונ'ם ווינט און אויסגעבראָכען אין אַ גרויס העליש פֿייער, אין אַ געוואַלטיגער שרפֿה. . .

איינע פֿון די פֿערבאָרגענע לעכער איז געווען מאַלקינס וואוינונג, גאַנץ הויך, אויפֿ'ן אויבערשטען עטאַזש, כמעט אונטערען הימעל, איינפֿאַכע נאָר ברייטע חדרים, פֿינסטערע פֿערשטעקטע אין אַ ווינקעל און קוקען אַרויס

אויף אַ גרױער אומעטיגער װאַנד, דערפאַר אָבער שטיל אונגעשטערט פון אַ בײזען קוק. מען קאָן רעדען און שרײַען און ליאַרעמען און פילדערען, מחיה נפשות! און בײַ מאַלקינ'ען איז דאָ ברוך השם װער עס זאָל שרײַען און ליאַרעמען און פילדערען: פינף קינדער אײגענע און עטליכע חברה-לײַט פרעמדע, בחורים און מײדלעך, קװאַרטיראַנטען, װאָס צאָהלען חודש-געלד — און דערפון לעבט מען, אַביסעל פערדינען אויך די קינדער, װער עס פערנעהמט זיך מיט איבערשרײַבען אויף אַ שרײַב-מאַשין און װער עס געהט אויף דער פאַבריק — אויפ'ן אַמעריקאַנישען שטײגער. די אַלע פערדיענסטען אײנאַײנעם קלעקען, װי מען זאָגט, די חלה אויף המוציא, נאָר װער קוקט אויף אַזעלכע זאַכען אין אַזאַ צײַט, װען די הימלען קאָכען און די ערד װיגט זיך? אין אַזאַ צײַט װען אָט-אָט ברעכט אויס אַ פײַער, אַ שרפה, אײַן ערד-ציטערניש, אַ װאָלקענבראוך, אָט-אָט צעגיסען זיך אַלע ימים און עס װערט אַ מבול אויף דער װעלט?!... און אַז אַ מבול װעט קומען אויף דער װעלט — דאָס איז קײן ספק ניט פאַר קײנעם. ער װעט קומען מיט אַ שטורעם, מיט דונערען מיט בליטצען און װעט פערטרינקען דאָס גאַנצע לאַנד פון עק ביז עק, און װעט אָבװאַשען, אָבשװײנקען, אַראָבטראָגען פון דער זינדיגער ערד דעם גאַנצען שמוץ מיט'ן גאַנצען אומרײנקײַט װאָס מענשען האָבען אָנגעמאַכט מיט זײער בלוטדורשטיגקײַט, גנבות, גזלות, רציחות, מאָרדערײַען, אויסגעלאַסענהײַט, פינסטערניש, פוילקײַט, פערנאַכלעסיגקײַט... און נאָכדעם אַז דער מבול װעט אויפהערען, װעט אַ בלישטשע טהון די זונן, עס װעט אַ בלאָז טהון אײן אַנדער װינטעל, װאָס װעט צוטרײַבען די װאָלקענס, און עס װעלען זיך אויסלײַטערן די הימלען און די ערד װעט זיך בענײַען, און די לופט װעט װערען פריש, און די מענשען װאָס װעלען בלײַבען װעלען זײַן װי נײַ-געבאָרען, און עס װעט אויפשטעהן אַ נײַער דור פון געזונטע מענשען, פון עהרליכע, נוצליכע בירגער...

אזוי האָבען געדענקט די בעסטע קינדער פונ'ם לאַנד, די בעסטע, די ערעסטע, די עהרליכסטע, די אָפּפּער-פעהיגע פורכטלאָזע יוגענד, וואָס לאַכט פונ'ם טוידט, האָט קיין מורא ניט פאַר'ן מלאך המות, קוקט אַרוים אויפ'ן מבול, עס זאָל שוין קומען דער גרויסער טאָג און זאָל באַפרייען דאָס לאַנד פון דער טויזענדיעהריגער פינסטערקייט... אזוי האָבען געדענקט אויך די אַלע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען דאָ, ביי מאַלקינען אונטערען דאַך אַלס קוואַרטיראַנטען, יונגע מענשען פון פערשיעדענע פראָפעסיעס, אָדער בעסער געזאָגט מענשען אָהן פראָפעסיעס, דאָס וואָס מען רופט אָן „אינטעליגענטנע פראָלעטאַריעס", אַזעלכע מענשען, וואָס וואָלטען אַבעלן געוועזען עפּעס טהון, אַרבייטען, האָרעווען, אַבי פערדינען זיך דאָס שטיקעל ברויט. ניט צוליעב געלד חלילה, נאָר אום צו דערהאַלטען די נשמה, בכדי מען זאָל קאָנען פאָרטזעצען די גרויסע אַרבייט פון דער היילינער אידעע, וועלכע האָט זיי אַלע צונויפגעקליבען דאָ אונטערען סאַמע הימעל. ביי מאַלקין דעם טינטענמאַכער...

אַ יושר וואָלט געוועזען מיר זאָלען זיך בעקענען מיט דעם דאָזיגען געזינדעל אביסעל נעהענטער און אָבשטעלען זיך אויף דער ביאָגראַפיע פון יעדען איינציגען פון זיי, בנאמנות עס איז כדאי. נאָר אַזוי ווי מיר האָבען קיין צייט ניט און דער לעזער טרייבט אונז, מיר זאָלען געהן צו דער מעשה, וועלען מיר פּרובען אויסשטעלען אַ צעטעל אין קורצען, אַ מין רשימה פון די פאַרשוינען, וואָס יעדער פון זיי איז אַוועלטעל פאַר זיך.

ואלה שמות — אָט דאָס זענען די נעמען
פון די קוואַרטיראַנטען וואָס ביי מאַלקי-
נען אונטערען הימעל.

מ א י ר פ ר י ד ע ל — צוויי און צוואַנציג יאָהר, אַ בונדיסט, געלערענט אין דריי גימנאַזיעס, ניט געענדיגט איינע

איבער מאטעמאטיק, ווייל מאטעמאטיק איז א בורזשואזנע חכמה... צעקריגט מיט די עלטערן. אנטלאפן קיין פעטערבורג, זיך פערשריבען פאר א זעצער אין דרוק, ארײן אין אוניווערזיטעט. ניעדעריג, שווארץ, געשטופעלט, א ניעדעריגע ראיה.

חיים ברוידא — פיער און דרייסיג יאהר. געוועזן א מלמד, אליין זיך אויסגעלערענט שפראך. פיעל געלעזען. א געפעהרליכער אנטי־ציוניסט און אנטי־נאציאנאליסט, לייענט שטילערהייד דעם „השלח"... פערשריבען פאר א שניידער. פון וואס ער לעבט ווייס נאר גאט און ער... א הויכער, א דינער, רעדט הייזעריג, דאכט זיך, א קאנדידאט אויף טשאחאטקע און אפשר ניט...

מישא בערעזניאק — (דער אמת'ער נאמען זיינער איז משה פידלער) קרוב צו פערציג. איין אנטלאפענער פון סיביר. געענדיגט צוויי פאקולטעטען. א זעלטענער גבור... אז ער רעדט הודעט ער. שטארק געזוכט פון פאליציי. לעבט פון דעם וואס ער זינגט אלע זונטאג אין „באר". שיוער צו דערקענען אין איהם א יודען. גרויס, בעוואכסען, זעהט אויס ווי א דיאק. א ווילדער בעל כעסן.

ניסעל אורוטים — א יונגעל פון 19 יאהר. נישט געלערענט אין ערגיץ. זעלטענע פעהיגקייטען. שרייבט דיכטונגען אין די בעסטע רוסישע צייטונגען, חתמ'עט זיך „קאליברי". א פייעריגער אנארכיסט. פערשריבען א פארבער. ווייס ווי א מיידעל, פוכקע בעקלעך.

עטקע ווייראך — פיער און צוואנציג יאהר. א ליטוויטשקע פון באברויסק, פערשריבען פארוק־מאכערין, געענדיגט גימנאזיע, שטודירט אויף דאנטיסטין. לעבט פון קלעפען קאראבקעס. שווארץ נאר חנ'עוודיג. אויגען — פייער.

חוה וואהל — איין און צוואנציג יאהר. שטאמט פון גרויסען יחוס: דער פאטער בערימט זיך, אז ער קומט ארויס פונ'ם יודישען־פוילישען קעניג שאול וואהל. אוועק־

געווארפען א חתן א גביר. זיך אויסגעלערנט מאססאזש, פערשריבען היטעל-מאכערין. א מסוכנ'ע רעוואלוציאנערקע, ניט קיין שענע.

מאשא באשעוויטש—קענען מיר.

אצונד וואלט איך נאך בעדארפט פארשטעלען אייך מאלקינס דריי עלטערע בנים. נאר אז איך זאג אייך „בנים" ניט „זיהן", איז די משמעות, אז דאס זיינען דריי הויכע געזונדע קלאפערס, מיט הויכע רגלים, מיט געזונטע ידים, וואס קאנען גוט ארבייטען און גוט אכל'ען; זיי האבען איין אפעטיט, וואס מיליאנערען מעגען זיי מקנא זיין. אויף זיי קוקענדיג עסט זיך גאר אנדערש, אוי עסט זיך גוט ביי מאלקינען אין שטוב! א כפרה, הערט איהר, זיבעצעהן יום-טוב'דיגע סעודות מיט אכצעהן חופה-וועטשערעס, מיט הונדערט ראאוטען, דינע'ס און באנקעטען פון פיעלפאכע מיליאנערען. פאר איין וועטשערע אין דער וואכען ביי'ם טינטענמאכער דארטען אין דער הויך, אונטערען סאמע הימעל, ביי דעם אינטעליגענט-פראלעטאריש געזינדעל,—איין וועטשערע, וואס בעשטעהט פון א ברויט מיט א געקויעלטען הערינג מיט א טאפ קארטאפלים הייסע אין די העמדלעך... נישטא קיין צערעמאניעס! נישטא קיין אויבען אן! מע זעצט זיך אוועק און מע רעדט און מע עסט אלע אינאיינעם, מיינס און דיינס שותפות'דיג—א מין קאמונע... מענשען וואס האבען גאר-נישט, זענען צו'ם מייסטענס קאמוניסטיש געזאנען... די וואס האבען א סך זאלען וועלען צושטעהן צו די וואס האבען גאר-ניט, וואלט שוין לאנג געקומען משיח... איז אבער דער חסרון וואס זיי האבען צייט. די וואס האבען א סך זאגען אז זיי דארפען זיך נאך איבערלעגען, בעטראכטען, אויב עס לוינט זיך זיי דער גאנצער פלאן פון קאמונע. דערווייל, זאגען זיי, זאל מען זיי לאזען צורוה, מע זאל זיך פאר זיי ניט זארגען, אז זיי וועלען פארטיג ווערען, זאגען זיי, וועלען זיי אליין געבען א ידיעה... מאלקין מיט זיינע קינדער מיט זיינע אלע קווארטיראנטען

האבען אבער קיין צייט ניט; זיי וואלטען א בעלן געווען טאקי שוין, טאקי פון מארגען פריה, און פאר וואס ניט באלד ?...

אזוי האט בעשטימט דאס דאזיגע גליקליכע געזינדעל, און מע האט בעשלאסען אז אלע פערדינסטען זאלען געהן אין איין מקום ארײן, צו דער פרוי מאלקין, און אלע הוצאות זאלען פאלען אויף אלעמען גלייך, נאטירליך דארף מען זעהען היטען עקאנאמיע, עס זאל ווינציגער אוועקגעהן און עס זאל מעהר בלייבען אויפ׳ן שלעכטען טאג, און מאלקין האט שוין אויסגערעכענט, אז על פי חשבון דארף ביי זיי בלייבען גאר א סך, אויב נישט א גאנץ פערמעגען! מיר ווייסען אבער די חשבונות וואס אויף פאפיר. פון אזעלכע „פאפירענע” חשבונית איז נישט איין רייכע פירמא נזוק ונהרג געווארען.. נישט מעהר דאס גאנצע גליק איז, וואס די פירמא „מאלקין עט קאמפאניע” האט נישט וואס איינצושטעלען, און דער קרעדיט איהרער איז נישט אזוי געוואלדיג, אהן מזומנים ריהרט זיך נישט דער קצב פונ׳ם ארט, און דער בעקער אויך נישט, די פרוי מאלקין מוז אלעס ברענגען פונ׳ם מארק בעצאהלט.— וואס־זשע מיינט איהר? ווי באלד ס׳איז נישטא קיין מזומנים, איז טאקי אין דער קאמונע אויך נישט פרעהליך!... דערפאר אבער צוריק בערעכענט אט דעם פערגניגען: אין דרויסען איז קאלט, דער ווינט בלאזט מיט סכנת נפשות, און דאס געזינדעל זעצט זיך אוועק ביי א שיסעל הייסע קארטאפלים מיט א געקוילעטען הערינג און מע רעדט, און מע דעבאטירט, און מע שרייט, און מע פילדערט, און מע שפארט זיך, און עס בלייבט ביי אלעמען דער הסכם, אז קודם דארף מען אראבזועצע דעם אלט פערשימעלטען אבגעלעבטען רעזשים, וואס טויג אויף ניין און נײנציג כפרות, איינפיהרען א קאנסטיטוציע, און נאכהער וועט שוין אלסדינג זיין ווי געוואונשען... און מע צעגעהט זיך איטליכער אין זיין רוה ארײן, און מע לעגט זיך שלאפען מיט די בעסטע האפנונגען, און עס חלומען זיך די בעסטע חלומות... לעזער! קום אוועק,

לאמיר זיי ניט שטערען זייער זיסען שלאף, — זיי האבען איהם כשר פערדינט!

קאפיטעל יג.

דער פערמאסקירטער פאקענטרעגער.

דער כח פון דער רעוואליוציע בעשטעהט אין דעם, וואס אלע איהרע מיטגליעדער קענען זיך איינס דאס אנדערע חאטש מען האט זיך קיין מאל נישט געזעהען... אז מאשא באשעוויטש איז געקומען צום ערשטען מאל בעשטעלען זיך דא קווארטיר און קעסט, האט זי זיך פון דער ערשטער מינוט אן געפיהלט אז זי איז אין דערהיים. בעקאנט זיך מיט דער גאנצער קאמונע און מיט אלע פארשוינען ביים נאמען, האט מאשא אראבגעווארפען פון זיך דאס היטעלע מיט'ן מענטעלע, פערקאשערט די ארבעל און אוועקגעשטעלט זיך העלפען דער פרוי מאלקין וואשען דאס געפעס. מאלקין אליין האט זיך אפילו געפרובט פראטעסטירען, האט איהם מאשא אבגעשניטען:

— עס איז ניט אייער עסק, קוים האב איך צייט, דארף איך אייך העלפען; ווען איך קיין צייט ניט האבען וועט איהר מיר העלפען... אט למשל האט זיך ביי מיר צעריסען א שוך, איהר זעהט? זייט זיך מטריח, הערר מאלקין, נאט אייך מיין שוך און טראגט איהם אריין צום שוסטער, איך האב געזעהען דא אין הויף ביי אייך א שוסטער; בעדינגט זיך מיט איהם וואס ער וועט וועלען פאר דער רעפעראציע, און זייט מוחל טאקי אין איין וועגס בעצאהלט איהם דארטען, ווארום איך בין היינט נישט ביי געלד...

שפעטער מיט עטליכע מינוט האט מאשא דערהערט קאוויטשען א קינד פון הינטערן אויבען ארויס, האט זי זיך אנגערופען צו דער פרוי מאלקין:

— דאס איז אייערס? אנו, וויזט דאס נאר אהער

אײַער װײַנענדיג בעשעפּעניִשעל, װעלען מיר זעהען, װאָס געהט דעם אָב ?.. און מאַשאַ האָט גענומען דאָס קינד צו זיך אויף די העָנר, איִהם אַ נאָמען געגעבען „פּעמפּעק״, גע־דרעהט און געטרייסעלט און געטאַנצט מיט דעם, אַזוי לאַנג ביז דאָס װײַנענדיגע בעשעפּעניִשעל אָדער פּעמפּעק האָט אַרויסגעשטעלט אַ רויט צינגעל מיט זעקס נאָר װאָס אויסגע־שניטענע ציינדלעך און האָט זיך פּערגאַנגען פון געלעכטער,

— װאָס זיצט איִהר װי די בלות צעָנויפגעלעגט די העָנד? — האָט זיך מאַשאַ צעשריִען אויף די צװיי קװאַר־טיראַנטקעס, די מײדלעך װאָס שטודירען איינע אויף דאַנ־טיסטין, די צװייטע מאַסאַזש.

— װאָס זאָלען מיר טהון? — פרעגען די מײדלעך מיט אַ געלעכטער.

— װאָס זאָלט איִהר טהון? ענטפערט זיי מאַשאַ — חאַפּט איין אויטאָמאָביל און פאָהרט זיך דורך אַביסעל איבער „ניעװסקי״!... אַט ליגט אַ בעזעם, נעהמט מען און מען פערקעהרט די שטוב.

עס פערשטעהט זיך, אַז דעם ערשטען אויפדערנאַכט צו דער ערשטער װעטשערע האָבען זיך אַלע געװאָלט אויס־פײַנען פאַר מאַשאַ באַשעװיטש, איטליכער מיט זײַן פּרײַ־דענקען און מיט זײַן שען רעדען, און מען האָט פערבונ־דען אַ דיסקוסיע איבער אַ פּרינציפּיעלע עקאָנאָמישע פראַגע, און עס האָבען זיך אַ גאָס געטהון װערטער: „עקספּראָפּרי־אַציע״... „קאַרל מאַרקס... לאַסאַל... פּראָלעטאַריאַט... קויטסקי... קלאַסענקאַמפּף״...

— שאַט, קינדערלעך! — האָט אויסגעשריִען מאַשאַ באַשעװיטש און האָט זיך פערשטעלט די אויערען — װילט איִהר פיהרען אַ דעבאַטע ניט װי געַנז נאָר װי מענשען, דאַרפט איִהר דאָס מאַכען פּאַרלאַמענטאַריש, אויסװעהלען אַ פּרעזידענט, זיך מעלדען צום װאָרט. הײַנטיגעס מאָל בין איך אײַער פּרעזידענט... העָרר לאַבאַזניק! איִהר האָט דאָס װאָרט!...

מערקווירדיג! מיין באבע, עליה-השלום, האט אמאל געזאגט — איך האב דאס אליין געהערט פון איהר מויל — אז ווי א מענש נעהמט זיך פאר אזוי האט ער... מאשא באשעוויטש האט זיך איינמאל פאר אלע מאל פארגענומען, אז אומעדום און אלע מאל בעדארף זי זיין די ערשטע, און אזוי איז דאס געוועזען אויך דא, די גאנצע צייט, וואס זי האט זיך געפונען אט דא אין דער קאמונע ביי מאלקינען אין הויז, — ביז מע האט פערלעגט א נעץ פאר איהרע פיס. די נעץ האט פערשפרייט, ווי די לעזער ווייסען שוין, דער בעריהמטער שפיאן יאשקא וואראנא און אויסגעפיהרט האט ער דאס דורך פאלגענדען פלאן.

*

* *

אנפאלען אויף א שטוב, ארומרינגלען זי מיט פאליציסטען און זשאנדארמען פון אלע פיער זייטען, מאכען איין „אבלאווע" און ארעסטירען און אבפיהרען אין אוטשאסטאק ער לחשבון אלע איינוואהנער, — דאס אלסדינג איז, ווי מיר האבען שוין אויבען בעשריבען, פון די קליינע זאכען. יאשקא וואראנא האט נאר בעדארפט זאגען איין ווארט, אז ער וויל מען זאל פערנעהמען און איינשפארען דאס גאנצע געזינדעל מאלקינס, ווייל ער האט אויף דעם א פערדאכט, אז דארטען געפינט זיך די בעוואוסטע מאשא, וואלט דאס איהם אנגעקומען פיעל לייכטער אלס קוראפאטקינען איינצונעהמען יאפאן אויף דער יבשה אדער ראושדעסטווענסקי'ן אויפ'ן ים. דער גרעסטער פון די בעוואוסטע געהיימאגענטען אבער האט געוואלט זיך פעסט איבערצייגען, אויב מאשא באשעוויטש איז דאס ווירקליך די מאשא, וואס ער זוכט?... אויף וויפיעל אונזער דורכגעטריבענער יאשקא האט פערשטאנען מאלקינען אין דער צייט ווען יענער האט געהאט אויף זיך דאס געוויסע פעקעל מיט'ן גענעראל, האט ער ארויסגעזעהן, אז מען דארף פאקען מאלקינען בשעת ער איז אליין און מיט גוטען אויסטאפען ביי איהם אלסדינג וואס מע דארף. לערנען א שפיאן דארף מען ניט. אין פערלויף

פון איין פריהמארגען האט יאשקא וואראנא געוואוסט דורך דעם דווארניקס פלונית'טע וואס ביי מאלקינען אין שטוב טהוט זיך, וויפיעל קינדער און וויפיעל פרעמדע מענשען עס געהען צום טיש, ווען מען לעגט זיך שלאפען, און ווען מען שטעהט אויף און ווען מען צוגעהט זיך, און וואס מע קאכט, און וואס מע עסט — אלעס וואלט איך דער גרעסטער פון די בעוואוסטע געהיים-אגענטען נעקאנט לייענען ווי פון א בוך. איין זאך נאר האט ער ניט געקאנט אויס-פארשען: וואהין מע געהט און וואס מע טהוט?...

און יאשקא וואראנא האט געשאטעוועט די שעה ווען מאלקין איז אליין. דאס איז די צייט וואס פון זייגער 8 ביז 10 אין דער פריה, ווען דער גאנצער עולם צוגעהט זיך, ווען מאלקינ'ס פרוי געהט אוועק אין מארק מאכען איין איינקויף אויפ'ן אנבייסען און מאלקין בלייבט איינער אליין אויף אלע חדרים היטען די שטוב און אכטונג געבען אויפ'ן קליינעם מיזיניקעל, וואס הייסט פעמפעק און האט שוין זעקס ציינדלעך און קאן שרייען, ווי מיר האבען שוין געהאט די געלעגענהייט דאס צו בעמערקען אינ'ם פאריגען קאפיטעל.

אונזערע לעזער ווערען מסתמא אויף אונז קיין פאר-איבעל ניט האבען דערפאר, וואס מיר האבען אבגעגעבען דעם פאטער פון דער קליינער קאמונע, וואס אונטערן דאך, אזא נידריגע שטעלע, ווי זיין א ניאנקע ביי א קליין קינד, וואס האט 6 ציינדלעך און קאן שרייען און הייסט פעמפעק. וואס זאל מען טהון? מע קאן דאך דעם קינד ניט פער-שטופען דאס מויל און איבערלאזען איינעם אליין, און ארויס-ווארפען אין דרויסען אודאי ניט! און דאס איז, אייגענטליך, קיין בזיון האלטען א ברעקעלע קינד, אנטהון דאס, איינוואשען, קייען ברויט מיט צוקער און לעגען דעם אין מויל אריין, אדער האלטען דאס אויף די קניע, טאנצען מיט דעם פוס און זינגען א לידעל:

האפ-האפ-האפ!

דזים-דזים-דזים!

גערען קאטשקעס אומעדום !
ציפ-צאפ, רינדיקעס !
אויפ'ן בוידעם אינדיקעס !
היי און שטרוי אהן א שיעור !
און א מיסט ביי דער טהיר !
אהן א ברעג און אהן א מאס !
לונג און לעבער אויף דער נאז !

און אזוי ווייטער און ווייטער ביז פעמפעק ווערד ענגט שוויגען, שטעלט אוים צוויי אויגען, האלט אפען דאס מויל און הערט זיך איין ווי איין אלטער, און הערט מען אויף דאס לידעל אויף איין מינוט, צעשרייט זיך פעמפעק אויף קולי-קולות, שטעלט-ארוים דאס צינגעל און פערגעהט זיך, גלייך ווי מע קוילעט דאס...

אין איינעם פון די דאזיגע מאמענטען עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין צו מאלקינען איין ארעמער פאקענטרעגער מיט איין אלטע צעריסענע קאפאטע מיט א געלע באָרד און מיט בלויע ברילען.

— נישטא קיינעם אין דערהיים !—שרייט מאלקין צו דעם אריינגעקומענעם.— איהר וועט קומען שפעטער !

— ספרים ! ביכער ! ביבלעך !— זאגט דער פאקענטרעגער.

— שפעטער ! שפעטער !— שרייט מאלקין און טאנצט מיט'ן מיזיניקעל. — איהר זעהט דאך, אז ס'איז ניטא קיינער אין דערהיים !

— לאזט זשע מיך חאטש אנווארעמען זיך, אפרוהען א ביסעל — בעט זיך דער פאקענטרעגער.

— אנווארעמען זיך ? מהכתיתי, קומט אהער, דא איז ווארעמער, — זאגט צו איהם מאלקין און ווייזט איהם איין ארט נעבען זיך ביי דער הרובע.

דער ארעמער פאקענטרעגער לעגט אב דאס שווערע פעקעל, זעצט זיך אוועק צו דער הרובע און ווארעמט זיך די הענד. מאלקין וויל איהם עפעס פרעגען, נאר אזוי ווי

דאָס מיזיניקעל פּראָטעסטירט, עס וויל דוקא מע זאָל דעם זינגען, אַ ניט וועט דאָס שרײַען, דאַריבער מוז מאַלקין דורכוואַרפען זײַן שמועס מיט אַ געזאַנג, דאָס הײסט ער איז געצוואונגען מעהר זינגען ווי רעדען און עס קומט אויס אונגעפעהר אזא מין געשפּרעך:

מאַלקין. (מיט אַ נגון:) האָפּ־האָפּ! דזים־דזים־דזים! (אָהן אַ נגון:) וואָס פערקויפט זיך בײַ אײַך? (מיט אַ נגון:) געהען קאַטשקעס אומעדים!

פּאַקענטרעגער: וואָס איך פערקויף פרעגט איהר? ספרים פערקויף איך, ביכער און ביכלעך אַלערלײ, ליטעראַטור...

מאַלקין. (מיט אַ נגון:) ציפּ־צאָפּ־רינדיקעס! (אָהן אַ נגון:) לעזט איהר עפּעס? פערדינט זיך עפּעס? (מיט אַ נגון:) אויפ'ן בוידעם אינדיקעס!

פּאַקענטרעגער: צרות לעזט מען! ווער לײענט הײַנט ביכער? הײַנט לײענט מען „לינקס"...

מאַלקין: וואָס הײסט דאָס לינקס?

פּאַקענטרעגער: „לינקס" ווײסט איהר נישט? „לינקס" ווערט אָנגערופען די אַרײַנגע'גנב'טע, פערבאָטענע, טרפה ליטעראַטור. מיר פערקויפען די ליטעראַטור אין די מאות, אין די אלפים... איך האָב איצט אַ פּאָר אַנטיקלעך... (און דער בוכטרעגער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטען) אָבער טאַקי פון די אַנטיקען! אַרויסגעגעבען אין אויסלאַנד!...

און דער פּאַקענטרעגער ציהט אַרויס פון פּעקעל אײן ביכעל נאָכ'ן אַנדערען, טרפה סחורה, און מאַלקין טאַנצענדיג מיט'ן קינד און זינגענדיג זײַן לידעל, בעטראַכט די „טרפה סחורה" און קוועלט, ווערט ברײטער ווי לענגער, און דער פּאַקענטרעגער גיט איהם איבער דעם אינהאַלט פון איטליכס ביכעל אין קורצען.

פּאַקענטרעגער: אָט דאָ האָט איהר די ביאָגראַפיע פון אונזער כהן גדול פּאָביעדאָנאָסצעוו... און דאָס —

וועהט איהר? — איז א ריכטיגע בעשרייבונג פון א גרויסען מאן, א געוועזענעם מיניסטער...

מאלקין. (מיט א נגון:) אהן א ברעג און אהן א מאס! (אהן א נגון:) אט דאס ביכעל דארף זיין אינטערעסאנט... וואס קאסט עס? (מיט א נגון:) לונג און לעבער אויף דער נאז!...

פאקענטרעגער: קאסט א קלייניגקייט. איהר מיינט עס שפיעלט ביי מיר א ראלע דאס פערדיענסט? דער עיקר איז ביי מיר פערשפרייטען די „ליטעראטור“, אויסברענגען וואס מעהר „טרפה סחורה“...

מאלקין. (מיט א נגון:) האפ-האפ! דוים-דוים-דוים! (אהן א נגון:) איהר זענט א פנים א רעכטער חברה-מאן?... (מיט א נגון:) געהען קאטשקעס אומעדים!

פאקענטרעגער: נישט אזוי איך, ווי מיינע קינדער, און איבערהויפט די טעכטער... איך האב א טאכטער, מאשא הייסט זי, איז יענע גאר א ברען, א שמאדילניצע, געפעהרליך!... איהר האט דאך געהערט מן הסתם פון דעם סקאנדאל מיט די טיפאגראפיעס, וואס מע האט זיך ארייגעחאפט און אבגעדרוקט הונדערטער טויזענדער פראקלאמאציעס?...

מאלקין: נו? (מיט א נגון:) ציפ-צאפ רינדיקעס!...

פאקענטרעגער: איז דאס איהר ארבייט!

מאלקין: וועמענס? (מיט א נגון:) אויפ'ן בוידעם אינדיקעס!...

פאקענטרעגער: מיינערס!

מאלקין: אייערערס?

פאקענטרעגער: מיין טאכטערס!

מאלקין: דאס זאגט איהר שוין, איך בעט איבער אייער כבוד, א גרויסען ליגען!

פאקענטרעגער: וואס הייסט, איך זאג א ליגען?

מאלין. אט דאס הייסט, אז איהר זאגט א ליגען, ווארום די, וואס האט זיך ארייגעחאפט אין די טיפא-

גראַפֿיעס און געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס, קען איך זעהר גוט און איך ווייס, אז זי איז ניט אייער טאָכטער.

פּאַקענטרעגער. (כּלומרשט איבערראַשט און בעלייריגט): מאַשע איז ניט מיין טאָכטער? איהר זאָגט מיר, אז מאַשע איז ניט מיין טאָכטער?

מאַלקין: שאַט, שאַט, זייט ניט אזוי בייז, רב יוד, מאַשע איז אפשר אייערע א טאָכטער, אָבער ניט די מאַשע, וואָס האָט געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס... די מאַשע, וואָס האָט געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס, וואוינט דאָ ביי מיר, און איז סך הכּל ניט קיין הינע, און האָט אַלע צוויי טאָג בריעף פֿון איהר פֿאָטער, און איהר פֿאָטער הייסט ליפּא, און איז א האַלץ-יוד, דאָס הייסט ער האַנדעלט מיט האָלץ, ניט מיט ספרים... הייַנט פֿערשטעהט איהר שוין, רב יוד?... (דאָ הויבט אָן דאָס קליינע באַשעפֿעניש'על צו פּראָטעסטירען, אַרויסשטעלען דאָס צינגעל מיט די 6 ציינדלעך און שרייען, מוז דער פֿאָטער נעהמען זיך צום פֿריהערינגען מיטעל און זינגען): ציפּ-צאָפּ רינדיקעס! אויפֿ'ן בוירעם אינדיקעס!..

פּאַקענטרעגער. (לעגט צוגויף די פּעקלעך: שאַ! איך וועל זיך מיט אייך ניט שפּאַרען... מעגליך אז עס איז דאָ צוויי מאַשעס: איינע מיינע, די אַנדערע אייערע... פּעטערבורג איז געגוג גרויס... א גוטען!... האָט קיין פֿאַראיבעל ניט, טאָמער האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט מיט איין איבעריג וואָרט...

— נישקשה, ס'מאַכט ניט אויס... ציפּ צאָפּ רינדיקעס!... א פֿערד איז אויף פֿיער פֿיס און ספּאָטיקעט זיך, ובפרט א מענש להבדיל... אויפ'ן בוירעם אינדיקעס...

אזוי לאָזט אויס מאַלקין מיט א נגון, בעגלייט אַרויס מיט די אויגען דעם אָרעמען פּאַקענטרעגער, ער זאָל עפּעס ניט אוועק'לקח'נען און טראַכט זיך בעת מעשה:

— אַלערליי לינגערס ביי גאָט אויף דער וועלט!...

א שטייגער וואָס קומט ארויס א מענשען, אז ער טאָקט אָב אזא נארישען ליגען ? ...

קאַפּיטאַל י"ד.

געשאָסען דעם פויגעל און נישט געטראָפען ...

זאָל איך רעכענען דעם לעזער אזוי נאַאיוו, אַז איך זאָל דענקען, אַז ער האָט ניט דערקענט אין'ם פערמאַס-קירטען פּאַקענטרעגער אונזער גוטען בעקאַנטען, דעם בע-ריהמטען שפּיאָן יאשקא וואָראָנא ? דאָס וואָלט געווען א סימן, האָט קיין פּאַראיבעל ניט וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַז איהר האָט קיין מאָל אויף אייער לעבען קיין ראָמאַן ניט געלעזען און אַז איהר האָט נישט קיין שום בעגריף, וואָס הייסט אינטריגע, אונערוואַרטעטע ערשיינונגען, שפּאַנענדע סצענען און בילדער ...

אמת, ס'איז נאָך נישט דאָס, וואָס מע בעדאַרף. ביי מיין קאָללעגא, דעם פּערפאַססער פון פיער געוואַלטיגע איבערשפּאַנענדע הימעלשרייענדע ראָמאַנען, וואָלט אזא בעריהמטער געהיים-אַגענט יאשקא וואָראָנא שוין לאַנג מגולגל געוואָרען אין א פּרינץ, וואָס האָט זיך ערקלערט פרייליין באַשעוויטש, אַז ער איז אין איהר שטערבליך פערליבט און אַז ער קאָן אָהן איהר ניט לעבען, דאַן וואָלט מאַשאַ געווען געצוואונגען מאַכען מיט איהם א לוסטרייזע איבער די שענסטע געגענדען פון שטאָדט (ווי זאָגט מען דאָס אָב א פּרינץ ?) און וועהרענד דער מערדער יאשקא ברענגט זי צו פיהרען אין טורמע און זאָגט צו איהר מיט א שטרענגען טאָן פון נצחון: „דו ביזט מיין געפאַנגענע" ! ענטפערט איהם מאַשאַ מיט א סאַרקאַסטישען שמייכעל: „זיגמונד ! וואָרום זאָלסט דו לאָזען אַרעטירען דיין איינציגע שוועסטער קאָראָ-לינא" ? אָדער כדומה אַזעלכע וואונדערליכע משונה-מאָדנע קאָמבינאַציעס, וואָס א רעכט ענטוויקעלטע און א ביסעל צו-פיעל צעהיצטע פאַנטאַזיע קאָן אונטערזאָגען. דאָס פּאַפּיר

האט אין זיך א מעלה — סע שווייגט, די מאשין דרוקט און דער לעזער קייעט און קייעט, און נאר איינער פון טויזענד שטעלט זיך אב א מאל און טהוט א טראכט: „א פנים מע האלט אונז פאר גאנץ פיינע בהמות, וואס מע גיט אונז קייען שטרוי"?

דער געהיים־אגענט יאשקא וואראנא, אז ער האט זיך שוין רעכט איבערצייגט, אז מאשא באשעוויטש איז דאס די זעלבע „מאשא" וואס ער זוכט, איז ער געקומען וואו מען דארף און האט אבגעגעבען מזל־טוב, אז דאס פויגעל איז ביי איהם אין די הענד. אודאי האט מען זיך דערפרייעט פון אזא בשורה און שוין גרייט געווען צו עמפפאנגען זי מיט דעם כבוד וואס איהר קומט, נאר אז מען האט דערהערט, אז דאס פייגעלע אליין איז נאך ניטא, אז דערווייל האט מען אנגעשמעקט ערשט דעם'ס נעסט, האט מען געפונען, אז מיט דעם מין פייגעל בעדארף מען זיין פארזיכטיג, און כל זמן מע האט דאס ניט געפאקט טאר מען זיך ניט פרייען...

דאס האט אונטערגעגעבען אונזער בעריהמטען גע־היים־אגענט נאך מעהר היץ און ער איז אוועק אהיים עסען מיט אזא אפעטיט, ווי א מענש, וועלכען עס שפילט די הצלחה און דאס גליק יאגט איהם נאך פון הינטען.

עס איז נאך נישט געווען רעכט נאכט, עס זענען נאך נישט אלע גאסען געווען בעלייכט, אז די קליינע קא־מונע, וואס געפינט זיך הויך אונטערען דאך, ביי מאלקינען אין וואוינונג, האט זיך אנגעהויבען איינציגווייז צונויפגעהן און איבערגעבען איינס דעם אנדערען די פאסירונגען פונ'ם טאג. איטליכער פון זיי האט געהאט פעק מיט נייעס צו דערצעהלען: דער פון א געהיימע פערזאמלונג, דער פון איין איבערפאל איבער ארבייטער, דער פון א נייעם שטרייק וואס ווערט געפלאנט, און איטליכער האט געוואלט מע זאל איהם אויסהערען פריהער. האט זיך ארייגעמישט דער בעל הבית, מאלקין אליין, און האט זיך אנגערופען צו דער חברה בזו הלשון:

— ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען, קינדער?

אָט הערט מיך אויס, וועל איך אייך דערצעהלען אַ שענס, ערשטענס בין איך עלטער פון אייך, פון דעם וואָס איך בין דאָ בעל הבית, רעד איך שוין נישט, ביי אייך שפּיעלט דאָס וואָרט בעל הבית אַ קנאַפּע ראָלע, און צווייטענס זאָג איך אייך צו, אַז איהר וועט לאַכען.

— אויב לאַכען זענט איהר פאָרהאַנד, הערר מאַלקין, איהר האָט דאָס וואָרט!

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די ווערטער געהערען צום שטענדיגען פּרעזידענט פון דער קאָמונע, צו מאַשאַ באַשעוויטש, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען פאַרטראַכט, צערודערט, געפּויקט מיט די פינגער איבערען טיש — אַ סימן אַז זי איז ניט אויפגעלעגט... און דער בעל הבית מאַלקין הויבט אָן צו דערצעהלען זיין מעשה:

— אין דערפּריה, אַז איהר אַלע זענט זיך צוגאַנגען ווי זאַלץ אין וואַסער און איך בין געבליבען איינער אַליין מיט אָט דעם קליינעם פּעמפּעק (ער ווייזט אויפ'ן מיזיניקעל, וואָס זיצט ביי דער מאַססאַזשיסטקע אויף די הענד און רייסט זי ביי דער נאָז), עפענט זיך אויף די טהיר און עס קומט אַריין צו מיר אַ פּאַקענטרעגער מיט ביכלעך און זעצט זיך אוועק מיט מיר פּלאַפּלען, און דער קליינער פּעמפּעק לאָזט ניט אויסרעדען אַ וואָרט, ווי זיין שטייגער איז. בקצור היסטאָריעס מעשיות געשיכטען, עס לאָזט זיך אויס, אַז ער איז אַ חברה-מאַן און נאָך אַ פערברענטער דערצו, פערקויפט טרפה ביכלעך און האַקט מיר אַריין בשעת מעשה אַ גאַלקע, אַז די מאַשאַ, וואָס האָט זיך אַריינגעחאַפּט אין די טיפּאָגראַפיעס און האָט אָבגעדרוקט די פּראָקלאַמאַציעס איז דאָס, זיין טאָכטער... נו? האָב איך אייך געזאָגט, אַז איהר וועט לאַכען?

— נו? וואָס-זשע האָט איהר געזאָגט? — פרעגט איהם מאַשאַ באַשעוויטש.

— וואָס זאָל איך איהם זאָגען? — מאַכט מאַלקין — איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער איז מחילה אַ גרויסער שקרן,

האָט ער געוואָלט מיך איבערשפּאַרען און איינרעדען, אַז ס'איז פּאָרט זיין טאָכטערס אַרבייט, האָט דאָס מיך שוין אונ־טערגעטראָגען, האָב איהם אויסגע'בטל'ט אַלע ביינע חלומות און האָב איהם מגלה געווען דעם סוד, אַז די מאַשע איז גאַר איין אַנדער מאַשע, און אַז איך קען זי, און אַז זי וואוינט דאָ טאַקי ביי מיר אין שטוב...

גלייך ווי אַ בייזע פליג האָט איהר דערלאַנגט אַ ביס, אַזוי האָט זיך מאַשאַ באַשעוויטש אויפגעהאַפּט! גענעבען אַ פּליעסק מיט די הענד און אויסגערופען צו מאַלקינען.

— וואָס האָט איהר געטהאָן? איהר זענט דאָך אַ יונגעל, איין אַלט יונגעל און אַ נאַריש יונגעל! ווער האָט אייך געבעטען איהר זאָלט פּלאַפּלען מיט דער צונג? אַך, מאַלקין! מאַלקין!...

און מאַשאַ באַשעוויטש האָט גענומען לויפען איבער'ן שטוב, פּייערען און וואַרפען זיך, און אָבקען און אייקען און ברעכען די הענד. די גאַנצע קאָמונע און מאַלקין אַליין האָבען זיך פּשוט דערשראָקען פאַר איהר; זיינט זיי קענען זיך מיט מאַשאַ באַשעוויטש האָבען זיי זי נאָך נישט געזעהען אַזוי אויפגערעגט און צעטראָגען ווי אַצונד. עס האָט נישט געהאָלפען קיין בערוהיגען, קיין אויסרעדען דאָס האַרץ. מאַשאַ באַשעוויטש האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדען. און אויף מאַלקינען האָט זי געפּייערט, געשוועבעלט.

— וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר געהאַט אַרויסצו־געבען פאַר אַ ווילד פרעמדען מענשען, וואָס איהר קענט איהם ניט און ווייסט איהם ניט, אַזעלכע זאַכען, וואָס געהערען זיך מיט אייך ניט אָן? איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ שפּיאָן פון דעם גוטען אָרט... אונזער דוואָרניק האָט מיר עפּעס געפּלעטשעט היינט אין דער פריה. אַז נעכטען ביי נאַכט נאָך מיין קומען אַהיים איז דאָ געווען עפּעס אַ נפש און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף עמיצען, ער ווייסט ניט, צי אויף מיר צי אויף איין אַנדער באַרישני... ווייסט איהר, קינדער. וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך

פאָהר אריבער אויף איין אנדער קוואַרטיר, און באַלד, קינדער! פרובט נישט מיך איבערררעדען, וואַרפט אוועק אַלע אייערע גרימאַסען מיט די צוקערדיגע רעדעלעך. העלפט מיר בעסער צונויפנעהמען מיין „באַגאַזש“ און זאָל איינער פון אייך זיך מטריח זיין צו׳ם דוואָרניק מיך אויסשרייבען פון די ביכער, אַז איך בין אַרויסגעפאָהרען פון פעטערבורג אין ווילנאָ... אויב זיי וועלען מיך וועלען זוכען זאָלען זיי זיך חאָטש דרעהען דעם קאָפּ... זייט געזונד, קינדער, אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט איהר האָבען פון מיר אַ ידיעה... זיי געזונד, קליינער פּעמפּעק, גיב אַהער די אויסגעשמירטע מאָרדע דיינע, איך ווינש, דו זאָלסט וואַקסען און זיין חאָטש אַ ביסעלע קליגער פון דיין טאַטען... אַדיע!

איין איינענע שוועסטער דאַרף מען אַזוי וואַרעם ניט אַרויסבעגלייטען, ווי וואַרעם די קליינע קאָמונע האָט אַרויסבעגלייט איהר פּרעזידענט מאַשאַ באַשעוויטש. אַלע זענען געוועזען גערירט, דערשלאָגען פון אַזאַ אונערוואַרטעטען צופאַל. די מאַדאַם מאַלקין האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט זיך צעוויינט (גרינגע טרעהרען ביי דער מאַדאַם מאַלקין!) און די צוויי מיידלעך די קורסיסטקעס, די דאַנטיסטין מיט דער מאַססאַזשיסטין, האָבען זיך צוגעגרייט געהן בעגלייטען זי, האָט אָבער מאַשאַ געפּראָטעסטירט קעגען דעם, און אַז זי האָט שוין געהאַלטען אויף יענער זייט טהיר, האָט זי זיך אומגעקעהרט צו דער קאָמונע מיט׳ן פּנים און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— וואָס נאָך, קינדער, האָב איך אייך פערגעסען זאָגען? יאָ, טאָמער דערהערט איהר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַז מען האָט מיך געפּאַקט, זאָלט איהר זיך ניט דערוועגען קיינער פון אייך געהן צו מיר צו גאַסט, און פּאָלגט מיך, אין אויווען הייצט זיך, זייט מבער חמץ, זוכט אויס ווען איהר האָט ערגעץ אַ בריוועל, אַ שטיקעל פּאַפּיר, אַ פּראָקלאַמאַציע, אַ ביכעל און פאַרברענט דאָס געזונטערהייד, און ווער עס פיהלט, אַז ער דאַרף ניט זיין דאָ, זאָל

ער בייצייטענס בעסער זיך אבטראגען... זייד געזונד אלע! זיי געזונד, קליינער פעמפעק! נאך דיר וועל איך בענקען...

זעלבסטפערשטענדליך, אז תיכף נאך מאשא'ס אוועקגעהן, האט איבער דעם זיך פערבונדען א הייסע דעבאטע צווישען די מיטגליעדער פון דער קאמונע. איינינגע האבען שארף קריטיקירט מאשא'ס אנטלויפען און מאשא'ס בעהאלטען זיך; איינינגע האבען זי פערענטפערט, און צווישען איהרע פערטיידיגער איז געווען מישא בערעזניאק, דער אנטלאפענער פון סיביר. ער האט מיט זיין שטארקער באסאיוע געמבע איבערגעשריען די גאנצע קאמפאניע, זיי געגעבען צו פערשטעהן, אז יעדער דארף זיין פארזיכטיג.

— אום אייך צו איבערצייגען, אז איך האב רעכט, וועל איך אייך בעווייזען, אז חאטש איך טראג א פרעמדען נאמען און זינג אין „כאר" און לאך פון זייער באבע, פון דעסטוועגען, מיין איך, וועט זיין געזינדער פאר אלעמען, אז איך וועל היינטיגע נאכט פערברענגען ערגיץ אין א שענק. א גוטע נאכט.

— איך געה מיט — האט זיך אבגערופען פרידעל דער בונדיסט און נאך איהם אויך ברוידע, און אלע דריי האבען זיך געלאזט אויפ'ן נאכט־שפאציר (ס'איז ביי זיי ניט דאס ערשטע מאל...). געבליבען פון דער גאנצער קאמונע איז נור דער יונגסטער פון אלע, ניסעל אהרוטים, וואס שרייבט זיך אונטער „קאליברי". ער האט שוין לאנג ארויסגעקוקט אויף איין „אבלאווע", געוואלט פערזוכען דעם „אוטשאסטאק" וואס פאר א טעם ער האט... און די דאנטיסטין מיט דער מאמסאזשיסטקע האבען זיך גענומען צו דער ארבייט: ברענגען בריעף און ביכלעך, און מאלקינס בנים האבען געהאלפען. די פרוי מאלקין האט הנאה געטהון, וואס מע האט פערשפארט האלין, און דער קליינער פעמפעק האט געקוועלט ניט אראבגעלאזט קיין אויג פונ'ם פייער, געמיינט, אז דאס ברענט מען פון זיין כבוד וועגען...

* * *

דאָס פֿייער אין אויווען האָט שוין לאַנג אויסגעלאָשען; די אש פֿון די פֿערברענטע פאַפּירען האָט די פֿרוי מאַלקין שוין לאַנג פֿערשאַרט; די הייסע קאַרטאָפֿעל מיט דעם געקוילעטען הערינג האָט מען שוין לאַנג צורעכט געמאַכט, און די איבערגעבליבענע מיטגלידער זיך צעגאַנגען איטליכער אין זיין ווינקעל אָבצורוהען פֿון דער אַרבייט און זאָרג פֿון דעם גאַנצען טאָג. נאָר איין מאַלקין מיט'ן וויב זענען געזעסען אין צווייען נעבען דעם קליינעם פּעמפּעק'ס וויגעלע און געבראָכען זיך דעם קאָפּ, וואו ווע̇לען זיי נעהמען מאָרגען אין מאַרק אריין? דער מאַן האָט געפֿרעגט ביים וויב, דאָס וויב האָט געפֿרעגט ביים מאַן: וואו נעהמט מען געלד? „נישט גוט!" האָט צוגעבאָמקעט פֿרוי מאַלקין... און סאַמע אין דער מינוט הערט זיך אַ קלאַפּ אָן טהיר און נאָך אַ קלאַפּ און נאָך אַ קלאַפּ, וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער.

— ווער איז דאָרטען? — פֿרעגט מאַלקין.

— היימישע! — ענטפֿערט אַ קול פֿון יענער זייט טהיר.

— וואָס זאָגסטו, זאָל איך גען עפֿענען? — פֿרעגט מאַלקין ביי דער פֿרוי מאַלקין און בעקומט פֿון איהר אַנ ענטפֿער.

— ווי מיינסט דו? זאָל מען געהן עפֿענען.

— וואָס רעכענסט דו, זאָל דאָס זיין איין אָבלאַווע? — פֿרעגט מאַלקין ביי זיין וויב און קאָן זיך ניט דערוואַרטען אויף איהר תשובה, ווארום איידער די פֿרוי מאַלקין עפֿענט אויף דאָס מויל צו ענטפֿערען אויף דער קאָנסולטאַציין, טהוט אַ טרעשטשע די טהיר און עס קומען אריין געסט: אַ פּריסטאַוו מיט נאָך אַ פּריסטאַוו, עטליכע פּאָליציסטען און זשאַנדאַרמען, צווישען זיי איינער איין אָפֿיציער. פֿאַר גרויס איבערשרעקעניש... אימפּעט האָט זיך מאַלקין צוגעזעצט צום טיש און די פֿרוי מאַלקין איז צוגעגאַנגען צו פּעמפּעקס וויגעלע.

— זדראַוסטוואוי, גאָלובטשיק, — אַזוי האָט אויסגערופֿען צו מאַלקינען דער פּריסטאַוו, מיט וועלכען מיר

האבען שוין געהאט די עהרע זיך בעקענען אין איינעם פון די פריהעריגע קאפיטלעך. דאס איז געווען דער פריסטאוו, וואס האט געפאקט אונזער טינטענמאכער מאלקין אין דער צייט, ווען ער איז נאך געווען בעקאנט מיט געגנעראלען. דער פריסטאוו איז צוגעגאנגען צו מאלקינען נאך נעהנטער, האט ארויפגעלעגט די האנד איהם אויף די אקסעל און מיט זעהר א ליעבליכען טאן האט ער צו איהם גערעדט:

— וואס זשע מאכסט דו עפעס: מיין טייערער? ווי געהט'ס דיר אין די געשעפטען? וואס מאכען דיינע געגע־ראלען? האסט דו שוין ארויסגעפיהרט עפעס א סך גאלד פון יאפאן? צי אפשר לוינט זיך אייך בעסער פיהרען גאלד פון דאנען קיין יאפאן?... וואס שווייגסט דו?

מאלקין איז געווען אזוי איבערראשט, אז ער האט נישט געקאנט עפענען דאס מויל... און די איבריגע חברה, די פאליציסטען מיט די זשאנדארמען מיט'ן אפיציער און מיט'ן צווייטען פריסטאוו האבען דערווייליגע געטהון זייער ארבייט: זיי האבען אויפגעוועקט די גאנצע קאמונע, אראב־געשלעפט זיי מחילה פון די בעטלעך — איך בעט איבער אייער כבוד — האלב נאקעט, צוגעשטעלט צו יעדען א סאלדאט, און עס האט זיך אנגעהויבען איין אונטערזוכונג.

— מאשא באשעוויטש! — האט אויסגערופען דער זשאנדארמסקי אפיציער, נאך גאר א יונגערמאנטשיק, בלוט און מילך, מיט צוויי שענע געקרייזעלטע קאטלעט־לעך אויף די באקען א לא פושקין. — וועלכע פון אייך איז דא מאשא באשעוויטש?

— מאשא באשעוויטש איז ניטא, — האט זיך איינגע־שטעלט מאלקין ארויסרעדען די ערשטע דריי ווערטער.

— וואס הייסט זי איז ניטא?

— ארויסגעפאהרען.

אז עמיצער זאל געוועןווארפען א באמבע, וואלט זיי נישט בעדארפט האבען קיין שענערען עפעקט און וואלט נישט געקאנט זיי מעהר איבערראשען, ווי עס האט זיי

איבערראשט די ידיעה, אז די, צוליעב וועלכע זיי זענען געקומען אהער אויף זיבער, איז נישטא.

— ארויסגעפלויגען אייער פייגעלע! — האט זיך מיט א ביטער שמייכעלע אנגערופען דער זשאנדארמסקי אפיציער מיט די קאטלעטען א לא פושקין צו איינעם א פארשוין וואס איז געשטאנען ביי דער טהיר גאנץ אונבעמערקט, אנגעטהון אין אנ'אויבערראק פון אזא קאליר, וואס איז שווער צו זאגען, צי איז דאס גרוי, צי איז דאס געל, צי איז דאס געלבליך; גיכער קאן מען זאגען, אז עס איז אלע דריי קאלירען צוזאמען. די גאנצע צייט איז דער אונבעמערקטער פארשוין אינים דריי קאלירענדיגען אויבערראק געשטאנען ווי א מענש א זייטיגער, ווי איינער וואס מען וואלט איהם אריינגערופען פאר איין עדות. דערהערט, אבער, אז מאשא באשעוויטש איז נישטא, האט דער פארשוין מיט א מאל אויפגעלעבט צוגעגאנגען צום טיש, א ווארפגעטהון מיט די אש-קאלירענע ברילען אויף אלע זייטען, דאס פנים איז איהם געווארען טוידט. די הענד האבען געציטערט. ער איז צוגעגאנגען צו מאלקינ'ען גאנץ נאהענט, אריינגעקוקט איהם טיעף אין די אויגען אריין און מיט א שטילע נאר ענערגישע שטימע האט ער צו איהם א זאג געטהון אויף יודיש:

— מאלקין! וואו איז מאשא באשעוויטש?... איך ווייס, אז איהר ווייסט...

מאלקין האט דערקענט דעם אינדערפריהיגען גאסט דעם פאקענטרעגער, און צו גלייכער צייט האט ער דערקענט אין איהם דעם געהייב-אגענט יאשקא וואראנא, וועלכער האט איהם א מאל בעפרייט פון געפענגניס...

ארעמער מאלקין! איהם איז בעשערט געווען נאך א מאל צו זעהען זיך מיט'ן „אוטשאסטאק”!..

קאַפּיטעל ט"ו.

אַ ביסעל ביאָגראַפיע.

איינער פון אונזערע העלדען, וואס זיינען צו יענער צייט געשטאַנען אין די ערשטע רייהען, איז געווען ראָמאַנענקאָ־מאַרטשענקאָ, פון וועלכען מיר האָבען שוין לאַנג ניט געהערט, און דעריבער מיין איך, וועט דעם לעזער זיין אָנגעלייגט צו הערען פון איהם אַ פּאָר ערנסטע וואַרעמע ווערטער. וואו איז געווען דער פויגעל ביז אַהער זאָלט איהר ניט פרעגען; די לייט האָבען אַ טבע, אַט זיינען זיי דאָ און אַט ווערען זיי פערשוואונדען, ווי אין וואַסער אַריין. בסוף קאָן איך אייך זאָגען, אַז דער נאָהענטסטער פריינד זיינער, אונזער געליבטע טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל, האָט אויך נישט געוואוסט וואָכען לאַנג, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. אַט איז ער מיט'ן גלח גאַפּאָן אין איינע פון די גרעסטע פאַבריקען אין פעטערבורג, אַט איז ער שוין אין ניזשני־נאָווגאָראָד אויף אַ פערזאַמלונג פון אַרבייטער, און אַט איז ער מיט סטודענטען אין אַ אוידיטאָריום, און אַלע מאָל און אומעדום אונטער איין אַנדער נאָמען, אונטער איין אַנדער מאַסקע. אַלע מינוט, אַלע רגע האָט ער געקאָנט אַריינפאַלען צו די אַגענטען, וואס האָבען זיך געיאָגט נאָך איהם און נישט געקאָנט חאַפּען. דער מענש, וואס איז געוואָהנט צו אַ רוהיג מענשליך לעבען און האָט ליעב דאָס לעבען און ציטערט פאַר'ן מלאך המות ער זאָל דאָס ביי איהם חלילה ניט אוועקנעמען, וועט קיין מאָל ניט פערשטעהן די נשמה פון אַזאַ נפש, וואס איז ביי זיך הפקר, האַלט אין איין לויפען, טאָגט נישט דאָרט, וואו ער נעכטיגט, עסט געהענדיג, קלערט גאָר ניט פון ם טוידט און איז אַריינגעטהאָן נאָר אין איין אידעע...

אין די געצעהלטע פרייע מינוטען, וואס ראָמאַנענקאָ האָט זיך ערלויבט אוועקצוגעבען טאַמאַראַ'ן, האָט ער זיך מודה געווען פאַר איהר, אַז עס געהען אַוועק ביי איהם טעג און וואָכען, וואס ער פערגעסט אָן זיך און אָן דער גאַנצער

וועלט און פיהלט זיך ווי אמענש וואס איז געשטארבען, אויב ס'איז נאר מעגליך אז א געשטארבענער זאל פיהלען... און דוקא די טעג און די וואכען זעגען ביי איהם די גליקליכסטע טעג מיט די גליקליכסטע וואכען. איין אנדערע אויף טאמארא'ס ארט וואלט זיך געוויס געפונען בעליידיגט, ווען זי זאל הערען פון איהר געליעבטען אזעלכע ווערטער. די ערשטע עגאאיסטישע מחשבה איהרע וואלט געווען: „נו, און איך וואו בין?..." אין אזא ליעבע, ווי די ליעבע פון טאמארא צו ראמאנענקא'ן, בעדארף מען דאס ווארט „איך" אויסמעקען אין גאנצען; אויב איהר ווילט וויסען—איז טאמארא'ס ליעבע אליין גאר קיין ליעבע ניט; דאס איז נישט מעהר ווי א פערגעטערונג פון א מענשען צו א מענשען. אויב מע קאן זיך פארשטעלען אויף א מינוט, אז א מלאך פון הימעל זאל אראבנידערען אויף דער ערד צו א מענשען און דער מענש זאל איהם דערזעהען און דערקענען אין איהם א מלאך און פאלען פאר איהם און קניען, — וואלט דאס געווען א ריכטיגע קאפיע פון טאמארא'ס געפיהלען צו איהר געוועזענעם לעהרער. נו, און זיינע געפיהלען צו איהר? ראמאנענקא האט ליעב געהאט אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט, און מעהר פון אלע מענשען האט ער ליעב געהאט זיינע אייגענע ברידער און שוועסטער פון זיין לאנד, און מעהר פון אלע זיינע ברידער—די ארעמע, די שוואכע, די עלענדע, די אונטערדריקטע, די אונגעשיצטע, די אומגליקליכסטע, און מעהר פון די אלע אומגליקליכע האט ער ליעב געהאט זיין אומגליקליכע מוטער איבער צוויי אורזאכען: 1) ווייל זי איז זיין מוטער, 2) ווייל זי איז איין אומגליקליכע מארטירערין ביי זיין דעספאטישען פאטער.

פאננא וואנדא, א טאכטער פון א געפאלענער פוילישער פאמיליע, האט זיך פערליעבט אין א אוקראאינסקען סטודענט ראמאנענקא, חתונה געהאט און אריבערגעפאהרען מיט איהם אין זיין געבורטסשטאדט, וואו ער איז געווארען לעהרער אין גימנאזיע, און זי האט איהם געבארען א זוהן (דעם העלד פון אונזער ראמאן), וועלכען זי האט אויפגעצויגען

איהר גאַנץ לעבען, אַרײַנגעלעגט איהר גאַנצע נשמה, אײַנגעפּלאַנצט אין איהם אַ ליבשאַפֿט צו אַלעם וואָס איז אונטערדריקט און וואָס רופֿט־אַרויס רחמנות.

ווער האָט אָבער בײַ איהם געקאָנט זײַן מעהר אונטערדריקט, ווי זײַן אײגענע מוטער איז געווען אונטערדריקט בײַ איהר דעספּאָטישען מאַן? ווער האָט געקאָנט אַרויסרופֿען בײַ איהם מעהר רחמנות, אַלס זײַן אומגליקליכע מוטער, וואָס האָט קײן קאָפּ נישט געקאָנט אױפֿהױבען, נישט געוואַגט פֿאַר'ן מאַן אין די אויגען צו דערמאָנען פֿאַר'ן קינד, אַז זי שטאַמט פֿון אַ גרעסערען יחוס אַלס זײַן פֿאָטער? פֿון דעם איז אַרויס ניט אײן קאָנפֿליקט און ניט אײן סקאַנדאַל צווישען מאַן און ווײַב; נישט אײן מאָל זענען פֿערגאָסען געוואָרען טרעהרען, שטילע, הײסע, הײליגע טרעהרען... דאָס, נאַטירליך, האָט געפֿיהרט דערצו, אַז צום קינד ראַטאַנענקאָ האָט זיך אַרײַנגע'גנב'עט אין האַרצען אַ פֿערבאָרגענע שנאה צום גרויסען הויכען געזונדען פֿאָטער, דעם אוקראַאינישען מיט'ן געשטופּעלטען פּנים און מיט דער באַסאָווע געמבע, און אַ הײסע צערטליכע ליעבע געמישט מיט רחמנות צו דער קלײניטשקער אײדעלער צערטליכער מוטער מיט איהר בלאַסען קלאַסיש געזיכט און מיט איהרע קלײנע ווײַסע צערטליכע הענטלעך, אַך! איהרע הענד! איהרע הענד! קײנער האָט ניט אַזעלכע שענע ווײַסע אַנטיטשנע הענד ווי זײַן מוטער! די צווייטע, וואָס פֿערמאָגט אַזעלכע שענע הענד, איז טאַמאַרא שאַסטעפּאַל... דאָס האָט איהר געזאָגט ראַמאַנענקאָ, אײדער ער האָט זי געפֿיהרט פֿאָרשטעלען פֿאַר זײַן מוטער, און אַז ער האָט זי געבראַכט צו זײַן מוטער, האָט ער נאָכדעם חרטה געהאַט, וואָס ער האָט דאָס געטהאָן, ווײַל ס'איז איבער דעם אַרויס אַ גרויסער סקאַנדאַל צווישען פֿאָטער און מוטער, אַזאַ מאוסער סקאַנדאַל, אַז דער זוהן האָט געמוזט אַרויסשפּרינגען מיט אַ שאַרפֿען, פֿײַעריגען פּראָטעסט קעגען פֿאָטער, און קעגען זײַנע אַנטיסעמיטישע מײנונגען... עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז דער

זוהן האָט געוואָרענט דעם פֿאָטער ער זאָל זיך אויף דער עלטער ניט איינשרייבען אין דער „שווארצער מאה”, וואָס וועט בלייבען צו שאַנד און צו שפּאָט אויף דור דורות!

גאָט ווייס, מיט וואָס אַזאַ סקאַנדאַל וואָלט זיך געענדיגט, ווען די אומגליקליכע מוטער פֿאַלט ניט דעם זוהן צו די פֿיס! מיט טרעהרען אין די אויגען האָט זי קוים געפֿועלט ביים זוהן, אַז איצטיגס מאָל זאָל זיינם איבערגעהן... פֿון דעמאָלט אָן איז צווישען זוהן און צווישען פֿאָטער נישט אויסגערעדט געוואָרען מעהר אַ וואָרט דאָס גאַנצע לעבען, אין קיין בריעף איז נישט דערמאָנט געוואָרען דעם פֿאָטער'ס נאָמען, גלייך ווי עס וואָלט ביי איהם קיין פֿאָטער קיין מאָל אויף דער וועלט נישט געוועזען...

דערפֿאַר אָבער זענען זיינע בריעף צו דער מוטער געוועזען אַזוי אָפֿט און אַזוי פֿול מיט צערטליכע ליעבשאַפֿט און איבערגעבענהייט, אַז קיין כלה אין דער וועלט וואָלט זיך ניט געקאָנט בעריהמען מיט מעהר צערטליכע בריעף פֿון איהר איינגעליעבטען חתן! עס איז נישט געוועזען קיין זאַך, קיין איינצעלהייט, קיין מאָמענט אין דער גרויסער בעפֿרייאונגס-בעוועגונג, וואָס ער זאָל ניט מיטטיילען וועגען דעם זיין מוטער. און אַלע זיינע בריעף זענען געוועזען פֿול מיט האָפֿנונג אויף גוטע צייטען, אויף ליכטיגע גליקליכע טעג, וואָס וועלען איינטרעטען פֿאַר'ן גאַנצען לאַנד און איבערהויפּט פֿאַר די געפֿאַלענע, אונטערדריקטע, בעלייידיגטע פֿעלקער.

„מיינע בעסטע חברים — האָט ראָמאַנענקאָ געשריבען צו דער מוטער — זענען יודען, און איך האָב קיין מאָל ניט אַרויסגעזעהן פֿון זיי קיין אונטערשיידט; מיינע איבערגעבענסטע פֿריינד זענען יודען, און זיי האָבען מיר קיין מאָל ניט אַרויסבעוויזען, אַז זיי זענען העכער אָדער נידעריגער פֿון מיר.

זיי זיכער ליעבע מוטער, אַז פֿונ'ם נייעם פֿרייען גליקליכען לעבען וועלען אויך געניסען די, וואָס זענען ביז

אהער געשטאנען וויט פון יענער זייט טהיר, ווייל זיי האבען דאס פערדינט לויט אלע געטליכע און מענשליכע געזעצע".

מיר האבען דא געבראכט איינינע אויסציגע פון ראמאנענקאס הונדערטער בריעף צו זיין מוטער אום צו חאראקטעריזירען אונזער העלד נישט אלס יודען-פריינד נאר אלס זעלטענער גוטער געטרייער זוהן צו זיין מוטער— און דערמיט שליסען מיר זיין ביאגראפיע און געהען ווייטער צו אונזער ערצעהלונג.

קאפיטעל ט"ז.

דאס נייע עוואנגעליום.

איין מאל — דאס איז געווען ערב ניי יאהר 1905— בעקומט טאמארא א צעטעלע:

„היינט, אין גרויסען מאניעזש, זייגער אכט. באל-טאזאר".

טאמארא שאסטעפאל האט שוין געוואוסט, אז דאס איז פון ראמאנענקאן. אזוי איז געווען ביי איהם דער שטייגער צו אונטערשרייבען זיך אלע מאל מיט א היסטא-רישען נאמען: „פאראאן", „יוליוס צעזאר", „ליודאוויק", „פיליפ", „האמלעט", „מאקבעט", און דעסגלייכען...

זייגער האלב אויף 9 איז שוין טאמארא געווען אין „גרויסען מאניעזש" און האט געטראפען ראמאנענקען שוין אויף דער פלאטפארמע אין אנהויב רעדען. שוין לאנג האט טאמארא ניט בייגעוואהנט אזא מאסענפערזאמלונג, אזוי פיעל מענשען און אזוי פיעל פערשיעדענע מענשען פון פערשיעדענע קלאסען: ארבייטער און אינטעליגענטען, פרויען, סטודענטען, קויפלייטע און, זעלבסטפערשטענדליך, פאליציאנטען נישט אינוועניג אין מאניעזש, נאר אין דרויסען אויף צו היטען די ארדנונג, דאס הייסט, אז טאמער וועט עמיצער זיך וואגען זינגען א ליעד, ארויסווארפען א רויטען

פלאַג וכדומה ... דאָס איז געווען אין דער צייט ווען מע האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבען צו ערלויבען מענשען עפענען די מיילער, אויפבינדען די צינגער און רעדען פריי. געוועהנליך אין אַ געוויסער מאָס: „איהר מעגט רעדען אַלסדינג אויסער דאָס. וואָס מע טאָר ניט“... דאָס איז געווען איינע פון די ערשטע פרייהייטען, וואָס מען האָט געשענקט דעם פאָלק.

אויף דער פלאַטפאָרמע איז געשטאַנען ראָמאַנענקאָ-מאַרטשענקאָ, אַ גאַנץ געוועהנליכער מענש מיט אַ גאַנץ גע-וועהנליך פנים בעוואַקסען מיט אַ געוועהנליך בערדעל, אָנגע-טהאָן אין אַ גאַנץ געוועהנליכען „פידזשאַק“; נאָר צוויי זאַכען זענען ביי איהם געווען אויסערגעוועהנליכע: די אויגען און די שטימע, און איבערהויפט די שטימע, — אַ קלינגענדע, אַ ריינע און אַ דונערענדע מעטאַלשטימע.

„געלויבט זענען די, וואָס האַלטען זיך קליין, ווארום זיי וועלען האָבען יענע וועלט!...

„געלויבט זענען די, וואָס וויינען, ווארום זיי וועלען זיין געטרייסט! ...

„געלויבט זענען די שטילינקע, ווארום זיי וועלען ירשענען די ערד“! ...

אַזוי האָט ער אונז געפרעדיגט מיט 19-הונדערט יאָהר צוריק... חברים און פריינד! איך וויים ניט, אויב דאָ איז פאַרהאַן עמיצער, וואָס ביי איהם זאָלען די ווערטער זיין אַ נייעס. מיר אַלע הערען די ווערטער פון קינדוויי אויף. מיר אַלע האָבען דאָס געלערענט אין דער שולע, מיר קאָנען דאָס הערען אַלע זאָנטאַג אין קלויסטער. דאָס זענען זעהר גוטע ווערטער פונ׳ם גוטען אַלטען עוואַנגעליום, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אויף צו רעטען די נשמה...

דער מענש איז אָבער אויך בעשאַפען געוואָרען צו רעטען ניט נאָר די נשמה, נאָר אויך דעם גוף, צו בעשאַפען פאַר אַלע אונזרע ברידער און שוועסטער, אָהן אַ שום אונ-טערשיעד פון נאַציאָנען און גלויבענס, אַ נייעס לעבען, אַ לעבען פון ארבייט, פון פריעדען און פון גליק!... איהר

זאלט ניט אפקומען דערמיט, וואס איהר וועט זיך האלטען קליין, וואס איהר וועט וויינען, וואס איהר וועט זיין שטילינקע און וואס איהר וועט אונטערשטעלען די לינקע באק, אז מע וועט אייך דערלאנגען אין דער רעכטער... לערענט אייך, איהר זאלט אדרבה זיין גרויס און שטארק און מעכטיג הורררא"!!

-- הורררא!!!—האט אויסגעדונערט איבער'ן גאנצען מאניעזש אזוי שטארק, אז די ווענט האבען געציטערט. די פאליציי האט שטארק חשק געהאט צו בעקענען זיך מיט'ן פרעדיגער. דער פרעדיגער אבער האט, ווייזט אויס, גאר קיין חשק ניט געהאט צו בעקענען זיך מיט דער פאליציי וואס זוכט איהם. ווי מיר וויסען שוין פון די פריהעריגע קאפיטלעך, מיט ליכט; זי דארף איהם זעהר נעטיג האבען; זי וויל איהם אבגעבען א גרוס פון זיינע חברים... אין איין מינוט האט זיך דער פרעדיגער אויסגעמישט מיט'ן גאנצען איבעריגען עולם; עס איז ארויפגעווארפען געווארען אויף איהם א גרויער רעגענמאנטעל מיט א גרויע היטעל אויפ'ן קאפ און בלויע ברילען אויף די אויגען, און עס איז שוין געווען שווער איהם צו דערקענען. געראטעט איהם האט אבער ניט דער רעגענמאנטעל און ניט דאס גרויע היטעל און ניט די בלויע ברילען. נאר דאס וואס ער איז געגאנגען געארעמט פון איין זייט מיט דעם רייכען יונגען פירסט דמיטרי שיראקאדזע, און פון דער אנדערער זייט מיט א שענער דאמע: טאמארא שאסטעפאל. דער דאזיגער טריומוויראט איז זיך געגאנגען געשמיידיג צו דער טהיר, נישט ארומקוקען זיך צוריק, און אזוי זענען זיי זיך ארויס אין אימפעט אונבעמערקט פון דער טהיר מיט א סך אנדערע פון דעם גרויסען מאניעזש, וואו די פאליציי האט געהאט זעהר א סך צו טהון מחמת דער עולם האט זיך אונטער דעם איינפלוס פונ'ם פרעדיגען א ביסעל צו שטארק צעהיצט.

כל זמן מע האט געפרעדיגט פאר'ן עולם, איז די גאנצע פאליציי מיט דער זשאנדארמעריע געשטאנען ווי די

טאָקען. נאָר קוים האָט זיך דערהערט די מארסעליעזע, האָט מען זיך שוין גענעבען א שנייד-אריין גלייך אין פּוב-ליקום אריין, און מע האָט שוין גענומען ארעסטירען רעכטס און לינקס.

און פונ'ם „גרויסען מאניעזש" האָט זיך געטראָגען א קול פון א סך טויזענדער הערצער: הורראַ! הוררראַ!!!...

. . . .

א ביסעל ווייטער פונ'ם „גרויסען מאניעזש" איז גע-שטאַנען א גרויסארטיגער עקיפאַזש, וואָס האָט אָבגעיוארט דעם פירסט שיראָקאַזע. צו'ם עקיפאַזש זענען צוגעגאַנגען דער „ווייסער מיטיא", טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל און ראָמאַנענ-קאָ-מארטשענקאָ און, נישט ארומקוקענדיג זיך צוריק, האָ-בען זיי זיך אַלע דריי אריינגעזעצט אין עקיפאַזש אריין און — „פאַשאָל"!... שטיל האָבען די גומענע ווייכע רעדלעך פונ'ם עקיפאַזש געקייקעלט זיך איבער די ברייטע גאַסען, אָבער נאָך שטילער איז זיי נאָכגעפאָהרען פון הינטען א וועלאָסיפּעד. אויפ'ן וועלאָסיפּעד איז געזעסען א קליין מענ-שעל אָנגעטהון אין א יענער-אנצוג מיט א גרין קאַפּעלושעל אויפ'ן קאָפּ און מיט אַש-קאָלירענדע ברילען אויף די אויגען.

דאָס איז געווען אונזער אַלטער פריינד, דער געהיים-אַגענט יאשקאַ וואָראָנאַ, וואָס האָט געוואָלט שיסען א נייעם פויגעל.

אויב איהם איז דאָס געראָטען — דאָס וועלען מיר זעהן פון די ווייטערע קאַפּיטלעך.

קאַפּיטעל י"ז.

מאַשאַ זוכט א טעריטאָריום.

אויב דער לעזער קען זיך ערינערען (עס וואָלט זיין זעהר טרויעריג ווען ער זאָל זיך ניט קענען ערינערען!...) איז מאַשאַ באַשעוויטש געווען געצוואונגען איבער פערשיע-דענע אורזאַכען צו פערלאָזען די „קליינע קאָמונע", וואָס בײַ

מאלקינען אונטערען דאך, און לאזען זיך עמיגרירען, זוכען זיך א טעריטאריום, א ווינקעלע, וואו דעם קאפ אנצושפארען.

מיר זאגען „דעם קאפ אנצושפארען”, ווייל מאשא איז אין דער היים א זעלטענער גאסט. גאנצע טעג קוקט מען זי ניט אן, א חוץ דעם וואס זי איז פערנומען מיט איהרע עסקים, פארטיי־ארבייט, זיצונגען און לויפענישען, בעדארף זי טראגען אויף זיך דעם יאך פון איהר אייגענער עקזיסטענץ און אין זינען האבען אויך די היים, ווארום די בריעף וואס זי בעקומט פונ׳ם פאטער זענען נישט קיין פרעהליכע בריעף. די בריעף וואס דער יוד פון האלץ, אדער ליפא באשעוויטש, שרייבט צו זיין טאכטער, זענען זעהר לאנגע און זעהר אפטע בריעף, מיר זאלען זיי קאנען אלע איבערגעבען פאר אונזערע לעזער, וואלטען בעדארפט פערנעהמען ביי אונז היבשע עטליכע קאפיטלעך. לכן וועלען מיר איבערגעבען דא איין אויסצוג פון איין בריוועל, וואס ליפא באשעוויטש שרייבט צו זיין טאכטער מיט זעהר קליינע אותיות אויף א גאנץ גרויסען בויגען פאפיער, פון דעם מין פאפיער וואס מע שרייבט אויף דעם „פראשעניעם” און מיט דעם מין כתב וואס מע שרייבט אב קדחת.

„... און ווייטער שרייב איך דיר, מאשע, זאלסט קיין יסורים ניט האבען פאר דער מאמע, ס׳איז ביי איהר דער אייגענער קאפ־ווייטיג וואס שטענדיג, מיגרען רופען דאס די דאקטוירים, און איך זאג, אז ס׳איז פון דעם וואס זי נעהמט זיך צו פיעל צום הארצען פאר די קינדער, אט בין איך א טאטע און האב אויך ליעב מיינע קינדער, נאר אזוי פיעל זיך מפקיר זיין איז אויך ניט כדאי, לאכט זי פון מיר און זאגט, אז איך בין נאך ערגער פון איהר, זאל א קינד ניט האבען קיין ביכעל, אדער זאל א קינד ניט קאנען געהן, זאגט, זי, אין נימענאזיע איבער די שיכלעך, דאס הייסט איבער דעם וואס עס געהט בארפוס, ביזט דו שוין, זאגט זי, אוים מענש און לויפסט ארום, זאגט זי, ווי א

משוגענער, אזוי זאגט זי, די מאמע הייסט דאס, צו מיר טאקי, ווארום איך האב איינגעלעגט די וועלט א גאנצע וואך ביז ס'איז ניט אנגעקומען פון דיר די עטליכע קערבלעך, און אז ס'איז אנגעקומען פון דיר די עטליכע קערבלעך פון דער פאסט האב איך פריהער געהאט צו טהאן א ביסעל אויף דער פאסט ביז איך האב ארייסגעקריגען די עטליכע קערבלעך. גרויסע רשעים אויף דער פאסט, ס'איז מיר אויסגעגאנגען דער פאס, האב איך זיי געבראכט צו טראגען דעם אלטען פאס. ווילען זיי ניט אויפ'ן אלטען פאס און גיבען מיר איין עצה איך זאל שיקען נאך א פאס. זאג איך: גיט מיר ארויס דאס געלד וועל איך שיקען נאך א פאס. זאגען זיי: ברענג אונז א פאס וועלען מיר דיר ארויסגעבען דאס געלד, בקצור איך האב זיי געבראכט פונ'ם ראבינער, אז איך בין איך—פון דער פאליציע האב איך מורא געהאט—און האב ארויסגענומען די עטליכע קערבלעך. און אז איך האב ארויסגענומען די עטליכע קערבלעך און געקומען אהיים, האט זיך אנגעהויבען א חתונה: וועמען פריהער? זאג איך: שיכלעך די קינדער, דאס איז דאס ערשטע, אהן שיכלעך לאזט מען זיי ניט אריין אין גימנאזיע, זאגט די מאמע: נו און פאר'ן האלץ וועט מען דיר שווייגען? זאג איך: פאר'ן האלץ וועל איך צאהלען פון דעם וואס ס'וועט מיר אריינפאלען; זאגט זי: שענע זאכען וועט דיר אריינפאלען! זאג איך: וואס בין איך שולדיג, אז מע וויל מיר ניט צאהלען? זאגט זי: אז מע צאהלט דיר ניט, פאר וואס זאלסט דו צאהלען? זאג איך: ווילסט דו איך זאל זיין איין אנזעצער? זאגט זי: מע דארף דאך אבער שטיוועלעך פאר די קינדער. זאג איך: שטיוועלעך דאס טענה איך דאך, דו זאגסט דאך גאר האלץ! זאגט זי: איך זאג גאר דעם קצב, — בקצור ס'איז א מעשה אהן איין עק! דערווייל איז פונ'ם געלד ניטא א גראשען און עס קרענקט מיך גוט, אז איך דערמאן מיך וואס פאר א געלד דאס איז, אז דו דארפסט געבאך ארומלויפען דארטען איבער די אוראקען, הארעווען

פֿון אונזערטוועגען, ביזט אזוי אויך געגוג אויסגעמוטשעט פֿונ'ם לערנען, איין אנדערע אויף דיין ארט וואלט שוין לאנג חתונה געהאט, נאר אז איציקעל שאסטעפאלם טאכטער שטעהט אן צו שטודירען מעג דיר אודאי אנשטעהן. דו זעהסט זי דארט אמאל? איך בעגעגען זיך אמאל מיט איהר פֿאטער דא, נאר ער מאכט זיך אלע מאל אוועק פֿון מיר, סע שטעהט איהם ניט אן, וואס מיין טאכטער און זיין טאכטער זענען גלייכע מיוחסים. גאט זאל מיר העלפֿען, איך זאל דיך זעהען שוין א פֿארטיגע מיט א דיפּלאם, זאלען זיי זעהען וואס פֿאר קינדער ליפּא האט! זאלסט אנקוקען ביי ביילקין איין אטעסטאט איינגעטונקען אין פֿינעפֿען פֿון אויבען ביז אראב! קאנסט פֿערשטעהען, אז אפילו ביי דעם רשע ראמאנענקא האט זי א פֿינעף! ער האט זי דריי מאל ארויסגערופֿען, ימח שמו זאל ער ווערען! ער זאל זיין די כפרה פֿאר זיין זוהנ'ס נאגעל! וואס מאכט ער עפּעס דארטען? בעגעגענסט זיך מיט איהם א מאל מיט'ן יונגען ראמאנענקא?... ס'איז א רעכטער חברה-מאן! ס'איז א סברה, אז ניט לאנג איז ער דא געוועזען ביי אונז אין שטאדט אויף א פֿערזאמלונג בסוד סודות... פֿון וואנען ווייס איך דאס? פֿון נחמיה דעם שוס-טער'ס בנים. זיי זענען גוטע חברה-לייט, זיי לאזען נישט דורך קיין פֿערזאמלונג, רעכטע שקצים! און יודעל קטנתי'ס זוהן. מיינסט דו, איז נישט קיין חברה-מאן? איך באגעגען מיך מיט יודלען גאנץ אפֿט. קענסט דאך איהם, קטנתי'ן, מיט זיינע פּסוקים. דערצעהל איך איהם וואס סע טהוט זיך אין פּעטערבורג און אין מאסקווע וועגען סטרייק, קאנסטיטוציע, צעלאכט ער זיך און מאכט צו מיר: „בראנפֿען..." זאג איך, „וואסער בראנפֿען?" זאגט ער: „פּראסטער בראנפֿען..." זאג איך: „וואס פֿאר א משל אהער?" זאגט ער מיר: „דאס איז א משל. זאגט ער, קעגען אייער קאנסטיטוציע; דער עולם, זאגט ער, דארף בראנפֿען, ניט קיין קאנסטיטוציע...." ווער איך מסתמא גוט אין כעס און גיב איהם ווי א הונד! ענטפֿערט ער מיר מיט א פּסוק: „קטנתי מכל החסדים — זאל

אַ רוח אין זייער טאַטען אַריין!" פרעג איך איהם: „וועמען?" זאָגט ער: „וועמען איהר ווילט...." — היינט גאָר רעד מיט אַ שניידער! גאָר דערצעהל אַ הונד אַ סדילקעווער סליחה געדרוקט אין סלאַוויטע! קאָנסטיטוציע וואָלט איך זיי געגעבען אָט די לייט? צרות וואָלט איך זיי געגעבען! זיי הויבען דען אָן צו פערשטעהן מיט וואָס מע עסט דאָס? זיי דאַרפען האָבען אַ קאַנטשיק, אַ נאַגייקע, שמייסען ביז בלוט זאָל געהן אוי בלוט! איך זעה אַרויס, אַז סע וועט זיך גיסען בלוט, טייכען בלוט, אַ גאַנצער מבול, ווי דער נביא זאָגט..."

. . . .

מיר רייסען איבער דעם בריעף אויף דעם פלאַטץ דערפאַר, ווייל דאָ הויבט אָן ליפּאַ באַשעוויטש אַריינפאַלען אין „מליצה" אַריין און מיר גלייבען נישט קיין „מליצה", דעריבער געהען מיר ווייטער צו אונזערע יונגע העלדען.

אַז מאַשאַ באַשעוויטש האָט זיך אָבגעזעגענט מיט דער „קליינער קאָמונע" וואָס ביי מאַלקינען אונטערן הימעל, האָט זי גענומען איהר „באַגאַזש", אַ טשאַבאָטעטשנעם טשעמאָדאַנטשיקעל איבערגעבונדען מיט אַ שטריקעל, געכאַפּט אַ דראָזשקע און געהייסען זיך פיהרען אויף איינע פון די ווייטע גאַסען פון דעם גרויסען צעוואָרפענעם פעטערבורג. מחמת דער וועג איז געוועזען אַביסעל ווייטליך, האָט זיך מאַשאַ אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, ווי איהר שטייגער איז, מיט'ן איזוואָזטשיק, אַ געזונטען אָרלאָווסקי'ן מוזשיק מיט אַ פנים פון אַ בער און מיט פיס פון אַן עלעפאַנט, און איז געוואָהר געוואָרען פון איהם, אַז ער האָט אין אָרלאָווער גובערניע אַ שטיקעל ערד, וואָס עס קלעקט איהם ניט אויף טרוקען ברויט, מוז ער קוטשירען און דאָס ווייב מוז וואַשען גרעט, און די קינדער... עך, די קינדער! דריי זיהן האָט ער מיט אַ טאַטער, איז איינער דער עלטערער, אַ זאַפּאַסנאָי געהרג'עט געוואָרען אין מאַנדזשוריע, דער אַנדערער איז געקומען אַ קאַליקע אָהן אַ פוס. דער דריטער איז אַוועק ערשט היינטיגעס יאָהר פאַר אַ סאָלדאַט...

— צו וואָס טויג דיר אַזוי פֿיעל סאָלדאַטען? — פֿרעגט איהם מאַשאַ, — שטעלסט־צו סאָלדאַטען צו דער רוסישע אַרמעע?

— וואָס־זשע זאָל מען טהאָן? ענטפֿערט איהר דער איזוואָזטשיק — מען הייסט, דאַרף מען געבען.

דער איזוואָזטשיק דרעהט אוים צו איהר זיין פּנים, קוקט זיך איין, ווער דאָס רעדט מיט איהם, טאָמער איז דאָס איין אונטערגעשיקטע. מאַשאַ'ס פּנים אָבער זאָגט, אַז זי איז ניט פֿון די אונטערגעשיקטע און אויף דעם איזוואָזטשיקס פּנים בעווייזט זיך אַ מין גרימאַסע, וואָס מע מוז דאָס אָננעהמען פֿאַר אַ שמייכעל, און ער צערעדט זיך מיט איהר, גיט איהר אָנצוהערעניש, אַז ער איז ניט אַזאַ פֿינס־טערער פֿאַרשיין ווי זי מיינט, אַז ער ווייסט אויך וואָס סע טהוט זיך איצט אויף דער וועלט, ער אַליין טאַקי לייענט ניט קיין ביכלעך, מחמת ער קאָן ניט. נאָר אַנדערע לייענען איהם, סילוועסטער לייענט איהם און פֿערטייטשט איהם איטליכס וואָרט. ווער איז דער סילוועסטער? סילוועסטער איז איין אַרבייטער פֿון איין אייזענפֿאַבריק, וואוינט מיט איהם אויף איין פּלאַץ, שלאָפֿען ביידע אויף איין ערד, דער־צעהלט איהם סילוועסטער, וואָס אויף די פֿאַבריקען טהוט זיך, מע גרייט זיך צו אַ שטרייק, אַפֿילו ער מיט זיין פֿער־דעל וועט מוזען שטרייקען אַזוי לאַנג, ביז דער פֿאָטער גאַפּאָן וועט הייסען.

— ווער איז דער גאַפּאָן? — פֿרעגט איהם מאַשאַ, אום צו איבערצייגען זיך, אויף וויפֿיעל איז דער איזוואָשטשיק אינפֿאָרמירט פֿון דעם וואָס טהוט זיך אויף די פֿאַבריקען.

— דער פֿאָטער גאַפּאָן, — גיט איהר דער איזוואָזטשיק צו פֿערשטעהן אויף זיין שפּראַך — דאָס איז אַזאַ גלח וואָס איז געשיקט געוואָרען צו מלחמה האַלטען מיט דער שוואַרצער קליפּה מיט'ן אַנטיכריסט, וואָס האָט זיך ביי אונז אין לאַנד אַריינגעכאַפּט און וויל פֿון דאָרט נישט אַרויס, וויפֿיעל מע האָט איהם נישט אונטערגערויבערט

מיט ווייראך, וויפיעל תפלות מע האט ניט אוועקגעלעגט אויף איהם, מיט קללות, מיט תוכחות, מיט בעשווערונגען — ער ריהרט זיך ניט פון ארט, אט דער שווארצער כח, דער אנטיכריסט, ס'זאל אויף איהם קומען א חלירע!...

ביי די ווערטער דערלאנגט ער דעם פערדעל דאס, וואס ער וואלט וועלען דערלאנגען אנטיכריסטען, און מאשא וויל ארויסבעקומען פון דעם נפש ער זאל איהר געבען צו פערשטעהן, ווער איז נאך זיין מיינונג דער אנטיכריסט?

— ווייסט איהם דער טייוועל! — ענטפערט ער איהר — איך מיין, אז ער דארף שטאמען פון יודען.

— וואס עפעס פון יודען? — פרעגט איהם מאשא ערשטוינט.

— פון וואנען דען, אז ניט פון יודען? — ענטפערט איהר דער פויער ווי א בר סמכא — אלסדינג וואכסט פון יודען. און די מלחמה איז דען ניט פון יודען?

— פון וואנען ווייסט דו דאס?

— איך וויים ניט, איך מיין אזוי...

דא שטעהט פאר מאשא'ן א שווערע אויפגאבע: אויפקלערען דעם דאזיגען נפש, ווער איז גאפאן, און ווער איז אנטיכריסט, און וואס זענען יודען, און ווער האט ארויסגערופען די מלחמה! א שווער שטיקעל ארבייט איז דאס געוועזען! האקען האלץ איז א סך גרינגער דערפון! און דאך איז זי צופריעדען מיט איהר ארבייט, ווארום אז זיי זענען צוגעפאהרען אהין, וואו זי האט בעדארפט, און האט זיך צעצאהלט מיט'ן איזוואזטשיק פאר די אנדערהאלבען שעה, וואס זיי זענען געפאהרען, האט אויף זיין בעריש פנים געשפיעלט א ברייט לויטער שמייכעל, וואס האט געקענט זאגען:

— אצונד איז פאר מיר אלעס ווי אויף א טעלער!...

קאפיטעל י״ח.

מאשא באשעוויטש ביי טאמארא שאסטעפאל.

צוגעפאהרען צו א הויכען גרוי געפארבטען טויער, האט מאשא באשעוויטש אנגעקלונגען אין טויער און עס האט זיך בעוויזען א דווארניק מיט א ווייסען פארטוך און מיט א ווייס בלעכעל אויפ׳ן היטעל און מאשא איז געוואהר געווארען פון איהם א טרויעריגע בשורה, אז דער פארשוין, אויף וועלכען זי פרעגט זיך נאך, איז ארעסטירט און זי קאן דא ניט בלייבען; מחמת דער בעל הבית פונ׳ם הויף האט איהם אנגעזאגט, אז ער זאל קיין סטודענטען מיט יונגע „באַרישנעס״ קיין צימער נישט פערדינגען. זאלען זיי בעסער, זאגט ער, שטעהן ליידיג אדער זאלען זיי, זאגט ער, דריי מאל ברענען אויפ׳ן פייער, איידער די פאליציי זאל מיר זאגען, אז מיין הויף איז א נעסט פון סטודענטיין, גנבים, זשוליקעס און סאציאליסטען!...

מאשא האט געבאך געמוזט נעהמען איהר באגאזש, דאס טשאַבאטעטשנע טשעמאדאנטשיקעל און געהן זוכען א טעריטאריום ערגיץ אנדערש, אויף דער דריטער גאס פון דאנען. אויף איהר קלונג האט זיך בעוויזען א פרוי מיט א רויטע פעטשיילע מיט גרינע קוויטען, דעם דווארניקס ווייב, און האט איהר געזאגט מיט א נגון זי זאל געהן פון דאנען וואס גיכער, ווארום ס׳איז א פולער הויף מיט פאליציי, זיי זוכען עמיצען...

אודאי האט אונזער העלדין געמוזט פערקירעווען דעם דישעל און „נעהמען לינקס״ און טאקי שטעלען פיס, ווארום בעקענען זיך מיט דער פאליציי וועט זי ניט פערשפעטיגען, זי האט נאך זעהר-זעהר א סך צו טהאן!... פלוצים... (אלע גוטע מחשבות קומען אן פלוצים) טהוט איהר א שיין א מחשבה אין קאפ: „טאמארא!... טאמארא שאסטעפאל!...״

מאשא באשעוויטש און טאמארא שאסטעפאל, חאטש

זיי זענען געוועזען חבר'טעס פון איין שטאדט, מיט אטעסטאטען פון איין גימנאזיע, דאך האבען זיי זיך זעלטען בעגעגענט, נישט ווייל מע האט עפיס געהאט איינע צו דער אנדערע, נאר זיי קאנען אליין ניט זאגען פאר וואס. ביי זיך אין הארצען האט זיך מאשא מודה געווען, אז זי האט ניט ליעב טאמארא'ס בורזשואזנע עלטערען מיט זייער בורזשואזנע שטוב. מאשא געדענקט וואס פאר א שווערען איינדרוק זי פלעגט ארויסטראגען פון טאמארא'ס שטוב אלע מאל ווען זי איז אהין געקומען. טאמארא'ס מוטער פלעגט איהר הייסען דערלאנגען א גלאז טיי מיט אזא נוסח, גלייך ווי איינער איז זיך מפקיר פון עמיצענס וועגען, ברענגט א קרבן על פי נויט, וואס זאל מען טהאן? מע מוז אמאל געבען יענעם א גלאז טיי!... און אלע מאל האט דאס דינסטמיידעל פערגעסען אריינווארפען צוקער אין דער טיי, און אלע מאל האט זי געשאלטען דאס מיידעל, למאי זי פערגעסט אריינצוווארפען צוקער.

— אז מע גיט יענעם א גלאז טיי, דארף מען אריינווארפען צוקער, — פלעגט טאמארא'ס מוטער זאגען מיט אזא טאן, גלייך ווי זי וואלט דא נאר וואס, פונקט אין 400 יאהר ארום נאך קאלומבוסען, ענטדעקט א שפאגעל נייע אמעריקא.

און איציקעל שאסטעפאל? — איהם האט זי גאר פיינט געהאט. זי געדענקט א סצענע, ווי אזוי זי איז אמאל געקומען צו טאמארא'ן, נישט געטראפען זי אין דערהיים און בעגעגענט זיך מיט'ן פאטער אויף דער שוועל.

— ווער איז דאס מיידעל? — האט איציקעל א פרעג געטהאן ביי דער פרוי און האט זיך א קראץ געטהאן אונטערען קאלנער.

— טעמעס א חבר'טע, — האט די פרוי געענטפערט, נישט געוואלט אנרופען זי ביים נאמען. ווער זי איז. מאשא איז שוין געווען דעמאלט אין זעכסטען קלאס גימנאזיע און האט זיך שוין געקאנט אויסטענען מיט א גרעסערען פון

איציקעל שאַסטעפּאַל. האָט זי מיט שטאָלץ געזאָגט צו איציקעל שאַסטעפּאַל:

— איך בין ליפּאַ'ס טאָכטער.

— וואָסער ליפּאַ? — פרעגט איציקעל.

— ליפּאַ באַשעוויטש — ענטפערט איהם מאַשאַ.

— וואָסער באַשעוויטש? — פרעגט ווייטער איציקעל, נעהמט נישט צו די האַנד פון'ם קאַלנער.

— דער יוד פון'ם האַלץ, — מישט זיך אריין טאַמאַ־ראַ'ס מוטער און איציקעל דרעהט זיך אוים צו מאַשאַ'ן מיט יענער זייט גוף, וואו ס'איז ניטאָ קיין פנים, און מאַשאַ געהט אוועק פון דאָרט אַ צעקאָכטע און גיט זיך דאָס וואָרט, מעהר צו טאַמאַראַ'ן אהיים נישט געהן. בעגעגענט זי אָבער טאַמאַראַ און שטעהט־צו צו איהר און רעדט אַזוי לאַנג ביז זי רעדט זי איבער.

איין מאָל האָבען זיי זיך בעגעגענט אין פּעטערבורג אויף אַ פערזאַמלונג, און טאַמאַראַ האָט גענומען שטראָפען מאַשאַ'ן פאַר וואָס זי קומט ניט צו איהר. האָט איהר דע־רויף מאַשאַ געענטפערט:

— פאַר וואָס קומסט דו ניט צו מיר? — און האָט זיך באַלד פערכאַפּט — איבעריגענס קאָנסט דו צו מיר ניט קומען...

— פאַר וואָס?

— ווייל מאַלקינס רעזידענץ, דאָרט וואו איך וואוין אונטערען הימעל, איז צו קליין פאַר דיר!...

דאָס האָט שוין טאַמאַראַ'ן פערדראָסען און זי איז דוקא געקומען צו איהר, זיך בעקענט מיט מאַלקינען און מיט דעם גאַנצען פּראָלעטאַרישען געזינדעל, זאָגאַר גע־פיהרט אַ דיסקוסיע מיט דער קאָמונע און פערליעבט אין זיך די גאַנצע קאָלאָניע, פון'ם יונגסטען אורוטים ביז'ן אלטען סיביריניק בערעזוניאַק, — אַלעמען איז טאַמאַראַ געפעלען, אפילו די צוויי מיידלעך פון דער קאָמונע, עטקע און חוה.

— אצונד האף איך, אז דו וועסט זיין ביי מיר אויך? — זאגט טאמארא צו מאשא'ן.

— ביי דער ערשטער געלעגענהייט, — זאגט מאשא, און אזוי ווי טאמארא איז אוועקגעגאנגען, אזוי האט זי שוין אן איהר פערגעסען. דערמאנט האט זי זיך אן טאמארא'ס איינלאדונג אין דער מינוט, ווען זי איז געגאנגען מיט איהר באגאזש אין די הענד איבער דער גרויסער שטאדט פעטער-בורג זוכען א טעריטאריום.

אבגעגאנגען נאך עטליכע מייל, האט אונזער העלדין אבגעשטעלט זיך ביי א געלבען מויער און האט אנגעקלונגען ביי דער פאראדנע טהיר. אויף איהר קלונג האט זיך בעוויזען א קליין בארוויס שיקסעל מיט גרויסע קארעלען אויפ'ן האלז און מיט א פארטיגען געלעכטערעל אויפ'ן פנים. מאשא האט איהר איבערגעגעבען דעם באגאזש און האט זי א פרעג געטהאן, ווי אזוי מע רופט זי.

— מיך רופט מען מאשא, — זאגט דאס קליינע שיקסעל מיט די גרויסע קארעלען, און לאכט.

— אויב אזוי, האבען מיר שוין צוויי מאשא'ס — האט מאשא באשעוויטש זיך אנגערופען צו דער קליינער מאשא און האט זיך געהייסען אריינפיהרען צו דער „בארישני" (טאמארא שאסטעפאל) אין צימער אריין.

— ווער איז דארטען? — האט זיך געלאזט הערען פון צווייטען צימער א קול פון א מאנסביל.

— ס'איז איך! האט איהם געענטפערט מאשא באשעוויטש, אויסגעפאקט דאס טשעמאדאנדעל און צעלעגט זיך ביי טאמארא'ן אין צימער, אזוי ווי ביי זיך אין דערהיים.

— ווער איז געוועזען דער איך? — האט זיך געלאזט הערען נאך א מאל די זעלבע מאנסבילשע שטימע און נישט בעקומען מעהר קיין ענטפער, האט זיך בעוויזען דער מאנסביל אליין, א פארשוין פון א יאהר פערציג, א צעקאש-מעטער, א צעבורשעטער, אהן א העמד, מיט א „פידזשאקעל" פערשפילעט ביז ארויף, אהן הויזענטרעגער און דערפאר א

פנים האבען זיך די הויזען שטארק געשלעפּט אויף דער ערד און דערפאר א פנים האט ער זיי אונטערגעהאלטען ביים בויך מיט ביידע הענד, געגעבען אלע מאל א שלעפּ ארויף און צו גלייכער צייט געהאט צו טהון מיט די בריללען (פענסנע), וואס האבען בשום אופן נישט געוואלט האלטען זיך אויף דער נאז, נישט קוקענדיג דערויף וואס די נאז איז ביי איהם איין אויסגעבויגענע יודישע נאז. שולדיג זענען דא א פנים די בריללען, ניט די נאז, און אפשר דער בעל-הבית פון דער נאז, וואס שיינט א צוטראגענע בריאה צו זיין, איינער פון די נפשות, וואס זענען שטענדיג פארהארע-ועט פארטארעראמט, הייבען אן צוואנציג טויזענד ארבייטען און לאזען קיין מאל נישט אויס, גאט ווייסט ווען זיי ווערען פארטיג!...

דערזעהען ביי טאמארא'ן אין צימער איין אומבעקאנ-טען מענשען, האט זיך דער צעקאשמעטער פארשוין מיט די לאנגע פאלענדיגע הויזען געגעבען א חאפּ-צוריק און א בייג-איין אויף וויפיעל עס האבען איהם ערלויבט די בריללען, און א זאג געטהאן די געוויסע באנאלע פראזע:

— מיט וועמען האב איך די עהרע? (אנשטאט א ריש קומט אויס ביי איהם א חית).

— די עהרע איז ניט אזא גרויסע עהרע — האט איהם מאשא אבגעענטפערט פראסט, ווי איהר שטייגער איז, און האט זיך געטהון דערוויילע איהר ארבייט: צענויפגעלעגט די האנדטיכלעך, די קעמלעך, די בערשטלעך מיט די טיכע-לעך מיט די קעלנערלעך, ווי ביי זיך אין דער היים, -- איך בין טאמארא'ס א חבר'טע פון דער היים; מיין נאמען איז מאשא באשעוויטש.

ווי איין עלעקטרישער שטראם איז דער נאמען „מאשא באשעוויטש" דורכגעלאפען דורכען גאנצען גוף פון דעם צעקאשמעטען פארשוין. א פריינדליך שמייכעל האט זיך צעגאסען איבער זיין גאנצען פנים. איין אנדער מענש איז ער געווארען! צוגעהאלטען מיט איין האנד, מחילה, די הויזען,

האָט ער איהר די אַנדערע האַנד אויסגעצויגען, אָנגענומען זי ביי דער האַנד און נישט אַרויסגעלאָזט זי די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, און גערעדט האָט ער לאַנג און אַ סך און אָהן אָבשטעל, געקייטעלט איינס אינ'ם אַנדערען אַזוי קונציג, אַז איבערצוהאַקען איהם איז אונמעגליך, סיידען אוועקגעהן אין מיטען אָדער איבערשרייען איהם מיט אַ טאָן העכער. די, וואָס קענען איהם, טהוען דאָס טאַקי, מע ר'אָט קיין אַנדער ברירה ניט...

— זענט איהר דאָס די מאַשאַ באַשעוויטש? אי-אי-אי! טאַמאַחאַ וועט קומען וועט זי זיך אויפהענגען פֿאַר פֿחייר! מיר העחען פֿון אייך אַלע טאָג, דחיי מאָל אַ טאָג, צעהן מאָל אַ טאָג! איהר זייט אַ העלדין! אַ גרויסע העלדין! ניט אַלע קאָנען דאָס וואָס איהר קאָנט! מיר דאַחפֿען אַלע ביי אייך זיך לעחנען! מיר זענען קינדעח, חדח-יונגלעך קעגען אייך! מיין נאָמען איז אַבחאַם מאַחקאָוויטש! אַבחאַם מאַח-קאָוויטשען קענען אַלע! מיין פּחאָפֿעסיע איז דחוקעחיי, נאָח אַליין בין איך אַ שטיקעל מאַלעח, אַ שטיקעל קינסטלעח, אַ שטיקעל שחייבעח, אַ שטיקעל דיכטעח, אַ וועגעטאַחיאַניעץ און אַ טאָלסטאָוויעץ. ווי אַזוי האַלט איהר פֿון טאָלסטאָי? איך האַלט פֿון איהם זעהר שטאַחק! איהר זאָגט מסתמא, אַז ער איז מעהר דיכטעח אַלס פֿילאָזאָף? איך בין מיט אייך ניט איינפֿעחשטאַנדען!...

אייב מאַשאַ באַשעוויטש איז געווען איינפֿערשטאַנדען מיט אַבראַם מאַרקאָוויטשעס מיינונג איבער טאָלסטאָיס פֿילאָזאָפֿיע אָדער ניט—דאָס איז אַ בעזונדערע פֿראַגע, נאָר אַז מען דאַרף אַרויסנעהמען די האַנד פֿון זיין האַנד — דאָס האָט זי געזעהען, און האָט דאָס ביי־צייטענס געטהון און האָט איהם געוואָלט איבעררייסען אין מיטען, איז אָבער געווען אונמעגליך, מחמת אַבראַם מאַרקעוויטש האָט געהאַל-טען סאַמע אין רעכטען שמועס און ס'איז געווען פשוט אַ רחמנות איהם איבערצורייסען. ווי ס'איז אַ רחמנות אויפֿ-וועקען אַ מענשען למשל ווען ער האַלט אין רעכטען גע-

שמאקען שלאף. א גליק, וואס ס'איז אנגעקומען טאמארא שאסטעפאל.

און אז טאמארא איז אנגעקומען האט זי אבראם מארקאוויטשען גאנץ פיין משלח געווען פון איהר צימער, געהייסען זאגען ראזען, אז זי האט א גאסט צו דער טיי...

— נישט צו דער טיי — פארריכט זי מאשא — נאר אויף א גאנצע וואך אדער אויף צוויי וואכען, ביז איך וועל מיר קריגען א מקום מנוחה. איך האף, אז דו האסט גאר נישט קעגען דעם, מע זאל ארייננטראגען אהער נאך א בעטעל?

טאמארא איז געווארען אביסעל רויטליך. איך וויל ניט מיינען, אז זי האט איהר חלילה ניט פארגינען. איך רעכען נאר, אז איציקעל שאסטעפאלס טאכטער איז ניט געווען געווען געוואוינט דעמאקראטיש, זי זאל קאנען איבערטראגען אזוי לייכט אזא מין בענעהמונג, ווי עס האט זיך ערלויבט די עלטע דעמאקראטין מאשא באשעוויטש. טאמארא האט איהר געזאגט, אז מיט פערגניגען וועט זי זי האלטען נישט נאר צוויי דריי וואכען, אפילו צוויי דריי חדשים, דעם גאנצען ווינטער, און איז אריבער באלד אויף איין אנדער שמועס, וועגען דער קאמונע, וואס מאכט די קאמונע? וואס מאכט מאלקין? און וועגען אבראם מארקאוויטש, וואס פאר א פלאפלער ער איז, א גוטער מענש, א דימענט. נאר א פלאפלער, און וועגען זיין פרוי ראזע, וואס איז איהרע, טאמארא'ס א קרובה.

— נישט דערפאר ווייל זי איז מיר א קרובה — זאגט טאמארא, — נאר אז דו וועסט זיך מיט איהר נעהענטער בעקאנען, וועסט דו אליין זאגען, אז דאס איז ניט קיין פרויענצימער, נאר א מלאך פון גאט! און א קינד האבען זיי, דאס הייסט זיי האבען א סך קינדער, נאר איין קינד האבען זיי, זיוזיא הייסט ער, א יונגעל, פון פיער יאהר, ווייס איך ניט, וואס פון איהם וועט אויסוואכסען! קלוג ווי א שד, גוט ווי איין ענגעל און שען איז ער! האסט געזעהען א מאל ראפאעלס בילד אראבגענומען פון איהם זעלבסט?

א! איך האב נאר פערגעסען, אז דו בּיזט איין אנארכיסטין און האלסט נישט פון קונסט!...

— האסט א גרויסען טעות, טאמארא, אמת'ע קונסט האב איך ליעב, און קליינע קינדער... אזוי זאגט מאשא, און טאמארא חאפּט אונטער:

— אזוי ווי איך האב ליעב פּאעזיע, ווארהייט.

— אזוי? דאס האב איך נישט געוואוסט. נאר דו מישט אויס די אלע זאכען אינאיינעם: קונסט, פּאעזיע, ווארהייט, קליינע קינדער... ווען דו זאגסט דאס פאר אבראם מארקאוויטשען, וואשט דו דיך ניט אב מיט קיין צעהען וואסערען; ער האט א ידיעה אין קונסט, ער איז אליין א שטיק מאלער, א מוזיקער און א דיכטער און וואס דו ווילסט, און אפילו א רעוואלוציאנער.

דהיינו אין וואס צייגט זיך ארויס זיין רעוואליוציאניזם? — פרעגט מאשא פּראסט, און טאמאראן דוכט זיך אויס, אז דא הערט זיך א איראניע...

— נישט אלע קאנען טהון — בעמערקט איהר טאמארא. —

— וואו שטעהט דאס, אז ניט אלע קאנען טהון? — פרעגט מאשא און קוקט אויף טאמאראן מיט אזעלכע אויגען, ווי א לעהרערין קוקט אויף איהר שילערין אדער ווי איין עלטערע שוועסטער אויף איהר קליין שוועסטעריל. — טאמארא ענטפערט איהר דערויף מיט א זיפץ; זי דערמאנט זיך, אז אט איז זי, טאמארא שאסטעפּאל, אין פּעטערבורג שוין א היבש שטיקעל צייט און האט נאך דערווייל נישט געטהאן גארניט... און זי איז מקנא איהר חבר'טע מאשא, שטארק מקנא, נאר ארויסזאגען דאס האט זי קיין מוט... עפּענט זי אויף די טהיר, שטעקט ארויס דעם קאפּ און רופט אויס אויף א קול:

— זיוויא! ניאניא! נישטא קיינער, — זאגט טאמארא צו מאשאן, און ביי'ט־איבער דעם שמועס גאר אויף

אַנ'אַנדער זייט: — האָסט דו עפּעס בריעף פון דער היים? וואָס שרייבט מען דיר?

— זעהר אָפט! — ענטפערט איהר מאשא און צע-לאַכט זיך — שוין צו אָפט! כמעט א טאָג איבער א טאָג האָב איך פון מיין קאַפּעליע בריוועלעך, פון די שוועסטער-לעך, פון די ברידערלעך, פון דער מאַמען און פונ'ם טאַטען. און איבערהויפּט פונ'ם טאַטען! ער שרייבט צו מיר אַלע 2 טאָג און איך איהם מוז שרייבען אַלע צוויי טאָג, און נישט גלאַט אַזוי בריוועלעך, נאָר בריעף, גאַנצע מגילות, בעשרייבונגען פון אַלסדינג וואָס קומט פאָר און מעהר געוועהנליך פון דער „רעוואָליוציע". ער איז ביי מיר א רעוואָליוציאָנער, א געפעהרליכער רעוואָליוציאָנער!... נאָר אויך נישט מעהר ווי אויף פּאַפּיר...

אַזוי לאָזט אויס מאַשא און צעלאַכט זיך מיט איהר גוטען אויפריכטיגען געלעכטער און ציינט איהרע געזונדע ווייסע שענע צעהן, וואָס קיין דאַנטיסט אין דער וועלט האָט נאָך נישט געהאַט די זכיה זיך צוריהרען צו זיי מיט זיינע גלאַנצענדיגע שטאָלענע אינסטרומענטען. און ווידער אַמאָל איז איהר טאַמאַרא מקנא, סיי אויף דעם וואָס זי שרייבט זיך איבער אַזוי אָפט מיט איהר „קאַפּעליע", סיי אויף איהרע ווייסע צעהן...

— שוין דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר! — זאָגט מיט א געלעכטער דאָס קליינע באָרוויסע שיקסעל מיט די גרויסע קאַרעלען, וואָס מע רופט זי אויך מאַשא.

קאַפּיטעל י"ט.

אַבְרָהָם מַארְקָאוויטש. זיין פְרוי רָאזֶע. זֵייעֶר קִינְד זְיוזְיָא.

טויזענדע שרייבער און דיכטער פיעל גרעסערע פון מיר האָבען שוין גענוג בעשריעבען, בעזונגען און בעוואונ-

דערט אין ליעדער און אין פראזע די פרוי מיט אלע איהרע מעלות און חסרונות, און קיינעם איז נישט איינגעפאלען צו פערגלייכען זי צו א בוים אדער צו א פויגעל-נעסט (און טאמער האט דאס שוין עמיצער געטהאן פאר מיר, בעט איך ביי יענעם שרייבער טויזענד מאל, ער זאל מיר מוחל זיין)! א בוים בליהט און וואקסט, און גיט ארויס פון זיך פירות אלע זומער, און ער זארגט זיך ניט, וואס זיי וועלען אמאל אבפאלען, אדער אבגעריסען ווערען...

א פייגעלע זיצט ביי זיך אין פויגעל-נעסט, ווארעמט אויס די קליינע פייגעלעך, און עס קימערט דעם נישט, וואס די פייגעלעך, אז זיי וועלען זיך אויספיקען פון די אייעלעך, וועלען זיי זיך אננעהמען מיט פעדערלעך, אויסגלייכען די פליגעלעך, פערלאזען דער מוטערס נעסט און אוועקפליהען אויף אייביג...

דער פערגלייך איז מיר געקומען אויף דער מחשבה, קוקענדיג אויף אבראם מארקאוויטשעס פרוי ראזע, בשעת זי זיצט ביי'ם סאמאוואר און ארום טיש זיצען זיבען נפשות (איהרע קינדער) איינס קלענער פון דאס אנדערע, וואס איטליכם קינד בעזונדער איז זיך א וועלטעל פאר זיך, איטליכם געהערט צו זיין אייגענעם מאגענדעל, צו זיין אייגען הערצעלע, האט זיך זיין אייגען יצר-הרע'לע מיט זיינע אייגענע ליידענשאפטען און קאפריזען. און איטליכען פון זיי זיצט פארשטעקט איין עגאאיסטעל מיט גרויסע אויגען, וואס וואלט א בעלן זיין איינשלינגען די גאנצע וועלט. איטליכם פון זיי וואכסט זיך א מענשעל פאר זיך, פיקט זיך אויס ווי פון איין איי א פייגעלע, נעהמט זיך אן מיט פעדערען... איך קוק אויף דער חאליאסטרע און טראכט מיר: עס וועט קומען א צייט, די דאזיגע פייגעלעך וועלען זיך איינציגוויי אננעהמען מיט פעדערלעך, זיך אויסגלייכען די פליגעלעך, פערלאזען דער מאמעס נעסט און אוועקפליהען אין דער גרויסער בריטער וועלט אריין און וועלען אפשר פערגעסען אן דעם ווארעמען נעסט און אן דער ווארעמער

מוטער, וואס האט זיך מוסר נפש געווען צוליעב זיי!...
טראכט דאס אויך די מוטער? פיהלט אויך ראזע וואס איך
פיהל אצונד?... ראזע, די גוטע, די גליקליכע מוטער
ראזע, זיצט ביי'ם סאמאוואר און קוקט וואס יעדען פעהלט,
און מערקט וואס יעדער וויל, און אלעס ווערט אין איין
מינוט בעשאפען, און עס נעהמט זי ניט קיין קאפריז; און
צעשלאגען זיך צווישען זיך א פאר קינדערלעך, צונעהמט זי
זיי; און צעוויינט זיך ווער פון זיי, ווערען אויסגעווישט די
טרעהרען; און צעלאכט זיך א קינד, לאכט די מוטער מיט
און קוועלט און וואכסט און לעבט מיט זיי צוזאמען.

וועמען פון די אלע האט די מוטער מעהר ליעב?
עס וועט ניט זיין קיין פאראדאקס ווען איך וועל זאגען, אז
זי האט יעדעס קינד מעהר ליעב פונ'ם אנדערען, דען יע-
דעס קינד האט אין זיך עטוואס אזעלכעס, וואס דאס צוויי-
טע האט דאס נישט. דאך איז אין דער שטוב פאראן א
צענטרום, א מיטעלפונקט, ארום וועלכען אלעס דרעהט
זיך, ווי א זונן, און וועלכעס אלע האבען ליעב אהן א ברעג,
און ארום וועלכען און צוליעב וועלכען אלעס לעבט און גע-
פינט א בעזונדערען אינטערעס צום לעבען. ווייסט איהר
ווער דאס איז? — דאס איז זוזיא!

שאדע, וואס איך בין ניט ראפאעל און פערמאג ניט
זיין פענזעל אויף צו שענקען דער וועלט א געמעלד פון א
קליין מלאך'ל אויף דער ערד. טאמארא שאסטעפאל האט
ביי זיך א גאנצע קאללעקציע פון פאטאגראפישע בילדער
פון דעם מערקווירדיגען קינד. אבראם מארקאוויטש האט
אליין וויפיעל מאל געוואלט אראבנעהמען זוזיא'ן אויף פאפיר
(אברם מארקאוויטש איז דאך א שטיקעל קינסטלער), האט
זיך אבער די גאנצע פאמיליע, א חוץ ראזע'ן, ארויינגע-
מישט, שטארק געפראטעסטירט געגען דעם, נישט דער-
לאזט, אז דער פאטער זאל אוועקנעהמען ביי'ם קינד דאס,
וואס די מילדע נאטור האט דעם געשענקט. דעם פאטער
האט דאס געפרייעט און געקריינקט; געפרייעט, וואס ער איז

דער פאטער פונ'ם קינד, און געקרענקט, וואס מע גלויבט ניט אין זיין קינסטלערישען טאלענט. האט ער זיך מישב געווען און האט איהם בעשריבען אין א ליעד, א גרויסעס ליעד, איז אבער דאס ליעד אויסגעקומען נאך ערגער פון דעם געמעלד. דאס ליעד איז קיינעם ניט געפעלען. אויסער איין ראזע'ן, נאר פון ראזע'ן איז קיין ראיה ניט; איהר איז אלעס געפעלען; וואס אברהם מארקאוויטש זאל ניט רעדען, אדער שרייבען, איז דאס גוט, איז דאס זיס, איז דאס פראבטפאל! קיינער גלויבט ניט אזוי אין אברהם מארקאווטשעס טאלאנטען, ווי זיין פרוי ראזע. ער אליין גלויבט ניט אזוי פיעל אין זיך, וויפיעל ראזע. ביי איהר איז אבראשא א זשעניע, וואס קיינער פערשטעהט איהם ניט און קיינער שעצט איהם ניט, ווארום אז אלע זאלען איהם פערשטעהן און שעצען אזוי ווי זי, וואלט ער נישט בעדארפט אבגעבען אזוי פיעל גאלדענע צייט צו דער דרוקערייי, וואס גיט זיי קוים-קוים צום לעבען. די וועלט זאל זיין אביסעל מעהר מבין — אזוי דענקט ראזע — וואלט זיך שוין לאנג געפונען א פערלעגער, וואס וואלט ארויסגעגעבען אלע זיינע ליעדער, וואס ער האט ווען געשריעבען פון זינט ער איז פאר איהר א חתן געווארען. די וועלט זאל זיין אביסעלע מעהר מבין — דענקט ווייטער ראזע — וואלט זיך שוין לאנג געפונען א בעלן, וואס וואלט אוועקגעקויפט אט די אלע בילדער, וואס ער מאלט און מאלט פון זינט זי קען איהם. אין ראזע חאפט א קוק אויף די ווענד, וואס זענען פערהאנגען מיט עטיודען און מיט בילדער, מעהרסטענטהייל נישט-געענדיגטע, און זי דערמאנט זיך, אז אויפ'ן בוידעם ליגען בילדער נאך דריי מאל אזוי פיעל אויך נישט געענדיגטע... און זי דערמאנט זיך, וויפיעל ליעדער, פאעמען און נישט געענדיגטע ראמאנען עס ליגען אין אלע שאפעס און אין אלע טיש-קעסטלעך און אפילו אין די „קארזינעס" פון דעם גרעט ליגען גאנצע פעק מיט מאנוסקריפטען. גאט זאל היטען פון אויסרוימען, ארויסווארפען אדער פערברענען!

וואס איז? איהר האט מורא, אז ראזע איז נישט בעקאנט מיט די אלע אונשטערבליכע ווערק? ציי איהר מיינט, אז ראזע האט נישט געלייענט אט די אלע פאעמען, מיט די באלאדען, מיט די סקיצען, מיט די ערצעהלונגען און ראמאנען? דאס הייסט, זי אליין האט זיי ניט געלייענט; ער, דער מאן, האט זיי איהר געלייענט, און ניט איין מאל, א סך מאל! ס'איז א סברה, אז ראזע איז אין איהר מאנ'ס ווערק מעהר קלאר, אלס ער, דער פערפאסער אליין. וויפיעל מאל מאכט זיך, אז אבראם מארקאוויטש פרעגט ביי ראזע'ן, ווי אזוי הייסט ביי איהם דער און דער העלד פון דעם און דעם ראמאן? איא זילבערשטיין? — ניין, נשמה מיינע! — ענטפערט איהם ראזע — דו האסט א טעות.

ביי אבראם מארקאוויטשען איז ראזעס אויטאריטעט און ראזעס קריטיק די בעסטע, די קלוגסטע און די אויפריכטיגסטע; פאר די אלע אנדערע קריטיקער טאר מען קיין ווערק ניט ווייזען; די בעסטע זאך מאכען זיי אייך צו נישט, געוועהנליך מחמת קנאה; זיי פארגינען נישט!...

ווי קאן מען פערגלייכען א פרעמדען צו איין אייגען ווייב? למשל, ווען זיך א פרעמדער אוועקזעצען טרייסטען א מענשען, איהם אויסרעדען דאס הארץ ער זאל זיך ניט זארגען, וואס די וועלט אנערקענט איהם ניט?

— ווארט־צו, מיין לעבען, עס וועט נאך קומען א צייט, וואס די וועלט וועט זיך ארומקוקען אויף דיר אויך, — אזוי האט איהם ראזע אויסגערעדט דאס הארץ — אט האבען זיי איצטער צו טהון מיט טאלסטאי, מיט גארקי, עס קעהרט די וועלט! זאלען נאר ארויס די ערשטע לידער דיינע אויף דער וועלט, וואו האלסט דו מיט זיי? ביזט נאך ניט פארטיג? וויפיעל ביכלעך דרוקסט דו? אינגאנצען 2 טויזענד? לעבערליך! צוויי הונדערט טויזענד צום ווינציגסטען!

און ביידע זעצען זיך אוועק, מאכען א חשבון, וויפיעל קאנען זיי פערדינען, ווען זיי זאלען צום ביישפיעל ארויס־

לאָזען אויף דער וועלט די „זעמטליכע ליעדער" פון אבראַם מאַרקאָוויטש? דער חשבון איז אויבען־אויף ווי אַ טעלער: די בעפעלקערונג פונ'ם לאַנד איז הונדערט פערציג מיליאָן, ווען מיר זאָגען, אַז נור אַ צעהנט־חלק קאָנען לעזען, אַלזאָ האָבען מיר פערצעהן מיליאָן לעזער. ווען מיר זאָגען אַז ניט אַלע קאָנען קויפען ביכער, דאָס הייסט איינער וועט קויפען און צעהן וועלען לייענען, האָבען מיר אַלזאָ אריבער אַ מיליאָן קויפערס? אימליכעס בוך וועט מען פערקויפען נאָר צו 2 רובל, האָבען מיר אַזוי גרוים ווי 2 מיליאָן רובל? וויפיל עס דאַרף קאָסטען אָבדרוקען אַ ביכעל, דאָס ווייס שוין אַבראַם מאַרקאָוויטש: ער האָט דאָך אַ דרוקערייַ, אַלזאָ מע זאָל שוין רעכענען מיט אַלע שפּייזען, מיט אַלע הוצאות, מיט דעם וואָס ווערט פערפאַלען ביי פערלעגער און אַזוי ווייטער, בעדאַרף אַליין איבערבלייבען אַ מיליאָן!... הייַנט דער כבוד... דער נאָמען!...

און דאָס גליקליכע פּאָר טראָגט זיך אַוועק אויף די גרינגע פליגלען פון דער רייכער פאַנטאַזיע אין עולם הדמיון, אין גן־עדן, וואָס זיי אַליין האָבען איהם אויסגע־בויעט... און דערווייַל האָט אַבראַם מאַרקאָוויטש גענומען דרוקען ביי זיך אין דער אייגענער טיפּאָגראַפיע די „ערשטע ליעדער" זייַנע אין אַ ביכעל מיט'ן נאָמען „די יונגע האַרפע", געהאַט צו טהון קודם מיט'ן צענזאָר. וואָס האָט איהם גע־געבען מאַטעריאַל צו רעדען און צו שרייַען אויף אַנדערט־האַלבען יאָהר דורכאַנאַנד, ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט דער צענזאָר האָט דאָס דורכגעלאָזט בשלום און די „יונגע האַרפע" איז אַרויס פון דרוק גאַנץ שען אילוסטרירט מיט אַ האַרפע און מיט אַ האַנד וואָס שפּיעלט אויף דער האַרפע,— נאָר אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל העלפט נישט קיין חכמה! טאָלסטאָי און גאָרקי און טשעכאָוו און די איבעריגע אַלע געהען אין די צעהנער הונדערטער טויזענדער, און די „יונגע האַרפע" פון אַבראַם מאַרקאָוויטש ליגט אויף אַ בוידעם (פון 2000 ליגען נישט געריהרט 1941!) נו, קאָן ניט צעזעצט

ווערען די גאל? זאָל אַבראַם מאַרקאָוויטש ניט ברענען, ניט פֿײַערען? אַ גליק וואָס ער האָט אַזאַ פֿרוי ווי ראָזע און וואָס מע לעבט אין אַזאַ צײַט פֿון רעוואָליוציע...

— ס'איז אינטערעסאַנט צו לעבען אין אַזאַ צײַט אפילו ווען איך זאָל ניט זײַן קיין רעוואָלוציאָנער — זאָגט אַבראַם מאַרקאָוויטש, און מאַשאַ קוקט זיך איבער מיט ראָזע'ן; ראָזע ווערט רויטליך, און מע פֿערשטעהט זיך איינע די אַנדערע... גוט וואָס פּונקט אין דער מינוט קומט אָן די ניאַניאַ מיט וויזיאַ'ן, און עס ווערט אַ טומעל, אַ האַר־מידער: „וויזיאַ"! „וויזיאַ", פֿון אַלע זײַטען וויזיאַ!

אַז מאַשאַ באַשעוויטש האָט ליעב קליינע קינדער — דאָס האָבען מיר געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען בײַ מאַלקינען מיט זײַן „פּעמפּעק". נאָר אַז זי האָט דערזעהען דאָס ערשטע מאָל וויזיאַ'ן האָט זי איהם שיער ניט אויפֿגעגעסען. נישט נאָר ער האָט זי גענומען מיט זײַן ווײַס מאַרמאָר ענגליש פּנים'ל, לאַנגע זײַדען קאָלירענע לאָקען, טיעפֿע הימעל־בלויע אויגען, אויסגעטאָקט נעזעל, קליין מײַלכעל, אַנטיטשנע מאָרדעלע, קלאַסיש געשטאַלט און אויסערגעוועהנליכע גראַציע. ער האָט זי בעצויבערט מיט זײַן בענעהמען זיך, מיט זײַן האַלטען זיך, מיט זײַן רעדען און מיט זײַן שפּראַך. ער האָט איהר פֿערגעבען אַזעלכע פֿראַגען און האָט איהר געענטפֿערט אַזוי קלוג און שאַרף, אַז מאַשאַ איז אַרויס פֿון די כלים, זי איז צום קינד צוגעזאָדען געוואָרען, און איהר ליעבשאַפֿט צום קינד איז נאָכדעם געוואַקסען פֿון שעה צו שעה, פֿון טאָג צו טאָג, ביז זי האָט זיך איין מאָל מודה געווען פֿאַר טאַמאַראַ'ן, אַז זי פֿיהלט זיך צום קינד צוגעבונדען מעהר ווי צו איהרע אייגענע שוועסטערלעך און ברידערלעך, און אַז זי קאָן זיך גאָרניט פֿאָרשטעלען, אַז זי זאָל זיך ווען קאָנען שיידען מיט דעם וויזיאַ'ן, וואָס האָט פֿערנומען בײַ איהר אין האַרצען גאָר אונגעריבט אַזאַ גרויסען פּלאַץ! וואו זי האָט געהאַט ערגיץ אַ פֿרײַע מינוט האָט זי דאָס אָװעקגעגעבען וויזיאַ'ן,

מיט זוויא'ן לערנען, מיט זוויא'ן רעדען, מיט זוויא'ן פערברענגען, מיט זוויא'ן שפּיעלען זיך איז ביי איהר געוועזען איינע פון די גרעסטע פערגניגענס. איז מאשא געקומען אהיים, איז דאס ערשטע געוועזען זוויא! איז מאשא אויפגעשטאנען פון שלאף, איז זוויא! אינ'ם גרעסטען פּאָליטישען שמועס איז געוועזען זוויא! א תענוג איז געוועזען ביי מאשא'ן אוועקזעצען זיך דערצעהלען זוויא'ן מעשיות. אויף מעשיות דערצעהלען איז מאשא געוועזען א בריה, און מעשיות איז געוועזען ביי זוויא'ן דאס חיות, דאס לעבען! און מאשא האט זיך אוועקגעזעצט דערצעהלען איהם איין מעשה נאך דער אנדערער, און זוויא האט אויפגעעפענט זיינע אויסגעטאקטע ליפּעלעך, זיינע הימעל-בלויע אייגעלעך, און האט געקוקט אויף מאשא'ן מיט גרויס פערשטאנד ווי איין אמת'ער בר-דעת, און ווי איין אמת'ער בר-דעת געשטעלט אפטמאל א פראגע, און ווי איין אמת'ער בר-דעת געלאכט דארט, וואו מען דארף לאכען, און געוויינט דארט, וואו מען דארף וויינען.

קוקענדיג אויף דעם יונגען בימעל'ע, אויף דעם געראטען נפש'ל, וואס איז פול מיט לעבען, האט קיינער ניט געקענט זיך ריכטען, אז דאס וועט זיין דער ערשטער קרבן אינ'ם ערשטען אויסגאס פונ'ם גרויסען מבול!...

קאפּיטעל כ'.

עס געהט איהם ניט!

ס'איז דא מענשען אויף דער וועלט, וואס פיהלען זיך גוט און בעקוועם אין יעדען הויז, אין יעדער געזעלשאפט. אומעדום אויף יעדען נייעם ארט זענען זיי ביי זיך אין דערהיים. אויף אזעלכע מענשען זאגט מען: זיי קענען זיך לייכט „אקלימאטיזירען".

אונזער מאשא באשעוויטש איז געוועזען איינע פון די לייכט זיך אקלימאטיזירענדע נאטורען, וואס קאנען הויזען,

אויסקומען מיט יעדען איינציגען, נישט חלילה דערפאר, וואס זי האט געקאנט זיך אונטערלעגען יענעם, אונטערלע־ קען, חנפה'נען — ניין חניפה, שמייכלעריי געהט נישט ארייַן אין מאשא'ס פראגראם! זי האלט ניט פונ'ם פּרינציפּ „קוצעניו־מוצעניו", אדער ווי עס דריקט זיך אוים ביי אונז: „א קוש אין פּיסקעל, א רוח אין הערצעל"... איהר קאנען אויסקומען מיט דער וועלט נעהמט זיך פון איין אנדער ארט: זי האט ליעב מענשען, ניט די מענשהייט אינ'ם אל־ געמיין, נאר ווען יענער פערדיענט נישט מע זאל איהם האסען... און אפילו ווען יענער בעווייזט זיך ארוים ניט אזוי פויגעלדיג אויסגעשפּיעלט, זוכט זי אויך א זכות איהם צו פערטיידיגען. דער אונטערשיעד צווישען מאשא'ן און טאמארא'ן בעשטעהט אין דעם, וואס ביי טאמארא'ן זענען מענשען מלאכים און ביי מאשא'ן זענען מענשען—מענשען.

אין דער קורצער צייט, וואס מאשא האט פערבראכט מיט טאמארא שאסטעפּאל אלס גאסט, האט זי טאמארא ליעב געקריגען ווי איינע אייגענע שוועסטער און איז צוגע־ בונדען געווארען צו איהר מיט לייב און לעבען. מאשא האט נישט געדארפט ווארטען ביז איהר חבר'טע וועט „אני־ פלעקען" פאר איהר איהר נשמה, אויסגיסען איהר הארץ; זי איז געוועזן קלאר אין טאמארא'ס לעבען, מע קאן זאגען אויף אויסוועניג. טאמארא איז געוועזן איבערראשט, ווען זי האט ערפאהרען, אז מאשא ווייסט פון איהר ראמאן מיט ראמאנענקא'ן... דאס איז געוועזן אין יענעם טאג, וואס טאמארא האט ערהאלטען פון ראמאנענקא'ן דאס בריוועלע, געחתמ'עט „באלטאזאר", זי זאל קומען אין גרויסען מאניעזש, ווי די לעזער ווייסען שוין פון די פריהעריגע קאפּיטלען. יע־ נעם טאג האט טאמארא אבגעוואַרט ביז איהר חבר'טע וועט קומען, זי זאל מיט איהר צוזאמען געהן אין „גרויסען מא־ ניעזש" און אגב טאקי צייגען איהר דאס בריוועלע, און אז מאשא איז געקומען האט איהר טאמארא דאס בריוועלע גע־ צייגט מיט א געפיהל, וואס אין דעם איז געוועזן אויסגע־

מישט אביסעל גדלות, אביסעל נצחון און אביסעל אינטריגע...

— א — האָט א זאָג געטהאָן מאשא, נאָר א קוק געטהאָן אויפ׳ן בריוועלע. — דאָס איז פון ראָמאַנענקאָ׳ן: ער וועט היינט פרעדיגען. שאדע, וואָס איך קען דאָרט היינט ניט זיין, איך בין פערנומען אין איין אנדער אָרט...

— דו האָסט זיך געזעהען מיט ראָמאַנענקאָ׳ן? — האָט טאמארא א זאָג געטהאָן, און עס האָט זיך ניט-ווילענדיג ארויסגעריסען פון איהרע ווערטער א געפיהל פון... אייפערזוכט? ניין! צו היילינ איז ביי איהר ראָמאַנענקאָ, צו גרוים איז ביי איהר מאשא!... וואָס דען איז דאָס געוועזען?... מאשא האָט זי אָבער גיך ארויסגעפיהרט פון פערלעגענהייט. זי האָט צו איהר אזוי געזאָגט:

— איך קען ראָמאַנענקאָ׳ן פריהער פון דיר און בעסער פון דיר, אז ער האָט דיך ליעב — איז א פאקט... דו פערגעטערסט איהם, און ער פערדיענט דאָס... אָבער איך מוז דיר זאָגען א׳ פ׳ ־יבטיג, — דו ווייסט, אז אנדערש קען איך ניט זאָגען, — גליקליך וועט איהר קיין מאָל ניט זיין. ניט דו, ניט ער... דו ווילסט וויסען פאר וואָס? דו פערגעסט, אז ער געפינט זיך אויף א „וואולקאָן”, אויפ׳ן שפיץ וועזאוף... און דו ביזט בעשאפען געוואָרען צו איין אנדער לעבען... דאָס איז נומער איינס. צווייטענס דארפסט דו נעהמען אין אנבעטראכט דיינע עלטערן: דו ביזט ביי זיי איין און איינציגע, און געהסט דו מיט ראָמאַנענקאָ׳ן בעגעהסט דו, הייסט דאָס, קענען זיי זעלבסטמאָרד, נעהמסט צו ביי זיי זייער איינציג קינד... טאמארא! האָסט ווען א טראכט געטהון וועגען דעם.

דאָס אלעס איז געזאָגט געוואָרען אזוי ערנסט און מיט אזא ווייכען צערטליכען טאָן, אז טאמארא שאָסטעפאל האָט זיך פלוצים, קעגען איהר אייגענעם ווילען, איועקגעזעצט וויינען... מאשא האָט זי גענומען טרייסטען, פערענטפער זיך.

— ניין, ניין! — האט איהר טאמארא געזאגט — איך האב דיך פערשטאנען. דו האסט אין עטליכע פראסטע קורצע ווערטער מיר געזאגט אזוי פיעל, וויפיעל איין אנדערער און איך אליין וואלט דאס נישט ארויסגערעדט אין קיין סך ווערטער... דו האלסט מיך אבער פאר פיעל נידריגער ווי איך בין. דו ווילסט מיר זאגען, אז איך בין ניט קיין העלדין און בין נישט ווערט, אז...

— האסט א טעות, ליעבער פריינד, נישט דאס האב איך דיר געוואלט זאגען — שלאגט איהר איבער מאשא די רעד, — איך האב דיך נישט געוואלט ערנידריגען; אדרבה, איך האב ליעב אזעלכע ווי דו; דו ביזט דאס לעבען און צום לעבען ביזט דו בעשאפען. איך זעה אין דיר א נאבעלע פרויענצימער, א גליקליכע פרוי, א צערטליכע מוטער...

— איך ווייס, איך פערשטעה — זאגט איהר טאמארא מיט א ביטערקייט, — ביי דיר אין די אויגען בין איך א צווייטע ראזע...

— פיעל העכער פון ראזען, אבוואהל איך זעה ניט ארויס קיין שאדען אין דעם, וואס מען איז א ראזע... איך וואלט אויך געוואלט זיין א ביסעל אזוי ווי א ראזע... איך וועל דאס אבער ניט זיין קיין מאל; שולדיג איז אין דעם די צייט. אין א ביטערע צייט לעבען מיר... און די אומשטענדען האבען זיך פאר מיר צונויפגעלעגט אזוי, אז איך ווייס ניט היינט, וואו איך וועל מארגען זיין... דאס זעלבע איז אויך מיט איהם, מיט ראמאנענקא'ן... הלואי איך זאל האבען איין אירטום, נאר איך זעה איהם ווייט-ווייט פון דאנען!...

— פאר מיר איז ניטא קיין ווייט! — זאגט טאמארא ענטוזיאסטיש, — וואו ער, דארט בין איך! נישטא די קראפט אין דער וועלט, וועלכע זאל מיך אבהאלטען און קענען צושיידען מיט דעם מענשען, סיידען דער טויט... דאן...

— יעדע אנדערע אויף דיין ארט וואלט אויך אזוי געזאגט, עס מאכט דיך נאר הויך אין מיינע אויגען. —

זאָגט איהר מאַשאַ, — איך קאָן מיך אָבער ניט איינהאַלטען און מוז דיר זאָגען ווידער אַ מאָל אויפריכטיג דאָס, וואָס איך מיין: איך בעדויער דיך, טאַמאַראַ, און נישט אַזוי דיך, ווי דיינע עלטערן.

— מיינע עלטערן? (טאַמאַראַ'ס אויגען צינדען זיך אָן מיט פייער) לעבען מיר דען צוליעב די עלטערן? פאַר וואָס בעדויערסט דו ניט דיינע עלטערן?

— פון וואַנען ווייסט דו, אַז ניין?...

ביי די ווערטער קומט אָן אַבראַם מאַרקאָוויטש, איין אויסגעפוצטער, אַ פאַרשפּיליטער, מיט אַ בשורה, אַז ער איז שוין פאַרטיג צו געהן מיט די „דאַמען" אין מאַניעוש. דערויף ענטפערען איהם די „דאַמען", אַז נאָר איין דאַמע געהט מיט איהם, ווייל די אַנדערע דאַמע (מאַשאַ) געהט אַוועק אין איין אַנדער אָרט, און דערמיט צוגעהן זיי זיך.

ניט טאַמאַראַ שאַפּטעפּאַל, ניט מאַשאַ באַשעוויטש האָבען דעם פאַרנאַכט געקאָנט פאַרטועהען, אַז דאָס איז געווען זייער לעצטער ערענסטער שמועס אין זייער גאַנצען לעבען!...

* *
*

און אַזוי איז געווען די מעשה:

יאַשקאַ וואָראָנאַ איז אויף זיין גרינגען וועלאָסיפּעד נאָכגעפאָהרען דעם עקיפּאַוש, וואו עס זענען געזעסען, ווי דער לעזער געדענקט (אויב ער האַלט קאָפּ), דריי פּאַרשוי-נען: דער אָפיצער ראָקאָשידזע, טאַמאַראַ שאַפּטעפּאַל און ראָמאַנענקאַ-מאַרטשענקאָ. יאַשקאַ וואָראָנאַ איז ניט געווען פּעסט איבערציינגט, אַז דאָס איז דער ריכטיגער „פּרעטענדענט". ער האָט נאָר געהאַט אויף איהם אַ פּערדאַכט, ווייל אַרויס-געגאַנגען פונ'ם „גרויסען מאַניעוש", דאָרט וואו ראָמאַנענקאָ האָט אָפּגעהאַלטען זיין פייערינע דרשה, האָט איהם אַ צווייטער געהיים-אַגענט אַ ווינק געטהון אויפ'ן פּאַרשוין מיט'ן גרויען רעגענמאַנטעל און מיט די בלויע ברילען, אַז דאָס איז „ער"... יאַשקאַ'ן וואָלט געווען ניט שווער צו געבען אַ

פייף צו דער זשאנדארמעריע אום דעם פערדעכטיגען פאר־שוין צו פערהאלטען. איז אבער דער חסרון געוועזן, וואס ער גערט מיט דעם פירסט „מיטיא״; ער האט מורא געהאט, טאמער לאזט זיך אויס א בוידעם, זאל ער נישט האבען קיין מאוס'ן דורכפאל. מיט די רייכע פירסטען איבעראל און ווער שמועסט נאך מיט אזא רייכען מאן דארף מען זיין זעהר פארזיכטיג! אונזער יאשקא וואראנא איז א געלערענטע וואראנא. ער קען א וועלט. ער האט שוין א מאל פון אזא מין פירסט צווישען טאג און נאכט (איהר וועט ניט אויס־זאגען קיינעם?) געחאפט א פאר פעטש אויך, און נאך וואָ־סערע פעטש! און דוקא נישט ווייט פון ניעוווסקי פראספעקט אויף דער גרויסער בריק, דארט וואו סע שטעהען די פיער בעריהמטע פיגורען... די פיגורען האבען דאס געזעהען, און אלע האבען דאס געזעהען און — גארנישט! איין רייכער, אז ער פאטשט־אויס איז אויסגעפאטשט און פאר־פאלען!!...

דעריבער האט זיך אונזער יאשקא אנגענומען מיט געדולד און איז נאכגעפאה־ען דעם עקיפאזש איין גאס און די אנדערע און די דריטע און אזוי ווייטער, ביז ער האט זיך אבגעשטעלט נעבען אונזער איין אלט־בעקאנט הויז, וואס געהערט צו אונזער אלטען בעקאנטען גענעראל פעדאסיעוו (חאפט א קוק קאפיטעל ה.), דארט וואו עס בעוואהנט די גרוזינער רייכע פירסטין שירינאדזע. זעלבסטפערשטענדליך, אז ווי באלד דער עקיפאזש האט זיך אבגעשטעלט, אזוי האט זיך יאשקא מיט'ן וועלאסיפעד אויך אבגעשטעלט, נא־טירליך, פון דערווייטען, מע זאל איהם נישט בעמערקען און שטעלט אייך פאר זיין גרויס איבערראשונג, אז ער האט דערזעהען פון עקיפאזש ארויסשפרינגען נאך דער דאמע צוויי פירסטען. פון וואנען האט זיך גענומען אהער נאך איין פירסט? וואו איז אהינגעקומען דער פארשוין מיט'ן גרויען רעגענמאנטעל און מיט די בלויע ברילען? וואס איז דאס — א חלום?... יאשקא עפענט אויף דאס מויל, רייבט די אויגען, פון א צייט, אז עס געהט איהם ניט! דאס שלים־שלימ־

מזל יאגט איהם נאך פוס-טריט!... און ער פאהרט מיט'ן וועלאסיפעד פארביי דער שטוב פונ'ם גענעראל פעדאסיעוו: דערזעהט דעם שווייצאר וואס ביי דער טהיר, טהוט ער בלומר'שט א הינקע מיט'ן וועלאסיפעד אויף א זייט, מאכט זיך ווי ער פאלט שיער ניט אראב, בלייבט שטעהן, נעהט־צו מיט א פאפיראס אין מויל צום שווייצאר און בעט פייער אויף צו פעררויכערען.

דאס איז ידוע, אז פעררויכערען א ציגאר איז די ערשטע שטופע פון בעקאנטשאפט צווישען צוויי ווילד־פרעמדע מענשען. עס הויבט זיך אן געוועהנליך פון א בייג מיט'ן קאפ, א מאך מיט די ליפען און א וויז אויפ'ן פייער. דער צווייטער ווייסט שוין וואס דער ערשטער מיינט, דערלאנגט ער מיט צוויי פינגער זיין ציגאר. דער ערשטער טראגט־צו די ליפען צום פייער אויף אזוי פיעל, ער זאל ניט אבסמאלען די וואנסים, פעררויכערט, טהוט א שאקעל מיט'ן קאפ, נעהמט צוריס דעם פאפיראס, טראגט אונטער דעם ערשטען אויס דאנקבארקייט, ער זאל זיך נעהמען, אויב ער וויל א סיגאר אדער א סיגארעטעל; דער ערשטער דאנקט אב, מאכט א שמועס פונ'ם וועטער — און די בעקאנטשאפט איז געשלאסען.

פונקט דאס זעלבע האט פאסירט צווישען אונזערע צוויי פארשוינען, דאס הייסט צווישען יאשקא וואראנא און צווישען דעם שווייצאר פונ'ם גענעראל פעדאסיעוו, א הויכער דזשענטעלמען מיט שיטערע באקענבארדען און מיט גרויסע זילבערנע קנעפ. אנגעהויבען האט זיך זייער שמועס פון פעררויכערען א פאפיראס און ארויף איז מען אויף דעם, וואס וואראנא דארף עס גראדע האבען. מיר גיבען איבער דעם דאזיגען שמועס פון א געוויסען פונקט, אבער פינקט־ליך, נישט דורכגעלאזען קיין ווארט:

ווארא נא. פאסקודנע אין דרויסען.

שווייצאר. זעהר פאסקודנע!

ווארא נא. א היבש הויז,

שוויצאר. נישקשה'דיג.

וואראָנאַ. וועמענס איז דאָס הויז?

שוויצאר. דעם גענעראַל פּעדראָסיעוו. געהערט אַמאָל?

וואראָנאַ. געוויס געהערט. דאָס זענען טאַקי זיינע קינדער?

שוויצאר. וועלכע קינדער?

וואראָנאַ. אָט די צוויי יונגע לייט מיט דער באַרישני.

שוויצאר. וואָסערע יונגע לייט? וואָסער באַרישני?

וואראָנאַ. אָט די, וואָס זענען נאָר וואָס צוגעפֿאָהרען.

שוויצאר, אַאַאַ? (צעלאַכט זיך) אונזער גענעראַל האָט נישט קיין קינדער. דאָס הייסט קינדער האָט ער, נאָר „זייטיגע" חע־חע... די, וואָס זענען נאָר וואָס צו־געפֿאָהרען, זענען פֿרעמדע. איינער איז אַ „קניאַז" שיראָ־קאָדוע רופֿט מען איהם. געהערט?

וואראָנאַ. (פֿערמאַכט די אויגען ציהט דעם פּאַפּיראָס) שיראָקאָדוע? אודאי אַ גרוזינער קניאַז פֿון קאַווקאַז?

שוויצאר. אָט־אָט־אָט! וואָהנט טאַקי דאָ ביי אונז פֿון אויבען מיט דער מוטער. רייכע לייט!

וואראָנאַ. רייכע לייט?

שוויצאר. זעהר רייכע! און מענשען גוטע! זי איז אַ גוטע, דער זוהן איז נאָך בעסער.

וואראָנאַ. איז דאָס אַ זוהן? ווער איז דער אַנדערער?

שוויצאר. ווייסט איהם דער רוח! דער יונגער קניאַז איז זעהר אַ גוטער מענש! קיין מאָל נישט געהערט פֿון איהם קיין קרום וואָרט. ער זאָגט מיר קיין מאָל נישט „דו", מיר זאָגט ער „איהר".

וואראָנאַ. גאָר אַזוי? אָבער דער אַנדערער איז אויך איין קניאַז?

שוויצאר. ווער ווייסט איהם? געוויס! זיי זענען דאָ גענוג. אַ טייערער מענש דער יונגער קניאַז! קיין מאָל נישט „דו", אַלע מאָל „איהר"!...

וואראָנאַ. ס'איז טאַקי זעהר שען פֿון איהם... נו,

אוּן דיִ „בּאַרישניִ" ווער איז?

שוויִצאַר. וואָסער „בּאַרישניִ"?

וואָראָנאַ. אָט דאָס מייִדעל וואָס איז מיט זייִ געקומען? טאַקי אַ שוועסטער, ציִ וואָס?

שוויִצאַר. (צעלאַכט זיך מיט'ן גאַנצען מויל) וואָסער שוועסטער? סאַ זשידאָוועטשקאַ!

וואָראָנאַ. אַ זשידאָוועטשקאַ? עס קאָן ניט זייִן!

שוויִצאַר. (צלם'ט זיך איבּער) לאָס איך געה'הרג'ט ווערען אויבּ איך זאָג דיר אַ ליגען!

וואָראָנאַ. איך גלויבּ דיר, נאָר מיר דאַכט, דו האָסט אַ טעות.

שוויִצאַר. (אין כּעס'ליך) איך האָבּ אַ טעות?

וואָראָנאַ. (ציהט דעם פּאַפּיראָס) אַזוי מייִן איך.

שוויִצאַר. אַזוי מייִנסט דו? (טהוט זיך אַ וואַרף פון דער טהיר צום טיש וואָס פון אונטען בּייִם אַרייִנגאַנג, האַפּט אַ בּוך, טראָגט איהם אונטער גלייִך אונטער דער נאָז) נאַ, קוק! אָט דאָ האָסט דו איהר אַדרעס, איך שיק אַהינצו בּריעף גאַנץ אָפּט פון אונזער יונגען קניאַז, לייִענען קאָנסטו? קוק: „טאַמאַראַ איִסאַאַקאָווּנאַ שאָסטעפּאַל... מאַלאַיאַ קאָניוּשיִנאַיאַ נומ 500" וואָס ווּעסט דו איצטער זאָגען?

וואָראָנאַ. (קוקט זיך גוט אייִן אין בּוך) וואָס זאָל איך זאָגען? איך זאָג, אַז דאָס איז נאָך אַלץ ניט קייִן בּעווייז... קומט זי אָפּט אַהער?

שוויִצאַר. ווער?

וואָראָנאַ. אָט דיִ זשידאָוועטשקאַ, וואָס דו זאָגסט...

שוויִצאַר. (שוין גוט אין כּעס). וואָס גערהט'ס דיך אָן? בּיזט אפשר אַ שפּיאָן? ציִ גלאַט אַ זשוליק? אייִערע לייִט דרעהען זיך דאָ געווּג...

וואָראָנאַ. בּיזט משוגע?

שוויִצאַר. מיר דאַכט, דו בּיזט נאָר אַ זשידיוגאַ? איך זעה, בּייִ דיר איז אַ נאָז אַ יודישע און אייִן אויסזעהען

פֿון אַ גנב... פֿאַהר געזונד!. . . . . :

. . . .

לעזער! וואָס טראָגט נישט איבער אַ מענש צוליעב דער ביטערער פּרנסה, ?! ...

קאַפּיטעל כ"א.

ער האָט זיי געפּאַקט!

זאָלען די ענגלענדער קלינגען מיט זייער פּאָליציי, זאָלען די אַמעריקאַנער זיך בערימען מיט זייערע דעטעקטיווס (בעריהמען זיך קאָסט דען געלד?) — מיר שטעהען אויף אונזערען, אַז קעגען דער מאַכט פֿון די אָריגינעלע „אַבלאַוועס" האָבען ביי מיר ענגלאַנד מיט אַמעריקאַ אַ פּנים פֿון חוזק! זיי האָבען דען אַ נעפּיהל אין דעם, וואָס היינסט מע רינגעלט אַרום אַ גאַנצען הויף אַרום נאָך האַלבע נאַכט, אין דער צייט ווען מענשען האַלטען אין רעכטען שלאָף, מע געהט אַריין און מע הויבט אויף פֿערשלאָפֿענע מענשען פֿון די בעטלעך און מע בעזוכט זיי און מע פֿאַרהערט זיי און מע חאַפּט זיי ביי דער צונג, מע ציהט אַרויס ווערטער, מע פֿאַרנעהמט אַלע פּאַפּירען מיט אַלע ביכער מיט וואו ערגעץ אַ שטיקעל געשריבען פּאַפּיר, וואו ערגעץ איין אַלטע צייטונג, אַנאָנסען, שמ'עס, אַלטע טאָוולען, צעריסענע סדורים און תהלים'ס — אַבי אַגעדרוקט וואָרט, און מע פֿיהרט דאָס אָב אינאיינעם מיט די בעלי־בתים אין אוטשאַסטאָק אָדער גלייך אין טורמע...

ביי אַבראַם מאַרקאָוויטש'ען אין שטוב האָבען אַלע, פֿון אַברם מאַרקאָוויטש'ען ביז'ן קליינעם שיקסעל מיט די גרויסע קאַרעלען און ביז'ן קליינינטשקען זיווזיא, געהאַלטען אין סאַמע זיסען שלאָף, ווען דער גוטער זיסער מלאך קומט און פּלאָנטערט זיינע גוטע זיסע חלומות... אַך, חלומות! חלומות! פֿאַרהאַן מענשען, וואָס לאַבען פֿון חלומות. איך נעה מיט דעם גאַנג, אַז חלומות זענען אַן און פֿיר זיך ועהר

א גוטע זאך. למשל עס חלום'ט זיך אייך, אז איהר עסט קרעפלעך; וואס ארט דאס אייך? עס קאסט אייך ניט קיין געלד און איהר האט הנאה, נישט מעהר איהר זענט ניט מחויב צו גלויבען אין חלומות, ווי אנדערע, וואס האבען סימנים צו'ם ביישפיעל: אז עס חלום'ן זיך ווייבער, איז א סימן, אז איהר וועט ווערען בערעדט פון קאפ ביז פיס... א קאטץ אז זי קומט אייך צו חלום, איז א סימן, אז איהר וועט האבען א גאסט צו'ם מיטאג... א פאליציאנט קומט אייך צו חלום, דארפט איהר אנגרייטען געלד... א לוח ווען איהר זעהט אין חלום, מוזט איהר זיך בעגעגענען מיט א ליגנער... היהנער א סך איז א בעוויז אויף ארעמע קרובים... צעריסענע שיך אז עס חלום'ן זיך אייך, וועט איהר בעקומען געלד מיט דער פאסט (אויב מען האט ארויסגעשיקט)— וכדומה, אזעלכע סימנים, וואס אלע ווען אייך זאגען, אז ס'איז קלאר ווי דער טאג... איך מיין אבער; אז יעדער זעהט אין חלום דאס, וואס ער זוכט. צו'ם ביישפיעל לאמיר נעהמען אונזערע העלדען: אברהם מארקאוויטשען האבען זיך געפלאנטערט ביכער און בילדער אין די אלפים, און די מיליאנען!... מע שלאגט איהם אב די טהירען!... אלע ווילען זיינע ליעדער, די „יונגע הארפע״.—ער האט שוין ניט קיין הענד פאקענדיג, ער שיקט זיי אב צו ראזע'ן... און ראזע זעהט נאך א שענערען חלום: א מאסע מענשען... א פראצעסיע... אין מיטען געהט אברהם מארקאוויטש מיט אלע קינדער... וויוואט אויף צופריהער מיט'ן טאטענס „יונגע הארפע״ אין די הענד... דאס פאלק שטורעמט און שרייט: „עס לעבע דער אונשטערבליכער פערפאסער פון דער אונשטערבליכער „הארפע!״... גאר הינטען געהען נאך מיט אראבגעלאזטע קעפ גראף טאלסטאי, מאקסים גארקי, אנטאן טשעכאוו, געטע, שילער, שעקספיר, מארק טווען און אנדערע בעריהמטע שריפטשטעלער און ווייגען... טאמארא שאסטעפאל זעהט אין חלום ראמאנענקאן מיט גרויסע אותיות „ק א נ ס ט י ט ו צ י ע!״ און מאשא באשעוויטש, וואס

שלאָפט אַקעגען טאַמאַראַ'ן אויף אַ קורצפּיסיגער סאָפע, חלום'ט פון אַ פּאַרלאַמענט און זי זעהט זיך אַליין אין פּאַרלאַמענט שטעהן אויף דער פּלאַטפאָרם מיט די הענד אַרונטער און די וועגט זענען בעהאַנגען מיט פּראָקלאַמאַציעס: „עס לעבע די פרייהייט"... מאַשאַ דעם קליינעם שיקסעל מיט די גרויסע קאַרעלען חלומ'ען זיך רויטע, גרינע, בלויע, ווייסע, געלע קאַרעלען, אָהן אַ שיעור קאַרעלען!... זיוזיא'ס ניאַניאַ חלומ'ט, אַז זי זיצט אויף אַ לאַנגער באַנק אין קינדערגאָרטען מיט אַ סך ניאַניס און מע רעדט. און זיוזיאַ אַליין זעהט פאַר זיך וועלאָסיפּעדען און ווייגערלעך, ווייגערלעך און וועלאָסיפּעדען קאַטשען זיך, רעדלען זיך, דרעהען זיך פליהען, פליהען...

פּלוצים — כטוק סטוק סטוק! טראַך טאַראַראַך! עס קלינגען די פענסטער, עס פּלאַצען די טירען. נאָך איין מינוט און די שטוב איז פול מיט פּאָליציי. אַלע וואַכען אויף, זענען טוידט ווי די טוידטע, עס ציטערען די ציינער אין מויל, די אַלטע ניאַניאַ צלמ'ט זיך, רופט גאָט צו הילף, אַפילו דער קליינער זיוזיאַ, וואָס האָט נאָר געזעהען אַזוי פיעל וועלאָסיפּעדען מיט אַזוי פיעל ווייגערלעך, האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעטעלע, אויפגעעפענט די גרויסע טיעפע הימעל-בלויע אויגען און אַ פרעג געטהון ביי דער אַלטער שטיל:

— ניאַניאַ! עס ברענט?...

— ניין, קינד, עס ברענט ניט, עס ברענט ניט, גאָט איז מיט אונז!

— וואָס דען? גזלנים? פרעגט זיוזיאַ און דעקט זיך אָב און וויל אַריבערשפּאַנען מיט אַ פוס אויף יענער זייט בעטעלע.

— ניין, קינד, נישט קיין גזלנים! — ענטפערט איהם די ניאַניאַ און דעקט איהם איין — נאַ דיר גאָר גזלנים!

— וואָס דען גזלן?

— פאליציי — ענטפערט איהם די אלטע ניאניא, צלמ'ט זיך און רופט יעזוס'ן צו הילף.

— וואס-זשע גאר ביינאכט? — הערט וווזיא ניט אויף צו שטעלען איין פראגע נאך דער אנדערער, און וויל נישט פאלגען די אלטע ניאניא, וויל זיך נישט לעגען. וווזיא וויל זעהען, וואס איז דאס אזעלכעס פאליציי, און וואס טהוט זי דא, און וואס עפיס ביינאכט? און וווזיא זיצט און קוקט, און זעהט, ווי אפיצערען מיט גלענצענדע עפאלעטען מיט גאלדענע קנעפ עפענען אלע שאפעס מיט אלע קאסטענס מיט אלע טישען און טישקעסטלעך, און מען בלעטערט ביכער, און מען פאקט פאפירען, דעם פאפא'ס ביכער מיט'ן פאפא'ס פאפירען... און דער פאפא אליין שטעהט און ציטערט און די מאמא רייבט איהם דעם שטערען... און אט איז די טאנטע טאמארא, שטעהט נעבען דער טאנטע מאשא און קוקט אויף איהר אזוי, גלייך ווי זי וואלט האלטען ביים שטארבען... און די טאנטע מאשא שטעהט שוין גרייט אנגעטהון מיט'ן היטעלע אויף די אונטערגעשערענע האר, האלט די הענד ארונטער און רעדט מיט א שענעם אפיצער מיט שווארצע באקענבארדען ווי קאטלעטען און ביי דער זייט שטעהט א שווארצער יונגערמאנטשיק מיט איין ארבעס-קאלירענעם אויבערראק און רייבט זיך א האנד אין א האנד און זאגט אלע מאל צו זיך אליין: — געחאפט דאס פייגעלע?... געחאפט דאס פייגעלע?... גאר אומגעריכט! אפילו נישט געדאכט! אפילו נישט געחלומ'ט!...

און די טאנטע מאשא געהט-צו צו וווזיא'ן און נעהמט איהם ארום, און דריקט איהם צו צום הארצען שטארק — שטארק, און קושט איהם אין ביידע אויגען, אין שטערען, אין קאפ, און עס ווייזט זיך איהם אוים, אז איהרע הענד זענען קאלט און איהרע אויגען זענען נאס, און זי זאגט צו איהם מיט א שמייכעל, נאר דאס קול איז ווי פערדומפען און עס הערען זיך טרעהרען:

— וווזיא! דו וועסט ניט פערגעסען די טאנטע מאשא?

און זוזיא האפט ארום דער טאנטע מאשא'ס ווייסען האלז מיט ביידע הענדעלעך און ער קושט זי איין מאל און צוויי מאל און צעהן מאל און צוואנציג מאל און נאך איין מאל און נאך א האלבען מאל און דעם לעצטען מאל. און עס הערט זיך א שארף שניידענדע שטימע פון איין אפיצער:

— פערטיג!...

און אלע שטעהען אויף, און אלע זענען גרייט, און אלע געהען אב, אלע אפיצערען מיט די גלענצענדע עפא-לעטען מיט די גאלדענע קנעפ, און ביידע טאנטעס געהען אב, און די קליינע מאשא מיט די גרויסע קארעלען לייכט זיי צו, און דער פאפא איז געבליבען זיצען, ציטערט ווי א בלאט, און די מאמא האלט איהם צו און וויינט, און אלע קינדער זענען געבליבען שטעהען און טרייסלען זיך און גע-נעצען, ווילען שלאפען, און נאר די טאנטע טאמארא מיט דער טאנטע מאשא זענען נישטא, און די אלטע ניאניא צלמ'ט זיך רופט יעזוס'ן צו הילף, און דער קליינער זוזיא פאלט מיט'ן שענעם ווייסען פנים אין די קליינע ווייסע קישעלעך און וויינט און וויינט און וויינט, ווי א פיריאהריג פער-שטאנדיג געראטען קינד קאן וויינען...

* *
*

עס האט שוין באלד געשאריעט אויף טאג און אבראם מארקאוויטש האט נאך אלץ ניט געקאנט בערוהיגען זיך, וויפיל ראזע האט איהם נישט געמאטערט, געריבען די שלעפען, אויסגעגאסען אויף איהם דעם גאנצען א-דע-קאלאן. ער האט זיך גאר נישט געוואלט גלויבען, אז ער איז פריי, און האט אלע מינוט זיך געווענדעט צו זיין פרוי מיט דער זעלבער פראגע:

— ראזע! איך בין פריי?...

— דו ביזט פריי, אבראשא, ביזט געוועזען פריי און פריי וועסט דו מיר זיין תמיד, שטענדיג און אייביג!...

ווי א ציטעריג קינד, ווי א געפיעסטעטער א געבאלע-וועטער בן-יחיד איז געוועזען ביי איהר אבראשא, אלעס האט

ער ביי איהר אויסגעפיהרט, קיין זאך איז פאר איהר נישט געווען צו שווער, אבי אבראשא זאל זיין צופריעדען. דאס בעסטע און דאס שענסטע און דאס ערשטע וואס עס איז געווען אין שטוב איז אוועקגעגעבען געווארען איהם, אלעס איהם, און—פונ'ם אמת קאן מען ניט אוועקגעהען—אבראם מארקאוויטש האט דאס אנגענומען אלסדינג ווי א מענש, וואס ווייס, אז איהם קומט דאס. עסען א געבראטען היהנדעל אין דער צייט, ווען די גאנצע שטוב חלעפטשעט בארשטש, איז ביי איהם געווען אזוי נאטירליך, ווי עס איז ביי'ם נגיד נאטירליך א שטייגער זיצען איינער אליין צעלעגט אין א קארעטע אין דער צייט, ווען טויזענדער ארעמע לייט שלעפען זיך צו-פוס. און טאמער איז אזוי גיך נישט געווען דאס, וואס ער וויל, וואס איהם איז געפעלען און וואס ער דארף, האט ער שטארק נישט געוואלט [illegible]דען, זיך געשמיצט און געווארפען און אויסגעלאזט דעם גאנצען כעס, צו וועמען? נו געוועהנליך צו ראזע'ן, און ראזע האט דאס אנגענומען פאר ליעב, איהם אבגעגעבען דעם גערעכט און געמאכט איהם נאך פאר א גרעסערען ענאאיסט. ווי ער איז געווען. טאמארא האט ניט געקאנט צוזעהען זיינע געגג און אלם ראזע'ס איין אייגענע, האט זי געפרופט א פאר מאל פירהאלטען איהם, האט זיך ראזע איינגעשטעלט פאר איהר מאן און האט איהם פערטיידיגט ווי דער בעסטער אדוואקאט... אין דער קורצער צייט, וואס מאשא האט געגאסטירט ביי טאמארא'ן, איז זי איהר געקומען צו הילף און ביידע מיידלעך האבען זיך גענומען אויף אבראם מארקאוויטשען, איהם א נאמען געגעבען „סאטראפ" „זעלבסטהערשער", איהם דערגאנגען די יאהרען און דוקא מיט'גוטע רעד, קושענדיג, איהם ארויסגענומען די נשמה, — ביז ער איז זיי געווארען א דם-שונא, ארומגעגאנגען אנגעבלאזען ווי איין אינדיק און אויסגעלאזט זיין ביטער הארץ—צו וועמען? נו געוועהנליך צו ראזע'ן! און ראזע האט אויך דאס אנגענומען פאר ליעב, אויסגעוויינט זיך שטילערהייד, אויסגעווישט די

אויגען און שא, ווידער די זעלבע שענע, פרישע, בליהענדע ראָזע ארומגערינגעלט מיט איהר חאליאסטרע עגאאיסטלעך איינס גרעסער פון דאס אנדערע...

פון דעסטוועגען און נאך דעם אלעמען, אז מען האט צוגענומען טאמארא'ן מיט מאשא'ן, איז אפילו דער עגאאיסט אבראם מארקאָוויטש געווען געקרענקט מיט סכנת נפשות. ער איז נאָכדעם ארומגעגאנגען גאנצע טעג ווי א משוגענער, געפייערט (פאר ראָזע'ן) אויף דער פאליציי, געוועדט (פאר ראָזע'ן) אויף די רעגיערונג כל הפכלגות שבעולם, געזאגט (ראָזע'ן) אז לויפט ער צום פראקוראר, צום מיניסטער, פאר וועמען האט ער מורא? ער איז א ריינער מענש, און זיינע ביכער און אין זיינע כתבים איז נישטא גארנישט.

— גארנישט, אבראשא, גארנישט! — ענטפערט איהם ראָזע, און איהם שמעקט דאס ניט, פערחאפט ער זיך:

— וואס הייסט גארנישט? עס איז פאראן ביי מיר אין די לידער געגוג מאטעריאל, נאר פארשטעלט, הא, ראָזע?

— געוויס פארשטעלט! — גיט איהם נאך ראָזע, און עס בלייבט, אז נישט שפעטער ווי מארגען לויפט אוועק אבראם מארקאָוויטש עפעס טהון פאר די געפאנגענע... און עס געהט אוועק דער מארגען און נאך איין מארגען און נאך צוויי מארגענס, און אבראם מארקאָוויטש קאָכט זיך, שפריצט מיט פייער!

וואס ער צערעדט אויף די רעגירונג! א גליק, וואס א חוץ ראָזע'ן הערט דאס קיין בן אדם נישט!... און טאמארא שאָסטעפאל, און מאשא באשעוויטש דערוויילע זיצען, און אבראם מארקאָוויטש טהוט גארניט פון זייערט-וועגען...

עס האט זיך אָבער געפונען אזעלכער, וואס טהוט פון זייערטוועגען, א פארשוין, וואס ארבייט אויף אלע כלים. דאס איז געווען דער יונגער פירסט שיראקאדזע, אָדער ווי

מען רופֿט איהם דער „ווייסער מיטיא", ווי מיר וועלען דאס זעהען אין איינעם פֿון די ווייטעריגע קאפּיטלעך.

קאפּיטעל כב.

דער זונטאג.

ווען, למשל, עס זאלען זיך געווען צענויפֿנעהמען אלע גענעראלען פֿון יאפּאן: איאמא, קוראקי, נאגי, נאדזי און די איבעריגע מלאכי חבלה, אויף פּעטערבורג, וואלט די דאזיגע רעזידענץ-שטאדט נישט בעדארפֿט אויסזעהען מעהר קריעגעריש, ווי זי האט אויסגעזעהען זונטאג דעם 9-טען יאנואר 1905 יאהר, נאך דעם, וואס דער גלח גאפּאן איז געגאנגען מיט זיין פּראצעסיע איבער דער שטאדט...

* *
*

נאך פֿון שבת ביינאכט אן האבען אנגעהויבען אריינ-טרעטען מיליטער, גאנצע עסקאדראנען האבען זיך פֿערשפּרייט הינטערן שטאדט און מע האט געווארט אויפֿ'ן „פֿיינד".

און דער „פֿיינד" האט זיך געגרייט. טויזענדער ארבייטער האבען זיך אנגעטהון יום-טוב'דיג, מיטגענומען מיט זיך די ווייבער מיט די קינדער, און בעוואפֿענט מיט הייליגע בילדער און איקאנעס, האבען זיי זיך געלאזט צום פּאלאץ. דאכט זיך אין פּלוג, וואס איז דא וואס מורא צו האבען פֿאר פֿרידליכע מענשען, וואס געהען אנגעטהון יום'טוב'דיג מיט ווייבער און קינדער מיט הייליגע בילדער? פֿון דעסטוועגען האט מען זיך צוגעגרייט. קאזאקען זענען ארומגעפֿליגען אויף די פֿערד הין און הער אויף די הויפּט-גאסען פֿון דער שטאדט. אלע בריקען וואס איבער דער „ניעווא" זענען געווען בעדעקט מיט קאזאקען, אולאנער, דראגונער, און אנדערע מינים חיל. אפֿילו די פֿעסטונג פֿון דער שטאדט איז געווען גרייט צו בעגעגענען דעם „פֿיינד" מיט כבוד, ווי עס געהערט צו זיין.

פּונקט ניין א זייגער אין דער פֿריה האט זיך אנגעהויבען צו ציהען א שנירעל פֿון מענשען פֿון אלע „זאסטאוועס". און

מעהר ווי פון אומעדום האט זיך בעוויזען דער „פיינד" פון „נא-וועקא-זאסטאווא", נעגאנגען מיט די הייליגע בילדער, מיט'ן גלח גאפאן אין מיטען. אנגעטהון אין גלח'שע קליידער מיט א פאפיער אין דער האנד. קוקענדיג אויף דער פראצעסיע פון פריעדליכע מענער, פרויען און קינדער, האט מען געקאנט מיינען, אז דאס איז עפּיס א הייליגער, א פאטריאטישער יום טוב.

עס איז דא א שפריכווארט: „וואסער א גוט יום טוב אזא גוט יאהר". איצטיגס מאל איז דאס נישט מקוים געווארען. דער „גוט יום טוב" איז געווען א פריעדליכער און א פריינד ליכער; דער „גוט יאהר" איז געווען א בייזער, א מורא'דיגער, א פייעריגער און א בלוטיגער!...

* * *

אין דער פריה, ס'איז נאך נישט געווען רעכט טאג, האט סעריאזשא, דער שכור'ניק סעריאזשא, וואס מיר האבען זיך בעקאנט געמאכט מיט איהם צוליעב מאלקינען אין אוטשאסטאק, אנגעטהון זיך יום-טוב'דיג. אויף וויפיעל עס האבען איהם ערלויבט זיינע פערדיענסטען, זיך גענעבען דאס ווארט, אז היינטיגען טאג זאל קיין טראפען בראנפען ניט קומען אויף זיינע ליפען. היינט, אין אזא טאג, וואס דאס פאלק געהט מיט א געבעט, דארף מען ניט טרינקען קיין בראנפען. א מענש דארף קאנען אמאל גובר זיין דעם יצר הרע, הגם דער יצר הרע פון בראנפען איז פאר סעריאזשא'ן דער געפעהרליכסטער יצר הרע. צוליעב א טרונק בראנפען וועט אייך סעריאזשא געהן צעהען מייל צופוס, הונגערן א טאג, אבטהון די שווערסטע ארבייט. ווארום וואס קאן זיין בעסער פון א טרונק-בראנפען, וואס איז א בוימעל פאר דער ברוסט, א באלזאם פאר די ביינער, ווארעמט אוים איטליכם גליד און מאכט פארגעסען אלע צרות? און וואס דענקט איהר, סעריאזשא האט ווינציג צרות? מיינט איהר אפשר, אז ער איז א געבארענער שכור? סעריאזשא וואלט אונז געקאנט דערצעהלען א גאנצע טראגעדיע פון זיין לעבען. אבּיסעל האט

ער אונז שוין דערצעהלט בשעת ער איז געלעגען מיט מאַל-קינען אין אוטשאַסטאָק, און דאָס איבריגע איז לייבט צו לייענען אויף זיין פֿערשוואָלען שטענדיג צעשלאָגען פנים, וואָס קוקט אייך גלייך אין די אויגען אַרײַן וואָרום סעריאָזשאַ ווייסט און פֿיהלט, אַז ער איז אונשולדיג, אַז ער איז ריין. אַז דאָס צופּיצעלטע פּעלצעל מיט די צעריסענע שיך, וואָס עס זעהען זיך אַרוים די פֿינגער, איז זיינס, זיינס ניט קיינעמס; אַז דעם טרונק בראָנפֿען, וואָס ער טרינקט, איז זיינער איינער, אייגענער, מיט שווייס און בלוט פֿאַרהאָרעוועטער טרונק בראָנפֿען, און דער עיקר, אַז ער, סעריאָזשאַ, האָט נאָך קיינעם קיינמאָל ניט באַליידיגט; אדרבה איהם באַליידיגען אַלע; דאָס זאָגט עדות זיין שטענדיג צעשלאָגענע פֿיזיאָנאָמיע, וואָס „הוואָרניקעס" און אַנדערע לערנען זיך אויף איהר שלאָגען צעהן און מאָלען בלויע צייכענס...

סעריאָזשאַ האָט געוואָלט זיין אויפֿ'ן אָרט וואָס פֿריהער און וואָס נעהענטער, טאָמער וועט ער האָבען די זכיה צו הערען דאָס געבעט, אויסגיסען דאָס פֿערביטערט האַרץ. און געהענדיג מיט נאָך הונדערטער און טויזענדער מענשען, שטעלט זיך סעריאָזשאַ פֿאָר אין זיין פֿאַרשכור'טע פֿאַנטאַזיע אַ בילד, ווי אַזוי מענשען ווי שטערען אין הימעל. אַלע שטופּען זיך, אַלע קריכען, אַלע ווילען וואָס ווייטער, וואָס נעהענטער. אָט-אָט בעווייזט זיך אויף אַ באַלקאָן אייַנגעטונקען אין גאָלד איין אַלטער-אַלטער גענעראַל, בעהאַנגען מיט אָרדענס פֿון אויבען ביז אַראָב. ווער איז דער דאָזיגער גרויסאַרטיגער פּאַרשוין? דאָס איז אַוודאי דער „גענעראַליסי-מוס", דער עלטסטער פֿון אַלע גענעראַלען. דאָס פֿאָלק וואַקסט און וואַקסט. אָט לאָזט זיך הערען אַ שענער מאַרש מיט אַ געזאַנג „קאָל סלאַווען", און אַנדערע לידער לאָזען זיך הערען פֿון הונדערטער טויזענדער מענשען, און הונדער-טער טויזענדער מענשען פֿאַלען אויף די קניע — און סעריאָזשאַ שטעלט זיך אויס אין זיין פֿאַרשכור'טע פֿאַנטאַזיע די דרשה וואָס מען וועט מסתמא האַלטען.

און סעריאָזשאַ שטעלט זיך פאָר די גדולה פונ'ם פאָלק, דאָס „הוררא", וואָס רײַסט זיך אַרויס פון די הונדערטער טויזענדער הערצער, קויקעלט זיך אריבער ווײַטי־ווײַט אויף יענער זײַט „ניעווא", און די מוזיק שפּילט, גלעקער קלינגען, און די מענשען זינגען. און די פאַרשכור'טע פאַנטאַזיע פון סעריאָזשאַ'ן חאַפּט איהם אונטער און טראָגט איהם אַוועק נאָך ווײַטער און עס שטעלט זיך איהם פאָר, אַז מע האָט אַרויסגעקאַטשעט הונדערטער, טויזענדער פעסער מיט בראַנפען און דער מיניסטער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן: טרינקט חברה!... פלוצלינג ווערט אַ געדרענג, אײַן אײַנלענעניש, אַ מהומה, און סעריאָזשאַ פיהלט, אַז מע קוועטשט איהם פון אַלע זײַטען, און אַז מע לויפט, און אַז מע שיסט, און ער זעהט ווי מענשען פאַלען, קאַטשען זיך אין בלוט, — דאָס איז שוין ניט קײַן פאַנטאַזיע; דאָס איז די ווירקליכקײַט אַליין!... און גאַפּאָנ'ען זעהט סעריאָזשאַ, מיט אַ צלם אין איין האַנד און מיט אַ פּאַפּיר אין דער אַנדערער האַנד געהט ער דעם קאָפּ פאַרריסען אַרומגערינגעלט מיט מענשען, וואָס טראָגען די הײליגע בילדער. אויף זײ וועט מען געווים ניט שיסען. נאָר ס'איז אַ טעות: די מענשען וואָס טראָגען די הײליגע בילדער פאַלען אײנס נאָך דאָס אַנדערע און לעגען זיך אַזוי ווי די זאַנגען אונטערען מעסער, און סעריאָזשאַ פאַרשטעהט ניט, וואָס זאָל דאָס בעדײַטען?.. און פלוצים הערט ער אַ קול: „קינדער! לעגט זיך אַוועק!" און אַ סך לעגען זיך אַוועק, ציהען זיך אויס אויף דער ערד און קוילען פײַפען איבער זײערע קעפּ... נאָר סעריאָזשאַ וויל ניט אַוועקלעגען זיך אויף דער ערד; ער האָט קײן מורא ניט פאַר קײנעם און געהט ווײַטער און ווײַטער, ער וויל זעהען, אפשר איז דאָס אַ טעות, אַ מהומה, אַ צווײַטע „האָדינקע"?... און ער זעהט סאָלדאַטען געהען אַקעגען איהם ווי אַ חמאַרע, און קאָזאַקען אויף די פערד פליהען ווי די שדים, און די פנימער בײַ זײ פלאַמען, און זײ שנײַדען און זײ בראָקען רעכטס און לינקס, און טרעטען מיט די קאָפּיטעס

פון די פערד איבער טוידטע און איבער לעבעדיגע מענשען, און סעריאָזשא האָט קיין מורא ניט פאר קיינעם און געהט ווייטער און ווייטער. ער וויל זעהען מיט זיינע אייגענע אויגען, וואס זאל דאס בעדייטען? פאר וואס? פאר ווען? און ער דערזעהט איין אָפיציער לויפען אויף אפערד מיט א רעוואָלווער אין האנד. אוועק! — שרייט אויף איהם דער אָפיציער — אוועק צוריק, אַט שיס איך דיך...

— נא! שיס... — זאָגט צו איהם סעריאָזשא און צע-נעהמט דאס פעלצעל און שטעלט אַרויס א געוואונדטע ברייט-ביינעדיגע ברוסט מיט האָר באוואקסען, און פאלט אנידער אויפ'ן ווייסען שניי און מאכט א גרויסען רויטען פלעק ארום זיך.

די אלטע אבראם מארקאָוויטשעס ניאניא האָט לכבוד זונטאג אָנגעטהון זיוויא'ן אין זיינע שבת'דיגע מלבושים'לעך א-לא-פאָני, וועלכע האבען איהם צוגעגעבען א בעזונדערען חן, און איז געגאנגען מיט'ן קינד אויפ'ן שפאציר, ווי אלע טאג. דערזעהען מענשען געהען אויף ביידע זייטען טראָטו-ארען, האָט זיך די אלטע ניאניא געלאָזט מיט'ן קינד אהין, וואו אלע געהען, און וואס ווייטער זיי זענען געגאנגען, דעסטא גרעסער האָט געוואקסען דער שטראָם פון מענשען און עס האָט זיך געבילדעט א ים פון קעפ! דער ים האָט זיך געצויגען און געטראָגען די מענשען אזוי ווי חוואליעס איינס איבער'ן אנדערען, אלץ ווייטער און ווייטער. און אַז די אלטע ניאניא האָט געוואָלט געהן צוריק, איז שוין געווען כמעט אונמעגליך און זי האָט זיך געטראָגען מיט'ן קינד קעגען איהר ווילען אהין, וואו אלע. אויף איהר פראגע: וואהין געהט מען דאס? האָט זי בעקומען איין ענטפער פון איין ארבייטער, וואס איז געגאנגען יום-טוב'דיג אויך מיט א קינד פון א יאָהר זעכס ביי דער האנד:

— מיר געהען בעטען.

— וואסושע איז אזוי פיעל סאלדאטען? — פרעגט איהם ווייטער די ניאניא.

— פֿון אונזער כבוד וועגען, אַלטיטשקע, פֿון אונזער כבוד וועגען!

אזוי ענטפֿערט איהר דער ארבייטער און ווערט פֿערטראָגען מיט דער חוואַליע מענשען דורך איין אַנדער חוואַליע; און די אַנדערע חוואַליע ווערד פֿערשוואונדען דורך אַ דריטע חוואַליע מענשען, און די אַלטע ניאַניאַ האַלט-צו מיט דער לינקער האַנד זיוזיאַ'ן און מיט דער רעכטער האַנד צלם'ט זי זיך און רופֿט יעזוס'ען צו הילף, דאָס האַרץ זאָגט איהר נעבאך, אַז זי איז דאָ נישט גוט אריין, זעהר ניט גוט, און זי שטעלט זיך אָב, די אַלטע ניאַניאַ מיט'ן קינד, ביי דער גרויסער בריק. און נעהמט דאָס קינד אויף די הענד, און זי דערזעהט הייליגע בילדער טראָגט מען, און אַ גלח געהט גלח'ש אָנגעטהון, און הייליגע לידער הערט זי זינגט מען, צלם'ט זי זיך די אַלטע און רופֿט יעזוס'ען צו הילף.

— וואָס איז דאָ, ניאַניאַ? — פֿרעגט ביי איהר זיוזיאַ און קוקט זיך איין מיט זיינע טיעפֿע בלויע אויגען אין דעם ום פֿון קעפּ.

— בעטען געהט מען, קינד מיינס.

זיוזיאַ דערהערט מען שיסט, פֿרעגט ער ביי דער ניאַניאַ, וואָס זאָל דאָס בעדייטען וואָס מע שיסט? ענטפֿערט איהם די אַלטע, אַז ס'איז אַ מנהג, אַלע יום-טוב שיסט מען... און זיוזיאַ קוקט זיך איין מיט זיינע טיעפֿע בלויע אויגען און זעהט, ווי מענשען לעגען זיך. פֿרעגט ער ביי דער ניאַניאַ, וואָס זאָל דאָס בעדייטען, וואָס מענשען לעגען זיך? ענטפֿערט איהם די אַלטע, אַז ס'איז אַ מנהג, אַז מען בעט דאַרף מען קניען... און זיוזיאַ קוקט זיך איין מיט זיינע טיעפֿע בלויע אויגען און זעהט ווי מענשען פֿאַלען, פֿאַלען, פֿרעגט ער ביי דער ניאַניאַ, וואָס זאָל דאָס בעדייטען וואָס מענשען פֿאַלען? און איידער די אַלטע ענטפֿערט איהם, דערפֿיהלט זי אַ זעץ פֿון הינטען, אַ קלאַפּ פֿון פֿאָרינט און אַ דריקעניש, אַ שטיקעניש פֿון אַלע זייטען, און זי דערזעהט ווי מענשען לויפֿען, שטופּען זיך, שפּרינגען איינס איבער דאָס אַנדערע,

און זי דערזעהט א מאָדנעם הילך. א געשריי, א געוויינעריי מיט א קוויטש-עריי מיט א הוקען מיט א מיוקען און מיט א פייפען, און זי צלמ'ט זיך, די אלטע, און רופט יעזוס'ען צו הילף, און מיט דעם זעלבען כח, מיט דעם זעלבען שטראָם, וואָס עס האָט זי געבראַכט אהער צו טראָגען, טראָגט דאָס עס צוריק, און זי האַלט דאָס קינד צוגעדריקט צום הארצען; און זוי א האַלט זיך מיט ביידע הענטלעך ביי דער ניאַניא'ס האַלז, קוקט צוריק און הערט ניט אויף צו פרעגען קשיות: למאי מע לויפט, למאי מע שרייט, למאי מע שטופט זיך, למאי מע וויינט? און די אלטע קאָן איהם נישט ענטפערען דערויף גאָר נישט... זי פיהלט, אז ניט די פיס איהרע, נאָר די מענשען טראָגען זי, וואהין—ווייסט זי ניט. און אָט האָבען זיך אריינגעשניטען אין דעם שטראָם פון מענשען גרויסע געזונדע פערד מיט ברייטע הינטענס און טרעטען אויף די מענשען... און סאָלדאַטען זיצען אויף די גרויסע געזונדע פערד מיט מורא'דיגע פנים'ער און מיט בלויזע שווערדען און מען שיסט, און מענשען פאַלען...

און זי דערהערט, די אלטע ניאַניא, א זעץ פון אויבען און א מאָדנער קוויטש רייסט זיך ארויס פון זיוזיא'ן, און ער לאָזט אַב איהר האַלז, זיין ביינט אן דאָס קעפעל אראָב, אראָב. און א וואַרעם פליסיגקייט דערפיהלט זי אויף איהר האַלז, און בלוט דערזעהט זי גיסט זיך פון איהר האַנד אראָב, און זי ווייסט נאָך ניט וועמעס בלוט דאָס איז, און זי זעהט ניט, אז זיוזיא'ס קאָפ איז צעהאַקט, צעשפאָלטען, און עס ווייזט איהר פינסטער אין די אויגען, און זי פאַלט אנידער מיט'ן טויטען קינד אויף דעם ווייסען קאַלטען שניי, וואָס איז פארפאַרבט מיט רויטען אונשולדיגען בלוט...

אָט אזוי האָט זיך אנגעהויבען דער דאָזיגער זונטאָג טאָג, וואָס וועט פערבלייבען אין דער רוסישער היסטאָריע.

קאפיטעל כ"ג.

זי האט א צד.

די לעצטע טעג איז דער „ווייסער מיטיא" געוועזען בעשעפטיגט מעהר ווי אלע מאל; דער פלאן, אויף וועלכען ער האט געארבייט, נאטירליך מיט ראמאנענקא'ס קאפ, האט געהאלטען ביי דורכגעפיהרט ווערען, אבוואהל עס זענען געוועזען זעהר פיעל שטערונגען מיט שוועריגקייטען, וועלכע ס'איז פיעל לייכטער בייצוקומען אויף פאפיר אלס אין דער ווירקליכקייט... דמיטרי שיראקאדזע האט אבער, ווי אלע אנדערע יונגע ארבייטער פון דער פארטיי, געגלויבט אין די אויספיהרבארקייט פונ'ם פלאן אזוי שטארק, אז איבערקעהרען אלעס אויף דער לינקער זייט האט איהם אויסגעוויזען אזוי לאכט, ווי פערדרייבערען א פאפיראס.

נישטא קיין מעהר מעכטיגער כח, ווי גלויבען! נישטא קיין גרעסערער בעל מופת, ווי „אני מאמין"! מיט „אני מאמין" קאן א מענש בעווייזען די גרעסטע וואונדער אין דער וועלט!... דעם דאזיגען פעסטען גלויבען, דעם דאזיגען וואונדערליכען „אני מאמין" האט אין איהם ארייגעבלאזען ראמאנענקא מיט'ן כח פון זיינע מעכטיגע ווערטער און מיט'ן כשוף פון טאמארא'ס שענע גרויסע שווארצע אויגען, וועלכע האבען דעם „ווייסען מיטיא" נישט נור בעצויבערט, נאר געמאכט פאר איין אנדער מענשען.

אויפגעצויגען אויף לוקסוס, אויסגעוואקסען אויף „דעבאש" (אויף יודיש וואלטען מיר געזאגט „הולטייסטווא"), אויף הולבישטשעס, שכרות, ארגיעס, לומפערייַ, צווישען חברים פוסטע יונגען, פייפערס, קארטענשפילערס ובדומה אזעלכע שענע מענשלעך, האט שיראקאדזע ביסלעכווייז אנטוועהנט פון זיך די אלטע חברים, אנגעהויבען פיהרען א מארנע ארט לעבען, וואס ביי זיי אין די אויגען האט דאס אויסגעזעהען ריין משוגע, און ווען נישט דער כח פון זיין מוטערס מילי-

יאנען, וואלט מען איהם שוין לאנג אויסגעשטרייכט פון דער געזעלשאפט.

געפאהרען פון איין אוטשאסטאק אינ׳ם אנדערען, האט שיראקאדזע נאר אריינגעשיקט זיין קארטעל, — און אלע טשינאווניקעס האבען זיך פאר איהם געבויגען, אלע פנימ׳ער האבען צו איהם פריינדליך געשמייכעלט. אלעס און אלע זענען געוועזען פארטיג צו דינען דעם פירשט שיראקאדזע מיט וואס נאר מעגליך איז. איינינע האבען געחיחי-קעט, געלאכט, אז ער האט זיי געזאגט, און וואס עס בע-שטעהט זיין בקשה; איינינע, אביסעל גרעסערע טשינאווני-קעס, האבען איהם געפאטשט אין פלייצע און געפרעגט, צי איז ער שוין לאנג בעקאנט מיט דער „זשיראוועטשקע"?..

איינער א קאפיטאן מיט א וויים גלאט געראזירט געזיכט, און וואס אין זיינע הענד האט זיך געפונען דער שיקזאל פון טאטארא׳ן, פון מאשא׳ן און פון נאך א סך-א סך יונגע קינדער, האט אויפגענומען דעם יונגען שיראקאדזע אפילו זעהר פריינדליך, נאר ער האט געפונען פאר נויטיג צו זאגען איהם אביסעל מוסר, אז ס׳איז ניט אנשטענדיג, נישט פאסענד פאר א פירסט אריינצושטעקען די נאז אין אזעלכע ערטער. שיראקאדזע האט דעם מוסר אויסגעהערט און האט געפאדערט דורכאויס, מע זאל פריילין שאסטעפאל אויסהערען. ער, שיראקאדזע, איז איבערצייגט, אז איהר ארעסט איז נישט מעהר ווי א טעות פון דער פאליציי... דעם קאפיטאנס פנים האט זיך בעדעקט מיט א רויטע פארב און האט אויסגעזעהן ווי א גוט אויסגעבאקענער קוילעטש, וואס מע האט איהם נאר-וואס ארויסגענומען פונ׳ם אויבען. ער האט געזאגט דעם כח און דעם איינפלוס פון דעם יונגען פירסט און זיינע בעקאנטשאפטען אין די גאנץ הויכע ספערען, און ער האט זיך מודה געווען, אז ער ווייסט, אז קעגען פריילין שאסטעפאל איז נישטא קיין בעזונדערע פאקטען וואס מע זאל זי קענען בעשולדיגען; די גאנצע זאך אבער, וואס מיט איהר איז, אין איהר צימער האט זיך אויפגעהאלטען איין

אַנדערע פּאָליטישע פֿערברעכערין, װעלכע מע האָט לאַנג געזוכט און װעלכע איז זעהר װיכטיג פֿאַר אונז! — אפשר פֿאַר אײַך ניט, נאָר פֿאַר אונז איז זי זעהר־זעהר װיכטיג...

אַזוי האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן און געקוקט שיראָ־קאַדזע'ן גלײַך אין די אויגען אַרײַן, װי אײנער רעדט: דײַן גליק, װאָס דו ביזט פֿירסט שיראָקאַדזע; װען ניט דאָס, װאָלסט דו שוין בײַ מיר אָנגעשפּאַרט דאָרט, װאו װערעם קריכען אַרום און װאו עס קראַקען זשאַבעס!... פֿירסט שיראָקאַדזע האָט אָבער פֿײַנט געהאַט לאַנגע שמועסען, האָט ער זיך אויפֿגעראַפּט, געגעבען די האַנד און אַ זאָג געטהאָן, אַז אויב מע נעהמט זי ניט צום פֿערהער הײַנט, װעט ער מוזען זיך פּרובען דורך אַנדערע מיטלען... די דאָזיגע מאַגנעטישע װערטער האָט געמאַכט אויפֿ'ן קאַפּיטאַן אַזאַ װירקונג, אַז פֿון זײַן װײַס פּנים איז געװאָרען אַ פֿלעצעל, אַ װײַסער קאָרזש, כמעט אַ פּסח'דיגע מצה, און ער האָט גע־געבען שיראָקאַדזע'ן זײַן עהרען־װאָרט, אַז הײַנט, און נישט שפּעטער װי מאָרגען נעהמט ער פֿרײַלײַן... װי אַזוי רופֿט מען זי? צום פֿערהער, און אויב ס'איז קעגען איהר נישטאָ קײן בעזונדערע בעװײַזע, לאָזט ער זי אַרויס פֿרײַ...

אַזוי האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, געטרײסעלט שיראָ־קאַדזע'ן די האַנד און געקוקט איהם גלײַך אין די אויגען אַרײַן, װי ער װאָלט װעלען זאָגען: „היט זיך, יונגער קניאַז, איהר זאָלט ניט אַרײַן צו מיר אין די צעהן, איך װעל אײַך אײַנשלינגען װי אַ יונג געבראָטען היהנדעל מיט די בײנדעלעך!...

* * *

און טאַמאַראַ איז זיך געזעסען פֿון דער ערשטער מינוט, װאָס מע האָט זי צוגענומען אין יענער נאַכט, אײנע אַלײן אין אַ בעזונדער חדר'ל נישט אָנגעקוקט קײנעם, אַחוץ װאָס מע האָט זי אַ פּאָר מאָל אַרויסגערופֿען אָבנעהמען בײַ איהר דעם ערשטען ראַפּאָרט, זי זאָל דערצעהלען אַלסדינג

וואס זי ווייסט פון מאשא באשעוויטש. טאמארא האט דערויף געענטפערט, אז וועגען מאשא באשעוויטש קאן זי זאגען נאר דאס, אז זי האט געענדיגט מיט איהר איין גימנאזיע, געוואוינט מיט איהר צוזאמען א קורצע צייט אויף איין קווארטיר, — און ווייטער קאן זי ניט זאגען און וועט ניט זאגען און ווייס ניט וואס צו זאגען... דערויף האט מען איהר געענפערט: דאס וועלען מיר זעהען שפעטער... פלוצים רופט מען זי ארויף און מע רעדט מיט איהר וויך און העפליך, און מע גיט איהר אב איהרע פאפירען, און מע זאגט איהר, אז זי איז פריי! טאמארא גלויבט נישט איהרע אויגען איהרע אויהרען! ... דאס ערשטע וואס איהר קומט אויפ'ן זינען איז פרעגען אויף מאשא'ן, וואו איז מאשא, צי איז מאשא באשעוויטש אויך פריי? ... דערויף ענטפערט מען איהר גאר נישט און מע הייסט איהר געהן!...

ווי איינער וואס שטעהט אויף פון א היציג שלאפקייט, אזוי האט זיך געפיה.ט טאמארא שאסטעפאל, אז זי איז געשטאנען אויף דער פרייער לופט, אונטערען פרייען הימעל, בעפרייעט פון דער געדיכטער פינסטערער טורמע-אטמאספערע, און פון די פעטע פנים'ער מיט די בוימעלדיגע אויגען, וואס האבען אויף איהר געקוקט מיט זיסקייט... א נייע וועלט! א נייער הימעל! נייע לופט! א נייע הויט אויף איהר! זי איז פריי! פריי! פריי!

מיר מוזען זיך מודה זיין, אז אין דער מינוט האט טאמארא כמעט פערגעסען איהר ליעבסטע, טייערסטע, בעסטע חברט'ע מאשא באשעוויטש! וואס קאן מען העלפען? א מענש איז נישט מעהר ווי א מענש, איך וואלט וועלען וויסען, אויב ס'איז דא א סך מענשען, וואס זאלען אין זינען האבען דעם שכן בשעת עס ברענט דאס הויז... אדער זאל מיר עמיצער זאגען, אז ער איז אליין געוועזען דערביי, ווי צוויי פאסאזשירען אויף איין שיף האבען בשעת טרינקען זיך אבגעטרעטען איינער דעם אנדערען איין ארט אויף צו רעטען זיך... לעזער! מיר וועלען מיט אייך די וועלט

ניט איבערמאַכען. לאָמיר בעסער געהן זעהען, וואָס טהוט טאַמאַרא שאָסטעפּאַל?

טאַמאַרא שאָסטעפּאָל האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער ערשטער דראָזשקע, וואָס זי האָט דערזעהען פאָהרען, און האָט זיך געהייסען פיהרען אויף „מאַלאַיא קאָניושינאַיא" נומער 000. דאָס איז געווען אין עטליכע טעג אַרום נאָכ'ן „זאָנטאַג", די רעזירענץ-שטאָדט האָט נאָך אויסגעזעהן ווי אַ שלאַכט-פעלד, וואָס דער פיינד האָט דאָס איבערגעלאָזט און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער... אויף דער „מאָיקע", אויף „יעקאַטערינינסקי קאַנאַל" און ערטער-ווייז אויף „ניעווסקי פראָספּעקט" האָט מען געקאָנט זעהען, וואו ניט וואו האָבען שפּאַצירט פּאַטרולען און קאָזאַקען, צופוס און אויף פערד. עס איז שוין געווען ניט פריה און קיין עלעקטריע האָט מען נאָך נישט געזעהען אין ערגיץ. די פרעכטיגע שטאָדט פּעטערבורג איז געווען ווי איינגעטונקען אין אַ פינסטערניש און בעדעקט מיט אַ טרויער... טאַמאַרא האָט געוואוסט נאָך אין אויטשאַסטאָק, אַז אין שטאָדט טהוט זיך עפּעס; זי האָט נאָר נישט געקאָנט וויסען, וואָס עס טהוט זיך... אַלע מאָל האָט זי געזעהען דורכ'ן קליינעם איינציגען פענסטערעל, ווי עס ווערען געבראַכט פּאַרטיעסווייז אַרבייטער און סטודענטען. זי האָט געדענקט, אַז ס'איז פאָרגעקומען איין אויסערגעוועהנליכע דעמאָנסטראַציע, און עס האָט איהר שטאַרק באַנג געטהאָן, וואָס זי האָט נישט געקאָנט זיין אויף דער שמחה... וואָס ווייטער האָט זי אָבער אַרויסגעזעהען אַלץ מעהר סימנים פון אַ געשלעג, און זי האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט'ן איזוואָזשטשיק, נאָך גאָר אַ יונגעל פון אַ יאָהר 17—18 מיט אַ היטשקעלע און מיט אַ צו גרויס היטעל וואָס פאַלט איהם אַלע מאָל אויף די אויגען, אַזוי אַז ער מוז דאָס אַלע מינוט געבען אַ רוק-אַרויף.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — פרעגט זי ביים איזוואָזשטשיק.

— גאָר נישט, באַרישני, איז פאָרגעקומען, — ענט-

פֿערט ער איהר מיט אַ שאַרפֿע קינדערשע שטימע און טהוט אַ רוק-אַרויף דאָס גרויסע היטעל — מע האָט נאָר דורכגע-בויקערט אַביסעל אונזערע ברידער, דורכגעבראָכען די ביי-נער — לעגט ער צו מיט אַ שמייכעל.

— פֿאַר וואָס?

— פֿון וואַנען זאָל איך וויסען? מע זאָגט אַז דערפֿאַר, וואָס מענשען זענען געגאַנגען בעטען.

— נו?

— נו, האָט מען זיי ניט געלזאָט.

— נו?

— נו, האָט מען אָנגעשיקט אויף זיי, קאָזאַקען מיט דראַגונער...

— נו?

— , האָבען זיי גענומען לויפען און לויפען, לויפען און לויפען!... דער איזוואָזשטשיק בעווייזט מיט דער האַנד, ווי אַזוי מע האָט גענומען לויפען...

— אַ סך האָט מען אויסגעלעגט? — פֿרעגט איהם טאַמאַרא.

— נישקשה'דיג! — ענטפֿערט ער איהר און טהוט אַ רוק-אַרויף דאָס היטעל.

— וויפֿיעל? — פֿרעגט איהם טאַמאַרא — צעהען מענ-שען? צוואַנציג? פֿינפֿציג? הונדערט?...

— נעהם העכער — ענטפֿערט ער מיט זיין שאַרפֿע קינדערשע שטימע.

— צוויי הונדערט? פֿינף הונדערט?

— נעהם העכער!

— טויזענד?

— נעהם העכער!

— צוויי טויזענד?

— נאָך העכער!

טאַמאַרא דענקט, אַז זי האָט צו טהאָן מיט איינעם, וואָס קאָן נישט צעהלען מעהר פֿון צעהן, הערט זי אויף

מיט איהם צו שמועסען און פֿאהרט ... דער „מאלאיא קאניושינאיא". צעצאהלט זיך מיט'ן איזוואָשטשיק, קלינגט אָן ביי זיך אויף דער טהיר און עס קומט ארויס דאס קליינע שיקסעל מיט די גרויסע קארעלען, נאר אָהן א געלעכטער אויף'ן פנים ווי תמיד, און מיט שטארק פֿערוויינטע אויגען.

— וואס האט זיך געטראָפֿען? — פֿרעגט זי טאמארא אונרוהיג.

— אונזער פאניטשעל!... — ענטפֿערט איהר דאס קליינע שיקסעל און קען מעהר נישט רעדען.

און אז טאמארא איז אריינגעקומען און געטראָפֿען אבראם מארקאָוויטשען מיט ראָזע'ן מיט אלע קינדער זיצען אין די זאָקען מיט טוידטע פנים'ער אויף דער ערד, האט זי שוין פֿערשטאנען, וואס דא איז, און זיי האבען איהר שוין איבערגעגעבען אלעס, אלעס...

* * *

פֿוסט און לעער איז געוואָרען טאמארא'ן אויף'ן הארצען און פֿינסטער איז איהר געוואָרען די ליבטיגע וועלט, נמאס דאס לעבען, אז זי האט אויסגעהערט פֿון דער אלטער ניאניא, וואס איז געלעגען א צעשלאָגענע, א צעטרעטענע, די שרעקליכע געשיכטע פֿון זיוזיא'ס שרעקליכען טוידט מיט אלע שרעקליכע איינצעלהייטען... די אלטע ניאניא האט זיך נאך געפֿונען אונטערען איינפֿלוס פֿון דעם מ'ראַ'דיגען זונטאגדיגען טאג און עס האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי זעהט פֿאר זיך אָט־אָ די מלאכי חבלה, וואס טרעטען מיט די פֿערד איבער בייכער און איבער קעפּ פֿון לעבעדיגע מענשען, פֿרויען און קינדער! אָט שטעהט ער דער מלאך המות מיט'ן שווערד, וואס האט אויפֿגעהויבען די האנד אויף זיוזיא'ן, און זיוזיא האט זי ארומ־גענומען מיט ביידע הענדטלעך ארום האלז און... ניין! טאמארא קאָן נישט הערען ווייטער... דאס אליין איז שוין גענוג, עס זאל אויפֿוועקען ביי א מענשען אין הארצען א געפֿיהל פֿון ראכע, פֿון נקמה...

טאמארא שאסטעפאל איז געװען ניט די איינציגע ' װאס דער געפיהל פון נקמה האט זיך בעזעצט אין הארצען , אריינגענידערט טיעף אין דער נשמה און פארגיפטעט דאס לעבען אויף תמיד .

קאפיטעל כ"ד.

דער ערשטער אקט פון נקמה:

אונגעפעהער אין א חודש צייט ארום נאך דעם „זאנטאג", און צװאר דעם 4 פעבר. 1905, האט דאס גאנצע רוסישע לאנד געלייענט אין אלע לשונות פאלגענדע קורצע אפיציעלע טעלעגראמע:

„מאסקװא. 4 פעבר. גרויספירסט טוידט".

מיט גרויס אונגעדולד, נייגיעריגקייט און פערבארגענער פערװאונדערונג האט דער עולם ארויסגעקוקט אויף די װייטערע ידיעות און איינצעלהייטען פון דעם װאונדערבארען טוידט... און מע האט קוים דערלעבט צו זעהען, װאס די צייטונגען װעלען אונז דערצעהלען, און אז די צייטונגען זענען געקומען האט מען זיי ממש פון די הענד געריסען און מע האט זיי געלייענט אויף אלע גאסען. אין די צייטונגען איז געשטאנען:

„דעם 4 פעבר. אין דער פריה. בשעת זיין קייזער־ליכע האהייט איז געפאהרען אין זיין קארעט אויף דער טװערער גאס, האט איינער איין אומבעקאנטער בעזװיל־ניגער מאן, פון אונגעפעהר עטליכע און צװאנציג יאהר אלט, ביי די „ניקאלסקי טויערען". א װארף געטהאן אין קארעט א באמבע. די באמבע האט געפלאצט און דער גרויספירסט איז גערהרגעט געװארען. דער פאליציאנט לעאנטיעװ, װעלכער איז געשטאנען אויף דער װאך, איז געװען דער ערשטער, װאס איז געקומען צולויפען אויף דעם ארט פון דער שרעקליכער קאטאסטראפע. ער האט בעמערקט צװישען פיעל אנדערע, װאס האבען זיך צונויפגעקליבען אויפ'ן טראטואר, איינעם א צעבלוטיגטען מענשען אין א

צעריסענעם איבערדאַק. דער צעבלוטיגטער איז ניט אנט-לאָפען, און לעאָנטיעוו האָט איהם פערהאַלטען.

* * *

אונזער העלדין טאַמאַראַ, אַז זי איז בעפרייעט געווארען פון געפענגעניש און געקומען אהיים נאָך דעם „זונטאָג", און געטראָפען דאס שענע בילד, וואָס מיר האָבען בעשריבען אויבען, און אָנגעהערט זיך פון די גרויזאַמע בלוטיגע סצענען וואָס האָבען זיך אָבגעשפּיעלט אין דעם בלוטיגען טאָג — דאס אַלעס צו זאַמען — מיט דער גרויסער טראַגעדיע פונ'ם קליינטשיקען אונפערגעסליכען קינד זיוזיאַ האָט זי קראַנק געמאַכט, און זי האָט זיך פערשלאָסען ביי זיך אין איהר חדר'ל, געוואָרפען צ'א אומ'חן אויף דער גאַנצער וועלט מיט אַלע מענשען, אַז זי האָט זיך געשעצט גליקליך, וואָס קיינער קומט נישט צו איהר שטערען איהר רוה. צוויי מאָל אין טאָג נאָר פלעגט זי אַרויסקומען צום טיש אָבעסען, רעדען מיט ראָזע'ן אַ צוויי-דריי ווערטער שטילערהייד, גלייך ווי אין שטוב וואָלט געלעגען אַ חולה מסוכן, אָדער אַ בר מנן... אַבראַם מאַרקאָוויטש האָט אַפילו געפרופט אַ פאָר מאָל פערבינדען מיט איהר אַ שמועס, אָנקלאַפּען צו איהר אין צימער: אפשר קאָן מען אַריינגעהן? ער האָט אָבער בעקומען ענטפער, אַז ניין, אָדער גאָר קיין ענטפער. מע דארף זיך מודה זיין, אַז טאַמאַראַ האָט קיין מאָל נישט סימפאַטיזירט מיט אונזער גרויסען פּאָעט און קינסטלער אַבראַם מאַרקאָוויטש; איצט אָבער האָט זי, קאָן מען זאָגען, נישט געקאָנט קוקען אויף דעם עגאָאיסט, וואָס איז גרייט געווען צוליעב זיין געליעבט אייגען בייכעל צו פאַרגעסען אַפילו דאס אונפערגעסליכע קינד זיוזיאַ!... טאַמאַראַ האָט זיך פערשלאָסען ביי זיך אין צימער און אָנגעזאָגט, אַז מאַמער וועט עמיצער פרעגען אויף איהר, עס מעג זיין ווער עס וויל זיך, (סיידען ראָמאַנענקאָ) זאָל מען זאָגען, אַז זי איז נישטאָ אין דער היים. און ווירקליך! עס זענען געוועזען ביי איהר אַ פּאָר מאָל סאַשאַ

ראפאלאוויטש, און אנדערע בעקאנטע, — און אלע האבען בעקומען איין ענטפער: ניטא אין דער היים.

דאס איז א כלל גדול אינ'ם לעבען פון ערפאהרענע מענשען, וואס האבען א סך מיטגעמאכט אין דער וועלט, אז קומען וועט צו אייך תמיד דער, וואס איהר ערווארט איהם ניט; יענער אבער, וואס איהר קוקט שטארק ארויס אויף איהם, וועט דוקא ניט חאפען זיך צו קומען: ער האט צייט... למאי זאלען מיר לייקענען? טאמארא האט ארויס־געקוקט אויף ראמאנענקא'ן אלע מינוט. עס איז געוועזען אזוי פיעל צו רעדען, אזוי פיעל צו פרעגען, אזוי פיעל צו וויסען!... און די הויפטזאך: וואס איז מיט מאשא'ן? וואו איז מאשא?... נישט האבען פון ראמאנענקא'ן צוויי וואכען דורכאנאנד קיין שום ידיעה — דערצו איז זי געוואהנט געוועזען; נאר אין אזא צייט ווי איצט? נאך אזא זונטאג?... שיין זשע האט ער נישט געהערט פון איהר ארעסט?... און שיראקאדזע?... און עס פאלט איהר איין א געדאנק: מען דארף אויסנוצען דעם „ווייסען מיטיא" צוליעב מאשא'ן... און זי שרייבט אוועק צו איהם א בריוועל, ער זאל קומען, און זי הויבט אן ארויסקוקען אויף שיראקאדזע — און שי־ראקאדזע קומט נישט (דער אויבענדערמאנטער כלל איז טאקי א פנים א כלל; ערפאהרענע לייט, אז זיי זאגען — ווייסען זיי, וואס זיי זאגען!)

אין דעם האט זיך געטראפען זיין מאסקווא די אויבענ־בעשריבענע „אונאנגענעהמליכקייט", און טאמארא, ווי באלד זי האט איבערגעלייענט די ערשטע ידיעה פון דער צייטונג מיט דער בעשרייבונג פון דעם „בעזווילינגען" מאן, וועלכער וויל ניט זאגען דעם נאמען זיינעם — האט זיך ארייננגע'גנב'עט צו איהר א מחשבה: צי איז דאס אפשר ניט א בעקאנטער?... און טאמארא האט זיך אווארף געטהון צו איהרע בעקאנטע און — מערקווירדיג! וואוהין זי איז געקומען האט זי גע־טראפען איין איבערקעהרעניש: דער איז ארעסטירט, יענער איז אין אויסלאנד, א דריטער האט זיך איבערגעצויגען, מען

ווייסט ניט וואוהין. צו מאלקינ'ען האט זי זיך א ווארפגע־טהון — נישטא קיין זכר נישט פון מאלקינ'ען, נישט פון זיין שטוב. — אויסגעשטארבען פאר איהר די גאנצע וועלט!

און טאמארא האט בעשלאסען: מען דארף זיך דורכ־פאהרען צו שיראקארזע'ן.

קאפיטעל כ"ה.

דער מערקווירדיגער שאס.

צוגעפאהרען צו אונזער בעקאנט גרויסארטיג הויז פונ'ם גענעראל פעאראסיעוו, האט טאמארא זיך געלאזט געהן ארויף אויף די טרעפ, ווי אלע מאל. נאר זי האט געמוזט זיך אבשטעלען, ווייל דער שווייצאר פונ'ם הויז, אונזער אלטער בעקאנטער דושענטעלמען מיט די שיטערע באקענבארדען און מיט די גרויסע זילבערנע קנעפ, האט זי אבגעשטעלט און א פרעג געטהון:

— בארישני! וואוהין?

טאמארא האט נישט פערשטאנען וואס הייסט „וואו־הין"? קיין מאל האט דער שווייצאר מיט די שיטערע באקענבארדען ניט געפרעגט זי, וואוהין זי געהט, וואס איז עפעס פלוצים פאר א נייעס? און זי זאגט איהם, אז זי געהט צו די שיראקארזעס. דער שווייצאר טהוט א מאך מיט ביידע הענד, ווי א מענש וואס טרייסעלט אב א מלבוש, און א זאג דערביי מיט א שמייכעל:

— עהע — הע!

— ארויסגעפאהרען? — פרעגט איהם טאמארא — וואוהין?

— פרעגט גאר נישט! — ענטפערט איהר דער שווייצאר.

טאמארא וויל אבער דורכאוים וויסען, צי זיי זענען ארויסגעפאהרען פון דאנען, און ווען זיי זענען אוועקגעפאה־רען, און וואוהין? דערויף ענטפערט איהר דער שווייצאר,

אז ער קאן איהר ניט זאגען. ער טאר איהר ניט זאגען, און ער וועט איהר ניט זאגען קיינמאל. נאר ער רעדט אזוי לאנג, ביז זי ווערד געוואהר פון איהם טאקי, אז נישט לאנג איז דא געווען איין איבערפאל, — פאליציי, זשאנדאר־מען, — אי־אי־אי! מען האט איבערגעקעהרט די שטוב אויף דער לינקער זייט! — און טאמער ווייסט איהר וואס? גאר נישט!

— נו, און שיראקאדזע?

— ווער? די אלטע? די אלטע איז אוועקגעפאהרען צוריק אויף קאווקאז. און דער יונגער — פיו־איט! (דא טהוט דער שווייצאר א פייף און א מאך מיט דער האנד פון אונ־טען ארויף וואס קען בעדייטען, אז דער יונגער שיראקאדזע איז שוין א פערטיגער)...

— גאר אהן א משפט? — פרעגט איהם טאמארא דערשראקען.

— וואס פאר א משפט קאן דא זיין? זאגט דער שווייצאר — דער משפט איז דא קורץ: איינס, צוויי און פארטיג! און אפשר וועט זיין נאך א משפט אויך, וואס קאן מען וויסען? דערווייל האט מען איהם איינגעזעצט און ער זיצט, חאטש ער איז א פירסט...

* *
*

אום צו פערשטעהן וואס מיט שיראקאדזע'ן איז פאר־געקומען, מוזען מיר זיך אומקעהרען צוריק אויף א ווייל'ע און דערצעהלען א געשיכטע, וואס האט זיך אבגעשפיעלט אין פעטערבורג מיט דריי טאג פאר'ן „זונטאג". דאס איז געווען דעם זעכסטען יאנואר, אין דעם הייליגען טאג פון דעם גרויסען יום טוב וואס מען רופט איהם „קרעשטשעניע". אין דעם גרויסען טאג געהען ארויס אלע גייסטליכע מיט די הייליגע בילדער און מיט גרעסטען פאראד אויפ'ן טייך „ניעווא" אויף צו הייליגען דאס וואסער. אין אזא טאג זענען אלע אויף דער „ניעווא". די מוזיק שפיעלט, די קלויס־טערס קלינגען און די הארמאטען שיסען... נאטירליך איז

איינגעריכטעט אזוי, אז דאס שיסען פון די הארמאטען זאל זיין נאר מיט פוסטע קוילען. דאס מאל אבער איז דער שאס געווען ניט אויף צו כלומר'שט, נאר טאקי מיט איין אמת...

— געשאסען? וואו געשאסען? ווער געשאסען? מיט וואס געשאסען?

און מען האט גענומען זוכען, און מען האט אויסגעפונען, אז אין די הארמאטען, וואס שטעהען נאך פון פעטער דעם גרויסען'ס צייטען האט עמיצער, על פי טעות א פנים, אריינגעלעגט גראנאטען מיט פולווער...

און ערשט דא האט זיך אנגעהויבען די רעכטע חתונה: מען האט גענומען אויספארשען, פארהערען, נאכזוכען, ארעסטירען, איבערקוקען בריעף, וואס איינער שרייבט צו'ם אנדערען, און מען האט געפונען, אז אין איינינע בריעף איז דערמאהנט דער נאמען פון איינעם עפיס א „ווייסען מיטיא"... און מען האט זיך גענומען נאכפרעגען אויף דעם „ווייסען מיטיא"... און מען האט זיך ארויפגעשלאגען אויפ'ן פירסט דמיטרי שיראקארזע, און מען האט געמאכט דעם איבערפאל, און מען האט דעם בחור גענומען, און עס האט זיך אויפגעדעקט א געוואלדיגער סקאנדאל, וואס האט זיך געקייקעלט מיט נאך א סקאנדאל פון אנדערטהאלבען מיליאן, וואס דער יונגער פירסט האט צעטיילט צווישען זיינע לייט... און דעם סקאנדאל זענען געווען אריינגעשלעפט נאך מענשען, און אלעס האט זיך געפיהרט אין שטרענגען געהיים, ווי ס'איז נאר מעגליך. און דער פערפאסער פונ'ם ראזינגען ראמאן מוז זיך גאנץ אופריכטיג מודה זיין, אז ער האט לײַדער נישט די מעגליכקייט, ווי אנדערע ראמאניסטען, איבערצוגעבען די „געהיימניסע פון די העלדען", ניט חלילה מחמת מורא, נאר אויס דעם איינציגען גרונד, וואס ער איז ביי זיי קיין מאל ניט געווען, נישט ער, נישט זיין עלטער-עלטער באבע, נישט אויף דער וואהר און נישט אין חלום אפילו...

* * *

עלענד, פערזארגט, צעשרויפט, צערודערט און פערטראגען איז טאמארא שאסטעפאל געגאנגען איבער פעטערבורג, דורכגעווארפען אין די געדאנקען אלעס, וואס זי האט איבערגעלעבט אין דער דאזיגער גרויסער טומעלדיגער שטאדט פון זינט זי איז אהער געקומען ביז היינטיגען טאג. אלע פאסירונגען, אלע בילדער, אלע בעגעגענישען, אלע פערזאנען: זיוזיא, ראמאנענקא', מאשא, שיראקאדזע... נאר איין בילד, נאר איין פערזאן איז איהר ארויסגעפלויגען פונ'ם קאפ, גלייך ווי ער וואלט נאר קיין מאל אויף דער וועלט ניט געוועזען, און דיזע פערזאן האט פון טאמארא'ן געטראכט, עס קאן זיין, מעהר פון אלע אנדערע. דאס איז געוועזען אונזער אלטער פריינד סאשא ראפאלאוויטש, און ער איז דאס איהר איצט געקומען אקעגען מיט א פריינדליך שמייכעל אויף די ליפען און מיט א רויטליך פארב אויף די בעקלעך, וואס האבען, א פנים, געוואלט קאנקורירען מיט די רויטע האאר פונ'ם קאפ און מיט'ן רויטען בערדעל, וואס סאשא האט זיך די לעצטע צייט פערלאזט און האט איהם געמאכט נאך קאמישער ווי פריהער. אפשר איז דאס געוועזען דערפאר, ווייל דער פאריקמאכער האט איהם געמאכט א צו לאנגען שפיץ? און אפשר איז ניט אזוי דאס בערדיל שולדיג, ווי דער צו הויכער קאלנער פונ'ם העמד, וואס שניידט איהם אין די אויערן, צי די שמאלע קעסטערדיגע הויזען, צי אפשר נאר דער בלוט־רויטער שניפס, וואס האט געשריען פאר א מייל: „איהר זעהט א שניפס?...“ עס איז דא נויטיג צו בעמערקען, אז סאשא ראפאלאוויטש האט פיינט זיין סטודענטען־אוניפארם, וועלכע ער טראגט נאר אין אוניווערזיטעט, און אז ער געהט אויפ'ן שפאציר, טהוט ער זיך אן ווי איין עכטער „דזשענטעלמען“ און זעהט אויס ווי איין ענגלענדער וואס איז נאר וואס געקומען צופאהרען פון לאנדאן.

פון סאשא'ס פנים איז געוועזען לייכט ארויסצוזעהען, אז ווייט צופריעדען און גליקליך דער מענש איז, וואס ער

האָט זיך בעגעגענט מיט דער, וואָס ער זוכט, וואָס ער וויל און וואָס ער באַגערט...

— איהר ווייסט? איך בין דאָך ביי אייך געוועזען צוויי מאָל!...

אַזוי זאָגט צו איהר סאַשאַ, און טאַמאַראַ איז צופרידען, וואָס זי האָט זיך בעגעגענט מיט סאַשאַ'ן און זי דערצעהלט איהם איום ווי אַ גוטען פריינד אַלסדינג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט פאַר דער צייט: די געשיכטע מיט מאַשאַ באַשעוויטש, וואָס איז איבער איהר, איבער טאַמאַראַ'ן, געפאַנגען געוואָרען, און די געשיכטע פון איהר איינענעם אַרעסט דערצעהלט זי איהם מיט אַלע איינצעלהייטען און מיט אַלע קלייניגקייטען און מיט אַלע בעגעגענישען און טרעפעניִשען, און ווי אַזוי די אַרעסטירטע ווערען בעהאַנדעלט, און די גרויסע טראַגעדיע פונ'ם קליינעם זוויאַ דערצעהלט איהם טאַמאַראַ און צעוויינט זיך. זי זאָגט איהם, אַז זי קאָן ניט צוזעהען דעם צער פון דער מוטער און אַז איהר יעדער טאָג זיין דאָרטען אין שטוב קאָסט זי געזונד... און פלוצים טהוט זי אַ פרעג ביי סאַשאַ'ן, צי האָט ער געלייענט אַלעס וואָס מען שרייבט וועגען דעם אומגליק אין מאָסקווא.

דערויף ענטפערט איהר סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש, אַז ער פערשטעהט עס ניט און איז איבערהויפט ניט איינפערשטאַנדען מיט דער אידעע פון טעררָאָר, ווייל ער האַלט, אַז ענטפערן מיט בלוט פאַר בלוט איז אַ באַרבאַריש מערדעריש סיסטעם... עין תחת עין — איין אויג פאַר איין אויג איז אַ שטראָף איין אַלטער איין אָבגעלעבטער, און עס איז נאָך אַ פראַגע, ווי מען זאָל פערשטעהן די ווערטער.

ווי יעדעס מאָל ווען טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל מיט סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש זענען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט מען אָנגעהויבען רעדען פון „נאַציאָנאַליזם" און סאַשאַ איז גליקליך וואָס ער האָט אַ געלעגענהייט צו דיסקוטירען מיט טאַמאַרן און מאַכט איהר פאָרווירפע, וואָס זי איז אַזוי ווינציג בעקאַנט (גאָר נישט בעקאַנט שעמט ער זיך צו זאָגען) מיט דער

יודישער געשיכטע און ער לייענט איהר פאר א גאנצע לעקציע פון דער אלטער יודישער היסטאריע און לאזט אויס מיט די ווערטער: די אידען פון יושר, פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיגקייט — דאס אלעס שטעהט ביי אונז אזוי הויך, אז אפילו אין די תפלות ווילען די יודען איינרעדען גאט, אז ער פיהרט זיין וועלט מיט יושר און מיט גערעכ־טיגקייט, און וואס פאר א געטליכע גערעכטיגקייט וואלט דאס געוועזען, ווען ניט אלע מענשען זאלען זיין גלייך?.. און וואס פאליטישער פרייהייט אנבעטרעפט, קאן איך מיר גאר אנדערש ניט פארשטעלען א יודישע מלוכה אהן אזויגע פרייהייטען. איהר שטעלט זיך עס דען אנדערש פאר, פריי־ליין שאסטעפאל?...

קאפיטעל כ"ו.

מאשא לייענט ביאליקס לידער:

ווי בוימעל האט זיך סאשא ראפאלאוויטש צעגאסען אין זיין רעדען מיט פרייליין שאסטעפאל. עס האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז שוין לאנג האט זי נישט אויסגעהערט איהם מיט אזא אויפמערקזאמקייט ווי היינט. מיר מוזען אבער אויסזאגען פון חדר, אז טאמארא האט איהם דוקא איצטיגס מאל געהערט א סך ווייניגער ווי אלע מאל; אצונד איז איהר קאפ געווען דוקא ווייט פון דאנען... וואס קען מען טהון? א מענש אז ער טראגט זיך ארום צופיעל מיט איין געדאנק, קריכען איהם נישט קיין אנדערע מחשבות אין קאפ אריין, און דער געדאנק, וואס טאמארא טראגט זיך מיט איהם ארום, איז קיין סוד נישט: ראמאנעקא, און ווידער א מאל ראמאנעקא, און אבער א מאל ראמאנעקא!... א צווייענדיג געפיהל איז איצטער געבונדען ביי איהר מיט דעם דאזיגען נאמען: א געפיהל פון נצחון און פון מורא... און עס פערדריסט איהר, פאר וואס זי דענקט אזוי... און זי

מוז בײַ זיך פועל'ן, אז זי איז ניט קײן העלדין, װײַט פון א העלדין, און דאס קרענקט זי! עס קרענקט זי, פאר װאס זי האט ניט אין זיך קײן העלדענמוט זאגאר אויף אזוי פיעל, אז עס זאל זי ניט ארן, װאס ראמאנענקא האט געטהאן... און זי דערמאהנט זיך אן מאשא באשעװיטש, װאס האט איהר געגעבען עצות, אז זי זאל געהן אויף אײן אנדער װעג... און זי אנערקענט, אז זי איז ניט מאשא, נור מאשא איז פעהיג... און עס קרענקט זי, פאר װאס מאשא יא און זי ניט... און עס טהוט איהר װעה, װאס מאשא זיצט, און עס טהוט איהר א שטאך אין הארצען און א קאלטער שװײס בעשלאגט זי אז זי דערמאנט זיך אין דעם... פלוצים דערמאנט זי זיך, אז זי געהט מיט ראפאלאװיטש'ן. און אז ראפאלאװיטש איז א פערברענטער נאציאנאליסט און זי איז מקנא אויך ראפאלאװיטש'ן, װאס ער איז אזוי פערברענט, אזוי איבערצײגט, און זי װאלט װעלען, ער זאל זי איבערצײגען, און זי װיל איהם עפּיס פרעגען, און זי דערמאנט זיך אן דעם, װאס ראפאלאװיטש האט איהר דא געזאגט װעגען דעם, װאס אינטערעסירט זי אין דער מינוט, װעגען נקמה, און זי װענדעט זיך צו איהם:

— װי אזוי האט איהר געזאגט פריהער, הערר ראפאלאװיטש, אז עין תחת עין איז ניט די טײטש אײן אויג פאר אײן אויג?...

סאשא ראפאלאװיטש איז אויפ'ן זיבעטען הימעל, ערשטענס, װאס ער רעדט מיט טאמארא'ן, צװײטענס, װאס טאמארא חזר'ט־איבער נאך אמאל זײנע װערטער, און דריטענס, װאס אויף לשון קודש, א קלײניגקײט אויסצוּרעדען: טאמארא אין העברעאיש!... סאשא, װי מיר געדענקען פון די פריהערדיגע קאפּיטלעך, האט איהר געגעבען אנצוהערעניש נאך בײַ זײער ערשטע בעגעגעניש, אז ער װאלט א בעלן זײַן לערנען מיט איהר העברעאיש, דאס הײסט ער האט איהר נישט געזאגט דירעקט, אז ער װאלט דאס געטהאן, ער האט איהר נאר געזאגט, אז אויב זי

וועט וועלען לערנען די שפראך, וועט זיך שוין געפינען א זעלבער וואס וועט מיט איהר לערנען... און סאשא קאן זיך נישט איינהאלטען און זאגט דאס איהר ארויס אצונד גאנץ אפענטליך, אז עס פרייעט איהם צו הערען פון איהר א יודיש ווארט, און ער דערמאהנט איהר נאך אמאל, וואס זיי האבען אמאל גערעדט, און אויב זי וויל, איז ער גרייט מיט איהר לערנען העברעאיש, תנ״ך, לעזען ביאליק׳ס לידער.

— אך ביאליק! ביאליק! — שרייט איהם טאשא ראפאלאוויטש מיט אזא ענטוזיאזם, וואס הארמאנירט גאר ניט מיט׳ן קאלטען פעטערבורגער פראסט, און ער מאכט אזוי מיט די הענד, וואס דאס הארמאנירט נאך ווייניגער מיט׳ן קאלטען פעטערבורגער פובליקום... נאר וועמען הערט סאשא ראפאלאוויטש, בשעת עס האנדעלט זיך וועגען אזא דיכטער ווי ביאליק? ווען זי זאל קאנען פערשטעהן אט דעם דיכטער, וואלט זי אוועקגעווארפען אלע ארבייט און וואלט זיך אוועקגעזעצט מיט איהם, מיט סאשא׳ן לערנען העברעאיש... עס טהוט איהם ווירקליך לייד, וואס טאמארא וועט איהם ניט פערשטעהן, נאר ער מוז איהר באלד אט דא טאקי געהענדיג (וואס מאכט דאס איהם?) איבערלייענען חאטש א פאר ווערטער, חאטש איין סטראפע פון ביאליק׳ס לעצטע פאעמא, וואס ער האט געשריבען איבער׳ן קישינעווער פאגראם מיט׳ן נאמען „משא נעמיראוו“...

— איהר זענט אויפגעלעגט צו הערען עטליכע שורות פון ביאליק׳ס פאעזיע?

און סאשא ראפאלאוויטש לאזט זיך ניט ווארטען ביז מע וועט איהם בעטען, און נישט לאנג געטראכט, נעהמט ער ארויס פון בוזעם-קעשענע עטליכע בלעטלעך אויסגעריסען פון א ביכעל און לייענט די שטארקע, מעכטיגע סטראפען פונ׳ם שטארקען, מעכטיגען ליעד, וואס, לויט זיין מיינונג, האבען זיי ניט קיין גלייכען אין דער וועלט-פאעזיע, אין דער שענער, קלינגענדער שפראך, וואס לויט זיין מיינונג, האט

זי ניט איהר גלייכען אין דער וועלט-ליטעראַטור! און ער שפּריצט בשעת ער לייענט, און ער זעצט-איבער איטליכעס וואָרט צוליעב טאַמאַראַ'ן, און ער מאַכט מיט די הענד צו- ליעב טאַמאַראַ'ן, אַ פּנים זי זאָל בעסער פערשטעהן, און ניט איין פאַרביינעהער שטעלט זיך אָב אויפ'ן טראָטואַר בעטראַכטען דאָס פּאַריל... נאָר וועמען הערט סאַשאַ, אַז ביאַליק און טאַמאַראַ זענען דאָ מיט איהם?... און סאַשאַ לייענט איהר ביאַליק'ס פּאָעמאַ איבער קישינעוו מיט אַ נגון און זעצט איהר איבער שטיקלעכווייז, אַ שטיקעל פון אָנהויב, אַ שטיקעל פון מיטען, אַ שטיקעל פון סוף:

..פון שטאָל און אייזען, קאַלט און האַרט און שטום
שמיד-אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענש, און קום!
קום געה אין שחיטה-שטאָדט, זאָלסט זעהען מיט דיינע
אויגען,
זאָלסט אָנטאַפּען מיט דיינע אייגענע הענד,
אויף צוימען, סלופּעס, טויערען און ווענד,
אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף אַלע העלצער,
דאָס שוואַרץ-פערטריקענט בלוט מיט די געהירען
פון דיינע ברידערס קעפּ און העלזער.
און אומבלאָנזען זאָלסטו צווישען חורבות
דורך ווענד צעבראָכענע מיט אויסגעקריצטע טהירען,
פאַרביי צעשטערצטע אויבענס, האַלבע קוימענס,
ענטבלויסטע שוואַרצע שטיינער, האַלב-פערברענטע ציגעל.
וואו פייער, האַק און אייזען האָבען נעכטען
אויף דער בלוט-חתונה אַ ווילדען טאַנץ געשפּיעלט..

טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל הערט זיך איין די ווערטער, איהרע שענע גרויסע שוואַרצע אויגען זענען ערענסט און סאַשאַ מישט-איבער אַ בלעטעל פון ביאַליק'ס בלוטיגער פּאָעמאַ און לייענט ווייטער מיט דעם זעלבען נוסח און מיט נאָך מעהר היטץ:

... אַנטלויפסט? אַנטלויף!
בעהאַלט זיך אין אַ הויף!

אומזיסט!...
אָט איז אַ בערגעל מיסט!
דאָ האָט מען צוויי געטוידט: אַ יודען מיט אַ הונד...
אין מיטען הויף האָט געלעגען זיי איין האק געקעפּט
און היינט האָט זיי אַהער איין שווייין פערשלעפּט,
געשנאָרט, געגריבעלט זיך אין זייער אויסגעמישטען בלוט...
שאַ, מאָרגען וועט אַ פרישער רעגען קומען
און אָבשווייינקען דאָס בלוט אין רינשטאָק, ס'זאָל ניט שרייען
צו'ם הימעל „גוואלד!" פון מיסט אַרויס, און אפשר
איז שוין דאָס איינגעזונקען אין דעם תהום דעם שטומען
און זייגט די דערנער אָן ביי אַ פּלויט אַ קרומען,
און מאָרגען וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטען,
ווי אַלע טאָג, אַ ליכטיגע אַרויסגעהן
פון מזרח זייט, געמינערט ניט אַ האָר נישט,
און שאַ, און שטיל. און גלייך ווי גאָר נישט...

און טאַמאַראַ'ס שענע שוואַרצע גרויסע אויגען ווערען נאָך גרעסער און נאָך שענער, און זי דערמאָנט זיך אינ'ם „זונטאָג" וואָס דאָ אין פּעטערבורג, וואָס זי אַליין האָט איהם ניט בייגעוואָהנט, נאָר אָנגעהערט זיך פון אַנדערע, און זי רופט זיך אָן צו סאַשאַ'ן:

— ווי אַזוי הייסט ער אייער פּאָעט?

— מיין פּאָעט — ענטפערט איהר סאַשאַ מיט אַ ביטער שמייכעלע — הייסט ביאַליק, חיים נחמן ביאַליק.

— אָט דער ביאַליק איז אַ פּאָעט! אַ דיכטער!... אַנו, לייענט נאָך אַ ביסעל.

אודאי דאַרף מען סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש'ן בעטען, ער זאָל לייענען ביאַליק'ן נאָך אַביסעל! סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש אַז ער צעלייענט זיך, דאַרף מען איהם בעטען אדרבה ער זאָל אויפהערען... און סאַשאַ טהוט איהר די טובה, מישם

נאָך אַ בלעטעל פֿון דער דאָזיגער בלוטיגער פּאָעמאַ און ליִעגט ווײַטער:

אוּן דוּ פֿערדרײַסט דעם קאָפּ — ניטאָ קײן הימעל!
אַ דאַך, אַ שטומער דאַך מיט שוואַרצע שינדלען;
אָט הענגט אַ שפּין — געה פֿרעג דעם גרינגעם שפּין,
ער האָט אלסדינג געזעהען, ער איז אײן עדות,
אײן לעבעדיגער עדות אויף דעם בוידעם.
זאָל ער זשע דיר דערצעהל'ן שענע מעשות:
אַ מעשה פֿון אַ בויך מיט פֿעדערען געפּילט,
פֿון נעזולעכער מיט נעגעל, קעפּ מיט האַמערס,
פֿון מענשען נאָכ'ן קוילען קאָפּ אַראָב, ווי גענז,
צום באַלקען פֿונ'ם בוידעם אויפֿגעהאַנגען,
אוּן פֿון אַ קינד אײן אײַנגעשלאָפֿענס מיט זײַן מאַמעס טוידטע ברוסט אין מײַלכען,
אוּן נאָך אַ קינד אַ לעבעדיגס צעריסען
אין אײנעם מיט זײַן לעצטען שרײַ אויף צווײען —
אַ האלבער מאַ...!

אוּן טאַמאַראַ דערמאָנט זיך אין זיוויאַ'ס טוידט, וואָס די אַלטע ניאַניאַ האָט איהר דערצעהלט, אוּן עס שטעלען זיך איהר טרעהרען אין די אויגען, אוּן סאַשאַ מישט איבער נאָך אַ בלעטעל פֿון דער בלוטיגער פּאָעמאַ ביאַליק'ס אוּן ליִעגט ווײַטער:

אַרויס־קריך, מענש, קום ווײַטער, כ'וועל דיר ווײַזען
בעהאַלטענישען — שטאַלען פֿון חזירים יורשים,
די אײניקלעך פֿון אײביגע קדושים.
אין יעדער לאָך צו דרײַ מנינים האָבען
אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבעהאַלטען...
איצט געה אַראָב אין טהאָל, דאָרט גרינט אַ גאָרטען.
אין גאָרטען שטעהט אַ שטאַל, די טוידטע שטאַל,
עס ליגען דאָ אין שטאַל צעוואָרפֿען רעדער,
צעבראָכענע, מיט בלוט אוּן מאַרך פֿערשפּריצט,
מיט שפּיצען אָפּענע אוּן אויסגעשטרעקטע,

ווי פינגער מערדערישע צו עמיצענס א האלז.
ווארט אוים, פארנאכט, ווען פיערדיג און בלוטיג
וועט אונטערגעהן אין מערב-זייט די זונן —
זאלסטו זיך שטיל אריינ'גנב'ענען אין שטאל
און ווער פארפאלען דארט אין תהום פון שרעק...

— נו, און ווייטער? קיין איינציגער ליכטיגער שטראל, קיין איינציגער פרעהליכער אקקארד? קיין ברעקעל האפנונג אויף מארגען?...

אזוי זאגט טאמארא שאסטעפאל צו סאשא ראפאלאוויטש, אין ווישט איהרע שענע גרויסע שווארצע אויגען. און סאשא ראפאלאוויטש, אנשטאט צו ענטפערען איהר, מישט-איבער נאך א פאר בלעטלעך פון דער בלוטיגער פאעמא ביאליק'ס און לייענט ווייטער:

און מארגען געה ארוים אין גאס, בן אדם,
און זעה א מארק, פון לעבעדיגען בראכווארג!
דערשלאגענע, האלב-טויטע מענשען-ווערים,
צעבראכענע און אויסגעקרימטע ריקענס,
פארוויקעלטע אין שמאטעס הויט און ביינער,
מיט קינדער ווייסטע קאליקעס, מיט ווייבער
צום טויט פארמאטערטע און איינגעדארטע.
א היישעריק, סוף-זומערדיגע פליגען, בעפאלען איהר אין
טויער, אלע פענסטער
בעלאגערען די שוועלען פון הייזער
און שטעלען-אוים, געלערענטע-צו-בעטלען, קרומע הענד
מיט אויפגעדעקטע רינענדיגע וואונדען,
און יעדערער שרייט-אוים זיין פעקיל סחורה,
פארהייסענדיג די לויזע אויגען צו די פענסטער,
ווי קנעכט, ווי הינד געשלאגענע צום בעל-הבית!
א גראשען פאר א וואונד! א גראשען פאר א וואונד!
א גראשען פאר א טאכטער א געשענדטע!...

— אט דאס איז דער טרייסט? א שענע פערספעקי-

טיווע! א גלענצענדע צוקונפט פאר א פאלק! — זאגט טאמארא, און סאשא לייענט ווייטער:

צום בית הקברות מיט די טארבעס, שלעפער!
אהינצו געהט, גראבט־אוים די ווייסע ביינער
פון אייערע קדושים׳ס פרישע קברים.
שטאפט אן די טארבעס, יעדערער זיין טארבע,
און לאזט זיך אין דער וועלט אריין, און שלעפט זיך
פון שטאדט צו שטאדט, וואו ערגעץ א יריד,
און אונטער אלע פרעמדע הויכע פענסטער
זינגט הייזעריגע בעטלערשע נגונים —

— שוין זשע קיין שום האפנונג אויף שפעטער, אין א מאל? שוין זשע קיין אויפרוף פאר ראכע, פאר נקמה?

אזוי זאגט טאמארא שאסטעפאל צו סאשא ראפאלאוויטש, און די גרויסע שענע אויגען איהרע ברענען... און סאשא ראפאלאוויטש, אנשטאט צו ענטפערען איהר, מישט ער איבער נאך א בלעטעל פון דער בלוטיגער פאעטא ביאליק׳ס און לייענט ווייטער:

. . . א וויסטער מדבר איז זיין הארץ געווארען;
קיין איינציג גרעזיל האס, קיין קערנדעל נקמה!
דו הערסט? זיי קלאפען זיך אין ברוסט „אשמנו"!
זיי בעטען איך זאל זיי די זינד פערגעבען...
צי זינדיגט דען א שאטען אויף די וענד —
א שארבען א צעבראכענער, א טויטער ווארעם? —
וואס בעטען זיי? וואס שטרעקען זיי די הענד?
א פויסט וואו איז? וואו איז א גרויסער דוננער,
וואס זאל זיך אברעכענען פאר אלע דורות,
און איינלעגען די וועלט, צערייסען הימלען,
מיין שטוהל, מיין כסא־כבוד איבערקעהרען!...

— א? דאס איז ווערטער! — רופט אוים טאמארא מיט בעגייסטערונג — אייער ביאליק איז א דיכטער! א גרויסער דיכטער!!

— מיין ביאליק איז אויך אייער ביאליק! — זאגט

איהר סאשא, און דא ציהט זיך אוועק ביי זיי א שמועס, צו פערדאנקען ביאליק'ן, וועגען דעם יודישען פאלק און וועגען זיינע האפנונגען, און וועגען זיינע אויסזיבטען, און וועגען זיינע נביאים, און וועגען משיח'ן.

— גלויבט איהר אין משיח'ן? — פרעגט איהם טאמארא.

— געוויס — ענטפערט איהר סאשא און איז גליקליך, וואס ער האט א נייעם טהעמא צו דיסקוטירען מיט טאמארא'ן. און ער גיט איהר צו פערשטעהען, וואס ער מיינט משיח, און ערקלערט איהר פארוואס משיח קען נישט קומען. ער וויל זי איבערצייגען, אז אין אזא צייט, ווען אין א פאלק קומען פאר אזוי פיעל שפאלטונגען, קען נישט קומען משיח. משיח קען האבען ערפאלג נאר דאן, ווען אלע זאלען איהם קומען הערען און אלע זאלען איהם פערשטעהען... משה רבנו, צום ביישפיעל, קען איצט ביי יודען נישט אויסנעהמען דערפאר, ווייל עס עקזיסטירט ניט קיין גאנצעס יודיש פאלק, וואס זאל זיין פערייניגט און וואס זאל פערשטעהן, אז נאר אין דער פערייניגונג איז זיין קראפט...

און סאשא איז צופריעדען מיט זיך אליין און מיט זיין גלענצענדער רעדע, און ער דענקט, אז איצטיגס מאל האט איהם געגאלטען מעהר ווי אלע מאל, און ער איז איבערצייגט, אז טאמארא האט איהם געהערט און ער האט אויף איהר געווירקט, און ער פיהלט נישט קיין פראסט, און ער שפירט ניט, אז עס האט זיך אויפגעהויבען א ווינד פון דער „ניעווא", וואס ברענט דאס פנים, סמאלעט די נאז און קריכט אין די ביינער אריין, און ער בעמערקט נישט, אז זיי ביידע שטעהען ביי דער טהיר פונ'ם הויז נומער 000 וואס אויף מאלאיא קאניושינאיא, און ער זעהט זיך ארום ערשט דאן, ווען טאמארא טהוט א ציה, ביי'ם גלעקיל. אויף טאמארא'ס קלונג קומט ארויס אברם מארקאוויטש מיט א בריעף.

— פון וועמען איז א בריעף? — זאגט טאמארא, ייסט אויף דעם קאנווערט און רופט אוים מיט א שמחה: — דער בריעף איז פון מאשא באשעוויטש!... קומט אריין.

קאַפּיטעל כ"ז.

מאַשאַ באַשעוויטש לערענט „אַלף בית"

איין אַלטער כלל: די מענשען, וואָס האָבען ליעב זיך מעהר פון דער גאַנצער וועלט, קאָנען לאַנג קיין יסורים נישט איבערטראָגען. די גרעסטע צרה פערגעסען זיי. טאָמער קאָנען זיי ניט פערגעסען, מאַכען זיי זיך פערגעסען. דאָס האָט מען געקאָנט אַרויסזעהען אויף אברהם מאַרקאָוויטש'ן.

ביים אַריינגאַנג אין שטוב אויף דער וואַנד איז דוקא געשטאַנען זיוזיאַ'ס בילד און דוקא אַבראַם מאַרקאָוויטש'עס אַרבייט און דוקא נישט גוט געאַרבייט (ווי מיר וויסען שוין), אויך די שפּיעלעכלעך אַלע, מיט די וועגעלעך, מיט די שליטעלעך, מיט דער גאַנצער רוסישער און יאַפּאַנישער אַרמעע, וואָס זיוזיאַ פלעגט מיט זיי ביידע קאָמאַנדעווען, און מיט ביידע פלאָטען, וואָס זיוזיאַ פלעגט זיין זייער אַדמיראַל — דאָס אַלעס האָט זיך געפינען אין שטוב תמיד אויף איין אָרט ווי פריהער. נאָר רעדען פון איהם האָט מען נישט געדאַרפט, און בכדי מען זאָל פון איהם נישט רעדען, האָט מען געמוזט אָבשאַפען די אַלטע ניאַניאַ (אַלטע לייט האָבען ליעב אַ סך רעדען). דעם טאָג, וואָס מען האָט אָבגעשאַפט די אַלטע ניאַניאַ, איז געוואָרען אין שטוב אַ נייע יללה. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, אַבראַם מאַרקאָוויטש האָט געזאָגט, עס זאָל זיין שטיל!... דאָס איינציגע פערגניגען האָט געהאַט אַבראַם מאַרקאָוויטש'עס פרוי, ראָזע, אַז דער מאַן איז ניט געווען אין דערהיים און זי האָט געקאָנט אַוועקזעצען זיך מיט טאַמאַראַ'ן אַ ביסעל רעדען פון'ם „קינד": וואָס דאָס „קינד" האָט געזאָגט, וואָס דאָס „קינד" האָט געטהאָן, ווי אַזוי דאָס „קינד" האָט געלאַכט און וואָס דאָס „קינד" האָט ליעב געהאַט און וואָס דאָס „קינד" האָט פיינד געהאַט, און געוועהנליך דערביי אַ ביסעל גוט אויסוויינען זיך, — און געקומען אַבראַשאַ — איז אוים טרערען, אוים „קינד", אוים זיוזיאַ, גלייך ווי עס איז נאָר קיין מאָל קיין

זיוויא אויף דער וועלט נישט געוועז!... און דאך אין געלעגען א טרויער, א שטילער טרויער אויף יעדען איינציגען, וואס אין שטוב און אויף אלסדינג. וואס אין שטוב, אויפ'ן מעבעל, אויף די וועגד, אויף דער סטעל, איז געשטאנען אנגעשריבען מיט גרויסע שווארצע אותיות: „נישטא זיוויא!"... די טרויעריגע אויפשריפט האט סאשא ראפאלאוויטש בעמערקט ווי באלד ער איז אריינגעקומען מיט טאמארא'ן אין שטוב אריין, און אפשר קאן זיין, אז עס האט זיך איהם נאר אויסגעוויזען אזוי, אונטער דעם איינפלוס פון דעם, וואס טאמארא האט איהם אנגעדערצעהלט פון דעם זיוויא'ן... און ראפאלאוויטש האט געפונען פאר נויטיג צו פערבינדען א שמועס מיט אבראם מארקאוויטש'ן. סאשא האט געוואלט זיין אינצווייען א דושענטעלמען: ערשטענס האט ער געוואלט געבען טאמארא'ן א שאנס דורכצולייענען אונגעשטערט דעם בריעף, וואס זי האט ערהאלטען, און צווייטענס האט ער געפונען, אז עס איז א יושר און א מצוה צו פערדערען זיך מיט א מענשען, וואס דאס הארץ איז איהם אזוי פערביטערט. ער האט אבער נישט געהאט נויטיג צו רעדען, ווארום אבראם מארקאוויטש — ווי מיר וויסען שוין, האט פיינט לאזען יענעם רעדען; רעדען קאן ער אליין, און פון וואס איהר ווילט און ווי אזוי איהר ווילט. זענט איהר א סאציאליסט וועט ער מיט אייך רעדען פון סאציאליזם ווי א פייערינגער סאציאליסט, זענט איהר א ציוניסט, וועט ער מיט אייך רעדען ווי א פערברענטער ציוניסט. ער דארף ניט ווארטען ביז איהר וועט איהם פרעגען; ער אליין פרעגט אייך און ער אליין ענטפערט פאר אייך און זאגט אייך, אז ער איז מיט אייך ניט איינפערשטאנדען און פאר וואס ער איז מיט אייך ניט איינפערשטאנדען, אזוי לאנג ביז ער קומט ארויף אויף קונסט און אויף ליטעראטור, און פיהרט אייך צו און ווייזט אייך זיינע אייגענע ליעדער, נאך ניט געענדיגטע ארבייט, וואס בעציערען אלע וועגד פון אויבען ביז אראב, און אויב איהר האט צייט (געוויס האט איהר צייט!)

ווענט ער נעהמען דאס ביבעל „די יונגע הארפע“ און וועט אייך איבערלעזען א פאר שענע לידער (פון די בעסטע), אדער, אויב איהר ווילט (געוויס ווילט איהר!) וועט ער אייך דורכלעזען איין אקט (נישט מעהר!) פון זיין נייעם דראמא, וואס ער האלט די טעג ביי ענדיגען.

סאשא ראפאלאוויטש איז אבער (מען מוז מודה זיין) נישט פון די נאראנים, וואס לאזען זיך לאנג עקספלאאטירען פון אזעלכע עגאאיסטישע קינסטלער און ליטעראטען. ער האט זיין פארציע שוין געהאט א פאר מאל פון אבראם מארקאוויטש'עס פאעזיע און קונסט, אזוי אז ווען ער פלעגט קומען געוואהר-ווערען צו טאמאראן און נישט טרעפען זי אין דערהיים, פלעגט איהם אבראם מארקאוויטש פערבעטען צו זיך אויף א ווילע, און ער האט זיך נאר אריינגעכאפט, אזוי האט ער געמוזט אויסהערען א צוויי-דריי לידער פון „דער יונגער הארפע“ און חאטש א האלבען אקט פון א נייעם דראמא, אזוי אז די לעצטע צייט, ווי ער האט נאר אנגעקלונגען און בעקומען ענטפער „ניטא“ — איז ער געלאפען ווי פון א שרפה, מורא געהאט זיך ארומקוקען צוריק, טאמער דערזעהט ער די צעקאשמעטע קינסטלערישע פיגור פון'ם גרויסען דיכטער אבראם מארקאוויטש.

שענער פון אלץ איז געווען דאס, וואס אלע מאל, ווען אבראם מארקאוויטש האט געלייענט זיינע זאכען פאר'ן סטודענט ראפאלאוויטש, פלעגט ער זיך צעשרייען: „חאזא, חאזא! קום נאר אהער!...“

— איך גיה, איך גיה, אבראשא!...

און ראזע פלעגט אוועקלעגען אלע ארבייט, אוועקזעצען זיך מיט צונויפגעלעגטע הענד אויפ'ן הארצען און הערען אבראשא'ן לייענען און קוועלען טאקי נאר ווי א געטרייע מאמע פון איהר ליעבעם טייער קינד!

איצטיגם מאל האט סאשא ראפאלאוויטש פאר מיטלייד צום אונגליקליכען פאטער נעבאך אליין פערפיהרט א שמועס מיט אבראם מארקאוויטש'ן פון קונסט און פאעזיע און האט

זיך אוועקגעזעצט מיט איהם אין א זייט ביים פענסטער וואו אבראם מארקאוויטש האט איהם שטיל פארגעלייענט די נייע פראדוקטען פון זיין מוזע, א צוויי-דריי נייעסטע ליעדער, וואס ער האט נאר-וואס, ערשט נעכטען ביינאכט אנגעשריעבען. אבער, ווי סאשא האט בעמערקט, עס איז שוין ניט געווען אין דעם לייענען דאס פריהעריגע פייער, די אמאליגע היטץ. טרויעריגע נאטען האבען זיך אריינגע־גנב'עט אין זיין שטימע, און קנייטשען האבען זיך געלעגט אויף זיין שטערען, און גרויע האאר האבען זיך אנגעהויבען דורכוואַרפען אין דער שעוועליור פון זיין צעקאשמעטען קאפ. און טרויעריגער פון אלץ איז געווען דאס, וואס ראזע האט אויך איצט געמוזט זיצען ביי דער זייט, קוקען אויף איהר אבראשא'ן, הערען איהם לייענען זיינע נייעסטע ליעדער אנקוועלען און געפינען א טרייסט פאר איהר גרויסען אונהייל, בארען שמערץ, וואס מען רופט איהם „זיוזיא"...

סאשא הערט ניט די נייע פראדוקטען פון אבראם מארקאוויטש'עס מוזע; ער קוקט אויף איהם און אויף זיין פרוי ראזע, און ער בעדויערט דאס דאזיגע פארעל, און עס טהוט איהם וועה דאס הארץ אויף זייער פערבארגענעם וועהטאג, וואס יעדער קאן איהם זעהען, יעדער קאן איהם פיהלען, און ער וואלט וועלען מיט עפעס העלפען זיי, טרייס־טען, פערגרינגערען, און ער ווייס ניט, מיט וואס..

— ווילט איהר הערען עפעס א שענס? וועל איך אייך לייענען וואס מאשא באשעוויטש שרייבט מיר פון טורמע.

אזוי האט זיך אנגערופען ראזע, און אבראם מארקא־וויטש האט געמוזט איבערדרייסען סאמע אין מיטען. סאמע דאס בעסטע, דאס שענסטע ליעד פון זיינע נייעסטע ליעדער.

— וואס וועט זיין? — האט סאשא א פרעג געטהאן אוים מיטלייד צום פאעט.

— נישקשה, עס מאכט נישט אויס, איך וועל אייך שפעטער לייענען נאך א בעסערס! — האט איהם אבראם מארקאוויטש געטרייסט, און אלע דריי האבען זיך אוועקגע־

זעצט און צוגעגרייט האָרכען דעם בריעף, וואָס מאשא באַשעוויטש שרייבט צו טאמארא שאָסטעפּאל:

„פֿערצייהע מיר, טייערע, וואָס איך האָב דיר ביז אהער ניט געשריבען; איך האָב נישט געקאָנט. פֿריהער בין איך געוועזען אויף דער רייזע — פֿון איין אוטשאסטאָק אינ'ם אַנדערען, ביז איך האָב, מיט נאָטס הילף, געפֿונען אַ מקום מנוחה. נישט ווינציג צייט האָט אויף פֿערנומען ביז איך האָב זיך ארומגעקוקט אויף מיין נייע קוואַרטיר. ביז איך האָב מיך בעקאַנט מיט מיין מעבעל — די קאָיקע מיט'ן שטרוי־ענעם מאַטראַץ מיט די פֿיער ווענד מיט דער סטעל. און אַגב איז נישט געוועזען נישט קיין טינט און פּען, נישט קיין פּאַפּיער, נישט קיין מעגליכקייט דעם בריעף אויף דער פּאָסט צו ליעפֿערען. ענדליך האָט דאָס גליק מיר געגעבען אַ שיין־אַריין אין געפֿענגעניש און איך האָב זיך דערזעהען מיט מיינעם איין אַלטען גוטען פֿריינד פֿון אונזער „קאָמונע“ — דו דאַרפֿסט געדענקען, אויבען, אונטער'ן סאַמע דאַך, ביי מאַלקינ'ען... נאָר אַז איך זאָג דיר „דערזעהן“ זאָלסט דו ניט מיינען, אַז מיר זעהען זיך חלילה בײַשיינפּערליך, ווי אַ מענש זעהט זיך מיט אַ מענשען; „זעהן זיך“ הייסט ביי אונז „דורכרעדען זיך“, און „דורכרעדען זיך“ הייסט ניט, ווי מע רעדט ביי אייך; ביי אונז קלאַפּט מען; מע קלאַפּט אין דער וואַנד אַריין, און מע קלאַפּט אויס אַלסדינג וואָס מע וויל... איך וועל דיר דערצעהלען, ווי אַזוי איך בין געקומען צו דער ערפֿינדונג. איין מאָל ליעג איך מיר אַזוי אויף דער קאָיקע, הער איך אַ קלאַפּ אין וואַנד אַריין, סטוק — איינס... אַ קלאַפּ אין וואַנד אַריין, סטוק־סטוק צוויי... אַ קלאַפּ אין וואַנד אַריין, סטוק־סטוק־סטוק — דריי... עטליכע מאָל אַזוי. איך האָב פֿערשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען מיך, דאָס וויל מען מיט מיר רעדען, האָב איך אָבגעקלאַפּט צוריק אין וואַנד אַריין אויף דעם זעלבען אופן: סטוק! סטוק־סטוק! סטוק־סטוק־סטוק!... באַלד אויף מיין אָפּקלאַפּען האָט מען מיר אָבגעקלאַפּט די זעלבע דריי סימנים, איבער־

געוואָרט אַ ווײַלע און מע האָט מיר אָנגעקלאַפּט דאָס אײנענע, נאָר צוריק: דרײַ, צוויי, אײנס. איך האָב באַלד אָפּגעקלאַפּט צוריק פּונקט דאָס אײגענע: דרײַ און צוויי און אײנס... אין עטליכע מינוט אַרום האָט מען מיר אָנגעקלאַפּט: צוויי, אײנס און דרײַ. איך האָב געענטפערט: צוויי, אײנס און דרײַ. שפּעטער אַ ווײַלע קלאַפּט מען מיר: צוויי, דרײַ, אײנס. נאָכדעם: אײנס, דרײַ, צוויי. איך האָב געענטפערט מיט'ן זעלבען סדר. מיט אַמאָל הערט זיך אַ קלאַפּ אַ שטאַרקער און אַלעס ווערד פערשטאָרבען. איך ענטפער מיט'ן זעלבען שטאַרקען קלאַפּ — און אונזער שמועס איז געענדיגט.

„אַוועק קײן צעהן מינוט — מע רופט מיך נאָך אַמאָל צום טעלעפאָן און מע צעהלט מיר קלעפּ. אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ, אַ קלאַפּ נאָך צוויי, אַ קלאַפּ נאָך דרײַ. איך האָב פערשטאַנען, אַז דאָס בעדאַרפען זײַן סימנים, אַ מין „אלף־בית", און איך האָב מיך גענומען צוהערען און שטודירען. עס האָט געדויערט אַ היבשע צײַט ביז איך האָב געחאַפּט דעם שניט. וועלכע איז אײן „אלף", וועלכע איז אַ „בית" און וועלכע איז אַ „גימל" און אַזוי ווײַטער. איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז איך האָב אַ גוטען לעהרער, וואָס האָט געדולד צו שטודירען מיט אַזאַ גראָבען קאָפּ. ווי איך... אַז מיר זענען פאַרטיג געוואָרען מיט'ן אלף־בית, האָט ער מיר געגעבען צו וויסען מיט עטליכע שטאַרקע קלעפּ, אַז ער איז מיט מיר צופריעדען און אַז מײַן שטודיום איז געענדיגט. אַצונד האָט זיך אָנגעהויבען די 4 אותיות פון מײַן נאָמען מ־אַ־ש־אַ; איך האָב איהם געענטפערט מיט די זעלבע 4 אותיות, דאָס הײסט, איך האָב איהם געזאָגט: יאָ, דו האָסט געטראָפען, איך בין „מאַשאַ"... און האָב גענומען באַלד אויסקלאַפּען די ווערטער: „ווער ביזט דו"? האָב איך בעקומען פון איהם ענטפער: „מ־י־ש־אַ"... קלעהר איך מיר: ווער קען זײַן אָט דער מישאַ? צווישען מײַנע בעקאַנטע געפינען זיך אַ פּאָר טוץ מישאַס. און עס פעלט מיר אײן אַ געדאַנק, אַז דאָס

דאַרף זײַן מישא בערעזניאַק, אַט דער שוואַרצער מיט דער באַסאָווער שטימע, וואָס פלעגט זינגען אין חאָר. דו דאַרפסט איהם געדענקען פון דער „קאָמינע"... דער גורל איז געפאַלען בײַ מיר אויף איהם איבער צווײ זאַכען: ערשטענס איז מישא בערעזניאַק אײַן אַנטלאָפענער פון סיביר; הײסט דאָס ער איז אַ פויגעל — אַ געניטער אין טורמע־שפּראַך; און צווײטענס ווײס איך נישט — דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט: אַז דאָס דאַרף זײַן ער... אַ מענש וואָס זיצט אײנער אַלײן אין די 4 ווענד ווערט עמפפינדליך, דערפיהלט אַמאָל מיט'ן האַרצען דאָס, וואָס אַ פרײַער מענש זעהט מיט די אויגען און הערט מיט'ן אויהער.

קורץ און גוט. איך האָב מיך אָנגענומען מיט כח און האָב איהם אויסגעקלאַפּט זײַן נאָמען, אַ פרעג געטהאָן:

„בערעזניאַק"?... אויף מײַן פראַגע „בערעזניאַק"? האָט זיך געגעבען אַ שאָט אַ גאַנצער האָגעל אין וואַנד אַרײַן: סטוק־סטוק־סטוק־סטוק־סטוק־סטוק־סטוק!!!... פון דעם האָב איך פערשטאַנען, אַז מײַן בערעזניאַק איז אויסער זיך פאַר פרײד, וואָס איך האָב געטראָפען און ער האָט מיר אויסגעקלאַפּט דרײַ מאָל דאָס וואָרט! „חכמה"! „חכמה"! „חכמה"! איך האָב איהם דערויף געענטפערט: „אַ דאַנק, (פאַר'ן קאָמפּלימענט הײסט דאָס), און אַזוי האָט זיך פערבונדען צווישען אונז אַ געשפּרעך אויף עטליכע טעג, פון וועלכען איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז ער און אַלע זײַנע חברים פון דער „קאָמונע", אויסער די צווײ מײדלעך, די דאַנטיסטין מיט דער מאַססאַזשיסטין, האָט מען געחאַפּט און צעשיקט אין פערשידענע טורמעס, און שולדיג איז אין דעם אָט דער אידיאָט מאַלקין מיט זײַן לאַנגער צונג. מע האָט איהם מיט דעם מאַלקינ'ען אָבגעהאַלטען ביז אַ צײַט אין אוטשאַסטאָק, אויסגעצויגען פון איהם וואָס זײ האָבען געקאָנט און אַרויסגעשיקט איהם פון פעטערבורג... דאָס האָט מיר פערשאַפען נאַטירליך זעהר גרויסע שמערצען. מעהר פון אַלע טהוט מיר וועה דאָס האַרץ אויף דעם יונגען פאַ־

עט אוורוטים. ער איז נאך גאר א קינד, דארף נאך האבען א מאמע... וועגען זיך האט מיר „מישא" איבערגעגעבען דורך דער וואנד, נאטירליך, מיט גרויסע שוועריגקייטען, אז זיין ארעסט איז דער פאליציי אנגעקומען נישט גרינג: ער איז ארוים דורכ'ן פענסטער ביי מאלקינ'ען אויפ'ן דאך; פון דעם דאך איז ער אריבערגעשפרונגען מיט מסירת נפש אויף א צווייטען דאך און אויף א דריטען דאך, פון דארטען האט ער זיך אראבגעלאזט מיט'ן רינשטאק אין א הויף און איז שוין געווען ווי געראטעוועט, האבען צוויי דווארניקעס איהם געחאפט, זיך אפילו נישט געגארט פון איהם, איינעם האט מען אבגעפיהרט נאכדעם אין האספיטאל, דערפאר אבער האט מען זיך, זאגט ער, מיט איהם אין אוטשאסטאק שוין אבגערעכענט פאר אלע דווארניקעס... מע קאן פערשטעהן, אז ער, מישא, איז געלעגען קראנק כמעט א וואך... איצט האט ער, זאגט ער, א פלאן אויף ארוים...

„וואס פאר א פלאן קאן מען נישט ארויסבעקומען. דאס רעדען דורך דער וואנד איז נים אזוי לייכט, ווי מען קאן זיך פארשטעלען. ערשטענס איז נים צו יעדער צייט קאן מען רעדען, מע דארף חאפען די מינוט פון איין רעוויזיע צווישען דער אנדערער, און רעוויזיעס זענען דא כמעט אלע שעה, אמאל מאכט זיך, מע הויבט אן רעדען און מע מוז איבער־רייסען סאמע אין מיטען, און אמאל טרעפט, אז מע פער־פעהלט איין אות, און קיין סך אותיות אין דעם דאזיגען „אלף־בית" איז נישטא, ווערד פלוצים א פערפלאנטעניש און מע מוז אנהויבען נאך אמאל פון אנהייב. קורץ, דאס איז די ערגסטע און די אונבעקוועמסטע שפראך אין דער וועלט!..

„און ווייטער וועגען זיך וואס זאל איך דיר שרייבען?

איך קאן מיך נישט בעקלאגען, מע בעגעהט זיך מיט מיר געוויס נים אזוי ווי מיט א שוועסטער... נאר דו ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען? שלעכטע בעגעהונג פון דער פאליציי שרעקט מיך נים אזוי ווי צו־גוטע, צו־צוקערדיגע!.. דו דארפסט געדענקען יענעם פארשוין מיט די רויטע ליפען

און מיט די שווארצע באקענבארדען ווי די קאטלעטען ! ער איז געווען פון די, וואס האבען אונז ארעטירט. איך האב נאך דעמאלס בײנאכט, ביי מאלקינ׳ען אונטערן דאך, אויב דו געדענקסט, געהאט מיט איהם א שטיקעל מלחמה איבער זיינע צו פאמיליארנע און זיסע בענעהמונג מיט אונז... איך האב אויך איצט מיט איהם צו זינגען און צו זאגען. ער איז, פערשטעהסט דו מיך, צו פיעל קאוואליער מיט מיר און האלט מיך אב גאנצע שטונדען און מאכט מיר קאמפלימענטען און רופט מיך „בארישני״ — דו ווייסט, ווי אזוי איך האב דאס ליעב! — קאנסט פערשטעהן, אז איך האב איהם געמוזט זאגען, אז איך וועל דאס געבען צו וויסען דעם פראקוראר ... בין איך שוין געווארען, ווי דו זעהסט, א מסור אויך. נאר דאס אלעס וואלט געווען ניט אזוי געוואלדיג, ווען איך זאל וויסען, וואס דארטען טהוט זיך... אויב איך וועל קאנען וועל איך דיר נאך שרייבען און דו וועסט וואהרשיינליך זיין אזוי פריינדליך און געבען צו וויסען דורך א בריעף צו מיר אהיים, אז איך בין דערווייליגע אין אוטשאסטאק — זאלסט זיי ניט זאגען, אז אין טורמע — א רחמנות אויף מיין פאטער: ער איז געוואוינט געווארען צו האבען פון מיר אפטע בריעף!... זיי געזונד און גליקליך און גריס אלע אונזערע און קוש טויזענד מאל זיו...״

דא האט זיך טאמארא פערחאפט, שיער ניט ארויסגערעדט דעם נאמען זיוזיא, וואס איז סיי ווי סיי געהאנגען און געשוועבט אין דער לופט, און עס האט זיך געדאכט, אז די מענשען, און דאס מעבעל, און די בילדער, און די ווענד — אלע און אלעס האבען ווי געטורמעלט אין איין קול, טרויער־שטיל:

„זיוזיא״ ... „זיוזיא״ ... „זיוזיא״ ... און בכדי עס זאל נישט בלייבען דער שלעכטער איינדרוק, האפט זיך טאמארא צו לייענען דעם פאסטסקריפטום, וואס מאשא באשעוויטש שרייבט איהר:

„איך האב שוין געהאלטען ביי שליסען דעם בריעף

און טראַכטען מכח עקספּעדירען איהם — דאָס איז נאָך א סך מעהר אַ שווערע אויפגאַבע אלס אָנשרייבען אַ בריעף! — האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ אין וואַנד. דאָס רופט מיך מישאַ צום טעלעפאָן. אלואָ, איך געה רעדען דורכ'ן טעלעפאָן ... זייט געזונד.

„איך הער זיך איין, אָבער איך הער שוין לײַדער מעהר קיין קלאַפּען פון מיין טעלעפאָן! ... איך הער שווערע טריט אין קאָרידאָר, איך הער שליסלען קלינגען, אַ וויאַקען פון דעם טהיר־שלאָס, און ווײַטער הערט מען גאָרנישט ... איך וואַרט אַ ביסעל... איך וואַרט אַ סך... איך וואַרט בײַנאַכט... איך קלאַפּ אָן צו דער וואַנד ... די וואַנד איז שטום ... די וואַנד איז טוידט ... נישטאָ מישאַ! ... נישטאָ מיין טעלעפאָן ... נישטאָ מיין אלף־בית, וואָס איך האָב מיך אַזוי לאַנג אויף איהם געפּלאָגט! ... איך אײַל מיך זעהר מיט'ן בריעף ... איך האָב אַ געלעגענהייט און האָב מורא איך זאָל ניט אָנווערען די פּאָסט ... ווער ווייס, אויב איך וועל דיר קאָנען שרייבען נאָך אַמאָל ... פערגעס ניט וואָס איך האָב דיך געבעטען וועגען מיין פאָטער ...

נאָך אַמאָל זײַ געזונד, זײַ געזונד! „מאַשאַ“.

. . . .

אַ שטילער מלאך איז דורכגעפלויגען. די איינפאַכקייט פונ'ם בריעף, די פּראָסטקייט פון דער שפּראַך און דער רוהיגער טאָן האָט אָנגערירט אַלעמענס הערצער און קיינער האָט ניט געוואַגט צו בערירען דאָס הייליגע שטילשווײַגען, וואָס דאָ האָט געהערשט. אפילו אַבראַם מאַרקאָוויטש, וואָס האָט צוגעגרייט נאָך אַ פּאָר שענערע ליעדער, האָט איצטיגס מאָל געמוזט אָפּלעגען דעם פערגעניגען אויף אַנ'אַנדערס מאָל, און ראָזע, וואָס בײַ איהר האָט דער בריעף אַרויסגערופען עראינערונגען וועגען זיוויאַ'ן, ווי אַזוי די „טאַנטע מאַשאַ“ האָט איהם ליעב געהאַט, האָט זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זײַט, זיך אַרויסגעגנב'עט אין צווייטען צימער אָבצווישען אַ טרעהר, אַזוי אַז אַבראַשאַ (אַ, דעספּאָט!) זאָל

גוט זעהען ... און ערשט דאן, ווען טאמארא מיט סאשא'ן
װעלען געבליבען אליין, האט זיך פערקײטעלט צווישען זיי
א געשפרעך איבער מאשא באשעוויטש. סאשא ראפאלא-
וויטש האט, ווי זיין שטייגער איז, גערעדט מיט העגד,
מיט פייער, בעדויערט, וואס דאס יודישע פאלק האט נישט
די זכיה צו האבען אזעלכע מעשאס, וואס זאלען זיך וועלען
מפקיר זיין פאר זייער אייגען פאלק אזוי לייכט, ווי זיי זענען
זיך מפקיר פאר פרעמדע...

— פאר „פרעמדע“?!... צינדט זיך אן טאמארא, און
זי רופט אן סאשא'ן עגאאיסט, שאוויניסט און נאך אזעלכע
„איסטען“, וואס זענען נישט אזוי געפעהרליך, ווארום דאס
זאגט זי, טאמארא שאסטעפאל, פאר וועלכע סאשא איז
פארטיג זיין די כפרה צעהען מאל א טאג, און ער וויל איהר
איינרעדען, אז ער איז איבערצייגט, ווי צוויי מאל צוויי איז
פיער, אז אפילו דאן, ווען דאס פאלק זאל שוין בעקומען
דאס ביסעל פרייהייט, וועלען יודען נאך אלץ נישט גע-
האלפען ווערען און וועלען נאך אלץ בעטראכט ווערען אלס
פרעמדלינגע, איינגעבעטענע, נאכשלעפערס... און סאשא
ראפאלאוויטש חזר'ט-איבער צום הונדערטען מאל זיין אלטע-
אלטע טענה:

— פארוואס זאלען אװעקגעגעבען ווערען פון אונז
אומזיסט אזוי פיעל יונגע פרישע כחות, וואס וואלטען גע-
קאנט אזוי פיעל נוצען ברענגען אונזער אייגען-ארעם-
דערשלאגען-פערשקלאפטעם פאלק?

אזוי לאזט אוים סאשא מיט איין ערנסטען טרויער
ביי זיין שטימע, און טאמארא וויל איהם אויפמונטערן און
דערמאנט איהם מיט א שמייכעל אינ'ם פסוק פון שיר השירים,
וואס ער האט צו איהר אמאל געשריבען, און זי זאגט איהם
איבער דעם פסוק אין העבראיש:

„שמוני נוטרה את הכרמים

כרמי שלי לא נטרתי...“

— וואָס ? איהר האָט דאָס אויסגעלערענט אויף אויס-ווענינ ?...

סאַשאַ איז ענטציקט, סאַשאַ איז אויסער זיך. סאַשאַ איז אויפ'ן זיבענטען הימעל!... גליקליכער, גליקליכער סאַשאַ!

* * *

עס איז שוין געווען ניט פריה, אז סאַשאַ ראַפאַלאָ-וויטש האָט זיך געשליטעלט אהיים איבער'ן סקריפּעדיגען גלאַנצענדיגען שנעע אויף די שען בעלייכטע גאַסען פון פּעטערבורג. פון דער „ניעוואַ" האָט געבלאָזען אַ קאַלט שנייענדיג ווינטעל, וואָס האָט דאָקוטשעט מעהר אַלס דער ברענענדיגער פראָסט, צו וועלכען די מענשען זענען דאָרטען געוואָהנט געוואָרען. סאַשאַ'ס רויט פּנים איז געוואָרען בלוי און די אויהרען האָבען געסמאַלעט. די נאָז האָט אויך גענוג געליטען פון קעלט און עס האָט נישט געהאָלפען קיין רייבען און קיין פערשטעלען זיך און קיין הילען זיך אינ'ם ווארעמען שמויסען קעלנערעל פונ'ם וואַרעמען ווינטערינען פּאַלטאָ, נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלעס געהאַט ביי דעם גליקליכען מענשען אקעגען איין וואַרעמען גוטען קוק פון מאַמאַראַ'ס שענע גרויסע שוואַרצע אויגען, וואָס איז געווען גענוג אויף צו פערטרייבען דעם שאַרפסטען ווינד, אויף אָבצושוואַכען דעם גרעסטען פראָסט?... סאַשאַ האָט איבער-געחזר'ט ביי זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איטליכם וואָרט, וואָס טאַמאַראַ האָט איהם היינט געזאָגט, דערמאָנט יעדע בעוועגונג איהרע, יעדען קוק, — און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אָדער ער האָט זיך געוואָלט איינרעדען, אַז קיין מאָל איז נאָך צו איהם טאַמאַראַ נישט געווען אַזוי גוט, אַזוי פריינדליך און אַזוי צוגעלאָזט און נאָהענט, ווי אַצונד, אין ער האָט אַוועקגעפיהרט פון דאָרט איצטינגם מאָל אַזוי פיעל האָפנונג, ווי נאָך קיין מאָל נישט ביז אַהער!...

צווייטער טייל.

קאפיטעל כ"ח.

ווי קומט צו איהם אזא טאכטער!

אינ'ם סאמע אנהויב פון אונזער ראמאן, אין קאפיטעל א', האבען מיר איבערגעלאזט איציקעל שאסטעפאל און זיין פרוי שיווקע און אויך דעם אפטייקער סאלאמאן ראפאלאוויטש, ארויסקוקען אויף זייערע קינדער, אויף טאמארא'ן און אויף סאשא'ן, וואס זענען געפאהרען אויף פסח אהיים. אודאי איז דאס נישט קיין יושר אוועקזעצען אזעלכע בעלי בתים און לאזען זיי זיצען אזא לאנגע צייט. נאר וואס קאן מען העלפען? אזוי איז שוין דער איינפיהר ביי די ראמאניסטען פון קדמונים: דעם לאזען זיי זיצען, יענעם שיקען זיי אוועק, א דריטען, אויב ער עסט זיך זיי שוין שטארק צו, טוידטען זיי...

א פערפאסער, ליעבער פריינד, איז ביי זיך אין בוך א שטיק זעלבסטהערשער, וואס ער וויל דאס טהוט ער... א שטיקעל גליק חאטש, וואס דער מחבר דערמאנט זיך, אז ערגעץ זיצט ביי איהם א העלד און ער לאזט איהם חאטש ניט זיצען ביז משיח וועט קומען, — גם זו לטובה!

אלזא, האבען די עלטערען פון אונזערע יונגע העלדען ארויסגעקוקט אויף זייערע קינדער. דאס ווייסט איהר מסתמא פון איינער איינגענעם ערפאהרען. אז עס איז טויזענד מאל בעסער און אנגענעהמער, אז יענער זיצט און קוקט ארויס אויף אייך, אלס איהר זאלט זיצען און ארויסקוקען אויף יענעם. דאס זיצען און ארויסקוקען נעהמט-צו דאס געזונד. א רגע איז א שעה, א שעה איז א טאג און א טאג איז א יאהר. עס

הויבט אײַך אָן צו פֿיבערען, ציהען אויף צו גענעצען; איהר קוקט אַלע מינוט אויפֿ'ן זײגער און עס דאַכט זיך אײַך, אַז דער זײגער איז נאָך קײן מאָל אַזוי ניט געקראָכען, ווי ער קריכט...

— טאָמער וואָלסט דו זיך דורכגעפֿאָהרען אויפֿ'ן וואָקזאַל...

אַזוי זאָגט שיוועקע צו איהר מאַן איציקעל שאָסטעפּאַל און קוקט אויפֿ'ן זײגער.

— סאַ משל, נו וואָס זשע וועט זײַן? וועט די טאָבּ-טער, הײַסט דאָס, פֿריהער קומען? וואו איז דער שכל? — אַזוי ענטפֿערט איהר אָב דער מאַן מיט אַ היבשער פּאָרציע ביטערניש, ווי געוועהנליך אַ מאַן בשעת ס'איז איהם נישט גוט אויפֿ'ן האַרצען. און טאַקי באַלד לעגט ער זיך איבער בײַ זיך אין קאָפּ, אַז אפשר איז דאָס אַ פּלאַן ער זאָל זיך טאַקי דורכפֿאָהרען צו דער באַהן. וואָס וועט ער אָנוועה-רען? און ער נעהמט אויף זיך דעם אויבערראָק מיט'ן שירם און לאָזט זיך געהן.

— וואוהין איז? — פֿרעגט איהם שיוועקע.

— אין ערגיץ ניט — ענטפֿערט איהר דער מאַן — איך רעכען זיך דורכפֿאָהרען אויף אַ ווײַלע צו דער באַהן, זעהען וואָס איז די מעשה, וואָס אַזוי שפּעט...

— האָב איך דאָך דיר נאָך פֿריהער געזאָגט דאָס אײגענע!

— סאַ משל! נו אם כן, אַז דו האָסט געזאָגט איז וואָס? וואָס האָב איך דאָ פֿערשפּעטיגט?

און איציקעל שאָסטעפּאַל חאַפּט אַ דראָשקע און לויפֿט צו דער באַהן.

דאָס זעלבע האָט געטהון אויך דער אַפּטײקער ראַ-פּאַלאָוויטש, נאָר אָהן אַ קאָנפֿערענץ מיט'ן ווײַב אויס דעם אײנציגען גרונד, וואָס ער איז שוין פֿונפֿצעהן יאָהר אַ אַלמן. אונזער אַפּטײקער, ווי ער אַלײן זאָגט אויף זיך, איז ניט פֿון די יודעלעך, וואָס לויפֿען חתונה האָבען דאָס

צווייטע מאל; ערשטענס האט ער קיין צייט ניט, צווייטענס איז דא אין שטאדט נישטא פאר איהם קיין גלייכען, און דריטענס אויף וועמען וועט ער לאזען די אפטייק? יעדער מענש האט ליעב זיין געשעפט, ניט אזוי צוליעב דאס געלד, וואס ברענגט אריין, ווי צוליעב'ן געשעפט אליין.

אז איציקעל שאסטעפאל איז געקומען אויפ'ן באהנהויף, האט ער שוין געטראפען דעם אפטייקער ארומשפאצירען מיט'ן שטעקעלע אין די הענד און מיט די בלויע ברילען אויף די אויגען, נאר ער האט זיך געמאכט, ווי ער בעמערקט איהם ניט, און האט זיך גענומען אויסגלייכען זיין זייגער מיט'ן גרויסען זייגער וואס אויפ'ן וואקזאל. דאס זעלבע האט געטהון אויך דער אפטייקער; ער האט אויך ארויסגענומען זיין גאלדענעם זייגער און האט זיך אוועקגעשטעלט אקעגען דעם וואקזאל-זייגער, געקוקט דורך די בלויע ברילען ארויף און אראב, בעמערקט, אז זיין גאלדענער זייגער לויפט כמעט אויף אנדערטהאלבען מינוט. די זעלבע דיפירענץ און נאך שטארקער האט בעמערקט אויך שאסטעפאל אויף זיין זייגער, אז ער לויפט אויף כמעט פינף מינוט. די עטליכע מינוט אונטערשיעד האבען ארויסגערופען צווישען אונזערע צוויי שכנים איין אונגעריכטען געשפרעך, וועלכען מיר גיעבען איבער פינקטליך, נאר מיר קאנען נישט זאגען גענוי, ווער פון די צוויי האט אנגעהויבען צו רעדען דער ערשטער.

— קיינמאל נישט געגלויבט, אז מיין זייגער לויפט.

— איך אודאי נישט!

— א חידוש, מיין זייגער געהט ריכטיג נאכ'ן שטאדט-זייגער.

— א סנים פערשפעטיגט דער צוג?

— ווי קומט דאס דער שנעל-צוג זאל פערשפעטיגען?

— עס מאכט זיך... איהר ווארט אויף עמיצען?

און ביידע פאטער'ס לעגען אריין די זייגערס אין די טאשען,

צוגעהען זיך, איינער אהער און דער אנדערער אהין, גע־
פינען נישט מעהר קיין שמועס־מאטעריאל...

מאלט אייך, עס רעדט זיך נאר אזוי. זיי זאלען ווע־
לען, זיי זאלען ניט זיין קיין גדלנים און קיין עקשנים, איינ־
געשפארטע לייט, וואלטען זיי שוין געפינען מאטעריאל אויף
צו רעדען. יעדער פון זיי וואלט שוין געהאט וואס צו
דערצעהלען און צו דערצעהלען. יעדער פון זיי האט גע־
האט א הארץ פול מיט ווייטיגען, וואס האבען זיך געבע־
טען ארויסגערעדט צו ווערען. אויסצוגיסען זיך, נאר יעדען
פון זיי איז ניט אנגעשטאנען דאס צו טהון פאר'ן צווייטען.

— וואס פאר א מחותן איז מיט מיר אט דער ארע־
מער אפטייקער? — האט זיך געטראכט שאסטעפאל און גע־
מאכט מיט'ן שירם.

— איך האב פיינט אט דעם יודאש מיט'ן שירם
און מיט די שווארצע אויגען, וואס קוקען גלייך אין דער
נשמה אריין! — האט זיך געטראכט ראפאלאוויטש דער אפ־
טייקער, און ביידע האבען זיי שפאצירט אויפ'ן דעבארקאדע,
דער אהער און דער אהין, איטליכער מיט זיין „פעקעל"
פערבארגען טיעף ביי זיך אין הארצען.

אז יעדער יוד מוז האבען א „פעקעל" — דאס ווייסען
מיר, אין וואס אבער האט געקאנט בעשטעהן איציקעל
שאסטעפאלס „פעקעל", אז די געשעפטען זיינע, ברוך־השם,
געהען גוט? ער האט היינטיגען ווינטער געהאט א וואוילע
טורמע, דאס הייסט ער איז חס ושלום ניט געזעסען אין
טורמע, ער האט נאר צוגעשטעלט אהין פראוויאנט, און
האט אנגעטראפען אויף א גוטען סמאטריטעל, א „גוי וואס
נעהמט א קערבעל"... היינט האט ער צוגעשטעלט האלץ אין
די קאזארמעס, דאס איז אויך געווען קיין מעשה ניט פון א
„פאדריאד", איז אבער „קאזנא": צופיעל הינד און אלע
נעהמען: דער „אונטער" נעהמט, דער „אבער" נעהמט, דער
קאפיטאן נעהמט, דער קאמאנדיר נעהמט, דער אדיוטאנט
נעהמט, דער גענעראל נעהמט—נעהמען זאל זיי די חאלערע

ווארום לאדי זיי נעהמען צו דאס געלד געהמען, זיי נאך ארויס דאס געווינר, — „קאונא"... היינט האט ער געהאט א פאר עסקים׳לעך, לארעניזשען, איציקעל שאסטעפאל. דארפט איהר וויסען, איז א יוד, וואס האט ליעב זיך לארען מיט דער וועלט, ווען ער מאכט א געשעפט מאכט ער דאס לכתחלה אזוי, אז ער זאל קאנען נאכדעם לארען זיך, אז ער שרייבט א קאנטראקט פערדרעהט ער איהם און פערפלאנטערט זיך אזוי, אז קיין צעהען אדוואקאטען קאנען איהם נאכדעם ניט ארויספלאנטערען. איין אדוואקאט האט איהם אמאל גע־פרעגט: — פאני שאסטעפאל! דארפט איהר שרייבען אליין דעם קאנטראקט און קומען נאכדעם צו מיר איך זאל אייך אויספלאנטערען, אמעהר קומט מען לכתחלה צו איין אד־וואקאט, וועט ער אייך שרייבען דעם קאנטראקט אזוי, אז איהר וועט פערשפארען נאכדעם לארען זיך.

דערויף ענטפערט איהם שאסטעפאל גאנץ ערנסט:

—שרייבען א קאנטראקט ביי איין אדוואקאט קאסט געלד.

— און לארען זיך קאסט קיין געלד ניט?

— איך מוז דאך ראטעווען מיין געלד!

אזוי ענטפערט איציקעל שאסטעפאל און „ראטעוועט" זיין געלד, דאס הייסט עס קאסט איהם אב דריי מאל אזוי פיעל, ווערט אפט בדיל הדל, פערליערט טויזענדער, לאדט זיך אב מאנאטען-לאנג, קוילעט זיך אויף מעסערס, אום צו געווינען א הונדערטער, און דאס פערשאפט איהם חיות אויף א גאנץ יאהר!... נצחון, אמביציע, איז א גרויסע זאך! פאר זיין אמביציע וועט אייך איציקעל שאסטעפאל געהן ביז׳ן האלז אין בלוט! זיינם זאל איבערגעהן — דאס איז נישטא, איציקעל קאן זיך בערימען, אז איהם האט נאך קיין מענש נישט גובר געווען. דער איינציגער מענש אויף דער וועלט, וואס האט איהם גובר געווען, איז טאמארא!... נאר וואס זאל מען טהון? א טאכטער און א בת יחידה און נאך א גע־ראטענע דערצו, און ליעב האט ער זי דאס חיות מיט דער

נשמה, ממש עד כלות הנפש! וויפיעל מאל האט ער זיך שוין אויפגעחאפט אין דער פריה פונ'ם שלאף, מלא גזלן און געהייסען פאקעווען דעם טשעמאדאן.

— וואהין איז? — פרעגט איהם שיוקע.

— קיין פעטערבורג! ... וואס פאר א זיצען דארט? וואס פאר שטודירען? וואס פאר קורסען? וואס פאר מעדיצין? וואס פאר דאקטוירים? נא דיר שוין מיידלעך דאקטוירים? טאמער איז קארג!?

אזוי טענה'ט איציקעל שאסטעפאל צו זיין ווייב שיוקע׳ גלייך ווי זי וואלט דא געווען דער גאנצער חיב, און ער היצט זיך און ער שמיצט זיך אזוי לאנג, ביז ער זעצט זיך אוועק שרייבען איהר א בריעף, אויסלומרין אזוי, אז זי זאל איהם האבען צו געדענקען, און נעהמט ער נאר די פען אין האנד, און שטעלט ער נאר אוועק די ערשטע צוויי ווערטער „בתי היקרה — טייערע טאכטער"! אזוי געהט איהם אב דער כעס און ער דערצעהלט איהר, ווי ליעב און טייער זי איז איהם, ווי שטארקט ער בענקט נאך איהר, און זי זאל איהם למען השם שרייבען פון איהר געזונד, און וואס איהר פעהלט, און טאמער דארף זי געלד... און עס ציהט זיך ביי איהם אזוי ווי האניג, און עס גיסט זיך ביי איהם אזוי ווי בוימעל, און די געפיהלען פונ'ם הארצען פליסען, פליסען — א מאדנער פאטער אט דער איציקעל שאסטעפאל!

יא, א מאדנער פאטער! עס ברענט אין איהם אודאי א פייער, וואס ער, איציקעל שאסטעפאל, דארף זיין איצט אויפ'ן באהנהויף גלייך מיט דעם אפטייקער און ארויסקוקען אויף זיין קינד, וואס פאהרט אין איינעם מיט'ן אפטייקערס קינד פון איין שטאדט, זיצען אודאי אין איין וואגאן און שמועסען!... פון וואס קאנען זיי שמועסען? אפשר זענען זיי שוין אזוי שטארק בעקאנט, אז מען שמועסט שוין גאר וועגען א שדוך?... א קשיא אויף היינטיגע קינדער! ... און עס בעשלאגט אזש א שויים פון דעם געדאנק, און ער

הויבט אָן שפּאַנען נאָך גיכער און מאַכען מיט'ן שירם נאָך שטאַרקער און ער טראַכט זיך:

— ווי קומט צו מיר אַזאַ טאָכטער?...

קאַפּיטעל כ"ט.

ווי קומט צו איהם אַזאַ זוהן?

די זעלבע פראַגע, וואָס איציקעל שאַמטעפּאַל האָט געפרעגט אויף זיין קינד, האָט סאָלאָמאָן ראַפּאַלאָוויטש געפרעגט אויף זיין קינד:

— ווי קומט צו מיר אַזאַ זוהן?

דעם אַפּטייקערס געשעפטען געהען אויך ניט שלעכט, די אַפּטייק האָט זיך איהם שוין לאַנג אויסגעצאָהלט און ער קאָן שוין אָבלעגען אַמאָל איין איבריג קערביל אין באַנק, און ער קלעהרט שוין וועגען אַ הייזעל איין אייגענס, טאַקי ניט וויים אויף דער זעלבער וואַסילטשיקאָווער גאַס. דאָס הייזעלט געהערט צו איין אַלטע מויד אַ כריסטין. וואָס קומט אַריין צו איהם אין אַפּטייק כמעט אַלע טאָג מיט אַ גרויסען הונד („העקטאָר" רופט מען דעם הונד), קויפט אַ נאַרישקייט פאַר פינף גראָשען און רעדט-אָב אַ האַלבע שעה און אַמאָל נאָך מעהר. — זי רעדט איהם צו, ער זאָל קויפען איהר שטוב מיט'ן גאָרטען, זעהר אַ טייערער גאָרטען, — וואו איז נאָך דאָ אַזאַ גאָרטען מיט אַזעלכע ווײַנשעל און מיט אַזעלכע בארען, מיט אַזאַ קעלער, מיט אַזעלכע שטאַלען, ווי ביי איהר? ראַפּאַלאָוויטש האָט אַ שטיקעל חשד אויף דער אַלטער באַרישני: עפּיס רעדט זי מיט איהם צו-אָפט וועגען דעם, וואָס ער האָט ניט חתונה. צי מיינט זי ניט עפּעס אַ מיין?... דער אַפּטייקער ווייס שוין די שעה, די מינוט, וואָס זי דאַרף קומען... אָט וועט זיך עפענען די טהיר, דאָס גלעקעל וועט געבען אַ שאַרפען קלונג, „העקטאָר" וועט צו-לויפען גלייך צו איהם, אָבגעבען איהם מיט דער מאָרדע „גוט מאָרגען" און זיך שוין צעלעגען מיט די לאַפּעס אויף דער

ערד, אלע מאל אויף דעם זעלבען ארט, נעבען זיין „פריצה“... דער אפטייקער חאפט איין אויטאמאטישען קוק אין שפיגעל, מאכט צורעכט די ברילען, די האר און דעם קאלנער... ער ווייס, אז ער איז איהר אנגענעהם ... אויך זי קאן געפעלען... איהם וועניגסטענס געפעלט זי זעהר .. עס וואלט געוועזן אפשר ניט קרום און קיין מניעה אין זיי בײדען.. רעליגיע? גלויבען? נאציאנאליטעט?... נארישקייטען! ביי איהם איז דאס אודאי א נארישקייט: ראפאלאוויטש איז א קנאפער מאמין: „איך, זאגט ער אויף זיך אליין מיט א שפאס, בין איין אטעאיסט; איך גלויב ניט אין קיין זאך, אויסער די גאסודארסטווענע באנק“... אויך ביי איהר איז די פראגע פון רעליגיע א פראסטע פראגע א חוץ פאלדעקאק, זאלא און מאפאסאן האט זי געלייענט אויך שאפענהויער און געהט נישט אין קלויסטער קיין מאל, קיין מאל! (דערביי חאפט דעקטאר א זעץ מיט'ן קליינעם פיסעל פון זיין „פריצה“). פרעגט זיך א קשיא: נו? ... איז דער תירוץ: — סאשא!... וואס וועט זאגען סאשא?...

סאלאמאן ראפאלאוויטש האט ליעב סאשא'ן און האלט זיך מיט איהם גרויס. פערגעטערט איהם און פערשטעהט איהם ניט... ער שרייבט זיך איבער מיט זיין זוהן וועגען פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען און האט פון איהם זעהר אפטע בריעף, זעהר שענע בריעף, אבער אזעלכע מאדנע בריעף, וואס ער פערשטעהט זיי ניט. ראפאלאוויטש האט ליעב סאשא'ס בריעף, ערשטענס שרייבט ער מאקי זעהר שען און דערצו נאך קאליגראפיש שען, און צווייטענס ליגט אין זיין שרייבען עפיס א מין וויכטיקייט און צו גלייבער צייט א מין פעסטקייט פון א מענשען, וואס איז איבערצייגט און וואס מוז אויך יענעם איבערצייגען. ראפאלאוויטש האט געוואלט ארויסבעקומען פון זיין זוהן, וואס איז דאס, וואס ער האלט זיך אזוי פעסט אינ'ם יודישקייט.

ביי איהם א רעליגיעזע איבערצייגונג? צי איז ער (א קשיא אויף א מעשה!) פרום געווארען? אויב אזוי, איז דאס

גישט מעהר ווי א בסיחאז (ער האט נישט געוואלט אנרופען
דאס מיט'ן נאמען „משוגעת"). האט איהם דארויף סאשא
בערוהיגט, אז עס האט ניט צו טהון מיט רעליגיע, נאר
מיט נאציאנאל-געפיהל, מיט ליעבע צום פאלק, מיט אמתן
ריינעם פאטריאטיזם...

דא האט זיך דער אפטייקער דערפרייעט און האט אין
איין אנדער בריעף צו'ם זוהן בעריהרט ווידער א מאל די
פראגע פון איין אנדער זייט: ווי באלד, אז רעליגיע שפיעלט
נישט קיין ראלע, היינט וואס וואלט ער, סאשא, זאגען צו'ם
ביישפיעל, ווען א יוד זאל חתונה האבען פאר א כריסטין?...
דערויף האט איהם סאשא אבגעענטפערט, אז ער, סאשא,
וואלט דאס ניט געטהון קיינמאל, נישט אזוי צוליעב דער
אמונה, צוליעב'ן גלויבען, ווי צוליעב נאציאנאליטעט, און
ער האט איהם ערקלערט זיין מיינונג, אז אין אזא פאל מוז
איין צד בעקעמפפען דעם אנדערען צד, און זעלבסטפער-
שטענדליך, דער שטארקערער דעם שוואכערען, אזוי אז
דער שוואכערער מוז זיך אבזאגען פון זיין שוואכערע נאצי-
אנאליטעט און אנערקענען די צווייטע, די שטארקערע —
און דאס איז, נאך סאשא'ס מיינונג, נישט נאר א אונרעכט,
נאר א ניעדערטרעכטיגקייט און ער וואלט דערפאר פערי-
דאמט יעדען איינציגען, וואס זאל אזוי טהון, ובפרט נאך
אין אזא צייט, ווען דער שטארקערער בעריהמט זיך מיט
זיין שטארקייט און אונטערדריקט דעם שוואכערען און בע-
ליידיגט זיינע מענשליכע געפיהלען אויף יעדען טריט און
שריט... און סאשא צעגיסט זיך ווי א טייך אין זיינע בריעף
צו'ם פאטער, און דער פאטער קוועלט אן פון איטליכע
ווארט, אבוואהל ער פערשטעהט איהם ניט... א פערקעהר-
טע וועלט געווארען! סאלאמאן ראפאלאוויטש, וועלכער
האט זיך אזוי פיעל געפלאגט איבער בילדונג, געלעגען
ערגיץ ביי זיינע פינסטערע פאנאטישע עלטערן אויף א בוי-
דעם און געשטודירט לאטיין, אנטלאפען פון דער היים א
באריוסער, געהונגערט און אבגעגעבען עקזאמען אויף פאר-

מאציע, קוים דערלעבט ווערען א פראוויזאר. פריהער גוט פערשווארצט געוואָרען איידער זיינע כריסטליכע חברים האָבען איהם אנערקענט אלס קאָללעגא. און איצט, אז גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער איז שוין אליין אין אפטייקער, מיט א נאָמען, מיט א רענאָמע, פערקעהרט צווישען כריסטען, (פון יודען זנטלויפט ער) דארף ער, ראפאלאָוויטש, האָבען א זוהן, וואָס שרייבט איהם, דעם פאָטער, אזעלכע בריוולעך:

„ליעבער פאָטער! — שרייבט סאשא ראפאלאָוויטש אין איינעם פון זיינע בריוולעך צו'ם פאָטער — דו מוזט אנערקענען, אז די צייטען בייטען זיך. די ראָלע פון זיינגען „מה יפית" פאר'ן פריץ איז פאָריבער! די מאָדע פון קריכען אויף די קניע פאר אלעם, וואָס איז ניט יודיש, איז אוים מאָדע"...

אין איין אנדער בריעף צו'ם פאָטער שרייבט סאשא אונגעפעהר אזוי:

„ליעבער פאָטער! ווילען מיר באמת געווינען די סימפאטיע פונ'ם גאנצען רוסישען פאָלק, דארפען מיר זיי ניט צייגען, אז מיר זענען בעסער אָדער ערגער פון זיי; מיר דארפען זיי נאָר צייגען, אז מיר זענען אזוי גוט, אזוי ווי זיי... און דאן בין איך איבערצייגט, אז אויב דער קאמפף, וואָס דאָס פאָלק פיהרט, וועט געלינגען, וועלען מיר ניט דארפען קיין זכות אבות מיט קיין רחמנות מיט קיין טובות"...

אין א דריטען בריעף שרייבט סאשא צום פאָטער גאָר אזוי:

„ליעבער פאָטער! עס איז כ'לעבען א שאנדע, וואָס איך בעדארף זיך איבערשרייבען מיט דיר נישט אויף יודיש, דו ווייסט גאנץ גוט, אז איך ליעב די רוסישע שפראכע מיט דער רוסישער ליטעראטור. נאָר למאי זאָלען מיר, יודען פון דער גאנצער וועלט, נישט בענוצען זיך מיט אונזער נאציאָנאל-שפראכע, וועהרענד מיר

האבען זי? פאר וואס זאלען צוויי דייטשען, פראנצויזען אדער פוילען יא קאנען זיך צונויפרעדען מיט זייערע אייגענע, ווען זיי קומען זיך צונויף ערגיץ אין אמעריקא, אדער אין אויסטראליען, און מיר נישט? מיר, וואס זענען מעהר עמיגראנטען פון אלע עמיגראנטען אין דער וועלט, מיר, וועלכע עמיגרירען פון אברהם אבינו'ן אן, דארפען אונזער נאציאנאל-שפראכע האבען א סך נעטיגער פון אלע אנדערע פעלקער! שטעל דיר פאר, ליעבער פאטער, אז איך וואלט געוואכסען פון קינדוויין אויף ערגיץ אין איין אנדער לאנד און זאל איצטער קומען צו-פאהרען אהיים, וואלטען מיר ביידע, א זוהן מיט א פאטער, נישט געקאנט זיך אויפרעדען! איך בין א בעל׳ן געוועזען זיך אנפרעגען ביי מיינע דייטשע און פוילישע חברים, אויף וואס פאר א לשון זיי שרייבען זיך איבער מיט זייערע עלטערן. האבען זיי מיך אויסגעלאכט און האבען מיר געענטפערט צוריק מיט א פראגע: אט ביזט דו א יוד, ווי אזוי שרייבסט דו צו דיין פאטער, נישט אויף יודיש?... דו פערשטעהסט דאך שוין, ליעבער פאטער, אז איך בין געווארען נאך רויטער, ווי איך בין"...

סאלאמאן ראפאלאוויטש דער אפטייקער קאן ניט פערשטעהן: ווי קומט צו איהם אזא זוהן?... און ער בע-שולדיגט זיך אליין, וואס ער זיצט פונפצעהן יאהר איין אלמן. וואס איבער דעם איז סאשא געוואכסען אהן א מוטער. זיך צונויפגעקומען ווער וויים מיט וואסערע חברים אין גימנאזיע... און ער דערמאנט זיך, אז צו סאשא'ן פלעגען קומען די ארעמסטע שילער, יונגלעך אבגעריסענע, וואס האבען געלערענט פריהער אין דער „תלמוד תורה", צווישען זיי איינער דעם שוחט'ס אדער דעם רב'ס א זוהנדעל, קאטלער אדער קעסלער איז זיין נאמען, ער האט שוין פערגעסען. ער געדענקט נאר, אז די גימנאזיאלע אוני-פארם האט זיך צו דעם קאטלער'ן אדער קעסלער'ן אזוי געפאסט, ווי צו א חזיר א נאזבאנד, אז בסך-הכל זענען די

הערעלעך ביי איהם געווען געגרייזעלט, דער רוקען איינגע־בויגען, דאס היטעלע פלעגט ער נעהן תמיד ארויף און רעדען האט דאס גערעדט מיט „דער חית" אונטערגעהאר־חעלט: „האפאלאוויטש"... „חוסקי היסטאחיע"...

— א חרפה און א בושה פאר גוים! — אזוי פלעגט זיך טראכטען דער אפטייקער און רויט ווערען ביז אויף יענער זייט אויהרען! — אלעמען, אלע „יודלאקעס" גלוסט זיך שטודירען! ... אלע קבצנים קריכען אין גימנאזיע!...

און אונזער אפטייקער איז בייז סכנות אויף די „יודלא־קעס־קבצנים", וואס קריכען אין גימנאזיע און ווילען שטו־דירען... ער האט גאר פערגעסען, אז ער איז אליין א „יודלאק", אליין געווען איין ארעמאנס א קינד, אליין גע־שטודירט לאטיין אויף א בוידעם... אך ווי גיך מיר פערגע־סען, אז מיר זענען אלע אמאל געלעגען געוויקעלט אין דער בוטער'ס שוים, געצויגען די ברוסט און געפיהרט זיך עפעס ניט אזוי אנשטענדיג!...

קאפיטעל ל.

זיי פאהרען זאלבעפיערט.

איך ווייס ניט, ווי אזוי איהר — איך האב ליעב צו קוקען בשעת דער צוג קומט אן און עס טהוען זיך א שאט־אוים פון די וואגאנעס מענשען מיט טשעמאדאנעס און מיט פעקלעך, און מע זוכט מיט די אויגען בעקאנטע פנים'ער, מענטשעלעך אדער היטעלעך, און מע דערקענט זיך, און מע פאלט איינס דאס אנדערע אויף די העלזער, און מע קושט זיך, און מע פרייעט זיך, און מע לאכט, און מע קוועלט, און מע וויינט אוש, און מע קושט זיך נאך א מאל, און מען איז גליקליך, און ס'איז גוט!...

לײדער, דארף מען זיך מודה זיין, אז ביים אנקומען פון אונזערע יונגע העלדען איז דאס בעגעגעניש געווען ניט אזוי, ווי עס וואלט בעדארפט צו זיין. עפיס האט דא גע־

פעהלט. אז אלע זאלען זיך פיהלען פאלשטענדיג גוט און באמת גליקליך. טאמארא שאסטעפאל איז דוקא ארויפגעפאלען אויפ'ן פאטערס האלז און האט מיט איהם צעקושט זיך. סאשא ראפאלאוויטש האט זיך דוקא אויך ארומגענומען מיט'ן אפטייקער. ווי א זוהן בעדארף זיך ארומנעהמען מיט א פאטער, — אבער עס האט פיי די ביידע געפעהלט די אמת'ע פריינדליכקייט, די גליקליכע פריידע, די ניט-געמאכטע התפעלות, דאס נאטירליכע אויפגערעגט זיין; אז אלע און אלעס זאל זיך דרעהען פאר די אויגען, דער קאפ זאל זיין צוטומעלט, דאס הארץ זאל זיין איבערפילט און עס זאל זיך אזש גלוסטען וויינען פאר שמחה... עפיס האט זיך געפיהלט איין אפיציעלע פריינדשאפט, א קאלטקייט, א מין „כבוד-אב" וואס שמעקט מיט „געבאט"... טאמארא האט זיך נאכגעפרעגט אפילו אויף דערהיים, „וואס מאכט די מאמע"? און דעם פאטער האט זיך אויסגעוויזען, אז אין דער טאכטער'ס שטימע הערט זיך א מעלאנכאלישער טאן פון א מענשען, וואס אדער ער פרעגט גלאט אזוי פון יוצא וועגען, אדער ס'איז איהם עפים אומעטיג אויפ'ן הארצען, נישט פויגעלדיג אויף דער נשמה... און אז טאמארא'ן האט בעדארפט זיין ניט „פויגעלדיג אויף דער נשמה" — דאס האט געקאנט ארויסזעהען א יעדער פונ'ם ערשטען קוק אויף איהר בלייכזיכטיג פנים, אויף איהר צו-רוהיג האלטען זיך און אויף איהרע גרויסע שענע שווארצע אויגען, וואס זענען איצט געווען מעהר פערטראכט ווי אלע מאל און געקוקט, ווי עס האט זיך אויסגעוויזען, ערגיץ וויט-וויט פון דאנען...

יא, טאמארא'ס מחשבות, טאמארא'ס נשמה, טאמארא'ס הארץ און טאמארא'ס אינגאנצען זענען געווען וויט-וויט פון דאנען! זיי זענען געווען... נאר לאמיר נישט אויפהאלטען לאנג אונזערע פארשוינען אויפ'ן באהנהויף, מיר וועלען זיך צו טאמארא'ס עסקים נאך אומקעהרען נישט איין מאל אין אונזער עפאפעיע... טאמארא האט א פרעג

געטהון בײַם פֿאָטער אױך װעגען געשעפֿטען, װי נעהען בײַ איהם די געשעפֿטען ? — דערױף האָט איהר דער פֿאָטער אָבגעענטפֿערט מיט אַ קורצען „עט", מיט'ן געװיסען יודישען „עט", װאָס קאָן בעדײַטען אי גוט, אי נישקשה'דיג, אי נישט אַזױ פֿױגעלדיג, אי גאָר נישט פֿױגעלדיג, אי פּאָסקודנעװאַטע, אי שטאַרק פּאַסקודנע, אַזױ פּאַסקודנע, אַז ס'איז גאָר נישט כּדאי דערפֿון צו רעדען ! ... טאַמאַראַ קימערט זיך אָבער װיניציג: זי קען איהר פֿאָטער, אַז ער האָט ליעב שטענדיג צו בעקלאָגען זיך. און זי מהוט איהם אַ פֿרעג מיט אַ האַלבען שפּאַס און מיט אַ האַלבען ערנסט װעגען לאַדענישען, מיט װעמען לאָדט ער זיך אצונד ? און זי בעקומט פֿונ'ם פֿאָטער אַזאַ מין ענטפֿער :

— מיט װעמען איך לאָד מיך ? מיט „קאַזנאַ" לאָד איך מיך. נישטאָ, הערסט דו, קײן ערגערע זאַך אױף דער װעלט, װי לאָדען זיך מיט „קאַזנאַ" !

און איציקעל שאַסטעפּאַל קלאָגט זיך פֿאַר דער טאָכטער אױף זײַן לאָדען זיך מיט „קאַזנאַ" און אױף די טשינאָװניקעס און אױף די אַדװאָקאַטען װאָס דרעהען און דרעהען און פֿאַרדרעהען אַזױ שטאַרק, בכדי זײ זאָלען קאָנען אַרױסדרעהען װאָס מעהר געלד ! ... און בשעת מעשה דרעהט איציקעל שאַסטעפּאַל מיט זײַן גרױסען שירם אַזױ געשרײַ, אַז ער פֿאַרטשעפּעט מיט די שפּיצען פֿונ'ם שירם אַ דורכגעהענדע דאַמע פֿאַר די פֿראַנזען פֿון דער טאַלמע, די דאַמע נעבאַך האָט קײן צײַט ניט, זי לױפֿט פֿערהאַפּען דעם שנעלצוג, נאָר עס העלפֿט ניט, מע מוז זיך אװעקשטעלען אױספּלאָנטען די טאַלמע פֿון שאַסטעפּאַל'ס שירם, סײַדען איבערלאָזען די טאַלמע ... די דאַמע איז רױט אַזױ װי פֿײַער, רױט פֿאַר כּעס, װאָס זי האָט זיך פֿאַרטשעפּעט מיט אַ יודען און װאָס זי קאָן איבער דעם יודען חלילה פֿאַרשפּעטיגען דעם שנעלצוג ... אױ די יודען ! אומעדום זענען זײ פֿול ! ...

— מע װאָלט אָך בעדאַרפֿט קײן קינעצװ אװעק-

שיקען! — זאגט די דאמע צו איציקעל שאסטעפאל און פייערט און שיסט אויף איהם מיט די אויגען, וועהרענד טאמארא בעפרייעט איהר טאלמע פון דעם פאטערס שירם.

די דאזיגע סצענע בעמערקט דער אפטייקער, וואס שטעהט און רעדט מיט זיין זוהן. דער אפטייקער הערט ניט, נאר זעהען זעהט ער, ווי א דאמע פייערט און ווי דער „יודאש מיט'ן שירם", איציקעל שאסטעפאל, מאכט מיט די הענד, — און דער אפטייקער נעבעך ליידעט דערפון, האט צרות פאר'ן „כלל ישראל", און טראכט זיך, אז „אונזערע יודעלעך קאנען זיך ניט האלטען"... און סאשא שטעהט אקעגען איהם, און פרעגט זיך אוים ביים פאטער, וואס ער מאכט און וואס מאכט עפעס די אפטייק?... דעם אפטייקער שטעהט אבער ניט אן, וואס דער זוהן רעדט מיט איהם וועגען געשעפט, פיהרט ער ארויף דעם שמועס אויף אנדערע פראגען, צופרעגט זיך ביים זוהן אויב מע האט פערמאכט די אוניווערזיטעטען אויף לאנג, און וואס הערט זיך אין פעטערבורג וועגען דעם צוגעזאגטען „פריהלינג", וועגען די בעפרייאונגס-בעוועגונג און וועגען אנדערע זאכען?... און עס הערט זיך אין דעם געשפרעך א קאלטיקייט פון א פריוואט-אונטערהאלטונג, און וויעלבער דער פאטער וויל צייגען דעם זוהן, אז ער, דער פאטער, איז נישט צוריק געציגען, אז ער ווייס אויך וואס דער „פריהלינג" בעדייט פאר'ן לאנד און אז ער נעהמט אויך אנטייל אין דער בעוועגונג, האטש ער איז א פראווינציאל און איין אפטייקער...

און ביידע פאטערס האבען בשעת רעדען, שטעהענדיג דא אויפ'ן דעבארקאדע, דערוויל בעטראכט זייערע קינדער, איציקעל שאסטעפאל האט בעטראכט זיין טאכטער מיט'ן קליינעם שווארצען איינפאך בילליג היטעלע (אהן פעדערען) אויף די שענע געדיכטע שווארצע געגרייזעלטע האר, מיט'ן קליינעם שווארציין רייזעטאשעל, מעשה מאנסביל, אנגעטהאן איבער דער הויכער ברוסט, און מיט איהרע

גרויסע שײנע שווארצע אויגען, וועלכע זײנען אײט געווען
איבערגעצויגען מיט א מאָדנע מעלאנכאָלישען טרויעריגען
ערנסט, און אויסגעוואַכסען איז זי, אויסגעוואַכסען! ... און
ער האָט זיך געטראַכט:

— אָט דאָס איז מײן טאָכטער? ...

דאָסזעלבע האָט געטראַכט אויך דער אַפּטײקער,
בעקוקט דורך די בלויע ברילען זײן סאַשאַ'ן, ווי ער איז
דאָס ביסעל אויסגעוואַכסען, ווי שײן ער איז געוואָרען;
מערקווירדיג: געלע האָר, א שפּיצעדיג געל בערדעל, אײן
אויסגעבויגענע נאָז, קלײנע אויפ'ן פּנים, גרויסע צײן
וכדומה אזעלכע שענע זאַכען — דאָס זעהט נישט א
פאָטער! ... ראַפּאַלאָוויטש וויל נעהמען בײם זוהן דאָס געלע
טשעמאָדאַנטשיקעל, סאַשאַ לאָזט נישט, ער קאָן אַלײן.

— דו קענסט זיך ניט מיט אונזער שבנ'ס טאָכטער,
פרײלײן שאָסטעפּאַל! — מאַכט סאַשאַ צום פאָטער און
שטעלט איהם פאָר טאַמאַראַ'ן, וועלכע שטעלט-פאָר סאַשאַ
ראַפּאַלאָוויטש'ן פאַר איהר פאָטער און זי זאָגט צו איהם:

— דאָס איז דעם אַפּטײקער'ס זוהן, מיט'ן פאָטער
ביזט דו דאָך בעקאַנט פון לאַנג?

און אלע פיער בילדען א גרופּע מענשען, וואָס ווײסען
ניט וואָס צו טהון, ווער און וואָהין עמיצער זאָל געהן
פריהער. און אלע פיער זאָגען אײנס צו דאָס אנדערע:

— נו? פאָהרען מיר?

און אלע פיער ענטפערען אײנס דעם אנדערען:

— פאָהרען מיר! ...

און קײנער פון די פיער ווײס נאָך ניט, ווי אזוי
מע וועט פאָהרען, און אז מע קומט ארויס פונ'ם וואָקזאַל,
און די טרעגער חאַפּען די פּעקלעך אונטער די הענד,
און די עקיפּאַזשען-פיהרערס מיט די „איזוואָשטשיקעס"
געוואַלדעווען, און די פּאָליציסטען קאָמאַנדעווען, פאָהרט-
צו א פאַעטאָן, און אײדער מע קוקט זיך ארום ליגען שוין
די פּעקלעך פון אויבען אויפ'ן פאַעטאָן, און א פּאָליציסט

וואַקסט-אויס און שטופּט זיי אונטער און שרייט: „פאַראויס, יודלעך, פאַראויס! ... בקצור (אַ באַשערטע זאַך!) איינוועניג אין פאַעטאָן גאַנץ אויבען זיצען אונזערע אונבעקאַנטע — בעקאַנטע — שכנים: איציקעל שאַסטעפּאַל און סאָלאָמאָן ראַפאַלאָוויטש, און אַקעגען זיי אויף אַ בענקעלע — זייערע קינדער: טאַמאַרא און סאַשאַ!

אַ בר מזל איז דער סאַשאַ! ווען ניט אַז דער פּאָליציסט מיט זיין „פאַראויס, יודלעך, פאַראויס!" וואָלט טאַמאַרא איצטער נישט געזעסען נעבען איהם „טעט-אַ-טעט" אַזוי נאָהענט, אַז דאָס הארץ זאָל איהם שיער ניט אַרויס-שפּרינגען פאַר פרייד!... יאָ, פרעגט-זשע אָבער דעם פאָטער זיינעם, דעם אַפּטייקער, וואָס זאָגט ער אויף דעם „פאַראויס יודלעך, פאַראויס"? ביי איין אַנדער צייט, ביי אַנדערע אומ-שטענדען וואָלט זיך אונזער אַפּטייקער אויעקגעשטעלט אויס-טענהען זיך מיט'ן פּאָליציייסקי: וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, אַ פּאָליציייסקי-נאַדזיראַטעל, אַזוי צו רעדען? און וואָס איז דאָס פאַר איין אויסדרוק „יודלעך"? און פון וואַנען ווייס ער, דער פּאָליציייסקי, אַז ער, ראַפאַלאָוויטש, איז אַ יוד?... וואָס האָט אָבער געקאָנט טהון דער אַפּטייקער נעבאַך, אַז ער געהט מיט אַזאַ „יודאַש" ווי איציקעל שאַסטעפּאַל. וואָס טראָגט אַ גרויסען שירם און רעדט מיט די הענד און מאַכט מיט'ן שירם אויף אַלע זייטען? אַז מע פאַלט אַמאָל אַריין, העלפט זיך נישט, מוז מען טראָגען דעם גלות, דעם יודישען גלות!...

אַזוי טראַכט זיך ראַפאַלאָוויטש דער אַפּטייקער זיצענ-דיג אין פאַעטאָן נעבען זיין שכן שאַסטעפּאַל און האַלט דעם קאָפּ אויסגעדרעהט אַוועק פון איהם... דערפאַר זיצט אָבער איציקעל שאַסטעפּאַל אויך אויסגעדרעהט דעם קאָפּ אין דער אַנדערער זייט, און ביידע זעהען זיי אויס, ווי אַ ברוגזדיג פאָר פאָלק... און וואָס נעהענטער זיי קומען אין שטאָדט אַריין, מעהר פיהלען זיי זיך ניט גוט: שאַסטעפּאַל פיהלט זיך ניט גוט, וואָס ער איז געוואָרען פּלוצים אַ נאָהענטער

מחותן מיט'ן אפטייקער, און דער אפטייקער פֿיהלט זיך ניט גוט, וואָס ער זיצט אויף איין פֿוהר מיט דעם „יודאַש" מיט'ן גרויסען שירם... און דער פּאַעטאַן קאַטשעט זיך איבער די נאָר-וואָס אָבגעדעקטע שטיינער, און די רעדער שפּריצען די נאָך ניט צוגעטריקענטע ערב-פּסח'דיגע בלאָטע, איבער וועלכע עס ציהען זיך פֿון ביידע זייטען שווערע פֿוהרען אָנגעפּאַקט מיט נאָר-וואָס אָבגעבאַקענע מצה אויף פּסח, מיט לעדיגע פּעסלעך, מיט דיישקעלעך, מיט ברעטלעך און מיט אַנדערע כּלים אויף פּסח... און די אויסגעמוטשעטע פֿערדלעך נעבאַך טיאַפּקען, שאָקרען מיט די קעפּ און מיט די אַראָבגעלאָזענע מאָרדעס, מאַכען מיט די זייטען, חאַפּען אַלע מאָל אַ שמיץ פֿון הינטען,—זיי פֿיהלען אויך דעם טעם פֿון ערב פּסח... און דאָס ווינטעל וואָס ס'בלאָזט איז אַ מילד וואַרם ווינטעל, איין ערב-פּסח'דיג'ס... און די לופֿט שמעקט מיט ערב פּסח, מיט דעם בעקאַנטען ליבען ריח פֿונ'ם ליעבסטען טייערסטען יום-טוב, וואָס איז ליעב יעדען יודען מיט זיין היסטאָרישע בעדייטונג, מיט זיין בעפֿרייאונגס-גייסט און מיט זיין צוזאַמענקומען זיך מיט דער צייט פֿון בעניייאונג אין דער נאַטור.

— אין דרויסען שמעקט שוין מיט פּסח—בעמערקט איציקעל שאַסטעפּאַל נישט געפֿינענדיג קיין אַנדער טהעמע אויף צו מאַכען אַ רעד.

— עס וועט שוין באַלד אָנהויבען גרינען—וואַרפֿט אַריין דער אַפּטייקער אַ וואָרט אום ניט צו זיצען ווי אַ ברוגז'ער מחותן.

— לעבען זאָל דער יודישער פּסח!—רופֿט אויס סאַשאַ מיט בעגייסטערונג.

— לעבען זאָל דער פֿריהלינג!—פֿערריכט איהם טאַמאַראַ.

— לעבען זאָל דער יום-טוב פֿון בעפֿרייאונג!—זאָגט ווייטער סאַשאַ.

— לעבען זאָל די פֿרייהייט אַליין!—פֿערריכט

ווידער טאמארא; און עס פערקייטעלט זיך דערפון א שמועס צווישען די קינדער. וועהרענד די עלטערען זיצען און הערען זיך איין, און בעוואונדערען זיי, יעדער פון זיין שטאנדפונקט, און יעדער פון זיי טראכט ביי זיך אין הארצען איין אנדער מחשבה.

— א קלוגע וועלט געווארען! — זאגט האלב איראניש האלב מיט גדלות איציקעל שאסטעפאל און קוקט אויפ'ן הענטעל פונ'ם שירם מיט א היפאקריטיש שמייכעלע.

— א פערקעהרטע וועלט! — ענטפערט איהם דער אפטייקער און קוקט דורך די בלויע ברילען ארויף אויף די הייזער.

און דער פאעטאן מיט די פיער פארשוינען פאהרט צו מיט'ן קנאק גלייך צו'ם הויז נומער 13, וואס אויף דער וואסילטשיקאווער גאס.

קאפיטעל ל"א.

גאט ליעב איך מיט אייער גאסט.

אנזאגען א בשורה — איז איינע פון די גרעסטע מצוות ביי יודען: עס טהוט הנאה, קיינעם שאדעט עס ניט און קיין געלד קאסט דאס ניט.

אז דער פאעטאן מיט די פיער פארשוינען: איציקעל שאסטעפאל מיט זיין שכן דעם אפטייקער מיט זייערע קינדער טאמארא און סאשא, איז צוגעפאהרען צום הויז נומער 13, וואס אויף דער וואסילטשיקאווער גאס, האט דאס די ערשטע דערזעהען נחמיה דעם שוסטער'ס ווייב זיסעל, וואס זיצט אינ'ם זעלבען הויז נומער דרייצעהן, ווי דער לעזער מוז געדענקען נאך פונ'ם אנהויב פון אונזער ראמאן.

זעלבסטפערשטענדליך, אז דעם שוסטער'ס דירה איז אונטען, אינ'ם סאמע קעלער; און מחמת די פענסטער געהן ארויס גלייך אויפ'ן טראטואר, דערפאר האט דער שוסטער א גרויסען שאנס צו זעהען יעדען דורכגעהער און

יערען דורכפאהרער פריהער און נעהענטער פון אלע אנדערע איינוואוינער וואס אין הויז. אמת, דעם דורכגעהר אליין קאן מען ניט אזוי זעהען, ווי דעם דורכגעהער'ס פים. נחמיה דער שוסטער מיט זיינע צוויי זיהן חיים און בעני זענען שוין אבער אזוי קלאר אין די דורכגעהער, אז נאך די שטיוועל דערקענען זיי שוין איטליכען, ווער עס שפאצירט-דורך פארביי די פענסטער פון זייער קעלער. מענשען, וואס זיצען אזוי לאנג ביי דער ארבייט אויף זייערע קלעצלעך און זעהען זיך אן מיט אזוי פיעל פאר פים, האבען שוין זייערע סימנים. צום ביישפיעל:

1) לאקירטע שטיבלעטען מיט הויכע אבצאסען. גראַ-בע פאמעדקעס מיט סקריפקעס געהערען צו ראפאלאוויטש דעם אפטייקער.

2) אבגעריבענע קאלאשען וואס טיאפקען סאי ווינטער סאי זומער — דאס איז איציקעל שאסטעפאל.

3) א פאר קליינע פיסלעך מיט פיער הינטישע לאפעס — דאס איז די אלטע באַרישני, וואס קומט אלע טאג אין אפטייק אריין מיט איהר גרויסען הונד.

4) א פאר גרויסע באטינקעס מיט שווערע מאנס-בילשע אבצאסען געהערען צו שאסטעפאל'ס קעלין, וואס מע רופט זי חוה די יודענע.

5) דינע שיכלעך מיט אויסגעדרעהטע הויכע אבצאסען, וואס בעטען זיך אפעריהרען — דאס איז שאסטעפאל'ס שטוב-מיידעל חאסקע.

6) א פאר שבארק אויסגעוועבסעלטע שטיוועל מיט סאלדאטסקי האלעווקעס געהערען צו שמואל זעליג'ס זוהן דעם טרובאטש, וואס דיענט אין פאלק און וואס געהט אלע זונטאג עלף א זייגער איז דער פריה צו איציקעל שאסטעפאל, דאס הייסט ניט צו איציקעל שאסטעפאל, נאר צו זיין שטוב-מיידעל, חאסקע, וואס ער שרכנט זיך צו איהר שוין באלד א יאהר.

7) א פאר צעריסענע, צעפיצעלטע, אויסגעדרעהטע,

פערקריפּעלטע שטיבלעטען, וואס מע קאן שוין מיט זיי גאר ניט מאכען — דאס איז דער יוד פון האלץ (ליפּא באסע-וויטש), וואס לויפט ארום טאג ווי נאכט צונויפמאהנען די קערבלעך פאר'ן האלץ.

8) געזונטע שטארקע, נוט אנגעשמירטע שטיוואלעס מיט אייזערנע צוויקעס, וואס קלאפּען ווי די האמערס איבער די שטיינער — דאס געהט מיקיטע דער גוי, וואס קומט אלע שבת צו איציקעל שאסטעפּאל הייצען די הרובעס און שטעלען דעם סאמאוואר.

און אזוי ווייטער מיט אלע, וואס געהען פאַרביי נחמיה דעם שוסטער'ס פענסטער.

— זעה נאר, ווער איז דאס צוגעפאהרען צו אונז אזוי פריה?—רופט זיך אן נחמיה דעם שוסטער'ס ווייב זיסעל און פליהט ארויס אין דרויסען, וועהרענד נחמיה דער שוס-טער מיט זיינע צוויי בנים זענען פערטיפט אין דער ארבייט, שלאגען פלעקלעך אין די נייע באטינקעס, וואס שיווקע שאסטעפּאל האט זיך בעשטעלט לכבוד פסח. און ביידע בנים, חיים און בעני, בייגען זיך צו גלייך מיט דער ערד און קוקען זיך איין אינ'ם פאעטאן, פון וועלכען סאשא איז אראבגע-שפּרונגען דער ערשטער, נאך איהם טאמארא, און נאך טאמארא'ן שוין ביידע שכנים: ראפאלאוויטש דער אפּטייקער מיט'ן שטעקעלע און איציקעל שאסטעפּאל מיט'ן שירם.

— מיר האבען געסט!—זאגט חיים, און בעני האפט איהם אונטער: ציוניזם, סאציאליזם, בורזשואזיע און פּראָ-לעטאריאט.

— וואס הייסט דאס?—פרעגט דער פאטער, און זיינע ביידע זיהן געבען איהם צו פערשטעהן, אז דאס זענען געקומען פיער פארשטעהער פון פיער פערשיעדענע פּראק-ציעס, און צווישען פאטער מיט די קינדער געהט אוועק א שמועס וועגען ציוניזם, סאציאליזם, קאפּיטאל און פּראָלע-טאריאט, און נחמיה דער שוסטער קאן ניט פערשטעהן וואס פאר א פּראלעטאריער איז ראפאלאוויטש דער אפּטייקער?

א פראָלעטאריער ווערד אָנגערופען ביים שוסטער איין אָרעמאן. און איין אָרעמאן קאָן זיין נאָר דער, וואָס האָט ניט אויף פסח, ענטפערט איהם דערויף דער עלטערער זוהן חיים, אז מע קאָן האָבען אויף פסח און דאָך זיין א פראָלעטאריער.

— א פראָלעטאריער ווערד אָנגערופען יעדער, וואָס ארבייט פאר געלד צוליעב דער בעקוועמליכקייט פון דער בורזשואזיע, אזוי אז א פראָוויזאָר איז אלץ איינס, וואָס א שוסטער.

— להבדיל! — זאָגט דער פאָטער און קלאפט אריין א צוויאָק אין איין אָבצאס פון א שטיוועל, און פונקט צו דעם וואָרט „להבדיל" קומט אָן אונזער אלטער בעקאנטער פרעהליך שניידעריל יודעל קטנתי מיט א פארטיגען פסוק און מיט א קללה נאָך אויף דער שוועל:

— על ישראל ועל רבנן, ס'זאָל א רוח אין זייער טאטען אריין אונזערע יודעלעך מיט אונזערע רבנים, די קאזיאָנע מיין איך, דאָס גאָה איך פון איהם טאקי, פונ'ם ראבינער, דערפאר וואָס מען טיילט ניט קיין מעות-חטים ווי ס'געהערט צו זיין; דעם, וואָס מע דארף, דעם ניט מען ניט, און ווער עס האָט א צד אין באָד, און ווער ס'איז א שטיקעל שמעלקע, דער נעהמט, נעהמען זאָל זיי א חלי'רע! וואָס טויג אייך — איך האָב איהם געגעבען מכל הבא בידי, וואָס ס'איז מיר געקומען אין מויל אריין, האָב איך איהם געזאָגט, דעם שענעם רב: ממה נפשך, זאָג איך, האָבען מיר אייך אויסגעקליבען, זאָג איך, פאר ראבינער אין שטאָדט, דארפט איהר, זאָג איך, אין זינען האָבען אָרעמע לייט, אלא ניט, זאָג איך, איז דאָך למה זה אנכי, זאָג איך, מאכט רש"י: שאָ מיני מיקיטא זא טשו'אָוויק!...

נאָר מיר לאָזען איבער יודעל קטנתי ביי'ם שוסטער זיצען און רעדען, און מיר געהען א קוק טהון, וואָהין האָט זיך דאָס געלאָזט לויפען דעם שוסטערס ווייב זיסעל?

דעם שוסטערס ווייב זיסעל איז געלאָפען ארויף צו דער נגידית שיוקע שאָסטעפאל אָנזאָגען איהר א בשורה, אז

איהר טאָכטער טאַמאַראַ איז געקומען צופאָהרען, נישט מחמת זיסעל די שוסטערין איז אַזאַ גוטע פריינדין מיט דער נגידית. אדרבה, מיר ווייסען, אַז די שוסטערין איז איהר אַדם שונא; וואָס זי ווינשט איהר אַמאָל אָן, מעג דאָס פאַלען אין ים אַריין, און גערעכט איז די שוסטערין. למשל איך וועל אייך דערצעהלען אַ פּאַקט מיט פיש, פיש איז אַ זאַך וואָס יעדער יוד, אפילו איין אָרעמאַן, מוז דאָס האָבען אויף שבת. האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, ס׳איז געוועזען אַ גרויסער ווינד האָט זיך ניט געחאַפּט קיין פיש, איז ניט געוועזען קיין פיש, דאָס הייסט פיש איז געוועזען, נאָר מיט גאָלד גלייך, מע האָט זיי צעחאַפּט ווי מצה־וואַסער, אַזוי אַז ביז שיווקע דער נגידית קעכין, חוה די יודינע, האָט זיך צוגעקליבען אַרויסצוגעהן מיט׳ן קאָשיק אין מאַרק אַריין נאָך פיש, איז שוין ניט געוועזען קיין זכר פון קיין פיש! דערווייל בעגעגענט זי די שוסטערין טראָגען פיש. פרעגט זי זי: „וואו האָט איהר געקראָגען פיש?“ ענטפערט איהר די שוסטערקע: „איך האָב געקויפט, ניט גע׳גנבעט“. מאַכט צו איהר חוה די יודינע: „ווייסט איהר וואָס? איהר זענט דאָך אַ יודינע איין אָרעמע, נאַט אייך אָב אייער געלד, גיט מיר אייערע פיש“—עס איז גרינג צו פערשטעהען, אַז נחמיה דעם שוסטער׳ס ווייב האָט אַזאַ מין פאָרשלאַג בעראַפט אונטערטראָגען, דערלאַנגען ביז׳ן ביין אַריין, און וואָס טויג אייך, שאָסטעפּאַלים קעכין האָט זיך פון איהר נישט גענאַרט: זי האָט בעקומען פון דער שוסטערין אַזאַ פאָרציע, אַז ס׳איז איהר פינסטער געוואָרען אין די אויגען! די שוסטערין איז איהר נאָכגעגאַנגען פונ׳ם פיש-מאַרק ביז אַהיים און ביז דער קיך און האָט זי ניט אויפגעהערט צו בענשען, זי מיט איהר בעל-הבית׳טע די נגידית, מיט אַלע בעל-הבית׳טעס און מיט אַלע נגידית׳טעס פון דער שטאָדט און פון אַלע שטעדט פון דער גאַנצער וועלט, אַזוי אַז די קעכין האָט זיך אויש צעוויינט, און האָט מיט טרערען איבערגעגעבען די גאַנצע געשיכטע פאַר איהר בעל-הבית׳טע, און דאָ פאַנגט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה, וועלכע מיר

געבען איבער ווי וויט מעגליך אין קורצען אין דראמאטישער פארם פון א טראגיקאמעדיע אין 4 אקטען:

ערשטער אקט:

חוה די יודענע גיסט מיט טרערען... דערצעהלט פאר דער בעל-הבית'טע ווי אזוי די שוסטערין האט זי בעליידיגט... געשאלטען שיוקע שאסטעפאל מיט אלע נגידית'טעס מיט טוידטע קללות, געווינשעוועט, זיי זאלען ניט פערמאגען אם ירצה שם איבער א יאהר אט דאס, וואס די פיש קאסטען, און טאמער איז דאס קארג, זאלען זיי בלייבען אהן פיס אויך...

צווייטער אקט:

שיוקע דערצעהלט דאס ווארט ביי ווארט פאר איהר מאן... איציקעל שאסטעפאל ווערט אנגעצונדען און פאלט אן ניט אויף דער שוסטערין, נאר אויף זיין ווייב, אויף שיוועקען הייסט דאס, און ניט איהר א מאוס'ן פסק, זי זאל איהם ניט דולען א ספארעק מיט אועלכע פליאטקעס אין דער צייט, ווען ער האט אויף זיך טויזענדער עסקים, מיט געשעפטען, מיט לארעניישען, מיט צרות, מיט שלעק, מיט אדוואקאטען אויף זיין קאפ!... חאפט דעם שירם, טהוט א קנאק מיט דער טהיר, און לויפט אוועק פון דער היים, ווי פון א שרפה, אדער ווי פון א צופיעל אנגעהייצטען באד...

דריטער אקט:

שיוקע פאלט אריין צום שוסטער אין קעלער אריין מיט א צעווישעטען קאפ: איין עזות פון א קבצנ'טע א שוסטערין, אזוי בעליידיגען א נגיד'ס א דינסט!...

פיערטער אקט:

נחמיה דער שוסטער הערט אויס די מגילה פון דער נגידית גאנץ געלאסען. דערפאר אבער זיינע צוויי בנים, חיים און בעני, וואס געהערען צו דער ארבייטער-פארטיי,

קאָנען אזעלכע בורזשואזע דבורים ניט איבערטראָגען און... דאָ לאָזט זיך אויס דער פאַרהאַנג.

. . . .

. . . .

פֿון דעסטוועגען איינס צום אַנדערען קעהר זיך ניט אָן; אַ מצוה איז אַ מצוה: אז זיסעל די שוסטערין האָט דערזעהן צופֿאָהרען דעם פֿאַעטאָן, איז זי אַרויסגעלאָפֿען צו דער נגידית צו שׂיווקע שאַסטעפּאַל, איהר אָנזאָגען אַ בשורה: „גאָט ליעב אייך מיט אייער גאַסט, אייער טאָכ-טער איז געקומען"! — האָט זי אָבער פֿערשפּעטיגט (דער קבצן האָט קיין גליק ניט!) די מצוה האָט אויסגעחאַפּט חוה די יודינע, וואָס איז שוין געלאָפֿען צוריק פֿון די טרעפּ אַראָב.

— שוין, שוין, אומזיסט אייער טרחה! מע ווייס שוין!...

און אז די שוסטערין איז געגאַנגען צוריק, האָט זיך טאַמאַראַ שוין געקושט מיט דער מוטער און די מוטער האָט געוויינט אויף דער טאָכטערס האַלז, זעהר שטאַרק געוויינט! זי האָט אַ פּנים געוואָלט אויסוויינען אויף דער טאָכ-טערס האַלז איהרע אַלע צרות, וואָס זי האָט דאָ איבערגע-טראָגען פֿון דער צייט, וואָס די טאָכטער איז אַוועקגעפֿאָ-רען. צרות פֿון בענקען, צרות פֿון בזיונות פֿאַר לייטען, צרות פֿון עלענד, צרות פֿונ'ם מאַן, וואָס לאָזט אויס זיין ביטער האַרץ אַלע מאָל צו איהר — און אַ קשיא וואָס אַ מאַמע קאָן וויינען!... אַ מאַמעס האַרץ איז אַ קוואַל און אַ מוטערס טרערען זענען הייליגע טרערען...

שׂיווקע שאַסטעפּאַל האָט זיך נאָך נישט אָנגעקוקט זאַט אין איהר טאָכטער, איז שוין געקומען חאַסקע דאָס שטוב-מיידעל מיט אַ נייעס:

— דער יוד פֿונ'ם האָלץ איז דאָ, ער וויל זיך זעהען מיט טאַמאַראַ.

— אַט האָסטו דיר, די אַנדערע טעג יום-טוב! אין דער ערד אַריין — זאָגט שׂיווקע.

— רוף איהם אַריין! — זאָגט טאַמאַראַ און עס

קומט אריין ליפא באשעוויטש מיט'ן בעזעם-בארד אבנעהמען פון טאמארא'ן א נערום פון זיין טאטער מאשא. און טאמארא נעהמט איהם אויף זעהר פריינדליך, פיהרט איהם אריין בעזונדער אין א חדר, און זעצט זיך אוועק מיט איהם שמועסען וועגען זיין טאטער מאשא, און איציקל שאסטעפאל בלייבט איבער מיט זיין פרוי שיווקע אינצוויישען, קוקען זיך איבער אהן ווערטער און יעדער פון זיי לאזט ארויס א זיפץ פונ'ם מיעפען, טיעפען הארצען...

קאפיטעל ליב.

טאמארא פרעגט ביים פאטער די 4 קשיות.

ארעמאה, ווען איך קום צו בעשרייבען דעם שענסטען, דעם בעסטען, דעם הייליגסטען, דעם ליעבסטען, דעם טייערסטען יודישען יום-טוב פסח מיט זיין ערשטען סדר אין דער ערשטער נאכט, וואס איז פול מיט א בעזונדערער צויבערליכער קראפט, וואס מאכט ווייך דאס הארץ, שטארקט דעם גייסט און גיסט-אויס אויף א'סדינג א מין כשוף,— פיהל איך. אז איך בין שוואך און מיין פעדער איז נאך שוואכער אויף צו בעשרייבען אויף פאפיער דאס, וואס עס פיהלט א יודיש הארץ, א יודישע נשמה אין דער דאזיגער פרעכטיגער הייליגער נאכט! און אזוי ווי מיר איז אנגעצייכענט געווארען פון אויבען איך זאל מאלען מיינע ארעמע בילדער מיט מיין ארעמער פעדער פאר מיין ארעם פאלק ישראל, לאז איך איבער די איללוזיע פאר מיינע לעזער — זאל זיך יעדער פערטיעפען אין זיינע אייגענע פערגאנגענהייט, ווען ער איז נאך אליין געווען א קינד א בן-מלך, א פרינץ ביי זיין טאטען דעם מלך און ביי זיין מאמא די מלכה, וואס זענען ביידע געזעסען אנגעטהון יום-טוב'דיג אויבען-אן אויפ'ן טראן ביים שען-געדעקטען טיש מיט די געגילדטע כוסות, מיט די גרויסע פלעשער פונקעלנדיגען ווין, מיט די נייע גע'כשר'טע כלים, וואס אויפ'ן שנעע-וויסען טישטוך,

מיט די קיילעכיגע טרוקענע מצות, וואס האבען געהאט דעם אמת'ן יודישען טעם, מיט'ן ביטערען מרור, וואס האט אויסגעוויזען זיס, מיט'ן חרוסת, וואס האט אויסגעזעהן ווי א מאכל מלכים, מיט'ן כוס, וואס איז געשטאנען גרייט פאר דעם גוטען ליעבען פריינדליכען אליהו הנביא, וואס קומט גלייך צו אלעמען, סיי צום רייכסטען נגיד, סיי צום ארעמסטען קבצן — זאל זיך יעדער דערמאנען וואס ער האט דעמאלט געפיהלט און זאל ער זאגען אויפריכטיג, אויב עס טהוט איהם ניט בענג, אויב עס ציהט איהם נישט דאס הארץ, אויב ער וואלט נישט א בעלן זיין נאכאמאל איבערלעבען אזא גליקליכע נאכט אין זיין לעבען?... ליידער אבער קעהרט זיך די גליקליכע קינדהייט נישט אום צוריק, פונקט אזוי ווי דער געכטיגער טאג וואס וועט שוין קיין מאל ניט איבערגעחזר'ט ווערען נאכאמאל... און נישט דערויף וויינט דאס הארץ; בעדויערען דארפען מיר נאר דאס, וואס גאט ווייס, אויב אונזערע קינדער פיהלען אין דעם פסח דאס, וואס מיר האבען געפיהלט, דען אויב זיי פיהלען דאס ניט, האבען זיי, האב איך מורא, א סך—א סך פערלארען!...

ווער איז אט דער שענער קעניג מיט די גרויסע שווארצע אויגען, מיט דעם שענעם שווארצען געקרייזעלטען בארד, אין די ווייסע זיידענע קליידער מיט'ן ווייסען זיידענעם היטעלע און מיט די ווייסע זיידענע שיכלעך, וואס זיצט אויבען-אן אנגעלעהנט אויף דער עסעבעט אזוי רוהיג, און אזוי מילד, און אזוי גוט, און אזוי פריינדליך צו יעדען? זאל דאס זיין איציקעל שאסטעפאל, דער שטענדיג פערטראגענער, צעטראגענער, פערהאוועטער, פערטארעראמטער איציקעל שאסטעפאל? וואו איז אהינגעקומען זיין אונרוהיג פנים, זיין איילעניש, זיין לויפעניש, זיינע געשעפטען מיט זיינע דרעהענישען, פערדרעהענישען און לארענישען מיט "קאזנא" מיט מענשען און מיט דער גאנצער וועלט?

ווער איז אט די פרעכטיגע קעניגין, וואס זיצט איהם

ביי דער רעכטער האנד מיט אזא גדלות אויסגעציערט מיט פערעל און מיט בריליאנטען, וואס בלישטשען און פונקלען קענען דעם פונקעלדיגען ווײַן, וואס אין די גלאנצענדיגע פלעשער, און נעבען־צו איהר אמאלעדיג שען פנים אזוי פיעל חן און גדלות, אז ס'איז נאר נישט צו דערקענען אין איהר די שטענדיג פערוארגטע און פערצארענדיגטע שיווקע שאסטעפאל. וואס ווערט פערשווארצט ביי איהר מאן דעם רעספאט אין עושר און אין כבוד?..

ווער איז אט די גלענצענדע מאיעסטעטיש שענע פרינצעסין מיט די גרויסע שענע שווארצע אויגען און מיט די גלענצענדע שווארצע געקרייזעלטע האר, וואס פאסען זיך אזוי צו דעם ווייסען קלייד, וואס די מוטער האט מיט טרערען געפועלט ביי איהר זי זאל דאס אנטהון חאטש איין מאל צוליעב איהר און צוליעב דעם היילינגען יום־טוב, און זי האט איהר צוליעב געטהון, נישט געקאנט צוזעהען דער מאמעס טרערען?...

דאס איז געשעהן באלד נאך ליכטבענשען. דער פאטער איז נאך געוועזען אין שול, די מוטער איז געשטאנען איין אויסגעציערטע אין זייד, אין פערעל און אין בריליאנטען, אקעגען א האלב טוץ גרויסע שענע זילבערנע לייכטער, מיט איין אלטען זיבענערעהדיגען קאנדעליאבר אין מיטען, מיט אויפגעהויבענע הענד צו די צוגעמאכטע אויגען, געבענשט ליכט און שטילערהייד געוויינט, אזוי שטיל און פערבארגען, אז נאר ע ר אליין (גאט ברוך הוא) זאל הערען... און טאמארא איז זיך געזעסען ביי טישעל אין א זייט אין איהר געוועהנליך שווארץ וואכעדיג קלייד איבער א ביכעל און האט געלייענט, און אפשר איז זי געזעסען אזוי און האט געטראכט..

אבגעבענשט ליכט, איז די מוטער צוגעגאנגען צו דער טאכטער, אויסגעקנאקט זיך אלע פינגער און אוועקגעזעצט זיך נעבען איהר און גענומען רעדען איבער איהר, חלילה נית געשטראפט, נאר אזוי מיט גוטען אויסגערעדט זיך דאס הארץ פאר איהר קינד, איהר איינציגער טרייסט

אויף דער גאנצער וועלט, איבערגעגעבען אין האלבע ווערטער און מעהר אויפ'ן וואונק אלעס, וואס זי שטעהט אוים פון איהר מאן... זי בעשולדיגט איהם חלילה ניט און בעקלאגט זיך ניט אויף איהם, הלואי זאל איהר קינד ניט האבען קיין ערגער לעבען, ווי זי האט ביי איהר מאן. נאר א מאן איז דאך נישט מעהר ווי א מאן, ובפרט נאך אזא פערטראגענער בעשעפטיגטער מענש ווי ער, וואס לעבט אליין נישט אויף דער וועלט אחוץ שבת און אחוץ יום-טוב. און וואס לאזט אוים תמיד זיין ביטער הארץ צו איהר, צו דער מוטער, פאר אלסדינג: פאר דעם, וואס דער סאמאוואר איז ניט אזוי גיך פארטיג. און פאר דעם, וואס דער לאדעניש האט זיך ניט איינגעגעבען. און פאר דעם, וואס די טאכטער איז אין פעטערבורג,— פאר אלסדינג, פאר אלסדינג קומט אב זי, די מוטער, און אלסדינג נעהמט זי אן פאר ליעב, ווארום מסתמא הייסט גאט אזוי און אקעגען גאט קאן מען ניט געהן...

אזוי קלאגט זיך שיווקע פאר איהר טאכטער און ווישט די אויגען, און די אויגען ווילען ניט אויפהערען צו וויינען, און טאמארא וויל איהר ערקלערען, אז ניט גאט, זי אליין איז שולדיג, וואס זי לאזט זיך טרעטען מיט די פים... און די מוטער הערט נישט אויף אויסצוגיסען איהר פערביטערט הארץ פאר איהר טאכטער, וועלכע זי וואלט וועלען זעהען גליקליך, ווייס זי ניט ווי אזוי... זי וואלט זיך וועלען מפקיר זיין פאר איהר, אוועקגעבען אט די גאנצע ציערונג איהרס, אט די פערעל מיט די דימאנטען, מיט די בריליאנטען, מיט'ן גאנצען לעבען איהרס אויב עס זאל זיין נאר אין דעם די מניעה... צוליעב איהר קינד וואלט זי, שיווקע שאסטעפאל, איציקעל שאסטעפאל'ס ווייב, זיך געשטעלט דיענען...

אזוי זאגט די מוטער, און טאמארא'ס הארץ איז געריהרט און די נשמה איז צעווייקט און זי וויל בערוהיגען איהר מוטער און זי קאן דאס ניט טהון, זי ווייס ניט ווי

אזוי ... זי איז אזוי ווײט, אזוי אָבגעריסען פֿון איהר מוטער! ... און די מוטער הערט ניט אויף צו בעקלאָגען זיך אויף איהר פֿינסטער מזל, וואָס זי האָט נישט פֿערדיענט בײ גאָט, אַז איהר אײנציג קינד, איהר אויג אין קאָפּ, זאָל ניט קאָנען ברענגען פֿאַר איהר מאַמע אַ קלײנעם קרבן, איהר צוליעב אויף אָט אַזוי פֿיעל. פֿערשאַפֿען איהר מוטער חאָטש אַ קאַפּעל פֿערגניגען, חאָטש אויף אַ פּאָר שעה נישט מעהר... און זי פֿועל'ט בײ איהר טאָכטער זי זאָל זיך אָנטהון אין אַ װײס קלײד „צוליעב איהר און צוליעב'ן הײליגען יום-טוב" — און ס'איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט קײן גליקליכערע מוטער ווי שיווקע שאָסטעפּאַל, די פּרעכטיגע קעניגין אין דער דאָזיגער נאַכט! ... און אַז דער פֿאָטער קומט פֿון שול מיט'ן ברײטען „גוט יום-טוב!" און דערזעהט טאַמאַראַ'ן אָנגעטהון יום-טוב'דיג, ווערט זײן קײזערליכע מאַיעסטעט נאָך מעהר מאַיעסטעטיש און זײן פֿאָטערליכעס הארץ נאָך מעהר גליקליך, און ער איז איהר מוחל אַלע יסורים מיט אַלע בזיונות מיט אַלע ניט-דערשלאָפֿענע נעכט מיט אַלע צרות, וואָס ער איז איבער איהר אויסגעשטאַנען ביז הײנטיגער נאַכט! ...

— ווער וועט בײ מיר פֿרעגען די פֿיער קשיות? — זאָגט איציקעל שאָסטעפּאַל אין אַ שפּאַס צו דער טאָכטער, און בעקומט פֿון איהר אַזאַ מין ענטפֿער:

— די 4 קשיות, וואָס איך וועל בײ דיר פֿרעגען, וועסט דו מיר נישט קאָנען פֿערענטפֿערן...

— גוט, מיר וועלען זעהען — זאָגט דער גליקליכער פֿאָטער און גרײט זיך צו צום סדר, לעגט אַוועק פֿאַר איטליכען אַ הגדה, אַפֿילו פֿאַר חוה די יודינע און פֿאַר חאַסקע דעם שטובמײדעל, וואָס זיצען, נאָך דעם אַלטען יודישען מנהג, בײם סדר גלײך מיט אַלעמען, ווײל פּסח צום סדר זענען אַלע גלײך, נישטאָ קײן בעל-הבית, נישטאָ קײן דיענסט, נישטאָ קײן האַר, נישטאָ קײן קנעכט — פֿרײ איז מען, פֿרײ, ווי בשעת מען איז אַרויסגעגאַנגען פֿון

מצרים!... און איציקעל שאסטעפאל זעצט זיך אוועק אפ־ריכטען דעם סדר מיט דעם גאנצען פראכט און גלאנץ, ווי זיין טאטע האט געטהון, און ער מאכט דעם שענעם ברייטען יום־טוב'דיגען קדוש, ווי זיין טאטע האט געמאכט, און ער זינגט די הגדה מיט דעם זעלבען נגון, ווי זיין טאטע האט געזונגען, און אז ער זאגט שוין אב אלעס וואס ווערט גע־זאגט פארן עסען, און אז ער וואשט זיך צו דער סעודה און מאכט די ברכה „על אכילת מצה" און עס האלט שוין ביי די פיש, ביי די זיסע־פעפערדיגע־געפאפריצירטע־צוקער־דיגע־שמעקעדיגע פיש מיט דער אונטערגעווייקטער מצה, רופט זיך אן איציקעל שאסטעפאל צו טאמאראן מיט א שפאס:

— נו, אצונד קאסט דו מיך פרעגען די 4 קשיות,

— משוגע מיינע שונאים! — זאגט שיווקע צו'ם מאן— דאס קינד וויל עסען, הייסט ער איהר גאר פרעגען די 4 קשיות.

— נישקשה, מאמע, עס מאכט ניט אויס, איך קאן עסען און צוגלייכער צייט פרעגען דעם טאטען די 4 קשיות.

אזוי זאגט טאמארא צו דער מוטער מיט א שמייכעל און ווענדט זיך צו'ם פאטער, אזוי צו זאגען:

— טאטע, איך וועל דיך פרעגען 4 קשיות—אזוי דארף מען פרעגען די 4 קשיות?

— אזוי, אזוי טאכטער—ענטפערט איהר דער גליקליכער פאטער. און די מוטער קוועלט, ווערט ברייטער ווי לענגער, און טאמארא זאגט:

— אט ריכטען מיר אב דעם סדר, אזוי דארף זיך מען זאגען?

— אזוי, אזוי, טאכטער מיינע—ענטפערט איהר דער גליקליכער פאטער, און די מוטער קוועלט, ווערט ברייטער ווי לענגער, און טאמארא זאגט ווייטער:

—אלזא, ריכטען מיר אב דעם סדר און, אויף וויפיעל איך פערשטעה פון מיין רוסישער הגדה וואס דו האסט מיר

צוגעגרייט, פייערען מיר א יום טוב פון בעפרייאונג און מיר האפען ווידער אמאל בעפרייעט צו ווערען פון דעם גלות, און ווען מיר געפינען זיך איצט, אפשר נישט בעסער ווי אמאל אין מצרים, און מיר ווינשען זיך, איבער א יאהר זאלען מיר אלע זיין זעלבסטשטענדיג ביי זיך אין אונזער לאנד, אין אונזער ירושלים. אזוי דאכט זיך? נו, וועל איך דיך פרעגען: ערשטענס, זאג מיר, וואס האבען מיר געטהאן ביז אהער צוליעב די דאזיגע בעפרייאונג? איך מיין, איך און דו, און דיינע עלטערען, און אונזערע אור-אור-עלטערען פון יענער צייט אן ביז היינטיגען טאג? צווייטענס, וואלט איך וועלען וויסען, צי איז עס א וואונש פונ'ם גאנצען יודישען פאלק? איך מיין, צי אלע יודען פון דער גאנצער וועלט ווילען, אז ס'זאל קומען משיח און זאל אונז פיהרען אהין, אינ'ם געבענשטען לאנד? אדער עס געפינען זיך אזעלכע, און אפשר נאך א כך אזעלכע, וואס האבען נישט חשק, קיין קאפ חשק נישט, אז ס'זאל קומען משיח און זאל זיי צונעהמען פון א ציוויליזירט לאנד, פון שענע הייזער, פון רייכע גיטער, און אוועקפאהרען אין א מדינה, וואס שטעהט נאך ניעדעריגער אלס אונזער מדינה און אונטער א רעזשים, א רעגירונג, וואס איז נאך ווילדער אלס אונזער רעגירונג?... שלאג מיך נישט איבער, טאטע, איך האב דיך ערשט געפרעגט צוויי קשיות. און פרעגען דארף איך דיך פיער? אלזא, איז געבליבען נאך צוויי קשיות: דריטענס, וויל איך וויסען, זאלסט מיר זאגען, אבער אויפריכטיג, צי איז די געשיכטע מיט משיח'ן און מיט ירושלים נישט מעהר ווי איין אלטע תפילה פון איין אלטען סדור וואס מע האט אמאל, פארצייטען, אנגעשריבען פאר אונזערע אור-אור-עלטערען? און פיערטענס, אויב ס'איז יא אזוי, הייסט צו וואס נוצט אונז די גאנצע קאמעדיע?... האב קיין פאריבעל נישט, טאמער האב איך דיר מיט מיינע נארישע קשיות געשטערט דיין יום-טוב און, אויב דו קאנסט, גיב מיר אויף זיי א תירוץ.

* * *

זאגען, אז דער פאטער האט נישט געהאט וואס צו ענטפערען דער טאכטער אויף איהרע פיער קשיות, וואלט געווען ניט ריכטיג. איציקעל שאסטעפאל האט דוקא יא געענטפערט, און דוקא א סך געענטפערט, און שטארק געהיצט זיך, און שטארק געמאכט מיט די הענד, ווי זיין שטייגער איז, און געגעבען אגב דער טאכטער א פסק, פאר וואס זי רופט אן דעם הייליגען סדר פונ'ם הייליגען יום-טוב מיט'ן נאמען „קאמעדיע"... ער האט געפייערט, געשפרונגען פון איין ווארט איבער'ן אנדערען, אנגעהויבען איינס, נישט געענדיגט און אריבער צום אנדערען, — מיט איינעם ווארט, איציקעל שאסטעפאל האט זיך פערטיידיגט, ווי ווייט ער האט געקענט, אהן א סיסטעם, ווי א מענש, וואס איז ניט געוואהנט צו דיסקוסיעס, צו שלאגען זיך; אזא מענש טהוט דאס בעסטע וואס ער קאן: ער שפרינגט, ער דרעהט זיך, דערלאנגט א זעץ פון אונטען, צעלאזט זיך און פאלט פון זיך אליין, חאפט זיך אויף און שפרינגט ווייטער — אזא מענש קאן נישט געווינען דעם „קריעג", אזא מענש, ווי ער זאל ניט זיין געזונד און קרעפטיג, מוז געשלאגען ווערען...

טאמארא האט געלאזט דעם פאטער רעדען, געקוקט אויף איהם מיט איהרע גרויסע שענע קלוגע אויגען ווי ער פלאנטעט זיך, און א גרינג שמייכעלע איז געשטאנען אויף איהר שען פערזארגט פנים, וואס די מוטער האט זיך נישט געקאנט זאט אנקוקען אן דעם, געווארען ברייטער ווי לענגער, און שיווקע האט געטראכט מיט א געפיהל פון נקמה:

— אט אזוי א!... זאל ער וויסען!... זאל ער זיך פערענטפערן פאר זיין אייגען קינד!... ער מיינט, ס'איז איהם איך!... א, זאל זי מיר נאר זיין געזונד און זאל זי שוין נאר זיין אין דערהיים, וועט זי זיך שוין רעכענען מיט איהם פאר מיר אויך!...

איציקעל שאסטעפאל האט געחאפט א קוק אויף שיווקע'ס פנים, האט פערשטאנען, אז זי האט אן איהם א נקמה,

האט ער פלוצים איבערגעריסען און א זאג געטהאן:

—טא! מילא, מע קאן אזוי אוועקזיצען און אוועקפלאפלען ביז טאג... מע דארף זיך נעהמען צו דער הגדה, אבריכטען דעם אנדערען האלבען סדר!...

קאפיטעל ל״ג.

דער זוהן ריכט אב דעם סדר און דער פאטער פרעגט די 4 קשיות.

מיר זענען געצוואונגען בעטען ביים לעזער פערצייהונג פאר צוויי מינוט צייט, וואס מיר וועלען איהם אבררייסען פון דער געשיכטע און איבערגעבען דא א בריוועל, וואס מיר האבען נאר-וואס בעקומען דורך דער פאסט פון אונזער קאלעגא, דעם פערפאסער פון פיעלע הארצרייסענדע, איבערשפאנענדע און הימעל-שרייענדע ראמאנען. אט וואס עס שטעהט אין בריוועל:

„האכגעשעצטער קאלעגא מיסטער שלום-עליכם!

„ווייט וויסען, אז איך לייען אייער ראמאן און גיב אכטונג אויף די ענטוויקלונג פון די פאסירונגען און איך געה נאך אייערע העלדען פוס-טריט, און איך דארף אייך זאגען, ליעבער קאלעגא, אז איך בין ניט פון די קריטיקער וואס האבען ליעב קריטיקירען יענעמס ארבייט, ערשטענס ווייל פאר א נאר, זאגט מען, ווייזט מען קיין האלבע ארבייט... און צווייטענס איז גלאט נישט מיין טבע איך זאל אויסזעצען יענעמס פעהלערען, נאר איך דארף אייך זאגען אויפריכטיג, אז צום אנפאנג האב איך מיך געפרייעט; איך האב געמיינט, אז דאס איז א געשיכטע, א מין „געהיימניס פונ'ם טירקישען הויף". איך האב געזאגט: אחינו אתה!„ איך האב געקוועלט: אט-אט, איהר שניידט זיך אויפ'ן אמת'ען וועג! צום סוף זייט איהר פערקראכען צו „אונזערע יודעלעך", געגומען בעשרייבען גאר דעם יודישען פסח מיט'ן

יודישען סדר און נאך אזעלכע געוועהנליכע יודישע זאכען... איהר האט פערגעסען, קאלעגא, אז איהר זייט נישט אין דערהיים, איהר זייט אין אמעריקא!... דאס איז נומער איינס והשנית דארף איך אייך זאגען, אז איך בין נישט פון די יודען, וואס האבען ליעב געבען עצות דארט, וואו מען פרעגט זיי נישט. איך וויל אייך נאר זאגען וואס איך וואלט געטהון, ווען איך זאל זיין שלום-עליכם און ווען איך זאל שרייבען דעם מבול..."

און מיין קאלעגא לעגט מיר פאר זעהר א שענע קאמבינאציע, א אינטריגע, א פערדרעהטע, א פערפלאנטעטע. „בקצור איך דארף אייך, זאגט ער, קיין פינגער אין מויל ניט אריינלעגען, איהר זייט דאך אליין אויך א בעל מלאכה...."

אך! וויאס פאר נאאיווע מענשען עס איז דא אויף דער וועלט! זיי מיינען, אז דער לעזער איז טאקי אזא בהמה, וואס פערשטעהט שוין גאר נישט! זיי מיינען, אז דער לעזער, וואס איז קלאר אין די אלע איבערשפאנענדע ראמאנען ווי א יוד אין „אשרי", ווייס ניט פריהער, וואס דער און דער העלד וועט טהון און וואס מיט יענער און יענער העלדין וועט פאסירען, נישט מעהר, מען איז נייגעריג צו זעהען, ווי אזוי וועט זיך דא דער מחבר ארויספלאנטען פון דער פערדרעהעניש? ס' איז היינט א קלוגע וועלט געווארען, מע קאן שוין איצט ניט נארען קיינעם אפילו אין אמעריקא...

אלזא, מיר קעהרען זיך אום צו אונזערע העלדען און מיר געהען זעהען, ווי אזוי א זוהן ריכט אב דעם סדר און דער טאטע פרעגט ביי איהם די 4 קשיות.

סאשא ראפאלאוויטש האט פיינט געהאט רוהען, זיצען לעדיג, ער איז נאר אראב פון דער פוהר האט ער געלאזט ווייסען זיינע חברים, אז ער איז דא, און ניט שפעטער ווי אויף מארגען אין דער פריה האבען אנגעהויבען זיך שיטען צו איהם אלטע חברים, פריינד און בעקאנטע, ציוניסטען, סארער-נע משכילים, וואס היינט רופט מען זיי שוין „אינטעליגע-

טען״, לעהרערס, תלמדים און גלאט יונגע לייט מייסטענטייל קבצנים ...

זעלבסטפערשטענדליך, אז דער אפטייקער האט דערפון געהאט ווינציג וואס נחת. האט אבער מורא געהאט צו פראטעסטירען עס זאל נישט ארויס קיין קאנפליקט צווישען איהם און צווישען זיין זוהן. א קלייגער קאנפליקט איז שוין ארויסגעקומען צווישען זיי נאך אין דעם ערשטען אבענד פון סאשא׳ס אנקומען פון פעטערבורג. דער פאטער האט זיך געוואלט אויספיינען פאר זיין זוהן, אז ער איז ניט קיין פראווינציאל, און אז ער לעזט אלע פעטערבורגער בלעטער, און אז ער נעהמט אנטייל אין דער בעפרייאונגס בעוועגונג, דאס הייסט ער אליין טהוט גאר ניט, וואו האט ער צייט? נאר ער סימפאטיזירט ...

— סימפאטיזירסט דו אויך מיט די בעפרייאונג פון אונזער פאלק? —

— פון וואסער פאלק? — פרעגט איהם דער פאטער, און דער זוהן ענטפערט איהם:

— פון אונזער אייגען יודישען פאלק.

— זענען מיר דען אויך א פאלק? — פרעגט דער פאטער נאאיוו.

— וואס דען זענען מיר?

— איך וויים וואס מיר זענען? מיר זענען יודען.

און ביידע, דער פאטער מיטן זוהן, צעלאכען זיך.

— וועסט ניט האבען קיין פאראיבעל וואס איך וועל דיר זאגען? — מאכט סאשא צום פאטער.

— זאג, זאג, דו קענסט דאך מיך, איך בין ניט פון די, וואס בעלייריגען זיך! קאנסט זאגען וואס דו ווילסט. עסט אוראי זאגען, אז... וואס וועסט דו זאגען?

— איך וועל זאגען, אז ביי קיין אומה ולשון, ביי קיין פאלק וועט זיך ניט געפינען אזעלכע, וואס זאלען אפלייקענען זיך אליין, זאגען אויף זייער אייגען פאלק, אז ס׳איז קיין פאלק נישט.

— נו, יאָ! — שרייט-אויס דער אַפּטייקער טריומפירענד און מיט אַ קוויטש — ווייסט דו פאַרוואָס? ווייל אַט אַזאַ פאָלק זענען מיר!

— אַט אַזוי דענקען נור שקלאַפען — זאָגט סאַשאַ — שקלאַפען, קנעכט, וועלכע האָבען אונטער דער אייזערנער רוט פון זייערע פערפאָלגער פערלאָרען אין גאַנצען זייער זעלבסטבעוואוסטזיין. אין גאַנצען זייער עהרע צו זיך אַליין.

און עס ציהט זיך ביי זיי אַ דעבאַטע אויף אַ גאַנצע שעה, פון וועלכער דער פאָטער זעהט אַרויס, אַז ער איז צו שוואַך ער זאָל קענען בייקומען זיין זוהן, און עס מאַלט זיך איהם אויס, אַז זיין זוהן זעהט זיין שוואַכקייט, און ער פיהלט זיך, ווי עס דאַרף זיך פיהלען אַ גרויסער מענש, וואָס ליעגט פון אונטען צוגעקוועטשט מיט'ן פוס פון אַ פיעל קלענערען פון איהם... דאָס איז אַ געפיהל, אין וועלכען עס איז אויסגעמישט פערדרוס, שאַנדע, געבראָכענער נצחון און מאַכטלאָזער צאָרן. און דער אַפּטייקער האַקט איבער דעם שמועס אין מיטען און זאָגט צו זיין זוהן, אַז מיט סעקטאַנטען און מיט פאַנאַטיקער האָט ער פיינדט צו דיסקוטירען — אַ גוטע נאַכט!...

— אַ גוטע נאַכט! — ענטפערט איהם דער זוהן, און ביידע שטעהען-אויף, קוקען זיך גלייך אין די אויגען אַריין, ווי 2 געגנער, וואָס ביידע ווייסען גאַנץ גוט, ווער פון זיי איז דער שטאַרקערער און ווער איז דער שוואַכערער...

אויף מאָרגען אין אָבענד, אַז דער אַפּטייקער איז געקומען פון דער אַפּטייק אַהיים, האָט ער געטראָפען ביי זיין זוהן אַ יונגענמאַנטשיק מיט אויסגעריבענע עלענבויגענס. נאָך די געקרייזעלטע שווארצע הערלעך מיט'ן אויסגעבויגענעם רוקען האָט ער דערקענט סאַשאַ'ס חבר פון גימנאַזיע.

— מיין חבר שמעון קעסלער.

אַזוי האָט איהם סאַשאַ פאָרגעשטעלט פאַר זיין פאָטער. און דער אַפּטייקער האָט דערלאַנגט קעסלער'ן אַ פאַר

פינגער פון זיין קאלטער אפטייקערשער האנד און א זאג געטהאן:

— עס פרייעט מיך זעהר...

וואס פאר א בעדייטונג עס האט אט דער „עס פרייעט מיך זעהר“ ווייס שוין יעדער ערפאהרענער מענש, וואס איז אלט אביסעל מעהר פון אכצען יאהר. עס האט כמעט די זעלבע בעדייטונג, וואס דאס ווארט „זיצט“! וועלכעס איהר זייט צו אייערען א קרעדיטאר, וואס האט אויסגעזוכט אייער נייע אדרעסע און איז געקומען צו אייך דערמאנען אייך מכח איין אלטען-אלטען חוב... עס קאן בעדייטען: וואו ביזט דו געוועזען בשעת ערדציטערניש?... אדער: „למאי זענט איהר ניט געפאהרען אויפ'ן שיף, וואס איז אונטער-געגאנגען ניט וויים פון ולאדיוואסטאק“? אדער „געהט איהר אפט מיט דער אונטערערדישער באהן אין אמעריקא“?... סאשא האט פערשטאנען, אז דער פאטער איז פון דער בע-קאנטשאפט עפעס ניט אזוי שטארק ענטציקט, האט ער א זאג געטהאן צום פאטער:

— שמעון קעסלער איז א אינזשינער (קעסלער האט געוואונען ביים אפטייקער אין די אויגען גוטע 50 פראצענט!) און א בעריהמטער מאטעמאטיקער (קעסלער'ס אקציעס האבען זיך אויפגעהויבען מיט נאך 40 פראצענט!) און נאך מעהר א בעריהמטער ציוניסט. (דא האבען קעסלער'ס אקציעס געגעבען צוריק א פאל-אראב ביי'ם אפטייקער אין די אויגען אויף 90 פונקטען מיט אמאל)! איך רעכען, פאפא, אז דו וועסט ניט האבען גארניט קעגען דעם, וואס מיין חבר שמעון וועט בלייבען ביי מיר איבער פסח. (דא איז דורכ-געפלויגען ביים אפטייקער אין קאפ א מחשבה, אז עס וואלט געוועזען א יושר, אז אט דער בעריהמטער מאטעמאטיקער-ציוניסט זאל אויסטרינקען א פאר גראם „קאלי סיאנידי“, אדער חאטש 5 גראן „מארפיום סולפוריצי“ געמישט מיט „אצידום ארסעניצי“ — וועט ער שוין פערגעסען פונם פסח...)

נאטירליך האט דער אפטייקער געזאגט, אז עס וועט איהם זעהר פרייען, וואס זיין זוהנס חבר וועט ביי זיי האלטען פסח, און אזוי איז אונזער נייער בעקאנטער שמעון קעסלער געבליבען א תושב, א היימישער מענש ביים אפטייקער אין שטוב.

דעם דריטען אבענד, אז ראפאלאוויטש דער אפטייקער איז געקומען אהיים, האט ער געטראפען ביי זיין זוהן א גאנצע קאמפאניע, א מין פערזאמלונג פון יונגע לייט און פון יודען, אזעלכע וואס ער האט זיי ביי זיך אין שטוב קיין מאל נישט געזעהען. „ציוניסטען"! „סעקטאנטען"! — אזוי האט זיך געטראכט דער אפטייקער און געענטפערט יעדען איינציגען אויף זייער „גוטען אבענד", נאר אז ער האט דערזעהען צווישען דער חברה אויך אזעלכע צוויי פארשוינען, ווי שמשון בערנשטיינ'ס זוהן און ווי לוי היילפערינ'ס זוהנדעל, איז ער געווארען איין אנדער מענש, עס האט זיך בעוויזען ביי איהם א שמייכעלע אויפ'ן פנים און ער האט ארויסגענומען זיין גרויסען זילבערנעם פארטסיגאר און האט מכבד געוועזען ביידע נגידישע בחורים, וואס זענען בעוואוסט אין שטאדט, שמשון בערנשטיינ'ס זוהן מיט לוי הייפערינ'ס זוהנדעל, מיט פאפיראסען, איז אבגעטרעטען מיט זיי א ביסעל אן א זייט צום פענסטער, פערדרייכערט א סיגאר און אריינגעלאזט זיך מיט זיי אין א שטיקעל שמועס:

— וואס זאגט איהר אויף מיין סאשא'ן?

— סאשא? — ציהען-אויס ביידע נגידישע בחורים מיט א נגון און פערווארפען דעם קאפ ארויף, ווי איינער רעדט: איהר דארפט נאך פרעגען?...

און דעם אפטייקערס הארץ וואכסט, די נשמה פרייעט זיך: א קלייניגקייט, הערען „אזעלכע ווערטער" פון שמשון בערנשטיינ'ס זוהן און פון לוי הייפערינ'ס זוהנדעל!

שמשון בערנשטיין און לוי הייפערין זענען די רייכסטע יודען און די גרעסטע פאבריקאנטען אין שטאדט, בערנשטיינ'ס זוהן מאקס איז א הויכער שוין מיט א בייכעל,

דערפֿאַר הײסט ער שמשון בערנשטײנ'ס „זוהן"; און לוי הײלפּערינ'ס זוהן בערטשיק אָדער בערנאַרד, איז א קלײנ[illegible]קער, דערפֿאַר רופֿט מען איהם לוי הײלפּערינ'ס „[illegible]", דער „זוהן" מיט'ן „זוהנדעל", האָטש אײנער [illegible] א גרױסער און דער אנדערער איז א קלײנ[illegible], [illegible] פֿון דעסט־װעגען צװישען זיך די גרעסטע [illegible]נר, נפש אחת, און זענען פֿערדעכענט אין שטאָדט צװישען די יודען פֿאַר די פֿײנסטע און פֿאַרנעהמסטע קינדער, װאָס ניט יעדער האָט [illegible] צו זעהען זײ בײ זיך אין שטוב. אױך ראַפּאַ־פּאָװיטש דער אַפּטײקער האָט קײן מאָל גאָר אַפּילו די השגה ניט געהאַט אײנצולאַדען דעם „זוהן", אָדער דאָס „זוהנדעל" צו זיך אין שטוב אַרײן, און דאָ קומט ער פּלוצים אַרױס — נאַט אײך, זײ זענען בײדע דאָ!... און דער גליק־ליכער אַפּטײקער מרעט ניט אָב פֿון זײ, לאָזט ניט אַראָב פֿון זײ קײן אױג, קוקט, װי אַזױ זײ טרינקען טײ! װי אַזױ זײ רעדען, װי אַזױ זײ לאַכען און מיט װאָס פֿאַר א רעס־פּעקט זײ הערען זײן זוהן רעדען (און סאַשאַ קאָן טאַקי רעדען, דער אַפּטײקער אַלײן הערט זיך אױך אײן צו זײן זוהנס רעדען מיט גרױס רעספּעקט)! און אַז דער עולם צו־געהט זיך, געזעגענט זיך דער גליקליכער פֿאָטער מיט אַיטליכען בעזונדער, קװעטשט די האַנד דעם „זוהן" מיט'ן „זוהנדעל", לײַכט זײ צו בײ דער טהיר, העלפֿט זײ אױס־זוכען די קאַלאָשען — דער כח פֿון געלד!...

יא, סאַשאַ האָט אין דעם אָבענד בײ זײן פֿאָטער גע־װאונען אַזױ פֿיעל, אַז אַפּילו זײן חבר שמעון קעסלער איז געװאָרען בײם אַפּטײקער מיט עטליכע פּראָצענט העכער, און בײדע זענען זײ בײ איהם געװאַכסען און געװאַכסען פֿון מינוט צו מינוט, אַז סאַשאַ האָט געפֿועלט בײ זײן פֿאָטער, געװעהנליך נאָך א לאַנגער דעבאַטע, ער זאָל הײנטיגען פּסח מאַכען בײ זיך א יודישען פּסח, מיט מצות, מיט כשר גע־פֿעס, מיט א סדר און מיט אַלע זיבעצעהן זאַכען. ביז אַהער פֿלעגט ער יוצא זײן נאָר מיט מצות אַלײן, דאָס הײסט

ער האָט צוליעב געטהאָן דעם בעקער, וואָס איז זיינער אַ קונה אין דער אַפּטייק און וואָס דאָקוטשעט זעהר אַז עס קומט ערב פּסח, מע זאָל בעשטעלען מצות בייַ איהם, ניט בייַ קיין אַנדערען. דערפֿאַר אָבער אויף זייער „פּסחא“ איז שוין געוועזען בייַ איהם צום טיש אַ הויכער אַ שענער פּסחא-קוילעטש מיט אַ קליין חזיר'ל, אויך נאָר פֿון יוצא וועגען, צוליעב דער דייטשקע דער בריסטין, וואָס דרעהט זיך אַרום אין שטוב... אַט דאָס ווערט אָנגערופֿען אַ מענש, וואָס וויל זיך ניט קריגען מיט דער וועלט...

און אַז דער פּסח איז געקומען און מען האָט זיך אויסגעזעצט די ערשטע נאַכט בייַ ראַפּאַלאָוויטש'ן צום סדר זאָגעדריט: דער אַפּטייקער, זיין זוהן סאַשאַ און זיין חבר שמעון קעסלער, האָט דער פֿאָטער אויסגעזעהען בייַ זיך אין שטוב ווי אַ פֿרעמדער, ווי אַ גאַסט; ער האָט זיך אָנגעטהון אין אַ שוואַרצען ראָק, פֿערשפּיליעט פֿון אויבען ביז אַראָב, צוגעמאַכט אַלע לאָדען פֿון די פֿענסטער, מע זאָל חלילה ניט דערזעהען פֿון דרויסען, אַז בייַ ראַפּאַלאָוויטש דעם אַפּטייקער ריכט מען אָב דעם סדר, האָט געהויבען אַלע מינוט דעם צילינדערהוט און געווישט זיך דעם שוויים, געזאָגט, אַז ער איז ניט געוואוינט צו זיצען אין שטוב מיט אַ צוגעדעקטען קאָפּ. און האָט זיך בערוהיגט ערשט דעמאָלט, אַז ער האָט אַרויסבעגלייט זיין „דייטשקע“ די בריסטין, וואָס איז געוועזען די בעל-הבית'טע בייַ איהם אויף דער שטוב. ער האָט זיך גאַר ניט געקאָנט פֿאָרשטעלען, אַז זיין „דייטשקע“ זאָל זעהען איהם, ראַפּאַלאָוויטש'ן, איבער אַ יודישען סדר...

און אַז די „דייטשקע“ איז אוועקגעגאַנגען און סאַשאַ מיט זיין חבר שמעון קעסלער האָבען זיך גאַנץ ערענסט אויסגעזעצט צום סדר זאָגען די הגדה, האָט ראַפּאַלאָוויטש דער אַפּטייקער גענומען פֿרעגען קשיות בייַ זיין זוהן:

די ערשטע קשיא האָט ער איהם געפֿרעגט: וואָס זאָל ער זאָגען? פֿון וואַנען זאָל ער אָנהויבען צו זאָגען?

די אנדערע קשיא האט ער איהם געפרעגט: וואס איז דאס אזעלכעס אט דאס, וואס ער זאגט?

די דריטע קשיא האט ער איהם געפרעגט: פאר וואס זאגט מען דאס עפעס גראד פסח און ניעט אין קיין אנדער יום־טוב?...

די פיערטע קשיא האט ער איהם געפרעגט: וואס איז דאס אזעלכס אייגענטליך פסח?...

ראפאלאוויטש דער אפטייקער האט געוואלט פרעגען נאך עטליכע קשיות, האט איהם דער זוהן איבערגעשלאגען אין מיטען און איהם בעמערקט, אז פסח צום סדר בעדארף מען פרעגען נאר 4 קשיות, און סאשא דאט איהם אין א האלב שפאסענדען און א האלב ערענסטען טאן פערענטפערט אלע זיינע קשיות, און נאכדעם האט מען זיך גענומען צו דער הגדה גאנץ געשמאק, אויסגעזונגען אויף א קול, וואס וויטער אלץ העכער און העכער און מיט מעהר ענטוזיאזם, און אז ס'איז געקומען צו „הלל", האט שמעון קעסלער, דער בעריהמטער מאטעמאטיקער זיך צעשאקעלט און צעזונגען ווי א חזן בים עמוד, אזוי אז נאך די „ארבע כוסות", וואס קומען על פי דין, און נאך די צוויי דריי כוסות, וואס פאר די פיש און אין מיטען די פיש און נאך די פיש, האט זיך דער אפטייקער אליין, וואס האט נאר־וואס געשטעלט אזעלכע 4 הארבע קשיות, אויך צעזונגען אויף א קול און צונעציקעלט זיך אויפ'ן יודישען שטייגער, אליין נישט צוהערען וואס ער זינגט... א פנים עס האט אויפגעוואכט ביי איהם די יודישע נשמה, וואס איז אבגעשלאפען א יאהר עטליכע און דרייסיג, אויפגעוואכט, אויסגעווישט די אויגען און ארומגעקוקט זיך אויף אלע זייטען. וואו זי איז אין דער וועלט... אויף לאנג? אויף תמיד? אדער נאר אויף היינטיגען אבענד? אויף היינטיגען פסח? און אוועק דער פסח וועט זי זיך אפשר צוריק לעגען שלאפען?...

דאס וועלען מיר זעהען וויטער.

קאַפּיטעל לד.

דעם שוסטערס שוויגענדיגער אורח.

זויבּ דער ליעבער גוטער יום-טוב פּסח איז פֿאַר די נגידים אַ תענוג, איז ער פֿאַר אָרעמע לייט אַ גן-עדן.

איין אָרעמער בעל-מלאכה, אַ מלמד, אַ קרעמער, אַ הענדלער, אַ טענדלער איז איינגעשפּאַנט אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר אין דעם יאָך, ווייס ניט פֿון קיין שום פֿערגניגען אין דער וועלט, אחוץ דעם איינציגען טאָג שבת, וואָס ער קאָן זיך פֿערגינען אָבּשלאָפֿען דעם גאַנצען טאָג, ווייס נישט, ווי אַזוי גאָט צו דאַנקען, אַז עס קומט דער גוטער ליעבער פּסח, וואָס מע וועט קאָנען רוהען גאַנצע אַכט טאָג דורכאַיינאַנד, נישט טראָגען אויפֿ'ן קאָפּ קיין שום דאגות פּרנסה, וואָרום וואָס—וואָס, מיט מצה איז מען בּעוואָרענט אויף אַ גאַנצע וואָך. און ווער שמועסט, אַז צו דער מצה העלפֿט נאָך גאָט אַ זעקעל קאַרטאָפֿליס מיט אַ דיישקעלע פּסח'דיגען בּאָרשט,—דעמאָלט מעג שוין ראָטשילד זיצען אין פּאַריז, קיינער וועט זיך מיט איהם ניט בּייטען, און נחמיה דער שוסטער אודאי ניט.

נחמיה דער שוסטער האָט דעם טאָג וואָס פֿאַר ערב פּסח אָבּגעטראָגען די אַרבּייט צו שיוקע שאָסטעפּאַל, און זיינע צוויי בּנים האָבּען אָבּגעטראָגען אַרבּייט צו שמשון בּערנשטיין און צו לוי הײַלפּערין, און אַלע דריי האָבּען גע-בּראַכט צו טראָגען ניהיים געלד אַ פֿולען היטעל. עס איז געוועען איבּער גענוג סיי אויף אַרבּע כוסות, סיי אויף אויס-צולעזען די יום-טוב'דיגע מלבּושים פֿונ'ם לאָמבּאַרד און ס'איז נאָך געבּליבּען אַ פּאָר גראָשענס אין קעשעני אויך — אַנו זאָל איצטער פּרובּען ראָטשילד זאָגען, אַז ער וויל זיך בּיי-טען מיט נחמיה דעם שוסטער!

— קינדער! קאָנסטיטוציע! — האָט אַ זאָג געטהאָן נחמיה צו זיינע צוויי בּנים און האָט אויעקגעלעגט דאָס גאַנצע שוסטער-געצייג אויף אַ זייט. אונטערן וואָרט „קאָנס-

טיטוציע" פערשטעהט נחמיה דער שוסטער „פרייהייט". ביי נחמיה דעם שוסטער, אז עס מאכט זיך א סטרייק, אדער אזוי אז מע זיצט אהן ארבייט, הייסט דאס „קאנסטיטוציע". זיינע קינדער לאכען פון איהם, ווילען איהם געבען צו פערשטעהען דעם ריכטיגען זינען פון קאנסטיטוציע; נחמיה אבער וויל נישט הערען; איהם אז עס געפעהלט א ווארט, וואס ער כאפט פון זיינע קינדער, איז פארפאלען. למשל פריהער האט ער געהאט געכאפט פון זיינע קינדער דאס ווארט „עקספראפריאציע", איז אויף יעדען טריט און שריט ביי איהם געווען עקספראפריאציע. דער גוי האט געבראכט א זעקעל קויהלען פאר א גריוונע און הייסט זיך געבען א גילדען — איז עקספראפריאציע, דאס הייסט, טרייב איהם דורך מיט די קויהלען!... א יודינע איז געקומען מיט א פאר צעריסענע שיך פרעגען איין עצה וואס טהוט מען? — איז עקספראפריאציע, דאס מיינט: ווארפט ארויס די אלטע שיך אויפ'ן מיסט און בעשטעלט אייך נייע... יודעל קטנתי איז געקומען מיט א פזמון, אז מע האט ביי איהם בעשטעלט ארבייט, צוגענומען די ארבייט און מע וויל איהם ניט בעצאהלען פאר דער ארבייט, — איז עקספראפריאציע, דאס הייסט: ס'איז פארפאלען!... זיינע צוויי זיהן, חיים און בעני האבען זיך עס דעמאלט אביסעל אנגעלאכט פונ'ם „אלטען"!

„דער אלטער" — אזוי הייסט ביי זיי דער פאטער, און ער איז ביי זיי טייער, זיי האבען איהם ליעב, האבען אויף איהם רחמנות, ארבייטען מעהר פון דעם אלטענס וועגען, אויף זיך געבען זיי אוים ווינציג; וואס דארפען אזעלכע בחורים? גארנישט מיט גארנישט. איין אנצוג, א פאר שטיוועל, א פאפירענעם קאלנער מיט א מאנישקע און פארטיג. סיידען א פערזאמלונג, א ביכעל, א חבר — דאס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך... ביכלעך (פערבאטענע) האבען זיי ביידע ליעב. חברה־לייט צווישען „חברה" זענען זיי ביידע, נאר דער עלטערער איז צו דער „אידעע" איבערגעגעבען מעהר אלס דער יונגערער. דער יונגערער בעני, איז

נאָר מיט ווערטער, דער עלטערער אָבער, חיים, איז צווישען די אַרבייטער איינער פון די בעסטע „אָרגאַניזאַטאָרס“. אַט דאָ אַז ס'איז געקומען צופאָהרען פון פעטערבורג דער יונגער ראָמאַנענקאָ צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער, איז חיים געווען איינער פון די דע[illegible]ע און ער האָט דאָס געהאַלטען אַזוי שטרענג קאָנספּיראַטיוו, אַז אפילו זיין ברודער בעני האָט ביי איהם נישט געוואוסט וואָהין ער געהט און מיט וועמען ער זעהט זיך...

אַ מאָל מאַכט זיך, אַז חיים ווערט פערפאַלען אויף אַ טאָג, אָדער אויף צוויי; קיינער ווייס ניט, וואו ער איז געווען, און מיט וועמען ער האָט זיך געזעהען, און וואָס ער האָט געטהאָן... די ערשטע צייט פלעגט די מוטער עסען דעם פאָטער, פרעגען איהם: „שלים מזל! וואָס פאַר אַ טאַטע ביזט דו?...“ דער פאָטער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרובט זיך בעקלאָגען פאַר זיין גוטען פריינד אידעל קטנתי: וואָס טהוט מען, ברודער? דערויף האָט אידעל קטנתי געענטפערט מיט אַ לשון-קודש-וואָרט, ווי געוועהנליך, „יעלה ויצמח — זאָל ער געהען, זאָל ער לויפען, נחמיה, דו ועסט גאָרנישט טהון דערצו, נחמיה, ס'איז היינט אַזאַ וועלט געוואָרען, וואָס די אייער זענען קליגער פון די היהנער... נחמיה, ס'איז ביי מיר די אייגענע מכה מיט מיין בנימ-טשיקען; איך בעט זיך ביי איהם, ווי מע בעט זיך ביי אַ גזלן: „בנימין, זאָג איך איהם, לאָז צורוה, אַ רחמנות, זאָג איך, אויף דיר!...“ הערט ער מיך ווי המן דעם גרעגער... ברודער נחמיה, ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען? — פּתח שין שאַ...“

און אידעל קטנתי לעגט-צו צוויי פינגער צו'ם מויל, אַז נחמיה זאָל שווייגען, און נחמיה פאָלגט איהם און שווייגט. ער בעט נאָר גאָט פאַר צוויי זאַכען: אַז חיים זאָל ניט אַריינפאַלען צו פאָנין אין די הענד און אַז ער זאָל ניט קאַליע מאַכען דעם יונגערען ברודער — בעני.

בעני, וויל ער איז דער קלענסטער איז ער ביי'ם

פֿאָטער טײַערן, און בײַ דער מוטער איז ער דאָס אויג אין קאָפּ, צי־טערינג, ווי אַ בן־יחיד׳ל. חיים מאַכט פֿון איהם חוזק, כאָטש ער האָט איהם ליעב דאָס לעבען; ער רופֿט איהם מיט אַ מײדעלשען נאָמען „בונצי״. בעני, געוועהנליך, וויל דאָס נישט לײדען, איז ברוגז פֿאַר׳ן מײדעלשען נאָמען „בונצי״. בעני, געוועהנליך וויל דאָס שטאַרק נישט לײדען, און איז גרײט זיך לאָזען שנײדען בײדע הענד, אַבי חיים זאָל איהם מיט אַזאַ נאָמען נישט רופֿען.

אַזאַ מין געזינדעל איז דאָס.

— קינדער, צו דער קאָנסטיטוציאַ!

אַזוי האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט נחמיה דער שוסטער און דאָס האָט בעדאַרפֿט בעדײַטען, מע זאָל זיך זעצען צו׳ם סדר, און אַלע האָבען זיך געזעצט צום כ״ר: נחמיה, זיסעל, חיים, בעני, און דער אורח, אַ געזינדער יונג אַ שוואַרצער, אַ בעוואַכסענער ווי אַ בער, מיט אַ באַסאָווע שטימע, וואָס הודיעט ווי אַ גלאָק. דעם „אורח״ האָט געבראַנגט צופֿיה־רען חיים פֿון גאַס, וואָס הײסט, נישט פֿון גאַס, נאָר פֿון אַ „חבר״, וואָס האָט איהם אַ זאָג געטהאָן אויפֿ׳ן אויהער:

— ער איז אײַן „ציטלאָפּענער״... נעהם איהם, זאָל ער זײַן בײַ אײַך אַ בעט מלאכה...

חיים האָט בעטראַכט דעם פֿאַרשוין און ער איז איהם געפֿעלען. ווי אַזוי ער הײסט, האָט ער איהם נישט גע־פֿרעגט; ער האָט איהם נאָר אַ פֿרעג געטהאָן:

— ווי אַזוי זאָל מען אײַך רופֿען?

— רופֿט מיך מישאַ נײַדיטש, — האָט דער ענטלאָ־פֿענער אויסגעהודיעט אויף זײַן באַס־שטימע, און אויב דער לעזער וועט זיך דערמאָנען אינ׳ם ערשטען טײל פֿון אונזער ראָמאַן, וועט ער געוויס דערקענען אין דעם „אורח״ משה פֿריזעל, אָדער מישאַ בערעזניאַק, דער וואָס האָט געזונ־גען אין „סאָבאָר״, דער וואָס האָט געוואוינט בײַ משה מאַלקין אין דער קאָמונע און דער וואָס האָט געלערענט אין טורמע מיט מאַשאַ באַשעוויטש דעם נײַעם „אלף בית״.

דער אורח, מישא בערעזניאק, אדער ווי מע רופט איהם שוין אצונד מישא ניידיטש, איז דעם גאנצן טאג ערב פסח געזעסען אין א ווינקעל און געשוויגען. מיט זיין פערוואכסענעם אראבגעלאזטען קאפ אויף די הארינגע הענד האט ער אויסגעזעהען ווי א בער אום ווינטער, בשעת ער פערקלויבט זיך אין א ווינקעל און זויגט זיין אייגענע בערישע לאפע... נחמיה דער שוסטער האט דאס נישט געקאנט אריבערטראגען, האט ער איהם גענומען צו'ם עקזאמען: פון וואנען איז א יוד? וואס איז אייער טהועכץ? צי זענט איהר א בעוויבטער? און אזוי ווייטער, ווי געוועהנליך. האט איהם אבער דער זוהן, חיים, איבערגעהאקט אין מיטען:

— דאס איז ניט דיין באבעס דאגה, אלטער! די פרעג איהם בעסער, צי וויל ער עסען, אדער אפשר וועלען מיר געהן פריהער אין באד אריין?

און ס'איז געבליבען, מע זאל געהן פריהער אין באד אריין. און אלע פיער: דער פאטער מיטביידע בנים מיט'ן אורח, האבען זיך געלאזט אין באד אריין.

ערב יום טוב א באד ביי יודען אין ארעמען גראד איז אויך איינע פון די תענוגי עולם, וואס בעסערס דערפון קאן מען זיך פארשטעלען סיידען אויף יענער וועלט אין גן עדן, און געבענטש זאל זיין יענער קאלומבוס, וואס האט ענטדעקט דאס דאזיגע אמעריקא פאר'ן גוף און פאר דער נשמה! פריש און לעבעדיג ווי ניי געבארען געהט ארויס דער ארעמאן פונ'ם דאזיגען מחיה'דיגען, אנגעהייצטען גיהנום, וואו ער ווארפט אראב פון זיך דעם גאנצען קערפערליכען שמוץ, בכדי ער זאל איהם ניט שטערען צו זיינע גייסטליכע פערגניגען אין זיין יום-טוב'דיגען פארדיז. דארט, אין דעם מחיה'דיגען אנגעהייצטען גיהנום האבען זיך נחמיה דער שוסטער מיט זיינע בנים מיט'ן אורח אנגעטהאן אביסעל וואוילטאג, גוט אבגעשוויצט, אבגעשמיסען זיך, אויסגעגאסען אויף זיך א היבש ביסעל וואסער, זיך ארומגעגאלט, און דא האבען אלע מיט גרויס בעוואונדערונג

בעמערקט, אז דעם אורח'ס לייב איז צעשניטען, צעהאַקט, צעקאַרדאַשעט, צעפּאַסעוועט און צעגויפּגעוואַקסען. דאָס זענען געווען סימנים פון טורמעס, צייכענס פון סיביר, זכרונות פון שמיץ, און אנדערע שלעק, וואָס נאָר אַזאַ געזונד לייב און נאָר אַזאַ געזונטער קערפּער, ווי בערעזניאַק, האָט דאָס געקענט אַלסדינג איבערטראָגען און בלייבען אַזוי געזונד, אַזוי פערקרעמפּעוועט גלייך ווי ס'איז גאָר ניט געווען...

* * *

— טאָמער וואָלט געווען גענוג זאָגען סליחות? האָט אַ זאָג געטהאָן חיים דעם שוסטער'ס עלטערער זוהן און האָט צוגעמאַכט די הגדה. אויף איהם קוקענדיג, האָבען צוגעמאַכט די הגדות אויך דער יונגערער ברודער בעני און דער אורח, און אויף זיי קוקענדיג—שוין דער פאָטער אויך, נחמיה דער שוסטער אליין, ווארום דער עולם האָט זיך געפיהלט שטאַרק אויסגעהונגערט נאָך דעם לאַנגען תענית און נאָכ'ן הייסען באָד, און אַגב האָט זיך פונ'ם פּריפּעטשיק געלאָזט הערען אַ געשמאַקער ריח: דאָס האָבען געריסען די נאָז די הייסע שמעקענדיגע געפילטע פיש מיט אַ סך פעפער און די פרישע קניידלעך מיט שמאַלץ און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען, וואָס נאָר פסח האָבען זיי דעם אמת'ן טעם גן-עדן... און עס האָט לאַנג נישט גענומען און עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ טרישטשען פון טרוקענע מצה אונטער געזונטע שטאַרקע צעהן, און אַז מע האָט איבערגעכאַפּט דעם ערשטען הונגער, און אַז מע פערזוכט אַ פּאָר פון די אַרבע כוסות, האָט זיך דער שווייגענדיגער אורח אָנגערופען, אַז ער האָט שוין לאַנג ניט פערזוכט דעם טעם פון פסח'דיגע משקה מיט פסח'דיגע פיש מיט פסח'דיגע קניידלעך, ווייל דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען האָט ער פערבראַכט אין די טורמעס און אָסטראָגען.

— וויפיעל טורמעס זענט איהר דאָס אויסגעוועזען? — פרעגט איהם נחמיה דער שוסטער, וועלכער איז נאָך ניט אַזוי שטאַרק מלא פון די אַרבע כוסות און קאָן נאָך רעדען אַ וואָרט.

— איך האב שוין פערגעסען דעם חשבון—ענטפערט איהם דער אורח מיט זיין גראבער שטימע, און נחמיה דער שוסטער חאפט איהם אונטער:

— פונקט אזוי ווי גדליה-לייב דער גנב, עליו השלום, ער איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט. גדליה-לייב פלעגט זאגען אויף זיך אליין: „אז מע זעצט איין אין אסטראג, ווייס איך ניט—איך ווייס, אז איך וועל ארויס, און אז מע לאזט מיך ארויס—טאניץ איך אויך ניט — איך ווייס, אז מע וועט מיך איינזעצען נאך א מאל ..."

— שלים מזל! — רופט זיך אפ די שוסטערין זיסעל צו'ם מאן מיט א טאן פון א קאמפלימענט—דו וואלסט בעסער זעהען, אז דער אורח זאל עפיס נעהמען אין מויל אריין.

דער אורח האט שוין אבער געגוג „גענומען אין מויל אריין", איבערגעקעהרט די פינפטע פון די ארבע כוסות אויך, און ער האט זיך געפיהלט אזוי גוט און ווארעם, אז עס האט זיך איהם אויפגעבונדען די צונג און ער האט אויסגעהוסט אויף זיין באסאווע שטימע:

— אויב איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען די געשיכטע פון מיין לעצטען ענטלויפען פון אסטראג.

— איז די משמעות, אז לויפען פון אסטראג איז ביי אייך גאר קיין נאווינע ניט? קומט דאך אויס ווידער אמאל, ווי גדליה-לייב דער גנב, עליו השלום, האט געזאגט...

אזוי בעמערקט נחמיה דער שוסטער, און זיין ווייב זיסעל האקט איהם איבער:

— שלים-מזל! טאמער וואלסט דו איינגענומען א ביסעל שטומעניש?...

—איך שווייג, ווי א פיש,— מאכט צו איהר דער שוסטער. און אלע גרייטען זיך צו הארכען די געשיכטע פונ'ם אורח, ווי אזוי ער איז דעם לעצטען מאל ענטלאפען פון דער טורמע.

דעם שוסטערס אורח דערצעהלט:

נסים פון יציאת מצרים.

— ענטלויפען פון א טורמע איז ביי מיר, מיינע ליעבע פריינד, נאפליעוואט!

אזוי האט אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע דער אורח, דער בעוואקסענער האריגער נפש מישא בערעזניאק, אדער ווי מען רופט איצט מישא נײדיטש, אויף זיין גראבע באסאווע שטימע, וואס הודיעט ווי א גלאק. רעדען רעדט ער יעדע פראזע בעזונדער, אבגעהאקט ווי מיט א האק, און לאזען לאזט ער אוים אלע מאל מיט א „נאפליעוואט!“

— איך בין שוין געלאפען, מיינע ליבע פריינד, ניט פון איין טורמע, איך בין שוין געלאפען פון סיביר אויך. נישט איין מאל, נאר צוויי מאל. שוין געלעגען אין א וואגען מיט פלייש, אויבען דאס פלייש, אונטען איך. געגאנגען מיט באגאמאלצים טויזענד ווערסט צופוס. פגר׳ען דריי טאג דורכאנאנד פון הונגער, פון קעלט, אהן שטיוועל — נאפליעוואט. צו׳ם געזונד וועט דאס מיר ניט שאדטען. פערשטעלען זיך, אז מע דארף, קאן איך אויך. ביטער איז נאר מיט דער שטימע. אביסעל א צו גראב קול ביי מיר. דאס איז אבער אלץ גערעדט פון פראווינציאלנע טורמעס. קיי און שפיי. ניט אזוי איז אין דער רעזידענץ. דארט אז מען האפט זיך אריין — איז האלט זיך! איהר מעגט זיך שוין געזעגענען. אז איך בין אריין, האב איך געפלאנעוועט, זיך צונויפגערעדט מיט א פאר חברה לייט — א נעכטיגער טאג. מע לאזט ניט זעהען זיך. רעדען — אונמעגליך, סיידען מיט סימנים דורך דער וואנד. מע האט מיר געגעבען צו וויסען, אז צוזאמען מיט מיר, א וואנד נעבען א וואנד, זיצט מיינע א בעקאנטע. מאשא הייסט זי, א טהוערין, א פיהרערין און זעהר־זעהר א וויכטיגע פערזאן. געוואלט זי זאל ארוים, ווי מען וויל לעבען. שוין געהאט א פלאן פאר איהר. זיך אויפגערעדט מיט איהר דורך דער וואנד. פלוצים קומט מען צוגעהן און מע פיהרט מיך איבער אין איין אנדערע טורמע. ביטער! עס געהט אוועק א טאג־דריי. איך ווער געוואהר פון חברים, אז מאשא איז אויך מיט אונז. בראווא! איך הויב מיך אן דערשלאגען — א צרה; זי איז אין דער „אדינאטש־

קע". ווייסט איהר, וואס דאס הייסט? ס'איז גוט. מע איז איינער אליין צווישען שטיינער און אייזען. פיער הוילע ווענד נישטא אפילו וואו זיך אויפצוהענגען. א פענסטערעל פון אויבען, קוים=קוים די שיין, אבגעשניטען פון דער גאנצער וועלט. ביטער! אליין בין איך אויך אויף צרות. א טאג איבער א טאג שלעפט מען מיך צו'ם פערהער. זיי ווילען דערגעהן, ווער איך בין. זיי ווילען וויסען, וואס איך האב געטהאן. ביי מיר ציהט מען נים קיין ווערטער. א געשלאגענער הונד. איהר האט געזעהען ביי מיר א לייב? איהר זעהט איין איבערגעבראכענעם פינגער? איהר זעהט אט דא א דריי אויסגעשלאגענע צעהן? נאפליעוואט! יא, מיינע ליעבע פריינד! ס'איז א װאוילער דיענסט, נאר נישט קיין גרינגער. דער געדאנק פון ענטלויפען לאזט מיך נישט אב. וואו עסען? ווער שלאפען? ענטלויפען דארף מען! און נישט אליין. מיט איהר, מיט מאשא'ן! נאר ווי אזוי? איך ווער משוגע. וואו זענען אהינגעקומען אלע חברים? גוטע ברידער? פריינד? א סך צעשטעקט איז די טורמעס, א סך פערשיקט קיין סיביר. ווער שמועסט נאכ'ן רויטען זונטאג! און נאכ'ן קלאפ אין מאסקווא! ווער ווייס, וואו זיי שפארען שוין אן אצונד? אצונד, ווען ס'איז כמעט אומעדום איבער'ן גאנצען לאנד איינגעפיהרט די פעלד=געריכטען, ווייסט איהר, וואס דאס הייסט! דאס הייסט, אז אין 24 שעה ווערט איהר אבגע'משפט. אדער אהין אדער אהער. מעהר שאנסען איז אויף „אהין". איהר מיינט, מע דארף א סך? א וואונק פון א „שפיצעל"— און איהר זענט פערטיג. א גאראדאוואי זאגט, אז איהר האט איהם נעכטען געוואלט שלאגען—קאנט איהר מארגען זיין ארעסטירט. ווער שמועסט, אז מע טרייסעלט אוים ביי אייך א רעוואלווער—חיות נים זיכער!... אז מע הענגט אלע פארטאג דא ביי אונז טאקי! אין טורמע—דאס ווייסען מיר. אלע טאג ווערען מיר געוואהר שוין נאכדעם, אז איינער אדער צוויי פון אונזערע חברים זענען געהאנגען געווארען. מע פרעגט

נישט: ווער? יעדער איינציגער פון אונז פרעגט נאר: וועןוועל איך?... א קלאפ אין טהיר — א קלאפ אין הארצען. א קלונג מיט די שליסעל — א קעלט אין בלוט. טפו — דער רוח זאל דאס וויסען! איך בין נאך קיין מאל ניט געווען אזוי צעשרויפט ווי אצונד. נערווען! קיין מאל ניט געוואוסט פון קיין נערווען. איין מאל, ס'איז געווען נאך האלבע נאכט. פינסטער. שטיל. לאנגזאם לאזט זיך הערען דער טיק־טאק אין הויף. דאס איז דער פאטרול, וואס מעסט די טריט איבער די שטיינער. פלוציס הער איך א רעש פון טריט. א סך טריט. וואס קאן דאס זיין? עס קלינגען שליסלען. עס הערען זיך קולות. א פייערעל פון א לאנטערנע טהוט א שיין־אריין צו מיר אין קעמערעל און ווערט פערשוואונדען. סקריפ־סקראפ! עס ריגעלט זיך אב דער לאנגער אייזען. מיט א קרעכץ עפענט זיך די טהיר. אויפ'ן שוועל דערזעה איך אונזער אויפזעהער. דאס פייעריל פון לאנטערן בעלייכט זיין שטענדיג איבערגעשראקען, פערקיהלט פנים. הינטער איהם דער פאטרול־סאלדאט, עטליכע וועכטער.

— נעהמט צענויף די זאכען און קומט.

איך טראכט מיר: דאס איז א געווס, פונ'ם מלאך המות... איך טהו־אן די שטיוועל, איך נעהם־צענויף מיין ביסעל ארעמקייט. מיר געהען. פרעגען ביי די לייט איז נישטא וואס, זיי זענען שטום. א לאנגער שפאציר איבער'ן קארידאר. מיר זענען אין הויף, א קאלטער שטראם פון פרישע לופט. איך באד מיך אין דער קיהלער לופט ווי אין א ביטעל. מיר געהען דורך דעם טורמע־הויף. די וועכטער שפאנען, קוקען אויף אונז קאלט, מיט אויסגעלאשענע אויגען, זיי טראכטען ניט וועגען מענשען, וואס מע פיהרט זיי צו דער תליה. זיי טראכטען וועגען זיסען שלאף. מיר זענען שוין אין צווייטען הויף, דארט איז די „קאנצעלאריע" און דארט וואוינט דער אויפזעהער, ער האט א פרוי, איך

האָב זי געזעהן. איהר פּנים זאָגט, אַז זי געפינט זיך ניט אין טורמע. די טורמע איז בײַ איהר אַ גרויסע שטײַג. די אַרעסטאַנטען זענען גענז. אַלע טאָג קומען צו פרישע גענז. די גענז האָדעוועט מען און מען טראָגט זײַ אָב צום שוחט. ווער קימערט זיך פון דעם? ווער האָט רחמנות אויף אַ גאַנז? ווער האָט טענות צו אַ שוחט? דערויף זענען זײַ גענז, מע זאָל זײַ שעכטען, דערויף איז אַ שוחט, ער זאָל שעכטען... זי האָט אַ קינד, אַ יונגעלע פון אַ יאָהר פינף. מע רופט איהם „וואַניאַ". איך האָב דאָס געהערט פון דער באָננע. די באָננע שײַנט צו זײַן אַ פּוילישע, נאָך די האָר און נאָך די אויגען האָב איך דאָס דערקענט. שענע האָר, גוטע אויגען. אַ קול בײַ איהר ווי אַ פידעל, אַז זי זאָגט „וואַניאַ" — זינגט זי און אַביסעל אונטער דער נאָז. וואָס טראַכט וואַניאַ'ס קעפעל וועגען די מענשען־גענז וואָס זיצען דאָ? ווייס ער, אַז דאָ זיצען מענשען, ניט קיין גענז? וואָס זאָגט איהם די באָננע? זי מוז דאָך וויסען; זי זעהט דאָך אַמאָל טרערען. זי הערט דאָך אַמאָל געשרײַען. און דאָס קלינגען פון די שווערע קײטען וואָס פאַר ווערטער זאָגט דאָס איהר? ווער ווייס, אפשר האָט זי אַליין אַ ברודער וואָס זיצט ערגעץ אין אַ טורמע, וואָס ס'וואַרט אויף איהם אַ תליה? ווער ווייס?... איצטער שלאָפט זי דאָ אין שטוב אויף אַ ווייך געלעגער. וואַניאַ נעבען איהר אין וויגעל, ער וועט אויסוואַכסען אַ מאָל, מע וועט איהם דערצעהלען, אַז זײַן פאָטער איז געווען אַ תלין, וואָס וועט זאָגען דעמאָלט „וואַניאַ"? אפשר וועט ער אויך זײַן דאָס זעלבע וואָס דער פאָטער?

איך האָב אַביסעל אָבגעקערעוועט אָן אַ זײַט. וואו האַלט איך? בײַם אויפזעהער אין שטוב, ס'איז ליכטיג און צוויי פענסטער נאָר, דורכ'ן פענסטער זעה איך אַ הויכע פיגור אין זשאַנדאַרמסקי קלײדער. — גרויסע וואָנסעס, גאָלירענע בּרילען. נאָך די עפּאָלעטען שײַנט דאָס צו זײַן אַ קאַפּיטאַן אָדער אַ ראָטמיסטער. זיצט אַ פוס איבער אַ פוס, רויכערט אַ פּאַפּיראָס. אַקעגען איהם אַ שרײַבער אָנגעבויגען

איבער א פאפיער. אויפ'ן גאנעקעל זיצען פינף סאלדאטען פרעמדע אין פערשיעדענע פאזען. איינער ציהט א פאפיראסעל פונ'ם ארבעל. שלינגט דעם רויך מע זאל ניט זעהען. רעדען זיך איבער שטיל, עס הערט זיך א סמאצקען מיט די ליפען און באלד נאך דעם א טאפען פין פערד. עס קאטשען זיך רעדער. דאס איז צוגעפאהרען די בעקאנטע גרויסע קארעטע גלייך צום גאנעק. אויפ'ן קוטשער-זיץ האב איך דערקענט סעליוואן דעם קוטשער. א געוועזענער ארעסטאנט א בעוואוסטער רשע. פון דערווייטען זעה איך געהן אונזער אויפזעהר מיט די וועכטער. די שליסעל קלינגען. די פינף פרעמדע סאלדאטען טהיען זיך א חאפ-אויף פון די ערטער: סמירנא!!! מע פיהרט-צו צו דער קארעטע נאך פארשוינען, איך קוק מיך איין — צוויי בעקאנטע פיגורען: איינע מאשא... די אנדערע פיגור א יונגער בחור פון נ׳ יאהר נײַנצעהן מיט רויטע פוכקע בעקלעך, בלוט און מילך, אוורוטים רופט מען איהם. נאך איינעם איין אונבעקאנטען ארעסטאנט. אוורוטים האט ערשט פריהער מיט א כאג 2 בעקומען א ידיעה, אז ער בעשולדיגט זיך אין א שווערען פערברעך, דאס שמעקט אפשר מיט יענער וועלט... ער איז א וואוילער בחור. ער האלט זיך ווי מע דארף, אביסעל נאר האט ער זיך אין די 2 טעג אויסגעבלייכט. אוועק די פארב פון די פוכקע בעקלעך, און עפעס הילט ער זיך מיר צו-שטארק אין די קליידער, אפשר ווייל ס איז קיהל אין דרויסען? און אפשר געזעגענט ער זיך איצט במחשבה מיט דער מוטער. ער האט א מוטער, וואס האט איהם זעהר ליעב. איך האב אמאל געזעהן איהרע ליעבע בריעף צו איהם. א ים פון מוטער-ליעבע, א וועלט מיט געפיהל, א מבול פון טרערען. ער פלעגט כלומרש'ט לאכען פון איהרע בריעף, אליין אבער, אז ער האט זיך אוועקגעזעצט איהר שרייבען, האט מען איהם ניט געקאנט אברייסען. אין רייםען האט ער צו איהר געשריבען. ער איז א פאעט. שרייבט ניט שלעכט. ער איז אין דער מינוט אזוי געוועזן פערטיעפט אין

זיך, אז ער האט מיך ניט בעמערקט, מאשא אבער — די האט מיך באלד דערזעהן. זי האט זיך געגעבען א ציה צו מיר. די סאלדאטען האבען זי מיט די עלענבויגענס גראבליך אבגעשטויסען. זי האט מיר א ווארף געטהאן עטליכע ווערטער אויף יודיש: אז אורוטים האט אויף זיך א שווערען פערברעך און וואוהין מע פיהרט אונז ווייס זי ניט. דארויף האט זי געחאפט פון א סאלדאט: „מאלטשאט, זשידאווקא"! מיט א צוגאב פון דער לינקער זייט ביקס אין אקסעל אריין... איך קוק אויף מאשא'ן, איך וויל זעהען, וואס זי טהוט קוים וואס איך זעה איהר פנים. רוהיג — נאפליעוואט!...

„סטראסיא"! הערט זיך א קול פונ'ם „אונטער". אלע פרעמדע סאלדאטען ציהען זיך אוים, זיי רינגלען אונז ארום. אונזער אויפזעהער געהט ארוים מיט'ן זשאנדארמסקי קאפיטאן אויפ'ן גאנעקעל. דער שרייבער לייבט זיי צו, דער קאפיטאן ציהט אוים די האנד דעם אויפזעהער. דער אויפזעהער טרייסעלט איהם די האנד. ער בייגט זיך אונטערטעניג, זעהר אונטערטעניג, ער בעט זיך ביים קאפיטאן, ער זאל איהם מוחל זיין, וואס האט אזוי געדויערט, און זאל איהם פערענטפערן ביים אבער-פאליצמייסטער. דער קאפיטאן איז שטרענג, ער זאגט איהם אן, אז דאס אנדערע מאל זאל ער זיין פארזיכטיגער: „יעווא וויסאקאפרעוואסהאדיטעלסטווא האט פיינדט אזעלכע זאכען"!... דער אויפזעהער פערענטפערט זיך. ער זאגט: ער וואלט ארויסגערופען דעם אבער-פאליצמייסטער צום טעלעפאן און וואלט געבעטען ביי איהם פערצייהונג. ס'איז א טורמע. א סך פארמאליטעטען... דער קאפיטאן ענטפערט איהם, אז גאט זאל איהם היטען פון אזא מחשבה — אזוי שפעט צו טעלעפאנירען. יעווא וויסאקא-פרעוואסהאדיטעלסטווא שלאפט שוין לאנג. דער אויפזעהער זאגט, אז דערפאר האט ער איהם טאקי ניט געוואלט טעלעפאנירען, וואס ס'איז אזוי שפעט. ער געזעגנט זיך מיט'ן קאפיטאן דאס לעצטע מאל. ער זאגט איהם, ער זאל זיין זעהר, זעהר פארזיכטיג מיט דער חברה, וואס ער פיהרט, און

בעזונדער מיט דעם „בער", דאס מיינט ער מיך. דער קאפיטאן ענטפערט איהם, ער זאל זיין רוהיג: פאר א בער האט ער קיין מורא ניט און ביי איהם אנטלויפט מען ניט...

מיר זיצען שוין אין קארעטע, מיר מיט 4 סאלדאטען מיט בלויזע שווערדען אויף די בענק אינוועניג פון פארינט, אין דער צווייטער אבטהיילונג פון דער קארעטע דער קאפיטאן, אויפ'ן קוטשער-זיץ סעליוואן מיט א סאלדאט, עס ווערען פערדאקט די אייזערנע טירלעך, עס הערט זיך דאס לעצטע מאל „סמירנא"! סעליוואן טהוט א סמאצקע מיט די ליפען. עס הערט זיך א טאפען פון פערד, פיער פאר פיס. די רעדער קאטשען זיך לאנגזאם איבער די שטיינער. אויף יענער זייט טורמע צעלאזט סעליוואן די פערד, די רעדער קאטשען זיך גיכער. די קארעטע פליהט מיט א רעש איבער די שטיינער.

מיר זיצען אויף לאנגע בענקלעך אין דער לענג פון דער קארעטע איינס קעגען דאס אנדערע. נעבען יעדען א סאלדאט מיט א בלויזען שווערט, איך קוק אויף מאשא'ן, קוים וואס מע זעהט איהר פנים, זי לאזט נישט אראב קיין אויג פון דעם יונגען אוורוטים. רעדען טאר מען נישט, נאר מאשא חאפט זיך ארויס מיט א ווארט: „אוורוטים! מע דארף זיין שטארק ביי זיך", אוורוטים ענטפערט איהר: „איך בין שטארק". נאר עס דאכט זיך מיר, אז דאס קול זיינס ציטערט. עס הערען זיך שטילע טרערען. וואוהין מיר פאהרען ווייס קיינער ניט פון אונז, נאר איטליכער פיהלט עפעס אז ס'איז ניט צום נוטען, אזוי פיהרט מען קעלבלעך אין וואגען צו דער יאטקע. פיהלען זיי עפעס?... ווי פיעל צייט מיר פאהרען ווייס איך אויך ניט. אט דאכט זיך א מינוט און אט דאכט זיך א גאנצע נאכט. א נאכט — א יאהר.

פלוציים סטאפ! די קארעטע האט זיך אבגעשטעלט. ס'איז שטיל. מע הערט די פערד פארשקען, שמייסען מיט די ווידלען. עס הערט זיך דעם קאפיטאנ'ס קול, ער איז ארויסגעשפרונגען פון דער קארעטע, ער איז הינטער אונז,

ער בעזערט זיך אויפ'ן קוטשער. סעליוואן קריכט אראב מיט א מי שברך פונ'ם קוטשער-זיץ און פרעגט, וואס איז דא? „זעהסט ניט וואס דא איז? די אויגען זענען דיר ארויס? ביינ זיך איין. טהו א קוק אהער"! אזוי קאמאנדעוועט דער קאפיטאן. וואס האט זיך דארט געקאנט טרעפען א שטיינגער? און עס קומט אזא מחשבה אין קאפ: „אך, ווען עס פלאצט למשל איין אבם! אדער אזוי עפעס א צרה זאל זיך טרעפען: עס זאל ווערען א פהלה, א שטיקעל מהומה. עך, בעפאלט מען דעמאלט די סאלדאטלעך, מע ווערגט זיי אוים איינציג-ווייז, איך אליין נעהם זיך אונטער דריי דערשטיקען ווי די קעצלעך... די סאלדאטלעך אבער איז בעקאנט א פנים אונ-זערע מחשבות. זיי זיצען שטרענג מיט די בלויזע שווערדען, זיי לאזען נישט אראב קיין אויג פון אונז. מיט אמאל הערט זיך א פאל אויף דער ערד. נאכ'ן פאל הערט זיך א חראפען, עמיצער רעדט: „בינד איהם צענויף! ... אט אזוי... דעם זאק פון אויבען... אט אזוי, אט אזוי... לאמיר איהם נעהמען... חברה, אין קארעטע אריין... אט אזוי, אזוי... איידער מיר קוקען זיך ארום עפענט זיך אויף דאס אייזערנע טירעל פון דער קארעטע. עס ווערט אריינגעווארפען עפעס א שווערע זאך אין אונזער אבטיילונג פון דער קארעטע. אין א מינוט זיצען שוין אויפ'ן זאק דריי סאלדאטען, דער קאפיטאן שפרינגט אריין צו אונז. ער טהוט א רים פון זיך די גרויסע וואנסים מיט די גאלדענע בריללען. ער רופט זיך אן צו אונז:

— חברים! איך בעגריס אייך, איהר זייט פריי!
— גרישא! — שריי איך אוים.
— טסס! — מאכט ער צו מיר און ווייזט אויפ'ן זאק.

קאפיטעל ל"ה.

דער אורח זעצט-פארט זיין געשיכטע.

נחמיה דער שוסטער האט זיך אויסגעדרעהט מיטן

פנים צו די קינדער. די צעפלאצטע נאז זיינע האט געשיינט און געגלאנצט. ער האט א זעץ געטהאן מיט'ן קולאק אין טיש אריין און מיט גרויס התפעלות אויסגערופען:

— איך האב אבער געוואוסט, ווי איך בין א יוד, אז עס איז א פערשטעלטע זאך!

— שלים מזל! וואס זשע האסט דו געשוויגען? אזוי זאגט צו איהם זיין ווייב זיסעל, וואס איז אויך געווען אויסער זיך פון אויפרעגונג. חיים און בעני — די, קאן מען זאגען, זענען גאר נישט געווען בהאי עלמא, עס האט זיי געטראגען אין דער לופטען, עס האט זיך זיי אויסגעדאכט, אז זיי זענען דארטען צוזאמען מיט דעם אורח מישא נײדיטש, אין דער גוטער קארעטע, און זיי ברענען, ווילען שוין וויסען דעם סוף, ווער איז דער גרישא? און וואו איז די מאשא? און וואס האט זיך אויסגעלאזט מיט דעם יונגען אורוטים און מיט די איבעריגע ארעסטאנטען?

און דער אורח, בערעזניאק-נײדיטש, הוסט זיך אויס, פערראווכערט א פאפיראס און דערצעהלט ווייטער.

— אלזא וואו האלטען מיר? ביי גרישא. איך האב איהם דערקענט. איהר ווילט וויסען ווער ער איז? ס'איז נישט וויכטיג, ס'איז מיינער א חבר. גענוג פאר אייך. דערווייל דארף איך אייך ענדיגען מיט דער קארעטע. די קארעטע איז געפאהרען ווייטער, געקוטשירט האט דער סאלדאט, אויך פון אונזערע לייט. געוועהנליך. סעליוואן איז געלעגען אין זאק א געבונדענער, ווי א באראן, מיט א טיכעל אין מויל, ער זאל שטומען. צוויי סאלדאטען (אויך אונזערע לייט) זענען געזעסען אויף איהם רייטענדיג, עס איז געוועזען א ישוב, וואס מע זאל מיט איהם טהון, הרג'ענען — פאר קיין געלד נישט! גרישא האט געזאגט: „אהן איין טראפען בלוט"! איינער האט אפילו ארויסגעווארפען א חכמה: זאל מען איהם דערשטיקען וועט ניט פערגאסען ווערען קיין בלוט. האט אויף איהם גרישא נעגעבען א קוק, איז ער געווארען שטיל. פאר גרישא'ן האט מען דרך ארץ.

נאָר לאָמיר זיך אומקערען צו אונזערע. ווער עס האָט ניט געזעהען דעם יונגען אוורוטים, דער האָט קיין פרייד ניט געזעהען. פרייד, גליק, הימעל, גן עדן — דאָס אלץ איז שוואַכע ווערטער. ער האָט נעבאך געטאַנצט, ער האָט געזונגען, ער האָט געוויינט, ער האָט געקושט זיך, מיט אַ טליבען בעזונדער האָט ער זיך געקושט. אויף איהם קוקענדיג האָט אויך מאַשאַ געוויינט. געוויינט ווי אַ מוטער אויף איהר קינד. איין עק הימעל איז שוין געוועזען העל, עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען. מיר זענען נאָך אלץ געפאָהרען. אויף אונז האָט מען געוואַרט אין אַ הויף הינטערען שטאָדט, דאָרט זענען געווען „חברה“. דאָרט איז געווען צוגעגרייט פאַר אונז קליידער, עסוואַרג, מעסער און געלד. פון דאָרטען וועלען מיר זיך אריבערכאַפּען קיין פינלאַנד. און פון פינלאַנד איז שוין גאַפּליעוואַט! עס איז שוין געווען בלוילעך דער גאַנצער הימעל. אונזער קאַרעטע איז אַריינגעפאָהרען אין אַ גרויסען הויף אַריין. ווייט אין הויף, פאַרשטעלט מיט בוימער, זעהט זיך אַ ווייסע שטוב, הינטען אַ גרויסער גאָרטען. פ׳גרענט אַ שטאַל. דאָ האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט. אַקעגען אונז זענען אַרויס „חברה“, אַלע אונזערע.

ס'איז געוואָרען אַ קושעריי. גרישאַ האָט ניט געלאָזט לאַנג פרייען זיך. מיר האָבען זיך אַלע איבערגעטהאָן. אַלע אונזערע אַרעסטאַנטסקי, אויך די סאָלדאַטסקי קליידער אַריין אין קאַרעטע אַריין. סעליוואַנ'ען האָט מען אַרויפגעלעגט גאַנץ אויבען אויף די קליידער. מע האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט דערוועגען זיך טהון אַ פּיפּס. דער אָנזאָג איז געווען איבעריג, ער איז געווען בעוואָרענט, געבונדען הענד און פיס, דערצו אָנגעטהון אויפ'ן קאָפּ אַ זאַק און צוגעקרעמפּעוועט צו דער קאַרעטע. ער וועט שוין שטומען ווי אַ הונד.

עס איז אויף אונז אָנגעפאַלען אַ הונגער. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ אַפּעטיט? בולקעס, סערדעלען,

קאלבאסעס, דער עולם האט געפאקט. גרישא האט ניט געלאזט עסען, ער האט געטריבען האלז און נאקען. ער האט אונז ארויסגעגעבען פעסער, געלד, מארשרוטען, איט־ליבען איין אנדער מארשרוט. איך, מאשא און אוורוטים אויף איין וועג קיין וויבארג. מיר האבען זיך געזעגענט, געביטען מיט די אדרעסען. איינציגווייז איז מען זיך צוגאנגען פונ'ם הויף. גרישא איז געבליבען דער לעצטער.

אויף איין עק הימעל איז דער העלער פאס געווארען נאך העלער, ער האט אנגעהויבען גלאנצען. ווי א ליכט האט זיך אנגעצונדען א גאנצע זייט הימעל, גיך האט זיך בעוויעזען די זונן, דער שנעע האט געבלישטשעט, געסקריפעט אונטער די פיס. מיר זענען געגאנגען פאוואלי, אנגעטהון זענען מיר געווען ווי ארבייטער. איך בין געווען א פלאטניק מיט א האק אויף די פלייצים, אוורוטים — א מאלער, מיט אויסגעשמירטע קליידער אין קאלך, מאשא'ן האט מען אנגעטהון ווי א דארפשיקסע: קארעלען, רויטע שיך, א גרינע פעטשיילע און א האהן אונטער'ן ארעם אויף צו פערקיפען. אויף איהר אנטהון זיך האט גרישא מעהר אכטונג געגעבען ווי אויף אלעמען, ער האט זי בעטראכט מיט דער גרינער פעטשיילע, מיט די רויטע שיך, מיט די קארעלען און מיט'ן האהן און איז געווען צופריעדען.

מיר אלע דריי האבען בעדארפט האלטען זיך אין איינעם און בעזונדער. דאס האט געהייסען יעדער בעזונדער געהט זיך אונבעקאנט, נאר אלע אין איין וועג. מיר האבען בעגעגענט ארבייטער, זיי האבען אונז געגריסט, עס זענען אנגעפאהרען דראזשקעס, איזוואשטשיקעס. דינגען א דראזשקע—האבען מיר נישט געטארט, ארבייטער פאהרען נישט אויף קיין דראזשקעס. מיר האבען געמוזט א גרויסע שטרעקע געהען צופוס, ס'איז אבער זיכער. קיין טראמוויי האט מען נאך נישט געזעהן. געזאלט האבען מיר געהען גלייך צו דער „נאבערעזשנע“, אזוי איז געווען דער מארשרוט. געהענדיג, האט מאשא אומגעענדערט דעם פלאן,

מע דארף פריהער זיין אין שטאדט. וואס איז? אורוטים'עס מוטער איז געקומען מיט עטליכע טעג צוריק, זי האט זיך שטארק געשלאגען, ווי נאר א מוטער קען זיך שלאגען. זי האט געוויינט, געקראכען אויף דער ערד, געקושט די ושאנדארמען די שטיוועל. זי האט זיך דערשלאגען צו איהר זוהן. איצט דארף מען איהר גאר געבען צו וויסען, אז ער איז אין געפאהר. מע קאן זי איינשפארען אין טורמע און האלטען נאט ווייס וויפיעל. זי איז א פרוי, זי האט קליינע קינדער. איך האב פראטעסטירט ווי ווייט איך האב געקאנט. וואס מיר פרוי? ווער מיר קינדער? קינדער נאפליעוואט! עס האט אבער ניט געהאלפען. מאשא האט זיך געשטעלט אקעגען. זי וועט ניט דערלאזען א פרוי זאל אומקומען אומזיסט. טא זאל ער, זאג איך, געהן צו זיין מוטער, ווער לאזט איהם ניט? טהוט זי אויף מיר א קוק. דאס בעדייט, אז איך בין איין עגאאיסט און א טרום דערצו. דאס שטעהט מיר שוין ניט אן, עס לויפט אן דער טראמוואי. ער שטעלט זיך אב. מיר אלע דריי קריכען ארויף גאנץ אויבען. פראלעטאריער פאהרען אויבען. אלע מאל שטעלט זיך אב דער טראמוואי. עס קריכען אראב און עס געהען ארויף פאסאושירען. ניט ווייט פון אבטינסקא גאס איז ארויף א פארשוין א גאנץ געוועהנליך מענשעל, אויף די אויגען האט ער געטראגען אשקולירענע ברילען, ער האט זיך אויעקגעזעצט אקעגען אונז מיט א פאפיראס אין מויל, געווארפען אויף יעדען פון אונז איין קאלטען בליק און פערקוקט זיך אן א זייט. פלוצים איך טהו א קוק — מיין פארשוינ'ס אשקולירענע ברילען קוקען עפיס צו שטארק אויף מאשא'ן. מאשא אליין האט נישט בעמערקט, אז מע קוקט אויף איהר, איך זאל דאס איהר זאגען — פאסט נישט. דער טראמוואי האט זיך אבגעשטעלט. דער פארשוין מיט די אשקולירענע ברילען איז אראבגעקראכען. עס איז מיר אראב א שטיין פון הארצען. מיר זענען געפאהרען ווייטער. איך האב דערצעהלט מאשא'ן פונ'ם פארשוין מיט די אשקולירענע

בּרילען. מאשא האָט זיך אויסגעלאַכט. „נישט אויף מיר, זאָגט זי, האָט ער זיך פערקוקט, נאָר אויפ'ן האָהן“... אין דער מינוט האָט זיך דער וואַגאָן אָבגעשטעלט עפּיס ווי מיט אַ מאָל, און איין רגע איז שוין געוועזן פון אויבען ווידער דער זעלבער פּאַרשוין מיט די אַשקילירענע בּרילען. ס'איז מיר פערקיהלט געוואָרען דאָס בּלוט. הינטער איהם זענען שוין געשטאַנען מלאכי חבלה. זשאַנדאַרמען, פּאָליציאַנטען, סאָלדאַטען, אַלע האָבען זיך נעגעבען אַ נעהם צו מאַשאַ'ן... איך מיט אַוורוטיס'ן זענען געזעסען פערהאַקט אין אַ ווינקעל. וואָס האָבען מיר געקענט טהון? חאַפּ איך זיך אויף — זענען מיר בּיידע פערפאַלען!

קאָלט האָבען מיר געקוקט אויף דער סצענע אַזוי ווייט ווי מיר האָבען געקאָנט. און מאַשאַ? זי האָט אַפילו קיין איינציגען קוק נישט געטהאָן אויף אונז. זי האָט מורא געהאַט, מיט איהר קוק זאָל זי נישט אַרויסגעבען אונז אויך. שטיל, פּאַוואָלי, ווי אַ אונטערטעניג שעפּעלע, האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט מיט די מלאכי חבלה אַראָב פונ'ם וואַגאָן. דער טראַמוואַי איז אַוועק זיין וועג. מיר בּיידע זענען שוין געזעסען אין געהאַקטע וואונדען. נישט געטאָרט זיך אויסדרעהען אפילו אַ קוק טהון אין יענער זייט, וואו די אונגליקליכע מאַשאַ איז פערשוואונדען געוואָרען. מיר האָבען נישט גערעדט קיין וואָרט. מיר האָבען אַפילו נישט געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע. וואָס דער יונגער וועוויריק האָט זיך געטראַכט ווייס איך נישט. איך בּין איהם געוועזן אין דער מינוט אַ דם שונא, נמאָס איז ער מיר געוואָרען! און זיך אַליין בּין איך געוואָרען נמאָס און מאוס. סטייטש, ווי אַזוי האָב איך געקאָנט בּלייבען זיצען אַזוי רוהיג בּשעת מאַשאַ'ס לעבען איז אין אַזאַ געפאַהר? הגם וואָס האָב איך געקאָנט טהון? אָבער איך האָב זיך געפרעגט, וואָס וואָלט געוועזן ווען דאָס טרעפט פערקעהרט? ווען איינעם פון אונז, למשל, דערקענט אַ „שפּיצעל“ און פיהרט אונז אַרויף זשאַנדאַרמען? וואָס וואָלט מאַשאַ געטהאָן? וואָלט זי געזעסען איצט, ווי איך

זיך מיט אייך א שטיינער? נאפּליעוואט? עך, מאשא! מאשא!...

קאפּיטעל ל״ז.

ער זאגט איהר אן א בשורה.

די גאנצע צייט, וואס דער בעוואכסענער הארינער אורח, בערעזניאק־ניידיטש, האט דערצעהלט זיין געשיכטע, איז נחמיה דעם שוסטער׳ס געזינדעל געזעסען געשפּאנט, ניט דורכגעלאזט קיין ווארט, איבערגעלעבט מיט איהם אינאיינעם אלע זיינע שרעק און פּחדים, פריידען און ליידען. דאס בערעשעוואטע פּנים זיינס האט בעקומען א מאדנעם חן ביי זיי אין די אויגען, זיי האבען געזעהען פאר זיך א מענשען מיט א ווייך גוט הארץ און מיט א ריינער איידעלער נשמה, אין מע קאן זאגען, אז זיי אלע האבען איהם ליעב געקריגען. ווי עפּיס איין אונבעקאנטען פּארשוין, וואס לאזט זיך אויס, אז ער איז גאר איין אייגענער און א נאהענטער... אויך די איבריגע פּארשוינען זענען געווארען ביי זיי ליעב און טייער. מאשא, האט זיך זיי אויסגעוויזען, איז זייערע איין אייגענע שוועסטער, אורוטיס — א קליין ברידערעל... און אז בערעזניאק־ניידיטש האט אויסגעלאזט מיט א זיפץ זיינע לעצטע ווערטער: „עך, מאשא! מאשא״! האט זיך זיסעל אזש צעוויינט פאר רחמנות צום אונבעקאנטען מיידעל נעבעך.

— פון וואנען און ווער איז זי אט די מאשא? — טהוט איהם א פרעג בעני, וואס איז נישט ווינציגער געריהרט פון זיין מוטער.

— פון וואנען זי איז ווייס איך ניט — ענטפערט דער אורח, — איך ווייס נאר, אז זיא הייסט „מאשא״ און איהר נאמען איז באשעוויטש.

— באשעוויטש?? — רופען אויס אלע מיט אמאל.

— באשעוויטש, וואס איז דענן? — פרעגט דער אורח.

— א שענע מעשה נאָר אַ קורצע! — זאָגט נחמיה דער שוסטער — דער פּאַטער איהרער איז מײַנער אַ גוטער בעקאַנטער, ליפּא באַשעוויטש הײַסט ער, אָדער דער „הילי-צערנער יוד”. ערשט געזעהן זיך מיט איהם ערב יום-טוב טאַקי דאָ אויף די טרעפּ. ער איז געגאַנגען צו אונזער שכן אָבגעהמען אַ געדוס פון פּעטערבורג ביי אונזער נגיד'ס טאָכטער טאַמאַרא.

— טאַמאַרא? — פרעגט שוין אַצונד דער אורח — ווער איז די טאַמאַרא? ניט שאַפּטעפּאַל?

— געוויס שאַסטעפּאַל, וואָס איז דען?

— איהר קענט זי?

— אויב מיר קענען זי? גוט געזאָגט! זי זיצט אָט דאָ אויבען:

— אַ נאַכט פון וואונדער! — זאָגט דער אורח, און דערצעהלט, ווי אזוי ער האָט זיך בעקאַנט מיט טאַמארא שאַסטעפּאַל, טאַקי ביי מאַשא באַשעוויטש, און ער זאָגט אז ער וואָלט זיך זעהר וועלען זעהן מיט טאַמארא שאַס-טעפּאַל.

און אזוי ווי אַלע ביי נחמיה דעם שוסטער האָבען זיך געפּיהלט נאָך דעם זיבעטען כוס פון די „ארבע כוסות”, לעבעדיג — בגלופין, לכן איז געבליבען, מע זאָל נישט וואַרטען ביז מאָרגען און מע זאָל נאָך הײַנט, טאַקי באַלד, געבען צו וויסען טאַמאַראַ'ן, אז אײַן אַלטער בעקאַנטער וויל זיך מיט איהר זעהען. און חיים מיט'ן אורח לאָזען זיך אַרויף אויף די טרעפּ, קלינגען אָן און...

* *
*

איציקעל שאַסטעפּאַל האָט געהאַלטען שוין לאַנג נאָך די „חד גדיא'ס” און נאָכ'ן „שיר השירים” און איז נאָך אַלץ געזעסען בײַם טיש גאַנץ ברײַטליך, מאַיעסטעטיש, געראָט-ערט, געטרונקען טײ און געשמועסט פון אַ טרויריגען ענין, פון'ם קישינעווער פּאָגראָם, וואָס די רשעים בערימען זיך, און די אַנטיסעמיטישע בלעטער שרײַבען, אז אויך דאָ און

אומעדום אין אלע יודישע שטעדט וועלען זיי מאכען דאס זעלבע שפיעל, וואס אין קישינעוו. זיי, די רשעים, די אנטיסעמיטען, בעריהמען זיך, אז זיי וועלען זיך נוקם זיין אן די יודען פאר דער רעוואָליוציע, וואס ווערד אנגעפיהרט כלומרשט נאר פון יודען... די טאָכטער קאָן זיך ניט איינהאלטען און ענטפערט אב דעם פאָטער, אז אומזיסט בערִיהמען זיי זיך, די רשעים מיט די אנטיסעמיטען, זיי וועלען גאָרנישט מאכען, וואָרום אום צו מאכען איין אלגעמיינעם קישינעוו, מוז מען האָבען ווער זאָל מאכען.

— אודאי דארף מען געהן אויסשרייבען פון פאריז היצלים, חוליגאנעס, באָסיאַקעס און שכורים! — זאָגט דער פאָטער.

— מיט חוליגאנעס און מיט באָסיאַקעס קאָן מען גאָרנישט מאכען. מע דארף האָבען דערצו דאָס פאָלק. די ארבייטער, — בעמערקט די טאָכטער און דער פאָטער ענטפערט איהר:

— וואָסער פאָלק? וואָסערע ארבייטער? האָב קיין יסורים ניט, זאָל נאָר זיין א פּאָגראָם וועלען די ארבייטער העלפען „ארבייטען“...

און איציקעל שאָסטעפּאל קאָכט זיך. ער פיהלט, אז דאָ איז ער אויפ'ן פערד. אין די זאַכען איז ער מעהר געניט און פערשטעהט מעהר אלס די טאָכטער... טאמארא לאָזט איהם אָבער לאנג נישט טריומפירען, פאָהרען רייטענדיג אויפ'ן פערדעל, און זי ענטפערט איהם שניידענד, אז מע טאָר ניט זיין קורצזיכטיג און מע דארף קאָנען אונטערשיידען, וואָס ווערד אנגערופען „פאָלק“ און וואָס קאָן הייסען עטליכע צעהנדליג אנגעריי‍צטע אָדער געדונגענע חוליגאנעס אין קישינעוו, וואָס האָבען בעפאלען א שטאָדט פון שוואכע מענשען, פייגלינגע, פרויען און קינדער, וואָס האָבען זיך געלאָזט אויסשלאָכטען און געגאנגען נאָכדעם וויינען אויף די קברים און אויס'טענ'ען זיך מיט'ן רבונו של עולם, ווי עס

ווערד אַזוי שען בעשריבען בײַם גרעסטען יודישען דיכטער בײַ ביאַליק׳ן.

— האָסט דאָך געלײעֶנט ביאַליק׳ן? — טהוט טאַמאַראַ אַ פרעג בײַם פאָטער, און בעקומט אַזאַ מין ענטפער:

— וואָסער ביאַליק? פון דער מיהל?...

— דאָס ליעד פון ביאַליק׳ן, — זאָגט טאַמאַראַ, — דו ווײסט ניט ביאַליק׳ס ליעדער?

— וואָס בין איך אַ יודינע, וואָס איך זאָל לײענען ליעדלעך פון עפּיס אַ ביאַליק אַ ליעדעל-מאַכער? — מאַכט איציקעל שאָסטעפּאָל גאַנץ נאַאיוו און ערנסט.

און טאַמאַראַ האָט שוין מעהר קײן מוט צו דיסקוטי-רען מיט׳ן פאָטער, און זי בעוואונדערט די אוננאַטירליכע לאַגע וואָס בײַ יודען: אַ פאָלק פון סאַמע אינטעליגענטען וואָס אַלע קאָנען לעזען, אפילו ווײַבער, אַ פאָלק וואָס האַלט זיך קליגער פון אַלע פעלקער, קליגער און בעסער און פרומער, קומט צו אײן אײגענעם נאַציאָנאַלנעם דיכטער, הײסט ער בײַ איהר בעל הבית׳ישען פאָטער „אַ ליעדעל-מאַכער", און ווען נישט דעם אַפּטײקערס זוהן סאַשאַ, וואָלט זי, טאַמאַראַ, גאָרנישט געוואוסט, אַז עס עקזיסטירט אונטער יודען אַ פּאָעט מיט׳ן נאָמען ביאַליק. און וואָס עפּיס נאָר זי? זי קען אַ סך אַזעלכע ווי זי, וואָס ווײסען נאָך עד הנה ניט, ווער דער ביאַליק איז!... און זי קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אַז עס זאָל זיך געפינען אונטער רוסען אַזעל-כער, וואָס איז ניט קײן פּראָסטער פויער, און וואָס זאָל נישט וויסען ווער פּושקין איז... אָדער עס זאָל זיך געפינען אונ-טער פּוילען למשל אַ מענש, וואָס זאָל נישט וויסען ווער מיצקעוויטש איז. און עס ווילט זיך איהר אַרויספיהרען דער-פון אײנם פון די צוויי: אָדער ביאַליק איז — קײן דיכטער, אָדער מיר זענען קײן פאָלק... און אויב מיר זענען ניט קײן פאָלק, טאָ וואָס-זשע דען זענען מיר?...

— עס פרעגט זיך נאָך אויף אײַך דעם שוסטערס זוהן מיט נאָך עפּעס אַ מענשען.

אַזוֹי ראַפּאָרטירט דאָס שטוב-מיידעל. און איידער מע טהוט זיך אַ קעהר, וואַקסען אוים אויף דער שוועל צוויי פּאַרשוינען, חיים דעם שוסטערס זוהן און דער בעוואַכסענער האָריגער אורח. און אַלע דריי ווערען ערשטוינט: איציקעל שאַסטעפּאַל שטוינט, ווי קומט אַהער דעם שכן'ס בן, פּסח נאָכ'ן סדר? „איין עזות פֿון אַ שוסטער-יונג!" שיוקע שאָסטעפּאַל האָט זיך גלאַט דערשראָקען פֿאַר'ן בעוואַכסענעם האָריגען נפש; מע האָט דאָ נאָר וואָס געשמועסט פֿון חוליגאַנעס, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז דער איינער פֿון זיי... און טאַמאַראַ? וואָס האָט זי זיך דערשראָקען?

טאַמאַראַ האָט געהאַט פֿון וואָס זיך צו שרעקען. זי האָט באַלד דערקענט אין'ם בעוואַכסענעם האָריגען נפש — מישאַ בערעזיניאַק, דעם, וועלכען זי האָט קענען געלערנט ביי מאַלקינ'ען אין דער „קאָמונאַ", דעם, פֿון וועלכען עס שרייבט צו איהר מאַשאַ באַשעוויטש אין איהר בריעף.

טאַמאַראַ האָט ביז דער מינוט ניט געוואוסט, וואו ראָמאַנעקאָ איז אַהינגעקומען. דער איינציגער קוואל, פֿון וועלכען זי האָט געקאָנט יאָ עפּיס געוואָהר ווערען, איז געווען ראָמאַנעקאָ'ס מוטער, און צו איהר האָט טאַמאַראַ געקליבען זיך דורכגעהן, אָבוואָהל עס איז פֿאַר איהר געווען נישט אַזוי לייכט צו טהון, ערשטענס איבער זיין אַנטיסעמיטישען פֿאָטער, וואָס האָט נישט געקאָנט איבערטראָגען די בעקאַנטשאַפֿט פֿון זיין זוהן מיט אַ יודישער טאָכטער, און צווייטענס האָט זי מורא געהאַט, ווי מען זאָגט, אַריינלעגען די האַנד אין קעשענע. זי האָט אַלץ אָבגעלעגט פֿון טאָג אויף טאָג און האָט געהאָפֿט אויף אַ נס, אויף אַ חוץ לדרך הטבע, טאָמער... און דאָ איז פּלוציים אויסגעוואַכסען פֿאַר איהרע אויגען אַ מאַן, וואָס ווייס פֿון דעם שרעקליכען סוד און זי וועט דאָס מוזען באַלד אויסהערען פֿון איהם!... און טאַמאַראַ האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט אויפגענומען מישאַ בערעזיניאַק'ן אויף אַזוי פֿיעל פֿריינדליך, ווי מען דאַרף אויפנעהמען אַ גוטען בעקאַנטען, — און דאָס

האָט דעם פֿאָטער געקרײַנקט און די מוטער געגוג געשראָ־
קען און ס'איז געװאָרען אין שטוב אַ גערודער, אַ שטיקעל
בהלה. צו דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען אַ אינציד׳ענט,
װאָס האָט אין גאַנצען אױפֿגעהױבען אונזערע בורזשואַזנע
פֿאָטער און מוטער פֿונ'ם טיש און במעט אַרױסגעטריבען
פֿון דעם הדר אין אַ צװײטען. דער אינצידענט איז געװען
אַ קלײניגקײט. חיים דעם שוסטער'ס זוהן מיט'ן בעװאַפֿ־
סענעם האַריגען נפש בערעזניאַק־נײַדיטש האָבען נישט אָנ־
געפֿרעגט זיך בײַ קײנעם, נישט געװאָרט אױף קײן כּבוד,
געגומען און אױסגעזעצט זיך, צעלעגט זיך װי בײַם טאַטען
אין װײַנגאָרטען, פֿעררױכערט פּאַפּיראָסען און גענומען שמו־
עסען מיט זײער טאָכטער װי מיט זײערען אַ גלײַכען!
— אַ פּאַטעפֿאַלנאָסט פֿון אַ שוסטעראַק! אײַן עזות
פֿון קבצנים! אַרײַנקריכען מיט די שטיװעל צו יענעם אין
שטוב אַרײַן! װעה איז מיר, מע דאַרף אָבטרעטען די שטוב
איבער זײ! לױפֿען אין עק װעלט אַרײַן!...
אַזױ האָט געטענה'עט איציקעל שאָסטעפּאַל צו זײַן
װײַב שיװקע, געשאָסען מיט פֿײַער אױף די הײַנטיגע עזות־
מחוצף־פּנימער. און טאַמאַראַ האָט אױפֿגענומען איהרע
„געסט", אױסגעפֿרעגט זיך בײַ מישאַ בערעזניאַק אױף אַ סך
בעקאַנטע, נאָר אײַן בעקאַנטען האָט זי געלאָזט צורוה:
דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט, אַז זי װעט הערען פֿון איהם
נישט קײן גוטע בשורה, און זי האָט געטראָפֿען: זי האָט
פֿון איהם ערפֿאַהרען די רײנע װאַהרהײַט, אַז דער, װאָס זיצט
צוגד רעכט פֿערפּאַקט, איז געװען נישט קײן אַנדערער,
נאָר ראָמאַנענקאָ־מאַרטשענקאָ!...
טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל, אַז זי האָט דערהערט דאָס
שרעקליכע װאָרט, איז זי ניט געפֿאַלען חלשות, ניט געבראָ־
כען די הענד, ניט געװײנט, זי האָט נאָר געפֿיהלט עפּיס
אַ שטוים אין האַרצען אַרײַן; נאָכדעם האָט איהר דאָס
גאַנצע בלוט געגעבען אַ לױף־אָב פֿונ'ם פּנים און ס'איז איהר
געװאָרען אױף אַ װײַלע מאַרנע קאַלט, פֿאַר די אױגען איז

דורכגעפלויגען א טונקעלער וואלקען און אינ׳ם לינקען אויער האט זיך געלאזט הערען א לאנגער אויספייף מיט׳ן נוסח פון א געוואלד-אויסגעשריי, וואס געהט פון איין עק וואלד ביז אנדערען מיט א מאנאטאנעם וויערקול:

ג-ע-ו-א-א-א-אלד!!!

. . . .

א שטילע פריהלינגס-נאכט איז געוועזען די ערשטע נאכט פון פסח, א שטילע, א ווארימע נאכט. שטיל ווי פארחלום׳ט זענען געשטאנען די איינגעשלאפענע הייזער. ווי סאלדאטען אויף דער וואך האבען זיך אויסגעצויגען די ביימער פון ביידע זייטען גאס, נאך נאקעטע אהן בלעטלעך, נאר גרייט אויף אנצוקליידען זיך זייער גרינע זומערדיגע הלבשה. פונ׳ם ווייטען אויסגעשטערענטען הימעל האט אראבגעקוקט מיט א זילבערנעם שמייכעל די לבנה, לאנגזאם און מאיעסטעטיש שפאצירט, וועז-נים-וועז זיך אונטערגעטוקט, און טובל געווען אין א פארביילויפענד רויביג וואלקענדיל, בעהאלטען זיך אויף א מינוט, און ווידער ארויס אויפ׳ן ברייטען פרייען הימעל צווישען די פינקעלדיגע קליינע שטערענדלעך וואס קוקען זיך איבער, שעמערירען און פינטלען, און סוד׳ען זיך צווישען זיך, רעדען פון גאט און פון זיינע אוצרות וועלטען, מיליארדען וועלטען! אלעס, אלעס שלאפט, אלע פענסטער זענען צו, אלע פייערס זענען אויסגעלאשען, אלעס, אלעס שלאפט, אין דער דאזיגער פריהלינגס-נאכט, אין דער דאזיגער ערשטער נאכט פון פסח. נאר איין פענסטער אין איין הויז אויף וואסילטשיקאווער גאס איז אפען אין דער דאזיגער נאכט, און נאר איין וואכענדער מענש שטעהט און קוקט-ארויס פונ׳ם איינציגען אפענעם פענסטער אין דרויסען ארויס, שיקט זיין בליק צו דער העל-זילבערנער לבנה און צו די מיליארדען פינקעלדיגע וועלטען, וואס הייסען שטערען, און טרוקען זענען די אויגען, און פערשטיינערט איז דאס הארץ און דער קאפ איז פערטומעלט, און נישט ליעב איז די שענע גרויסע וועלט, און פרעמד איז דער וועטער,

טיעפער הימעל, און וויסט איז די ערד און פוסט און לעער איז אלץ ארום און ארום, און א שוידערהאפטער עלענד, און א מורא'דיגער צער און א קאלטער צארן נעהמען ארום די נשמה ווי מיט צוואנגען און עס ווילט זיך שרייען, שרייען, שרייען!!!...

קאפיטעל ל"ז.

א שטורמישע זיצונג פון די „שווארצע מאהניקעס".

נאך דעם לאנגען קאלטען אונרוהיגען ווינטער האט די ערד זיך אויפגעחאפט ווי פון א לאנגען שווערען אונרוהיגען שלאף, ארארגעווארפען פון זיך די ווייסע ווינטערדיגע קאלדרע, אנגעצויגען אויף זיך א פריש גרין מלבוש בעציערט מיט פיעל קאלירענדיגע בלומען און האט געשענקט דער פערזארגטער וועלט א פריינדליך שמייכעלע פונ'ם זיסען ליבען ליכטיגען פריהלינג. און צוזאמען מיט דעם זיסען ליבען ליכטיגען פריהלינג איז געקומען א ליכט אין די הערצער פון מעהר אלס הונדערט מיליאן מענשען. און צוזאמען מיט דעם אויפוואכען פון דער נאטור, האט אויפגעוואכט אויך די האפנונג אין די מעהר אלס הונדערט מיליאן הערצער פון די מעהר אלס הונדערט מיליאן מענשען אינ'ם גרויסען ברייטען לאנד. און עס האבען אויפגעוואכט די מעהר אלס הונדערט מיליאן מענשען און האבען פריינדליך בעגריסט דעם פריינדליכען פריהלינג, וואס איז געקומען צו זיי מיט א פריינדליכען שמייכעל פון ליכטיגע האפנונג, נישט קוקענדיג דערויף וואס די ביוראקראטיע האט געטהאן אלסדינג אום אויסצולעשען אלע ליכט, אום צו ברענגען א מצרים-פינסטערניש, א חשך אויפ'ן לאנד, נישט קוקענדיג דערויף, וואס עס זענען געשלאסען געווארען אלע גימנאזיעס און אוניווערזיטעטען, נישט קוקענדיג דערויף, וואס די טורי-

מעס זענען אנגעפֿיהלט געוואָרען מיט צעהנדליגער טויזענדער „פֿערברעכער״, און ניט פֿיעל האָבען געקאָנט פֿאָראויסזעהען, אז דאָרט גאַנץ ווײַט אין עק הימעל רוקען זיך אָן שוואַרצע געדיכטע בלײַענע וואָלקענס, וואָס וועלען זיך ניט צעגעהן גלאַט אַזוי, ווי אַ רויך צעגעהט זיך, וואָס וועלען מוזען, ניט הײַנט איז מאָרגען, אויסברעכען אין אַ מאוס׳ן שטורם, אין אַ מורא׳דיגען אויסגוס, און וואָס וועלען אונפֿערמײַדליך ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט.

און קומען האָט דער מבול געמוזט אונפֿערמײַדליך איבער דעם צוזאַמענשטויס פֿון פֿערשידענע עקסטרעמען צווישען די פֿעלקער גופא, צווישען מענשען און מענשען. צווישען קלאַס און קלאַס און זאָגאַר צווישען עלטערן און קינדער. אַ גאַנצער שטראָף פֿון דער תוכחה איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויפֿ׳ן אונגליקליכען לאַנד, וואָס האָט בעדאַרפֿט איבערלעבען אין איין צײַט עטליכע מלחמות מיט אַמאָל: אַ מלחמה אין דרויסען אויפֿ׳ן ווײַטען אָריענט, אַ מלחמה אינוועניג, אַ פּאַרטיזאַנישען קריג צווישען פֿעלקער און נאַציעס, אַ קאַמפֿף צווישען קלאַסען.

אין דער צײַט, למשל, ווען ראָמאַנענקאָ איז געשפּרונגען גלײַך אין פֿײַער אַרײַן, אײַנגעשטעלט דאָס לעבען פֿאַר די זעלבסטבעפֿרײַאונג און גלײַכבערעכטיגונג אָהן אַ שום אונטערשיער צווישען נאַציעס און פֿעלקער, האָט זײַן פֿאָטער, ראַמאָנענקאָ דער לעהרער. געפֿיהרט אַ פֿײַעריגע אַגיטאַציע קעגען דער דאָזיגער זעלבסטבעפֿרײַאונג, זיך פֿערשריבען, אַלס איבערגעבענסטער שוואַרצעמאָהניק און צוזאַמען מיט זײַנע נאָהענטע פֿרײַנד, די פֿאָרשטעהער פֿון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, האָבען זיי אַטאַקירט אַלעס און איבערהויפּט האָבען זיי פֿערפֿאָלגט „אינאָראָדצעס״.

איינער פֿון דעם אַלטען ראָמאַנענקאָ׳ס נאָהענסטע פֿרײַנד און מיטפֿיהלענדע גענאָסען איז געווען דער פּובליציסט טשיכנאָוו, דער רעדאַקטאָר פֿונ׳ם בלאַט „קלין״. בעריהמט האָט זיך דער „קלין״ געמאַכט דערמיט, וואָס אַלע צעהען

יאהר האט ער געביטען זיין פארב, ווי א פויגעל וואס ביים זיינע פעדערען, ווי א שלאנג וואס בייט איהר הויט, אדער ווי א דאמע וואס בייט איהרע הענדשקעלעך... אבגעזען היבשע עטליכע יאהר א בלאט אהן א שום פארב, האט דער „קלין" נישט געהאט קיין שום ערפאלג, ביז ער איז נישט געווארען שארף אנטיסעמיטיש. און אז ער איז געווארען שארף אנטיסעמיטיש, אנגעהויבען אנפאלען אויף יודען, האבען די יודען איהם אנגעהויבען געשמאק צו לייענען. און וואס מעהר די יודען האבען איהם געלייענט, מעהר אנטיסעמיטיש איז געווארען דאס בלאט, און וואס מעהר דאס בלאט איז געווארען אנטיסעמיטיש, מעהר האבען איהם יודען געלייענט. די דאזיגע פסיכאלאגיע פון די יודישע מאסען איז גוט בעוואוסט אין יענעם לאנד, און נישט איין קלוגער געשעפט-מאכער פערשטעלט זיך דארט פאר איין אנטיסעמיט אום צו מאכען גוטע געשעפטען.

פלוצים האט זיך געטראפען א מעשה, דער רעדאקטאר פונ'ם „קלין" האט זיך בעקאנט ביי א גלאז שאמפאניער ווייןערגיץ אויף א באל אדער אויף א פיק-ניק, מיט א יודישען מיליאנער, בעפריינדעט מיט איהם, בעקומען פונ'ם יודישען מיליאנער א „סינעקורא", אדער ווי מען רופט דאס דא אין אמעריקא א „פול", פשוט היבשע עטליכע טויזענדער א יאהר, און דער פראפעסאר טשיכנאוו האט פלוצים געענדערט די פארב פונ'ם בלאט, און איז פלוצים געווארען אויס אנטיסעמיט, אדרבה ער האט גאר גענומען זינגען די יודען „מה יפית". זיך צעגאסען ווי א סאלאוויי. נאטירליך בעדארפען דאך יודען אזא בלאט אודאי אונטערהאלטען! און יודען האבען געטהון דאס בעסטע וואס זיי האבען נעקאנט, זיי האבען דאס בלאט געמאכט פאר'ן פאפולערסטען בלאט און דעם רעדאקטאר טשיכנאוו פאר א קדוש.

נישטא אבער קיין אייביגע זאך אויף דער וועלט. טשיכנאוו'ס פריינד, דער יודישער מיליאנער, שטארבט אוועק, און ויקם מלך חדש—עס שטעהט אויף א נייע גע-

נעראציע פון יורשים, אשר לא ידע את יוסף—ווילען נישט וויסען פון קיין טשיבנאוו און פון קיין סינעקורא, און פון קיין „פול", און פון קיין עטליכע טויזענדער אומזיסטיג געלד... און דער פראפעסאר טשיבנאוו בייט-איבער ווידער אמאל די פארב פונ'ם בלאט, און דער „קלין" שטעלט זיך ארויס ווידער פאר א געפעהרליכען אנטיסעמיט, און אונזערע ברידער קויפען דאס בלאט נאך מעהר ווי פריהער, חאפען דאס, רייסען דאס פון די הענד, לייענען דאס און בעוואונדערען, ווי אזוי א מענש קאן זיין אזוי טיעף פערדארבען, אזוי ווייט פרעך און אונפערשעהמט בייטען אלע מאל זיינע מיינונגען!— און טשיבנאוו מאכט דערוויילע מיט זיין „קלין" די בעסטע געשעפטען.

נאר איסערדעם וואס טשיבנאוו מאכט גוטע געשעפטען, צעטראגט זיין צייטונג איבער'ן גאנצען קרייז, וואו ער ווערד געלייענט, דעם סם פון ראסען-האס און די העצע קעגען די „פרעמדע" (דאס מיינט מען הויפטזעכליך די יודען) „וואס אקערען ניט און זייען ניט און שניידען, וואס זויגען אויס די זאפט פון דער רוסישער ערד און וואס פיהרען נאך די געפעהרליכסטע פראפאגאנדע פונ'ם גיפטיגען סאציאליזם".

הבה נתחכמה! — שרייט דער „קלין" אונאויפהערליך כמעט יעדען טאג, הבה נתחכמה! זאגען די נאאיווע לעזער פונ'ם „קלין", און עס בילדען זיך אלע מאל נייע חברות אונטער פערשידענע נעמען. און אלע די נייע קעמפפער האלטען-אב זיצונגען און טראגען-ארויס רעזאלוציעס פון בלוט און נקמה אינ'ם נאמען פון גאט—מע זאל זיך רעכענען מיט די פון גאט פערשאלטענע שונאים פונ'ם לאנד, מיט די פערדאמטע קראמאלניקעס און פערפלוכטע יודען!...

איין מאל אין א שענעם פארנאכט איז ביים רעדאקטאר טשבינאוו אבגעהאלטען געווארען א זיצונג פון די שווארצע מאה'ניקעס.

דער לעהרער ראמאנענקא, דער פאטער פון אונזער יונגען העלד ראמאנענקא, איז געוועזען איינער פון די גרינדער

פון דעם „שווארצע מאה'דיגען פערבאנד", — די זיצונג איז געוועזען זעהר א שטורמדיגע. עס האט זיך אונטערהאנדעלט א פראגע וועגען דעם, ווי אזוי די עלטערן דארפען זיך פערהאלטען צו זייערע קינדער. ראמאנענקא, אלס עלטערער לעהרער אין גימנאזיע, האט אבגעהאלטען זעהר א שארפע רעדע קעגען די יעניגע, וועלכע געבען צו פיעל פרייהייט זייערע קינדער, ערלויבען זיי לעזען צייטונגען, בעגעגענען זיך מיט חברים, קראמאלניקעס, יודען און אנדערע פוסטעפאסניקעס, געהן אויף פערזאמלונגען, פערנעהמען זיך מיט פאליטיק, א. ד. ג.

— איהר אליין זענט די איינציגע שולדיגע אין דער מכה! — האט אויסגערופען ראמאנענקא — איהר אליין האט צעלאזט אייערע קינדער אזוי ווייט, אז ס'איז נישטא פאר זיי קיין צוריקקעהר און קיין אויסוועג! איהר אליין וועט דארפען אבגעבען דין וחשבון פאר אייער ווייכקייט און נאכלעסיגקייט צו אייערע קינדער! איך, למשל, בין ערצויגען געווארען ביי א פאטער א געוועזענעם „קרעפאסטניק". וואס האט נאך געדענקט דעם טעם פונ'ם פריצ'ס קאנטשיק. דעם זעלבען קאנטשיק האט מיין פאטער אנגעווענדעט אויף מיינע פלייצים און...

ראמאנענקא'ן איז ניט בעשערט געוועזען צו ענדיגען זיין גלענצענדע רעדע, וואס האט פראפאגאנדירט „קאנטשיק", מחמת אין דער מינוט האט זיך אויפגעחאפט איינער פון די מיטגלידער פונ'ם שווארצען פערבאנד, א אינזשענער, א געוועזענער שטאדט-מאכער, וואס מע האט איהם געחאפט ביי דער האנד, היינט פערנעהמט ער זיך מיט הידראפאטיע, דאס הייסט פשוט גערעדט, ער איז א בעדער. מיט א דאנער-שטימע האט זיך דער אינזשענער געווענדעט צו'ם רעדנער: — אז איהר האט יא פערזוכט דעם טעם פון אייער פאטערס קאנטשיק, פארוואס האט איהר איהם ניט אויסגעפרובט אויף אייער אייגענעם זוהן, וואס שלעפט זיך ארום, זאגט

מען, מיט אלע קראמאלניקעס, מיט יודען און מיט אנדערע, ווי איהר רופט זיי, פוסטעפאסניקעס?...

דער עפעקט פון די עטליכע אונערווארטעטע ווערטער איז געווען אזוי גרויס, אז ראמאנענקא האט נישט געפונען קיין בעסערס ווי ערקלערען, אז ער האט געענדיגט, און אוועקזעצען זיך אויף זיין ארט.

דערפאר אבער האט ער אבגעווארט זיין מאמענט, ווען דער אינזשענער האט געהאלטען א שארפע רעדע וועגען עקספלאאטאציע, אין וועלכער די יודען צייכענען זיך אויס מעהר ווי אלע אין דער דאזיגער שטאדט. דונערען און בליצען, פעך און שוועבעל האט דער אינזשענער, דער בעדער, געווארפען אויף אלע זייטען. ער האט אויסגעוויזען מיט אותות ומופתים, אז אלע אומגליקען נעהמען זיך פון די יודען. אלס ביישפיעל האט ער געבראכט זיך אליין, זיינע אייגענע געשעפטען, זיינע וועלדער וואס ער האקט, זיינע הייזער וואס ער בויעט, זיינע פאבריקען און זיין אייגענע הידראפאטיע...

— וואס דארפט איהר דאס רופען „הידראפאטיע", רופט דאס אן מיט'ן ריכטיגען נאמען „באד" און זאגט שוין אויס דעם גאנצען אמת, אז אקעגען אייער באד שטעהט א יודישעס באד און מאכט אייך א קאנקורענץ...

אזוי האט איהם איבערגעהאקט אין מיטען דער געלעהרטער ראמאנענקא, און דער אינזשענער-בעדער האט איהם אויך ניט אבגעשוויגען און האט זיך דערשפיעלט: ראמאנענקא האט איהם א ווארף געטהון אין פנים אריין א מיאוס ווארט, וואס האט איהם בעדארפט דערמאנען זיינע אלטע חטאים, איבער וועלכע דער אינזשענער-בעדער איז געווארען אויס „שטאדט-מאכער".

דאס ווארט איז געווען: „גנב"...

אומזיסט האט דער פארזיצענדער, דער רעדאקטאר טשיבנאוו, אונאויפהערליך געקלונגען מיט'ן גלעקעל. אומזיסט האבען זיך אריינגעלעגט די מיטגליעדער פונ'ם „שווארצע

מאה'דיגען פערבאנד" אין א שלום אריין, עס האט צווישען די צוויי „עבט-רוסישע" ליט קיין פריעדען נישט געקאנט זיין מעתה ועד עולם.

דאן איז אויפגעשטאנען דער פארזיצענדער, דער רע-דאקטאר אליין, און האט געשלאסען די פערזאמלונג מיט א לאנגע פייערדיגע דרשה איבער אחדות, גערופען די מיטגליעדער, די שווארצע מאה'ניקעס, צו פעראייניגען זיך קעגען די געפעהרליכסטע שונאים פונ'ם לאנד, פוילען און יודען, און איבערהויפט יודען, „וואס האבען זיך ארייג-גע'גנב'עט צו אונז אין אונזער הייליגען לאנד און האבען צוגענומען צו זיך אין די הענד דעם גאנצען האנדעל מיט דער אינדוסטריע, די שטאדט, מיט די הייזער, מיט די גא-סען, מיט די איינוואהנער, מיט דער פרעסע"!

אזוי האט גע'דרש'ענט דער בעריהמטער רעדאקטאר פונ'ם בעריהמטען „קליִן" טשיכנאוו און האט בעפוצט זיין דרשה מיט א קלייניגקע אילוסטראציע, געשילדערט א בילד פונ'ם ווירקליכען לעבען בזה הלשון:

—ווילט איהר וויסען, ברידער, ווי אזוי עס געוועלטיגט אויף אונז דאס פאלק ישראל? אט וועל איך אייך מאלען א בילד פון מיינעם איין אייגענעם פריה-מארגען: איך בין אויפגעשטאנען אין דער פריה, זיך געלאזט איינוואשען, גענומען א ביטעל. — וועמענס איז דאס וואסער? גאטס? איהר האט א טעות! דאס איז פון דער וואסערלייטונג-קאמפאניע, וואס די גרינדער און הויפטאקציאנערען זענען יודען. איך נעהם מיך אנטהאן. — וועמענס איז דאס העמד? געקויפט ביי יודען! וועמענס איז דער שוך? געקויפט ביי יודען! איך שיק צו'ם ראזירער ער זאל מיך ארומגאלען — א פערשטעלטער ארמענער מיט איין אויסגעבויגענער נאז און מיט חיטרע אויגען — א יוד! איך זעץ מיך טרינקען טיי, — וועמענס איז דאס טיי? — וויסאצקי'ס! וועמענס איז דאס צוקער? — בראדסקי'ס! יודישע טיי און צוקער! איך צעשנייד א בולקע, — וועמענס איז דאס בולקע? פון א יודי-

שען בעקער! וועמענס איז דאס מעהל? — פון א מיהל, וואס געהערט צו א יודען! איך עפען־אויף א פעטערבורגער צייטונג — ווער גיט־ארויס די צייטונג? — א יודעל יאסקע! ווער שרייבט דעם לייט־ארטיקעל? א יודעל מאשקע! ווער איז אונטערגעשריבען אונטערען פעליעטאן? א יודעל קוגעל! — ווער האט געמאכט דאס בעסטע לידעל? — א רוסישער פאעט שמואל'קע פרוג! איך הויב אויף די אויגען אויף דער וואנט, — ווער האט געמאלט די בילדער? א יודעל בערענשטאם! ווער האט געמאכט דעם ביוסט? — א יודעל אנטאקאלסקי!... איך הער א קלונג. מען טראגט מיר אריין א חשבון פונ'ם בעל־הבית פאר דירה־געלד, — ווער איז מיין בעל־הבית? ראזענקראנץ! נאך א קלונג: ווער איז? דער דאקטאר ראזענבערג. נאך א קלונג: ווער איז? דער לעהרער פון מוזיק—ראזענפעלד! דער לעהרער פון מאטעמאטיק—ראזענצווייג! דער לעהרער פון דער רוסישער שפראך — ראזענבלום! דער לעהרער פון טענץ — ראזענבוים!...

איך חאפ מיך ארויס אין דרויסען, זעץ זיך אויף אויפ'ן עלעקטרישען טראמוויי. — אויף וועמענס טראמוויי פאהר איך? אויף א יודענס! ווער זענען די איינזשענערען וואס טרייבען איהם? יודען! איך לויף אריין מיט א טשעק אין באנק. — ווער איז דער דירעקטאר? — ראזענשטיין! ווער זענען די דינערס? — פיינשטיין, בלוישטיין, גרינשטיין, מארמארשטיין, סאפירשטיין, רובינשטיין, פינקעלשטיין, — עכט רוסישע נעמען! איך לויף ארויס פון באנק, געה פארביי דעם קאנסערוואטאריום. ווער זענען די פראפעסארען — יודען! יודען! איך ווער אויפגערעגט און לאז מיך צו'ם טייך מאכען א שפאציר אויף א דאמפף־שיף אויסרוהען א ביסעל די נערווען. — וועמען געהערט דאס שיף? — טהו איך א פרעג ביי'ם קאפיטאן און בעקום פון איהם א קלארע תשובה: א יודען ראזענבלאט!...

פערוונקען אין אזעלכע טרויעריגע מחשבות פאהר

איך צוריק, קום צו זיך אין דער רעדאַקציע, עפֿען-אויף די געלד-פּאַקעטען, וואָס זענען געקומען מיט דער פּאָסט, און לייען בריוולעך פֿון מיינע אַבאָנענטען:

„שיקט מיר אייער ווערטהע צייטונג. גרינבוים".

„שיקט מיר אַרויס אייער צייטונג. גרינוואַלד".

„איך בעט מיר שיקען אייער ליבען „קלין". גרינשטיין".

„איך בעט אויף ווייטער אייער טייערען „קלין". גרינפֿערד".

„למען השם שיקט מיר אַרויס אייער „קלין". גרינשפּאַן".

„איך קוק שוין אַרויס אויף אייער ליעבען „קלין": גרינהאָרן".

„איך קאָן מיך גאָר ניט בעגעהן אָהן אייער „קלין". גרינצווייג".

„איך לעז ניט קיין אַנדער צייטונג, אַחוץ אייער „קלין". גרינטוך".

אָט אַזוי, ברידער, האָט זיך דאָס פֿאָלק ישׂראל פֿערשפּרייט אין אונזער לאַנד! אָט אַזוי האָבען זיי אונז בעקעמפּפֿט! אָט, אָט נאָך אַביסעל וועלען זיי אונז גאָר אַרויסיאָגען אַלעמען פֿון אונזער לאַנד מיט אונזערע ווייב און קינדער, מיט אַלעם, וואָס אונז איז ליעב און טייער און הייליג! ברידער! מהוט אייער פֿליכט! פֿעראייניגט אייך קעגען דעם פֿיינד! דערלאָזט נישט פֿאַלען די זיילען פֿון דער אַלטער רעגירונג. לאָמיר זיך אַלע בעוואָפֿענען מיט וואָס מיר קענען, צו קעמפּפֿען מיט אַלע כּוחות קעגען דער רעוואָלוציע, ניט דערלאָזען בעפֿלעקען אונזער הייליגע ערד מיט דער חרפּה פֿון דער פּוילער קאָנסטיטוציע, וועלכע וועט ברענגען איין אונגליק אויף אונזערע קעפּ אויף דור דורות! דערלאָזען ביי אונז אַ קאָנסטיטוציע — הייסט דערלאָזען אַ רעגירונג פֿון „אינאָראָדצעס"! נידער מיט די יודען!

— הורראַה!!! — האָבען אונטערגעכאַפּט אַלע מיט-

גליעדער און דערמיט האט זיך די זיצונג פון די שווארצע מאות געשלאסען.

קאפיטעל לח.

איציקעל שאסטעפאל געהט ארום אהן א קאפ.

— וואו זאל דאס זיין די טאכטער דיינע?

אזוי האט איציקעל שאסטעפאל געפרעגט ביי זיין ווייב שיוקע איין מאל אין א זומעריגען ווארימען פארנאכט, און האט בעקומען איין ענטפער פון איהר צוריק מיט א פראגע, ווי געוועהנליך:

— וואס איז שוין עפים געווארען די טאכטער מיינע, ניט דיינע?

— נו שטעהט דיר אפשר ניט אן? — מאכט איציקעל צום ווייב ווידער מיט א פראגע.

— אז סע שטעהט אן דיר, פארוואס זאל ניט אנשטעהן אויך מיר? — ענטפערט איהם אב שיוקע אלץ מיט א פראגע. און איציקעל פיהלט, אז ער האט שוין דעריוף גארניט, וואס צו ענטפערען, ווערט ער אין כעס, ווי געוועהנליך, טהוט א הארטען שפיי, א נעהם דעם שירם, א האק מיט דער טהיר, און געהט אוועק פון שטוב.

פון דער ערשטער מינוט, וואס טאמארא איז געקומען פון פעטערבורג, האט איציקעל נאך נישט געהאט קיין גוטע מינוט פון זיין טאכטער. פריהער האט זיך פארנאדועט צו איהם אין שטוב עפים איינער א מאדנער פארשוין א בעוואכסענער ווי א בער, דאכט זיך א פראסטער שוסטער־יונג, נאר רעדען רעדט ער ווי א געבילדעטער מאן.

וויפיעל איציקעל האט זיך ניט געפרובט ארויסבעקומען פון זיין טאכטער, ווער איז אט דער פארשוין? — האט ער נישט געקאנט געוואהר ווערען קיין זאך, אחוץ

דעם, אז ער הייסט נײדיטש. צוליעב דעם דאזיגען נײדיטש האט דעם שוסטערס זוהן אויך געהאט שוין א דריסת הרגל צו זיין טאכטער, און ווען האט דעם שוסטערס זוהן געקאנט גאר האבען א השגה צו קומען צו איהם אין שטוב אריין? אויף אלע זיינע פראגען האט איציקעל בעקומען פון זיין טאכטער נאר איין תשובה:

— א שוסטער איז דען קיין מענש ניט?...

דאס איז געוועזען נומער איינס. די צווייטע זאך, וואס איהם האט געקרענקט, איז געוועזען סאשא ראפאלאוויטש.

דער אונגליקליכער פאטער האט ניט געקאנט איבערטראגען, וואס דעם אפטייקערס זוהנ׳דעל קומט אריין צו איהם אין שטוב אריין פראנק און פריי, אלע מאל אויסגעפוצט ווי א כלה, ווארפט אראב די הענדשקעלעך, גיט איהם, איציקעל שאטטעפאל׳ן, די האנד, און אויך שיוועק׳ן ניט ער די האנד, און האלט זיך ביי איהם אין שטוב ווי „עפעס א גאנצער רב שמעלקע״! און שענער פון אלץ איז דאס, וואס שיוועקע אליין האט שוין גאר אנגעהויבען פארענטפערען די טאכטער, געפינען א זכות אויפ׳ן אפטייקערס זוהנ׳דעל, לויבען איהם, אז ער איז א גאנץ וואויל בחור׳ל.— מערקווירדיג! זינט די טאכטער איז געקומען פון פעטערבורג איז די שטוב געווארען איין אנדער שטוב, דאס לעבען—איין אנדער לעבען און אפילו דאס ווייב—איין אנדער ווייב. ס׳איז גאר ניט די שיוועקע, וואס פריהער! אמאל פלעגט זי האבען דרך ארץ, ציטערען, וויסען נאר צובאמקען צו אלסדינג וואס ער, איציקעל, האט געזאגט. איצט איז זי געווארען א גאנצער מענש! זי זאגט שוין אויך מבינות אויף א מענשען: דעם אפטייקער׳ס זוהן קומט אויס ביי איהר א גאנץ וואויל בחור׳ל!

— אפשר וואלסט דו געזאגט איך זאל מיך משדך זיין מיט׳ן טרפ׳ניאק דעם אפטייקער? — פרעגט איציקעל אין א שפאס ביי זיין ווייב שיוועקע, און בעקומט פון איהר איין ענטפער דורך א פראגע, ווי געוועהנליך:

— פאַרוואָס ניט?

— אפשר איז שוין בײַ זײ אײַן אָבגעמאַכטע זאַך? פרעגט ווײַטער איציקעל.

— פון וואַנען ווײס איך, אז נײַן? — ענטפערט איהם שיוּוקע אַלײן מיט דעם זעלבען שטײַגער, מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע.

— קאָן זײַן, אז אין גיכען זאָל אונז קומען מזל טוב?

— פאַרוואָס זאָל דאָס ניט קענען זײַן?

— דאָס וואָלט איך, דאַכט מיר, געמעגט וויסען פריהער פון דיר?

— וואו שטעהט דאָס געשריבען?

— טפוי זאָל דאָס ווערען!

דער לעזער ווײַסט שוין, ווען פון מאַנן און ווײַב עס געהערט דער „טפוי"! ... קײן פאָטער זאָל נישט וויסען פון אַזעלכע צרות, ווי אונזער אומגליקליכער פאָטער שאָסטעפּאַל, אז ער מוז זיך אוועקשטעלען רעדען מיט דעם געלײען בחור'ל דעם אפטײַקערס זוהנ'דעל, פון יודישקײַט, פון ציוניזם און פון נאָך כדומה אַזעלכע זאַכען, וואָס ער וואָלט קײן מאָל פון דעם מיט אַזאַ שנעק ניט גערעדט! ער וואָלט איצטער אויך מיט איהם נישט גערעדט; נאָר עס ציהט איהם עפּיס, ער ווײַסט אַלײן ניט וואָס. הויבען הויבט זיך אָן בײַ איהם פון אַ גוט-מאָרגען און עס שלעפּט איהם אַרײַן אין אַ גאַנצען שמועס, ער ווײַסט ניט, ווי אַזוי?

אום צו געבען אַ בעגריף, ווי אַזוי אַ מענש לאָזט זיך שווימען קעגען זײַן אײגענעם ווילען, געבין מיר דאָ איבער אײנעם פון די פילע שמועסען, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישען אַזאַ בר דעת אַ בעל הבית, ווי איציקעל שאָסטעפּאַל, און צווישען אַזאַ „שנעק", ווי דעם אפטײַקערס זוהנ'דעל סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש:

סאַשאַ: גוט מאָרגען, העער שאָסטעפּאַל!

איציקעל: גוט מאָרגען, גוט יאָהר, ס'הערט זיך עפּעס?

סאשא: דערוויַיל איז שטיל.

איציקעל: וואָס הייסט „דערוויַיל"?

סאשא: דערוויַיל הייסט — כל זמן מע שלאָגט ניט.

איציקעל: איז די משמעות, אז מע וועט שלאָגען?

סאשא: נאָך אַ מין שלאָגען! מע האָט געשלאָגען, מע שלאָגט און מע וועט שלאָגען:

איציקעל: אַזוי? יודען מן הסתם?

סאשא: וועמען דען? גוים?

איציקעל: וואָס זשע איז דערצו די עצה?

סאשא: אחדות.

איציקעל: ביי יודען ווילט איהר אחדות?

סאשא: פאַרוואָס ניט?

איציקעל: אַראָבבּרענגען משיח'ן?

סאשא: נאָר נישט אויף קיין וויַיסען פערד.

איציקעל: דורך אָט די יונגלעך דאָרט, די ציוניסטען?

סאשא: די ציוניסטען אויך.

איציקעל: אונז פיהרען קיין ארץ ישראל?

סאשא: וואָס עפּיס קיין ארץ ישראל?

איציקעל: וואָהין דען?

סאשא: אַהין, וואו נעהענטער.

איציקעל: און איהר זענט דאָס די פיהרער?

סאשא: אַ ברירה האָבען מיר, אז איהר האָט קיין צייט ניט.

איציקעל: ווען זשע רעכענט איהר אונז, אם ירצה השם, פיהרען?

סאשא: ווען איהר וועט זוכה זיין.

איציקעל: ביי וועמען?

סאשא: ביים פאָלק.

און אַזוי וויַיטער, אָהן אַ סוף, ביז איציקעל שאָסטעפאַל ווערד אין כעס, דרעהט זיך אוים גאַנץ אונהעפליך צום גאַסט און נעהט אַוועק צו זיינע געשעפטען און עסקים.

סאשא ראפאלאוויטש אבער איז נאך פון די אונגליקען, וואס מע קאן זיי אריבערטראגען, א סך ערגער איז דאס, וואס אלע טאג ווערד די טאכטער פערפאלען אויף א שעה אדער אויף צוויי, דאס הייסט זי טהוט זיך אן, געהט אוועק און זאגט נישט, וואוהין. שוין פון א צייט, אז דער פאטער האט דאס בעמערקט, ער וויל זי פרעגען, און ווייסט נישט, ווי אזוי ער זאל דאס טהון. ער האט איהר א פאר מאל אפילו א זאג געטהאן: „וואהין איז"? און האט בעקומען איין ענטפער: „איך קום באלד צוריק". ער האט געפרופט דורכ'ן ווייב, טאמער וועט ער עפעס געוואהר ווערען, ווייסט זי אויך נית מעהר פון איהם.

— ווי אזוי ווייסט דאס נית א מאמע, וואהין די טאכטער געהט? — פרעגט איציקעל ביי זיין פרוי און בעקומט באלד אויסגאב מית דער זעלבער פראגע:

— ווי אזוי ווייסט דאס נית א טאטע, וואהין זיין טאכטער געהט? אויסלאזען דעם כעס צום ווייב לאזט ער שוין נית אויס. אזוי ווי פריהער. זינט די טאכטער איז א היגע האט די מוטער שטאלץ און שטארקייט קעגען איהם, אוןביידע, די מוטער מית דער טאכטער, האבען ווי געשלאסען צווישען זיך א פערבאנד קעגען איהם, און האט ער געוואלט פרופען אבשפיעלען דעם ווייב א מזמור, מאכען איהר א סקאנדאל, ווי ער איז געוואוינט געווארען, אזוי האט זיך ארויסגעשטעלט די טאכטער, זיך אנגענומען די קריוודע פון איהר מוטער, און דוקא מית גוטע רעד...

איציקעל שאסטעפאל מוז אבער אונבעדינגט וויסען, וואס איז דאס מית זיין טאכטער געווארען? וואס געהט זי אום אין שטוב אזוי ווי א שאטען? וואס איז דאס פאר איין עובדא, אוועקגעהן אלע טאג אויף צוויי שעה און נית זאגען, וואוהין? מית וועמען זעהט זי זיך? וואס טראכט זי זיך?

און דער פאטער איז געווארען א שפיאן. ער האט גענומען נאכקוקען דער טאכטער, וואוהין זי געהט, און ער האט זי געפאקט. ער איז איהר איין מאל אונבעמערקט

נאָכגעגאַנגען פֿון הינטען און האָט דערזעהען, ווי זי האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צום לעהרער ראָמאַנענקאָ אין הויף אַרײַן און איז פֿערשוואונדען געוואָרען.

איציקעל שאָסטעפּאַל'ס קאָפּ איז שיער ניט צושפּאָלטען געוואָרען קלעהרענדיג: וואָס טהוט זײַן טאָכטער בײַ ראָמאַנענקאָ'ן? אַלערלײַ מאוסע מחשבות, אײַנע מאוסער פֿון דער אַנדערער, איז איהם דורכגעפֿלויגען אין קאָפּ. אַז זײַן טאָכטער איז גוט בעקאַנט מיט'ן יונגען ראָמאַנענקאָ — דאָס ווײַסט ער. ער ווײַסט אָבער דאָס אויך, אַז דער יונגער ראָמאַנענקאָ איז ניט היע, אַז ער זיצט ערגיץ אײַנגעשפּאַרט און אַז ס'איז ניטאָ פֿון איהם קײַן שום ידיעה. צו וועמען זשע קאָן זי געהן? צו די עלטערן? ווײַסט ער אָבער, אַז ראָמאַנענקאָ'ס פֿאָטער איז אַ צורר היהודים -- און אָט דאָ ערשט קומט דער מאוסטער פֿון אַלע געדאַנקען: ווײַל ער איז אַ צורר היהודים, געהט אַהין זײַן טאָכטער!... ווײַל ער איז אײַן אַנטיסעמיט, האָט ער אײַן אויג אויף זײַן, איציקעל שאָסטעפּאַל'ס, טאָכטער, — און דער דאָזיגער מאוסער געדאַנק מאַכט דעם אונגליקליכען פֿאָטער משוגע און ער קאָן זיך גאָר קײַן אָרט ניט געפֿינען!... אָהן אַ קאָפּ געהט ער אַרום די גאַנצע צײַט, ביז די טאָכטער קומט צו געהן. און אַז די טאָכטער קומט צו געהען, רעדט ער מיט איהר פֿון פֿערשיעדענע זאַכען, און מעהר פֿון יודען, להבדיל גוים, אונזער גלויבען, זײַער גלויבען... פֿערקוקט איהר אין די אויגען אַרײַן, טאָמער וועט ער עפּיס פֿון איהר אַרויסגעפֿינען, — אומזיסט די אַרבײַט! טאַמאַראַ איז די אײַגענע, וואָס תמיד, סײַדען נאָר דאָס, וואָס איהרע אויגען זענען מעהר פֿערטראַכט ווי אַלע מאָל און אַביסעל בלאַס איז דאָס פּנים, און אַז מע פֿרעגט זי עפּיס, ענטפֿערט זי ניט באַלד, און אַז עס קומט צו איהר צוגעהן דעם אַפּטײַקערס זוהנ'דעל, היצט זי זיך נישט, ווי זי פֿלעגט זיך היצען ביז אַהער, זי לאָזט איהם רעדען, און אַלײַן געהט זי אַרום מיט איבערלעגטע הענד אויפֿ'ן האַרצען אָדער זי קוקט

אויף איהם מיט אזעלכע אויגען, וואס ס'איז לייכט צו דער־קענען, אז זי הערט איהם ניט, ווארום איהרע מחשבות זע־נען וויים פון דאנען...

קאפיטעל ל״ט.

ער מאכט א וויזיט צו סאשא ראפאלאוויטש.

איין מאל איז איציקעל שאסטעפאל געקומען אהיים א צערייצטער פון זיינע פארפלאנטערטע עסקים מיט „קאזנא״, אויפגערעגט פון די אדוואקאטען, וואס האבען געצויגען ביי איהם די עצמות, און פון די „טשינאווניקעס״. וואס האבען „געבראקעוועט״, און דערצו האט ער נאך א גאנצען טאג אין זיין מויל נישט געהאט.

דאס איז ידוע, אז א מענש, דער גרעסטער מאן, ווען ער איז אויפגערעגט און נאך הונגעריג דערצו, איז ער אביסעל געגליכען צו א חיה. א מינדסטע נארישקייט מאכט איהם נערוועז, משוגע. אין אזא צייט איז גלייכער, אז מען לאזט איהם צורוה. מיר האבען שוין אבער לאנג בעמערקט, אז שיוקע שאסטעפאל בעזיצט נישט די קונץ פון אנדערע ווייבער, וואס ווייסען, ווי אזוי זיך צו בעגעהן מיט זייערע מאנען, בשעת עס קומט זיי אן די משוגעת. פארהאן ווייבער בריה'ס, וואס וועלען ניט איבערשפארען דעם מאנן, ווען איהם פאלט איין א ווילדער געדאנק, און עס ווילט זיך איהם זאגען למשל אויף שווארץ, אז ס'איז ביטער, און אויף גרין אז ס'איז קאלט. אזעלכע פרויען פערשטעהען, אז די וועלט וועט זיך דערפון ניט איבערקעהרען, און אז דער שגעון פון איהר מאנן וועט איבערגעהן, וועט שווארץ ווערען צוריק שווארץ, און גרין וועט זיין גרין, און חריין וועט זיין ביטער, און אייז וועט זיין קאלט, און דער מאנן וועט אליין זעהען, אז ער איז געווען משוגע און אז זיין ווייב פערשטעהט א געשעפט.

אונזער שיוקע שאסטעפאל איז, ווי מיר ווייסען,

נישט געווען אַזוי ווײַט דיפּלאָמאַטיש, און ווער שמועסט פֿון זינט די טאָכטער איז געקומען פֿון פּעטערבורג, איז זי געוואָרען אַקעגען איהר מאַן אַ גאַנצער עזות־פּנים, און אַ מאַנן האָט פֿײַנט אַ ווײַב אַיין עזות פּנים, אַ מאַנן געהט מיט דעם גאַנג, אַז ער, אַלס מאַנן, מעג אַלסדינג, דאָס ווײַב— גאָרנישט, דערפֿאַר, ווײַל ער איז אַ מאַנן און זי — אַ ווײַב.

אָוועקגעזעצט זיך צום טיש, געמאַכט המוציא, האָט איציקעל שאָסטעפּאַל גענומען אַרומקוקען זיך אויף אַלע זײַטען. ווי הונגעריג ער איז ניט געווען, האָט איהם עפּיס דאָך געפֿעהלט צום טיש, און שטאַרק געפֿעהלט! ער איז געוואוינט געוואָרען, אַז די טאָכטער זאָל איהם זיצען בײַ דער רעכטער האַנד; ער זאָל זי פֿרעגען, וואָס הערט זיך עפּיס נײַעס? וואָס שרײַבט מען אין די בלעטער? זי זאָל איהם דערצעהלען וואָס מע שרײַבט וועגען הײַנטיגע געשעפֿטען, וועגען רעוואָלוציע, ער זאָל זיך אויסלאַכען פֿון די קונדײַסים— יונגלעך—שקצים, זי זאָל איהם איבערשפּאַרען, איהם וועלען אײַנרעדען, אַז ער פֿערשטעהט ניט, וואָס דאָס איז, און אַזוי ווײַטער.

און ווי שטאַרק זיי זאָלען זיך ניט קריגען, און ווי ווײַט ער זאָל פֿון איהר ניט לײַדען, איבערהויפּט אין דער לעצטער צײַט, פֿיהלט ער דאָך, אַז עס פֿעהלט איהם דאָ טאַמאַראַ. און ער טונקט אײַן דאָס ערשטע שטיקעל ברויט אין דער הײַסער יויך פֿון די הײַסע פֿיש און טהוט אַ פֿרעג בײַ׳ן ווײַב:

— וואו איז דאָס קינד?

— פֿון וואַנען זאָל איך וויסען?

— וואָס הײַסט, פֿון וואַנען זאָלסט דו וויסען?

— נו יאָ, פֿון וואַנען זאָל איך וויסען?

— ביזט אַ מאַמע, צי נײן?

— און אַז איך בין אַ מאַמע איז וואָס דערפֿון נעדרונגען?

— וואס זאל זיין געדרונגען? איך וויל נאר וויסען, צי ביזט דו א מאמע?

— נו יא, און אז איך בין א מאמע איז וואס?

— אז דו ביזט א מאמע, טא נא זשע דיר!

און עס פליהען אין דער ערד אריין טעלער מיט לעפעל, מיט גאפלען, מיט פאלומיסעק, און עס ווערד א רעש, א מהומה, און עס לויפען זיך צענויף די מענשען פון קיך אויף חרושים, און בעטראכטען מיט איבערראשונג דאס צובראכענע געפעס, מיט'ן צערייצטען בעל-הבית, מיט דער אנגעשראקענער מאדאם...

— איין אומגליק, אראבגעפאלען דאס גאנצע געפעס, — זאגט די מאדאם צו די מענשען און ברעכט די הענד.

— איך וויים גארניט, ווי אזוי דאס האט זיך געטראפען? — זאגט דער בעל-הבית ווי צו זיך אליין.

— עס זאל זיך אזוי ניט טרעפען, ווי עס טרעפט זיך — זאגט די קעכין, חוה די יודענע, און העלפט צונויפנעהמען דאס צעבראכענע געפעס און קוקט זיך איבער מיט'ן שטוב-מיידעל; דאס שטוב-מיידעל לאכט.

— וואו איז טעמע? — פרעגט שאסטעפאל ביי די מענשען.

— טאמארא איז ביי זיך אין אלקיר — ענטפערען די מענשען.

— ביי זיך אין אלקיר? — זאגט איציקעל שאסטעפאל און לאזט זיך געהן צו דער טאכטער אין אלקיר אריין.

צוגעגאנגען צו דער טאכטער'ס אלקיר, האט דער פאטער אנגעקלאפט אין טהיר און עס האט זיך דערהערט א קול:

— ווער איז?

ס'איז איך! — ענטפערט איהר דער פאטער און טרעט-אריבער די שוועל און ער דערזעהט אויפ'ן בעטעל ליגען זיין טאכטער מיט'ן פנים ארויף, די הענד פערוואר-

פֿען אונטער'ן קאָפּ, אויפֿ'ן הארצען אַ בלאַט ציַיטונג. די אויגען רויטליך, ווי פֿערוויינט. ער געהט צו צו איהר נאָהענט, לעגט אַרויף די האנד צו איהר אויפֿ'ן קאָפּ.

— וואָס איז דיר, טאָכטער!

— גאָרנישט.

— ביזט עפּעס נישט מיט אַלעמען?

— דער קאָפּ אַ ביסעל טהוט מיר וועה.

— אפשר דעם דאָקטאָר?

— ניין, ניין! נאָר נישט קיין דאָקטאָר!

איציקעל שאָסטעפּאַל קען שוין זיין טאָכטער, אַז זי זאָגט ניין, איז ניין.

* * *

דעם זעלבען טאָג, אַרום פֿאַרנאַכטליך, אַז די זונן האָט געהאַלטען ביי זעצען זיך, פֿערפֿאַרבט דעם אונטערשטען טהייל הימעל מיט רויטען, האָט צום אַפּטייקער ראַפּאַלאָוויטש אין דער טהיר אַנגעקלונגען איציקעל שאָסטעפּאַל. זינט זיי זענען שכנים איז עס דאָס ערשטע מאָל וואָס שאָסטעפּאַל האָט אַנגעקלונגען צו זיין שכן דעם אַפּטייקער. איציקעל שאָסטעפּאַל האָט אפילו חשק געהאַט באַלד צוריק אָבטרעטען פֿון דער טהיר — איז אָבער געווען אַביסעל שפּעטליך, מחמת אויף זיין קלונג האָט זיך בעוויזען אַ שוואַרץ בחור'ל מיט געקרייזעלטע הערלעך און מיט איין אויסגעבויגענער נאָז. דאָס איז געווען סאַשאַ'ס חבר, שמעון קעסלער.

דעם אַפּטייקער'ס זוהנ'דעל איז אין דער היים? — פֿרעגט איהם שאָסטעפּאַל און האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט אהער אַנגעקלונגען.

— סאַשאַ? — מאַכט צו איהם קעסלער — ער איז דאָ, קומט אַריין. סאַשאַ! קום נאָר אהער.

אויף דעם אויסרוף קומט אָן דעם „אַפּטייקער'ס זוהנדעל", דערזעהט טאַמאַראַ'ס פֿאָטער פּלוצים ביי זיך אין שטוב, ווערד מבולבל און צינדט זיך אָן ווי אַ פֿייער.

— איך דאַרף דיך... איך דאַרף אייך עפּעס פֿרעגען,—

מאַכט צו איהם שאָסטעפּאַל, און קוקט אויף סאַשאַ'ס חבר קעסלער. סאַשאַ שטויסט זיך, אַז דער חבר קעסלער איז דאָ איבעריג.

— שמעון, גיה אַרויס אויף אַ ווײַלע, — זאָגט סאַשאַ צו זײַן חבר קעסלער און בעט איציקעל שאָסטעפּאַל זיך זעצען.

איציקעל שאָסטעפּאַל קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטען.

— האָט איהר נישט אַ באַזונדערען חדר? — פרעגט ער בײַ סאַשאַ'ן.

— אך! מיט'ן גרעסטען כבוד! קומט אַרײַן צו מיר אין קאַבינעט — זאָגט צו איהם סאַשאַ זעהר פרײַנדליך און פיהרט איהם אַרײַן צו זיך אין אַ קלײַן, רײַן, ליכטיג חדר'ל אַרײַן... איציקעל שאָסטעפּאַל בעטראַכט דאָס חדר'ל, וואָס איז פול מיט ספרים און ביכער, ביכער אין די שאַפעס, ביכער אויף פּאָלקעס, ביכער אויפ'ן טיש, און מאַפּעס, לאַנד־קאַרטען אויף אַלע ווענט. סאַשאַ טראָגט אונטער דעם גאַסט אַ שטוהל. דער גאַסט בעטראַכט די ווענט מיט די מאַפּעס און לאַנדקאַרטען.

— וואָס איז דאָס בײַ אײַך אָט דאָס אָ? — פרעגט דער גאַסט, און סאַשאַ ענטפערט איהם.

— דאָס זענען מאַפּעס, לאַנדקאַרטען פון דער גאַנצער וועלט.

— איהר שטודירט דען אויף אינזשינער?

— איך שטודיר דוקא מעדיצין; נאָר דאָס לערנען מיר געאָגראַפיע אויף דער עלטער, איך מיט מײַן חבר, — מיר שטודירען די לאַנדקאַרט, מיר זוכען אַ טעריטאָריום, אַ לאַנד פאַר אונזער אָרעם פאָלק ישראל, וואָס בלאָנקעט אַרום שוין באַלד צווײַ טויזענד יאָהר אָהן אַ היים...

אַזוי זאָגט צו איהם סאַשאַ מיט אַ שמײכעל און איציקעל שאָסטעפּאַל קאָן זיך ניט אײַנהאַלטען פון צו געבען אַ בעמערקונג:

— אַהאַ? אַ לאַנד? דאָס פאָלק ישראל? איך האָב גאָר

פֿאַרגעסען, אַז איהר ווילט אראָבּברענגען משיח'ן.

און שאָסטעפּאַל דערמאַנט זיך, אַז ער איז געקומען אַהער מיט אַ בּקשה, פֿערחאַפּט ער זיך און זאָגט ווײַטער.

— מהיכיתיתי, אדרבּה, זעהר פֿײַן, וואָס איהר זיצט ניט לעדיג, יונגעלײַט, וואָס איהר טהוט עפּעס, וואָס איהר זאָרגט פֿאַר'ן כּלל ישׂראל... מיר קאָנען נישט, מיר האָבּען קײַן צײַט ניט, טאָג ווי נאַכט פֿערטאַרעראַמט, איהר זעהט דאָך, געשעפֿטען, פּאָדריאַדען, עסקים...

— אָט דאָס איז טאַקי די צרה — זאָגט צו איהם סאַשאַ — וואָס איהר זענט פֿערטאַרעראַמט מיט אײַערע געשעפֿטען, פּאָדריאַדען פֿון געלד, און מיר זענען פֿערטאַרעראַמט מיט אונזרע געשעפֿטען, און דערווײַל דאָס יודישע פֿאָלק געהט-אונטער...

— אָט-אָט-אָט! — מאַכט צו איהם דער גאַסט און ווײַזט איהם מיט'ן פֿינגער, אַז ער האָט געטראָפֿען אין רעכטען קאַרב אַרײַן, און מאַכט מיט'ן קאָפּ — גערעכט! לאָמיך האָבּען אַזאַ יאָהר, ווי איהר זענט גערעכט! די אײַגענע טענות האָבּ איך מיט מײַן טאָכטער: צו וואָס טויג אונז, יודען, זיך פֿאַרנעהמען מיט פּאָליטיק, רעוואָליוציעס — שמוציעס? הלואַי איך זאָל ליגען זאָגען, זאָג איך, עס וועט זיך דאָך געוויס אויסלאָזען, זאָג איך, צו אונזערע קעפּ, מיט אַ קעשינעוו, מיט אַ פּאָגראָם און מיט אַרויסטרײַבּען, זאָג איך, יודען פֿון די דערפֿער און פֿון די שטעדט, זאָג איך. אָט האָבּ איך, זאָג איך, צו טהון מיט פּריצים, זאָג איך. טײַטען זײ, זאָג איך, מיט די פֿינגער אין ווײַזען אָן, זאָג איך, אויף אונז, אַז אומעדום זענען מיר שולדיג. ווער האָט אויסגעקלערט דאָס וואָרט „שטרײַק"? יודען! ווער שרײַבּט אין די אויסלענדישע צײַטונגען מע זאָל אונז נישט לײַהען קײַן געלד? אַ יוד! עפּיס אַ יוד פֿאַרהאַן אַזעלכער אין אײַנגלאַנד, בּער אָדער וואָלף רופֿט מען איהם, אַזוי האָט מיר מײַן טאָכטער דערצעהלט, שרײַבּט ער, אָט דער בּער אָדער וואָלף, אויסדריקליך, אַז מע זאָל אונז ניט לײַהען קײַן גראָשען, און

בערעכענט אייך נאָר נאָך אַמאָל, אַ פּאַטעפּאַלנאַסט פֿון אַ יודען: שרייבען אויסדריקליך מע זאָל אונז ניט לייהען קיין געלד, וואָרום מיר זענען באַנקראָט!?

—ווי איך זעה אָרויס, — שלאָגט איהם סאַשאַ איבער,— זענט איהר אַ רעכטער רוסישער פּאַטריאָט...

— נישט ווייל איך בין אַ פּאַטריאָט, — פֿערהאַפּט זיך שאַסטעפּאַל, — נאָר איך זאָג, אַז אַ יוד טאָר זיך ניט מישען; אַ יוד דאַרף וויסען, אַז ער איז אַ יוד...

— און קושען דעם פּריין די האַנד און זינגען מה יפית? אָדער זיצען און וואַרטען ביז מע וועט קומען און מע וועט איהם צערייסען די קישעלעך, צעברעכען די ביינקלעך, צעראַבעווען דאָס פֿערמעגען, פּייניגען דאָס ווייב, שענדען די טעכטער? — אַזוי זאָגט סאַשאַ צום גאַסט, און דער גאַסט ענטפֿערט איהם:

— וואָס זשע דען איז נאָך אייער מיינונג? שפּרינגען אין פֿייער אַריין? לויפֿען פֿאַר די כּלי־זמר? שרייען: באַנקראָט? מאַכען רעוואָלוציעס?... אדרבה, לאָמיך הערען אייער מיינונג, וואָס זאָגט אי ה ר? איהר זענט אויך פֿון די דאָזיגע?..

— איך בין נישט דערגעגען — מאַכט סאַשאַ ערנסט,— מיר דאַרפֿען נעהמען אַנטייל אָבער נאָר אַלס יודען, מיר, אַלס אַ נאַציע, דאַרפֿען שטעלען אונזערע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען, אַז מיר ווילען אונזערע אייגענע נאַציאָנאַלע, יודישע רעכטע, און פֿאַר די דאָזיגע רעכטע קעמפּפען מיר, שלאָגען מיר זיך...

— אוי וועה איז מיר! — זאָגט צו איהם שאַסטעפּאַל מיט אַ נגון: — זענט איהר דאָך דער אייגענער פֿויגעל, וואָס זיי אַלע! וואָס איז דאָס פֿאַר ווערטער געוואָרען: קעמפּפען? שלאָגען זיך? איך האָב געמיינט, איהר זענט אַ שטילינקער, צום סוף גאָר—קעמפּפען, שלאָגען זיך! דאָס אייגענע הער איך דאָך פֿון מיין טאָכטער אויך.

— דער חלוק צווישען אונז איז, וואָס איך זאָג קעמפּ-

פֿען פֿאַר אונזערע אײגענע אינטערעסען פֿון אונזער אײגען פֿאָלק, וואָס מיר איז דאָס נעהענטער, און אײַער טאָכטער איז אַוועק ווײַטער; זי זאָגט: פֿאַר אַלע פֿעלקער, פֿאַר אַלע מענשען, פֿאַר די גאַנצע מענשהײַט!...

— יאָ, מײַן טאָכטער איז אַוועק ווײַטער, שוין צווײַט!...

אַזוי זאָגט איציקעל שאָסטעפּאַל מיט אַ זיפֿץ און מיט אַ ביטער שמײכעלע, און זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגען דריקען אויס זעהר פֿיעל פֿערשטעלטען טרויער, פֿערבאָרגענעם שמערץ, און ער הויבט אָן מיט אַ טאָן נידעריגער:

— אָט דאָס בין איך טאַקי צו אײַך אַרײַנגעקומען. ערשטענס זיך אויסרעדען אַביסעל דאָס האַרץ. אײַך האָב איך דערקענט פֿאַר אַ וואויל מענשעל, כ'לעבען, איהר זענט מיר געפֿעלען, דאָס הײסט איהר הויבט מיר אָן צו געפֿעלען. איהר האָט אין זיך חאָטש אַ קאַפּעל יודישקײַט.

— אַ דאַנק — מאַכט צו איהם סאַשאַ מיט אַ האַלבע שמײכעל.

— ניטאָ פֿאַר וואָס — זאָגט איהם שאָסטעפּאַל גאַנץ ערנסט, — און צווײטענס האָב איך אײַך געוואָלט ווײַזען עפּיס אַ זאַך. איך וועל דאָס אײַך באַלד ווײַזען, נאָר קודם דאַרף איך אײַך זאָגען אַ הקדמה, אַז איהר זאָלט ניט מײנען חס ושלום, אַז איך קלער עפּיס איבער אויף מײַן טאָכטער. איך קען מײַן טאָכטער זעהר גוט, מעגט איהר מיר גלויבען אויף נאמנות.

— איך גלויב אײַך.

— אַלזאָ איז אָבגערעדט דערפֿון. אַלא וואָס דען? איך פֿערשטעה זי ניט! איך הויב זי ניט אָן צו פֿערשטעהן! געוויס דאַרפֿט איהר קענען מײַן טאָכטער'ס לעהרער, דער קריסט, ראָמאַנענקאָ'ס זוהנדעל, פֿון דער גימנאַזיע דער לעהרער, אַ וואויל גוי עצעל, אײן עהרליכער, נאָר אַ פֿאַרברענטער „חברה-מאַן! פֿון די „דאָזיגע" לײַט... מײַן טאָכטער האַלט פֿון איהם. איך האַלט אפילו אויך פֿון איהם, נאָר זי גאָר לעילא ולעילא! אַ גאַנצער גאָט בײַ איהר! איך אָבער זאָג איהר: אַ מענש

איז ניט קיין גאט. זאגט זי: דו קענסט ניט ראמאנענקא'ן. זאג איך: איך קען גרעסערע לייט פון איהם; איך קען דעם פראקוראר, איך קען דעם פרעדסעדאטעל, איך קען דעם גובערנאטאר אליין.. לאכט זי פון מיר... איהר ווייסט דאך, ביי די דאזיגע איז דער גובערנאטאר טרפה... מילא דאס בין איך אייך ניט אויסען. א גאט איז א גאט... איז ער אבער נישטא היע, דער גאט, דעם יונגען ראמאנענקא מיין איך. ער איז ערגיץ ווייס איך וואו, אין סיביר מסתמא. מען ווייסט ניט וואו... פרעגט זיך א קשיא: ווי באלד אז ער איז נישטא דער גאט, דער יונגער ראמאנענקא מיין איך, הייַנט וואס האט מען אהין צו געהן?

— וואוהין?

— איך ווייס וואוהין? צו זיינע עלטערן א פנים?... דעם פאטער ווייסט איהר דאך, וואס פאר א צורר היהודים ער איז... וואס האט זי דארט צו טהון אלע טאג?

— ווער?

— מיין טאכטער, טעמע, טאמארא הייסט דאס! ביז איך בין געוואהר געווארען, וואוהין זי געהט! אלע טאג, אלע טאג ווערד זי פארפאלען אויף צוויי-דריי שעה און איך האב נישט געוואוסט וואוהין... וואס הייסט איך האב נישט געוואוסט? נישט געוואוסט און איין עק!... בקצור איך בין געוואהר געווארען, אז זי געהט אהין... ווי אזוי איך בין געוואהר געווארען... — אפי' איך בין געוואהר געווארען... וואס טהוט זי דארט?... איך ווייס וואס זי טהוט?... וואס זאל איך קלעהרען? אדרבה, וואס איך זאל דא קלעה-רען? וואס קאן איך אויף איהר קלעהרען?... זי איז א יודישע טאכטער, זיי זענען גוים, און דער פאטער איז א רשע מרושע, א צורר היהודים... און איך קען מיין טאכטער און ווייס, אז זי האט פיינט דעם אלטען ראמאנענקא גלייך מיט מיר, שייך זאגען פיינט? מיר לעבען דאך מיט איהם צוזאמען. נאר וואס געהערט ער זיך אן מיט אונז? איך ווייס, אז ביי איהר איז ער טרפה אזוי ווי ביי מיר. וואס

דאַרפֿט איהר? זי האָט מיר אַליין דערצעהלט אַ מעשה, איך גיב אייך דאָס איבער בסוד, איהר זאָלט זיך נאָר ניט אויסרעדען פֿאַר מיין טאָכטער...

— קיין סודות פֿון אייער טאָכטער דאַרפֿט איהר אייגענטליך מיר ניט דערצעהלען.

— מענש! ס'איז נישט קיין סוד! דאָס ווייסען, זאָגט זי, אין פּעטערבורג אַלע, גאַנץ פּעטערבורג ווייסט! עפּעס אַ קניאַז אַ גרויסער מאַן האָט זיך צו איהר געשדכנט, איהר ווייסט דאָך מיין טאָכטער, קיין עין הרע, קאָן געפֿעלען אַ קניאַז אויך. אַודאי האָט זי איהם אָבגעזאָגט ווי אַ טוידטען... מילא בין איך אייך דאָס אויך ניט אויסען. פֿרעגט זיך אָבער אַ קשיא: וואָס פֿאַר עסקים קאָן זי מיט זיי האָבען?..

— מיט וועמען?

— איך ווייס מיט וועמען? מיט זיינע עלטערען אַ פּנים? מאָלט אייך, איך בין ניט געשלאָפֿען, איך האָב נאָכגעקוקט, נאָכגעשמעקט,—איך ווייס נישט, איך ווייס נישט גאָרניט!... דאָס קינד, זעה איך, פֿון טאָג צו טאָג געהט איין, איך זעה, זי טראָגט יסורים, נאָר וואָס—ווייס איך ניט! איך ווייס ניט און קאָן נישט וויסען!... היינט למשל איז זי גאָר געוועזען אַ טוידטע. אַ גאַנצען טאָג אין איהר מויל נישט געהאַט. אַ תענית ביי איהר. איך קום צוגעהן—זי איז נישטאָ צו'ם טיש. וואו איז זי? ביי זיך. איך קום אַריין, טרעף איך זי פֿאַרוויינט מיט אַ בלאַט צייטונג אין די הענד... וואָס איז דיר, טאָכטער? גאָרניט. איצט איז זי אַוועק אַהין און געלאָזט אָט דאָס בלאַט אונטערגעשטריכען מיט רויטען. דאָס בלאַט איז איין אויסלענדיש בלאַט, אַ סוד פֿאַר מיר, איך לעז נישט קיין דייטש, איך וואָלט זעהר וועלען וויסען, וואָס דאָ שטעהט... פֿאַר קיין אַנדערען וואָלט איך נישט פֿערגלויבט. צו אייך האָב איך עפּיס מעהר צוטרויען...

— איך דאַנק אייך זעהר—מאַכט צו איהם סאַשאַ צערודערט פֿונ'ם גאַנצען שמועס—מיר איז אָבער ניט אנגע-

נעהם ארייַנצומישען זיך אין די פערזענליכע ענינים פון אייער טאכטער...

— מענש וואס איהר זענט — שרייט־אוים איציקעל שאסטעפאל—ועמען דענן זאל איך געהן דערצעהלען? וועמען דען זאל איך געבען איבערלייענען? פארגעסט נישט, אז ס'איז מיין איין־און־איינציג קינד! זי איז ביי מיר א בת יחידה, און איך האב זי ליעב...

די לעצטע ווערטער זענען געזאגט געווארען מיט אזא פייער, אז סאשא ראפאלאוויטש האט רחמנות געהאט אויף טאמארא'ס פאטער, און אפשר ווילט זיך איהם אליין אויך וויסען, וואס שטעהט אין בלאט? וועלכער מענש קאן געהן פארביי איין ארט וואו ער ווייסט, אז דארט איז א געהיימניס, און נישט א קוק טהון חאטש מיט איין אויג אויף דעם ארויסגעלאזטען פארהאנג?... מע דארף נישט פערגעסען דאס אויך, אז טאמארא שאסטעפאל האט פאר אונזער סאשא ראפאלאוויטש אויך א שטיקעל אינטערעס. דער לעזער דארף געדענקען, אז אויב נאך עמיצער איז פערליעבט אין טאמארא'ן, איז ער געוויס ניט אזוי פערליעבט ווי סאשא, און געוויס נישט פריהער פון סאשא'ן. און ער נעהמט דאס בלאט ביי'ם פאטער און לייענט איהם א זאך, וועלכע מיר זעצען איבער אין פאלגענדען קאפיטעל.

קאפיטעל מ.

עס ווערען פערענטפערט פיעל קשיות.

אט וואס סאשא ראפאלאוויטש האט געלייענט און איציקעל שאסטעפאל האט געהערט:

„דען 10 יולי 12 א זייגער, איז אין דער קאמער פון פעסטונג, דארט וואו עס האט זיך אויפגעהאלטען דער ארעס־טאנט ר. ר., געקומען דער פראקוראר און האט מודיע געווען דעם ארעסטירטען, וואס וויל נאך אלץ ניט אויסזאגען זיין נאמען, אז צוויי א זייגער וועט ער הינגעריכטעט ווערען דורך הענגען.

אויף דעם פנים פונ׳ם פער׳משפט׳ן האט אפילו איין מוסקול ניט א ריהר געטהון זיך. דער פראקוראר האט איהם דערלאנגט א פארטיגע בקשה ווענען בעגנאדיגען, ער זאל זיך אונטערשרייבען. דער פערמשפט׳ער אבער האט זיך קאטעגאריש אבגעזאגט און האט געבעטען, מע זאל איהם געבען טיי. דער פראקוראר איז ארויסגעגאנגען און איז נאכדעם צוריק אריינגעגאנגען און געבעטען ביי איהם, ער זאל זיך חתמ׳נען אויף דער ביטע, דאן וועט מען איהם געוויס שענקען דאס לעבען. דער פער׳משפט׳ער האט איהם נאך אמאל געזאגט, אז ער וועט אזא ביטע קיין מאל נישט אונטערשרייבען, און אזוי האט דאס פאסירט עטליכע מאל. אז מע האט איהם געפרעגט, אויב ער פערלאנגט א גייסטליכען פאר׳ן טוידט, האט ער געענטפערט, אז ער דארף נישט קיין גייסטליכען, קיין אפיציעלען פארשטעהער פון א גלויבען... זיין גלויבען, זיין רעליגיע איז א אינוועניגסטע, זיין געוויסען איז ריין, ער איז איבערצייגט, אז ער האט קיין שלעכטס ניט געטהאן. פון דער קאמער איז דער פער׳משפט׳ער ארויס מיט שטאלץ און רוהיג, גלייך ווי ער וואלט געהן אויפ׳ן שפאציר. אז מע האט איהם צוגעפיהרט צום עשאפאט, האט ער זיך ליעבליך געווענדעט צו איין אפיציער מיט פאלגענדע ווערטער: „גיט איבער מיינע חברים, אז איך שטארב פרעהליך און אז איך וועל אייביג זיין מיט זיי...„ זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „גריסט מיין מוטער”!... אזא איבערנאטירליכע רוהיגקייט האט מען נאך קיין מאל ניט געזעהן אין די פיער ווענט פון פעסטונג, וועלכע האט איינגעשלונגען נישט איין הונדערט קרבנות...

אזוי איז געשטארבען איינער פון די מוטיגסטע העלדען”!

. . . .

דאס האט סאשא ראפאלאוויטש איבערגעלייענט פאר זיך אליין, און האט אויסגערופען:

— אאאאא?? !!!! אצונד איז שוין רעכט!.. דאס איז ראט...

און סאשא האט זיך פערהאפט צוריק, גישט געוואלט ארויסרעדען דעם נאמען ראמאנענקא. עס איז שוין אבער געווען שפעט. איציקעל שאמטעפאל האט אנגעהאפט סא־שא'ן פאר א האנד און א זאג געטהאן שטיל:

— הא? וואס זאגט איהר? ... איך האב אויך אזוי געמיינט...

און איציקעל שאמטעפאל האט זיך אויפגעהאפט פונ'ם ארט, גענומען ארומגעהן איבער'ן חדר, ברעכען די הענד און רעדען ווי צו זיך אליין:

— אי־אי־אי! אט דאס איז ער געווען דער מאכער? דאס האט ער צורעכט געמאכט דעם...

— טססס! ... זאגט צו איהם סאשא, — מע טאר דער־פון הויך נישט רעדען... דאס קאן שאדען אויך אייער טאכטער.

— חס וחלילה! — שרייט אויס שאמטעפאל און צע־נעהמט אלע פינגער פון די הענד — וואס הייסט, איך וועל אזעלכעס רעדען אין דער הויך? איהר זאלט מיר אנשיטען אט די שטוב מיט געלד, איך זאל אייך רעדען פון אזעלכע זאכען! איך בין א מענש, וואס קום צווישען פריצים, איך האנדעל מיט „קאזנא“ ... נו־נו! איך וואלט שען אויסגעזעהען, איך זאל רעדען פון אזעלכע זאכען! הלואי וואלט איהר שוין אזוי גערעדט ווי איך, וואלט שוין גוט געווען! ... אך! אך! געה זיי א נביא, או דאס איז ער! א מעשה — א מעשה! אצונד איז שוין פארענטפערט אלעס! אצונד פער־שטעה איך שוין, וואס איז דער גאנג אהין, און וואס זי איז אזוי צעטראגען געווען די גאנצע צייט.. אודאי, אודאי! מע קאן ניט זאגען, או־ווא איין עבירה! געווען פארט א וואויל גוי'עצעל... ליעב געהאט א יודען... די כפרה מע־ג זיין פאר איהם דער פאטער! א צורר היהודים! חאטש אפילו או מע וויל געבען א טראכט דאס אייגענע פארקעהרט, קומט

דאָס אוים אַביסעל פריקרע, משונה ווילד, נעהמען און הרג׳ענען אַמענשען, בערעכענט זיך אַקאָרשט: לא תרצח!... אַ יוד וואָלט דאָס געווים נישט טהון... וואָס? איהר וועט אפשר זאָגען, אַז... (שאָסטעפּאַל קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, רעדט זעהר שטיל): אַז ער איז געווען אַ רשע ימח שמו?... איך מיין יענער, וואָס ער האָט איהם גע׳הרג׳עט... זיבעצעהן מאָהל אַ רשע! און ווי אַזוי שטעלט מען זיך איין אַזאַ זאַך (שאָסטעפּאַל רעדט נאָך שטילער): געהן וואַרפען אַ באָמבע ס׳זאָל אַזוי אויפפּרייסען... עס קאָן דאָך טרעפען זיך אַליין אויך... ווי אַזוי איז דאָס לעבען גלאַט הפקר, דיר ניט, מיר ניט?... (שאָסטעפּאַל רעדט העכער): מילא פאַ-פאַ-פאַ — ס׳איז נישט מיין דאגה. איך בין נישט מחויב פאַרזאָרגען די וועלט... אָבער איין עק אַ סוף... איצט דאַכט מיר, וועט דאָך עס שוין מוזען האָבען איין עק... ווי מיינט איהר?... איצט דאַרף מען געהן אַהיים, אַוועקלעגען דאָס בלאַט צוריק אויפ׳ן אָרט. זי וועט קומען וועט זי זיך חאַפּען... אַ גוטע נאַכט. אַ דאַנק אייך, וואָס איהר האָט מיר געעפענט דעם מוח.

— איך בעט אייך, הערר שאָסטעפּאַל, פאַר אייער טאָכטער זיך ניט אַרויסחאַפּען מיט קיין וואָרט, אַז איך האָב אייך דאָס געלייענט... איך האָב דאָך אייך געזאָגט נאָך פריהער, אַז קיין סודות וויל איך ניט. אַזוי בעט זיך סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש ביי איציקעל שאָסטעפּאַל שוין שטעהענדיג ביי דער טהיר. און איציקעל שאָסטעפּאַל לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען.

— מענש וואָס איהר זענט! — וואָס הייסט, איך וועל איהר געהן זאָגען? אדרבה, איך האָב גאָר געוואָלט בעטען אייך, אַז איהר זאָלט שווייגען!... אַ גוטע נאַכט! קומט אַריין אַמאָל...

* *
*

עס מאַכט זיך אַמאָל, אַ מענש זיצט אויף זיין פּלאַץ, פערנומען מיט זיין אַרבייט, האָט הנאה פון זיין וועלט,

קומט צוגעהען דער אנדערער מענש גאָר אונגעריכט און זאַלצט איהם אָן אויפ'ן הארצען, און וואַרפט אָן אויף איהם אַ מרה שחורה, און נעהמט צו ביי איהם דעם אַפּעטיט צו עסען און דעם שלאָף פון די אויגען — און מען קאָן אויף איהם נישט האָבען קיין פּאַראיבעל, דען ער האָט דאָס נעבעך כלל נישט געמיינט!...

דאָס זעלבע איז געווען מיט אונזער יונגען ראַפאַלאָוויטש. ער איז זיך געזעסען גאַנץ רוהיג מיט זיין חבר קעמלער, געשטודירט, ווי ער זאָגט, די געאָגראַפיע פון דער וועלט, געזוכט אַ טעריטאָריום פאַר'ן יודישען פאָלק. פּלוצים טראָגט אָן דער „גוטער יאָהר" אַ שכן איציקעל שאָסטעפאַל און מאַכט אָן אין סאשאַ'ס הארצען איין איבערקעהרעניש, אַ גאַנצען חורבן!...

סאשאַ ראַפאַלאָוויטש האָט געוואוסט, אַז טאַמאַראַ שאָסטעפאַל „ברענט וועלטען", דאָס הייסט, אַז זי דרעהט זיך אום אין געוויסע קרייזען, צווישען געוויסע חברה־לייט, סימפּאַטיזירט מיט זייערע אידעען, פערגעטערט זייערע אידעאַלען און אַזוי ווייטער, ער האָט אָבער געוואוסט דאָס אויך, — און טאַמאַראַ אַליין האָט דאָס איהם געזאָגט, אַז זי איז ניט גלייך צו אַ מאַשאַ באַשעוויטש, אַז איהר, טאַמאַראַ'ן פעהלט אַקטיוויטעט, דאָס הייסט, מוט אויף צו טהון עטוואָס אַזעלכס, וואָס זאָל זי מאַכען נאָהענט צו אַ העלדין... סאַשאַ ראַפאַלאָוויטש האָט זיך נאָך מעהר איבערציינגט אין דעם אין יענער צייט, ווען מען האָט טאַמאַראַ'ן נאָך אַ קורצען פערהאַלטען אין אוטשאַסטאָק, אַרויסגעלאָזט פריי אויף אַלע פיער זייטען — און סאַשאַ האָט זיך בערוהיגט, ער האָט געלעגט פיעל האָפנונג אויף איהר איינגענעם געזונטען פערשטאַנד, אַז זי וועט זיך מיט דער צייט אויסניכטערען פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע און וועט זיך נעהמען צו דער אייגענער יודישער רעוואָלוציע... זי וועט סוף כל סוף זיך דערמאָהנען אינ'ם פסוק פון שיר השירים, וואָס ער האָט איהר אַמאָל אויפגעשריבען: „מען האָט מיך געמאַכט איין

איפזועהערין אויף גערטנער—מײַן אייגענעם גאָרטען האָב איך פערלאָזט"... און זי וועט זיך ארומזועהען, ווי אסך אנדערע האָבען עס געטהאָן, אז יאָגענדיג זיך נאָך אלגעמײַנע אידעאלען, האָט זי פערגעסען דעם אייגענעם אידעאל, בעגאַנגען א פערברעכען געגען איהרע אייגענע שוועסטער און ברידער, און זי וועט זיך אומקעהרען צוריק צו איהר פאָלק— און דאַן... אָ! וואו נעהמט מען אזוי פיעל קראַפט אויף צו שילדערען סאַשאַ'ס נשמה, סאַשאַ'ס גליק, סאַשאַ'ס גן-עדן, אין דער מינוט, ווען ער זעהט טאַמאַראַ'ן שטעהן נעבען זיך זייט בײַ זייט, און געהן מיט איהם האַנד בײַ האַנד און אַרבײַטען צוזאַמען, אויף איין פעלד, אויף איין באָדען און צוליעב איין אידעאל, וואָס דאַרף זײַן נעהנטער צו זײַ אלס אלע אנדערע אידעאלען, וואָרום אזוי ווי פון אייניצעלנע ז ענשען בעשטעהן משפחות, פון משפחות—פעלקער, פון פעלקער—די גאַנצע מענשהייט, אזוי איז אויך פון בעזונדערע אידעאלען, וואָס יעדעס פאָלק שטרעבט צו זײַ פאַר זיך, ווערד אויסגעאַרבײַט יענער הויכער אלגעמײַנער אידעאל, צו וועלכען די מענשהייט האָט געשטרעבט און וועט שטרעבען אימער און אייביג...

ענדע פון צווייטען טהייל.

דריטער טייל.

קאַפּיטעל מ״א.

סאַשאַ שלאָפֿט ניט.

וועגען אַ מוטערס האַרץ ווערד דערצעהלט אַזאַ געשיכטע:

אַמאָל איז געווען אַ פֿרוי, אַ בייזע פֿרוי. די פֿרוי האָט געהאַט אַ געליבטען. דער געליבטער האָט געטהון אַלסדינג, וואָס די בייזע פֿרוי האָט איהם געהייסען. איין מאָל, זאָגט צו איהם די בייזע פֿרוי, ער זאָל איהר ברענגען צוטראָגען זיין מוטערס האַרץ, דאָס הייסט, ער זאָל אויסשניידען פֿון זיין לעבעדיגער מוטער דאָס האַרץ און ברענגען איהר אַ מתנה.

דער געליבטער האָט געפֿאָלגט זיין בייזע פֿרוי, געטוידט זיין מוטער, אויסגעשניטען דאָס האַרץ און אוועקגעטראָגען צו דער געליבטער. געהענדיג ביינאַכט מיט דער מוטערס האַרץ, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז געפֿאַלען. האָט דער מוטערס האַרץ אַ ציטער געטהון און געפֿרעגט ביי׳ם זוהן:

— צי האָסט דו זיך חלילה ניט אַ שטאַרקען וועה געטהון, מיין קינד?...

אָן דער געשיכטע האָב איך מיך דערמאַהנט, ווען איך האָב געלעזען ערגיץ אין אַ ציטונג אַ בריעף, וואָס אַ מוטער שרייבט צו איהר קינד איידער ער געהט אויפ׳ן עשאַפֿאָט. די מוטער — דאָס איז געווען די אונגליקליכע פֿרוי פֿונ׳ם דעספּאָטישען מאַן דעם לעהרער ראַמאַנענקאָ,

און די מוטער פון אונזער יונגען העלד ראָמאַנענקאָ־מארטשענקאָ, וואָס איז, ווי מיר ווייסען שוין, פער'משפט צום טוידט.

ניט מיט וויינען און קלאָגען, נישט מיט טרערין פערגיסען, נישט מיט זיפצען, קרעכצען און ברעכען די הענד האָט ראָמאַנענקאָ'ס מוטער אויסגעדריקט איהר געטריישאַפט און ליעבשאַפט צו איהר זוהן און איהר טיעפען שמערץ, איהר גרויסען, אונבעשרייבליכען טרויער. זי האָט אויסגעגאָסען איהר כשר מוטערס האַרץ אין עטליכע צייליען צו איהר זוהן, וועלכע מיר געבען דאָ איבער ווי ווייט מעגליך נאָהענט צום אָריגינאַל.

אָט וואָס אַ מוטער שרייבט צו איהר איינציגען זוהן, איידער ער געהט צום עשאַפאָט:

„מיין ליעבעס קינד! דער גורל איז געפאַלען. זיי רוהיג — דיין מוטער וועט נישט וויינען, דיין מוטער וועט נישט קלאָגען. דיין מוטער וועט מיט שטאָלץ איבערטראָגען די גרעסטע שטראָף, וואָס דער גרעסטער תליון אין דער וועלט איז אימשטאַנד געוועזען וועלן אויסצוטראַכטען פאַר אַ לעבעדיגען מענשען. דער בראָך וואָלט געוועזען פיעל קלענער ווי ער איז, ווען מען זאָל איהם קאָנען אויסדריקען דורך טרערען. דאָס ערגסטע איז נאָר דאָס, וואָס עס וועט שוין ניט זיין ווער עס זאָל מיר פערזיסען מיין ביטער לעבען... די איינציגע, וואָס מיר בלייבט אַ טרייסט אין מיין גרויסען שמערץ — איז טאַמאַראַ, איהר האַרץ איז אָבער אַזוי פערוואונדעט און איהר גייסט איז אַזוי בעטריבט און דערשלאָגען פון דיין אַזוי פריהע אַוועקגעהן פון דער וועלט, אַז זי נעטיגט זיך אין גוטע ווערטער אַ סך מעהר פון מיר. מיר ביידע האָבען צונויפגענומען אין גאַנצען אונזער ביסעל מוט און אָנגעווענדעט אַלע אונזערע כחות, עס זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו דיר אונזערע לעצטע צייליען. זעהען זיך מיט דיר פאַר דיין טויט — דאָס איז פאַר אונז ביידע אַ אונערגרייכענדעס גליק. איך וועל זיך אָבער האָפענטליך

זעהען מיט דיר פריהער פון איהר דארט, אין יענעם ארט, וואו עס געוועלטיגען ניט קיין שלעכטס, אונרעכט, ליגען און בעטרוג, בלוט און טרערען און נאך אזעלכע ליבע זאכען... פערצייהע מיר, מיין געטליבער, טאמער האב איך מיך ארויסגעחאפט מיט איין איבריג ווארט. מיין קינד! א סך גוטע הערצער קלאפען אצונד פאר דיר. איך בענש דיך און איך קוש דיך און איך בין תמיד געוועזען און וועל שטענדיג זיין מיט דיר אלע מאל און אומעדום.

דיין דיך זעהר ליעבענדע מוטער".

* * *

פון דעם בריוועל, וואס מיר האבען נאר-וואס געבראכט, און פון דעם, וואס איז דערצעהלט געווארען אין די פריהעריגע קאפיטלען, איז לייכט פארצושטעלען זיך טאמארא'ם פערבלוטיגט הארץ נאך דעם בעריכט, וואס זי האט אויסגעלייענט פון דער אויסלענדישע צייטונג וועגען די לעצטע מינוטען פון ראמאנענקא. איהרע צרות האבען נישט געהאט קיין ברעג, קיין שיעור און קיין גלייכען, און קיינער איז ניט געוועזען אימשטאנד צו געפינען פאר איהר א טרייסט אין גוטע ווערטער. אדרבה, יעדעס איבעריג פריינדליך ווארט צו איהר האט זי נאר צערייצט און צו פיעל פריינדליכע פנים'ער האבען זי נאר געמאכט מעהר אויפגערעגט. דער פאטער, וואס האט שוין אביסעל געוואוסט די אורזאך פון איהר אומעט, האט א פאר מאל געפרובט אונטערגעהן צו איהר מיט זיסע רעד, האט ער אבער געחאפט פון איהר א גיבען און א גוטען אבשניט. סאשא ראפאלאוויטש האט זיך אויך געפרובירט א פאר מאל אריינצוקומען צו איציקעל שאסטעפאל אין שטוב אריין. ער האט אבער געזעהען נאך טאמארא'ס אויגען, אז זי וועט איהם זיין א סך מעהר דאנקבאר, ווען ער וועט זי לאזען צורוה. פאר איהם איז געוועזען גענוג, אז ער האט געקאנט יעדען פארנאכט זיך בעגעגענען מיט טאמארא'ס שענע גרויסע שווארצע און איצט זעהר טרויעריג-קוקענדיגע אויגען. איך האב מורא, אויב סאשא'ס

געפֿיהל צו איהר איז ניט געווען איינע פֿון יענע ליעבעס, ווען אַ מענש בעגנינגט זיך נאָר מיט דעם, וואָס ער ליעבט. און ווער ווייסט? אפשר האָט ער געטראָגען טיעף אין הארצען אַ האָפֿנונג אויף שפּעטער, אין דער ווייטער צוקונפֿט?... יעדענפֿאַלס דאַרפֿט איהר נישט מיינען, אַז סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש האָט מעהר נישט געהאַט אויפֿ'ן קאָפּ, אויסער זיינע געפֿיהלען צו טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל. סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש האָט געהאַט אויך אַנדערע אויפֿגאַבען אין זיין לעבען. און אויב דער לעזער, וואָס איז ערצויגען געוואָרען אויף איבערשפּאַנענדע האַרצרייסענדע און הימעל־שרייענדע ראָמאַנען, וועט געפֿינען, אַז אַ העלד, וואָס פֿערנעהמט זיך נישט מיט ליעבע אַליין, איז קיין העלד ניט, און אַ ראָמאַן, וואָס בעשעפֿטיגט זיך נישט מיט אינטריגען אַליין, איז קיין ראָמאַן ניט, מעג ער צונעהמען ביי סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש'ן דעם נאָמען „העלד“ און אויסמעקען פֿון מיין ראָמאַן דעם נאָמען „ראָמאַן...“

סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש'עס אויפֿגאַבע איז געווען, צו אָרגאַניזירען אַ יודיש פֿאָלק מיט געוויסע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען און פּרינציפּען. זיין הויפּט־אידעאַל איז געווען פֿעראייניגונג. דער ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און אַנדערע נאַציאָנאַלע בעוועגונגען זענען ביי איהם געווען נישט מעהר ווי מיטלען צו פֿעראייניגען די פֿאָלקסמאַסען.

— וואָרום — אַזוי האָט דער יונגער ראַפּאַלאָוויטש געפּרעדיגט אויף אַלע פֿערזאַמלונגען — איך זאָג אייך נביאות, ברידער, און האָב קיין מורא ניט, טאָמער וועט מיך עמיצער אָנרופֿען „נאַרר“, אַז ווען מיר וועלען שוין זיין אַזוי ווייט גליקליך, אַז מיר וועלען זיך דערלעבען ביי אונז אין לאַנד אַ קאָנסטיטוציע מיט אַ פּאַרלאַמענט, וועט מען דאַרפֿען ערשט דאָרטען נייע קעמפּפֿע און פֿרישע כחות אויף צו אַרבייטען פֿאַר אונזערע יודישע אינטערעסען און פֿאַר אונזער גלייכבערעכטיגונג!...

זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש האָט

ארויסגעזעהען, אז זיינע דרשות און זיינע אידעאלען קאנען דאס פאלק, דעם זאגענאנטען פראלעטאריאט, ניט צוציהען. דעריבער האט ער זיך געווארפען צו דער בורזשואזיע און האט געוואונען אויף זיין זייט די יעניגע, וועמענס אידעאל איז א „פרעפערענס", א „ווינט", א זעקס און זעכציג", אדער א פשוט'ע יודישע „אקע" מיט א „קוועניץ" און מיט א „סטראשאק" און מיט אלע זיבצעהן זאכען... די אלע בערענשטיינס מיט די האלפערינס מיט נאך אזעלכע „פאנסקיצאפעס", וועמענס לעבען ס'איז דא אויף דער וועלט א גן=עדן, זענען מיט פערגניגען געגאנגען הערען ראפאלאוויטש דעם אפטייקערס זוהנדעל רעדען.

איינער פון סאשא ראפאלאוויטש'עס חסידים, וואס זענען געגאנגען הערען איהם רעדען, איז געוועזען (שטעל'ט אייך פאר!) איציקעל שאסטעפאל. ביי איהם האבען אויסגענומען נישט אזוי די דרשות, ווי דער רעדנער אליין, וואס איז איהם געפעלען וואס ווייטער אלץ מעהרער. — א וואויל בחור'ל ביי אונזער אפטייקער, כ'לעבען, — אזוי האט געזאגט איציקעל שאסטעפאל הויך, מיט אבזיכט, בכדי די טאכטער זאל הארכען. דער פאטער האט געהאט דערביי א דיפלאמאטישען קוק: אבציהען די טאכטער פון א געוויסען פונקט און ציהען איהר אויפמערקזאמקייט אויף איין אנדער זייט...

אונגליקליכער פאטער! עס האט זיך איהם אפילו נישט געחלומ'ט, אז איהם שטעהט פאר איבערצוטראגען פון זיין בת=יחידה טאמארא נאך פיעל — פיעל יסורים, צרות און בזיונות!...

קאפיטעל מ"ב.

א פייער איבער מאשא באשעוויטש.

וואס וועט פערשטעהן א געבארענער א בלינדער, אז מע וועט איהם זאגען רויט אדער גרין? וואס וועט

פערשטעהן א מענש, וואס איז געבארען, אויפגעצויגען און אויסגעוואקסען אין א פרייען לאנד, אז מע וועט איהם זאגען אלצען מאל „צענזור"? צענזור — דאס איז א טורמע פאר'ן מח, א שלאס פאר'ן מויל, א גרעניץ פאר דער פען. צענזור דאס איז א סגולה אויף אויסצולערנען מענשען רעדען פערשטעלט, פערשטעהען אויפ'ן וואונק, זאגען ניט דאס, וואס מע מיינט, און מיינען ניט דאס, וואס מע זאגט. אינ'ם לאנד, וואו עס קומט־פאר אונזער געשיכטע, איז מען שוין אזוי געוואהנט געווארען צו רעדען פערשטעלט, אז איינער פון די בעסערע שרייבערס האט זיך גאנץ ערנסט פערטראכט איוף דער פראגע: וואס וועט זיין מיט אונז, שרייבערס, אז מע וועט געבען א קאנסטיטוציע? וואס פאר א טעם וועט האבען אונזער שרייבעריי, אז מיר וועלען מעגען שרייבען פראנק און פריי אלעס, וואס מיר דענקען?

אין יענער צייט, וואס מיר בעשרייבען, האט די צענזור געוועלטיגט נאך מעהר ווי אלע מאל, ווייל זי איז געשטאנען ביי אויפגעלעזט צו ווערען און ווייל די פרעסע האט שוין זעהר געוואלט פון איהר זיך צו בעפרייען. ווי א ווילדע חיה, אז זי האלט ביי אויסגעהען, אזוי האט זיך די צענזור געראנגעלט מיט דער שלים'מזל'דיגער פרעסע. עס זענען דערשטיקט געווארען צעהנדליגער לעגאלע צייטונגען; עס זענען קאנפיסצירט געווארען הונדערטער ביכער; עס האבען געברענט טויזענדער בראשורען און זייערע פערפאסער זענען איינגעשפארט געווארען אין די טורמעס, — און דאך האט זיך וועןניט־וועןן ארויסגעריסען אין א צייטונג א ראפארט, אמאל דורך א טעלעגראמע און אמאל אין א קארעספאנדענץ, וואס האט ארויסגערופען א קאכעניש אין די יונגע הערצער, אין די ווארימע נשמות.

זייענדיג געטריי דער ווירקליכקייט אויף וויפיעל ס'איז נאר מעגליך פאר א ראמאניסט, געבען מיר איבער דא א גאנצע רייהע פון דעפעשען און קארעספאנדענציעס פון פערשיעדענע צייטונגען פונ'ם זומער טויזענד ניינהונדערט

פינפטען יאהר, וואס האבען א שייכות צו צוויי וויכטיגע פערזאנען פון אונזער ראמאן.

נומר 1: „איבער א מיידעל, וואס האט זיך געהאנגען היינט אין איינע פון די טורמעס, האבען אלע ארעסטאנטען ערקלערט א הונגער אויף דריי טאג און אויפגעהויבען א גרויסען סקאנדאל. מע האט געמוזט אנקומען צו דער הילף פון מיליטער, דריי בונטאוושטשיקעס זענען געהרג'עט אויף טויט, עלף פערוואונדעט. אלט פון זיי טוידטליך".

נומר 2: „דאס מיידעל, איבער וועלכע עס האט אויסגעבראכען דער גרויסער אויפשטאנד פון די ארעסטאנטען אין די טורמעס, האט מען געפונען געהאנגען אויף די אייזערנע גראטעס פונ'ם פענסטער אויף צעניופגעדרעהטע פאסען פון א צעריסען העמד. די אורזאכע, וואס האט געצוואונגען דאס מיידעל צו בעגעהען זעלבסטמארד אויף אזא גרויזאמען שטייגער אין טורמע, איז נאך מעהר גרויזאם, ווי איהר טוידט..."

נומר 3: „אונז איז געראטען ארויסצוקריגען אייניגע איינצעלהייטען וועגען דעם געהאנגענעם מיידעל, וואס מע האט דא ניט לאנג געפונען אין איינע פון די טורמעס. און אט ווי אזוי עס ווערט אונז געמעלדעט פון זעהר א זיכערער קוועלע: מיט א קורצער צייט צוריק זענען ענטלאפען פון געפענגניס עטליכע ארעסטאנטען דורך א וואונדערליכען אופן, וואס איז כמעט אונגלויבליך: ארום האלבע נאכט האט מען אנגעקלונגען צום אויפזעהער פון דער טורמע אין טעלעפאן אינ'ם נאמען פונ'ם פראקוראר מיט א געוויסען „פארעל", אז באלד וועט קומען צופאהרען אין טורמע אריין א ראטמיסטער מיט עטליכע סאלדאטען, צו פערנעהמען און ברענגען צופיהרען צו'ם פראקוראר אין א בעזונדערע קארעטע אייניגע פאליטישע פערברעכער, צווישען זיי איינע א מיידעל, א געוויסע פאליטישע, וואס בעשולדיגט זיך אין פיעל פערברעכענס. און ווירקליך אין עטליכע מינוט ארום איז אנגעקומען דער ראטמיסטער מיט די סאלדאטען, זיך געמעלדעט

מיט אַ פֿער׳חתמ׳עטען פּאַקעט פֿונ׳ם פּראָקוראָר, אין וועלכען עס זענען געווען ריכטיג אויסגערעכענט די זעלבע נעמען פֿון די פּאָליטישע פֿערברעכער, וואָס דער פּראָקוראָר האָט זיי אויפֿגעפֿאָדערט דורכ׳ן טעלעפֿאָן.

אין פֿערלויף פֿון איין האַלבע שעה זענען אַלע פֿאַר־מאָליטעטען אָבגעטהון געוואָרען און דער ראַטמייסטער מיט די אַרעסטאַנטען זענען אָבגעפֿאָהרען. ערשט אויפֿ׳ן אַנדערען טאָג אין דער פֿריה, נאָכדעם, אַז מען האָט זיך ניט גע־קאָנט דערוואַרטען צוריק אויף דער קאַרעטע, און נאָכדעם, ווי מען האָט זיך אָנגעפֿרעגט דורכ׳ן טעלעפֿאָן ביי׳ם פּראָ־קוראָר, האָט זיך אַרויסבעוויזען, אַז דאָס איז געווען נישט מעהר ווי אַ פּאָקוס, אַ קונציגער שווינדעל פֿון רעוואָלוציאָנערען.

דעם זעלבען טאָג אין דערפֿריה איז אָבער געראָטען איינעם פֿון די טיכטיגע פּאָליציי־שפּיאָנען צו דערקענען איינע פֿון די ענטלאָפֿענע און ער האָט זי אַרעסטירט און אָבגעפֿיהרט אין אוטשאַסטאָק, פֿון דאָרט האָט מען זי אָבגע־פֿיהרט אינ׳ם צווייטען אוטשאַסטאָק, פֿונ׳ם צווייטען אינ׳ם דריטען. און נאָך אונערטרעגליכען מאָראַלישען ליידען האָט מען אויף מאָרגען, פֿאַרטאָג, געפֿונען די אונגליקליכע אַ גע־האַנגענע.

ווי באַלד די אַרעסטאַנטען האָבען זיך דערוואוסט פֿון דער געשיכטע, אַזוי האָבען זיי געמאַכט אַ סטרייק, ערקלעהרט אַ תענית, אויפֿגעהויבען אַנ׳אויפֿשטאַנד אין פֿולען זינען פֿונ׳ם וואָרט: געקלאַפּט, געוואָרפֿען בענקלעך, געשריגען, געליאַרעמט, געבראָכען טהירען. — מע האָט אַרויסגערופֿען עטליכע ראָ־טעס קאָזאַקען און געהייסען פֿריהער שיסען און נאָכדעם שמייסען. געשאָסען אויף טויטט האָט מען דרייצעהן, פֿער־וואונדעט עטליכע און צוואַנציג, געשמיסען—אַלעמען... דער נאָמען פֿון דער אונגליקליכער, ווי מיר האָבען ערפֿאַהרען, איז מאַניאַ אָדער מאַשאַ באַשעוויטש".

נומער 4: „היינט אין דער פֿריה האָט מען געפֿונען אויף אָכטינסקי גאַס אין זיין איינען הויז אַ געהאַנגענעם מאַן

פון א יאהר פערציג מיט'ן נאמען יאקאוו וואראגין, א דינער פון דער געהיים-פאליציי, בעקאנט אונטער'ן נאמען „יאשקא וואראנא" (שטאמט פון יודען). אין קעשענע ביי איהם האט מען געפונען א צעטעלע מיט עטליכע געצעהלטע אונפערשטענדליכע ווערטער: „איך בין דער, וואס האט געטוידט מאשא באשעוויטש".

מען פערשטעהט ניט, וואס פאר א שייכות האט ער צו דער געהאנגענע אין טורמע? נאהענטע מענשען זאגען, אז דער וואראנא אדער וואראגין איז געוועזן אזוי אויפגערעגט פונ'ם שענדליכען בעהאנדלען די אונגליקליכע מאשא... אז ער איז איינפאך אראב פונ'ם זינען. דער דאזיגער מערקווירדיגער דאקומענט איז איבערגעגעבען געווארען צום זעלבען פראקוראר, וואס פיהרט די אונטערזוכונג פון דער געהאנגענער באשעוויטש".

נומר 5: „היינט זייגער 10 אין דער פריה האבען זיך צונויפגעקליבען עטליכע הונדערט סטודענטען און אריבער צעהן טויזענד ארבייטער, און האבען געוואלט אבהאלטען א פאניהידא פאר דער געהאנגענער באשעוויטש. גיך האט זיך בעוויזען פאליציי, און האט צעטריבען דעם גאנצען עולם. קיין ערנסטער צוזאמענשטויס איז ניט פארגעקומען, דאך זיינען 4 געפאלען טוידט, צעטראטען פון די פערד, און עטליכע און דרייסיג זענען אבגעפיהרט געווארען אין האספיטאל".

נומר 6: „דעם זעלבען טאג מיט 2 שעה שפעטער איז אבגעהאלטען געווארען א פאניחידא פאר מאשא באשעוויטש און וויל דערביי זענען געהאלטען געווארען אנצינדענדע רעדעס און ס'איז ארויסגעווארפען געווארען א רויטע פאהן, איז דער צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי געוועזן א סך ערנסטער. מען צעהלט 22 גע'הרג'עטע און מעהר אלס הונדערט שווער פערוואונדעטע; אונטער זיי פיעל פרויען און קינדער.

איצט איז רוהיג"

נומער 7: „אלס נאַלוועהעניש פונ׳ם צוזאַמענשטויס איבער דער פאַניהידאַ פאַר דער געהאַנגענער באַשעוויטש, האָט אין איינינגע פאַבריקען אויסגעבראָכען אַ סטרייק, וועל־כער פערשפרייט זיך אויך אין אַנדערע שטעדט. עס ווערט געפּלאַנט איין אַלגעמיינער באַהן־סטרייק.

אין די הויפען איז אַנגעגרייט מיליטער, אויף די גאַסען איז רוהיג״.

קאַפּיטעל מ״ג.

דער אַלטער איז משוגע—האַ! האַ! האַ!

ווי אַ שרפה, בשעת אַ ווינט ווארפט־איבער דאָס פייער פון איין דאַך איבער׳ן אַנדערען, פון איין גאַס איבער דער אַנדערער, און עס נעהמט־אַרום די גאַנצע שטאָדט, אַזוי איז געוועזען אויך מיט דער קליינער נאָר שרעקליכער טראַגעדיע פון דער געהאַנגענער באַשעוויטש אין טורמע. די צייטונגען, ווי ווייט מע האָט זיי ניט געשטיקט און גע־ווארגען, האָבען דאָך אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך, צעטראָגען די גרויזאַמע נייעס איבער שטעדט און שטעדטלעך, איבער דערפער און דערפלעך, און האָט אַרויסגערופען כמעט אומעדום דעם זעלבען קרעכץ פון פּראָטעסט.

און די לופט איז געוואָרען וואָס אַ טאָג געדיכטער און שטיקענדער. שווערע וואָלקענס האָבען בעצויגען דעם הימעל. עס האָט זיך געטראָגען אַ ריח פון שוועבעל. דער שטורם האָט זיך געדריקט אַלץ נעהנטער און נעהנטער. יעדע מינוט האָט מען געקאָנט ערוואַרטען אַ וואָלקענבּרוך, איין אויסגוס, אַ מבול.

נאָר אויב די טרויעריגע געשיכטע מיט מאַשאַ באַ־שעוויטש האָט אומעדום אַרויסגערופען אַזאַ שטורם, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ רעש זי האָט בעדאַרפט אַרויסרופען אין דער שטאָדט, וואו די מאַשאַ באַ־שעוויטש איז געבאָרען, וואו כמעט אַלע האָבען זי געקענט,

וואו א מינדסט קינד האט געקאנט אנווייזען אויף איהר מיט'ן פינגער און זאגען: „אן געהט מאשא". די זעלבע שכנים פון ליפא באשעוויטש, וואס פלעגען פריהער אנטלויפען פון דעם האלץ-יוד מיט זיינע אונענדליכע חדושים ונפלאות פון זיין טאכטער מאשא מיט איהר קאנסטיטוציע, די זעלבע גוטהערציגע לייט האבען מיט אמאל בעקומען מיטלייד מיט דעם ארעמען פאטער אין זיין גרויסען טיעפען אונבעשרייב-ליכען טרויער און האבען בעקומען חשק צו טרייסטען מיט ווערטער דעם, וואס קאן ניט זיין געטרייסט, פערהיילען מיט א קרעכץ דעם גרויסען וועהטאג, וואס קאן ניט אויסגעהיילט ווערען קיין מאל. די גוטהערציגע מענשען, וואס האבען זיך קיין מאל ניט אינטערעסירט מיט ליפא'ס טאכטער, האבען זיך מיט אמאל אנגעהויבען דערמאהנען אן דעם דאזיגען מיידעל מיט די אונטערגעשארענע האר און אן איהרע אלע גוטע מעלות, און יעדער האט בעקומען חשק צו זאגען דעם אונגליקליכען פאטער חאטש א גוטווארט און אגב זיך אויספרעגען ביי איהם, ווי אזוי און וואס און ווען, און צי האט ער עפעס געהאט פון איהר בריעף די לעצטע צייט, און וואס האט זי איהם געשריבען, און צי ס'איז אמת איהר ענטלויפען פון דער טורמע, ווי מע שרייבט, און ווי אזוי איז זי צו דערצו געקומען?

— דאכט זיך, אזוי איז זי געוועזען א מיידעל, גארנישט, גלייך מיט אלע... געה זיי א נביא, אז פון דעם מיידעל וועט אמאל אויסוואכסען אזא... אזא... וואס פון איהר וועט רעדען די גאנצע וועלט! איהר ווייסט, רב ליפא? פון אייער טאכטער רעדט איצט די גאנצע וועלט, די גאנצע וועלט!...

— געוויס! — זאגט ליפא — און פריהער וואס איז דען געוועזען? פריהער האט ניט גערעדט פון איהר די גאנצע וועלט? מיין מאשא, אז זי האט נאר געוואלט, פלעגען מיניסטארען ניט שלאפען גאנצע נעכט. פרעגט איציקעל שאסטעפאל'ס טאכטער, אויב איהר גלויבט מיר ניט. אומעדום האט מען נאר געהערט: מאשא! מאשא!... אנו-

מעלטען האט זי מיר צוגעשיקט א צעהנעריל... דאס לעצטע צעהנעריל... שרייב איך איהר: טאכטער! דו הארעוועסט און שיקסט מיר געלד. אמעהר גיב אכטונג בעסער אויף זיך; קויף זיך א פאר נייע שיך און זעה מאך איין עק מיט דער קאנסטיטוציע און קום צופאהרען, מחמת די קינדער בענקען, די מאמע בענקט און איך בענק אויך. און מיינע קינדער, דארפט איהר וויסען, זענען אלע געראטענע קינדער. ס'איז דא ביי מיר א פאליק, א יונגערער פון מאשא'ן, וועט ער זי איבערגעהן מיט 13 קעפ! ווי באלד ער האט איבערגעלייענט די געשיכטע, אזוי איז ער גלייך אוועק אהין, מיטגענומען מיט זיך א רעוואלווער (ליפא קוקט זיך ארום, רעדט שטיל). ער קאן שיסען — חא=חא=הא!...

אט אזוי רעדט מאשא'ס פאטער ליפא באשעוויטש, און זיינע גוטע שכנים הערען איהם אויס, שאקלען=צו מיט'ן קאפ, און אז זיי געהען אוועק, רעדען זיי צווישען זיך:

— מיר שיינט, אויב דער אלטער איז אביסעל ניט צעדרעהט?

— וואס רעדט איהר? פון אזעלכע צרות!...

און גוטע שכנים צעגעהען זיך איטליכער צו זיינע עסקים מיט זיינע זארגען, און דער אונגליקליכער פאטער בלייבט אליין מיט זיין גרויסען טיעפען טרויער, וואס ווייס ניט קיין טרייסט, וואס האט נישט קיין היילונג...

אין דער ערשטער מינוט, אז ער האט ערפאהרען פונ'ם גרויסען אונגליק, האט דער ארעמער פאטער זיך אויסגעריסען א שטיק בארד, זיך געלאזט לויפען מיט אויס=געשטרעקטע הענד, אליין נישט צו וויסען, וואוהין ער לויפט. נאכדעם האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק, אראבגעווארפען די שטיוועל פון די פיס, זיך אנגעריסען די לאץ פון דער סיי ווי סיי צעריסענע קאפאטע, געריסען קריעה אויך מיט ווייב און קינדער און אלע האבען אוועקגעזעצט זיך „שבעה". נאר איין פאליק (א בחור'ל פון אכצעהן יאהר) האט נישט געוואלט זיך אוועקזעצען אויף דער ערד. ער האט נישט

ארויסגעלאזט אפילו קיין טרער. עס האט זיך איהם נאר אנגעצונדען דאס פנים, די אויגען זענען ביי איהם געווארען ווי איבערגעקעהרט, זיך א טאפ געטהון איז די הויזען־קעשעני און א זאג געטהאן:

— טאטע! איך פאהר גלייך אהין זיך אברעכענען פאר מיין שוועסטער. איך בעט אייך, איהר זאלט מיך ניט צו־האלטען. פון מיין האנד מוז ער פאלען!

און עס האבען נישט געהאלפען ניט דעם טאטענס בייזערן זיך, ניט דער מאמעס טרערען, נישט דער געוויין פון די קלענערע קינדער, — פאליק איז אוועק און איז ווי אין וואסער אריין. וואו האט ער גענומען געלד אויף דער הוצאה? ווער האט איהם גענעבען א פאס? — דאס וויים דער פאטער נישט. דער פאטער וויים נאר, אז ער האט געהאט א מאשא, וואס קיינער פערמאגט נישט אזא מאשא, און איצט איז זי נישטא! ליפא וויים, אז די גאנצע שטאדט, די גאנצע וועלט וויגט זיך מיט זיין מאשא! אפילו איציקעל שאסטעפאל, וואס פלעגט פון איהם ענטלויפען, שטעלט זיך אויף היינט אב אלע מאל, ווען ער דערזעהט איהם, און פרעגט זיך אוים אויף מאשא'ן. פון איציקעל'ס טאכטער שמועסט מען ניט! ווען ניט זי, וואלט ער מיט זיינע ווייב און קינדער שוין לאנג אויסגעגאנגען פון הונגער... אפילו גוים, כריסטען, סטודענטען האלטען אב פאניחידעם, זאגט מען, אין די קלויסטערם... מילא פאניחידעם אין די קלויס־טערם איז זיי ליפא מוחל. עס וועט היינט זיין, זאגט מען, אין דער גרויסער שול איין אסיפה, א מין הזכרת נשמות, אהינצו דארף מען געהן, חאטש אפילו זיין ווייב שלאגט איהם אב דערפון. זי זאגט: מע דארף ניט געהן. נאר וואס וויים א יודענע? למאי זאל מען ניט צולאזען איהם דאס שטיקעל פערגניגען, הארכען, וואס לייטען וועלען זאגען וועגען זיין מאשא'ן?... און ליפא לאזט זיך געהן אין דער גרויסער שוהל, און טרעפט אין דרויסען שוין אזא איין עולם, וואס ער האט שוין לאנג אזעלכען נישט געזעהען. דער

גרעסטער מיליאָנער זאָל שטאַרבען, וועט ער ניט צענויפֿנעהמען אַזאַ איין עולם! און אינוועניג אין שוהל וואָס טהוט זיך! מע קאָן דען אַהין אַריין? מע לאָזט דען? אַ גליק, וואָס מע האָט איהם דערקענט און געשריגען:

— דעם פֿאָטער!... לאָזט אַריין דעם פֿאָטער!...

און ליפּא באַשעוויטש געהט מיט נדלות, קוים וואָס מע שטופּט איהם דורך, אַהין אַרויף, אַרויף, דאָרט, וואו איציקעל שאָסטעפּאַל, וואו די בערנשטיינס מיט די הייל־פֿערינם מיט די אַלע איבריגע גרויסע... ער זעהט פֿאַר זיך אַ סך בעקאַנטע פּנים'ער. דעם אַפּטייקער ראַפּאַלאָוויטש מיט'ן הויכען צילינדער, נחמיה דעם שוסטער מיט זיינע בנים, יודעל קטנתי און נאָך און נאָך... נאָר וואו שטעהען זיי און וואו שטעהט ער, ליפּא, „דער פֿאָטער אַליין"?... אַלעס איז דעקאָרירט מיט טרויער, בעהאַנגען מיט שוואַרצען... איין אומעט איז אויסגעגאָסען אויף אַלע פּנים'ער... מאַנסבילען און ווייבער צוזאַמען... אויף דער בימה שטעהט עפּעס איין אומבעקאַנט בחור'ל מיט געלע האָר, שיינט איהם אַ סטודענטעל צו זיין, אויב ניט דעם אַפּטייקערס זוהנדעל, און האַלט זעהר אַ פֿייערינגע רעדע. ער רעדט פֿריהער פֿון זיך, פֿון נאַציאָנאַליסטען רעדט ער, און קומט אַריבער נאָכדעם אויף איהר, אויף זיין מאַשאַ'ן, און וויל אויסבריינגען, אַז ווייל זי איז געוועזען אַ יודיש קינד, דערפֿאַר איז זי געפֿאַלען פֿאַר אַ קרבן. ווען זי זאָל ניט זיין, זאָגט ער, קיין יודיש קינד, וואָלט מען זיך מיט איהר, זאָגט ער, אַזוי מאוס ניט בעגאַנגען... און נאָך אַ סך — אַ סך זאַכען זאָגט אָט דער געלענקער, וואָס ליפּא פֿערשטעהט איהם ניט... רעדען רעדט ער אַפּילו זעהר שען, זיס, געשמאַק, נאָר ער פֿערשטעהט איהם ניט... פּסוקים גאַנצע ברענגט ער... פּלגש בגבעה... סדום און עמורה... דור המבול... דער עולם ווישט, די אויגען און איהם, דעם פֿאָטער, גאָרנישט, און ער פֿערשטעהט אַליין ניט, פֿאַרוואָס איהם איז גאָרנישט... און אַפּילו נאָכדעם, ווען עס קומט אַרויף דער **חזן** מיט'ן

כאַר, און דער כאַר הויבט אָן זינגען, און דער חזן פּיסקעלט זיך, און עס לאָזט זיך הערען דער טרויעריגער ווײנענדיגער נוסח אויסגעצויגען: „אל מלא רחמים"... און די שוהל ווערד פול מיט געווײן... עס ווײנען יונגע קינדער... עס ווײנען אַלטע יודען... ווײבער חלש'ען... און ער, דער פאָטער, גאָרנישט, און ער פערשטעהט אַלײן ניט, פאַרוואָס איהם איז גאָרנישט... נאָר אַז עס קומט צו די ווערטער: „את נשמת הבתולה מרים בת ליפּא שהלכה לעולמה", — דערפיהלט דער אונגליקליכער פאָטער, ווי עפּעס מיט אַמאָל האָט זיך געגעבען אַ ריס-אָב בײ איהם אין הארצען, אַ שטיקאַרויף אין גאָרגעל און אַ זעץ ווי מיט אַ האַמער איבער'ן מוח, און עס רײסט זיך אַרויס בײ איהם אַ ריטשע, אַ רעווע פונ'ם האַלז, נישט ווי בײ מענשען, נאָר ווי בײ אַ געקוילעטען אָקס, אַרײַן אַראָב, און ער אַלײן דערשרעקט זיך פאַר זײן משונה'דיגען קול און צעלאַכט זיך פון זײן אָכסען-שטימע, שטיל צו זיך אין באָרד אַרײַן... און דער כאָר הערט ניט אויף צו זינגען, און דער חזן הערט ניט אויף צו מאַכען פּיסקעס, בעווײזען, וואָס ער קאָן... און דער אָרעמער ליפּא פיהלט, אַז ער האָט פערגעסען אין דער מינוט, צו וואָס ער איז אַהער געקומען, און וואָס טהוט דאָ דער עולם? און אַז אויף דער בימה געהט אַרויף אַ נײַער פּאַרשוין, עפּעס אײַן אונבעקאַנטער, אַ געזונטער, אַ בעוואַכסענער, אַ האָריגער, ווי אַ בער, מיט אַ שטימע פון אַ בער, און דונערט מיט זײַן בערען-שטימע: „ווײסט איהר, ווער איז געווען מאַשאַ באַשעוויטש?" — דאָ דערמאָהנט זיך ליפּא, צו וואָס ער איז אַהער געקומען און וואָס עס טהוט דאָ דער עולם... נאָר ער קאָן ניט פערשטעהן אײן זאַך: „וואָס זאָגט עפּעס אָט דער בעוואַכסענער נפש אויף זײַן מאַשאַ, אַז זי איז געווען"? וואָס הײסט, זי איז געווען? נו, און איצט וואו איז זי?"... און בשום אופן קאָן זיך ליפּא באַשעוויטש נישט דערמאַנען, וואו זײַן טאָכטער מאַשאַ איז?!... און ליפּא באַשעוויטש קאָן ניט פערשטעהען, וואָס טהוען דאָ

סאָלדאַטען אין שול? סאָלדאַטען רייטענדיג אויף פערד? און וואָס לויפט אַזוי דער עולם? וואָס שפּרינגט מען דורך די פענסטער? וואָס פאַר אַ מהומה אויף זיי? וואָס פאַר אַ בהלה? און אַ זעץ פון אַ „נאַגײַקע" ניכטערט איהם אויס, און מען טרייבט איהם צוזאַמען מיט נאָך מענשען אין אוט־שאַסטאַק אַריין, און דאָרטען אין הויף שרייבט מען זיי איבער, און אַז עס קומט צו איהם, גיט מען איהם האַלז און נאַקען און מען וואַרפט איהם אַרויס:

— איהר זעהט ניט, אַז דער אַלטער איז משוגע?...

— דער אַלטער איז משוגע—חאַ־חאַ־חאַ?!...

אַזוי זאָגט ליפּא באַשוויטש און פערגעהט זיך פון געלעכטער.

קאַפּיטעל מ"ד.

הענד אַרויף!

— דער רוח האָט מיך געטראָגען אין שול אַריין! — האָט געזאָגט איציקעל שאָסטעפּאַל, נאָכדעם אַז ער איז אַרויס פון שול פריי, אָבגעקומען סך הכל מיט איין נאַגײַקע אין פּלייצע. — אַ גליק, וואָס איך בין אַ רײַנער מענש און בין נישט פערמישט אין די „דאָזיגע" זאַכען...

— וואָס דו ביזט נישט פערמישט אין די „דאָזיגע" זאַכען איז פון די קלייניגקייטען, זעהסט דו, דאָס, וואָס אונ־זער טעמע איז אַרויס פון זייערע הענד ריין—דאָס איז יאָ אַ גליק!

אַזוי ענטפערט איהם זיין פרוי שיווקע און דאַנקט גאָט יעדען טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט, וואָס איהר טאָכטער איז מיט איהר, איהר זאָגט דאָס האַרץ — אַ מוטערס האַרץ פיהלט! — אַז נישט אויף לאַנג האָט איהר גאָט געשענקט די מתנה; איז ניט היינט—איז מאָרגען וועט חלילה קומען איין אויפּחאַפּעניש אויף איהר קינד.

אַזוי האָט זיך אָביסעל דורכגעקלערט דאָס האַרץ שיווקע

שאָסטעפּאַל פאַר איהר קעכין חוה די יודינע, און קיינער האָט זי נישט געקאָנט אַזוי פערשטעהען און אַזוי מיטפיהלען איהר, ווי חוה די יודינע, וואָס האָט אַליין אויך געהאַט איין „אונגליק".

חוה דער יודינעס „אונגליק" איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט געהאַט אַ זוהן איין „אונגליק". געהייסען האָט ער שמואליק, נאָר גערופען האָט זי איהם „דער אונגליק". מיר געבען-איבער דעם דאָזיגען „אונגליק" מיט'ן לשון פון זיין אייגענער מוטער, חוה די יודינע.

— גלאַט, מען טאָר ניט זינדיגען, נאָר דעם אמת פערלייקענען טאָר מען אויך ניט. גאָט האָט מיך געבענשט מיט איין אונגליק. אַזוי אַ קוק טהון אויף דער מצבה, דאַכט זיך אַ גאַנץ פיינער בחור, אַ הויכער, אַ גלאַטער, אַ לעבע-דיגער, און רעדט מיט איהם — דאַכט זיך נישט קיין נאַרר אויך, און אַ שטילער, אַ סטאַטעטשנע בחור, און איין ארבייט-יונג, גאָלדענע הענד! ער איז אַ זייגערמאַכער, דאָס הייסט ער אַרבייט ביי אַ זייגערמאַכער, זיין בעל הבית, יאָסי דער זייגערמאַכער, קאָן זיך פון איהם גאָר ניט אָבלויבען. ווארום אַחוץ דעם וואָס ער איז אַ גוטער אַרבייטער, דער „אונגליק" מיינער, איז ער נאָך אַ גוטער בטבע, אַ מזג טוב; אַלסדינג קאָן מען מיט איהם אויספיהרען. שיקען איהם אין דער ערד אַריין—וועט ער אייך פאָלגען. יאָסי דעם זייגער-מאַכערס וויב קענט איהר דאָך מסתמא; יאָסי דעם זייגער-מאַכערס וויב קען די גאַנצע וועלט: זי איז אַ גוטע „שטוקע", אַחוץ וואָס דער מאַן איז אַ זייגערמאַכער, איז זי אַ שטיקעל מאָדניצע: זי מאַכט פאַרוקעס; העלפט ער איהר, דער אונגליק מיינער, צו די פאַרוקעס נאָך מעהר ווי יאָסי'ן צו די זייגערס — אז מע שמועסט אַ געראָטענער! איז אָבער דער שווארצער יאָהר זאָל איהם וויסען, — זינט ער האָט זיך „זניוחעט" מיט'ן שוסטער'ס בנים'לעך, פערהאַפּט זאָלען זיי אייך ווערען, איז דאָס קינד געוואָרען איין אַנדער קינד! ערשטענס וואָס פאַר אַ מחותן ביזטו גלאַט מיט אַ שוסטערס

א יונגעל? דיין טאטע מענדעל דער בעל עגלה איז געווים ניט געוועזען קיין שוסטער, און דער זיידע דיינער אויך ניט... וואלט דאס נאך ניט געוועזען אזא איין אונגליק, ווען ער זאל ניט לייענען קיין ביכלעך פון עקספרא... טפו! איך האב פערגעסען ווי ס'הייסט! — און ער זאל ניט מישען זיך אין פרעמדע געשעפטען, דארען דעם קאפ פאר יענעם'ס ארבייטער. וואס געהט דיך אן, צי יענעמס ארבייטער ווילען ארבייטען 12 שעה, צי 14, צי 18 שעה? פון מיינעט־וועגען מעגען זיי זיך שלאגען קאפ אן וואנט מיט די בעלי־בתים אין איינעם אפילו זעקס־און־צוואנציג שעה אין מעת לעת. וואס, אפשר ניט אזוי...

— געווים אזוי! — זאגט שיוועקע און קוקט זיך ארום, צי טאמארא הערט ניט זייער שמועס — ס'איז היינט מיט זיי אומעדום צרות און צרות! אט נעהמט למשל מיך מיט מיין טעמע זאל לעבען, איין קינד, איין אויג אין קאפ...

— וואס גלייכט איהר — שלאגט איהר איבער די קעכין — אייער קינד מעג!

— וואס הייסט, מיין קינד מעג?

— אזוי. ווארום אייער קינד איז חאטש א געלערנטע, געוועזען אין „פעטערבורג”, און טאמער וועט זיך טרעפען מיט איהר עפעס איין אונגליק פון די היינטיגע אונגליקען, וועט זיין ווער ס'זאל פאר איהר זארגען. אבער מיין „אונגליק” טאמער נעהמט מען צו אהין, ווער וועט פאר איהם זאגען אפילו א ווארט.

— בייסט אייך אב די צונג! — זאגט שיוועקע צו איהר קעכין. — זאל גאט היטען מיך מיט מיין קינד, אז מען זאל מיין קינד חלילה צונעהמען! ווארום מיין קינד...

— וואס, מיינט איהר, זאיז אייער קינד? — לאזט וזוה די יודינע רעדען איהר בעל־הבית'טע — אייער קינד איז ביי אייך אזא קינד, ווי מיין קינד ביי מיר... יענעמס קינד, מיינט איהר, איז א הונד.

— ווער זאגט דען, אז א הונד?

— מיר, קאָן זיין, האָט אויף מיין קינד נישט ווינציגער וועה געטהון דער בויך, ווי אייך אויף אייער קינד...

— חוה! איהר זענט אַ שייגעץ און עזות פנים און אַ פּיסקאַטע יודינע און איהר ווייסט ניט, ווי אַזוי צו רעדען מיט אַ בעל-הבית'טע!

— ווער בעט אייך, איהר זאָלט רעדען מיט אַ דיענסט? אַ דיענסט איז דען אויך אַ מענש?...

דערמיט ענדיגט זיך דער שמועס, און דער לעזער האָט אַ טעות אויב ער מיינט, אַז וויל חוה די יודינע איז אַ שייגעץ און איין עזות פנים און אַ פּיסקאַטע, דעריבער וועט איהר בעל'הבית'טע שיווקע שאָסטעפּאַל נישט וועלען אויסשמועסען זיך מיט איהר, אויסגיסען אַביסעל איהר הארץ? אַ מענש, אַז ס'איז איהם ביטער, קאָן ער רעדען צום שטיין, אַבי אויסרעדען זיך אַביסעל די צרות, און צרות האָט נעבאַך שיווקע גענוג!

פריהער, איידער די טאָכטער איז געקומען פון פּעטערבורג, האָט זי געצעהלט די מינוטען, זי זאָל שוין קומען בשלום, און אַז זי האָט דערהערט, אַז ס'איז געשלאָסען אַלע גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען, האָט זיך שיווקע פשוט מחיה געווען.

איין עק אַ סוף — מע וועט אויפהערען שטודירען, מע וועט שוין קאָנען אַמאָל אַ שידוך טהון מיט אַ קינד, שוין צייט!...

צום סוף, געה זיי אַ נביא, אַז מע וועט ניט לערנען וועט זיין נאָך ערגער! וואָרום וואָס קאָן נאָך זיין ערגער פון דעם, ווי זעהען אַ קינד געהט אַרום ווי אַ שאָטען, נודעט זיך, ווערט פערפאַלען אויף צוויי דריי שעה מע ווייסט ניט וואו, גיט זיך אָב מיט פוסטע זאַכען, פיהרט קענטשאַפט מיט אַזעלכע מענשלעך ווי דעם שוסטערס קינדער, — אָסור אויב זי פערשטעהט, וואָס דאָס איז מיט איהר! היינט די שרעקען, וואָס מע הערט זיך אָן אַצונד! הרג'ענען, שיסען, אויפרייסען איז היינט געוואָרען אַ וואָכעדיגער גאַנג און —

דאָ רעדט מען ערשט פון אונגליקען, פון בלוטפערגיסונגען, וואָס וועלען זיין!... גוואַלד, ווי אַזוי לעבט מען איבער אָט די אַלע פחדים?!

און פונקט אין דער מינוט, ווי שיווקע שאָסטעפּאַל קלערט אַזוי, הערט זיך אַ שאַרפער קלונג און עס פליהט־אַריין דער מאַן אַליין, איציקעל שאָסטעפּאַל, נישט טוידט, נישט לעבעדיג, מיט'ן שירם אין האַנד, טהוט אַ פאַל אויף אַ שטוהל און קוים וואָס ער רעדט אוים:

— שיווקע! איך בין פאַרביי! שיווקע איך דאַרף בענשען גומל, שיווקע, וואָס איך לעב, שיווקע!... וואו איז טעמע? וואו איז דאָס קינד? וואו איז זי ערגיץ? לאָמיך דיר דערצעהלען, וואָס יך האָב געהאַט, היים מיר געבען אַ גלאָז וואַסער... וועה־וועה, וואָס סע'טהוט זיך אָב היינטיגע צייטען! מען איז ניט זיכער מיט'ן לעבען! אויף יעדען טריט און שריט שטעהט דער מלאַך־המות! הער אַ מעשה: איך קום צוגעהן אין באַנק, אין „וואָלושע־קאַמסקע" באַנק, דאָרט וואו איך האַלט דאָס געלד פון מיינע פאָדריאַדען. קום איך צוגעהן מיט אַ טשעק, געב־אָב דעם טשעק אין דער קאָנטראָל און לאָז מיך צו דער קאַסע, איך טהו אַ קוק: מע געהט! אַ גאַנצע מחנה מענשען אָנגעטהון אין מאַסקעס ווי די שדים, איך ווייס ניט וויפיעל, פונפצעהן, צוואַנציג — דרייסיג — איך האָב זיי ניט געצעהלט... איינער ביי דער טהיר, איינער ביי'ם קאָנטראָל, איינער ביי דער קאַסע, עטליכע ביי די פענסטער, און איטליכער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד!... איינער אויף צו פריהער מיט אַ קיילעכיגס אין האַנד... גלייך צום דירעקטאָר אויף אַ קול: „הענד אַרויף!... וועט עמיצער וואַגען זיך ריהרען פונ'ם אָרט פלאַצט אָטאָ אַ באָמבע..." קאָנסט זיך פאָרשטעלען, ווי אַזוי ס'איז מיר געוואָרען... איך, געוועהנליך, האָב געחאַפּט מיין טשעק און לאָז מיך צו דער טהיר — „סטאָפּ: הענד אַרויף"!... פון אַלע זייטען: „הענד אַרויף"! איך קאָן דיר גאָר ניט איבער־געבען דעם פחד מיט דער בהלה, וואָס ס'איז געוואָרען!...

אוּדאי האָבּען אַלע אויפֿגעהויבּען די הענד אַרויף (און איך אויך בּתוכם) ... „נישט ריהרען זיך פֿונם אָרט"! האָט אויסגערופֿען ווידער אַמאָל יענער, וואָס מיט דער בּאָמבּע, און צוויי האָבּען זיך גענומען אַנעהם צו דער קאַסע און מען האָט אָנגעהויבּען שאַרען געלד — וואָס זאָל איך דיר זאָגען געלד, שיוקע? אוצרות! איך ווייס ניט וויפֿיעל! דאָס וועט מען וויסען שפּעטער, מאָרגען! ... וויפֿיעל צייט דאָס האָט פֿערנומען ווייס איך ניט... אַ יאָהר האָט זיך מיר געדאַכט... צענויפֿגעזשעבּרעט דאָס גאַנצע געלד אין אַ טשעמאָדאַנטשיק און געלאָזט זיך צו דער טהיר אַלין מיט די אָנגעלאָדענע רעוואָלווערען און מיט דער בּאָמבּע אין די הענד און ווידער: „הענד אַרויף"! ... און אַז אַלע שדים זענען שוין אַרויס, האָט איינער אויסגערופֿען בּיי דער טהיר: „צעהן מינוט נאָך זאָלט איהר שטעהן אַזוי... אַ'ניט — פּלאַצט די בּאָמבּע!..." „הענד אַרויף! הענד אַרויף"! האָט זיך געהערט נאָך אַמאָל דריי — און שאַ! נישטאָ קיינער! ... מילא פֿון מיר שמועסט מען ניט. זאָלסט געוועזען אָנקוקען דעם דירעקטאָר! די דינערס אַלע פֿון דער בּאַנק — טוידטע, טוידטע מענשען! ... נאָר מיין ניט, אַז דו בּיזט פּאַרטיג. דאָס בּעסטע האָב איך דיר געלאָזט אויפֿ'ן סוף. ווייסט דו, ווער איז געוועזען דער, וואָס מיט דער בּאָמבּע? איך האָב איהם דערקענט אין קול... אַז דו זאָלסט זיין מיט 18 קעפּ וועסט דו אויך ניט טרעפֿען, דאָס איז געוועזען אונזער קעבּינם בּנ'אָק!

— פֿאַליק? — שרייט אויס שיוקע און טהוט אַ פּלעסק מיט די הענד. — עס קאָן ניט זיין!

— יאָ! יאָ! פֿאַליק! פֿאַליק! זאָגט איציקעל און לויפֿט אַרום איבּערן שטוּב. — אונזער חוה'ס זוהנדעל פֿאַליק. איך האָב איהם דערקענט! איך האָב איהם בּאַלד דערקענט!

— אַט לויף איך צו איהר! — שרייט אויס שיוקע און וויל זיך לאָזען געהן אין קיך.

— גאָט זאָל דיך היטען, שיוקע! זאָגט צו איהר דער מאַן און האַלט זי בּיי דער האַנד — דו ווילסט אונז

מאַכען אונגליקליך! לויף ניט! זאָג ניט! שרײַ ניט! מיר ווײַסען גאָר נישט ניט! מיר הויבען נישט אָן צו וויסען פון קײן זאך! ס'איז גאָר נישט געוועןֹ! ס'איז שאַ!...

. . . .

*

* *

דעם זעלבען טאָג, אויפדערנאַכט, איז בײַ טאַמאַראַ שאָסטעפאַל אין צימער געוועןֹ אַ שטיקעל פערזאַמלונג. פון פאַר נאַכט אָן האָט זי געהײסען צומאַכען די לאָדען און געבעטען מאַכען טײ. אַרום זײגער 11 האָבען זיך אײנציגווײַז אָנגעהויבען צונויפקלײַבען, און מײַסטענס אויף דער הינטערשטער טהיר, יונגעלײַט, צווישען וועלכע עס זענען געוועןֹ דעם שוסטער'ס צווײ בנים, יודעל קטנתי'ס אַזוהנדעל, הײַנט דער בעוואַכסענער האָריגער נפש, נײַדיטש, און צום לעצט (אַחרון אַחרון חביב) האָט זיך אַרײַנגעחאַפּט אויך פאַליק, חוה דער יודינעס יונגעל... די גאַנצע צײַט, וואָס די יונגע לײַט זענען געגאַנגען, האָט איציקעל שאָסטעפאַל נישט גערוהט, געקנײַטשט מיט די פלײצעס, אויפגעחאַפּט זיך פונ'ם אָרט און אַרומגעלאָפען איבערען שטוב פערלעגט די הענד אַרונטער און געפײַערט מיט די אויגען — מלא גזלן! נאָר אַז ער האָט דערזעהן אַרײַנגעהן צו דער טאָכטער דער קעכינ'ס בנ'אָק פאַליק'ן, איז ער געוואָרען געפּלעפט, אַנידערגעפאַלען אויף דער קאַנאַפּע, זיך געחאַפּט מיט בײדע הענד בײַם קאָפּ און גענומען שאָקלען זיך און שרײַען:

— גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!...

— איציו! גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו איהם שיווקע, און איציקעל מאַכט צו איהר מיט די הענד און לעגט-צו די פינגער צום מויל:

— שאַ! שטילער! שרײַ ניט! דו מאַכסט אונז אונגליקליך!... אונגליקליך מאַכסט דו אונז!... מיר הערען ניט! מיר זעהען ניט! מיר ווײַסען גאָר נישט ניט! מיר זענען נישטאָ אין דער הײם— ששששאַ!!!...

אויף מארגען איז דער „קלין" ארויס מיט א גיפטיגען ארטיקעל אונטער דעם טיטעל „צו וואס מיר האבען זיך דערשפיעלט"!

אין דעם ארטיקעל האט זיך דער בעריהמטער רעדאקטאר פונ'ם בעריהמטען בלאט צוגאסיין ווי א סאלאוויי, בעוויזען, צו וואס מיר האבען זיך דערשפיעלט מיט דער רעוואליוציע, אז אין מיטען העלען טאג רייסען זיך אריין פראנק און פריי בעוואפענטע קראמאלניקעס, פערמאסקירטע מערדער אין א באנק אריין, לעדיגען-אויס די קאסע און ווערען אונבעשטראפט פערשוואונדען! איצט זענען מיר שוין קיינער נישט בעווארענט נישט מיט אונזער גוטס, נישט מיט אונזער לעבען!... צו וואס מיר האבען זיך דערשפיעלט!...

אך, ווען דער בעריהמטער רעדאקטאר פון דער בעריהמטער צייטונג זאל נאך געוועזען וויסען, ווער עס זענען געוועזען די בעוואפענטע קראמאלניקעס? די פערמאסקירטע מערדער?...

קאפיטעל מ"ה.

יאקעל דער שדכן א געפעהרליכער רעוואלוציאנער.

ווער איז אימשטאנד צו בעגרייפען דאס הארץ פון א פאטער, וואס זעהט, ווי זיין טייער ליעב קינד קריכט אויף די גלייכע וועגד, שטעקט דעם קאפ אין דער תליה?

ווער איז אימשטאנד צו-בעגרייפען דאס הארץ פון אונזער אונגליקליכען איציקעל שאמטעפאל נאך דעם אלעם, וואס ער האט זיך אנגעהערט און אנגעזעהען אויף זיין טאכטער טאמארא, אויף וועלכע ער האט געקוקט מיט אלע אויגען, וועלכע ער האט געשטודירט און געלערנט און וועלכע ער האט נישט געקאנט פערשטעהן בשום אופן?

עס זענען געוועזען מינוטען, וואס ער איז געוועזען גרייט

זי צערייסען אויף שטיקלעך, אליין לויפען מסר'ען זיין טאכ־טער, אז זי פערנעהמט זיך מיט ניט קיין גוטע זאכען, אז זי בעגעגענט זיך מיט ניט קיין ריינע מענשען, — דאס זענען אבער געווען ניט מעהר ווי מינוטען. און האט ער זי דער־זעהען, האט ער א קוק געטהון אן איהר גוט ליכטיג פנים, אן איהרע גוטע קלוגע אויגען, איז איהם איבערגעגאנגען דער שגעון און ער איז גרייט געווען זיבען מאל זיך צעברעכען דעם קאפ אין דער וואנד, איידער איבערקלעהרען אויף זיין קינד א בייזע מחשבה... לאנג־לאנג האט ער געזוכט א גע־לעגענהייט זיך דורכצורעדען מיט זיין טאכטער, און האט אליץ נישט געקאנט חאפען די מינוט. זיי האבען גערעדט אלע טאג, ביי'ם טיש זיצענדיג, פון טויזענדער־טויזענדער זאכען, און פונ'ם סאמע וויכטיגען פונקט, וואס איהם האט אינטערעסירט, קיין מאל ניט. זיי האבען זיך דוקא געשפארט און געקריעגט גאנץ אפט איבער פערשיעדענע קלייניגקייטען וועגען פאליטיק, מלחמה, קאמפף, קאנסטיטוציע וכדומה אזעלכע זאכען, וואס האבען אייגענטליך איהם געארט ווי דער פאראיאהריגער שניי: — „זאלען זיי זיך אלע אנצינדען מיט זייערע מלחמות און מיט זייערע קאנסטיטוציעס! האב זיי אין דער ערד!...” אזוי האט זיך געטראכט דער פאטער און געזוכט א געלעגענהייט, ווי אזוי זעצט מען זיך אוועק מיט איהר אונטער פיער אויגען און מע שמועסט זיך מיט איהר אוים: וואס איז מיט איהר? וואס טראכט זי זיך?...

א קורצע צייט האט גאט רחמנות געהאט אויפ'ן אונ־גליקליכען פאטער און עס האט זיך געדאכט, אז זיין טאכ־טער האט זיך אויסגעהיילט פון דער קרענק, וואס מע רופט זי „רעוואלוציע”, און אז זי הויבט אן שניידען זיך אויפ'ן רעכטען וועג. און עס קאן זיין, אז אט־אט טהוט ער מיט איהר א שידוך... אך! ער האט מורא גאר אפילו טראכטען וועגען דעם צופיעל; ער האט מורא, אז ער אליין זאל ניט געבען זיך קיין אויג חלילה...

אט פון וואנען איציקעל שאסטעפאל האט געשעפט

זיין האָפנונג. דער לעזער דאַרף געדענקען פון די פריהערי־גע קאַפּיטלעך פון אַלע צוויי פיינסטע שענסטע רייכסטע יונגע לייט אין שטאָדט, שמשון בערנשטיין'ס זוהן און לוי הייפעריג'ס זוהנדעל, און עס וואָלט געווען (אַזוי דענקען מיר) אונגאַטירליך, ווען יאָקעל דער שדכן (אָט דעם פאַר־שוין האָט אַמאָל איציקעל שאָסטעפּאַל דערמאַנט אין זיינעם אַ בריעף צו דער טאָכטער) זאָל שלאָפען און ניט אַרבייטען אויף אַלע כלים, אַז ס'זאָל זיך אויספּיקען עפּעס אַ שידוך: צי מיט בערנשטיין'ס זוהן, צי מיט הייפעריג'ס זוהנדעל — זאָלען זיי ביידע געהן כף הקלע, אַבי ער, יאָקעל דער שדכן, זאָל דאָ חאַפּען אַ פערדינסטעל, און דאָ קאָן מען חאַפּען אַ גראָבם: פעטע חורים!

און יאָקעל דער שדכן, ווי באַלד טאַמאַרא איז נאָר געקומען אויף פסח אַהיים און, ווי ער איז ערפאַהרען, אויפ'ן גאַנצען זומער, אַזוי האָט ער זיך שוין גענומען צו דער אַרבייט און געשמאַק. איהם האָט געטריבען דערצו ניט אַזוי דער תכלית פון טאַמאַרא שאָסטעפּאַל און ניט אַזוי די טובה פון בערנשטיין'ס זוהן אָדער הייפעריג'ס זוהנדעל, אַז זיי זאָלען האָבען אַ שענע כלה, ווי דאָס, וואָס יאָקעל אַליין האָט געהאַט טעכטער, און דוקא געראָטענע טעכטער, און דוקא דריי, און דוקא דערוואַכסענע, און ער איז אויסגעגאַנגען מיט זיי אַ שידוך טהון, און חתונה מאַכען איז ניט געווען מיט וואָס.

איך מיין, אַז עס וועט ניט זיין קיין גרויס בעליידיגונג פאַר אונזער גראַף פאָן וויטע, אָדער פאַר דעם פרעזידענט רוזעוועלט, אַז איך וועל מיר ערלויבען אָנצורופען מיין יאָקעל דעם שדכן מיט'ן נאָמען דיפּלאָמאַט. אַז רוזעוועל־טען איז אָנגעשטאַנען צו זיין אַ שדכן צווישען צוויי בלוטי־גע שונאים, מעג, דאַכט זיך, אָנשטעהן יאָקעל דעם שדכן דורכשלאָגען אַ שידוך פאַר איציקעל שאָסטעפּאַל'ס טאָכטער אויפ'ן דיפּלאָמאַטישען וועג... און וואָס דיפּלאָמאַטיע איז — דאָס ווייס שוין היינט אַ מינדעסט קינד: דיפּלאָמאַטיע איז... איך

בעט הונדערט מאָל מחילה ביי אַלע גרויסע דיפּלאָמאַטען! (דיפּ־לאָמאַטיע איז שקר, דיפּלאָמאַטיע איז בלאָף, און וואָס מעהר שקרן, מעהר דיפּלאָמאַט; און וואָס מעהר בלאָפער, מעהר בריה. קורץ — יאָקעל דער שדכן איז אַ דיפּלאָמאַט. די קונסט פון אַ דיפּלאָמאַט בעשטעהט אין דעם, ער זאָל אָנ־טאַפּען די שוואַכע זייט פון ביידע צדדים, געוואָהר ווערען, וואָס וועמען עס קוועטשט... קוועטשט איינעם אין אַ זייט און ער פיהלט זיך נישט גוט איבער דער משפּחה און עס ווילט זיך איהם איינקויפען אין יחוס, — בעדאַרף מען איהם דורכ־שטופען צווישען מיוחסים. טהוט איינעם וועה די קעשעני, ער דאַרף געלד, — מוז מען איהם אויסקראַצען אַ פערזעהעניש, אַ שוואַרץ יאָהר, אַ מיתה־משונה — אַבי מיט אַ סך געלד! טאָמער גלייכען זיך ניט אויס די צדדים מיט זייערע אידעען, וואָס ביי דעם איז שוואַרץ — איז ביי דעם ווייס, און פער־קעהרט, וואָס ביי דעם איז ווייס — איז ביי דעם שוואַרץ, — איז דערויף בעשאַפען געוואָרען אַ דיפּלאָמאַט יאָקעל, וואָס זעהט פועל'ען ביי די צדדים, אַז דאָס שוואַרצע זאָל זיין אַביסעלע ווייסליך און דאָס ווייסע אַביסעלע שוואַרצליך, וועט שוין נאָכדעם במילא אויסקומען, אַז וואָס שוואַרץ איז ווייס און וואָס ווייס איז שוואַרץ — און גענוג, וואָס דאַרף מען מעהר?

יאָקעל דער שדכן פערשטעהט די וועלט און קען די היינטיגע יונגענד דורך און דורך. יאָקעל ווייס, אַז היינטיגע צייטען מוז אַ בחור און אַ מיידעל עפּיס זיין: אַ בחור מוז זיין אַ „איסט" און אַ מיידעל — אַ „איסטין". איז מען נישט קיין ציוניסט, איז מען אַ טעריטאָריאַליסט; איז מען ניט קיין בונדיסט, איז מען אַ מאַרקסיסט; איז מען ניט קיין אַנאַר־כיסט, איז מען אַ סאָציאַליסט. עפּיס מוז מען זיין! די לעצטע צייט איז פאַר יאָקלען געוואָרען גאָר אַ מחיה: מע האָט אַרויסגעוואָרפען די „איסטען" אין דרויסען אַרויס און מע האָט זיך אַזוי פערקירצט, אַז מען פערשפּאָרט זיך ברעכען די צונג: „עס־עס", „עס־טע", „עס־דע", „פּע־פּע־עס" און אַזוי ווייטער. יאָקעל האָט זיך בענוצט מיט דער דאָזיגער

פֿערקירצטער שפראַך און האָט אָנגעהויבען רעדען שדוכים מיט ראשי תיבות׳ן; צום ביישפּיעל: אַ מחותן אַ „אי=קאַ“ (אַ איד אַ קבצן), אָדער אַ „ענ=חאַ“ (אַ נגיד אַ חזיר). אַ חתן אַ „פּע=בע“ (אַ פּוסטער בחור), אַ כּלה אַ „עם=עם“ (אַ מיתה משונה). אַ „עם=צע“ (אַ מאַן אויף צרות), אַ „ווע=חאַ“ אַ ווייב אַ חאָלערע). אַ „זע=שאַ“ (אַ זוהן אַ שאַרלאַטאַן), אַ „טע=פּע“ (אַ טאָכטער אַ פּאַסקודניצע). אַ „עם=ווע=טע“ (מאוס ווי דער טויט), אַ „פּע=ווע=דע=שאַ“ (פּאַסקודנע ווי דריי שוואַרץ יאָהר) און אַזוי ווייטער.

יאָקעל׳ס דריי טעכטער ליובאַ, פֿאַני און ליזאַ, זענען געוועזען פֿון דריי פֿערשידענע פֿראַקציעס: ליובאַ, די עלטערע, איז געוועזען אַ „עס=עסאָווקע“, (סיאָניסטין=סאָציאַליסטין), פֿאַני — אַ „עס=עראָווקע (סאָציאַליסטין=רעוואָלוציאָנערין) און ליזאַ — אַ „קאַ=דעטניצע“ (קאָנסטיטוציאָנאַליסטין=דעמאָקראַטיסטין). און רעוואָלוציאָנעריש זענען זיי געוועזען אַלע דריי, חאָטש אַפילו דער פֿאָטער, יאָקעל דער שדכן, האָט ווינציג וואָס געגלויבט אָן אַלע זייערע ראשי תיבות׳ען. ער איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז זאָלען זיך אונטערחאַפּען עפּיס אַ רעכטע דריי חתנים, פֿירט ער זיי צו דער חופּה, אם ירצה שם, אַלע דריי אין איין טאָג, אַבי ס׳זאָל נאָר זיין מיט וואָס, דאָס הייסט, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבען ער זאָל פֿערקנסען איציקעל שאָסטעפּאַלס טאָכטער, — און פֿערקנסען מוז ער זי! ער האָט געלעגט דעם קאָפּ דערויף!

קודם איז ער געוואָהר געוואָרען פֿון זיינע טעכטער, אַז איציקעל שאָסטעפּאַל׳ס טאָכטער איז אַ „עס=עראָווקע“, אַז שמשון בערנשטיינ׳ס זוהן איז אַ ציוניסט און אַז לוי הײלפּערינ׳ס זוהנדעל איז אַ טעריטאָריאַליסט — היינט געה מאַך עפּיס! און יאָקעל איז געפֿאַלען אויף איין עצה: ער איז אַוועק צו בערנשטיינ׳ען און צו הײלפּערינ׳ען און האָט זיך גענומען גריבלען בײ זיי אין דער נשמה און האָט אָנגעשמעקט, אַז ביידע האָבען שטאַרק חשק צו שאָסטעפּאַלס טעכטערל,

נאָר זיי קאָנען צו איהר ניט קומען איבער דעם, וואָס זיי קאָנען זיך ניט אויסגלייכען אין זייערע אידעען: זיי זענען ציוניסטען, און שאָסטעפאַל'ס טאָכטער איז אַ רעוואָלוציאָנערין! ... דאָס האָט אויסגעזעהען ביי'ם שדכן אַזוי קאָמיש, אַז ער איז שיער ניט געבליעבען, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, „אָהן אַ בויך לאַכענדיג". און ער האָט זיך אַוועקגעלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט און האָט אַזוי לאַנג געאַרבייט, ביז ער האָט אויפגעפיהרט בערנשטיין'ס זוהן מיט הײלפּערין'ס זוהנדעל, זיי זאָלען אַוועקלעגען דעם ציוניזם אויף אַ פּאָר וואָכען ניט מעהר און זאָלען ווערען אויף אַ קלײנער צייט רעוואָלוציאָנערען. דאָס האָט שוין אויסגעזעהן ביי זיי אין די אויגען קאָמיש און איצט זענען זיי שוין שיער ניט געבליבען „אָהן אַ בויך לאַכענדיג"...

פון אַ געלעכטער קומט אָבער אַמאָל אַרויס אַ שדוך אויך, אַזוי האָט געזאָגט יאָקעל דער שדכן, און אַז ער האָט דערלעבט אַראָבברענגען בערנשטיין'ס זוהן מיט הײלפּערין'ס זוהנדעל צו איציקעל שאָסטעפאַל'ס טאָכטער אויף אַ גלעזעל טיי, האָט ער זיך יענעם אויף דער נאַכט בעריהמט ביי זיך אין דער היים, אַז ער האָט מיט גאָטס הילף צענויפגעפיהרט היינט אַן „ען-טע" (נעכטיגען טאָג) מיט אַן „עף-שאַ" (פאָראַיאָהריגען שנײ), און ער איז געוועזען אַזוי אויפגעלעגט, אַז ער האָט געהייסען זיין ווייב דבורה קאָכען וועטשערע.

און יאָקעל דער שדכן איז געוועזען אַזוי פרעהליך, אַז ער האָט געלאָזט וויסען זיינע טעכטער, אַז זייער טאַטער איז געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער, אַ געפעהרליכער רעוואָלוציאָנער!

— וואָס איז עפּעס פּלוצים מיט אַמאָל? — פרעגען איהם די קינדער.

— וואַרט אויס, איהר וועט וויסען שפּעטער, האָט זיי דער פאָטער בערוהיגט, אַז איהר וועט אַלסדינג וועלען וויסען, וועט איהר גיך אַלט ווערען, און אַז איהר וועט גיך

אַלט ווערען, וועט דאָס אייך חלילה שאַדען איהר ווייסט שוין צו וואָס...

קאַפּיטעל מ"ו.

אַ שלעכטע נאַכט.

נישטאָ קיין שענערעס אויף דער וועלט, ווי אַז צוויי בחורים, וואָס טאַנצען אַרום איין מיידעל, ווילען זיך אויספיינען פאַר איהר, איבערשטייגען איינער דעם אַנדערען מיט דעם, וואָס איהר איז אַנגענעהם.

אַרום טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל האָבען געטאַנצט צוויי פיינע בחורים, די פיינסטע בחורים אין שטאָדט: בערנשטיינ'ס זוהן און היילפּערינ'ס זוהנדעל. און מחמת זיי האָבען געטאַנצט אַרום אַזאַ רעוואָלוציאָנערקע ווי שאָסטעפּאַל'ס טאָכטער, זענען זיי געוואָרען, זעלבסטפערשטענדליך, בּרענענדיגע אַנהענגער פון דער רעוואָלוציע, אַרייַנגעוואָרפען אַלע מאָל אַ הויך וואָרט, אַרויסגעוואָרפען אַ שענע פראַזע. טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל האָט אָבער געפאָדערט פון די צוויי בורזשואַזע רעוואָלוציאָנערען, אַז זיי זאָלען אַרויסווייזען זייער סימפּאַטיע צו דער בעוועגונג ניט נאָר מיט שענע פראַזען, ניט נאָר מיט הויכע ווערטער אַליין, נאָר מיט דעם, וואָס זיי פערמאָגען, — און ווי קאָנען פערמאָגען אַזעלכע צוויי „בורזשואַזע פּרינצען" אַם מעהרסטען, אַז ניט קיין געלד?... און וואָס נאָך קאָן מען פאָדערען פון אַזעלכע צוויי בורזשואַזע רעוואָלוציאָנערען, אַז ניט קיין געלד?... און די צוויי בורזשואַזע רעוואָלוציאָנערען האָבען געעפענט זייערע בייטעלעך און האָבען גענומען שפּענדען געלד צוליעב דער „בעוועגונג", איינער איבער'ן אַנדערען, — און מעהר האָט טאַמאַראַ פון זיי ניט פערלאַנגט, און איז געווען צופריעדען פון דער בעקאַנטשאַפט, און איז אַלע מאָל צוגעטראָטען צו זיי מיט אַ נייער בקשה: דאָס אויף דער „קאָמפּפאָרגאַניזאַציע", דאָס אויף דער „אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע" און דאָס

אויף דעם זאַגענאַנטען „רויטען־קרייץ״, און בערנשטיין און היילפּערין האָבען געגעבען געלד, נישט צו פרעגען, אויף וואָס און אויף ווען.

אויפ׳ן זיבענטען הימעל איז געווען יאָקעל דער שדכן, וואָס האָט זיך גערדעהט „הינטער די קוליסען״ (ער איז שוין דערצו געוואָהנט געוואָרען; זיין גאַנצע אַרבייט איז געווען „הינטער די קוליסען״...) ער האָט זיך נאָר אַריינגעחאַפּט איין מאָל אין וואָך צווישען טאָג און נאַכט צו די שאָסטע־פּאַלס, געחאַפּט עטליכע ווערטער מיט איציקל׳ען אָדער מיט שיווקע׳ן, נאָכגעפרעגט זיך:

— נו? וואו האַלט דאָס...

— וואו זאָל דאָס האַלטען? דאַכט זיך, עס געהט אויף אַ גאַנג...

אַזוי האָט געזאָגט איציקעל שאָסטעפּאַל, און שיווקע האָט צוגעלעגט:

— דער וואָס לעבט אייביג זאָל ווערען העלפען וואָס ניכער...

דער וואָס לעבט אייביג האָט זיך אָבער נישט געהאַפּט העלפען וואָס גיכער. דער וואָס לעבט אייביג האָט צייט. און דער זומער איז זיך געגאַנגען מיט זיינע הייסע לאַנגע טעג, און ס׳איז געקומען אַ נאַכט, אַ וואַרעמע, אַ שענע זומער־נאַכט, איין אויסגעשטערענטע מיט אַ טיפען בלוי־ען הימעל מיט אַ זינגען פון פויגלען פונ׳ם נישט ווייטען גאָרטען. עס ליגט זיך ביי אָפענע פענסטער און עס שלאָפט זיך ניט, און עס דענקט זיך, און עס פּלאָנטען זיך גאָלדענע מחשבות ביי אונזער איציקעל שאָסטעפּאַל אין קאָפּ, גוטע, ליבטיגע, טייערע מחשבות: אַ קנס־מאָל... אַ חופה... פאַר יודען אַ חופה־וועטשערע... פאַר כריסטען אַ באַל... אויפ׳ן באַל פּריצים אַ סך: דער „פּרעדסעדאַטעל״ פון אינטענ־דאַנטסקע „פּראַוולעניע״... דער „סמאָטריטעל״ פון דער טור־מע... צוויי פּראָקוראָרען... און נאָך פּריצים... זיי טרינקען געשמאַק פון גרויסע כוסות, הייסען זיך צופיהרען צו דער

כלה, לויבען זי אין טאג אריין, לויבען אלע יודישע מיידלעך; אלע יודישע מיידלעך, זאגען זיי, זענען שען, זענען רייצענד!...

פלוצים דערהערט איציקעל שאסטעפאל א קלונג. ווער קאן דאס צו איהם קלינגען אזוי שפעט? די דיענסטען אלע שלאפען שוין. ער הערט נאך א קלונג און נאך א קלונג. מע מוז זיך אליין מטריח זיין געהן עפענען.

און איציקעל שאסטעפאל איז זיך מטריח בכבודו ובעצמו און געהט אליין עפענען די טהיר און ער דערזעהט... אנטאן איוואנאוויטש!

אנטאן איוואנאוויטש האלאדקאוו איז שאסטעפאל'ס אלטער בעקאנטער. ער איז דא פריסטאוו שוין פון כמה וכמה יאהרען, און איז א וואהלער גוי — ער נעהמט א קערבעל... מיט איציקעל שאסטעפאל איז ער גאר א גוטער ברודער: ער זאגט שאסטעפאל'ען „דו" און פאטשט איהם אין די פלייצעס. טלע יום-טוב חאפט ער זיך אריין צו שאסטעפאל'ען אויף א גלעזעל וויין, לויבט די פיש און רעדט איהם איין, למאי ער האט א גדלן'טע א טאכטער. טאמארא, ווען זי זעהט די פעטע געגאלטע מארדע זיינע, בעהאלט זי זיך, וויל בשום אופן ניט ארויסקומען צו אנטאן איוואנאוויטש'ען. אנטאן איוואנאוויטש פערשטעהט דאס, ווינקט מיט איין אויג צום פאטער און זאגט: — דו באלעוועסט זי צופיעל! צופיעל איז זי ביי דיר געפעשטשעט!... מע טאר א טאכטער אזוי ניט נאכגעבען!... אזוי מוסר'ט איהם אנטאן איוואנאוויטש פאר דער טאכטער, און איציקעל שאסטעפאל קוועלט אן, ווערט ברייטער ווי לענגער...

דערזעהען חאלאדקאוו'ן, האט זיך איציקעל שאסטעפאל געגעבען א לאז צו איהם:

„אנטאן איוואנאוויטש!" — און איז אבער באלד אבגעשפרונגען צוריק, ווארום ער האט דערזעהען הינטער חאלאדקאוו'ס פלייצעס איין אונבעקאנטען גארודאוואיל מיט א זי. אנדארמסקי אפיציער מיט עטליכע סאלדאטען א צוגאב...

א גליק, וואס איציקעל שאסטעפאל איז ניט קיין יודי-

נע און האט נישט קיין טבע פון חלש'ן... ער לאזט-אריין די פאליציי, בייגט זיך און נייגט זיך צו זיי און בעט זיי, זיי זאלען אריינגעהן. מע פערשפארט זיי אבער בעטען, זיי געהן אליין.

— וואו איז דיין טאכטער?

אודאי האט איציקעל שאסטעפאל געוואוסט, אז זיי וועלען זיך נאכפרעגען אויף דער טאכטער... צו וועמען דען וועלען קומען אזעלכע געהעבענע געסט?... ער ווייזט זיי אן אויף דער טאכטערס צימער, און אז זיי לאזען זיך צו דער טאכטערס צימער, טהוט ער זיך א וואָרף אויף צו פריהער, בעט זיי צו ווארטען, ער וועט געהן אויפוועקען די טאכטער און וועט זי אריינרופען אהער... עס ווערט א געלעכטער... איינער טהוט איהם א שטויס-אב פון דער גרינג און צוויי לאזען זיך צו דער טאכטערס צימער... דער פאטער האלט אויסגעשטרעקט די הענד און ציטערט...

שיווקע האט דערהערט אונבעקאנטע קולות, איז זי א דערשראקענע ארויסגעשפרונגען פון בעט מיט א ליארם:

— איצי, וואס איז?

— גאר נישט, גאר נישט, געה צוריק! — זאגט צו איהר דער מאן און מאכט אויף איהר מיט ביידע הענד, זי זאל אוועקגעהן... נאר ווי קאן זי אוועקגעהן? וויסט איז איהר, אז זי זעהט ביי זיך סאלדאטען אין שטוב, און דאס הארץ זאגט איהר, אז דאס איז צוליעב דער טאכטער...

— איצי! זאג מיר, וואס טהוט זיך דא, איצי? — אזוי בעט זיך נעבאך די ארעמע פרוי ביי איהר מאן ער זאל איהר זאגען, און איהר מאן הערט נישט אויף צו מאכען מיט די הענד, זי זאל געהן...

שען און רוהיג ווי תמיד, גרויסארטיג ווי א פרינצעסין קומט אן טאמארא פון איהר צימער. דאס ווייסע שאלכעל אויף די קוים צונויפגענומענע האר גיט-צו נאך מעהר חן צו איהר שען ליכטיג פנים. מיט איין קוק פון איהרע גרוי- סע שענע שווארצע אויגען נעהמט זי ארום דאס גאנצע

בילד און זי ווייס שוין, וואָס דאָ קומט פאָר. שטיל געהט זי צו צום פאָטער און צו דער מוטער, וואָס שטעהען האַלבטוידטע מענשען, גלעט זיי, רעדט זיי איין דאָס האַרץ:

— ס׳איז גאָר נישט, האָט נישט קיין יסורים... עס וועט מיר גאָר ניט זיין... מע וועט מיך נישט קעפען... איך בעט אייך, בערוהיגט אייך!

און טאַמאַראַ נעהמט-אַרום די מוטער נאָכדעם דעם פאָטער און קושט זיי (דאָס ערשטע מאָל פאַר׳ן גאַנצען זומער), און עס מישט זיך אַריין פּאָליציי און זאָגט, אַז ניט איצט איז די צייט פון קושען זיך, — מע דאַרף זיך נעהמען צו דער אַרבייט.

„נעהמען זיך צו דער אַרבייט“—הייסט איבערקעהרען די שטוב, איבערקוקען וואו ערגיץ אַ שטיקעל פּאַפּיר, ווי מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט צו בעשרייבען דאָס אין די פריהערדיגע קאַפּיטלעך פון אונזער ראָמאַן.

וואָס אַ קראַנקע אָנגעשראָקענע פאַנטאַזיע קאָן איבערטראַכטען אין איין מינוט, וועט דאָס אַ האַנד ניט בעשרייבען אין קיין טאָג... עס איז נישט געווען דער שרעק און די צרה אויף דער וועלט, וואָס דער אונגליקליכער פאָטער האָט ניט איבערגעטראַכט וועגען דעם אין די מינוטען, וואָס די פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען האָבען „געאַרבייט“, און שרעקליכער פון אַלץ איז געווען דער געדאַנק, טאָמער האָט דאָס אַ שייכות מיט דער געשיכטע וואָס אין באַנק, מיט די „הענד אַרויף“?... פון דער איינציגער מחשבה אַליין איז איהם געוואָרען קאַלט און היים און ווידער אַמאָל קאַלט, עטליכע מאָל אין אַ סעקונדע!...

וואָס מיט איציקעל שאָסטעפּאַל איז געווען, אַז דער זשאַנדאַרמסקי אָפיציער האָט פאָרגעלעגט טאַמאַרא׳ן, אַפילו גאַנץ העפליך און מיט זעהר אַ ליעבליך שמייכעלע, זי זאָל זיך אָנטהון און געזעגענען מיט די עלטערן, וואָרום מען דאַרף שוין פאָהרען — דאָס וועט ניט לייכט פערשטעהען יעדער איינציגער, ווער עס האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט

די געלעגענהייט פערזוכען דעם טעם פון דער פאליציי.

ביי'ם געזעגענען זיך מיט איהרע עלטערן, האט זיך טאמארא געהאלטען ווי א פרינצעסין, וואס קלויבט זיך אויף א לוסטרייזע. וואס ביי איהר אין הארצען האט זיך געטהאן — דאס ווייסען מיר ניט, נאר קיין שרעק האט איהר פנים נישט ארויסבעוויזען; זי האט, אדרבה, געטרייסט איהר פאטער און מוטער, געגעבען האפענונג, אז זי וועט גיך זיין צוריק, ווארום זי האט שוין איין מאל פערזוכט דעם טעם פון „אוטשאסטאק" נאך אז זי איז געוועזען אין פעטערבורג.

— דעם אפטייקערס זוהן וועט אייך דערצעהלען, לאזט איהם גריסען... — האט טאמארא א זאג געטהאן. שוין ווען זי איז געשטאנען פון ביידע זייטען מיט צוויי סאלדאטען ביי אוועקצוגעהן.

און אז טאמארא איז אבגעגאנגען, און די רעדער פון איין עקיפאזש האבען איציקעל שאסטעפאל געגעבען צו וויסען, אז זי איז אוועקגעפאהרען, אוועקגעפאהרען זיין איינציג קינד, זיין איינציגע ליבע, גוטע, טייערע טאמארא, האט דער אונגליק־ליכער פאטער גענומען ערשט ארומלויפען הין און צוריק איבער אלע חדרים, איקען און אכקען, ברעכען די הענד, רייסען זיך ביי די האר, שלאגען זיך מיטין קאפ אן וואנד און צום סוף איז ער אנידערגעפאלען צו שיווקע'ן אויף די הענד און האט זיך צעוויינט ווי א קליין קינד.

א שלעכטע נאכט איז דאס געוועזען ביי איציקעל שאס־טעפאל. אפשר די ערגסטע פון אלע נעכט, וואס א מענש האט ווען איבערגעטראגען אין זיין לעבען.

קאפיטעל מ"ז.

איציקעל שאסטעפאל רייסט קברים.

דער ערשטער, צו וועלכען דער אונגליקליכער פאטער האט זיך א ווארף געטהאן, איז געוועזען, זעלבסטפערשטענד־

ליך, אנטאן איוואנאוויטש. דער פריסטאוו אנטאן איוואנאוויטש חאלאדקאוו איז נאך געשלאפען, אז איציקעל שאסטעפאל האט פון דער גרינג, קוים קוים, אנגעקלונגען צו איהם אין דער טהיר. איהם איז ארויסגעגאנגען אקעגען א שרייבעריל מיט'ן נאמען נעטשיפארענקא און א הונד סירקא. איציקעל שאסטעפאל איז גוט בעקאנט סאי מיט'ן שרייבעריל נעטשיפארענקא, סאי מיט'ן הונד סירקא. ער האט זיי ביידע בעגריסט מיט א אונטערטעניג שמייכעלע, זיך נאכגעפרעגט ביים שרייבער אויף אנטאן איוואנאוויטש'ן, און געוואהר געווארען, אז אנטאן איוואנאוויטש שלאפט נאך, איז ער אריינגעגאנגען מיט שטילע-שטילע טריט צום שרייבעריל נעטשיפארענקא אין קאנצעלאריע אריין, דארט האט ער איהם אריינגעשמוגעלט אין האנד אריין א זילבערען קערבעל. נעטשיפארענקא, א שווארצער בחור מיט א פלאטשיגען שטערען און מיט שטארק אנגעשמירטע האר, האט דאס זילבערנע קערבעל שטיל אראבגעלאזט אין קעשענע, געגעבען א הוסט אין האנד אריין און געבעטען שאסטעפאלען, ער זאל זיך זעצען נעהנטער צו'ם אפענעם פענסטער: ביים פענסטער איז בעסער.

נעטשיפארענקא איז געווען גערעכט: ביים פענסטער איז בעסער. א הייסער א זומערדיגער פריהמארגען. גרין און פריש איז ביי חאלאדקאוו'ן אונטער די פענסטער. א קליין גערטענדעל מיט א צוויי-דריי יונגע בוימלעך. אין גארטען שפראצען ארויס מיט גדלות יונגע ציבעלקעס, גרינער סאלאט און שאר ירקות. א קיילעכיגע צעקודעלטע הוהן פיהרט זיך ארום מיט איהר חאליאסטרע און פערהילכט דעם קאפ מיט איהר קוואקען און מיט זייער פישטשען. נעטשיפארענקא שרייבט און די פען ביי איהם סקריפעט. איציקעל שאסטעפאל קוקט אין גארטען ארויס און טראכט וועגען עולם הזה, וואס איז אין גאנצען אפגעגעבען געווארען צו עשו'ן. „יעקב, וואס האט אויסגענארט ביי עשו'ן די בכורה און ביי יצחק'ן די ברכה, האט מכות, צרות האט ער מיט שלעק מיט

וועהטאָגען מיט געבראָטענע לייד. אָט איז ער, איציקעל שאָס־טעפּאַל, א יוד א נגיד, מע קאָן זאָגען א גביר, האָט איין קינד סך הכל, וואָס פאַר א פערגניגען האָט ער געהאַט אין זיין לעבען? האָט ער זיך פערגונען ווען האָבען אזא גער־טענדעל? אזעלכע גרינע פרישע בוימלעך? היהנער מיט קליינע הינדעלעך?... וואָס ווייס ער פון א לעבען צו זאָ־גען, א חוץ געשעפט און געשעפט און ווידער א מאָל גע־שעפט? א חוץ פריץ און פריץ און ווידער א מאָל פריץ? עס קומט אויס, אז ער, שאָסטעפּאַל, האָרעוועט, און זיי, פריצים, לעבען. ער ברענגט זיי צוטראָגען פונ'ם גרייטען און זיי נעמען־צו, רוהען זיך אויס, טהוען זיך אָן וואוילטאָג... שען האָט זיך אויסגעפיינט דער חכם יעקב אקעגען זיין פּראָסטען נארישען ברודער עשו"!...

פון צווייטען צימער הערט זיך א בעקאַנט קול: „נע־טשי־פאָ־רענ־קאָ!..." דאָס איז אנטאָן איוואַנאָוויטש אויפגע־שטאַנען פונ'ם שלאָף, רופט צו זיך דעם שרייבער. אין עטליכע מינוט אַרום רופט מען אריין צו איהם שאָסטעפּאַ־לען. איציקעל שאָסטעפּאַל לענט־אוועק אנטאָן איוואַנאָוויט־שען אויפ'ן טיש א פער'חתמ'עטען פּאַקעט. אנטאָן איוואַנאָ־וויטש חאַפּט א קוק מיט איין אויג אויפ'ן פּאַקעט און טהוט א זאָג צו שאָסטעפּאַל'ען: „צו וואָס?..." איציקעל שאָסטע־פּאַל ענטפערט איהם ניט אויף דער פראַגע און פרעגט איהם, צי איז ער גוט געשלאָפען? א מינוט זיצען זיי ביידע שטיל. נאָכדעם ווענדעט זיך דער יוד צום פּריסטאַוו מיט זעהר א אונטערטעניג שמייכעלע:

— אנטאָן איוואַנאָוויטש דאַרף זיך שטויסען, וואָס איך בין געקומען... אנטאָן איוואַנאָוויטש מוז וויסען, וואָס דאָ איז... איך פאָדער פון אנטאָן איוואַנאָוויטש'ען קיין זאַך ניט, נאָר דאָס איינציגע — ער זאָל מיר זאָגען, וואָס דאָ איז?...

— ביזט א גרויסער נאַרר, שאָסטעפּאַליעץ! (אַזוי רופט איהם אָפט מאָל דער פּריסטאַוו) אויף דיר איז מיר א וואונדער. דו בּיסט דאָך עפּעס א יוד, און יודען זענען

אלע קלוג, ווי קומט דאס, דו זאלסט מיך פרעגען אזא זאך? דו פערשטעהסט דען אליין ניט, אז איך ווייס גלייך מיט דיר? וואס ווייס פאליציי? פאליציי איז א בעזעם, א שטעקען אין די הענד פון דער זשאנדארמעריע. מע הייסט אונז געהן—געהען מיר, מע הייסט אונז נעהמען — נעהמען מיר...

— אנטאן איוואנאוויטש וועט מיר זאגען חאטש, וואו זי איז? וואו מיין טאכטער איז?...

— דיין טאכטער, שאסטעפאליען, איז אין טורמע.

— אין טורמע?...

איציקעל שאסטעפאל פיהלט, ווי מע האט איהם גע־געבען מיט א פיסטויל אין הארצען. עס בעשלאגט איהם א שוויים און ער ווערט קלענער מיט א גאנצען קאפ.

— אנטאן איוואנאוויטש זאל זיין א גוטער, וואלט ער מיר געזאגט, צו וועמען איך זאל געהן, צו וועמען איך זאל מיך ווענדען?...

— צום סמאטריטעל פון דער טורמע פארוואס געהסטו ניט? — פרעגט איהם דער פריסטאוו — ביזט דאך מיט איהם א גאנץ קנעפעל!... איהר מאכט דאך ביידע „חאפעס"... (אנטאן איוואנאוויטש בעוויזט איהם מיט דער האנד, ווי אזוי זיי ביידע מאכען חאפעס.) געה זיך דורך צו איהם, אפשר וועט ער דיר עפעס קאנען זאגען, פארוואס מע האט זי פער־נומען? חאטש איך גלויב ניט אין דעם. ערשטענס, ווייס ער גלייך מיט אונז ביידען, דאס ווייס נאר די זשאנדאר־מעריע, וויטער קיינער נישט... און צווייטענס, איז ער א גרויסער הונד, דיין סמאטריטעל. א יא ער איז א הונד?

— נאך א מין הונד! א הונד שבהונד! — זאגט איציקעל שאסטעפאל, שטעהט־אויף, גלייכט זיך אויס די ביינער, לאזט־ארויס א טיעפען זיפץ, בייגט זיך און נייגט זיך, און אז ער שטעהט שוין ביי דער טהיר בעקומט ער פון אנטאן איוואנאוויטש'ען איין אויסרעד, למאי האט ער אזוי פיעל נאכגעגעבען דער טאכטער? אנטאן

איוואַנאָוויטש האָט איהם וויפיעל מאָל געזאָגט, אַז אַ קינד טאָר מען אַזוי ניט נאָכגעבען, אַזוי פיעל באַלעווען!...

— אַצונד זעהסט דו, שאַסטעפּאַליען, אַז איך בין דיר אַ גוטער פריינד?...

מיט אַ היץ אין קאָפּ און מיט אַ קעלט אין הארצען חאַפּט זיך אַרוים פון דאַנען איציקעל שאַסטעפּאַל און לאָזט זיך צום סמאַטריטעל פון דער טורמע.

די טורמע איז אַ טורמע—אַזוי ווי אַלע טורמעס. איין אומעטיגע, אַ הויכע, אַ שטומע, מיט אַ סך קוימענס און מיט אַ סך פענסטערלעך פון אויבען ביז אַראָב, ווי אַ מלאך המות מיט אויגען. וויפיעל מאָל איציקעל שאַסטעפּאַל איז דאָ געוועזען, האָט ער קיין מאָל נישט קיין טראַכט געטהון וועגען די נשמות וואָס רייניגען זיך אין׳ם דאָזיגען גיהינם... און אַז ער האָט יאָ וועגן אַ טראַכט געטהון, איז דאָס געוועזען אַ מחשבה אויף איין רגע. וואָ האָט ער צייט דערויף?... קיין מאָל האָט ער זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז פאַר איהם וועלען אַמאָל האָבען אַ אינטערעס אָט די קליינע פענסטער־לעך, אָט די אייזערנע גראַטעס, אָט די שטומע ווענד, וואָס שווייגען, ווילען ניט זאָגען, וואָס דאָרטען, אינוועניג, טהוט זיך... שוין־זשע, געפינט זיך דאָרטען איצטער זיין טאָכטער גלייך מיט אַלע די, פאַר וועלכע ער שפּעלט־צו „פּראָוו־יאַנט“, טיילט זיך מיט׳ן סמאַטריטעל מיט די פּערדיענס־טען אויף דער האַלב?... עס קאָן ניט זיין! עס איז אַ חלום! אַ בייזער חלום!...

אַזוי טראַכט זיך איציקעל שאַסטעפּאַל און פאָהרט נעהענטער צו דער טורמע, שפּרינגט־אַראָב פון דער דראָשקע און קלינגט אָן צום סמאַטריטעל׳ס טויער, וואָס פון דער רעכטער זייט פאַרקאַן. אַ קליין, וויים שטיבעל מיט גרויסע טעפּ מיט בלומען אויף די פענסטער און מיט אַ גרינעם פּאַפּוגיי אין אַ געגילט שטייגעל.

דער סאָלדאַט וואָס ביי דער טיהר קען שוין שאַסטע־פּאַל דעם פּאָדריאַדטשיק און ער וויים, אַז אויף אַ טרונק

בראנפען וועט שוין דא זיין געווים. אלע מאל, ווען דער יוד קומט אהער, רוקט ער איהם אריין א זילבערנע מטבע אין האנד אריין. פאר וואסערע מעשים טובים — וויים ער אליין נישט ...

— איהר דארפט צום פריץ? זייט זיך מטריח אהער אין קאנצעליאריע; דארטען זענען זיי ...

אזוי זאגט צו איהם דער שומר, האלט שוין גרייט די האנד אויף צו מקבל זיין די מטבע, און לאזט-אריין דעם סוחר שאסטעפאל צום סמאטריטעל אין קאנצעליאריע.

דער סמאטריטעל פון דער טורמע, מיראן פאדוויאיטש קאבאלקין, איז א גוי א סוחר. איהם האט נאך קיין יוד נישט אבגענארט; און דער יוד, וואס מיינט, אז ער האט אבגענארט קאבאלקינ'ען, האט זיך נאכדעם געווים ארומגע-קוקט, אז קאבאלקין האט איהם אבגענארט... איין אייגעל ביי איהם קוקט-ארוים קיין צפון זייט און דאס אנדערע קוקט אייך גלייך אין דער נשמה אריין. ער האט א טבע, אז ער רעדט מיט אייך, צעשפילעט ער דעם מונדיר און פער-שפילעט זיך, האט צו טהון כסדר מיט די קנעפ, און רעדען רעדט ער גיך, צו דער זאך, האט פיינט פוסטע רעד. דערזעהען איציקעל שאסטעפאל ביי זיך אין קאנצע-ליאריע, האט ער צו איהם א מאך געטהון מיט ביידע הענד, געקוקט מיט איין אייגעל:

— ניין, ברודערעל, ביי מיר פרעגט ניט, איך וויים גארנישט ניט! גארנישט ניט! און בין פערנומען היינט! און איך האב קיין צייט ניט! האב קיין פאראיבעל ניט!...

און איציקעל שאסטעפאל מוז נעבאך געהן צוריק און מיט א וויסט הארץ חאפען נאך א מאל א קוק אויף די שטומע ווענד פון דער הויכער טוידטער טורמע.

„וואהין פאהרט מען?“ טראכט זיך איציקעל שאסטע-פאל און הייסט זיך פיהרען אויף דער רייכסטער גאס און שטעלט זיך אב און קלינגט אן פריהער צו בערנשטיינ'ס זוהן און נאכדעם צו היילפעריגס זוהנדעל. ביידע וואהנען זיי ווי

די „מאנארכען“ אין די שענסטע פאלאצען און דוקא א-קעגען גובערנאטאר — זאל איהם שטעכען!... יודען זענען אויף זיי דערפאר להרג ולאבד, למאי זיי רייסען-אויף גוים די אויגען, און די גוים שמועסט מען ניט! דער „קלין“ איז נישט איין מאל ארוים מיט איין ארטיקעל: „אונזערע יודי-שע פירסטען, אדער דאס נייע ירושלים“, וואו ער רעכענט אויס א צעטעל פון יודישע „הויפען“ און „פאלאצען“ און לאזט-אויס בזה הלשון: „פרעגט זיך א קשיא: ווער איז ביי ווען אין גלות — די יודען ביי אונז, צי מיר ביי די יודען?...“

אום נאכצוטאנצען די גוים מיט אלע פישטשעווקעס, טרעפט איהר ביי די בערנשטיינס און ביי די הייפלפעריינס א לאקיי ביי דער טהיר מיט א שווארצען פראק און מיט א ווייסען שניפס, און דוקא א גוי, און דוקא א רשע, וואס לאזט-נישט-צו קיין יודען אריבער דער שוועל פאר קיין געלד נישט! דאס הייסט, דאס געלד נעהמט ער צו, נאר דעם יודען אריינלאזען—דאס נישט! „אין קאנטאר אריין!“— איין ענטפער פאר אלעמען... דעם זעלבען ענטפער „אין קאנטאר אריין!“ האט בעקומען אויך איציקעל שאסטעפאל, איז ער געפאלען אויף איין עצה: ראשית חכמה האט ער אריינגעשמוגעלט דעם „גוי'עשען פריץ“ וואס ביי דער טהיר א „חצי פויגעל“ און האט איהם געזאגט, ער זאל זאגען דעם „יודישען פריץ“, אז איהם וויל זעהען איסאק שאסטע-פאל... אזוי טאקי מיט די ווערטער: איסאק שאסטעפאל!... און שטעלט אייך פאר, עס האט געהאלפען! ברייט זענען אויפגעעפענט געווארען פאר איהם די טהירען, אין א שענעם זאל האט מען איהם אריינגערופען, אויף א ווייכען שטוהל האט מען איהם בעזעצט. און מיט זעהר א פריינד-ליך שמייכעלע האט מען איהם אויפגענומען, געוואלט מכבד זיין מיט טהיי, — האט ער זיך אבגעזאגט. נאר אז ס'איז געקומען צו דער זאך, צוליעב וועלכע ער איז אהער געקומען, איז דאס פריינדליך שמייכעלע פערשוואונדען גע-

װאָרען, און עס האָט זיך בעװיזען אויף זײערע פּנים'ער אַ שטיקעל בהלה.

— װאָס? אײַער טאָכטער אין טורמע?... װאָס זאָל דאָס בעדײַטען?... שרעקליך! שרעקליך! פֿאַר מיר איז דאָס אַ קלאַפּ, פּשוט װי מיט אַ קויל אין הארצען!... איך װײס ניט, װאָס פֿאַר אײן עצה איך זאָל אײַך געבען? איך אַלײן לײַדער קאָן נישט העלפֿען דערצו גאָרנישט... איך בין נישט בעקאַנט מיט די „דאָזיגע" לײַט... איך קען זײ קײנעם ניט... איך האָב זײ ליעב פֿון דערװײַטען... אײַער טאָכטער װײס... נאָר האָבען מיט זײ צו טהון איז ניט כדאי... איהר פֿער-שטעהט אַלײן, אַז ס'איז ניט כדאי... פֿון דעסטװעגען װעל איך נאָך זעהען... זײַט בײַ אונז אין קאָנטאָר הײַנט! נײן מאָרגען... זײגער צװײ, נאָכ'ן אָנבײַסען... װעט איהר זײַן? אַדיע!"

אָט אַזאַ מין װאָרעמען „ברוך-הבא" האָט געהאַט אונזער איציקעל שאָסטעפּאַל בײַ בערנשטײנ'ס זוהן און בײַ הײַלפּערינ'ס זוהנדעל, כמעט די זעלבע דבורים, גלײַך װי זײ װאָלטען זיך צונויפֿגערעדט.

קאַפּיטעל מ"ח.

סאַשאַ לעגט-אײַן די װעלט.

דער אײנציגער, װעלכער האָט באמת מיטגעפֿיהלט דעם אָרעמען פֿאָטער אין זײַן גרויסען אונגליק און אין װעלכען איציקעל שאָסטעפּאַל האָט געפֿונען אײַן אמת'ן איבערגעבענסטען פֿרײַנד, איז געװעזען, װי דער לעזער קאָן זיך שטויסען, סאַשאַ ראַפּאַלאָװיטש.

דעם אַפּטײקערס זוהנדעל האָט נישט געװאַרט, ביז שאָסטעפּאַל װעט קומען צו איהם און װעט איהם בעטען, ער זאָל עפּעס טהון. סאַשאַ ראַפּאַלאָװיטש, װי באַלד ער האָט נאָר דערהערט, אַז בײַנאַכט האָט מען צוגענומען טײַ-מאַראַ'ן, איז ער גלײַך אַרויסגעלאָפֿען אַרויף צו שאָסטעפּאַ-

לען און האט געטראפען די אונגליקליכע מוטער, שיוועקע שאסטעפאל, אין אזא לאגע, וואס מע האט געמוזט רופען באלד א דאקטאר, מונטערען און ברענגען רפואות פון דער אפטייק, און שפעטער, אז דער פאטער איז געקומען פון זיין גליקליכער רייזע איבער זיינע כריסטליכע און יודישע גוטע פריינד און איז אריינגעפאלען אין שטוב אריין מיט אזא פנים, וואס מע האט פערשפארט ווערטער, — האט סאשא זיך אליין ארויסגערופען, אז טאמער דארף מען ערגיץ געהן געוואהר ווערען — געהט ער; טאמער דארף מען אנווענדען פראטעקציעס, אבנוצען זכות־אבות, האט ער א וועג דורך זיין פאטער. דער אפטייקער האט זעהר פיעל בעקאנטע כריסטען, אפיציערען, וואס ער שפיעלט מיט זיי, ניט דא געדאכט, אין קארטען...

— שאט! — האט א זאג געטהאן סאשא און האט זיך געגעבען א פאטש אין שטערען — איך האב! איך האב! איך האב! ביי מיין פאטער איז דא א בעקאנטע פערזאן, איין אלטע „באַרישני", נאדיעזשדא אלעקסאנדראוונא הייסט זי, זי קומט צו אונז אלע טאג אין דער אפטייק. האט די נאדיעזשדא אלעקסאנדראוונא א ברודער א זשאנדארמסקי ראטמיסטער, וואס ער מוז וויסען אלעס. אויב איהר וועט מיר ערלויבען, טהו איך שוין א געה צו דער נאדיעזשדא אלעקסאנדראוונא... איך בין ביי איהר א גאנצער חשוב...

— אויב איך וועל אייך ערלויבען? — זאגט איציקעל שאסטעפאל און קאן מעהר נישט רעדען, און ווען ער זאל זיך ניט שעמען פאר'ן אפטייקערס זוהנדעל, וואלט ער איהם געפאלען אויפ'ן האלז קושען, ווארום ער פיהלט, אז ער, סאשא, איז איהם א פריינד, איין אמת'ער, איין איבער־געבענער פריינד דער איינציגער צווישען אלע גוטע פריינד!...

און סאשא איז אוועק צו דער „אלטער באַרישני" און האט זי געטראפען ביי זיך אין גארטען (פערשטעהט זיך — מיט'ן הונד) איבערזעצען קוויטען. דערזעהען דעם יונגען

ראַפֿאַלאָוויטש, האָט זי זיך אויפֿגעהויבען פֿון איהר אַרבייט און איז איהם געגאַנגען אַקעגען מיט אַ שענעם „גוטמאָרגען", איהם אויסגערעדט, פֿאַרוואָס ער קומט ניט אָפֿט אַהער אין דעם קליינינקען גן-עדן, וואָס זי אַליין מיט איהרע אייגענע הענד האָט בעשאַפֿען. דאָ האָט איהם נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט איהר הענדטעל בעוויזען ווירקליך אַ קליינעם גן-עדן פֿון פֿערשיעדענע בלומען, וואָס שמעקען, יונגע בוימלעך, וואָס בליהען, סאַמעטען גראָז, וואָס בעט זיך, מע זאָל דאָס אַ גלעט טהון, און געלע שמאָלע סטעזשקעלעך מיט זאַמד אויסגעשיט, וואָס ציהען זיך ווי געלע סטיינגעס אויף גרין זיידענציי̆ג מיט בלומען בעפּוצט פֿון דער מילדער האַנד פֿון דער דאָזיגער פֿעע, אָדער פּרינצעסין פֿון גן-עדן, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. עס איז נאָר געווען איין עבירה און אַ פֿערדרוס, וואָס די פֿעע, אָדער די פּרינצעסין פֿון דעם גן-עדן מיט די ברילען אויף דער נאָז, האָט מיט איהר גראָבליכע מאַנסבילשע שטימע גענומען אויסרעכענען, וואָס דאָס קאָסט, וואָס דאָס גאַנצע הויז קאָסט, און וואָס דאָס הויז ברענגט-איין, און וואָס דער גאָרטען ברענגט-איין, — „ס'איז נישט כּדאי, עס טראָגט ניט אַפילו קיין פֿינף פּראָצענט..." אַ פֿעע מיט ברילען... אַ פּרינצעסין מיט פּראָצענט... אַך, ווי ווינציג דאָס שטימט מיט דעם קליינינקען גן-עדן!... און סאַשאַ טרעט-צו צו זיין אינטערעס, וואָס צוליעב דעם איז ער געקומען.

די גאַנצע צייט, וואָס דער יונגער ראַפֿאַלאָוויטש האָט גערעדט, איז די „אַלטע באַרישני" געשטאַנען די הענד פֿערלעגט אַהינטער, געקוקט דורך די ברילען אַרויף אויפֿ'ן הימעל און געהערט מיט קאָפּ. און אַז סאַשאַ האָט געענדיגט, האָט זי דערלאַנגט מיט'ן פֿיסעל אַ זעץ דעם הונד „העקטאָר" און האָט אַוועקגעשטעלט די ברילען אויף סאַשאַ'ן און געזאָגט מיט איהר גראָבליכע מאַנסבילשע שטימע:

— ווילט איהר, הייסט דאָס, איך זאָל דורך מיין ברודער אייך איבערגעבען אַלעס, וואָס בעלאַנגט צו דער

געפאנגענער, ווי אזוי הייסט זי? טאמארא? א פאעטישער נאמען... זעהר א פאעטישער נאמען!... אבער, איך מוז אייך זאגען, מיין ליעבער יונגער מאן, אז די אויפגאבע איז ניט פאר מיר. איהר ווילט וויסען, פאר וואס? איך וויל נישט האנדלען מיט א זשאנדארמסקי.

— אייער ברודער דער ראטמיסטער... וויל איהר סאשא אבענטפערען.

— מיין ברודער איז דערזועלבער, וואס זיי, דער זעל־בער זשאנדארם. איך וויל איהם נישט קענען! איך וויל זיין פנים נישט אנקוקען!

אויף אזא קלאפ האט זיך סאשא ניט געריכט. סאשא איז אבער ניט פון די מענשען, וואס פאלען־אראב ביי זיך און פערליערען זיך ביי'ם ערשטען אבשטוים. אדרבה, וואס שטארקער דער אבשטוים, דעסטא גרעסער איז ביי איהם די ענערגיע צו אויספיהרען דאס, וואס ער וויל. ער האט אנגעווענדעט אלע קרעפטען, ער האט צוגעצויגען אויך זיין פאטערס איינפלוס אויף דער „אלטער מויד״, און ער האט געפועלט, אז זי זאל זיך איבערבעטען צוליעב דעם מיט איהר ברודער דעם זשאנדארמסקי ראטמיסטער, און עס איז ניט אוועקגעגאנגען קיין עטליכע טעג, האט נאדיעזשדא אלעקסאנדראוונא געבראכט צוטראגען אין דער אפטייק ארויין א גאנצען פאק מיט נייעס, פערדרעהטע, פערפלאנטערטע, פערקריפעלטע, דער רוח אליין קאן דא ברעכען דעם קאפ: עפעס א „קניאז״ איז דא זעהר א רייכער פון קאווקאז, וואס האט זיך שטארק קאמפראמיטירט... עפעס א מיידעל, וואס האט זיך אויפגעהאנגען אין טורמע... און א ביקגטשאפט מיט א מענשען, וואס האט אוועקגעשיקט איינעם אויף יענער וועלט...

— דער שווארצער יאהר זאל זיי וויסען דארטען! זאלען זיי אייך אלע ברעכען די קעפ! און מיך זאלט איהר לאזען צורוה און נישט בעטען מעהר איך זאל מיך שמוצען די הענד! און פאלגט מיך, יונגער מאן, טהוט א שפיי אויף

רעם גאנצען עסק און קומט בעסער צו מיר אין גארטען היינט, וועל איך אייך מכבד זיין מיט „שפאנקעס“, מיין אייגענע פלאנצונג, איהר האט נאך אזעלכע שפאנקעס ניט געגעסען! ווען איך האב אזעלכע ווייכשעלבוימער א סך, וואלט איך געקאנט פערגרעסערן די איינקונפט פונ'ם גארטען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז סאשא ראפאלאוויטש האט איבערגעגעבען טאמארא'ס פאטער די ראזיגע ידיעה אין זעהר א לייכטע פארם, אדער ווי זיין פאטער דער אפטייקער האט זיך אויסגעדריקט אויף זיין אפטייק-לשון: „א ביטערע פיל אבגעשמירט מיט גאלד.“ ער האט געמאכט די גאנצע געשיכטע צו קליין געלד, און אז איציקעל שאסטעפאל האט מיט שרעק און מיט האפנונג אויסגעהערט די ראזיגע בעפוצטע געשיכטע, האט איהם דאס פנים געשיינט, די אויגען געלויכטען ווי ביי א קליין קינד, וואס מע האט נאר-וואס בעשטראפט און איבערגעבעטען מיט א שפיעלכעל, און ער האט זיך אנגערופען:

— איך ווייס שוין... אט, דאס דארף זיין דער קניאז, וואס טאמארא האט מיר דערצעהלט פון איהם. זעהר—זעהר א רייכער קניאז! אפשר האלב קאווקאז געהערט צו איהם! א דאנק אייך פאר אייער...

מעהר האט דער גליקליכער-אונגליקליכער פאטער נישט געקאנט ארויסרעדען. ער איז געפאלען סאשא'ן אויפ'ן האלז און האט געגעבען פרייהייט צו זיינע טרעהרען...

פון יענעם טאג אן האט סאשא נישט גערוהט, ער האט דורכגעשלאגען, ווי ער אליין האט זיך אויסגעשפראכען, אייזערנע מויערען, און זיך בעקאנט מיט אזעלכע מענשען, וואס ער וואלט זיינע יאהרען אויסגעלעבט און וואלט זיי נישט געקענט.

און דער עיקר איז, וואס ער איז געוואהר געווארען, אז ס'איז געווען א געוויסער פערברעכער מיט איין אויסגעטראכטען נאמען מארטשענקא (סאשא האט גאנץ גוט געוואוסט ווער דער „אויסגעטראכטער“ פארשוין איז!...)

וועלכען שאָסטעפּאַל'ס טאָכטער האָט נישט נאָר געליעבט, נאָר פערגעטערט! פאַר אַ גאַנץ היבשע סומע (איציקעל שאָסטעפּאַל האָט געשאָטען מיט געלד!) איז איהם געלונגען צו לייענען אַ קאָפּיע פון טאַמאַראַ'ס בריעף אַדרעסירט צו דעם מאַרטשענקאָ, און אונזער העלד סאַשאַ האָט דאָס אַלעס געמוזט אַראָבשלינגען, ווארום עס האָט זיך נישט געהאַנדעלט דאָ אום זײַנע אייגענע געפיהלען צו טאַמאַראַ'ן; דאָ איז געוועזען נויטיג אַרויסצורייסען זי פון די אײַזערנע נעגעל, אַרויסשלעפּען זי פון'ם זומפּ, אין וועלכען זי איז אַרײַן און אין וועלכען זי האָט וואָס ווײַטער אַלץ מעהר געזונקען. עס האָט זיך בײַ זיי געוויקעלט איין ענין אין'ם אַנדערן: שיראָקאַדזע איז געוועזען געבונדען מיט ראָמאַנענקאָ־מאַרטשענקאָ... ראָמאַנענקאָ־מאַרטשענקאָ איז געוועזען געבונדען מיט איינעם אַ וואָראָנאַ אָדער וואַראָנין, וואָס מע האָט געפונען בײַ זיך אין שטוב אַ געהאַנגענעם... און דער וואָראָנין ווידער איז געוועזען אײַנגעפּלאָנטעט אין דער געשיכטע פון מאַשאַ באַשעוויטש, וואָס האָט אַזוי טראַגיש געמאַכט אַ סוף צו איהר לעבען אין טורמע... מיט איינעם וואָרט, די לאַגע איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר פערדרעהט און פערפּלאָנטערט, און אויב טאַמאַראַ'ן איז נישט פאָרגעשטאַנען הינגעריכטעט צו ווערען אויפ'ן עשאַפאָט, איז זי דאָך געוועזען אין גרויס געפאַהר פערשיקט צו ווערען אַזוי ווײַט, פון וואַנען עס איז כמעט אונמעגליך זיך צו רעטען מיט'ן לעבען. און אונזער העלד סאַשאַ (מיר ערלויבען זיך צו קרוינען איהם מיט'ן נאָמען „העלד", חאָטש ער איז ניט געלעגען אויף די קניע פאַר זײַן געליעבטע און האָט ניט געשאָסען קיין איינציגען מערדער) אונזער העלד סאַשאַ האָט ניט איין מאָל געטראַכט בײַנאַכט אויף זײַן געלעגער וועגען אַ ווײַטער נסיעה אין אַ קאַלטען לאַנד אַרײַן, אום צו פערגרינגערן דאָס שווערע לעבען פון דער אונגליקליכער טאַמאַראַ, וואָס האָט נישט געוואוסט

(און וועט ניט וויסען), ווער עס האט זי באמת ליעב געהאט אויף דער וועלט...

איין אפטער גאסט איז געווארען איציקעל שאסטעפאל ביי זיין שכן דעם אפטייקער אין הויז... ער האט זיך בעפריינדעט ניט נאר מיט'ן אפטייקערס זוהנדעל, נאר אויך מיט'ן אפטייקער אליין, און מיט סאשא'ס חבר, קעסלער. עס איז געווען ווירקליך א פערגניגען צו זעהען אלע פארנאכט ביי'ם אפטייקער אין שטוב א קליינע אסיפה פון היימישע מענשען: סאלאמאן ראפאלאוויטש, איציקעל שאסטעפאל, סאשא ראפאלאוויטש און זיין חבר שמעון קעסלער, און מע האט גערעדט נאר פון איין פערזאן — פון טאמארא'ן, און נאר פון איין זאך — פון איהר בעפרייאונג.

— דו ווייסט, וואס איך וועל דיר זאגען? — אזוי מאכט איציקעל שאסטעפאל צו זיין פרוי שיוקע — אט דער ראפאלאוויטש (שוין אויס „אפטייקער, נאר „ראפאלאוויטש!") איז א גאנץ וואויל מענשעל. מיר איז געפעלען, ווי אזוי ער פיהרט זיך מיט זיין זוהן (שוין אויס „זוהנדעל", נאר „זוהן"!) ווי אזוי ער גיט איהם אפ כבוד און ווי אזוי ער האט איהם ליעב — און ס'איז טאקי דא וועמען!...

— וואס דען? — גיט איהם נאך שיוקע און לעגט־צו מיט א פערגלייך און מיט א ברכה:

— גאר גלייך צו די בערנשטיינס מיט די היילפערינס, די כפרה מעגען זיי זיין פאר אונזערע (שוין געווארען „אונזערע") ראפאלאוויטשעס!

אויך דער אפטייקער האט געביטען די מיינונג פון זיין שכן שאסטעפאל (אך, ווי גיך עס בייטען זיך ביי אונז די מיינונגען!) ער זאגט צו זיין זוהן:

— א רחמנות, נעבאך, אויף אונזער שאסטעפאל! (שוין אויס „אידאש"!) ער איז גאר גישט אזא ווילדער מענש, כ'לעבען! ער איז נאר אביסעל... אביסעל...

— אביסעל א מענש, — כאפט איהם אונטער דער זוהן, סאשא ראפאלאוויטש.

קאפיטעל מ"ט.

גוט יום-טוב, אלעם רוהט!

מיט ריזענטריט איז זיך די בעוועגונג געגאנגען איהר וועג איבער אלע שטעדט און שטעדטלעך אין איין גרויסען ווידער-קול, אין וועלכען עס האט אבגעקלונגען דאס איינציגע ווארט: פ ר יי ה יי ט!... פרייהייט האבען געשריען אלע מענשען פון אלע קלאסען, מענער און פרויען, אלטע לייט און קינדער, און באלד האט עס ארויסגערופען איין אויסגעפלאנטען אלגענעם סטרייק איבער'ן גאנצען לאנד. אלעם האט געסטרייקט; אלע רעדער פון דער גרויסער לאנד-מאשין האבען זיך, ווי דורך א בעפעהל פון א גרויסען מעכאניק, אדער דורך א כשוף פון א צויבער-שטעקען, אבגעשטעלט, און אלעם איז ווי פערשטארבען געווארען, און א מאדנע רוה און א מערקווירדיגע שטילקייט איז איינגעטרעטען אין גאנצען לאנד, א מין נאטירליכער פייערטאג, א גרויסער יום-טוב, נישט אזא יום-טוב, וואס ס'איז איבערגעגעבען געווארען צו די מענשען בירושה, נאר אזא מין יום-טוב, וואס מענשען אליין האבען איהם בעשאפען, וואס מענשען אליין האבען, נאך א סך יאהרען שווער ארבייטען און נאך א סך יאהרען זיך ארומרייסען איינער מיט'ן אנדערען, מיט אמאל איהם, דעם יום-טוב, ארויסגערופען אין לעבען, האבען זיך פעראייניגט אונטער איין אידעע און זיך צענויפגעקליבען אלע אין איין ארט און געזאגט צו זיך אליין: היינט זאל זיין שבת וינפש — גערוהט און אויסגערוהט!...

און אלע און אלעם איז געווארען יום-טוב'דיג, אנשטאט דעם, וואס מענשען זאלען זיך שרעקען פאר מארגעדיגען טאג, וואו וועט מען נעהמען אויף צו עסען? וואס וועט מען טרינקען? אויף וואס וועט מען פאהרען? ווי אזוי וועט מען לעבען? — האבען די מענשען אבגעגעבען איינער דעם אנדערען א פרעהליכען א ברייטען „גוט-יום-טוב!"

— א גוט יום-טוב אייך! — האט געזאגט יודעל קטנתי, אריינגעפאלען צו נחמיה דעם שוסטער מיט אזא יום-טוב'דיג אויסזעהען, ווי סיידען שמחת תורה קען א יוד זיין אזוי בגילופין. אפשר איז דאס געווען דערפאר, ווייל יודעל קטנתי איז שוין געווען אין א פאר ערטלעך ביי בעקאנטע בעלי-מלאכות און געטרונקען לחיים לכבוד דעם גרויסען יום-טוב, וואס „מיר, בעל-מלאכות", האבען געמאכט? און אפשר איז דאס געווען דערפאר, ווייל זיין „זוגתי" (אזוי האט ער זי גערופען: „מיין זוגתי") האט איהם ארויסגעטריבען, ער זאל געהן קריגען ערגעץ אויף שבת? און אפשר איז דאס פרעהליכקייט איהם געקומען דערפון, וואס זיין „קדיש" איז איבערגעפיהרט געווארען פון איין געפענגעניש אינ'ם אנדערען און ס'איז א סברה, אז מען זאל איהם משפט'ן מיט פעלדגעריכט, אדער, ווי יודעל רופט דאס אן, „בחסד וברחמים" מיט יושר און מיט סאוועסט, א שטריקעל אויפ'ן האלז און פאזשאלויטע אווו קאזנאו"! ...

— א מצוה, זאל זיך א הונד ניט גלוסטען קיין המנטאש, אז ער הערט ניט די מגילה!

אזוי לאזט אויס יודעל קטנתי מיט זיין בלומענשפראך און בעקומט א פארציע פון נחמיה דעם שוסטער'ס ווייב,זיסעל:

— א חרפה און א בושה אין אייער ווייטען האלז אריין! ווי שעמט זיך דאס ניט א יוד היינטיגע צייטען רעדען אזעלכע ווערטער און מאכען חוזק פון איין אייגענעם זוהן, וואס האט איינגעשטעלט זיין לעבען פאר אייך און פאר מיר און פאר אונז אלעמען? אייער גליק, וואס מיינע קינדער זענען איצט נישטא אין דער היים, מיין חיים וואלט אייך געגעבען א פעטשאטעק, אז ס'וואלט אייך פינסטער געווארען אין ביידע אויגען!

— וואט טיבע יוצר המאורות! — זאגט יודעל קטנתי, און נחמיה דער שוסטער זעצט דאס איבער אויף יודיש:

— אט האסט דו דיר א קאנסטיטוציע!

— וואס דען? זעצט זיך אזוי אזא יוד אבלאכען פון

זיין איינען קינד, וואס איז זיך מפקיר פאר דער וועלט...

— פאר דער וועלט? — זאגט יודעל, — די „וועלט" האט, הייסט עס, אריינגעשיקט א בריוועל צו מיין זוהן: „ידידי רב וועלוועל! הנה כפי כאשר אזוי ווי איך, „וועלט", בין פארביי, איך דארף האבען א קאנסטיטוציע אונטערגעשלאגען מיט א רעפובליק, לכן בקשתי זאלסט זיך מטריח זיין צו מיר למען השם מיט נחמיה דעם שוסטער'ס צוויי בנים און מיט חוה דער יודינעס קדיש, און מיט נאך אזעלכע אנשי חיל פון אונזער פאלק עמך...

— עס וואלט שוין בעסער געמעגט קומען אויף אייך א שטומעניש, כ'לעבען... שא! אט געהען די קינדער! — זאגט זיסעל, און עס קומען אריין חיים און בעני און מיט זיי נאך עטליכע שווארצע בחורים מיט שווארצע העמדלעך, טהוען אוואָרף די היטלען אין דער ערד אריין, זעצט זיך אוועק וואו ווער עס געפינט איין ארט, ווישען זיך דעם שווייס און האלטען אין מיטען א שמועס. יודעל קטנתי קאן זיך ניט איינהאלטען און רופט זיך אן צו זיי:

— קינדערלעך, א גוטער יום-טוב אויף אייך! אדער ווי דער גוי זאגט: באודטי זדראָווי ס'סערעדאי!

די בחורים דרעהען-אוים דעם קאפ צו יודעל דעם שניידער, ענטפערען איהם ניט קיין ווארט אויף זיין גוט-יום-טוב און זעצען-פארט זייער שמועס:

— ביזט דו איבערצייגט, אז דאס איז דאס ריכטיג-סטע מיטעל? — פרעגט איינער פון די שווארצע בחורים מיט די שווארצע העמדלעך, ניט קוקענדיג צו קיינעם.

— אזוי ווי צוויי מאל צוויי איז פיער — זאגט חיים, האלט דעם קאפ אין די הענד און קוקט-אראב צו זיינע שטיוועל — איך שטעל מיר פאר א בילד, ווי אזוי די גאנצע מאשינעריע האט זיך פלוצים אוועקגעשטעלט: די רעדער דרעהען זיך ניט, די האמערס שלאגען ניט, די זעגען זעגען ניט, די מעסערס שניידען ניט, די נאדלען נעהען ניט, דער אויבען באקט ניט, דאס פייער ברענט נישט, די

לאָמפּען לייכטען נישט, די באַהנען געהען נישט, די פּאָסט לויפֿט ניט, דער טעלעגראַף קלאַפּט ניט, אַלעס רוהט, אַלעס שלאָפֿט, אַלעס איז געשטאָרבען, נישטאָ אַפילו ווער די מתים זאָל בעגראָבען...

— ווי אין פּסוק שטעהט: כי לו נאה כי לו יאה, — ווי מען בעט זיך, אַזוי שלאָפֿט מען... האַקט-אַריין יודעל קטנתי מיט'ן ניגון פון דער הגדה, נאָר קיינער הערט איהם נישט;

— און דאָס אַלסדינג ווילען מאַכען מיר, אָרעמע בעלי-מלאכות? — זאָגט איינער פון די שוואַרצע בחורים מיט די שוואַרצע העמדלעך, און דאָס קול זיינס איז הייזעריג, און דאָס פּנים לויכט איהם ווי ביי אַ צדיק, ביי אַ למדּ-וואָר'ניק.

— ווער דען? — זאָגט חיים און הויבט-אויף דעם קאָפּ — די פעטע בורזשואזיע מיט איהרע ווייסע הענדטלעך?

— אַנו זאָל ברופען „דער הערר קאַפּיטאַל” אַוועק-שטעלען זיך ביי'ם ראָד! — האַלט איהם אונטער בעני — זאָל אָקאָרשט די אַריסטאָקראַטיע אַליין נעהמען זיך צו דער אַרבייט; ניש-קשה, זי האָט זיך שוין גענוג אויסגערוהט, זי מעג שוין אויך אַביסעל עפּעס טהון...

— ווי דער משניות זאָגט: „ליוביש קאַטאַטסיא, ליובי סאַנאַטשקי וואָזיט” — חאַפּט-אונטער יודעל קטנתי און זעצט דאָס באַלד איבער אויף יודיש: ווילסטו פאַלירטשיקעס, זאָג-זשע די הגדה...

— און דעמאָלט, הייסט עס, וועט קומען אַ שטיקעל ישועה אויף אונז, אַרבייטער? — שטעלט-אַריין אַ וואָרט אויך נחמיה דער שוסטער און קוקט אויף זיין זוהן, חיים'ן.

— אויף אַלעמען! — זאָגט איהם חיים מיט גדלות — מיר, אַרבייטער, זענען דער אינסטרומענט, אָדער בעסער געזאָגט, דער אַוואַנגאַרד, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרען צו פערהעלמעווען די רעדער פון דעם גרויסען אַלטען וואָגען, וועלכער הייסט „רעגירונג”. הערט איהר ניט, ווי דער וואָגען טרישטשעט?

— ניין! — חאפט זיך ארויס יודעל קטנתי, — מע הערט ניט דעם וואגען טרישטשען; זעהט איהר, די בייטשען קנאקען, דאס הערט מען, און א פאנישען „מי שברך“ קאנט איהר הערען און דוקא א דרייגארענדיגען...

— רב יודעל! איהר זענט א רעאקציאנער! — בעמערקט איהם איינער פון די שווארצע בחורים מיט די שווארצע העמדלעך, און יודעל ענטפערט איהם אב ניט געטראכט, ווי אלע מאל:

— קטנתי מכל החסדים — א דאנק פאר א קאמפלימענט, הגם איך ווייס ניט די טייטש פונ'םווארט. דאס אייגענע הער איך פון מיין קדיש אויך; ער זאגט אויף מיר, אז איך בין פון די פערד, וואס שטעהען־אב, און איך זאג, אז איהר זייט פון די לאשעקלעך, וואס לויפען פאר'ן וואגען. קיין נוצען ברענגט איהר נישט, נאר שפרינגען שפרינגט איהר, ווי מיר זאגען אין הלל...

— חיים! וואס שווייגסט דו איהם? — מישט זיך ארייִן די מוטער, נחמיה דעם שוסטערס ווייב זיסעל, און בראקט ציבעלקעס צום גרויסארטיגען אנבייסען, וואס זי גרייט־צו לכבוד דעם גרויסען סטרייק: גרינע אוגערקעס, ציבעלקעס, קנאבעלעך און רעטעכלעך און שאר־ירקות — אלץ אזעלכע זאכען, וואס קאסטען נישט טייער, זענען געשמאק און מע פערשפארט הייצען דעם אויבען... חיים וויל נישט ענטפערן גאר ניט. ער קוקט מיט פעראכטונג אויף יודעל קטנתי, וואס „האט א צונג און עס רעדט“... יודעל קטנתי ווארט נישט, ביז מע וועט איהם א מאל ענטפערן. ער רוהט א ווײַלע און רעדט ווייטער:

— איהר זאגט קאנסטיטוציע? רעוואלוציע? און איך זאג אייך: קאנסטיטוציע איז א מחשבה און רעוואלוציע איז א רעוואלווער, וואס מע דארף וויסען, אין וועלכע הענד מע גיט איהם... זעהט נאר, אז איהר אלע זאלט זיך ניט דערשפילען ווי אונזער ליפא, נעבאך... א! ויבא המן! מאכט רש"י: מע זאל דערמאנען משיח'ן... אט וועט איהר באלד

הערען א דרשה... עס עפענט זיך די טהיר מיט א גרויסען סקריפ און עס קומט-אריין ליפא באשעוויטש.

קאפיטעל ג.

ליפא באשעוויטש—א נביא.

ווען יודעל קטנתי זאל אונז נישט געבען צו וויסען, אז דאס איז ליפא באשעוויטש, וואלטען מיר איהם זיכער נישט דערקענט. אזוי שטארק האט זיך דער ארעמער „האלץ-יוד" איבערגעביטען. זיין בעזעמדיגער בארד איז געווארען וויים ווי שניי און צעשפרייט אין דער ברייט איבער'ן גאנצען פנים. און דאס פנים אליין איז געווארען מארנע געל גלאנצענדיג און געקנייטש, ווי א צעקנייטשטע מגילה אויף דער לינקער זייט, דער שטערען האט זיך ארויפגערוקט ארויף מיט צוויי גאנץ טיעפע ווינקלען, דאס היטעל טראגט ער איבער די אויגען, דאס הארץ ביי איהם איז צעהראסטעט, די קאפאטע איז צופליקט, איין ארבעל אויסגעריסען, און א גרויסען שטעקען אין האנד טראגט ער, און די אויגען ביי איהם ברענען ווי קויהלען, קוקען אין איין פינטעל אריין, און רעדען רעדט ער מיט א נגון, אהן איין אבשטעל, שטעהט ניט אויף איין ארט, געהט פון איין שטוב אין דער אנדערער און וועקט דעם עולם, גרייט איהם צו צום גרויסען אונגליק, צום אויסגוס, צום מבול, וואס קומט אויף דער וועלט. אז איהר זעהט איהם און הערט איהם רעדען, קומט אייך ניט-ווילענדיג אויפ'ן זינען ישעיהו אדער ירמיהו הנביא אין אמאליגע צייטען, ווען ס'איז נאך געוועזען אמת'ע, איינפאכע, נישט געקינסטעלטע פרייהייט אויף דער וועלט...

— הערט-צו, פעלקער! — אזוי האט ליפא אנגעהויבען מיט א נגון פון פסוק, אז ער איז אריינגעקומען צו נחמיה דעם שוסטער—פערנעהמט, איהר מענשען פון דער וועלט, וואס מיין מויל טהוט צו אייך רעדען אצונד. וואכט-אויף פון אייער שלאף, הויבט-אויף אייערע אויגען ארויף און אראב,

אַרום און אַרום, און זעהט, ווי עס חמאַרעט זיך דער הימעל. שוואַרצע וואָלקענס טראָגען זיך אין דער לופטען, דער ווינד טהוט זיי טרייבען מיט אַ גרויס אַיילעניש, און זיי פערדעקקען דעם גאַנצען הימעל. אַט באַלד ברעכט־אויס אַ שטורם, אַט באַלד קנאַלט־אויס אַ דונער און עס טהוט אַ זעץ אַ רעגען, אַ שלאַגס־רעגען, אָבער נישט קיין רעגען פון וואַסער, נאָר אַ רעגען פון בלוט. עס פליסען טייכען, טייכען פון בלוט לויפען באַרג אַראָב, פילען־אָן די הייזער, טרייבען־אַרויס די מענשען אויף דער גאַס, לויפען־אַרום ווי משוגעים, שרייען און פילדערען, קוקען־אַרויף, געהען ביז'ן האַלז אין בלוט און רופען צו גאָט, ער זאָל זיי העלפען. אָבער ער הערט ניט דער גאָט, ער איז אַ גאָט פון נקמה. ער קאָן אייך ניט פערגעסען אייערע זינד און אייער שולד, וואָס איהר טהוט פאַלשען, נאַרען איינער דעם אַנדערען, שווינדלען און ליגנערן און פערגיסען אומזיסטיג בלוט...

— אַט וועט איהר באַלד הערען, ווי ער וועט אויס־לאָזען מיט אַ מאַרנעם געזאַנג! — אַזוי בעמערקט יודעל קטנתי, און ער האָט געטראָפען: ליפּאַ באַשעוויטש פאַלט־אַריין פונ'ם פריהעריגען נוסח אין איין אַנדער נוסח, אינ'ם נוסח פון קינות, און לאָזט־אויס זיין דרשה אַזוי:

— זאַמעלט אייך צענויף אַלע, איידער עס קומט דער בלוטיגער מבול אויף דער וועלט, טהוט תשובה, זייט מתפלל און זאָגט: אנא ד' הושיעה נא — עגעדען מאַגעדען מאַגדאַ־דען! עעעגעדען מאַגעדען מאַאַגדאַאַדען!! עעעעגעדען מאַגעדען מאַגדאַאַאַדען!!!!...

יודעל קטנתי נעהמט זיך מיט'ן פינגער אונטערען גאָרגעל, אויפ'ן חזנישען שטייגער, און זינגט איהם נאָך און קאַטשעט זיך אויפ'ן האַלז:

— עעעעעגעדען מאַגעדען מאַגדאַאַאַאַדען'!...

— אַז אָך און וועה צו אייך! — שטעלט זיך אַרויס דעם שוסטער'ס ווייב זיסעל — געפונען פון וועמען חוזק צו מאַכען!

— איין שכל מיט אַ משוגע'נעם! — האַלט זי אונטער דער מאַן און ווענדט זיך צו ליפּאַ'ן, נעהמט איהם אַן פאַר'ן אַרבעל און שאָקעלט איהם:

— רב ליפּאַ! אתשר וועט איהר עפּעס עסען? רב ליפּאַ! ...

— עסען? — פרעגט איהם ליפּאַ און פאַלט אַריין צוריק אין זיין פריהעריגען נביאות'דיגען טאָן אַריין — אייער אייגען פליישׁ וועט איהר עסען, איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהייד, אַ מוטער וועט אויפפרעסען איהר אייגען קינד, און קינדער וועלען מאַכען אַ סעודה פון זייערע עלטערען, אַ ברודער וועט פערקויפען זיין אייגענע שוועסטער, אַ חתן — זיין כלה. עס וועט אויסגעמעקט ווערען דאָס וואָרט „רחמנות" פון דער וועלט, ביז גאָט'ס צאָרן וועט ניט אויסגעגאָסען ווערען אין אַ גרויס דערטרינקעניש, אין אַ מבול, אַ מבול פון בלוט און פון טרערען. דאָס זענען די טרערען פון אלמנות און יתומים, פון אַלטע פאָטער און מוטער, פון שוועסטער און ברידער, וואָס האָבען זיך געלאָזט פייניגען פון די אומריינע רשעים און האָבען נישט געוואָלט רופען צו גאָט און לויבען זיין נאָמען זינגען צו איהם אויף אַ קול: עגעדען מאַגעדען מאַגראַדען! עגעדען מאַגעדען מאַגראַדען!! עגעגעגעדען מאַגעדען מאַגראַאַאַדען!! ...

— וואו איך האָב ערגיץ אַ שונא און וואו איהר האָט אַ שונא און אויף אַלע גוי'עשע שונאים געזאָגט געוואָרען אַזאַ סוף, רבונו של עולם!

אַזוי זאָגט זיסעל די שוסטערין און ווישט די אויגען מיט'ן פאַרטוך, און יודעל קטנתי חאַפּט־אונטער:

— אָמן יהא שמיה רבא... אַזאַ סוף קאָן זיין מיט אונז אַלעמען. ווער איז דען מעהר שולדיג אין דעם, ווי זיינע אייגענע קינדער? זיי האַלטען שטאַרק פון'ם פסוק: כבד את אביך — פאָלג נישט אַ טאַטען, געהען זיי אַליין צום שוואַרצען יאָהר און מאַכען אַ תל פון טאַטע־מאַמע, און וואָס טויגע יוצר המאורות — אָט האָט איהר אייך אַ גוטען מוסר!..

אַזוי זאָגט יודעל קטנתי און ווייזט־אָן אויפ׳ן אלטען ליפּאַ בּאַשעוויטש, וועלכער הערט נישט אויף צו זאָגען נביאות אַלץ מיט דעם זעלבען נוסח:

— זעהט איהר דען ניט, ווי עס פאַלען שטיינער פונ׳ם הימעל? פייערינגע שטיינער, פעך און שוועבעל, און פערדע־רען, פערדערען, פערדערען אָהן א שעור? הערט איהר דען ניט קיין געשריי פון געשענדעטע ווייבער, פון צעריסענע קינדער, און פון אַלטע לייט מיט צוויעקעס אין מוח? זעהט איהר דען ניט קיין אויפגעשניטענע בייכער אַנגעפילט מיט לעבעדיגע קעץ?...

— זאָל שוין זיין גענוג, רב ליפּאַ, געהט אייך געזונ־דערהייד! — זאָגט צו איהם זיסעל און בּעגלייט איהם ארויס פון דער טהיר. און עס הערט זיך פון יענער זייט ליפּא׳ס געזאַנג מיט׳ן טרויעריגען נוסח פון קינות: „ענערען מאַ־גערען מאגדאַאַדען״... א. ז. וו. ...

— איוב׳ס צרות האָבען זיך אויסגעגאָסען אויף דעם מענשען! — זאָגט נחמיה דער שוסטער מיט א זיפץ און זעצט זיך מיט די קינדער צו דער סעודה: צו די גרינע אוגער־קעס, מיט ציבּעלקעס, מיט קנאָבּעלעך און מיט רעטעכלעך און שאר ירקות, וואס קאָסטען ניט טייער, זענען געשמאַק און מע פערשפּאָרט צו זיי האַלץ אויף צו קאָכען.

קאַפּיטעל נ״א.

ברוך הבא אַ יוד!

נחמיה דער שוסטער מיט זיינע בנים האָבען נאָך נישט געענדיגט זייער גרויסאַרטיגען אָנבייסען פון גרינע אוגערקעס, ציבּעלקעלעך, רעטעכלעך און שאר ירקות, אז עס האָט זיך געעפענט די טהיר מיט׳ן זעלבען סקריפּ וואָס תמיד און עס האָט זיך בּעוויזען א גאַסט, א געזונ־טער נפש, א בּעוואַכסענער. קענטליך, דער גאַסט איז זעהר איין אָנגעלעגטער, א לאַנג ערוואַרטעטער גאַסט, מחמת

נחמיה מיט די קינדער האָבען אוועקגעװאָרפען דאָס עסען און אַלע, אויך די שוואַרצע בחורים מיט די שוואַרצע העמדלעך, האָבען איהם געקוועטשט די הענד, און דער עלטערער זוהן חיים איז איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז און צעקושט זיך.

דאָס איז געווען מישאַ בערעזניאַק-נײַדיטש.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער ערשטער האָט איהם בעגריסט יודעל קטנתי מיט זײַן בלומען-שפּראַך:

— ברוך הבא אַ יוד! וואָס הערט זיך עפּעס נײַעס? ווי געהען בײַ אײַך די געשעפטען? האָט איהר געהאַט חאָטש אַ גוטען ירידֿ? און איך האָב געמײַנט, אַז איהר הענגט שוין לאַנג לא בשמים ולא בארץ, צווישען הימעל און ערד, און טעל'עפּעטשעט מיט די רגלים?

— נאַפּליעוואַט! — ענטפערט איהם קורץ און אָבגעהאַקט, ווי אַלע מאָל, מישאַ בערעזניאַק-נײַדיטש און זעצט זיך צום אָנבײַסען אונגעבעטען און פערענטפערט זיך: — איך בין הונגעריג נאָך פון נעכטען. געפאָהרען און געגאַנגען, געגאַנגען מעהר ווי געפאָהרען. עס געהט אויף אַ לאַד. אין די גובערניעס, וואו איך בין געווען, איז מען גרײַט. טוויזענדער דערפער. פון די שטעדט שמועסט מען ניט. אויף אונזער זײַט אַ סך גלחים. די פאַבריקען אַלע שטעהען שוין. די באַהנען אַלע שטעלען זיך הײַנט בײַנאַכט. וואָס הערט זיך דאָ?

— שטיל, דאַנק גאָט, — ענטפערט פריהער פאַר אַלעמען געוועהנליך יודעל קטנתי — בײַ אונז איז יום טוב, און צו גאָט אַ האָפנונג, ווען עס געהט אוועק אַזוי נאָך עטליכע טעג, וועלען מיר, אם ירצה השם, אַלע אָנשפּאַרען מיט די צדיקים און מיט די צדקניות אין גן-עדן ונאמר אמן.

— דו לאָזט ניט רעדען קײנעם אַ וואָרט, יודעל! — בעמערקט איהם נחמיה דער שוסטער.

— נאַפּליעוואַט! — זאָגט ווײַטער נײַדיטש-בערעזניאַק

און חראַמקעט די אוגערקעס מיט די שאר ירקות – זאָל שוין רעדען. מיר וועלען ניט שטאַרבען.

– האָט קיין פאַראיבעל ניט, פאַני ניידיטש! – שלאָגט איהם איבער אַלץ יודעל קטנתי און ווערט איבערגעהאַקט פון ניידיטש־בערעזניאַק, וואָס האַלט אין רעכטען קייען.

– וואָסער ניידיטש? איך היים גיט ניידיטש, איך היים גאָר בראָנשטיין.

– ווי באַלד אַזוי, – זאָגט צו איהם יודעל קטנתי און ציהט איהם אוים די האַנד – קומט דאָך אייך נאָך אַמאָל שלום עליכם. ברוך הבא אַ יוד בראָנשטיין!

נאָר מישאַ־פריזעל־בערעזניאַק־ניידיטש־בראָנשטיין הערט איהם שוין ניט. ער האָט אַוועקגערופען אויף אַ זייט נחמיה׳ם עלטערן זוהן חיים און רעדט מיט איהם שטיל, נאָר דאָס קול הודיעט ווי אַ גלאָק און דער איבריגער עולם רעדט צווישען זיך אין מעהר פון אַלע, נאַטירליך, יודעל קטנתי, וואָס קאָן ניט שווייגען קיין מינוט.

– אַ מאָדנע בריאה אָט דער ניידיטש, טפו! מיין איך בראָנשטיין, אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג איז ער משנה שם. ס׳איז אַ סגולה, זאָגט מען, צו געזונד און אַמאָל צו פרנסה. מיין קדיש האָט אויך געהייסען אַלע וואָך איין אַנדער נאָמען, עס האָט איהם אָבער געהאָלפען ווי אַ טוידטען באַנקעס, אַז ס׳איז געקומען די צייט – האָט מען איהם אַריינגעפאַקט אין קאָטשומענט אַריין אַזוי, ווי געהעריג איז. איך מיין, אַז דאָס אייגענע וועט זיין מיט דעם נפש אויך...

– נאַפליעוואַט! – זאָגט בערעזניאַק־ניידיטש־בראָנשטיין צו חיים׳ן, און יודעל קטנתי נעהמט דאָס אָן, גלייך ווי ס׳איז געזאָגט געוואָרען צו איהם, און ער דרש׳ענט ווייטער:

– עס וועט אייך שוין זיין אַ נעפליעוואַט, אַז מען וועט אייך אויפרופען: יעמוד מורנו רב ניידיטש בר׳ בראָנשטיין ששי! און מען וועט אייך הייסען אַריינשטעקען דעם קאָפ

אין דער פעטלי! און מען וועט אייך זאגען: יקום פרקן מן שמיא...

אזוי ציהט, אוים יודעל קטנתי מיט א נגון פון „יקום פרקן" און בעוויזט מיט דער האנד ארויף אויפ'ן הימעל.. נאר קיינער הערט איהם ניט, ווארום אין דער מינוט דרעהט זיך אוים חיים מיט'ן פנים צו דער גאנצער חברה און רופט זיך אן:

— קומט, קינדער, צו דער „ארבייט"...

אלע שטעהען-אויף. חיים שטעלט זיי אוים פארלעכ-וויז, ווייזט זיי מיט'ן פינגער:

— איהר וועט געהן צו די בערנשטיינס אויף דער פאבריק... איהר וועט זיין ביי די היילפעריגס ביים געהילץ... איהר וועט געהן צו דער „נייער קאמפאניע". און איהר וועט זיך דורכגעהן נאך אמאל צווישען די בעלי מלאכות, נעהמען נאך „חברה-לייט" און זעהען מען זאל רוהען...

— דיין חיים קאמאנדעוועט, ווי איין אמת'ער אפיציער! זאגט יודעל צו נחמיה'ן, און נחמיה קלויבט נחת, און ניט אזוי נחמיה—ווי נחמיה'ס ווייב זיסעל, וואס נעהמט-צו פון טיש און לאזט נישט אראב קיין אויג פון איהר זוהן, ווי ער „קאמאנדעוועט".

זיסעל האט ליעב איהרע קינדער ניט ווי אנדערע מוטערס, וואס זייער גאנצע ליעבשאפט בעוויזט זיך ארוים אין דעם, וואס זיי ציטערען איבער זייערע קינדער, זיי זאלען חלילה ניט „חאפען קיין פערקיהלונג". זיסעל'ס ליעבשאפט צו איהרע קינדער איז א ליעבשאפט פון א לעווין צו איהרע קליינע לייבעלעך, פון א מוטער צו איהרע יונגע העלדען, ווען זיי טרעטען-ארוים אין מלחמה. פערבראכט דאס גאנצע לעבען ביי א מאן א שוסטער, אדער ווי זי רופט איהם, א „שלים-מזל", און נישט געהאט קיין איין טאג א גוטען, האט זי קוים דערלעבט זעהען איהרע צוויי אויסגעוואקסענע זיהן, וואס זענען, דאנקען גאט, געראטענע זיהן. אחוץ דעם וואס זיי האבען „גאלדענע הענד", האבען זיי גאלדענע

הערצער, געבען אב כבוד טאטע-מאמע און האָרעווען איך זיי, געהען נישט אין ערגעץ, אחוץ אויף ארבייטער-פער-זאמלונגען, פערברייננגען די פרייע צייט אין ביכלעך לייענען, און ביכלעך ווי זיי לייענען איז א גן-עדן צו הערען! אמאָל דער עלטערער און אמאָל דער יונגערער לייענען איהר די דאָזיגע ביכלעך הויך, די מאמע זאָל אויך וויסען, וואָס מע שרייבט און וואָס ס'טהוט זיך אויף דער וועלט.

זיי לייענען און זעצען איהר איבער אויף יודיש און געבען איהר צו פערשטעהען, אמאָל חיים און אמאָל בעני, און זי פערשטעהט איטליכס וואָרט. קיינער אויף דער וועלט קאָן אזוי ניט געבען צו פערשטעהן א זאך, ווי חיים. די אלע ווערטער: „פראָלעטאריאט...” „קלאסענקאמפף...” „עקספראָ-פריאציע...” וכדומה — דאָס איז אלץ אזעלכע ווערטער, וואָס ע קאָן זיי ניט נאָכזאָגען, און אז זי זאָגט זיי נאָך, לאכען זיי פון איהר, און זי לאכט מיט זיי אינאיינעם. אין אז מע לייענט-אָב א גאנצע שטיק, געבען זיי איהר צו פערשטעהן, וואָס מע וויל האָבען און ווי אזוי עס איז אצונד און ווי אזוי עס וועט זיין שפעטער, אז עס וועט זיין אזוי ווי זיי ווילען... און זי פערשטעהט איטליכע זאך, און ס'איז פאַר איהר קלאָר ווי דער טאָג, אז אויב עס וועט זיין אזוי ווי זיי ווילען, וועט זיין ניט שלעכט... מעהר פון אלץ איז איהר געפעלען דאָס, וואָס מענשען וועלען ארבייטען נאָר אזוי פיעל, וויפיעל זיי וועלען וועלען ארבייטען, און ווילען ארבייטען וועלען אלע וועלען, ווארום זיי וועלען שוין ניט ארבייטען דערפאר, ווייל יענער וויל... הייגט איז איהר געפעלען דאָס, וואָס יעדער וועט בעקומען פאר זיין ארבייט פונקט אזוי פיעל, וויפיעל ער בעדארף, נישט וויניגער און נישט מעהר: וויניגער וועט מען נישט טאָרען, מעהר וועט מען נישט בעדארפען.

אביסעל איז איהר נאָך קשה: ווי אזוי וועט זי למשל זיך קאָנען אויסגלייכען מיט איציקעל שאָסטעפאל'ס פרוי, שיווקע? אז יענע איז פאָרט געוואָהנט געוואָרען זיצען אין צלם חדרים,

מיט א זאל, מיט מעבעל, מיט א קאמער און מיט קעמערלעך און מיט א „ספיזשארני״? דער תירוץ איז, אז ווי באלד אלע גלייך, וועט זי, זיסעל די שוסטערין, אויך קאָנען האבען די זעלבע אלט חדרים מיט די קעמערלעך און מיט דער „ספיזשארני״. ווארום אזוי ווי די ארבייט מיט די פערדיענסטען, אזוי אויך די הייזער, מיט די חדרים, מיט די פערגעניגענס וועלען זיין איינגעטיילט פאר אלעמען גלייך. וואלט זי שוין דאס אויך פערשטאנען, בלייבט איהר איבער נאך איין קשיה, וואס שטעהט ווי א ביין אין האלז: ווי אזוי וועט דאס איציקעל שאסטעפאל, למשל, וועלען ארבייטען די אייגענע ארבייט און די אייגענע צייט, וואס איהר שלים־מזל נחמיה, אז ער, איציקעל שאסטעפאל, איז פארט א נגיד און איז פארט געוואהנט געווארען, אז נחמיה דער שוסטער זאל איהם נעהען שיך, יודעל קטנתי זאל איהם נעהען א קאפאטע, שמחה דער בעקער זאל איהם ברענגען א פארטיגע בולקע, רפאל דער קצב — פלייש און אזוי איז מיט אלדינג? ווי וועט דאס זיין, רבונו של עולם? בעקומט זי דערויף תשובה פון איהר חיים'ן (קיינער קאן ניט אזוי גוט און אזוי גלאט ארויסגעבען א זאך ווי איהר חיים), אז ארבייטען גופא וועט ניט זיין קיין זאך וואס על פי נויט, ווייל מע דארף דערפון צום לעבען, נאר א מין פערגניגען, א מין יום טוב... אי ווי אזוי קאן זיין שוסטעריי, למשל, א פערגעניגען, אז מע דארף ביי'ם ווארשטאט זיצען, די פארעשווע לעקען און מיט'ן האמער קלאפען? איז דערויף דא ביי זיי אויך א תירוץ. (אלדינג ווייסען זיי, איהרע קינדער! א חיות מיט זיי צו רעדען!) דער תירוץ דערויף איז דער, אז אלע ארבייטען וועלען געטהון ווערען ניט אזוי שווער און ביטער, ווי אצונד: עס וועט אויף אלדינג זיין א מאשינע אזעלכע, וואס מע וועט קומען און מע וועט געבען א דרעה א רעדעל, — פאלט־ארויס א פאר שיך. און איטליכער וועט זעהען וואס גיכער דרעהען דאס רעדעל, וואס בעסער מאכען די מאשינע און וואס שענער זאלען זיין די שיך. אזוי וועט זיין אויך מיט

א קאַפּאָטע, מיט א בולקע. מיט א ראָסעל־פלייש און מיט אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס א מענש דאַרף האָבען. איין אמת'ער גן־עדן! צוליעב דעם איז שוין טאַקי כדאי, כ'לעבען, זיך געהן שלאָגען ביז'ן בלוט אַריין, זיצען חדשים לאַנג אין טורמע און איבערטראַגען די גרעסטע ליידען טאַנצענדיג. וואָרום וואָס איז ווערט דאָס לעבען, אַז מע האָרעוועט אַזוי שווער און ביטער טאָג און נאַכט און ס'איז קוים פאַרהאַן אויף א גרינגע אוגערקע מיט א ציבעלקע מיט א קנאָבעלע אין דער צייט, ווען אַנדערע פרעסען און זויפען, פאָהרען אין קאַ־רעטעס, טרעטען מענשען אין די גאַסען, ווייסען שוין גאָר ניט וואָס אויסצוטראַכטען פאַר גרויס ראָסקאָש. די כפרה זאָלען זיי ווערען אַלע, וואָס האָבען געמאַכט א תל פון אַזוי פיעל „סעמייסטוועס" ווי אַט דעם ליפּא באַשעוויטש למשל און א סך אַזעלכע...

און זיסעל די שוסטערין טראָגט א שנאה אין האַרצען קעגען די אַלע, וואָס דערלאָזען ניט, ס'זאָל שוין זיין אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, און זי פיהלט מיט די, וואָס געהען אין פייער אַריין דערפאַר, וואָס ס'זאָל זיין אַט דאָס, וואָס בע־דאַרף צו זיין. און נישט נאָר מיט'ן האַרצען אַליין פיהלט זי דאָס, נאָר מיט'ן גאַנצען לעבען איהרס און מיט דער נשמה, און מיט אַלע איהרע געדאַנקען איז זי ביי „זיי", ביי די אַלע יונגע חברה־לייט, וואָס שלאָגען זיך פאַר דער־פאַר, ס'זאָל זיין גוט אַלעמען גלייך... און מיט שמאָלץ קוקט דאָס דאָזיגע קליינע ווייבעלע מיט די אויסגעקריטשעטע צעהן פון פאָרנט אויף איהרע צוויי גרויסע שטאַרקע זיהן, וואָס האָבען זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו דעם, אַז עס זאָל זיין גוט אַלעמען גלייך... און זייט זיכער, זי וועט ניט ציטערען און וועט ניט וויינען, ווי אַנדערע מאַמעס, אַז טאָמער וועט חלילה איינער פון זיי מוזען זיין א קרבן פאַר דעם, עס זאָל זיין גוט אַלעמען גלייך...

אַלערליי מוטערס פאַרהאַן אויף דער וועלט. פאַרהאַן אויך אַזאַ מוטער אינ'ם לאַנד פון טרעהרען, נישט איינע,

נאָר אַ סך אזעלכע, ווי אונזער נחמיה דעם שוסטערס ווייבּ זיסעל.

קאַפּיטעל נ״ב.

סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש אַ „גענעראַל״.

אויבּ איהר מיינט, אַז סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש האָט שוין גאָרנישט געהאַט קיין שום אַרבּייט פאַר דער רעוואָלוציע, האָט איהר אַ טעות. אַלעקסאַנדער ראַפּאַלאָוויטש און זיינע חברים די נאַציאָנאַליסטען, וואָס האָבּען געפּרעדיגט אחדות, פערא‍יינינגונג, האָבּען פּירגעזאָרגט, אַז בּיי׳ם גרויסען אויסבּרוך, בּיי׳ם לעצטען צוזאַמענשטויס צווישען דעם פאָלק און צווישען רעגירונג, וועלען די יודען זיין דאָס כפּרה-הינדעל, דער ערשטער קרבּן. און מע האָט נישט בּעדאַרפט זיין קיין צו גרויסער חכם, מע זאָל דאָס פאָראויסזעהען... און ווי בּאַלד אַזוי, בּעדאַרפען יודען זיין גרייט פריהער פאַר אַלעמען, נישט אויסשטרעקען דעם האַלז, נישט בּעהאַלטען זיך מיט ווייבּ און קינדער אין די קעלערס און אויף די בּוידימער און דאָרטען אויסגעשלאַכטעט, בּעראַבּעוועט און געשענדעט ווערען, ווי אין קישינעוו.

אַזוי האָבּען געפּרעדיגט אַלעקסאַנדער ראַפּאַלאָוויטש און זיינע חברים צווישען די יודישע מאַסען און מע האָט זיך גענומען אָרגאַניזירען, שטילערהייד בּעוואָפענען יעדער מיט וואָס ער קאָן, און עס האָט זיך אויסגעבּילדעט אַ חברה מיט׳ן נאָמען „זעלבּסטשוץ״, אָדער ווי דאָס פאָלק האָט דאָס אָנגערופען „סאַמאָאָבּאָראָנטשיקעס״.

אמת „סאַמאָאָבּאָראָנטשיקעס״ זענען געווען אויך פריהער, אָבּער נישט פון אַזאַ נאַציאָנאַליסטישען שטאַנדפּונקט ווי בּיי ראַפּאַלאָוויטש׳ען מיט זיינע חברים. ער האָט אָרגאַניזירט זיין אייגענע חברה יודישע „סאַמאָאָבּאָראָנטשיקעס״, וואָס האָבּען זיך איינגעטיילט אין בּעזונדערע גאַסען פון דער שטאָדט, זיך גוט בּעוואָפענט און דיסציפּלינירט, זיך צוגעגרייט צו זיין

פֿאַרטיג יעדע מינוט, ווען עס ברעכט־אויס אויף יודען איין אונגליק. דאס איז געווען אַ שווער שטיקעל אַרבייט, וואס האט געפֿאָדערט זעהר פֿיעל צייט, אָרגאַניזאַציאָנסקראַפֿט און געלד — און דאס אַלעס האט סאַשאַ ראַפֿאַלאָוויטש געזעהען ס'זאל זיין, און מע קאן זאָגען, אַז ס'איז איהם געראָטען אויפֿ'ן בעסטען אַרט. אַלע זונטאַג איז געווען רעקאָגנאָסצירָאָווקעס (פּריפֿונגען) הינטערען שטאָדט אין וואַלד. דאָרט האט מען געפּלאַנעוועט, געלערענט זיך שיסען, אויסגעטיילט געוועהר און אַזוי ווייטער. און סאַשאַ, אַלס אָרגאַניזאַטאָר, איז געווען צופֿריעדען מיט די רעזולטאַטען פֿון זיין אַרבייט און האט בעקומען ביי זיינע חברים דעם נאָמען „גענעראַל“, וועלכעס ער האט אָנגענומען, נאַטירליך, פֿאַר אַ שפּאַס. די, וואס זענען בעקאַנט געווען מיט דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע, האָבען געקאָנט זיין זיכער, אַז מיט די צוויי טויזענד יונגע בעוואָפֿענטע אַרבייטער האט מען געקאָנט לייכט אוועקלעגען צעהען טויזענד חוליגאַנעס און אין איין האַלבע שעה איינשטילען דעם גרעסטען פּאָגראָם אין דער וועלט. שטיל, מיט קלאַפּענדע הערצער, מיט פֿלאַמענדע נשמות און מיט ברענענדע אויגען האָבען זיך די יונגע גבורים צוגאַנגען אַהיים איטליכער אין זיין ראַיאָן, גרייט אויף צו בעגעגענען דעם פֿיינד מיט כבוד און צו בעשיצען די האָב און־גוטס און דאס לעבען פֿון זייערע אייגענע און געטרייע.

אָ! קינדער, קינדער! ווי גליקליך איהר זייט אין אייער הייליגער נאַאיוויטעט און אונשולדיגקייט! איהר האט נישט בעמערקט, אַז הינטער אייערע פּלייצעס לאָקערט דער פֿיינד אַ סך אַ גרעסערער, אַ סך אַ מעכטיגערער פֿון אייך! יודען, וואס האָבען אַ שם אין דער וועלט פֿאַר די גרעסטע חכמים, וואס וויסען אַלכּדינג; יודען, וואס האָבען אין בית המדרש ביי דער הרובע געפּלאַנעוועט די גרעסטע מלחמות אין דער וועלט, פֿון פֿרידריך דעם גרויסען, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט ביז דעם יאַפּאַנישען פֿעלדמאַרשאַל אָיאַמאַ, —

זאָלען יודען (אַ חרפּה און אַ בושה!) ניט אָנשמעקען, אַז אין מיטען העלען טאָג איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אַ זיצונג, און נישט איינע, נאָר עטליכע זיצונגען, פון אַנטיסעמיטען, וואָס האָבען אויסגעאַרבייט אַ גלענצענדען פּלאַן פון אַ גאַנצע רייהע איינפאַכע יודישע פּאָגראָמען איבער'ן גאַנצען לאַנד אונטער דעם נאָמען פון „קאָנטר-רעוואָלוציע"?!... אויף דעם געניאַלען פּלאַן האָבען געאַרבייט אַ סך טעג קעפּ פון אַ סך מענשען און איז גרייט געווען אויסגעפיהרט צו ווערען איבער'ן גאַנצען לאַנד אין איין טאָג, אין איין שעה, אונטער איין פאָרם. און דער גרויסער פּלאַן איז געלעגען אַ סך טעג גרייט אין גרויסען געהיים און קיין איינציגער יוד אין'ם גאַנצען לאַנד האָט ניט געוואוסט פון'ם דאָזיגען הייליגען סוד, — איז דאָס נישט אַ שאַנדע און אַ בזיון פאַר'ן גאַנצען יודישען פאָלק?...

נאָר אויב קיינער האָט דערפון נישט געוואוסט, האָבען אַ סך געפיהלט אינסטינקטיוו, אַז עס טראָגט זיך אין דער לופטען אַ געפאַהר איבער'ן גאַנצען יודענטום אין לאַנד. איינער פון די, וואָס האָבען געהאַט דעם פאָרגעפיהל, איז געווען אונזער יונגער העלד סאַשאַ ראַפאַלאָוויטש, וואָס האָט נישט גערוהט פון'ם ערשטען טאָג פון זיין אָנקומען פון פּעטערבורג אויף פּסח אַהיים. עס איז נישט געווען כמעט דער אָבענד, ער זאָל ניט האָבען ערגיץ אַ זיצונג אָדער אַזוי עפּעס צו טהון. ניט אומזיסט האָט זיך דער פאָטער זיינער, דער אַפּטייקער, בעקלאָגט פאַר אַלע זיינע בעקאַנטע, אַז דער ציוניזם האָט צוגענומען ביי איהם זיין איין-און-איינציגען זוהן. נאַטירליך, ז'איז אין דעם בעקלאָגען זיך געלעגען אַ גרויסער גדלות פון אַ פאָטער, וואָס וויל, אַז אַלע זאָלען וויסען, וואָס פאַר אַ וואוילען זוהן ער האָט וועלכער גיט-אַוועק זיין גאַנצע צייט צו טובת הכלל...

* *
*

אַז סאַשאַ ראַפאַלאָוויטש האָט אַוועקגעגעבען אַ סך צייט אויף כלל-זאַכען — דאָס איז אמת; עס איז אָבער אמת

דאָס אויך, אַז ניט ווינציג צייט האָט צוגענומען ביי איהם טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסען אין שטרענגסטען געהיים, נישט צוגעלאָזט צו איהר קיין מענשען, אפילו נישט דעם פאָטער, וואָס האָט זיך געלאָזט קאָסטען שווערע־שווערע טויזענדער אום צו בעפרייען זיין קינד. אָך, ווער עס האָט ניט געזעהען איציקעל שאָסטעפּאַל פון פאַר פסח ביז איצט, דער וואָלט איהם געוויס נישט דער־קענט, — אַזוי פערעלטערט איז געוואָרען דער מענש אין די געצעהלטע חדשים, ווייס ווי אַ טויב. די געשעפטען האָט ער פערלאָזט: וואָס מיר לאָדעגישען? ווער מיר קאַזנאַ? — די טאָכטער, די טאָכטער געפאַנגען! טאַמאַראַ'ן אויסלעזען פון גוי'עשע הענד! אָט וואָס איהם איז געלעגען אין קאָפּ. נאָר ווי אַזוי? ווען זי זאָל האָבען אויף זיך נאָר איין פּעקיל, איין אונגליק, האָט זי אָבער אויף זיך עטליכע פּעקלעך מיט אַמאָל! אַחוץ דעם אונגליק מיט'ן קאָוקאַזער קניאַז, האָט זי אויף זיך נאָך עפּעס פּעקלעך... פון דעם ווייס שוין סאַשאַ... און אַגב איז דער אונגליקליכער פאָטער געוואָהר געוואָרען פון אַ סוד, אַז זיין טאָכטער איז שוין אין פּעטער־בורג געזעסען איין מאָל אין אוטשאַסטאָק און אַ גרויסער־מאַן האָט זיך פאַר איהר אַריינגעלעגט און האָט זי דאַמאָלס בעפרייעט. מיט איינעם וואָרט, דאָס גאַנצע לעבען פון זיין טאָכטער אין דער לעצטער צייט איז געווען פאַר איהם אַ סוד, צוגעדעקט מיט אַ געדיכטען שלייער, אַ רעטעניש, וואָס ער קאָן דאָס ניט פערשטעהען!...

און דער איינציגער מענש, פאַר וועלכען איציקעל שאָסטעפּאַל קאָן פערטרויען זיין גרויסען אונגליק, אויס־גיסען זיין ביטער הארץ, איז דעם אַפּטייקערס זוהן, סאַ־טאַ ראַפּאַלאָוויטש. ער איז דער איינציגער מענש, וואָס קאָן איהם פערשטעהען און מיטפיהלען. ער איז אויך דער איינציגער מענש, וואָס קאָן איהם אויך מיט־העלפען, טאָמער דאַרף מען ערגיץ געהן, מיט עמיצען רע־דען, בעטען. מיט איינעם וואָרט, סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש

געהערט מעהר צו איציקעל שאסטעפאל און צו זיין טאכטער טאמארא, אלס צו זיך אליין. און ער טהוט דאס, דארפט איהר וויסען, זעהר גערען. מיר ווייסען ניט, אויב דאס איז אוים רחמנות און מיטלייד צו׳ם אונגליקליכען פאטער פון דער שענער טאמארא, אדער אוים ליעבע צו דער שענער טאמארא אליין. ווער קאן דאס זאגען? ווער קאן דאס וויסען?... סאשא ראפאלאוויטש איז ניט אזא מענש, וואס זאל זיך בעקלאגען, וועלען פאר עמיצען אויסדערצעהלען זיין ביטער הארץ, אפילו ניט פאר זיין נאהענסטען חבר שמעון קעסלער. עס קאן זיין, אז ער וואלט געהאט וואס פאר זיין חבר צו דערצעהלען. עס קאן זיין, אז ראפאלאוויטש האט געטראגען ביי זיך א וואונד אין הארצען, עס קאן זיין, אז סאשא ראפאלאוויטש איז געוואהר געווארען, אין דער צייט פון זיין ארומלויפען צוליעב איציקעל שאסטעפאל, אזעלכע געהיימע זאכען, אזעלכע סודות, וואס האבען בעדארפט זיין זעהר-זעהר שמערצליך פאר א מענשען, וואס איז פערליעבט... סאשא ראפאלאוויטש איז אבער געוועזען אין דעם ענין א שטיקעל עקשן און א גרויסער גדלן דערצו. ער וועט ליעבער אראבשלינגען די ביטערסטע פיל, איידער מאכען א קרום פנים אפילו פאר זיך אליין אין שפיגעל. א קניפ אין באק, די פארב זאל שטעהען... עס פאסט נישט פאר קיין מאנספערזאן אין אזא צייט ווי איצט, ווען אלעס קאכט, ווי אין א קעסעל. עס פאסט נישט פאר א כלל-פיהרער. עס פאסט נישט פאר א „גענעראל“ פון סאמאאבאראנטשיקעס, ווען אפילו דער נאמען גענעראל איז בלויז א שפאס...

זארגט ניט פאר אונזער יונגען גענעראל ראפאלאוויטש. איהר קאנט פון איהם שפאסען וויפיעל איהר ווילט, — ער טהוט זיין ארבייט בשלימות, ערנסט; יודישע קינדער ארבייטען, לערנען זיך שיסען, גרייטען זיך, האבען געשווארען, איינצושטעלען זייער לעבען פאר דער עהרע און פאר׳ן לעבען

פון זייערע ברידער און שוועסטער. און זייט זיכער — מע
וועט די שבועה האלטען!

קאפיטעל נ״ג.

א גערוס פון קישינעוו.

א גרויסע עקסטרא-פערזאמלונג פונ׳ם „פערבאנד פון
שווארצע-מאות״ איז פארגעקומען ביי׳ם בעריהמטען רע=
ראקטאר פונ׳ם בעריהמטען בלאט „קלין״, מיט וועלכען מיר
האבען שוין געהאט די עהרע צו בעקאנט מאכען אונזערע
לעזער. אויסער אונזערע בעקאנטע פארשוינען: רעדאקטאר
טשיכנאוו, לעהרער ראמאנענקא, אינזשינער רעזניקא, איז
געוועזען אויך א גאסט, א געהויבענער, איין אנגעלעגטער
גאסט. דאס איז געוועזען דער אונשטערבליכער פערפאסער פונ׳ם
אונשטערבליכען קישינעווער פאגראם, דער געניאלער אר=
גאניזאטאר פון דער ערשטער „שווארצער מאה״, דער
פאטער פון אלע חוליגאנעס, דער אבי אבות הטומאה, דער
גרויסער ווראשעוו.

א שענע אויפנאהמע האבען איהם געמאכט דער „פער=
באנד״, די פארשטעהער פון דער אנטיסעמיטישער פרעסע
און אלע שווארצע מאות פון שטאדט. אויפ׳ן באהנהויף
האבען איהם ערווארטעט דעלעגירטע פון די שווארצע מאות,
דער רעדאקטאר טשיכנאוו, דער לעהרער ראמאנענקא, דער
אינזשעניער רעזניקא און אנדערע. און מחמת ווראשעוו
איז א פערזאן א קדוש, נאך וועלכען עס יאגען זיך נאך די
ווילדע בלוטדורשטיגע יודען, לכן האט איהם דער פאליצ=
מייסטער צוגעשטעלט אלס בעשיצער אונזער בעקאנטען
אנטאן איוואנאוויטש האלאדקאוו מיט צוויי יונים.

די זיצונג האט זיך אנגעהויבען מיט א גראסארטיגען
ראוט מיט א פיינעם קבלת פנים. דער רעדאקטאר טשיכנאוו
האט בעקאנט געמאכט די געעהרטע פערזאמלונג מיט׳ן
הויכווירדיגען גאסט, „וואס האט אונז בעעהרט מיט זיין

וויזיט אין אזא צייט, ווען עס קראכט דער הימעל, עס שפאלט זיך די ערד און איז גרייט אונז איינצושלינגען מיט אונזער גוטס און מיט אונזערע נפשות.

— ברידער! — האט דער רעדאקטאר אויסגערופען מיט אזא קול, וואס קאן רירען א שטיין — מיר לעבען־איבער א שרעקליכע צייט, א צייט פון עקספראפריאציע, סאציאליזם, אנארכיזם, רעוואלוציע, מיר זענען פארפאלען! ברידער! איך קאן אייך מיטטיילען, אז יענט עס האט זיך אנגעהויבען דער טייוועלשער פלאן פון אונזערע שונאים, אט דער אלגעמיינער סטרייק, האט מען טאקי אנגעהויבען צו ציטערען, פערלארען די גאנצע שטארקייט, און עס געפינען זיך אזעלכע עלעמענטען, וואס זענען גרייט נאכצוגעבען דעם הויפען סאציאליסטען, וואס בעשטעהען מייסטענס פונ'ם יודישען „בונד“, אלעס וואס זיי פאדערן, און אויפ'ן ערשטען פלאן אלע פרייהייטען. ברידער! הלואי איך זאל ליגען זאגען, מיר לעבען אין אזא צייט, וואס היינט־מארגען קאנען מיר האבען דאס, וואס די יודען ווילען אונז אנהענגען מיט געוואלד — א קאנסטיטוציע!

נאך איהם האבען גערעדט דער לעהרער ראמאנענקא, דער אינזשעניער רעזניקא און אנדערע לייט פון דער „שווארצער מאה“: יעדער האט אונטערגעשטריכען די צייט און די גרויסע געפאהר, וואס מיר לעבען־איבער אצונד, און יעדער האט אויסגעלאזט אין דעם זינן, אז מע דארף זיך פעראייניגען קעגען דער רעוואלוציע, וואס איהרע גרעסטע אנפיהרער זענען יודען, און נאך אמאל יודען, און ווידער אמאל יודען!

נאכדעם איז אויפגעשטאנען דער גאסט אליין, א געזעצטער פארשויין מיט רויטע באקען מיט א הארטגעשערענעם בארד, און מיט א פעסטען אקצענט האט ער אנגעהויבען זיין רעדע אזוי:

— מיינע העררען! אייער גרויסארטיג אויפנעהמען מיך און אייערע בעגריסונגען האבען מיך איבערצייגט, אז דער

רוסישער גייסט לעבט נאך און אז אונזער רוסישער גאט איז
נאך ניט געשטארבען. ביי מיר אין קישינעוו האט זיך שוין
לאנג געבילדעט א יודישע רעפובליק מיט א יודישען פרעזידענט.
איך ווייס פאר קלאר, אז ביי זיי אין די שוהלען
אומעטום אין ארון קודש ליגט ביי זיי צוגעגרייט גאלד און
געוועהר. דעריבער, אז עס וועט האלטען ביי אייך ביי פאגראמען,
זאלט איהר ניט דורכלאזען קיין יודישע שוהל.
און פאגראמען וועט מען מוזען מאכען און וואס גיכער,
ווארום אז איהר וועט ניט מאכען קיין פאגראמען אויף
יודען, וועלען יודען מאכען פאגראמען זויף אייך. — וואס
מיינט איהר? זיי וועלען אייך שוויינען זייער זאגענאנטען צוויי־טויזענדיעהריגען
גלות? זאל נאר ווערען ביי אונז אין לאנד
חלילה א קאנסטיטוציע, אזוי לויפען זיך צענויף אהער אלע
רויטשילדס פון פאריז, פון לאנדאן און פון ניו־יארק און
נעהמען אונז אריין אין זייער קאבאלא, פערקנעכטען אונזערע
קינדער און פיהרען־אוועק אונזערע טעכטער און לעגען־ארויף
אויף אונז אזא צינז, וואס מיר וועלען זיך אייביג ניט
קענען אויסצאהלען! (שרעקליכע אפלאדיכמענטען.) איך
שטעה אין פערבינדונג מיט גרויסע לייט אין ביידע רעזידענץ־שטעדט,
זאג איך אייך פאר זיכער, אז דארט ווערט
געפלאנט א „קאנטר־רעוואלוציע”. אין דעם ערשטען מאמענט
פון געפאהר, אז מען וועט ארויסגעבען א קאנסטיטוציע, דאן
טרעטען מיר ארויס אין׳ם נאמען פונ׳ם גאנצען פאלק און
זאגען: מיר ווילען ניט זיין פערקויפט צו די יודען! מיר
דארפען ניט קיין קאנסטיטוציע! און אום צו איבערצייגען,
אז דאס פאלק איז נאך ניט פעהיג צו א קאנסטיטוציע,
וועלען מיר טהון אומעדום אינ׳ם גאנצען לאנד אט דאס,
וואס מע האט געטהון ביי מיר אין קישינעוו. (אונאויפהערליכע
אפלאדיסמענטען) דער מאמענט, מיינע העררען, איז זעהר
איין ערענסטער. מיר דארפען זיין גרייט יעדען טאג, יעדע
מינוט אויף אלסדינג. צו שוואך זענען מיר געוועזן ביז אהער.
איהר האט מיך נישט געוואלט פאלגען. איך האב אייך

איבערגעגעבען וויפיל מאל מיט פערשידענע סימנים און סיגנאלען, איהר זאלט טהון אויף אייערע ערטער אזוי, ווי ס'איז געטהון געווארען ביי מיר אין קישינעוו. איצט זעהט איהר ארויס, אז איהר האט געגרייזט. ווייסט איהר, אז עס ווערט געפלאנט איין אלגעמיינער באהן-סטרייק און א סטרייק פון פאסט און טעלעגראף איבער'ן גאנצען לאנד? ווייסט איהר, אז די גרויסע פאבריקען שטעהען שוין און הונדערטער טויזענדער ארבייטער געהען ארום פוסטעפאס אויף ענגלישע און אמעריקאנישע געלדער און ווערען אויפגעהעצט צו מאכען רעוואלוציע? ווייסט איהר, אז ס'איז מעגליך, אז היינט זאל איך נאך קאנען אבפאהרען פון דאנען און מארגען ניט, חאטש לאז זיך געהען צופוס? ווייסט איהר, אז דער הויפט-ארגאניזאטאר פונ'ם אלגעמיינעם סטרייק איז א יוד חרוסטאליעוו, וואס רופט זיך נאסאר און הייסט מאשקע און שטאמט געווים פון בערדיטשעוו? (מורא'דיגע אפלאדיסמענטען און געשרייען הוררא!) ווייסט איהר, אז אונזער פרעמיער האט א ווייב א זשידאווקע, און דעריבער איז צו גלויבען, אז ניט היינט—מארגען זאלען מיר חס-ושלום האבען א קאנסטיטוציע?... דעריבער זאג איך אייך, איהר זאלט זיין גרייט, און איהר זאלט זיך זעהען מיט'ן גובערנאטאר, ווארלכען איך האב שוין געהאט די עהרע היינט צו בעזוכען, און איהר זאלט בייצייטענס געבען צו וויסען אויך אין די קלענערע שטעדט און שטעדטלעך פון דער געפאהר וואס אונז ערווארטעט, און ווי באלד איהר וועט דערהערען דאס ערשטעווארט „קאנסטיטוציע", זאלט איהר זיך דערמאהנען דאס ווארט קי-שי-נעוו!"...

אזוי האט אויסגעלאזט דער אונשטערבליכער פערפאסער פונ'ם אונשטערבליכען קישינעוו-פאגראם זיין גלענצענדע עכט-פאטריאטישע דרשה און ער איז אויפגעכאפט געווארען אויף די הענד פון די „עכט-רוסישע" לייט און א לאנגער אונאויפהערענדער „הורראַ" איז נאך לאנג געשטאנען, ביז דער עולם איז געגאנגען צום טיש, וואו ס'איז

שוין געווען צוגעגרייט אלערליי משקאות פון פראסטען יי"ש, וואס יודען מאכען אויף איהם „שהכל" און גוים טרינקען איהם, ביז די בעסטע ווייגען און שאמפאניער בכלל — און דא האבען זיך ערשט אנגעהויבען די רעכטע טאאסטען מיט די אמת'ע לחיים'ס לכבוד דעם גרויסען גאסט, וועלכע מיר לאזען איבער פאר'ן היסטאריקער, וואס וועט קומען אמאל בעשרייבען די גרויסע העלדען פונ'ם גרויסען פינ־סטערניש אינ'ם גרויסען לאנד.

קאפיטעל נ"ד.

מזל טוב, קאנסטיטוציא!

וואס האט זיך אזעלכעס געטראפען? פון וואנען האבען זיך גענומען אזוי פיעל מענשען אויף דער גאס פראנק און פריי? וואס לויפען דאס ארום פון גאנץ פריה אן סטודענטען מיט לאנגע פאפירען אין די הענד און טיילען יעדען איינ־ציגען, ועמען זיי בעגעגענען, פראנק און פריי? וואס נעהמט מען זיך ארום פראנק און פריי אין מיטען גאס? וואס קושט מען זיך? וואס גראטולירט מען? וואס גיט מען אב מזל־טוב? און וואו איז ערגיץ פאליציי? פאר וואס זעהט מען ניט קיין פאליציי, סאלדאטען, קאזאקען, זשאנדארמען?...

די גאסען ווערען אלע מינוט פולער, מענשען—מעהרער, קיין טראמוויי, קיין דראשקעס זעהט מען ניט פאהרען. אלעס בעוועגט זיך, אלעס געהט. בריידע זייטען טראטוארען און די גאנצע גאס אין מיטען איז געפאקט מיט מענשען. און די פנים'ער פון די מענשען לייכטען. און אנגעטהון איז מען יום־טוב'דיג, און רויטע בענדלעך האט מען זיך צוגע־שפילעט אויפ'ן הארצען. און רויטע פאהנען האט מען אויפ־געהאנגען אויף די טורען פון די הייזער, רויטע טישטיכער האט מען אויסגעהאנגען אויף די באלקאנעס, רויטע קוויטען אויף די פענסטער. אט האט זיך אבגעשטעלט א מיידעל

מיט אַ רויט זײַדען טיכעל אויפ'ן קאָפּ. און איין מאָמענט רײַסט זי אַראָב פֿון קאָפּ דאָס רויטע טיכעל, צורײַסט דאָס אויף אַ סך קלײנע שטיקלעך, צעטײלט זײ צווישען די סטודענטען, וואָס רינגלען זי אַרום פֿון אַלע זײַטען און רײַסען די רויטע שטיקלעך בײַ איהר פֿון די הענד. אַלע זענען יום-טוב'דיג, פֿרעהליך, אָבער ערענסט. מע זעהט, אַז ס'איז פֿאָרגעקומען עפּעס אַ גרויסע, אַ מורא'דיג גרויסע זאַך.

און אַזוי ווי מיר שטעהען אויף דער גאַס, קעהרען מיר מיט'ן לעזער אין הויז נומער דרײַצעהן, וואו עס וואָהנען אונזערע דרײַ בעקאַנטע פֿאַמיליעס: שאָסטעפּאַל, ראַפּאַלאָוויטש און נחמיה דער שוסטער, און אַזוי ווי דער שוסטער איז אונז נעהנטער פֿון אַלע, ווײַל ער וואָהנט פֿון אונטען מיט די פֿענסטער גלײַך צום טראָטואַר, לכן לאָזען מיר זיך אַראָב פֿריהער אַהערצו און מיר טרעפֿען דאָ דעם שוסטערס געזינדעל אַקוראַט אין דער צײַט, ווען יודעל קטנתי האָט זײ מיט אַ „וואָט טיבע יוצר המאורות" געבראַכט צוטראָגען אַ צײַטונג, וואו עס איז געדרוקט געוועזן וועגען דער קאָנסטיטוציע.

מען האָט גענומען לייענען דאָס בלאַט.

— הערט איהר, קינדער — שלאָגט-איבער אין מיטען יודעל קטנתי — עס צעגעהט זיך אין אַלע אברים. איהר הערט אַזעלכע שענע ווערטער, ווי להבדיל אין יום-טוב'דיגען מחזור, אַ שטײגער כּדומה למשל נאַפּרימער...

— טאָמער וואָלט איהר געלאָזט לייענען אַ וואָרט? — רײַסט איהם איבער זיסעל.

— אפילו צוויי! — זאָגט יודעל קטנתי, און מען לייענט ווײַטער דאָס בלאַט, וואו עס רעדט זיך וועגען „פֿרײַהײַט פֿון פּערזענליכקײַט, פֿרײַהײַט פֿון געוויסען, פֿרײַהײַט פֿון דרוק, פֿרײַהײַט פֿון פֿערזאַמלונגען"...

— נו, פֿרעג איך אײַך — שלאָגט-איבער ווידער אַמאָל יודעל קטנתי — האָט דאָס ניט אַ פּנים ווי בײַ ראש-חודש בענטשען: חיים של ברכה, חיים של פּרנסה, חיים של

אלוץ עצמות; אַ גליק, וואָס ניט חיים של נחמיה דעם שומטערם...

— אַ יוד זאָל אײַך האָבען אַ טבע איבערשלאָגען, אַז מע לײַענט אַזאַ זאַך! — האַקט איהם איבער זיסעל, און יודעל בערוהיגט זיך אָבער ניט.

— וואָס שווײַגט מען? זאָגט זיסעל און קוקט אויף איהרע צוויי זיהן.

— אַ צונג איז אָהן בײנער — מאַכט חיים אויף רוסיש און ווענדעט זיך צו דער מוטער אויף יודיש: — מאַמע! מיר האָבען דאָך דערלעבט!... און חיים נעהמט זיך אַרום מיט דער מוטער און מיט'ן פֿאָטער און מיט'ן ברודער און מע קושט זיך, און מחמת אימפּעט נעהמט זיך אַרום מיט זיי אויך יודעל קטנתי און זאָגט, אַז איצטער קומט על פּי דין און על פּי יושר און על פּי מענשליכקייט, מען זאָל שיקען נאָך אַביסעל בראָנפֿען, און חיים רופֿט זיך אָן צום ברודער:

— קום לאָמיר געהן!

— קינדער! איך געה מיט אײַך! — זאָגט זיסעל מיט זיין גליקליך פּנים און מיט אַזעלכע אויגען, וואָס וואָלטען גע־קענט קאָנקורירען מיט'ן גליקליכסטען מענשען אין דער וועלט.

גאָר איידער די דריי קלויבען זיך צו געהן, עפֿענט זיך די טהיר מיט אַ סקריפּ און עס קומט אָן דער אַלטער ליפּא באַשעוויטש מיט'ן הוילען קאָפּ און מיט דער צעהראַ־סטעטער ברוסט, ווי תמיד, און מיט אויפֿגעהויבענע הענד און מיט'ן שטענדיגען מאָנאָטאָנע־טרויעריגען נוסח זאָגט ער נביאות, נישט רעדענדיג צו קיינעם און קוקענדיג אַרויף צו דער סטעלי:

— אַ פֿרייד האָב איך געהערט אין גאַס, אַ שמחה אויף אַלע מענשען. אַ יום־טוב איז געקומען אויף דער ערד. פֿרייעט זיך, פֿרייעט זיך! זינגט און שאַלט! אָט באַלד קומט אַ קלאָג אויף אײַך און אַ בראָך צו אײַערע לײַבער! עס וועט אײַך פֿערשטערט ווערען אײַער יום־טוב און פֿון אײַער פֿרייד

וועט זיך אויסלאָזען אַ יאָמער, אַ געוויין און אַ קלאָג צו אייערע קעפּ! פון צפון זייט בּלאָזט דער ווינד! ער טרייבּט מורא'דיגע וואָלקענס, וואָס פערשטעלען די ליכטיגקייט פון דער זון און בּרענגען אַ מבּול אויף דער וועלט, אַ מבּול פון טרערען און פון בּלוט...

— אוי, קומט שוין, קינדער, קומט, וואָס איז דאָ צו הערען אימשטייענס געזאָגט? — מאַכט זיסעל צו איהרע זיהן און לאָזען זיך געהען אין דרויסען אַרויס, און נאָך זיי אויך נחמיה דער שוסטער מיט יודעל קטנתי. און דער אַלטער ליפּא הערט ניט אויף צו זאָגען נביאות נאָך מיט מעהר היטץ ווי פריהער:

— געהט, געהט, איהר קומט נישט צוריק! עס געהט אייך נאָך פון הינטען דער מלאך-המות, און דער טוידט קומט אייך אַקעגען! אַ פאָטער וועט נישט זעהען מעהר זיין קינד, אַ בּרודער וועט פאַלען נעבּען זיין שוועסטער! דעם חתן וועט מען צוגעהמען גלייך פון דער חופּה און די כּלה וועט ווערען געשענדעט פאַר זיינע אויגען! און איהר וועט דאָס אַלעס זעהן מיט אייערע אויגען און וועט ניט בּלינד ווערען! און איהר וועט דאָס הערען מיט אייערע אויערען און וועט נישט טויב ווערען! וואָרום גרויס איז דער גרימ-צאָרן פון גאָט, דעם הערר פון אַלע הערשאַפטען, דערפאַר וואָס איהר האָט געטהון וויעדערשפּעניגען אין זיין געבּאָט און נישט געוואָלט זאָגען: עגערען מאַגערען מאַגדאַרען! עגע-דען מאַגערען מאַגדאַרען! עעעעגערען מאַגערען מאַגדאַ-אַרען!

קאַפּיטעל נ״ה.

אַמנעסטיע! אַמנעסטיע!

איציקעל שאָסטעפּאַל איז נאָך געשלאָפען, אַז מע האָט אָנגעקלאַפּט צו איהם אין דער טיהר אַריין.

— ווער איז? — האָט זיך געלאָזט הערען איציקעל'ס קול.

— ס'איז איך, ראַפּאַלאָוויטש.

— סאַשאַ? וואָס איז דאָרטען?

— מזל־טוב, קאָנסטיטוציע!

— וואָס?

— אַ קאָנסטיטוציע האָט מען אונז געשענקט... שטעהט אויף, עס קעהרט זיך די וועלט. מע שמועסט פון אמנעס־טיע, ס'איז אַ סברה, אַז מע לאָזט אַרויס אַלע פּאָליטישע... מעגליך, אַז אין אַ שעה אַרום, העכסטענס צוויי, זאָלען מיר זעהען טאַמאַראַ'ן פריי...

— שיוקע, דו הערסט?

— ווער איז מיר!

— קאָנסטיטוציע!...

— טאַמאַראַ!...

דער לעזער ווערט אונז פערצייהען, אַז מיר וועלען פאָרשטעלען דאָס פּאָר אין מאָדנע פריהמאָרגענדיגע מלבושים: איהם אין אַ חאַלאַט און אין שטעקשיך אויף די באָרוועסע פיס, די האָר צובורשעט און די אויגען פער־שלאָפען, און זי אין אַ מאָרגענשלייער אויפ'ן קאָפּ און אָהן די צעהן, נאָר מיט גרויסע גאָלדענע אויהרינגען אין די אויה־רען און פּעריל אויפ'ן האַלז. סאַשאַ לייענט זיי דעם מאַני־פעסט. איציקעל שטעהט מיט'ן גאַנצען קאָרפּוס אויף צו־פריהער, זיינע אויגען האַלטען ביי אַרויסשפּרינגען, און אויף שיוקע'ס פּנים איז אַ מישמאַש פון שמחה, שרעק און טומעל.

— איך בעט אייך, וואָס שטעהט דאָ? — זאָגט שיוקע צו סאַשאַ'ן און איציקעל ווערט אין כּעס. מאַכט מיט די הענד און גיט איהר צו פערשטעהען:

— וואָס פערשטעהסט דו ניט, בהמה? — קאָנסטיטוציע!

און איציקעל דרעהט־אויס דעם קאָפּ צו סאַשאַ'ן, ווי איינער רעדט: „געהט טענ'עט מיט אַ יודענע!" סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש אָבער האָט געדולד און גיט צו פערשטעהען שיוקע שאָסטעפּאַל, וואָס הייסט דאָס קאָנסטיטוציע, און

דער עיקר, וואָס איז אַזעלכעס אַמנעסטיע, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלען מיר האָבען די זכיה צו זעהען טאַמאַראַ'ן פֿריי אָט דאָ אָ אין שטוב! סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש זאָגט דאָס מיט אַזאַ איבערצייגונג, אַז די פֿאָטער-און-מוטער קוקען זיך איבער איינס מיט דאָס אַנדערע, קאָנען זיך ניט איינהאַלטען און צעוויינען זיך. סאַשאַ קאָן ניט זעהען קיין טרערען, קעהרט ער זיך אָב מיט'ן פּנים צום וואַנד און פֿיהלט, ווי אין האַלז שטיקט איהם עפּעס. וואָס? אויף צו וויינען? חס וחלילה! וואָס הייסט דאָס? אַ מאַנספּערזאָן, אַ פֿיהרער פֿון אַ חברה און אַ „גענעראַל” זאָל זיך גאָר פּלוצים אין מיטען דרינען צעוויינען? און ער געזעגענט זיך אָב אויף גיך און לויפֿט-אַרויס און בעגעגענט זיך אויף די טרעפּ מיט'ן פֿאָטער.

— סאַשאַ? פֿון וואַנען איז?

— פֿון די שאָסטעפּאַלס.

— האָסט זיי אָנגעזאָגט די בשורה?

— נו, געווים.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— וואָס האָסט דו מיר געזאָגט?

— קאָנסטיטוציע!...

— וואַרט אוים, פּאַפּאַ, ביזט נאָך ניט פֿאַרטיג.

— וואָס רעדסט דו, סאַשאַ, גאָט איז מיט דיר! אָט איז די צייטונג.

— איך האָב שוין געלייענט.

— נו?

— גאָרנישט. וואו איז קעמלער?

אַזוי זאָגט סאַשאַ צום פֿאָטער און ביידע זענען זיי שוין אין דרויסען ביי דער טהיר. דער אַפּטייקער איז אויסער זיך פֿון סאַשאַ'ס ענטפֿער. ער האָט אויפֿגעשטעלט אויף איהם די בלויע ברילען און וויל איהם עפּעס זאָגען, קומט אָן די „אַלטע מויד” מיט'ן הונד העקטאָר און פֿאַלט-אַרויף דעם אַפּטייקער אויפֿ'ן האַלז און קושט זיך מיט איהם און גראַטולירט איהם מיט דער קאָנסטיטוציע און זאָגט, אַז איצ-

טער זענען אלע מענשען גלייך... און וויל זיך צוקושען אויך מיט'ן אפטייקערס זוהן. קומט אן פון דער אנדערער זייט קעסלער און שלעפט איהם אוועק, און נאדיעזשדא אלעקסאנדראוונא בלייבט מיט'ן אפטייקער אין צווייען, און זי קוקט ארויף דורך איהרע ברילען, און עס לאזט זיך הערען איהר מאנסבילשע שטימע:

— זעהט נאר וואס דארטען טהוט זיך?

אזוי זאגט נאדיעזשדא אלעקסאנדראוונא צום אפטייקער און זיי דערזעהען פאר זיך א בילד, וואס עס ציהט צו זיך יעדען איינציגען, ווער ער זאל ניט זיין.

דאס, וואס זיי האבען דערזעהען, לאזט זיך ניט בעשרייבען אזוי לייכט. מע מוז דאס אונבעדינגט דורכמאכען אליין, אנדערש קאן מען דאס ניט פיהלען. מע מוז פריהער אליין זיין חאטש איין טאג א קנעכט, אום צו פערשטעהען וואס הייסט בעפרייאונג. מע מוז פריהער אליין פיהלען אויף זיך די שווערע האנד פון דער ביוראקראטיע, אום צו פערשטעהען, וואס הייסט פרייהייט. מע מוז פריהער אליין פערזוכען דעם טעם פון אוטשאסטאק, פאליציי, (און נאך זיין א יוד דערצו!) אום צו בעגרייפען, וואס הייסט דאס ווארט קאנסטיטוציע אין אזא גרויס לאנד, וואס זינקט אין פינסטערניש הונדערטער יאהרען!... אויב איך וועל זאגען, אז דאס איז געווען א פרייד, א שמחה, א גדולה, א יום-טוב,—וועט דאס זיין נאך נישט דאס, וואס עס איז געווען. איך וועל מוזען זאגען, אז דאס איז געווען א גן-עדן אויף דער ערד, א מין „ביאת המשיח", לויט מיר שטעלען זיך פאר אין דער פאנטאזיע, אדער גאר א חלום איז דאס געוועזען... אויב איך וועל זאגען, אז די גאס איז געווען פערפלייצט מיט מענשען, וועט דאס זיין ניט דאס, וואס ס'איז געווען. איך וועל מוזען זאגען, אז דאס איז געווען א מבול פון מענשען, וואס האבען זיך צונויפגעגאסען אינאיינעם מיט די גאסען און צוזאמען מיט די גאסען האבען זיי געוואכסען און בעוועגט זיך. ניט מענשען זענען געגאנגען, נאר גאסען,

גאנצע גאסען, און קעפ, געדיכט ווי זאנגען אין פעלד, האבען זיך געוויגט קוים, קוים, ווי עס וויגען זיך די זאנגען פון א קליין לייכט ווינטעל, און פאהנען האבען געפלאטערט איבער די קעפ, און די באלקאנען פון די הייזער מיט די דעכער און מיט די פענסטער זענען געווען בעהאנגען מיט רויטען און בעזעצט מיט מענשען, און אלעס איז געווען צונויפגעגאסען אין איינעם: מענער, און פרויען און קינדער, און כריסטען און יודען. און שטיל איז געווען און רוהיג און יום-טוב'דיג ווי יום-טוב אין א מקום קדוש. און קיין זכר פון פאליציי איז נישט געוועזען. און האטש ס'איז געווען איין אקטאבער-טאג, האט די זונן געמאכט שלום מיט דער ערד צוליעב דעם גרויסען יום-טוב אויף דעם דאזיגען טאג און האט געלויכטען, געשיינט און געוואַ עמט ווי אינ'ם שענסטען זומער-טאג... און פון די זייטיגע גאסען זענען אויסגעוואכסען נייע ימים פון מענשען מיט פאהנען און האבען זיך צונויפגעגאסען אינ'ם גרויסען מבול פון קעפ, און אלע אינאיינעם האבען בעגריסט דעם גרויסען יום-טוב, דעם ערשטען פריי-הייטס טאג אינ'ם גרויסען לאנד. און עס האבען זיך געהערט פערשידענע לידער און געזאנגען. און עס האבען זיך ארויסגעריסען אלע מאל פערשידענע ווערטער און אויסגעשריען. נאר אפטער פון אלע ווערטער האט מען געקאנט הערען דאס ווארט:

— אמנעסטיע: אמנעסטיע!...

טויזענדער פון קולות האבען זיך ארויסגעריסען פון טויזענדער העלזער און האבען אנגעפילט די לופט מיט דעם איינציגען ליבען טייערען ווארט:

— אמנעסטיע! אמנעסטיע!...

עס האט זיך אויסגעוויזען, אז ניט נאר די מענשען, ניט נאר די הייזער, די דעכער, די גאסען, די בוימער, די שטאדט, די שטיינער האבען געשריגען אמנעסטיע. עס האט זיך געדאכט, אז אויך די ערד ציטערט און שרייט:

— אמ-נעס-טי-ע!

זון דער הימעל ענטפערט איהר מיט א דונער:
— אמ=נעס=טי=ע!...

קאפיטעל נ"ו.

צו די טורמעס! צו די טורמעס!

דער גרעסטער יום=טוב, וואס ווערט געמאכט מיט אלע פארבערייטונגען אויף צו פריהער, קאן מיט זיין גאנצען פראכט און גלאנץ בשום אופן זיך ניט פערגלייכען מיט דעם יום=טוב, וואס קומט אליין פון זיך, פון זיין אייגענער נאטור. די שענסטע די בעסטע מוזיק פון די בעריהמטע מוזיקער פון דער וועלט קאן זיך ניט פערגלייכען מיט דער מוזיק, וואס רייסט זיך ארויס ביי'ם פאלק פונ'ם טיפען הארצען, גלייך פון דער נשמה, אונטער דעם איינפלוס פון דער ערשטער פרייהייט, וואס איז נאר וואס געבארען געווארען אין דעם לאנד. קיין צוגעגרייטע רעדע, אויף אויסוועניג איינגעשטודירטער „ספיטש", קאן זיך ניט פערגלייכען מיט די נאטירליכע רעדעס, וואס קומען עקספראמט פון זיך אליין. ווען א מענש שוימט=אריבער בשלום דעם ים=סוף און לאזט דעם בלוטיגען שונא אויף יענער זייט, קאן ער זאגען שירה... ביי אזעלכע אומשטענדען שאפט דאס פאלק משוררים, מוזיקער און רעדנער, ביי אזעלכע אומשטענדען איז דאס פאלק די מוזיק און די פאעזיע אליין. איינער פון דעם גאנצען מבול מיט מענשען איז ארויפגעשפרונגען אויף איין איבערגעקעהרטער פאס און האט אויסגעדונערט מיט א גראבע באסאווע שטימע, אין וועלכער מיר האבען דערקענט אונזער בעוואכסענעם פארשוין מישא=פריזעל=בערעזניאק=ניידיטיש=בראנשטיין:

— בירגער! דאס ערשטע מאל ווערט איהר אנגערופען מיט דעם דאזיגען פרייען נאמען „בירגער"! ערלויבט מיר, איין אונבעקאנטען, צו גראטולירען אייך מיט דעם גרויסען יום=טוב, מיט דעם גרויסען טריומף. יא! מיר האבען

געזיעגט! דער אַלטער שווערער וואָגען, די אַלטע ביוראָ־קראַטישע בויד איז צעפֿאַלען געוואָרען. די אונטערגעפּוילטע אַקסען מיט די צעשפּאָלטענע רעדער האָבען מעהר נישט געקאָנט אויסהאַלטען. איהרע איברים האָבען זיך שוין לאַנג געשאָקעלט, איהרע זייטען האָבען שוין לאַנג געטרישטשעט. ענדליך איז זי אַרונטערגעפֿאַלען און האָט געפּלאַצט, אָבער זי איז נאָך נישט צעשאָטען געוואָרען. די ביוראָקראַטיע וועט געוויס וועלען צוריק אויפֿשטעלען אויף די רעדער איהר בויד. איהר זאָלט עס ניט פֿערגעסען. איצט האָבען זיי,די ביוראָקראַטען, זיך אונטערגעגעבען, ווייל מען האָט זיי גענומען פֿאַר'ן גאָרגעל. זיי וועלען געוויס האָבען חשק דאָס געגעבענע אָבנעהמען צוריק, אָבער עס וועט זיי ניט געלינגען. ווייסט איהר פֿאַר וואָס? ווייל מיר זענען פֿעראייניגט און אין דער פֿעראייניגונג איז אונזער קראַפֿט. בירגער! מיר פֿייערן אונזער טריומף, מיר פֿרייען זיך מיט אונזער יום־טוב! פֿערגעסט אָבער נישט אונזערע קעמפּפֿער, די, וועלכע האָבען פֿערגאָסען זייער בלוט, די, וועלכע האָבען געשענקט זייער לעבען, די, וועלכע האָבען אוועקגעטראָגען זייערע קעפּ אויפ'ן עשאַפֿאָט פֿאַר אונז און פֿאַר אונזער פֿרייהייט. אויף די קניע זאָלט איהר פֿאַלען, אַלע ביז איינעם!

און דער גאַנצער מבול פֿון מענשען שטעלט זיך אוועק, ווי איין מענש, אויף די קניע, און דער רעדנער טהוט דאָס זעלבע אויף זיין פּלאַץ, אויף דער איבערגעקעהר־טער פֿאַס, הויבט־אויף די האַנד און לאָזט־אַרויס מיט זיין באַסאָווער שטימע דאָס געוויסע טרויער־ליעד:

„ווי זשערטוואָיו פּאַלי.—

איהר זענט אַ קרבן געפֿאַלען"...

און דער גאַנצער מבול פֿון מענשען האַפּט־אונטער, ווי איין מענש, דאָס דאָזיגע טרויער־ליעד, און עס לאָזען זיך אַראָב די רויטע פֿאָהנען, און אַלע קעפּ זענען אָנגעבויגען, און אַלע זינגען און פֿיעלע־פֿיעלע וויינען, וואָרום פֿיעלע־פֿיעלע האָבען איינענע און בעקאַנטע, יונגע אונשולדיגע

קינדער, וואס זענען געפאלען א קרבן. און א הייליגע שטילקייט ווערט פערשפרייט איבער דעם מבול פון אבגעדעקטע קעפ, פון די אלע מענשען, וואס האבען זיך דא צענויפגעזאמעלט אינ'ם נאמען פון דער פרייהייט, חאטש אויף די געצעהלטע מינוטען פערגעסען די טומעלדיגע וועלט מיט איהר גאנצען שמוץ, וואס נארישע מענשען האבען מיט זייער נארישען עגאאיזם אריינגעבראכט און פארפאסקודיגט אויף לאנגעלאנגע יאהרען!...

און אז דער רעדנער שטעלט זיך אויף די פיס, שטעהט אויף מיט איהם דער גאנצער מבול פון מענשען, און זיין באסאווע שטימע דונערט וויטער:

— בירגער! מיר האבען אבגעגעבען אונזער חוב צו די געפאלענע קעמפפער. איצט דארפען מיר זיך דערמאהנען אן די קעמפפער, וועלכע זענען נאך ניט געפאלען. זיי לעבען נאך און מוטשען זיך אין די ענגע פינסטערע טורמעס, אן זיי דערמאהנט אייך. זיי ווייסען נאך ניט פון אונזער גרויסען יום־טוב, וואס זיי האבען אונז בעשאפען, צו זיי, צו זיי לאמיר געהן! צו די מערטירער פאר אונזער פרייהייט לאמיר קומען! אלע, ווי איין מענש, לאמיר זיך לאזען צו די טורמעס. קיין איינציגער זאל ניט בלייבען דא. אמעסטיע לאמיר פאדערען פאר אונזערע שוועסטער און ברידער! בעפרייען זאל מען זיי באלד, די רגע, די טהירען עפענען און ארויסלאזען די אונשולדיגע. און זאל מען אונז בעגעגענען מיט פייער, וועלען מיר אלע פאלען. צו די טורמעס בירגער, צו די טורמעס!

— הוררררררא!!! — קאטשעט זיך א הילך פונ'ם מבול מיט מענשען פון איין עק שטאדט ביז'ן אנדערן און גאנצע חוואלים קעפ טראגען זיך אהין, צו די טורמעס.

די ערד, וואס טראגט אויף זיך די דאזיגע אלטע שטאדט, האט נאך קיין מאל נישט געהערט אזא הילך, פון וועלכען מויערען קענען צעשפאלטען ווערען. דער הימעל, וואס רעקט־איבער די דאזיגע ערד, האט נאך קיין מאל נישט

געזעהען אזא בעוועגונג פון מוראשקעס=מענשען. איך האב קיין מורא ניט פאר קיין גוזמא און זאג, אז פונ׳ם „הורא“ זענען פייגעלעך אויף דער ערד געפאלען, ספלאשעטע פון שרעק און גרויסען טומעל. און די זונן האט פערגעסען, אז עס איז איין אקטאבער=טאג, און האט א צופריעדענע אראבגעקוקט מיט איהר פייעריג פנים אויף די צעהיצטע גליקליכע מענשען, און די גאנצע נאטור האט גענומען אנטהייל אינ׳ם דאזיגען גרויסען ליכטיגען הייליגען פרייהייטס=יום=טוב.

קאפיטעל נ״ז.

עס לעבע די פרייהייט!

עס לעבען די בעפרייעטע!

חדושים ונפלאות! ווי אזוי האבען זיך מענשען אינ׳ם דאזיגען ים, אינ׳ם דאזיגען מבול געקאנט געפינען איינס דאס אנדערע? אויף אזא בריה׳שאפט איז געווען פעהיג נאר אזא מזיק, ווי סאשא ראפאלאוויטש און זיין חבר קעסלער. די צוויי חברים האבען מיט׳ן כח פון זייערע עלענבויגענס זיך דורכגעשלאגען א וועג און האבען, געהענדיג צו די טורמעס, זיך צוגעשלאגען צו איציקעל שאסטעפאל, וואס האט איהם ארויסגעטראגען פון שטוב איינעם אליין מיט זיין שירם.

ווי מען דערזעהט איין איינען קינד, אזוי האט זיך שאסטעפאל דערפרייט, אז ער האט דערזעהען דעם אפטייקערס זוהן. ביז אהער האט ער געמיינט, אז עס איז א חלום. שוין זשע איז דאס אלעס אויף דער וואהר? שוין זשע איז דאס אלעס אמת? קאנסטיטוציע? פרייהייט? אלע זענען גלייך? און דער עיקר מע וועט בעפרייען די פאליטישע? און אט באלד וועט ער זעהען זיין בעפרייעטע טאכטער? זיין ליבע, איינציגע, טייערע, געטרייע טאכטער? זי וועט איהם דערזעהען, וועט זי איהם פאלען אויפ׳ן האלז

און וועט מיט טרערען אויף איהרע שענע אויגען ביי איהם בעטען מחילה פאר די בזיונות, וואס ער האט פון איהר געהאט... זי וועט איהם צוזאגען, אז איצט וועט שוין מעהר ניט זיין, אזוי ווי עס איז געוועזן, ווארום מיר האבען שוין אלעס, וואס מיר האבען געוואלט: קאנסטיטוציע! און דער גליקליכער פאטער דערהערט א ווילדען אויסגעשריי: „עס לעבע די קאנסטיטוציע!“ און ער זאגט נאך שטילערהייד: „עס לעבע די קאנסטיטוציע...“ און ער גלויבט זיך ניט אליין, אז ער, איציקעל שאסטעפאל, וואס האט ווי אלע אט די „דאזיגע“ געהאלטען פאר יונגלעך, פאר „גארנישטען“, זאל ער זיי נאכזאגען, ווי מע זאגט נאך, להבדיל, אין שול דעם חזן?!... עפעס נאר משיח'ס צייטען!... פלוצים דערפיהלט ער א האנד אויף זיין פלייצע. ער דרעהט אום דעם קאפ:

— סאשא?...

און איציקעל נעהמט סאשא'ן אונטער דער האנד און ער קוקט איהם אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט: „איז דאס ניט קיין חלום?“... און סאשא ראפאלאוויטש האט ווי געטראפען זיין מחשבה, און זאגט צו איהם מיט א שמייכעל:

— יא. מיר געהען זיי בעפרייען. נאך א האלבע שעה און טאמארא וועט דא זיין מיט אונז... מיט אונז!...

— אם ירצה השם! — זאגט איהם איציקעל מיט א ירא־שמים פנים, האט מורא זיך אליין געבען א גוט אויג און קוועטשט סאשא'ן די האנד. — איז די משמעות הייסט עס, אז איצטיגס מאל האבען מיר אויסגעפיהרט?

דאס ווארט „מיר“ זאגט איציקעל שאסטעפאל שוין מיט גדלות, מיילענדיג דערמיט נישט אזוי זיך, ווי די טאכטער... און ער דערזעהט אינ'ם מבול פון קעפ א בעקאנט מיידעל מיט א בחור אונטער דער האנד געהען ביידע זעהר יום־טוב'דיג. ער וואלט געמעגט שווערען, אז דאס איז זיין שטוב־מיידעל חאסקע. יא, עס איז חאסקע מיט איהר חתן דעם טרובאטש... „קאנסטיטוציע — טראכט ער זיך — אלע

זענען גלייך״. אפּיסעל טהוט איהם הנאה, וואָס אלע זענען גלייך, און אפּיסעל אַרט דאָס איהם: ווי געשיקט זיך עס, אַז זיין שטוב-מיידעל חאַסקע זאָל זיין גלייך מיט זיין טאָכטער טאַמאַראַ? ... און צוריק טהוט ער אַ טראַכט: אַ שענע ריינע כפּרה, זאָלען זיי זיין גלייך, אַבי ער זאָל שוין דערלעבען זעהען די טאָכטער געזונדערהייד״! ... און נאָך אַ בעקאַנט פּנים דערזעהט ער אינ׳ם מבול פון קעפּ; דאָס איז נעטשיפּאָרענקאָ, דעם פּריסטאַווס שרייבעריל. „וואָס טהוט דאָ דער גוי׳עץ״? און ער קאָן זיך ניט איינהאַלטען און טהוט אַ וואונק צו איהם און אַ מאַך מיט׳ן שירם:

— וואו איז אַנטאָן איוואַנאָוויטש? פאַר וואָס זעהט מען איהם ניט אויף אונזער יום-טוב?

נעטשיפּאָרענקאָ לאָזט אַראָב די אויגען, ענטפערט נישט שאָסטעפּאַל׳ן. מע ווייסט ניט, צי איז ער צופריעדען אָדער ניט? ...

— עס איז דעם פּריסטאַוו׳ס רעכטע האַנד. — זאָגט שאָסטעפּאַל צו סאַשאַ׳ן מיט גדלות, וואָס זיינע קענטשאַפטען זענען דאַנקען גאָט גרויס... נאָר סאַשאַ האָט זיך פערקוקט אין איין אַנדער זייט. דאָרט געהט זיין פאָטער, סאָלאָמאָן ראַפאַלאָוויטש, געאָרעמט מיט זייער שכנה, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. סאַשאַ האָט שוין לאַנג בעמערקט דאָס צונאָהענטע גוט-פריינדשאַפט פון זיין פאָטער מיט זייער כריסטליכע שכנה, און עס רופט אַרויס ביי איהם אַ געפיהל, וואָס פערשטערט איהם אַפּיסעל דעם יום-טוב... ער דערמאָהנט זיך אָן זיין פאָטערס בריעף און אָן זייערע דיס-קוסיעס, — און עס ווערען איהם פערענטפערט אייניגע זאַכען, וואָס אַנ׳אַנדערס מאָל וואָלט ער דאָס שטאַרק גענומען צום האַרצען, נאָר ניט איצטער, נישט אָט דאָ אין דעם מבול, וואו אַלע און אַלעס האָט זיך, ווי אין וואַסער, אויסגעמישט, אַלעס זעהט אויס, ווי אין וואַסער, נישט נאַטירליך, נישט אין נאַטירליכער געשטאַלט, נישט אינ׳ם נאַטירליכען קאָליר; אַלעס איז אַנדערש, נישט דאָס, וואָס

תמיד... אט איז איציקעל שאסטעפאל נישט דער, וואס נעלטען... אט איז ער, סאשא אליין, אויך נישט דער, וואס נעלטען... ער האט קיין מאל נישט געגלויבט, ער זאל אזוי שטארק בעאיינפלוסט ווערען פון דער רעוואלוציע, אז ער זאל זיך טראגען גלייך מיט אלעמען אינ'ם גרויסען שטראם פון פרייהייט, ווארום נישט ער געהט, נאר עס טראגט איהם אט דער שטראם, אט דאס וואסער, אט דער מבול. ער פיהלט, אז ער איז ניט ער, נאר איין אטאם, א חלק פון אט דעם גרויסען וואסערשטראם, וואס קאן בע־וויזען גרויסע וואונדער, וואס קאן, ווי א מעלטיגעס וואסער, ווי א מבול, אראבטראגען, אראבשווינקען אלעס, וואס אויפ'ן וועג, אבריינינען דעם גאנצען שמוץ, וואס מענשען האבען יאהרענלאנג אנגעמיסטיגט, און בעשאפען א נייעס לעבען, א נייע וועלט, און דאן וועט אויך פאר דעם עוויגען וואנדערער, פאר דעם שלים־שלים־מזל'דיגען ישראל'יק אפשר אויך קומען א ניי לעבען מיט א נייער וועלט, אפשר א מין משיח...

א געוואלטיגער „הוררא" רייסט־אב אונזער סאשא'ן פון זיינע גוטע, אביסעל צו לופטיגע מהשבות, און ער דערזעהט פאר זיך א נייעם שטראם פון מענשען. און איין אונבע־שרייבליכער ענטוזיאזם האפט־ארום די גאנצע מענגע. דאס האט געעפענט די טויערען פון טורמע דער גובערנאטאר אליין, און האט נאך געהאלטען דערביי א רעדע און האט בעפרייעט אלע פאליטישע, וועלכע דער עולם האט בעגעגענט מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג, און עס איז נישטא קיין ברעג צו דער שמחה פון די מאסען, און עס קויקעלט זיך דער הילך פון איין עק ביז'ן אנדערען.

— עס לעבע די פרייהייט! עס לעבען די בעפרייעטע!

זעלבסטפערשטענדליך, אז יעדער איינציגער וויל זעהען די בעפרייעטע מיט זיינע אייגענע אויגען. איינינע האבען עס געוואלט בלויז אוים נייגיערינקייט, איינינע האבען געהאט א אינטערעס: איין אייגענער, א קרוב, א גוטער בעקאנטער. עס איז ניט נויטיג צו זאגען, אויף וויפיעל דער

אינטערעם איז געוועזן גרויס ביי איציקעל שאסטעפאל צו זעהען, אויב זיין טאכטער איז ווירקליך פריי, און שטעלט אייך פאר, זיין איבעררראשונג, אז ער האט זי דערזעהען און נאך ווי אזוי דערזעהען! מיט וואס פאר א כבוד! מיט וואס פאר א טריומף! ער האט קיין מאל זיך ניט פארגעשטעלט אזעלכעס אין חלום!

אום די גאנצע שטאדט זאל וויסען פון דער אמנעסטיע, האט מען די בעפרייעטע גענומען פיהרען מיט מוזיק, מיט געזאנג און מיט געשרייען „הורא״ איבער די גרעסטע גאסען פון שטאדט. אלע מאל האט מען אוועקגעשטעלט אויף א אימפראוויזירטער בינהע איינעם פון די בעפרייעטע, ער זאל עפעס זאגען פאר׳ן פאלק, און יעדען איינציגען פון זיי האט מען בעגעגענט מיט פיעל בעגייסטערונג און אויסגעהערט מיט גרויס רעספעקט. פלוצים איז געווארען א בעזונדערע בעוועגונג. מען האט זיך בוכשטעבליך געשטעלט איינער דעם אנדערן אויף די קעפ. און אויף דער אימפראוויזירטער בינהע האט זיך בעוויזען זעהר א שען מיידעל מיט שווארצע געקרייזעלטע האר, מיט א יודישער נאז און מיט שענע שווארצע גרויסע אויגען. דאס איז געוועזן טאמארא שאסטעפאל. איהר בעווייזען זיך אויף דער בינהע האט שוין ארויסגערופען א געוואלטיגען אפלאדיסמענט, וואס האט געדויערט גוטע עטליכע מינוט, ביז זי האט געהאט די מעגליכקייט צו קאנען רעדען. און אז זי האט אנגעהויבען צו רעדען, האט זיך איציקעל שאסטעפאל אינסטינקטיוו אנגעחאפט מיט ביידע הענד אן סאשא ראפאלאוויטש׳עס האנד און האט אנגעהויבען צו ציטערען... דאס האט בעמערקט א פרוי, וואס איז געשטאנען נעבען איהם, זעהר איין איידעלע מיט גוטע בלויע אויגען, און מיט א געזיכט, וואס האט ניט ארויסבעוויזען קיין שום בעוועגונג, אבער מע האט געקענט זעהען, אז די פרוי איז אין גאנצען ביי טאמארא׳ן אין דער נשמה... דער לעזער שטויסט זיך, אז דאס דארף זיין ראמאנעקא׳ס מוטער, די פרוי פונ׳ם אנטיסעמיט ראמאנעקא.

און טאמארא'ס קול, וואס איז אין אנפאנג געוועזען שטיל, מעלאדיש, מיט א לייכטען ציטער, איז געווארען וואס ווייטער אלץ העכער און שטארקער, און האט נישט נאר בעצויבערט אלע צוהערער, מען קען זאגען, אז אין די מינוטען האט זי געוועלטיגט איבער די מאסען. און אט וואס טאמארא שאסטעפאל האט געזאגט:

— בירגער! ברידער און שוועסטער פון אלע פארטייען, ריכטונגען, פארבען און גלויבענס! אין די שטומע ווענד פון דער קאלטער טורמע, אונטער די אייזערנע טהירען און שווערע שלעסער האבען מיר נישט אויפגעהערט צו האפען, אז ניט היינט — מארגען וועט מען אונז בעפרייען. עס זענען אבער געוועזען צווישען אונז אזעלכע, וואס זיי איז נעבעך נישט בעשערט געוועזען צו זעהען מיט זייערע אויגען דעם גרויסען טאג פון דער בעפרייאונג. זיי זענען שוין מיט אונז נישטא, און זיי דערמאנען מיר א צונד עוויגע רוה זאל זיין צו זיי!

אלע לאזען אראב די קעפ אין טיעפען טרויער. און אז טאמארא שאסטעפאל הויבט אן צו רעדען ווייטער מיט א האלבען טאן העכער, זעהט מען ביי פיעל פרויען טרערען אין די אויגען. דאס וויינען זיי אויף זייערע קינדער, וואס מע האט ביי זיי ארויסגעריסען מיט געוואלד פון זייערע ארעמס... נאר איין פרוי שטעהט קאלט ווי א שטיין און בלאס ווי א סטאטוע און איהרע בלויע אויגען זענען א ים פון שמערצען... דאס איז די מוטער פונ'ם געהאנגענעם ראמאנענקא...

— ארייננגעגאנגען — זאגט ווייטער טאמארא שאסטעפאל — זענען מיר אין די טורמעס פול מיט צער און צארן, מיט פערוואונדעטע הערצער, און ארויס זענען מיר פון דארט, ווי איהר זעהט, בערוהיגטע און גרייטע צו פערגעסען אלעס איך רוף נישט יעצט צו נקמה אין דעם דאזיגען גרויסען ערשטען טאג פון פרייהייט. אומגעקעהרט. איך וואלט

וועלען מיר זאלען אויף היינטיגען טאג אלעם פערגעסען, אלעם מוחל זיין.

נישטא היינט קיין ליבעראלען, קיין רעאקציאנערען, דעמאקראטען, בורזשועען, ארבייטער, קריסטען, יודען. איצט זענען פארהאן נאר בירגער. דער איצטיגער מאמענט איז א הויכער, א היילינגער, א היסטארישער מאמענט, אין דער מינוט וואלט איך וועלען, מיר זאלען פערגעסען אלע אונזערע אלטע רעכנונגען. אין דער מינוט וואלט איך וועלען, מיר זאלען פערגעסען, אז עס איז נאך דא איין אונטערשיעד צווישען ארעם און רייך, פעטע בורזשועען און הונגעריגע ארבייטער, קריסט און יוד און אזוי ווייטער און ווייטער. אין דער מינוט וואלט איך וועלען, מיר זאלען פערגעסען, אז מיר, יודישע קינדער, למשל, זענען געוועזען ביז אהער שטיף-קינדער אין דיזען לאנד! אין דער מינוט וואלט איך וועלען, מיר זאלען איהר מוחל זיין איהרע זינד מיט איהר בענעהמען זיך געגען אונז, מיט איהר אפטמאל-דערמאנען די צוויי ווערטער „אויסער יודען“. אין דער מינוט וואלטען בעדארפט זיך בעהעפטען אונזערע אלעמענס הערצער אין איין הארץ, אונזערע אלע נשמות אין איין נשמה, אונזערע אלע קולות זיך צונויפגיסען אין איין קול: עס לעבען אלע איהרע בירגער! עס לעבע די קאנסטיטוציע! עס לעבע די פרייהייט!...

דא קען זיך שוין נחמיה דעם שוסטערס זוהן, חיים, מעהר ניט איינהאלטען; ער דרעהט מיט'ן היטעל אין דער לופטען און ער שיסט-אויס אויף וויפיעל עס ערלויבען איהם זיינע כוחות:

— הוררא!

— הורררא!!! — דונערט די מענגע פון איין עק ביז'ן אנדערען, און טאמארא שאסטעפאל'ס קול הערט זיך אלץ העכער:

— מוחל זיין און פערגעסען וועלען מיר זיי אלעם, אבער נאר...

מעהר האט מען פון טאמארא שאסטעפאל נישט גע-

הערט, ווארום זי האט מעהר ניט גערעדט איבער א מעשה נורא, וואס ווערט בעשריעבען אינ׳ם פאלגענדען קאפיטעל.

קאפיטעל נ״ח.

דער ערשטער סיגנאל.

דען 18-טען אקטאבער 1905, אין דעם ערשטען טאג פון דער ערשטער רוסישער קאנסטיטוציע, איז געווען וואס צו זעהען! אינ׳ם גאנצען גרויסען רוסישען לאנד, אין אלע גרויסע שטעדט, וואו עס איז געפייערט געווארען דער גרויסער יום-טוב פון דער ערשטער קאנסטיטוציע, האט מען פון אלע גרויסע הויפען געגעבען א לאז קאזאקלעך. ווי פון אונטער דער ערד זענען אויסגעוואקסען פאליציי, א פאר פראוואקאטארען האבען אויסגעשאסען אין דער לופטען אום ארויסצורופען א שטיקעל מהומה — און דאס איז געווען גענוג פאר די קאזאקען, זיי זאלען זיך אריינשניידען מיט זייערע פערדלעך גלייך אין די מענגעס מענשען, און זאלען נעהמען האקען רעכטס און לינקס. מע קאן זיך לייכט פארשטעלען, וואס איז געווארען מיט דער מענגע מענשען, וואס האבען אויסגעזעהען אין דער ערשטער מינוט פון דער בהלה ווי חוואליעס אינ׳ם ים פון א גרויסען שטורם! איבער הויפט האבען זיך די קאזאקען אריינגעשניטען אין דעם רעכטען צענטער, דארט, וואו די פיהרער און די הויפט-רעדנער, אום זיי צו חאפען און לערנען מיט זיי „הלכות קאנסטיטוציע״. צום אנפאנג האט נאטירליך קיינער נישט געוואוסט, וואס אייגענטליך קומט פאר, נאר געזעהען האט מען, אז עס קומט פאר עטוואס בעזונדערעס, און געפיהלט האט יעדער, אז מע דארף זיך רעטען. און דארטען, וואו א סך מענשען ווילען זיך רעטען אלע מיט אמאל, איז א קאטאסטראפע אונפערמיידליך. אין אזעלכע געפעהרליכע מינוטען קלעהרט ניט א פאטער וועגען זיין קינד, א ברודער פערגעסט זיין שוועסטער, און יעדער זעהט, ווי ווייט פרי-

הער ארויסצוראטעווען זיין אייגענעם נפש. זעלטען ווער עס האט אזוי פיל מוט אויף צו קענען אבגעבען זיך דין וחשבון, וואו ער איז אין דער וועלט, און ווען אלע מענשען וואלטען געקאנט האבען אזוי פיעל מוט, וואלטען אלע מענשען געוועזען העלדען און עס וואלט קיין מאל קיין קאטאסטראפע ניט פארגעקומען צווישען מענשען.

איינער פון די זעלטענע העלדען, וואס האט זיך אין דער שרעקליכער מינוט ניט פערלארען, איז געוועזען—סאשא ראפאלאוויטש.

ווי דער לעזער געדענקט, איז אונזער סאשא ראפאלאוויטש געשטאנען געארמט מיט טאמארא'ס פאטער גראדע אקעגען דער טריבונע און געשלונגען איטליכעס ווארט פון טאמארא'ס רעדע. פלוצים האבען זיי דערפיהלט א שטויס אין זייט אריין, דערהערט א קנאק פון א סך ביקסען און דערזעהען ווי דער מבול פון קעפ האט זיך אנגעהויבען צו וויגען, און אלעם האט בעקומען א מאדנעם אויסזעהען, און די רעדנערין (טאמארא) איז שוין מעהר ניט געוועזען אויף דער טריבונע; זי איז נעלם געווארען.

דער ערשטער געדאנק ראפאלאוויטש'עס איז געוועזען: טאמארא! מע דארף זי אויפזוכען און צונעהמען פון דאנען, פון'ם סאמע פייער. וואו איז זי אבער אהינגעקומען? דער מבול פון קעפ האט זיך געגעבען א וויעג, און דער קאפ פון דער רעדנערין איז אין דעם דאזיגען מבול פלוצים פערשוואונדען געווארען. סאשא, וועלכער האט פערלארען איציקעל'ס האנד, האט גענומען ארבייטען מיט זיינע טרוקענע עלענבויגענס, שפאנען איבער קעפ מיט אזוי פיעל ענערגיע, אז ער האט זיך דערשלאגען צו דער טריבונע אין דער מינוט, ווען טאמארא איז געשטאנען א צעטומעלטע צווישען דער צעטומעלטער מאסע מענשען, וואס האבען זיך פערלארען און געטראכט יעדער ביי זיך אין הארצען, ווי אזוי חאפט מען ארויס פון דאנען דעם נפש צ לעבעדיגען?... נישט געווארט אויף כבוד, נישט ארומגעקוקט זיך וואס

הינטען טהוט זיך, האט אונזער סאשא געגעבען א נעהם טאמארא'ן אונטער דער האנד, א שלעפּ-ארוים פון דער מאסע מיט געוואלד און האט זיך געלאזט מיט דעם זעלבען כח פון זיינע דארע עלענבויגענס און מיט דעם זעלבען שפּאנען איבער קעפּ, איבער גע'הרג'עטע און איבער לעבעדיגע מענשען, און עס איז איהם געראטען ארוים-צורייסען זיך פון דער ענגשאפט אויף א פרייע שטיקעלפלאץ.

ערשט דא האט זיך פארגעשטעלט פאר זייערע אויגען די ווירקליכקייט אליין, און זיי האבען ארומגענומען מיט זייערע אויגען דאס גאנצע בילד, און זיי האבען דער זעהען וואס דא טהוט זיך, און זיי האבען פערשטאנען, אבער ניט אלעס! געוואוסט האבען נאר געצעהלטע מענשען, די אנפיהרער פון דער בהלה, די ארגאניזאטארען פון דער קאנטר-רעוואלוציע, וועלכע איז געגאנגען פון ערגעץ אנדערש און געפיהרט געווארען דא אין שטאדט דורך דער טעטיג-קייט פון אזעלכע פארשוינען ווי פראפּם. טשיכנאוו, לעהרער ראממאנענקא, אינזשעניער רעזינקאוו וכדומה אזעלכע פארשוינען, וואס האבען זיך גענומען טוידטען די נייגעבא-רענע קאנסטיטוציע אין עטליכע שעה ארום נאך איהר געבארען ווערען אויף דער וועלט.

נישט מעהר פון אלע אנדערע האבען געוואוסט אויך די, וועלכע מע האט ארויסגעטריבען אויפ'ן פלאץ און גע-הייסען האקען און בראקען און זיי האבען גענומען האקען און בראקען. און אזוי ווי די אנפיהרער האבען געוואוסט פאראויס, אז בשעת אזא גרויסע בהלה וועלען מענשען גע-ווים וועלען זיך רעטען אין די הויפען, האבען זיי דאס בע-ווארענט פריהער און האבען בעוואפענט אלע „דווארניקעס" מיט בייטשען און מיט שטעקענס און מע האט זיי געגעבען פרייהייט זיי זאלען שלאגען יעדען איינציגען, ווער עס וועט וועלען זיך בעהאלטען אין א הויף, און בעזונדער זאלען זיי זיך רעכענען מיט סטודענטען און יודען. און די בראווע „דוואר-ניקעס" האבען געפאלגט און געטהאן זייער „פפליכט" אויפ'ן

בעסטען ארט. זיי האבען זיך משמח געווען אויף די פלייצעס פון יעדען איינציגען, ווער עס האט זיך גאר ארייננעכאפט צו זיי אין די הענד אריין.

אונזער בעקאנטער אינזשיניער רעזינקאוו, דער בעל־הבית פון דער הידראפאטישער אנשטאלט אדער פשוט פון דעם באד, האט געטהאן לפנים משורת הדין, ער האט אויסגעשטעלט מיט גוטע בעזעמלעך אלע זיינע „באנשטשיקעס“ (די וואשערם) ביים טהיר פון זיין באד, און דא איז פארגעקומען איינע פון די עקעלהאפטסטע עקזעקוציעס אין דער וועלט. דער אינזשיניער־בעדער אליין איז בשעת מעשה געשטאנען אויפ׳ן באלקאן פון זיין הויז מיט די הענד אין די קעשענעס און האט געקליבען נחת פון זיינע יונגען, ווי שען זיי רעכענען זיך מיט דער „רעוואלוציע“, דאס הייסט, ווי געטריי זיי שמייסען אין מיטען גאס מענשען, מענער און פרויען, אהן א שום אויסנאהמע. פון דער אנדערער זייט אקעגען, אינ׳ם הויז, וואו עס געפינט זיך די רעדאקציע פונ׳ם אנטיסעמיטישען „קלין“, איז געשטאנען דער בעריהמטער פראפעסאר טשיבנאוו אהן א היטעל און געזאגט צו זיינע מקורבים: „דאנקען גאט, געממית׳ט די קאנסטיטוציע, אבער נאך ניט אין גאנצען“...

אויף מארגען אין דער פריה איז דער בעריהמטער רעדאקטאר פונ׳ם בעריהמטען „קלין“ ארויס מיט איין ארטיקעל אונטער זעהר א שענעם טיטול:

„דאס געפעהרליכע שפיעל“.

אין דעם ארטיקעל בעשרייבט גאנץ שען מיט אלע אייגצעלהייטען דער בעריהמטער פראפעסאר אלעס, וואס עס איז פארגעקומען אין שטאדט אינ׳ם ערשטען טאג פון דער פריהצייטיגער קאנסטיטוציע, און ער בעווייזט דעם טרויעריגען פאקט, וועלכער האט בעוויזען, ווי וויים דאס פאלק איז נאך נישט רייף צו די פרייהייטען. „דאנקען גאט — שרייבט דער פראפעסער — וואס אזוי גיך האט זיך עס ארויסגעוויזען, אבער מיר זענען איבערצייגט, אז דאס איז ערשט

איין אנפאנג פונ'ם פאלקס-צארן, וואס וועט געוויס געהן ווי-טער זיך נוקם זיין אן די יעניגע, וועלכע זענען די הויפט-פיהרער און אנרייצער פון די אונשולדיגע פאלקסמאסען, און וואהרשיינליך וועלען זיי אנהויבען פון די פערפלוכטע קינדער ישראל, וואס האבען זיך געשטעלט אן דער שפיץ פון דער רעוואלוציע, מיינענדיג, אז מיט די פערשפראכענע פרייהייטען וועט זיי געלינגען אריינצוחאפען אין די הענד אריין דאס לאנד פון אונזערע אור-אור-עלטערן. מע טאר זיך ניט שפיעלען מיט פייער, עס איז א געפעהרליכעס שפיעל!..."

קאפיטעל נ"ט.

אויף דער יודישער גאס.

מיר האבען איבערגעלאזט אין פאריגען קאפיטעל סאשא ראפאלאוויטש מיט טאמארא שאסטעפאל אין רעכטען פייער. אין דער ערשטער מינוט האט זיך טאמארא נישט געקאנט אבגעבען קיין רעכנונג, וואס זי טהוט און וואהין זי געהט. שפעטער, אז זי האט זיך ארויסגעמאכט פון דער ענג-שאפט אויף דעם פרייען פלאץ און זי האט זיך ארומגע-קוקט צוריק און האט דערזעהען בלוט, בלוט פון אונטער-געשאסענע, צע'הרג'עטע, צעטראטענע מענשען, פרויען און קינדער, האט זי זיך געגעבען א רייס-אויס פון סאשא'ס הענד און האט זיך געוואלט לאזען לויפען צוריק. סאשא ראפאלאוויטש אבער האט זיך בעשלאסען, טאמארא'ן פון די הענד נישט ארויסצולאזען, האט ער זי א חאפ געטהון צו-ריק מיט זיינע דארע, נאר שטארקע הענד:

— צוריק וועט איהר נישט געהן!

טאמארא האט געזעהן, אז מיט געוואלד וועט זי זיך פון זיינע הענד ניט ארויסרייסען, האט זי אנגעהויבען בע-טען זיך ביי איהם מיט גוטען, געקוקט אויף איהם מיט'ן גלאנץ פון איהרע שענע גרויסע שווארצע, איצטער ברע-נענדיגע אויגען.

— איך בעט אייך, לאזט מיך...

— איהר וועט צוריק נישט געהן! — האט איהר סאשא ראפאלאוויטש געזאגט פעסט, געהענדיג מיט איהר פארביי דעם אינזשינער רעזינקאוו׳ס הויף, פון וואנען עס האבען זיך א שאט געטהון די בראווע וואשערם מיט די פרישע בעזעמלעך אין די הענד מיט א „הורראַ” און מיט א געלעכטער:

— עהיי, קינדער! לאמיר אקארשט אפבעזעמען די באַרישני!...

און שוין האבען זיך א לאז געטהאן צו טאמארא׳ן עטליכע פאר הענד, וואס זענען גרייט געווען ארייגשלעפען די „באַרישני” אין הויף אריין. האט אונזער סאשא, נישט לאנג געטראכט, ארויסגעחאפט פון דער הינטערשטער קעשענע זיין אנגעלאדענעם רעוואלווער און האט אויסגעשאסען פון איהם אין דער לופט צוויי מאל. דאס איז געווען גאנץ גענוג, אז די בראווע דווארניקעס זאלען זיך צעלויפען אזוי ווי די מייז. האט דאס בעמערקט פאליציי און האט גענומען יאגען זיך נאך דעם אנטלאפענעם פאר, נאכפייערן נאך זיי מיט קוילען, אוועקגעלעגט און פערוואונדעט עטליכע מענשען פון דער מאסע, אין וועלכער עס איז געראטען אונזער פאר זיך אויסצומישען און אין פערלויף פון א שעה אדער צוויי — זיי האבען די צייט נישט בעמערקט — זענען זיי שוין געווען אויף דער וואסילטשיקאווער גאס ביי׳ם הויז נומער 13 ביי דער אפטייק פון סאלאמאן ראפאלאוויטש, און ערשט דא האט טאמארא בעמערקט, אז איהר בעגלייטער סאשא האלט זיך מיט דער לינקער האנד ביי דער רעכטער פלייצע און אז דאס פנים איז איהם בלאס ווי ביי א טויטען.

— וואס איז אייך?

— גאר נישט, מיר דאכט, אויב איך בין ניט אונטערגעשאסען, נאר נישט געפעהרליך.

אזוי האט איהר געענטפערט סאשא מיט א פריינדליך שמייכעלע, אנווייזענדיג איהר אויף דער פלייצע און האט אראבגעלאזט זיך פאוואלינקע אויף דער ערד. טאמארא האט זיך אנגעבויגען איבער איהם, אויפגעהויבען איהם מיט ביי=

דע הענד, ווי מע הויבט אויף א קינד, און מיט אלע כחות איז זי צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט גענומען קלינגען אזוי לאנג, ביז עס זענען ארויסגעלאפען חוה די יודינע, חאסיע דאס מיידעל און מיקיטא דער גוי, און מע האט דעם אונטערגעשאסענעם סאשא ארויפגעטראגען צו איציקעל שאסטעפאל אין הויז אריין (דעם אפטייקערס וואהנונג איז געווען צוגעשלאסען) און ערשט דארט, אז מע האט איהם אוועקגעלעגט אויף א קאנאפע, צעשפילעט דעם ארבעל, האט מען דערזעהן, אז ער געהט-אב מיט בלוט און סאשא האט אנגעהויבען חלש'ן.

— דעם דאקטאר! וואסער! אייז! דעם אפטייקער! —

האט טאמארא זיך צעשריגען ניט מיט איהר קול, און אלע האבען זיך א ווארף געטהון אויף אלע זייטען, ווער נאך וואסער, ווער נאך אייז, ווער נאכ'ן דאקטאר. אפילו שיווקע אליין, וואס האט שוין געוואוסט, אז טאמארא איז פריי (נחמיה דעם שוסטערס ווייב האט פערדיענט די מצוה; זי איז געקומען צולויפען אהיים איהר אנזאגען די בשורה פריהער פאר אלעמען), — אפילו שיווקע אליין, אנשטאט דעם, זי זאל זיך ארומחאפען קושען מיט דער טאכטער, האט זי זיך געלאזט לויפען מיט א גענואלד איבער דער גאס און בעגעגענט זיך מיט'ן מאן, וועלכער איז געלאפען אהיים א האלב טוידטער. דערזעהען שיווקע'ן לויפען, איז איציקעל שאסטעפאל שיער ניט געשטארבען פאר שרעק. ער האט מיט'ן שירם געוויזען נאך פון דער ווייטען צושיווקע'ן, אז זי זאל געהן צוריק, ווארום אין גאס טהוט זיך חשך, מע שיסט.

— מע שיסט! — שרייט צו איהר דער מאן.

— מע שיסט?

— מע שיסט! מע שיסט! געה צוריק!

דא אויך — ענטפערט איהם שיווקע — מע האט שוין געשאסען! דערשאסען!

— וואו? ועמען? — שרייט איציקעל און פאלט שיער חלשות.

— דעם אפטייקערס זוהן האט מען געשאסען.

* * *

נישט שפעטער ווי אין א שעה ארום האבען זיך ארום דעם אונטערגעשאסענעם סאשא צונויפגעקליבען א סך מענשען. דער קראנקער איז געלעגען שוין איין איבערגעבונדענער, שטארק אבגעשוואכט און בלאס, אבער רוהיג מיט א שמייכעלנדען קוק. נעבען זיין בעטעל אויף די קניע איז געשטאנען און געהאלטען איהם די איבערגעבונדענע האנד טאמארא. צוקאפענס איז געזעסען און געשאטען מיט רעד דער אפטייקער. צופיסענס שמעון קעסלער. ביי א זייט איז געשטאנען די אלטע באַרישני נאדיעזשדא אלעקסאנדראוונא און געשאלטען די פאליציי אויף וואס די וועלט שטעהט, געזאגט, אז קוים האט מען אונז געגעבען א קאנסטיטוציע איז פערפאלען!

נעבען איהר אויף דער ערד איז געלעגען אויסגעצויגען מיט דער מארדע אין די לאפעס „העקטאר" און האט איהר אונטערגעהאלפען מיט א שטילען ריטשען אין ברומען און געהאפט פון דער „פריצה" דערפאר אלע מאל א זעץ מיט'ן פיסעל. איציקעל שאסטעפאל געהט ארום הין און צוריק איבער'ן שטוב אהן א היטעל (ערשטענס צוליעב דער „פריצה" און צווייטענס צוליב'ן אפטייקער, דער אפטייקער איז דאך אויך א שטיקעל גוי). ער בעטראכט זיין טאכטער, ווי זי שטעהט דאס פאר'ן אפטייקערס זוהן אויף די קניע, און ער טראכט זיך: מע זאל איהם געוועהן זאגען פריהער מיט א יאהר, מיט איין יאהר פריהער, וואס דא וועט זיך אפטהון, וועה-וועה!...

און בשעת מעשה מאכט ער צו זיך אליין מיט די הענד, דרעהט מיט די פינגער און שאקעלט מיט'ן אויסגעבויגענעם קאפ און ווינקט מיט די ריהרעוודיגע ברעמען. שיווקע איז פארפארעט מיט'ן סאמאוואר, נאר פון דעסטוועגען געהט זי צו אלע מאל מיט נאסע אויגען און קוקט אויף דער טאכטער און שעפטשעט צו זיך אליין:

— אַ גאַסט, לעבען זאָלסט דו מיר, טעמעניו!

— טאַמאַראַ, נישט טעמע! — זאָגט צו איהר דער מאַן שטילערהייד און ווינקט איהר, זי זאָל ניט רעדען אויף יודיש און נעהמען דעם וועג, וואָרום דאָ שטעהט אַ „פּריצה“...

פלוצים קומט אַריין חוה די יודינע מיט אַ בשורה גלייך צו איציקעל שאַסטעפּאַל:

— בעל־הבית! אויף דער יודישער גאַס, זאָגט מען, איז פרעהליך.

— וואָס הייסט פרעהליך? — פרעגט איציקעל.

— אַ פּאָגראָם זאָגט מען.

אַלע חאַפּען זיך אויף פון די ערטער.

— אַ וואָס?

— אַ פּאָגראָם. ווייסט איהר ניט? אַ יודישער פּאָגראָם, דאָס אייגענע וואָס אין קישיניעוו...

סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש חאַפּט זיך אויף און פאַלט אָבער באַלד צוריק. טאַמאַראַ בערוהיגט איהם.

— זי וועט אייך דערצעהלען, וועט זיין וואָס צוהערען.

אין די ווערטער קומען־אָן נחמיה דער שוסטער מיט זיינע ביידע זיהן מיט שטאַרק איבערגעשראָקענע פּנים׳ער:

— מע שלאָגט — זאָגט חיים, און בעני רעדט־איבער:

— מע שלאָגט...

— ווער שלאָגט? וועמען שלאָגט מען? — פרעגט ז׳איציקעל שאַסטעפּאַל און בעקומט ענטפער פון נחמיה דעם שוסטער:

— שרעקט אייך ניט, עס איז מיט חסד: אָרעמע לייט שלאָגט מען... אויף דער יודישער גאַס איז אַ פּאָרמענע פּאָגראָם, נאָר־וואָס איז געוועזען ביי מיר מיינער אַ בעקאַנטער שניידער, יודעל קטנתי...

— געהט אייך געזונדערהייט מיט אייער שניידער קטנתי! — צולאָזט זיך אויף איהם איציקעל שאַסטעפּאַל און טאַמאַראַ שטעהט אויף און האַלט אָב דעם פאָטער און ווענ־דעט זיך צום שוסטער:

— נישט קיין פּאָגראָם, פּאָגראָם פֿערגעסט! דאָס מוז זיין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי.

— נאָר אַ פּאָגראָם! — זאָגט סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש און הויבט-זיך-אויף אויף איין האַנד — צייט, איהר זאָלט שוין עפֿענען די אויגען, טאַמאַראַ, און זעהען די ווירקליכקייט... קינדער! — טאַכט ער צו חיים'ן און צו בעני'ן — גערהט נעהמט זיך צום געוועהר און זייט גרייט... שמעון! — רופט ער זיך אָן צו קעסלער'ן מיט אַ שמייכעל — איך געב דיר איבער די קאָמאַנדע, איך בין ניט אימשטאַנדע... איך בין פֿערוואונדעט... אַזוי זאָלסטו טאַקי איבערגעבען אַלעמען, אַז דער הויפּטפיהרער פֿון די „סאַמאָאָבאָראָנשטשיקעס" איז פֿערוואונדעט, אונטערגעשאָסען...

קאַפּיטעל ס.

די נאַכט שוויגט.

שטיל האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד די טונקעלע נאַכט און האָט פֿערשפּרייט איהרע שוואַרצע פֿליגעל אויף דער מרה שחורה'דיגער וועלט. נאָך דעם צו-פֿרעהליכען און לעבהאַפֿטען טאָג פֿון דער ערשטער רוסישער קאָנסטיטוציע האָט די נאַכט אויסגעזעהן ווי איין אַלמנה, וואָס בעוויינט איהר איינציגעס קינד. שטיל איז געוועזען אַרום און אַרום. קיין דורכגעהער, קיין דורכפֿאָהרער. אַלע טעאַטערען זענען געשלאָסען. אַלע רעסטאָראַנען זענען געשפּאַרט. אויסגעלאָשען זענען די ליכט אין די גאַס-לאָמפּען. עס איז חשך און שטיל. ווען ניט ווען לאָזט זיך הערען אַ ווייטער הילך, איין אָבקלאַנג פֿון אַ הייזעריגען הורראַ, אַ קול פֿון אַ געשלאָגענעם, אַ געוואַלד פֿון אַ סך מענשען, אַ געזאַנג פֿון אַ שכור, וואָס רייסט זיך דורך און ווערט פֿערשטאַרבען און ווידער ווערט שטיל... שטיל קוקט-אַראָב אויף דער מרה-שחורה'דיגער הימעל מיט זיינע מיריאַדען פֿונקעלדיגע וועלטען אויף דער קליינער חשב'דיגער ערד, וואָס מיינט אז

וויל איינרעדען אויך יענעם, אז צוליעב איהר האָט דאָס גאָט בעשאַפען אָט די גרויסע רייכע מיליאַרדען־שטערענדיגע וועלט. שטיל, פינסטער, חשך! זי וויל ניט דערצעהלען, די שטילע פינסטערע חשכ׳דיגע נאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען דאָרט אין די חשכ׳דיגע, אָרעמע, שמוציגע יודישע געסלעך, אין די חשכ׳דיגע, אָרעמע, שמוציגע יודישע הייזלעך, וואו האַלב־ווילדע, פינסטערע פערשכורט׳ע נפשות האָבען זיך אריינגעריסען מיט שטעקענס און מיט העק און האָבען זיך גענומען מאַכען אַ תל פונ׳ם ביסעל אָרעמקייט פונ׳ם יודישען קוואַרטעל, צעברעכען, צערייסען, צעוואַרפען, פערניכטען אַלעס וואָס דאָס אָרעמקייט האָט צענויפגעזאַמעלט אין צעהנדליגער יאָהרען, און טרייבען, שלאָגען, פייניגען, בעסטיאַליש זיך לוסטיג מאַכען איבער אָרעמע, עלענדע, אונגליקליכע, נאַקעטע און באָרפיסע, פערוואָרפענע און פערגעסענע, שינדען די הויט, רייסען די אָדערען, ברעכען גלידער — — — ניין, זי וויל נישט דערצעהלען, די שטילע פינסטערע חשכ׳דיגע נאַכט, וואָס עס איז פאָרגעקומען דאָרט, זי וויל ניט דערצעהלען, אַז אין יענער שטילער פינסטערער חשכ׳דיגער נאַכט האָבען זיך צענויפגעזאַמעלט ביים בעריהמטען רעדאַקטאָר פונ׳ם בעריהמטען אַנטיסעמיטישען „קלין" די מיטגליעדער פון די שוואַרצע מאות, אָבגעהאַלטען אַ זיצונג איבער „מאָרגענדיגען טאָג", אויסגעפּלאַנעוועט און אָרגאַניזירט אַ פּאָגראָם, וועלכער זאָל נעהמען ניט ווייניגער פון דריי טאָג... די שטילע פינסטערע חשכ׳דיגע נאַכט וויל נישט איבערגעבען אונז אַלע דעבאַטען, וואָס זענען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דער דאָזיגער נאַכט, ווי אַזוי דער פּאָגראָם זאָל זיך מאָרגען פיהרען, פון וועמען ער זאָל זיך אָנהויבען און מיט וועמען ער זאָל זיך אויסלאָזען, זי וויל אונז נישט איבערגעבען, ווי אַזוי דער פּראָפעסאָר טשיכנאָוו האָט פאָרגעטראָגען זעהר אַ שענע, אַ גלענצענדע רעדע איבער דעם, וואָס די מענשען זענען לייִדער נאָך ניט גענוג קולטורעל, זיי זאָלען פערשטעהען, וועמען פון די

יודען מע דארף אם מעהרסטען שלאגען... זי וויל אונז נישט איבערגעבען דעם פראטאקאל, ווי אזוי דער בעריהמטער פראפעסאר האט אויסגעוויזען סטאטיסטיש פון דער גאנצער 25 יעהריגער היסטאריע, אז פון די יודישע פאגראמען האט נאך איין יודישער מיליאנער נישט געליטען קיין שאדען, אדרבה, ער האט בעוויזען ווי 2 מאל 2 איז 4, אז פאר דער יודישער בורזשואזיע זענען די פאגראמען גאר א גליק, זיי עקספלאאטירען די פאגראמען, צאהלען נישט די רוסישע פאבריקאנטען פאר סחורה, בעציעהען געלד פון אויסלאנד אין די הונדערטער מיליאנען אלס נדבות פאר די פערונגליקטע און לעגען דאס אריין צו זיך אין קעשענע, רייצען אן אויף אונז די אויסלענדישע באנקירען זיי זאלען ווארפען אונזערע פאפירען, וועלכע זיי אליין קויפען אב נאכדעם פאר האלב געלד, דערלאזען אונז נישט מאכען קיין הלואה ביי זייערע רויטשילדס, מענדעלסאנס און בלייכרעדערס — מיט איינעם ווארט, א פאגראם איז פאר זיי גאר א לעקאכעל. א גליק! דעריבער דארף מען זעהען, מען זאל זיך נעהמען הויפטזעכליך צו די גבירים, באנקירען, מיליאנערען, חאטש וויפיעל ס'ניט איז אבשוואכען זייער קראפט, זי זאל אזוי ניט געוועלטיגען אויף דער ערד! דערמיט וועלען מיר האפענטליך צוציהען אויך די סימפאטיע פון די סאציאליסטען...

— נאר ניט קיין סאציאליסטען! ניעדער מיט די סאציאליסטען! האבען אויסגעשריען די איבריגע מיטגליעדער פונ'ם „שווארצעמאה'דיגען פערבאנד". און עס האט לאנג גענומען ביז דער פארזיצענדער האט איינגעשטילט די שטורמדיגע פערזאמלונג, אום פארטצוזעצען די דעבאטען איבער דעם „מארגענדיגען טאג", וועלכער דארף בלייבען א היסטארישער טאג אינ'ם לאנד...

וועגען דעם אלעם שווייגט די שטילע פינסטערע חשכ'דיגע נאכט.

אויך שווייגט די שטילע פינסטערע חשכ'דיגע נאכט וועגען די פארבערייטונגען וואס זענען געמאכט געווארען צום

„מארגענדיגען טאג״. מען האט בעקומען א אינסטרוקציע מען זאל זיין אויף דער וואכט... עס זאל געטהאן ווערען „אלעס״ אין „בעסטער ארדענונג״... עס זאל ניט שאדען דעם „וואס מע דארף ניט״... עס זאל ניט ליידען קיין איי־נענער, קיין „היימישער״... און דער עיקר ניט דערלאזען קיין זעלבסטפערטיידיגונג, קיין זעלבסטשוץ, פערניכטען אינ׳ם ווארצעל אלע „סאמאאבאראנשטשיקעס״, עס זאל ניט בלייבען פון זיי קיין שפור! ...

אויך שווייגט די שטילע פינסטערע חשב׳דיגע נאכט פון די שטילע פינסטרע געהיימע פערזאמלונגען אין שטילע פינכטערע געהיימע קעלערס, וואו שטילע פינסטערע געהיי־מע פאטריאטישע מענשלעך האבען אויסגעטיילט געוועהר און מטבעות פאר הונדערטער באסיאקעס, בויאנעס, חוליגאנעס, זיי זאלען זיין גרייט צו „מארגענדיגען טאג״... און נאך און נאך א סך זאכען זענען אבגעטהאן געווארען אין דער דאזיגער שטילער, פינסטערער, חשב׳דיגער נאכט, און זי שווייגט די נאכט. זיווארט אויפ׳ן ליכטיגען פרישען פריהמארגען. ער וועט קומען, וועט ער אונז אלעס, אלעס דערצעהלען...

קאפיטעל ס״א.

טאמארא ביים קראנקען סאשא צוקאפען.

——— און דער ליכטיגער פריהמארגען איז געקומען אונפערשעמט, און די אונפערשעמטע זונן האט בעלייכט די אונפערשעמטע ערד, אויף וועלכער עס האבען זיך אב־געטהאן זעהר־זעהר פיעל אינפערשעמטע זאכען, וועלכע מיר זאגען זיך אב צו מאלען אין אונזער ראמאן איבער פער־שיעדענע אורזאכען: ערשטענס, ווייל פאר׳ן לעזער פון דער פרעמד איז דאס, האב איך מורא, אונעסטעטיש; דער פרעמדער לעזער איז ניט געוואהנט צו אזעלכע אונעסטעטי־שע שוידערהאפטע בילדער... צווייטענס, ווייל דאס רוב פרעמדע לעזער וועלען רעכענען, אז עס איז אביסעל

גוזמא'דיג, איבערטריבען. דער לעזער פון דער פרעמד, אויף וויפיעל מיר קענען איהם, וועט אייך קיין מאל ניט גלויבען, אז עס איז ווירקליך פארגעקומען דארט אין יענעם לאנד אזעלכעס, ווי עס ווערט בעשריבען אין די בלעטער, ער קאן זיך גאר ניט פארשטעלען, אז אין דער ווירקליכקייט איז עס געוועזען פיעל-פיעל ערגער, ווי מע שרייבט אין די בלעטער, ווארום בלעטער זענען סוף כל סוף ניט מעהר ווי טוידטע בלעטער, וואס קאנען ניט איבערגעבען די גאנצע טראגעדיע פון די צע-בראכענע, פערשטויסענע, צעשלאגענע און בעליידיגטע. די דריטע סיבה איז ווייל איך ווייס, אז איך וועל אייך ניט איבערגעבען ריכטיג קיין צעהנט-חלק פון דעם, וואס די אונגליקליכע האבען איבערגעטראגען אין דער צייט פונ'ם גרויסען מבול פון צרות און יסורים, הארצוועהטאג און בזיונות, וואס איז אויסגעגאסען געווארען אויף זייערע קעפ. דאס איינציגע, וואס קאן מעגליך זיין צו שילדערען, איז בעזונדערע מאמענטען און פערזאנען, וואס זענען פערחאפט און פערטראגען געווארען מיט דעם מעכטיגען שטראם פון גרויסען מבול. מיר בעטען דעם לעזער, ער זאל זיך מטריח זיין מיט אונז אויף א ווײַלע אויף אונזער בעקאנטער גאס, צום הויז, וואו עס געפינען זיך אונזערע דריי הויפט-פאמיליען: שאסטעפאל, ראפאלאוויטש און נחמיה דער שוסטער.

נאכדעם, ווי מע האט דעם פערוואונדעטען סאשא ארויס-גענומען די קויל און איבערגעבונדען די האנד, האט מען איהם איבערגעפיהרט פון שאסטעפאל'ס וואהנונג צום פאטער צום אפטייקער. דער דאקטאר האט געזאגט, אז עס איז קיין געפאהר, דער קראנקער וועט אין דריי-פיער טעג ארום קאנען אויפשטעהען, ער האט נאר אנגעזאגט, מע זאל אכטונג געבען אויף דער טעמפעראטור, און ווייטער גארניט. און ווירקליך, דער קראנקער האט דעם גאנצען אויפדערנאכט גערעדט, געשפאסט און געפיהלט זיך זעהר גוט. און ווי אזוי האט ער זיך געקענט פיהלען ניט גוט, אז טאמארא

איז ניט נאָר געזעסען נעבען איהם גלייך מיט אַלע, זי האָט זיך אַליין אַרויסגערופען אויף אויסצוזיצען נעבען קראַנקען די גאַנצע נאַכט. דעם פאָטער, דעם אַפּטייקער, האָט זי אַוועקגעשיקט שלאָפען, דער חבר קעסלער איז געבליבען זיצען צופיסענס און האָט געחאַפּט אַ דרימעל, געפּיקט אַלע מינוט מיט דער נאָז. איציקעל שאָסטעפּאַל איז אַ פּאָר מאָל אַראָבגעגאַנגען צו דער טאָכטער, געוואָלט, אַז זי זאָל געהן רוהען נאָך אַזאַ טאָג פון גרויסע שרעק, און אַגב האָט די מאַמע זי שוין אַזאַ צייט ניט געזעהן... עס האָט אָבער דעם אָרעמען פאָטער די חכמה נישט געהאָלפען. טאַמאַראַ האָט געזאָגט, אַז זי וועט פון דעם קראַנקען נישט אָבטרעטען אויף קיין מינוט; זי האָט געזאָגט צום פאָטער גאַנץ פעסט און ערנסט:

— דער מענש, וואָס האָט איינגעשטעלט פאַר מיר דאָס גאַנצע לעבען, האָט פערדיענט ביי מיר, איך זאָל איהם שענקען חאָטש איין נאַכט פון מיין לעבען.

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ ווירקונג די ווערטער האָבען געמאַכט אויפ׳ן קראַנקען סאַשאַ׳ן. איהר מעגט שוין זיין זיכער, אַז ער וואָלט אַ בעלן זיין ליגען קראַנק אַ סך נעכט, אַבי טאַמאַראַ זאָל נעבען איהם זיצען!... מען האָט דאָס געקאָנט אַרויסזעהען פון זיינע אויגען וואָס האָבען געגלאַנצט און פון זיין פנים וואָס האָט געשיינט, ווי נאָך קיין מאָל נישט אין זיין לעבען. דאָס האָט בעמערקט דער ערשטער זיין חבר קעסלער און נאָכדעם אויך דער אַפּטייקער, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט קעגען דעם, וואָס זיין זוהן איז פערליבט אין איציקעל שאָסטעפּאַל׳ס טאָכטער. איציקעל שאָסטעפּאַל איז פאַר׳ן אַפּטייקער אַפילו ניט אַזאַ אויסגעשפּיעלטער מחותן, האָט ער אָבער, נישקשה, אַ סך געלד, די טאָכטער איז אַ בת יהידה — עס איז ניט קיין שלעכטער שידוך...

וואָס פאַר אַ מיינונג האָט אָבער געהאַט וועגען דעם איציקעל שאָסטעפּאַל? איציקעל שאָסטעפּאַל האָט נישט גע-

האט קיין שום מיינונג. ער האט איבערהויפט ניט געקאנט פערשטעהען, וואס דא טהוט זיך. איינס פון די צוויי: אדער ווי זענען משוגעים, אדער ער איז משוגע!... ער האט גוט געהערט מיט קאפ אלע רעדעס, וואס זענען היינטיגען טאג אבגעהאלטען געווארען; ער האט זיך גוט צוגעהערט צו דעם, וואס זיין טאכטער האט גערעדט און וואס אנדערע האבען גערעדט, און ער האט בשום אופן ניט געקאנט פערשטעהען, וואס וויל מען? מען האט אייך געשענקט א קאנסטיטוציע — וואס פערעבענדיוועט איהר? אט האט איהר זיך דערשפיעלט מיט אייער קאנסטיטוציע א פאגראם אויך, נו, וואס ווילט איהר נאך? גוט, וואס דער פאגראם איז חאטש נאר אויף די ארעמע לייט, דארט ערגיץ אין דער יודישער גאס. וואס וועט זיין, טאמער חלילה פערטראגט מען איהם ארויף אהער, די שעה זאל נאר ניט זיין?...

און דער אונרוהיגער פאטער געהט צו בעט מיט א הארץ פול צרות און לאזט אויס זיין ביטער הארץ געוועהנליך צום ווייב, צו שיוועק'ן, ווארום זינט טאמארא איז צוגענומען געווארען אין טורמע, איז ניט געוועזען ווער עס זאל זיך פאר איהר איינשטעלען. א שטיקעל טרייסט איז געוועזען פאר איהר, וואס גאט האט רחמנות געהאט אויף איהר (זי האט מנדר געוועזען אויף ארעמע לייט און וועט מסתמא דעם נדר האלטען) און מען האט היינטיגען טאג בעפרייעט איהר טאכטער, אומגעקעהרט דער מאמע איהר קינד... נאר, ווי עס ווייזט אויס, האט זי ווינציג מנדר געוועזען אויף ארעמע לייט און דערפאר האט גאט ברוך הוא ניט אין גאנצען זי בעווילינגט, ווארום זי האט נאך ניט זוכה געוועזען אפילו רעכט אנקוקען זיך אין איהר טאכטערס פנים, מע רעדט שוין ניט פון אנרעדען זיך מיט איהר. ווי קאן זי, א פראסטע יודענע, גאר האבען א העזה צו רעדען מיט איהר קינד, וואס פירשטען, גובערנאטארען האבען פאר איהר דרך ארץ? זי איז צופריעדען זי זאל חאטש קאנען אויף איהר קוקען, לאזט מען זיך נישט! אט איז זי געקומען — איז ווידער א נייער שלאק;

דעם אפטייקערס זוהנדעל! וואס הייסט דאס, זאל עס זיין א שדוך? אפילו נישט פון די געהויבענע שדוכים, נאר וואס זאל מען טהון? זאל שוין זיין אזא שדוך, אבי א שדוך! און שיוקע שאסטעפאל לייענט קריאת שמע און בעט גאט פאר טאמארא'ן. און טאמארא האט זיך אפילו נישט אין זינען. טאמארא זיצט אין איינע יסורים ביים קראנקען סאשא ראפאלאוויטש, וואס פיבערט און רעדט פון היץ. ער ווערט ענטשלאפען און האפט זיך אויף אלע מאל, קוקט זיך ארום מיט רויטע אונטערגעברענטע אויגען און רעדט און רעדט קוים וואס מען קען פערשטעהן, און צווישען דעם וואס ער רעדט ווערט דערמאהנט אפט איהר נאמען: „טאמארא"...

און ניט ווילענדיג האט זיך, זיצענדיג יעט דא, טאמארא פערטראכט, מען קען זאגען, דאס ערשטע מאל פון זינט זי קען זיך מיט סאשא'ן, איבער אלעם, וואס צווישען זיי איז פארגעקומען ביז איצטיגען מאמענט. דאס ערשטע מאל, קאן מען זאגען, האט זיך טאמארא אבגעגעבען אזוי נאהענט מיט דעם מענשען, וואס איז געלעגען אין דער דאזיגער נאכט פאר איהרע אויגען, און איהר גאנצע פערגאנגענהייט איז איהר דורכגעלאפען אין די געדאנקען און זי האט זיך דערמאהנט, ווי דער דאזיגער ראפאלאוויטש איז איהר נאך קינדווייז נאכגעגאנגען ווי א שאטען... און נאכדעם, אז ער איז געווארען א „בחור'ל", איז ער איהר געוועזן כסדר פאר די אויגען, שטענדיג א רויטער, תמיד א שעמעוודיגער... און נאכדעם, ווי ער איז געפאהרען מיט איהר קיין פעטערבורג, מורא געהאט צוגעהן צו איהר נאהענט... נאכדעם אין פעטערבורג די געשיכטע מיט'ן צעטעלע, וואס ער האט איבערגעלאזט ביי איהר אויפ'ן טיש מיט'ן פסוק פון שיר השירים:

„מען האט מיך געמאכט פאר איין אויפזעהערין אויף וויינגערטנער, מיין אייגענעם גארטען האב איך פערלאזט"...

און טאמארא פערטראכט זיך אויף די בעדייטונג פונ'ם פסוק און אויף דעם אלעם, וואס זי איז דורכגעגאנגען און דורכגעמאכט אין דער לעצטער צייט און א שוידער געהט

איהר איבער איבער'ן לייב נאר פון איין געדאנק, דער געדאנק איז דער, וואס זי איז אין דער גאנצער בעפרייאונגס-בעוועגונג נישט מעהר אלס א פאססיווע, א זייטיגע פערזאן... וואס האט זי אליין אויפגעטהאן? גאר נישט! מיט וואס האט זי אין דער אויסגעמוטשעטער קאנסטיטוציע א גרעסערען חלק אלס איהר מוטער? א גאנצע רייהע פון אקטיווע פער-זאנען, וואס האבען גענומען א אנטייל אין דער בעוועגונג, געהען דורך פארביי איהר: ראמאנענקא, מאשא, ראקאשידזע, גאפאן, בערעזניאק און נאך און נאך — וואס איז זי פאר זיי געווען, אז נישט קיין גוטע בעקאנטע און נישט מעהר? פאר וואס האבען אלע אנדערע געהאט מעהר אדער וועניגער ארבייט אין דער בעוועגונג, און זי ניט? צוויי מאל איז זי אבגעזעסען אין טורמע און ביידע מאל אלס זייטיגע, צו-געטשעפעטע פערזאן, און קיין מאל ניט אלס אקטיווע מיט-ארבייטערין ווי אנדערע. און ווער האט זיך נאך אזוי פיעל געריסען צו אקטיווער ארבייט ווי זי? אט איז ראפאלאוויטש ניט קיין רעוואלוציאנער, פאר וואס האט ער שטענדיג אזוי פיעל צו טהון אלס נאציאנאליסט פאר זיין אייגען פאלק? איז דען זיין פאלק ניט איהר פאלק? איז זי דען ניט שולדיג צו איהר פאלק מעהר אלס צו אלע אנדערע, פאר וועמען עס דארט איהר דער קאפ און עס טהוט איהר וועה דאס הארץ? און עס טהוט איהר א פינקעל אויף א רגע אין די אויגען א פייעריל פון ליעבע און געטריישאפט צו איהר אייגען פאלק, צו איהרע אייגענע ברידער און שוועסטער, און זי איז גרייט אין דער מינוט צו געהן האנד ביי האנד מיט סאשא'ן אויף צו העלפען דעם ארעמסטען און פערוואָ-געלסטען פון אלע פעלקער, און סאשא וואכסט אויס אין איהרע אויגען, און זי זעהט אין איהם א העלד, א העלד מיט אלע מעלות פון א גוטען מענשען, א העלד פון א מלאך פונ'ם הימעל, ווי זי איז געוואהנט געווארען, ווי מיר ווייסען, פון תמיד אן צו פערגעטערען יעדען איינציגען, וועלכער איז איהר געפעלען... נישטא ביי איהר קיין מיטעלפונקט

צווישען א באנדיט און א העלד, צווישען שד און מלאך — און זי איז גרייט צו פערגעטערען סאשאן ביז דער העכסטער שטופע פון א מלאך. און זי קוקט אויף איהם ווי ער גליהט און רעדט פון דער היץ, און זיין רויט פנים מיט די רויטע האר און מיט די קלייען בעקומען ביי איהר אין די אויגען אזוי פיעל חן, ווי קיין מאל ניט פון זינט זי קען איהם. און זי דערמאהנט זיך, ווי אזוי דער סאשא האט זיך איהר תמיד געפלאנטעט פאר די פיס און זי האט אפילו ניט געוואלט אויף איהם קוקען, און זי האט שטארק, שטארק חרטה! און זי דערמאהנט זיך, ווי אזוי סאשא איז תמיד געווען גרייט פאר איהר אין פייער און אין וואסער, ווי אזוי סאשא האט זיך פאר איהר ערשט היינט מוסר נפש געווען, און ער ווערט ביי איהר מיט אמאל אויף 99 פראצענט טייערער, און עס פערקלעמט איהר דאס הארץ אויף איהם, און זי בייגט זיך אן צו איהם נאהענט, און זי נעהמט איהם אן ביי דער האנד. די האנד איז הייס ווי פייער. און סאשא עפענט אויף די אויגען, און בעגעגענט זיך מיט איהרע גרויסע שענע שווארצע אויגען, און ער דריקט איהר די האנד מיט אונענדליכער דאנקבארקייט און ווערט ענטשלאפען.

און אז עס איז געקומען דער ליכטיגער פריהמארגען און די אונפערשעמטע זונן האט בעלייכט די אונפערשעמטע ערד, אויף וועלכער עס האבען זיך אבגעטהאן אזוי פיעל אונפערשעמטע זאכען, האט ער געטראפען אונזער טאמארא שאסטעפאל אין א שטוהל נעבען קראנקען סאשא ראפאלאוויטש'עס בעטעל. דער קאפ איז איהר אריבערגעהאנגען ארונטער, די הענד אראב, די שענע אויגען זענען געווען געשלאסען, בעהאלטען אונטער די פרעכטיגע ברעמען, דער ווייסער אלבאסטער-האלז בעברעמט פון איהרע צעלאזטע גלענצענדע געקרייזעלטע האר, אויף איהר שען ליכטיג פנים איז געווען אויסגעגאסען אזוי פיעל גוטסקייט, איבערגעבענהייט, ליעבשאפט און פריינדליכקייט, אז עס האט זי דערנעהענט צו א מלאך פון גן-עדן אינ'ם געשטאלט

פון א מענשען... פערשאלטען וואלט בעדארפט ווערען יענער, וואס וואלט געהאט א השגה זיך צוריהרען מיט די זינדיגע ליפען צום דאזיגען הייליגען פנים, וואס האט געקאנט דיענען אלס מאדעל פאר א מאדאננע... שטיל און רוהיג אקעגען איהר איז זיך געלעגען דער קראנקער סאשא, אפילו נישט געחלומ׳ט פון דעם, ווער עס זיצט נעבען איהם אזוי נאהענט, אזוי נאהענט!

קאפיטעל ס״ב.

הוררא!

א מאדנער הילך, א שרעקליכער רעש, א קלאפען, א באראבאנען, א פייפען, א בעסטיאלע מוזיק מיט א מורא׳דיגען הוררא האבען אויפגעוועקט אונזערע יונגע העלדען סאשא ראפאלאוויטש און טאמארא שאסטעפאל פון שלאף. דער ערשטער האט דערהערט סאשא און האט זיך געשטארקט און אויפגעזעצט אויפ׳ן בעטעל און דערזעהען טאמארא׳ן זיצען אין שטוהל אין דער פאזע, וואס מיר האבען זי איבערגעלאזט אין פאריגען קאפיטעל — און ער איז ערשטוינט געווארען. ער האט פערגעסען אן דער גאנצער מעשה, אז ער איז פערוואונדעט, און עס האט אויסגעזעהען ביי איהם ווי א חלום, א זיסער חלום, און מערקווירדיג! — א בעקאנטער חלום... נישט איין מאל האט סאשא זיך געמאלט אין דער פאנטאזיע טאמארא׳ן גראדע אזוי ווי ער זעהט זי איצט מיט איהר הייליגען אויסזעהען, נישט פון א מענשען, נאר פון א מאדאננע. און סאשא קוקט אויף איהר מיט זיינע קראנקע רויטע אויגען און האט מורא, דער חלום זאל איהם באלד ניט פערשווינדען, ווי ער פלעגט ניט איין מאל פערשוואונדען ווערען... און ער בעט גאט, אז דער זיסער חלום זאל זיך ציהען און ציהען... וואס זשע איז דאס אבער פאר א רעש אין דרויסען? ועמען געהערט די מוזיק מיט׳ן פייפען, פויקען, ליארמען און שרייען הוררא? און

פלוצים עפענט זיך די טהיר און עס פליהט אריין מיט א געוויין דעם שוסטערס ווייב זיסעל, רייסט זיך ביי די האר, ברעכט די הענד, ווארפט זיך אויף אלע זייטען.

— וועה איז מיר! ווינד איז מיר! פערפינסטערט בין איך געווארען! מיין קינד! מיין קרוין! מיין צירונג! מיין בעני האט מען געבראכט צופיהרען א טוידטען, א גע׳הרג׳ עטען פונ׳ם פאגראם. עס איז א פאגראם אין שטאדט! א מורא׳דיגער פאגראם! וואס וועלען מיר טהון? נישטא מיין שלים מזל אין דער היים! און מיין חיים איז צווישען די סאמאאבאראנשטשיקעס! דארט איז געוועזן בעני אויך, מיין קרוין, מיין צירונג, האט מען איהם גע־הרג׳עט!!!

אומזיסט האט אויף איהר סאשא געמאכט מיט די הענד, זי זאל אזוי הויך ניט שרייען, ווארום זי וועט אויפ־וועקען טאמארא׳ן. טאמארא האט זיך אויפגעחאפט, צוגעלאפען צום פענסטער און האט דערזעהען...

זי האט דערזעהען איין אונגעהויער גרויסע פראצעסיע מיט הייליגע בילדער, און עס האט זיך דערהערט א ווילדעס געשריי: „הורראַ! דאס געשריי האט פערהילכט און פערטויבט דעם קאפ. פאראוים האט מען געטראגען די הייליגע בילדער. הינטער זיי אונבעקאנטע לייט, צווישען וועלכע זי האט דערקענט ראמאנענקא׳ס פאטער, דעם רעדאקטאר פון „קלין”, דעם אינזשינער רעזניקאוו, דעם פריסטאוו, זיין שרייבער נעטשיפארענקא. און ווייטער זענען געגאנגען אונ־בעקאנטע מענשען, בעוואפענטע מיט הילצערנע און אייזערנע שטעקענס.

טאמארא האט תחלת ניט רעכט פערשטאנען, וואס זאל דאס בעדייטען? נאר ביסלעכווייז האט עס איהר אנגע־הויבען ווערען קלאר. נאכדעם האט זי דערזעהען א ביל, פון וועלכען זי איז פערציטערט געווארען. אקעגען דער דאזיגער פראצעסיע איז זיך אן א זייט געגאנגען א יוד, און עס האט ניט גענומען קיין מינוט צייט, איז פונ׳ם יודען געווארען א קליין בערגעל שמאטעס מיט בלוט און מיט

שטיקלעך פלייש. באלד נאכדעם איז אנגעפאהרען א פוהרעל מיט צוויי יודלעך. אין איין רגע איז דאס פוהרעל געלעגען מיט די רעדער ארויף און די צוויי יודלעך האבען געצאפעלט אונטער די פיס פון דער שענער פראצעסיע...

טאמארא האט פערשטאנען וואס דא איז, אבער נאך אלץ ניט איננאנצען. אין גאנצען האט זי פערשטאנען ערשט דאן, ווען עס איז געקומען צולויפען א האלב טוידטער סאשא'ס חבר שמעון קעסלער און האט אבגעגעבען סאשא'ן א ראפארט, וואס אין דרויסען טהוט זיך. קעסלער געהט פון גאנץ פריה אן נאך דער „פראצעסיע", און ער קען איבער-געבען וואס דאס בעדייט: ווי א שטורם טראגט זיך די פרא-צעסיע איבער אלע גאסען פון שטאדט. אלטדינג, וואס בלייבט נאך איהר, ווערט אבגערייניגט ווי פון א שרפה, א מגפה, א פעסט אדער פון א געוויטער. — און פעדערען, שמאטעס, שטיקלעך מעבעל, בלוט, בלוט, בלוט — א מבול פון בלוט!...

און קעסלער חאפט זיך מיט ביידע הענד ביים קאפ און לויפט ארום ווי א פערריקטער איבערן שטוב און שרייט — בלוט! בלוט! בלוט! א מבול פון בלוט!

— וואו זענען אונזערע לייט, די חברה זעלבסטשוץ, די סאמאאבאראנשטשיקעס? זאגט סאשא און איז גרייט ארויב-צושפרינגען פונ'ם בעט.

— פינסטער און ביטער! — זאגט קעסלער — מען איז אונז פערלאפען דעם וועג! מען האט היינטיגע נאכט פער-נומען אין אוטשאסטאק הונדערטער פון אונזערע. טרעפט מען אויף די גאסען איינעם פון אונזערע, לעגט מען איהם אוועק אויפ'ן ארט!

— איך געה! שרייט-אויס סאשא.

— איהר זענט פונ'ם זינען? זאגט צו איהם טאמארא מיט ברענענדיגע אויגען — איהר טארט זיך ניט ריהרען פונ'ם ארט! איהר דארפט זיין דא, און אייער חבר דארף דא זיין מיט אייך! איהר הערט, וואס מען רעדט צו אייך!

אַט דאָ זאָלט איהר מיר ליגען, ביז איך וועל קומען צוריק! אַדיע!

און אײדער אונזערע חברים האָבען זיך ארומגעקוקט, איז שוין טאַמאַראַ געווען אויף דער גאַס, דאָרט, וואו עס האָט זיך געלאָזט הערען דער הילך מיט'ן רעש מיט די ווילדע געשרייען:

— הורראַ! טוידט צו די יודען!!!

קאַפּיטעל ס"ג.

ראַפּאַלאָוויטש דער אַפּטייקער געהט אַרויס אַ גליקליכער.

סאלאמאן ראַפּאַלאָוויטש דער אַפּטייקער איז נאָך ביי נאַכט געוואָהר געוואָרען פון זיינע בעקאַנטע קריסטען, אַז אין שטאָדט טהוט זיך עפּעס; עס קאָכט און עס גרייט זיך אויף מאָרגען אַ סיורפּריז, אַ מתנה פאַר די ליבע קינדער ישראל. איז ער געפאַלען אויף איין עצה, וועלכע וואָלט געווים געווען געניאַל, ווען אויף דער זעלבער עצה וואָלטען נישט פאַלען נאָך אַזעלכע חכמים ווי ער, דהיינו: ער האָט אויסגעמאָלט אויף דער טהיר אַ גרויסען צלם און האָט אַרויסגעשטעלט אין פענסטער אַ הייליג בילד ווי איין עכטער קריסט (ווען ניט סאַשאַ וואָלט ער אַזעלכע בילדער אַרויסגעשטעלט אויף אַלע פענסטער) און האָט אַרעבגענומען מחילה פון דער אַפּטייק דאָס בלעטעל „ראַפּאַלאָוויטש" און איבערגעלאָזט נאָר דאָס וואָרט „אַפּטייק" מיט'ן אָדלער. דער אָדלער איז ביי איהם יענעם טאָג געווען טויזענד מאָל טייערער פונ'ם נאָמען ראַפּאַלאָוויטש, ווייל דער נאָמען ראַפּאַלאָוויטש שמעקט מיט יהודי.

מתקן געווען גאַנץ פיין אַט די אַלע זאַכען, האָט ער גאַנץ פריה אַרויסגעכאַפּט זיך אויף דער גאַס אַ קוק טהון, צי עס איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז ביינאַכט איז געווען אין שטאָדט אַ פּאָגראָם. צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צו

טאשאַ'ס בּעטעל און געזעהן, אַז דער זוהן שלאָפט רוהיג, די היץ איז פֿאַראיבּער און טאַמאַראַ דרימעלט און קעסלער שלאָפט בּיים זוהן צו פֿיסענס און חראַפּעט גאַנץ געשמאַק, האָט ער זיך בּמחשבה אָבּגעזעגענט מיט אַלע דריי און איז שטיל אַרויס פֿון שטוּב ניט מעהר ווי אויף עטליכע מינוט. די צייט איז געווען נאָך זעהר פֿריה, די זונן האָט ערשט געהאַלטען בּיי אַרויסטרעטען פֿון איהר נאַכט-געצעלט, א קיהל אָקטאָבּער-ווינטעל האָט אָבּגעגעבּען אַ גרוס פֿונ'ם נאָהענטען ווינטער, אַלעס האָט נאָך גערוהט, אָדער עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס רוהט, מען האָט נישט געזעהן קיין לעבּעדיגען מענשען. ראַפּאַלאָוויטש דער אַפּטייקער האָט אָבּער פֿאָרט געוואָלט וויסען, וואָס הערט זיך אין שטאָדט, האָט ער זיך איינגעשטעלט און איז געגאַנגען אַבּיסעל אַראָבּ בּאַרג צו דער יודישער גאַס צו און האָט אָנגעהויבּען צו בּעגעגנען מאָרנע מינים נפשות, וואָס ער האָט שוין לאַנג אַזעלכע נישט געזעהען: בּאָרוויסע, אָבּגעריסענע מיט געשוואָלענע פּנים'ער, מיט רויטע נעזער, מיט אונטערגעבּלויטע אויגען, יעדער פֿון זיי האָט עפּעס געטראָגען פֿולעהענד און האָט זיך געאיילט מיט אַזאַ אימפּעט, ווי מען איילט זיך אויף יום-טוב, אָדער מען דאַרף אָבּטראָגען דאָס און גיכער געהן נעהמען נאָך אַ מאָל, וואָרום מען קאָן פֿערשפּעטיגען... צווישען דעם, וואָס די נפשות האָבּען געטראָגען, איז געווען נייע שטיוועל, אַלטע קאַלאָשען, נייע קאָלדרעס, אַלטע זעק, זילבּערנע וואַזעס, פּאַפּירענע פּודלען. אייזערנע טעפּ, פּעקלעך מיט טיי, פּאַרצעלייענע זייגערס מיט היטלעך צוקער וכדומה, אַזעלכע זאַכען, וואָס פֿאָרען זיך ניט, — און ראַפּאַלאָוויטש איז אַ בּעלן געווען בּיי אַ פּאָר נפשות אַ פֿרעג טהון, פֿון וואַנען טראָגען זיי דאָס? האָט ער בּעקומען אַ קלאָרע תשובה, אַז דאָס איז יודיש גוטס. וואָס איז ערלויבּט צו נעהמען פֿון היינט בּיז אין דריי טעג אַרום. שפּעטער מיט דריי טעג ווערט מען שוין ניט טאָרען...

דערהערט אזעלכע דבורים, האט אונזער אפּטייקער געוואלט געהן צוריק, נאר עס האט איהם עפּעס געצויגען אלע מאל וואס ווייטער און ווייטער, ביז ער האט בעגעגענט א חאליאסטרע יונגע שקצים מיט דובינקעס. האבען זיי איהם אבגעשטעלט און א פרעג געטהון, וויפיעל געלד האט ער ביי זיך? נאטירליך, האט זיך אונזער אפּטייקער ארויסגעשטעלט אקעגען זיי מיט גרויסקייט: וואס פאר א העזה האבען זיי אוועקשטעלען א מענשען אין מיטען גאס אין א צייט, ווען מען האט אונז געשענקט קאנסטיטוציע?...

— אהא? קאנסטיטוציע? — האבען די יונגע שקצים געענטפערט דעם אפּטייקער און מכבד געווען מיט א דובינקע איבערען קאפּ אזוי געשמאק, אז ער איז באלד פריטשמעלעט געווארען, פערלארען דעם קאפּעלוש מיט די בלויע ברילען און איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד. און חברה האבען קודם ארויסגענומען ביי איהם דעם גאלדענעם זייגער מיט דער קייט, אויסגעטרייסעלט אלע קעשענים, און ערשט נאכדעם איז ביי זיי ארויס א ספק, צי איז דאס א יוד אדער א קריסט? זאל ער זיין א קריסט? למאי איז ער א געלער? איז ער א יוד, — למאי איז ער געגאלט? און עס איז געבליבען בהסכם כלם, אז מע זאל פרעגען ביים אפּטייקער אליין. זעלבסטפערשטענדליך, אז דער אפּטייקער האט באלד געזאגט, אז ער איז א קריסט, איין אמת'ער קריסט.

— ווי באלד ער איז א קריסט, זאל ער אונז בעווייזען; זאל ער זיך אקארשט איבער־צלם'ען דריי מאל!

אזוי האבען געפאדערט איניגע פון דער חברה, און ראפאלאוויטש האט זיך גענביך געמוזט דריי מאל איבער־צלם'ען.

— צלם'ען זיך קאן א יוד אויך! — האט זיך אנגערופען איינער א חכם — זאל ער זאגען עפּעס א ברכה.

און ראפאלאוויטש דער אפּטייקער האט זיך דערמאהנט פון אמאל אין גימנאזיע, דארט האט ער געקאנט א קריסטליכע

תפילה און האָט זי אָבגעזאָגט פאַר זיי ווי אַ וואַסער! האָט זיך אָבער געפונען צווישען דער חברה איינער נאָך אַ גרעסערער חכם און אוז געפאַלען אויף אַ שכל, אַז דער צלם מיט דער תפילה זענען ניט קיין בעוויי, אַ מעהר לאָמיר איהם אויסטהון נאַקעט, וועלען מיר אַליין זעהען, צי איז ער אַ יוד, צי אַ קריסט...

און חברה האָבען גענומען אויסטהון דעם אונגליקליכען אַפטייקער, וואָס איז געפאַלען אויף איין עצה (אין געפאַהר פאַלט איין אַ געדאַנק!) ער האָט זיך נעביך מודה געוועזן, אַז ער איז אַמאָל געוועזן אַ יוד, נאָך איצט איז ער אַ קריסט, אַ געטויפטער יוד הייסט עס...

— וואו זשע איז דיין צלם? פאַרוואָס טראָגסט דו ניט קיין צלם אויפ'ן האַלז?

— איך בין אַ פראָטעסטאַנט! האָט זיך פערענטפערט דער אַפטייקער און געבעטען זיך ביי די חוליגאַנעס, זיי זאָלען אויף איהם רחמנות האָבען, ער האָט אַ קראַנק ווייב מיט פיער קליינע קינדערלעך מיט איין אַלטע מאַמע מיט אַ בלינדען טאַטען (צוליעב פקוח נפש און מחמת ער האָט שוין אָנגעהויבען זאָגען ליגען, האָט ער שוין געהאַקט ווייטער).

און די חברה חוליגאַנעס האָבען רחמנות געהאַט אויפ'ן געטויפטען פראָטעסטאַנט, וואָס האָט אַ קראַנק ווייב מיט פיער קליינע קינדערלעך מיט איין אַלטע מאַמע מיט אַ בלינדען טאַטען, און האָבען נאָר צוגענומען ביי איהם די מלבושים מיט די שטיוועל, איהם איבערגעלאָזט דאָס העמד מיט די זאָקען און געשענקט איהם אַ פּאָר פּעטש דערפאַר, וואָס ער איז אַ פראָטעסטאַנט, ניט קיין פראַוואָסלאַוונער.

— האָסט דו זיך געשמד'ט, האָסט דו שוין בעדאַרפט אָננעהמען דעם ריכטיגען גלויבען פון אַ פראַוואָסלאַוונעם ניט אזא גלויבען ווי ביי די פראָטעסטאַנטען!...

אָט אַזוי איז אונזער אַפטייקער אַרויס גליקליך. די חברה חוליגאַנעס, וואָס האָבען זיך ערשט געלאָזט אויף דער „אַרבייט", זענען נאָך ניט געוועזן שכור און ניט פער-

חילדעט און האָבען איהם אָבגעלאָזט אַ לעבעדיגען מיט די דאָזיגע ווערטער:

— דאָס אַנדערע מאָל אַז דו וועסט זיך שמד'ן, זאָלסט דו זיך שמדען ווי עס געהערט צו זיין!...

קאַפּיטעל ס"ד.

אין חלום און אויף דער וואָהר.

ווי נאָך אַ באָד איז יענע נאַכט געשלאָפען איציקעל שאַסטעפּאַל נאָך די אַלע פּחדים און אויפרעגונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען דעם ערשטען טאָג פון דער ערשטער רוסישער קאָנסטיטוציע. ליגענדיג שוין אויפ'ן געלעגער, האָט זיך איציקעל פערטיעפט אין זיינע רעיונות וועגען פּאָליטיק און וועגען דער ביטערער פערפלאָנטערטער לאַגע אינ'ם לאַנד און ער האָט זיך שטאַרק פערבענקט נאָך די 80-ער יאָהרען.

— דאָס איז געווען אַ צייט! — האָט ער זיך געטראַכט — אַ גאָלדענע צייט! וואָס פאַר אַ גענעראַלען און סמאָטריטעלען פון טורמען! וואָס פאַר פּאָדריאַדען זענען דאָס דאַמאָלס געוועזען!

און טראַכטענדיג אַזוי און לייענענדיג בשעת מעשה קריאת שמע, ווערט ביי איציקעל שאַסטעפּאַל אין קאָפּ אַ מישמאַש פון לישועתך קויתי, גענעראַלען, סמאָטריטעלעם,— און ער ווערט ענטשלאָפען און עס חלומ'ט זיך איהם: נעטשי-פּאָרענקאָ דער שרייבער איז איהם געקומען רופען צום פּריסטאַוו. דער פּריסטאַוו אַנטאָן איוואַנאָוויטש חאָלאָדקאָוו בעט איהם צו זיך אויף עטליכע מינוט. „אהאַ! דאָס שמעקט שוין מיט אַ פּריש הלוואה'לע, דער פּריץ דאַרף שוין ווידער אַ הונדערטער, אַ מכה איהם אין בויך!"— אַזוי טראַכט זיך איציקעל, און חאַפּט דעם שירם און לאָזט זיך געהן צום פּריץ. געקומען צום פּריץ, טרעפט ער איהם אָהן אַ ווינצמונדיר, נאָר מיט די הויזען, מחילה, איבער'ן גראָבען

בּיך, נעבעך איהם זיצט עפּעס איינער מיט שרעקליכע אויגען און איציקעל שאָסטעפּאל האַפּט אַ זעץ אין זייט אַריין פון ינטאָן איוואַנאָוויטש'ן, אפנים, ער זאל וויסען מיט וועמען ער רעדט — און ער חאַפּט זיך אויף און דערזעהט זיין ווייב שיווקע אַ דערשראָקענע, אַ טוידטע, בּרעכט די הענד, וויינט, יאָמערט.

— איצי! שטעה אויף! מיר זענען אונגליקליך!

— וואָס איז? — זאָגט איציקעל, טהוט אָן די יאַרמולקע און רייבּט זיך די אויגען — נאַר=וואָס געזעהן זיך מיט אַ שרעקליכען מענשען?

— וואָסער מענש! געה זעה, וואָס טהוט זיך אין דרויסען. אַ פּאָגראָם, וועה איז מיר און דאָס קינד איז נישטאָ. איך ווייס ניט, וואו זי איז. געווען אונטען, בּיי'ם אַפּטייקער, זאָגט מען זי איז שוין לאַנג אַוועק, מען ווייסט ניט וואוהין. אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! און איידער איציקעל טהוט זיך אָן און גיסט אָב נעגעל=וואַסער, לאָזט זיך הערען אַ רעץ ווי פון אַ האַרמאַט און אַ קלינגען פון אַ סך גלאָז און אַ בּרעכען פון אַ סך טהירען און אַ ווילדער געשריי: הוררררראַא!!! און ער לאָזט זיך צום פענסטער און טהוט אַ קוק=אַראָב און דערזעהט די אַפּטייק איז אָפען און קליינע שקצים'לעך וואַרפען פון דאָרטען סקאַרמיטשלעך, פּודעלעך, פלעשלעך, שטייסלעך און שטיקלעך זייף אָהן אַ שעור, און בּאָסיאַקעס, גוי'עס מיט שיקסעס מיט אַ פּאָר סאָלדאַטלעך קלויבּען דאָס צונויף, שטופּען אין די קעשענים און אין בּוזעם אַריין. צווישען די בּאָסיאַקעס דערקענט ער מיקיטאַ דעם גוי און איציקעל וויל עפענען דאָס פענסטער און איהם אַ רוף טהון אַרויף: מיקיטאַ! היתכן?... — דערלאָזט איהם ניט שיווקע, האַלט איהם צו בּיי די הענד, בּעט זיך בּיי איהם און וויינט:

— עפען נישט קיין פענסטער, איצי! לאָמיר בּעסער געהן אַרויף אויפ'ן בּוידעם אָדער אַראָב אין קעלער זיך בּעהאַלטען!

— משוגע ביזט דו, צי חסר דעה פאר אלע יודען? דו זעהסט ניט? אט שטעהט פאליציי, און געהען סאל־דאטען! מען וועט זיי צעטרייבען ווי די מייז, אדער מען וועט זיי גאר שיסען ווי די הינט! אט וועסט דו עפּעס זעהען א שענס!...

אזוי זאגט איציקעל—און דערזעהט, אז חברה באסיא־קעס, חוליגאנעס, וואגאבונדען און גנבים האבען זיך גענע־בען אלאז צו די צוויי גרויסע קלייטען מיט העק און מיט שטיינער, און אין איין אויגענבליק זענען די טהירען מיט די פענסטער געוועזען אויסגעבראכען, חברה זענען אריין אינווע־ניג און עס האבען אנגעהויבען פליהען פון די טהירען און פון די פענסטער רעק מיט קליידער מיט גאנצע שטיקער סחורה, טוך און לייננוואנד, שיך און קאלאשען און לאמפען, און טישטיכער מיט האנדטיכער מיט אלערליי קאלירענדיגע סטיינגעס מיט היטלעך מיט זאנטיקלעך מיט ווינטערדיגע הענטשקעס מיט שטעקלעך מיט זשילעטען און נאכדעם זייגערס מיט זייגערלעך, א מבול פון זייגערלעך.

און דאס אלעס איז געווארען אויפגעכאפט פונ׳ם אספסוף באסיאקעס, שקצים׳לעך און שיקסעס וואס אין דרויסען, אונטערגערוקט אלע מאל זייערע בעקאנטע אין האנד אריין א טוך האלענדער טיכעלעך, א פעקעל מיט זייף, א גוטען טישטוך, א פאר הויזען, א זילבערנעם זייגער, און די בעקאנטע האבען דאס אלע מאל גערוקט אין בוזעם אריין, געוואכסען, געווארען ברייטער ווי לענגער, זיך ארומ־געקוקט אויף פאליציי, צי זעהט מען ניט חלילה... די פאליציי האט אבער, ווי איציקעל שאסטעפאל האט בעמערקט, גוט געזעהן, ווארום עס איז אונמעגליך געוועזען נישט צו זעהען, ווי אזוי צוויי באסיאקעס האבען זיך פאוואלינקע א־רויסגערוקט פון דער רייהע, איינער האט אראבגענומען פון זיך דעם אויבערראק, דער אנדערער דעם ברייטען רימענעם פאס, און ביידע האבען זיך צוגעזעצט אויף די קארטעשקעס און מען האט גענומען פאקען אין אויבער־

ראַק אַרײַן וואָס מען האָט געקענט: טישטיכער, האַנדטיכער, העמדער, תחתונים, הענטשקעס, זײַף, זילבערנע בעכערלעך, פלעשלעך אָ דעָ קאָלאָן, קײַטלעך פון זײגערס, ווײַבערשע שלײערס, דימאַנטענע פינגערלעך, ציגאַרענשפּיצלעך און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס קאָנען קריכען אין אויבעראַק אַרײַן, גאַנץ פײַן צונויפגעבונדען דעם אויבעראַק מיט'ן ברײַטען רימענעם פּאַס, און אַז דאָס אַלעס איז געווען שוין פערטיג צו נעהמען אויף די פּלײצעס, איז צוגעלאָפען אַ פּאָליציאַנט וואָס האָט ביז אַהער געראַוכערט אַ סיגאַרעטעל, כלומר'שט גאָר ניט געזעהען, האָט זיך צעבײזערט אויף די צוויי באָסיאַקעס, צוגערופען נאָך אײנעם, געהײסען איהם נעהמען דאָס פּעקעל אויף די פּלײצעס און אוועקטראָגען, וואַהרשײנליך צו זיך אַהײם, וואָרום די צוויי באָסיאַקעס, וואָס האָבען אַזוי געטרײַ געאַרבײט, זענען געבליבען שטעהען ווי די אָבגעשמיסענע, זיך געקראַצט די דימטשיקעס און געגומעזט רוקען אין די קעשענעס אַרײַן פון די שיריים וואָס עס איז געבליבען ליגען אויף דער גאַס, ווײס איך וואָס, קײַ און שפּײַ, אומזיסט געהאָרעוועט...

אַז איציקעל שאַסטעפּאַל האָט דאָס דערזעהען, האָט ער פערשטאַנען, אַז דאָס שפּיעל איז פאַר'ן טײַפעל, און ער האָט זיך אָנגערופען צו זײַן ווײַב:

— שיווקע! עס איז שלעכט, מיר זענען פערפאַלען! הלואי מיר זאָלען האָטש אַרויס מיט די נפשות!... וואו איז דאָס קינד? לאָ'מיך געהן זעהען, וואו איז דאָס קינד?

שיווקע האָט פערבראָכען מיט די הענד און גענומען בעוויינען איהר טאָכטער:

— אַ שלאַק האָט מיך געטראָפען! גאָט ווײסט, וואו מײַן קינד שפּאַרט שוין אַן אַצונד! ווינד איז מיר און וועה!

— שרײַ ניט! וויין ניט! פערדול מיר ניט מײַן קאָפּ!— צעשרײַט זיך אויף איהר דער מאַן מיט כעס און לויפט אַרום איבער'ן שטוב האַלב אָנגעטהון, האַלב נאַקעט. — לאָז מיך בעטראַכטען זיך, וואו איך בין אין דער וועלט! לאָז מיר צו

קלערען, וואוהין מיר זאלען געהן זוכען דאס קינד! וואו איז דאס קינד? לאז מיך געהן:

— וואוהין וועסט דו געהן? וועה איז מיר און ווינד!...

— צום אפטייקער וועל איך אריינגעהען א קוק טהון, טאמער איז זי דארטען.

— איצי! אויף וועמען לאזט דו מיך איבער?! — צעוויינט זיך נאך ביטערער שיוועקע. און זיי דערהערען א שיסעריי פון אסך ביקסען, און זיי לאזען זיך ביידע צום פענסטער און זיי דערזעהען א פארטיע יונגע לייט, צווישען זיי בעקאנטע פערזאנען: נחמיה דעם שוסטער׳ס עלטערער זוהן, חוה דער יודינעס „אומגליק״, דער בעוואכסענער נפש בערעזניאק־נייִדיטש, יודעל קטנתי׳ס „קדיש״ און נאך אסך בחורים, אלע בעוואפענטע מיט רעוואלווערען, און פאראויס פאר אלע, די האר צולאזט, דאס פנים פלאמט, די אויגען ברענען, און א רעוואלווער אין האנד — טאמארא!

וואו איז געוועזען טאמארא דעם גאנצען פריה־מארגען, וואס האט מיט איהר פאסירט און וואס טהוט זי דא מיט די ווייסע־חברה׳ניקעס — דאס וועט איהר ערפאהרען גאנץ גיך, ווארום אונזער ראמאן געהט שוין צו ענדע.

קאפיטעל ס״ה.

וואס טיבע יוצר המאורות.

נחמיה דעם שוסטער׳ס קינדער, יודעל קטנתי׳ס קדיש, חוה דער יודינעס „אומגליק״, בערעזניאק־נייִדיטש און די איבעריגע חברים זייערע האבען ניט געווארט ביז די חוליגאנעס וועלען קומען צו זיי גוט־יום־טוב ביטען. ווי באלד זיי האבען נאר דערהערט ביי נאכט, אז אויף דער יודישער גאס איז פרעהליך, אזוי האבען זיי אויסגעפויקט צווישען אלע חברים, מען זאל זיין גרייט. זיי האבען זיך איינגעטיילט אין פערשידענע פונקטען, ארויסגעגעבען אלעמען דאס געוועהר און אסך האבען זיך געלאזט אראב

צו דער יודישער גאס און די ארבייט האט זיך אנגעהויבען מיט זעהר גרויסען ערפאלג פאר דער חברה „סאמאאבא־ראנשטשיקעס“, מחמת די פאליציי איז נאך ניט געווען רעכט צוגעגרייט. אומעדום, וואו נאר עס האט זיך אנגעהויבען ערגיץ א חתונה, זענען זיי אונטערגעקומען און האבען מיט זייערע רעוואלווערען צעטריבען די חוליגאנעם אזוי ווי וואראנעס און אנגעווארפען אויף זיי אזא מורא, אז זיי האבען שוין פערזאגט קינדס־קינדער נישט געהן אויף א יודישען פאגראם... אזוי האט זיך עס געצויגען די גאנצע נאכט. שפעטער האבען די חברה באסיאקעס און חוליגאנעם בעקומען מוט און האבען זיך מיט'ן טאג ערשט גענומען צו דער ארבייט נאך מיט מעהר פרישקייט. די חברה זעלבסטשוץ פון זייער זייט האבען זיך אויך גענומען צו דער ארבייט זעהר ענערגיש, זיך איינגעשטעלט פאר יעדער יודישער שטוב, פאר יעדער קראם, וואס די היצלים זענען בעפאלען, האבען זיי אבער געחאפט א מאוס'ען פסק פון די סאלדאטען, און די יונגע לייט, וואס האבען די גאנצע נאכט געארבייט, האבען אנגעהויבען פאלען איינציגווייז אזוי ווי שטרוי.

צווישען די ערשטע קרבנות איז געווען נחמיה דעם שוסטערס יונגערער זוהן, בעני, וועלכער איז ארונטערגעפאלען פון צוויי קוילען, וואס האבען איהם דורכגעלעכערט די לונגען און דאס הארץ.

ווי איין אונטערגעשאסענעם הירש אויף דער יאגד האבען איהם צוויי חברים אונטערגעהאפט אויף די הענד און האבען איהם אויף דער גיך אוועקגעטראגען אהיים און האבען געטראפען אין דערהיים נאר די מוטער. דער ברודער, חיים, איז געווען מיט זיינע חברים אויף איין אנדער פונקט, און דער פאטער איז געגאנגען מיט זיין פריינד יודעל קטנתי געוואהר ווערען, וואס טהוט זיך.

זעלבסטפערשטענדליך, אז יודעל קטנתי איז געווען אויפגעלעגט ווי תמיד, געשאטען מיט פסוקים און געלאכט פון דער קאנסטיטוציע, זיך געהאלטען ביי די זייטען, זיך

געריצט מיט'ן שוסטער, זיך בעריהמט, אז ער האט געוואוסט פריהער, אז דאס אלעס דארף זיך ענדיגען מיט א יודישען פאגראם, חאטש דער זוהן זיינער איז א געפעהרליכער סאציאליסט, ווייסט איהר פארוואס? „ווייל אלע זענען בהמות און מיין זוהן איז א קאלב און וואט טיבע יוצר המאורות!” לאנג לאכען האט מען אבער דעם דאזיגען פרעהליכען שניידעריל נישט געלאזט. דערהערט, אז אויף דער וואסילטשיקאווער גאס הויבט שוין אויך אן ווערען פרעהליך, האבען זיי זיך אינצווייען מיט נחמיה דעם שוסטער געלאזט ארויף אהיים, און ווי זיי זענען געקומען, האבען זיי געטראפען די גאס אין דער רעכטער ארבייט, נישט געקאנט צוטרעטען צום הויז, ווייל עס איז געווען אטאקירט פון א באנדע חוליגאנעם פון אלע זייטען, און נחמיה דער שוסטער האט זיך געגעבען א לאז, נאר יודעל קטנתי האט איהם אבגעהאלטען, בעוויזען, אז די שטוב איז שוין בעלאגערט ווי פארט-ארטור להבדיל... ביי די ווערטער קומט אן ליפא באשעוויטש אהן א היטעל, די האר צעלאזט, דאס הארץ צעחראסטעט, אין האנד א שטעקען, און ער האלט אין מיטען פרעדיגען מיט'ן נוסח פון ישעיהו:

— און עס וועט קומען א בראך אויף אייערע לייבער, און איהר וועט זוכען הילף און וועט שרייען, און קיינער וועט אייך ניט ענטפערען, ווארום גרויס איז דער צארן פון גאט, וואס טהוט ריכטען די וועלט מיט זיין גרויסען מבול, וואס ער ברענגט אויף דער ערד, דערפאר וואס איהר האט ניט געוואלט צוהערען זיין געבאט און זאגען מיט א נגון: עגעדען מאגעדען מאגדאאאדען! עגעדען מאגעדען מאגדאאאדען! עעעגעדען מאגעדען מאגדאאאארען!!!...

עטליכע חוליגאנעם האבען דערזעהען ליפא'ן מיט'ן גרויסען שטעקען און דערהערט איהם זינגען, זענען זיי צוגעגאנגען און אנגענומען איהם ביי זיין בארד, וואס האט זיך צעוואכסען אין אלע זייטען. האט דאס ניט געקאנט צוזעהען יודעל קטנתי, איז ער צוגעגאנגען זיך איינשטעלען פאר'ן

אַלטען באַשעוויטש, זאָגען, אַז ער איז געבאָך אַ קראַנקער מאַן, האָט מען מיט יודלען ניט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות, מען האָט איהם מעהר ניט ווי געבונדען אינאיינעם מיט דעם אַלטען באַשעוויטש'ן און מען האָט זיי אויפגע־הויבען ביידען אויף אַ הורא מיט אַזאַ געשריי און מיט אַזאַ געלעכטער, אַז די גאַס האָט געקלונגען.

— וואָס טיבע יוצר המאורות! — האָט יודעל קטנה געזאָגט און האָט דאָס פּערטייטש אויף זיין שטייגער: אָט האָסט דו דיר אַ קאָנסטיטוציע!

צווישען די חוליגאַנעס ווערט דער געלעכטער נאָך שטאַרקער. אין דעם קומט אָן טאַמאַראַ מיט דער חברה זעלבסטשוץ און די שמחה ווערט געשטערט.

קאַפּיטעל ס"ו.

וואָס טאַמאַראַ האָט זיך אָנגעזעהען און אָנגעהערט.

טאַמאַראַ, אַז זי האָט דערהערט, אַז עס איז אין שטאָדט אַ פּאָגראָם, אַ „יודישער פּאָגראָם" — האָט דאָס זי אויפגעטראָגען אין דער לופטען. קיין מאָל האָט אין איהר נישט געהערט דאָס יודישע בלוט אַזוי שטאַרק, ווי אַצונד. אפשר איז דאָס געוועזען אונטער דעם איינפלוס פון סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש? און אפשר האָט זיך אָנגערופען ביי איהר דער אַלטער געפיהל פון נקמה? זוזיא, ראָמאַנעקאָ, מאַשאַ באַשעוויטש, בעני דעם שוסטערס זוהן (זי האָט איהם געז־עהען ליגען טוידט מיט איין אונשולדיג אויסזעהען פון אַ נאַאיוועס קינד, כּל זמן [illegible] האָפנונג און גלויבען) די אַלע זענען איהר געשטאַנען פאַר די אויגען און געוועקט צו נקמה, און בעזאָנדערס אַצונד, ווען מען האָט נאָך אַזוי פיעל מיה, נערוועז און בלוט קוים אַרויסבעקומען די ערשטע פרייהייטען, אָהן וועלכע עס איז אונמעגליך צו לעבען אויף דער וועלט! קיין מאָל האָט זי אַזוי ניט בעליידיגט דאָס וואָס מען בעהאַנ־

־עלט שלעכט דעם יודען, ווי אצונד, גראָד אַצונד, ווען מע ־ערט פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט!

זי האָט קיינעם ניט געוואָלט גלויבען, אז דאָס שלאָגט מען ספּעציעל יודען אַליין, ביז זי וועט ניט זעהען מיט איהרע אייגענע אויגען, און טאַמאַראַ איז געגאַנגען זעהען מיט איהרע אייגענע אויגען. און זי האָט געזעהען מיט איהרע אייגענע אויגען דאָס, וואָס זי האָט זיך קיין מאָל אין איהר לעבען נישט פֿאָרגעשטעלט אפילו אין די פֿינסטרע צייטען פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע!... ערשט דאָ, אַז זי האָט דערוועהען מיט איהרע אויגען, וואָס מע האָט געטהאָן מיט איהרע אָרעמע ברידער און שוועסטער, האָט זי אָנגעהויבען צו פֿערשטעהען די בלוטיגע פּאָעמאַ, וואָס סאַשאַ ראַפּאַלאָוויטש האָט איהר אַמאָל דעקלאַמירט פֿון דעם יונגען גרויסען יודישען פּאָעט ביאַליק, און זי האָט זיך געפֿרעגט, ווי אַזוי האָט זי געקאָנט ביז אַהער שטעהען פֿון דערווייטען פֿון דעם גרויסען יודישען אייביגען וועהטאָג, וועלכער איז גרויס ווי די וועלט, ברייט ווי דער הימעל און טיעף ווי דער ים?...

עס איז נאָך געווען פֿריה, אַז טאַמאַראַ האָט זיך געלאָזט איבער דער שטאָדט און זי האָט בעגעגענט אָרעמע ווייבער אַ סך, מיט קינדער אַ סך, פּעקלעך און שמאַטעס אַ סך, פֿאָהרען אויף פֿוהרלעך, איין פֿוהרעל נאָכ׳ן אַנדערן, מיט איבערגעשראָקענע פֿערשעהמטע פּנים׳ער, גלייך ווי זיי וואָלמען עפּעס אָבגעטהאָן אַ מאוסע מעשה, בעגאַנגען אַ פֿערברעכען. אָבגעשטעלט אַ פּאָר פֿון די רייזענדע, האָט זיי טאַמאַראַ געפֿרעגט: וואוהין פֿאָרט מען? און האָט בעקומען ענטפֿער, אַז זיי ווייסען אַליין ניט, וואָהין זיי פֿאָהרען. אין שטאָדט איז, זאָגט מען, אַ פּאָגראָם, דאַרף מען פֿאָהרען ערגיץ זיך בעהאַלטען, דער — צו אַ בעקאַנטען קריסט, דער — אין אַ האָטעל און דער — צו׳ם באַהן... לאַנג האָבען אָבער די דאָזיגע רייזענדע ניט געקאָנט פֿאָהרען, וואָרום, ווי טאַמאַראַ האָט בעמערקט, מע האָט זיי נישט געלאָזט; מע האָט זיי גענומען אָבשטעלען פֿערקערעווען די פֿערדלעך און אָבשיקען צוריק,

איינינע האט זי געזעהען, ווי מע האט זיי ארויסגעווארפען מיט די קינדער און מיט די בעבעכעס פון די פוהרלעך און געשלאגען. טאמארא האט דאס ניט געקאנט צוזעהען, איז זי צוגעגאנגען צו א פאליציאנט און געפרעגט, ווי אזוי דערלאזט ער אזא זאך? האט זי בעקומען פון איהם א תשובה, אז זי זאל זיך בעסער אבטראגען פון דאנען בייציימענס, ווארום זי קאן חאפען דעם אייגענעם פסק מיט די יודען.

— וואס עפעס יודען? — פרעגט איהם טאמארא.

— ווארום היינט איז אזא טאג... ענטפערט איהר דער פאליציאנט מיט אזא טאן, גלייך ווי עס וואלט זיך גערעדט פון בענייסען די גאסען, פון מארשירען מיט מוזיק וכדומה אזעלכע געוועהנליכע זאכען.

טאמארא געהט ווייטער און שלאגט זיך אן אויף אזא סצענע: איין ארעמע יודישע פרוי, נאך א יונג ווייבעל, מיט צוויי קינדער, איינס ביי דער האנד, דאס אנדערע אויף די הענד, לויפט מיט א קאשיק און איהר לויפען=נאך צוויי גוי׳עס. איינע האט שוין דעם קאשיק צוגענומען און די אנדערע רייסט ביי איהר די שאל פונ׳ם קאפ. טאמארא לויפט-צו און שטעלט זיי אב.

— וואס טהוט איהר דאס? גאט איז מיט אייך!

— היינט מעג מען! — ענטפערען איהר די גוי׳עס מיט א געלעכטער און לאזען=אב דאס ווייבעל, און טאמארא ווערט געוואהר פון איהר, אז דאס לויפט זי פון דער יודישער גאס, וואו מע האט געקוילעט איהרע א שכנה מיט א מאן און מיט דריי קינדער... וואוהין זי לויפט, ווייסט זי נאך אליין ניט, נאר זי האט גערעכענט, אז דא, צווישען די נגידים און איבערהויפט צווישען קריסטען, וועט מען מן הסתמא ניט שלאגען, טאמער וועט עמיצער אויף איהר רחמנות האבען און אויף איהרע צוויי יתומה׳לעך? זי וואלט וועלען זיך בעהאלטען ערגעץ ביי א גוטען קריסט, מחמת מע זאגט, אז מע וועט דא אויף די נגידישע גאסען אויך שלאגען...

טאמארא׳ן פאלט איין א געדאנק צו פערבארגען דאס

דאָזיגע ווייבעל ביי אַ קריסט, ביי וועמען? עס איז ניט ווייט פון דער גימנאַזיע — ביי דער פרוי ראַמאַנענקאַ! און זי זאָגט צום ווייבעל, אַז זי וועט זי אָבפיהרען צו אַ בעקאַנטען קריסט. און זי לויפט מיט איהר צו דער גימנאַזיע, און לויפענדיג דערצעהלט איהר דאָס ווייבעל טויזענדער שרעקליכע זאַכען פון היינטיגער נאַכט, וואָס האָט זיך אָבגעטהאָן ביי זיי אויף דער יודישער גאַס: מע האָט געשלאָגען, גע'הרג'עט, געשטאָכען... און טאַמאַראַ פערשטעלט זיך די אויהרען, זי קאָן נישט האָרכען ווייטער... און נישט ווילענדיג דערמאָהנט זי זיך נאָך אַמאָל אין ביאַליק'ס בלוטיגע פּאָעמע, וואָס סאַשאַ האָט איהר אַמאָל געלייענט, און וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אויף איהר איין איינדרוק פון אַ שענע, הויכע פּאָעזיע נישט מעהר, און איצטער קלינגען זיי איהר אין די אויהרען ווי טראָמפּייטען, ווי הונדערט קעסעל־פּויקען:

אַ פּויסט וואו איז?

וואו איז אַ גרויסער דונגער,

וואָס זאָל זיך אָבּרעכענען פאַר אַלע דורות?...״

און זי האַלט פעסט דעם רעוואָלווער אין האַנד און עס ציהט זי צוריק אין שטאָדט אַריין, גיכער זיך נוקם זיין פאַר'ן אומזיסטיגען בלוט, און זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט גענומען אָבפיהרען דאָס דאָזיגע ווייבעל מיט די קינדער צו אַ קריסט, און די ווערטער „צו אַ קריסט״ בעליידיגען זי אַזוי ווייט, אַז זי וואָלט געגאַנגען צוריק, ווען ניט אָט די צוויי אונשולדיגע בעשעפעניש'לעך... נאָר אָט איז שוין די גימנאַזיע.

— אָט דאָ וועט אייך זיין גוט! — זאָגט טאַמאַראַ צום ווייבעל און זי קלינגט אָן, און עס קומט אַרויס דער אַלטער ראַמאַנענקאָ און בעטראַכט טאַמאַראַ'ן מיט דער אָרעמער פרוי און קינדער, און בלייבט מבולבל. טאַמאַראַ בעט איהם, ער זאָל ערלויבען... ראַמאַנענקאַ האַקט זי איבער אין מיטען און זאָגט, אַז ביי איהם איז ניט קיין יודישע שולע, ביי איהם איז אַ גימנאַזיע... טאַמאַראַ זאָגט איהם, אַז דאָ

געהט נישט אין דעם, צי א יודישע צי א קריסטליכע, דא האנדעלט זיך אין מענשעס לעבען, ראטעווען א מענשען... ראמאנענקא ענטפערט איהר גאנץ געלאסען, אז ביי איהם איז ניט קיין עיר מקלט אויף צו ראטעווען מענשען... טאמארא דערמאהנט איהם, אז ער איז א קריסט, און אז יעזוס קריסטוס האט אמאל געזאגט אין זיין עוואנגעליום...

ראמאנענקא ווערט אנגעצונדען און ענטפערט איהר, אז וועגען יעזוס קריסטוס און וועגען עוואנגליום דארף ער ניט הערען פון קיין יודישער טאכטער!... אין די ווערטער קומט אן די פרוי ראמאנענקא, די געוועזענע פאננא וואנדא, וועלכע איז אין דער לעצטער צייט געווארען וויים ווי א טויב און דאס פנים געקנייטשט, נאר די אויגען האבען נאך אלץ נישט פערלארען זייער גוטען, יונגען גלאנץ און פייער.

דערזעהען טאמארא'ן רעדען מיט ראמאנענקא'ן, האט די פרוי ראמאנענקא פערשטאנען, אז נאר א זאנדערבארער צופאל האט געבראכט אהער טאמארא'ן, און דערפרייט האט זי זיך, וואס טאמארא איז פריי; זי וואלט איהר פאלען אויפ'ן האלז, ווען ניט אט דער דעספאט.

אין צוויי ווערטער האט איהר טאמארא איבערגעגעבען, אין וואס בעשטעהט איהר בקשה. נישט פאר זיך, פאר אט דער ארעמער דערשלאגענער בעט זי א בעשיצונג מיט איהרע קינדער אויף עטליכע שעה, ביז דאס פייער וועט איבערגעהן.

מיט צונויפגעלעגטע הענד אויפ'ן הארצען האט די פרוי ראמאנענקא געבעטען ביי ראמאנענקא'ן, ער זאל זיך דערבארמען אויף איין ארעמער פרוי מיט אונשולדיגע קינדער און איז געפאלען איהם צו די פיס און געקושט די שטיוועל. דא איז ראמאנענקא ארויס פון די כלים, ארויסגעלאזט א הארבע קללה אויף אלע יודען, פערהאקט די טהיר — און טאמארא מיט דער ארעמער פרוי און קינדער זענען געבליבען אין דרויסען.

— אט דא וועל איך בלייבען זיצען, עס מעג זיך זיין

וואָס עס וויל זיך, פֿאָרט צווישען קריסטען, טאָמער וועט זיך עמיצער דערבאַרעמען. איך בין איין אָרעמע אַלמנה מיט צוויי ברעקלעך קינדער יתומים. וואָס וועט מען ביי מיר נעהמען?...

אַזוי זאָגט דאָס ווייבעל, זעצט זיך אַוועק מיט די קינדער אויף דער ערד, בעהאַלט דאָס פנים אין שאַל און הויבט אָן וויינען... פּלוצים דערזעהט טאַמאַראַ איין אָנגעלויף פֿון מענשען. און זי דערהערט אַ געוואַלדיגען טומעל מיט אַ רעש, און זי לאָזט זיך געהן, און דערזעהט פֿון דער ווייטענס די אויבענבעשריבענע פּראָצעסיע מיט נאַציאָנאַלע פֿאָהנען, פּאָליציי און קאָזאַקען: וואָס זאָל דאָס בעדייטען? און זי לויפֿט מיט אַלע כחות, זי זאָל עס ניט פֿערשפּעטיגען, און זי דערזעהט פֿון דער ווייטען שוין זעהר אַ שענעס בילד, ווי אַזוי מע האַקט טהירען, מע ברעכט פֿענסטער און מע וואַרפֿט און מע שמיצט און מע שליידערט, און קליינע שקצים׳לעך און גוי׳עס און שיקסעס הויבען דאָס אויף, און מע שלאָגט עפּעס עמיצען, זעהט זי, און זי זעהט, ווי מענשען פֿאַלען און מען טרעט אויף זיי מיט די פֿערד... און טאַמאַראַ לויפֿט מיט די לעצטע כחות, און זי דערזעהט, אַז אָט האָט זיך פּלוצים די פּראָצעסיע אָבגעשטעלט, עס דאַרף זיין ביי דער רעדאַקציע פֿונ׳ם „קלין”. אויפֿ׳ן באַלקאָן שטעהט דער בעריהמטער פּראָפֿעסער טשיבנאָוו אָהן אַ היטעל און בייגט זיך און נייגט זיך, און עטליכע פֿאָר העגד האַפּען איהם אונטער און וואַרפֿען איהם אין דער הויך, און אַז טאַמאַראַ קומט־צו נעהנטער, דערהערט זי אַ מוראדיגען הורראַ!

— נידער מיט דער קאָנסטיטוציע! אַ טויט צו די יודען!!!

און די פּראָצעסיע פֿערקערעוועט צו דער וואַסילטשיקאָווער גאַס גלייך אַקעגען איהר, און דאָ בעגעגענט זי זיך מיט אייניגע פֿון דער חברה זעלבסטשוץ. און עס איז נישטאָ ביי קיינעם קיין ווערטער; מען פֿערשטעהט זיך איינס דאָס אַנדערע אויפֿ׳ן וואונק; מע שעמט זיך איינס פֿאַר דאָס אַנדערע, עס איז זיי אַ בזיון צו קוקען זיך אין די אויגען אַריין,

גלייך ווי זיי וואלטען זיין די שולדיגע אין דעם דאזיגען בזיון...

— איהר געהט אויף דער ארבייט? איך געה מיט אייך! — מאכט צו זיי טאמארא! בעוויזט פון ארבעל איהר רעוואלווער און די אויגען ביי איהר פייערען ווי צוויי ברענענדיגע קוילען.

קאפיטעל ס״ז.

דער מבול פערשפרייט זיך.

דעם אפטייקער ראפאלאוויטש'עס פריינדין, די אלטע באַרישני, נאדיעזשדא אלעקסאנדראָוונא און איהר הונד „העקטאר" האבען אבגעראטעוועט דאס גאנצע הויז נומער דריי צעהן. ווען זי זאל געוועזען קומען מיט איין פערטעל שעה פריהער, וואלט די אפטייק אויך געוועזען נצול געווארען. זי איז שוין אבער געקומען אביסעל שפעטליך. נאדיעזשדא אלעקסאנדראָוונא האט זיך אויפגעחאפט אין דער פריה מיט דער מחשבה צו בלייבען אין דער היים נאך דעם נעכטיגען טומעלדיגען טאג פון קאנסטיטוציע. זי האט זיך אבער דערמאהנט אן דעם אפטייקערס זוהן סאשא, וואס ליגט נעבאך א פערוואונדעטער, איז זי אוועק פאר פריה מיט „העקטארען" מבקר חולה זיין סאשא'ן. צוגעקומען און דערזעהען דעם חורבן פון דער אפטייק, איז זי פערציטערט געווארען. געטראפען הינטען ביי דער טהיר א באנדע חוליגאנעס שוין גרייט אויף צו געהן ארויף אין שטוב אריין זיך נעהמען צו דער ארבייט, האט זיך נאדיעזשדא אלעקסאנדראָוונא צעשריגען אויף א קול (און „העקטאר" האט איהר אונטערגעהאלפען אויף זיין לשון), אז זיי זאלען זיך די רגע אבטראגען פון דאנען, ווארום אט רופט זי ארויס א ראטע קאזאקען, זי איז א ראטמייסטערס א שוועסטער, זי וועט ניט דערלאזען מע זאל זיך צוריהרען צו דעם דאזיגען הויז, דאס הויז איז איהרס!

— מיר דארפען ניט דיין הויז, מיר דארפען נאר די יודען, וואס זיצען דא! — האבען איהר געענטפערט די שווארצע חברה.

— דאָ איז גישט קיין יודען! וואָן זאָגט מען אייך! וואָן פון דאנען!!!

און נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט אויסגעזעהען שרעקליך אין איהרע ברילען אויף דער פערדיסענער נאָז. און „העקטאָר“ האָט אויסגעזעהען נאָך שרעקליכער. „העקטאָר“ האָט זיך געוואָרפען אויף דער חברה, געוועז גרייט דורם זיין יעדען איינציגען, ווער עס וועט צוגעהן נאָהענט צו זיין „פריצה“. און די שוואַרצע חברה האָבען זיך מישב געווען: יודען זענען דאָ גינוג אין שטאָדט, דער טאָג שטעהט ניט, — און זענען אָבגעטרעטען צום צווייטען הויז.

איציקעל שאָסטעפאַל און זיין ווייב שיוקע, וואָס זענען געשטאַנען בייַ'ם פענסטער אין איינע פחדים, נישט געוואוסט וואוהין צו לויפען, האָבען דערזעהען, ווי די שוואַרצע חברה האָבען עפּיס מיט אַמאָל ווי אָבגעטרעטען פון זייער טהיר, און זיי האָבען געדאַנקט גאָט, וואָס זיי זענען עפּעס על־פּי נס נצול געוואָרען פון אַזאַ סכנה. הלואי וואָלט נאָר טאַמאַראַ געווען מיט זיי!...

אויך סאַשאַ'ס חבר, קעסלער, איז געשטאַנען בייַ'ם פענסטער און האָט אַלע מינוט אָבגעגעבען דעם קראַנקען סאַשאַ'ן אַ ראַפּאָרט, וואָס אין דרויסען טהוט זיך. סאַשאַ האָט געגעבען טאַמאַראַ'ן דאָס וואָרט, אַז ער וועט זיך ניט ריהרען פונ'ם אָרט, מעג זיך קעהרען די וועלט, וועט ער זיין וואָרט האַלטען. סיידען די שוואַרצע חברה וועלען אַריינקומען אין שטוב אַריין, דאַן וואָס קאָנען זיי העלפען? קעסלער האָט אפילו פערבאַריקאַדירט די טהיר מיט קאַסטענס און מיט בענקלעך, איין אַנגעלאָדענעם רעוואָלווער האָט ער אויך, ער וועט שיסען יעדען איינציגען, ווער עס וועט זיך ווייזען אויף דער טהיר, און וועט צו זיין קראַנקען חבר נישט צולאָזען קיינעם, סיידען מע וועט איהם, קעסלער'ען, הרג'ענען...

— די באַנדע האָט אָבגעקערעוועט פון אונזער שטוב און איז אוועק ווייטער — אַזוי ראַפּאָרטירט קעסלער פאַר זיין חבר, דעם אונטערגעשאָסענעם סאַשאַ — זיי האָבען גע־

בונדען צוויי יודען... דאכט זיך דעם שניידער, איך האב פערגעסען ווי אזוי מע רופט איהם... מיט אט דעם משוגע׳נעם באשעוויטש... אט געהען אונזערע חברה׳לייט... אונזערע „סאמאאבאראנשטשיקעס״... אהא! זיי שניידען זיך דורך מיט רעוואלווערען אין די הענד! אט איז טאמארא אויך מיט זיי!...

— טאמארא? — שרייט אויס סאשא און וויל אראבשפרינגען פון בעט און קאן ניט.

— טאמארא! — שרייט-אויס אויך איציקעל שאסטעפאל און ווייזט שיווקע׳ן מיט דער האנד אויף זייער טאכטער, וואס געהט אויף צופריהער עפים זעהר אויפגערעגט און ארום איהר א גאנצע חברה יונגעלייט פון די „שיסערס״ און איציקעל שאסטעפאל דערזעהט דאס געבונדענע פאר, ליפא דעם האלץ-יוד מיט קטנתי דעם שניידער, ער זעהט ווי די שווארצע חברה באסיאקעס און מיקיטא דער גוי בתוכם ווארפען אויף דעם געבונדענעם פאר מיט שטיינער, און דעם פריסטאוו אנטאן איוואנאוויטש חאלאדקאוו דערזעהט ער דורכפאהרען פארביי רייטענדיג אויף א פערד, שאקעלט זיך אהין און אהער מיט דער גאנצער גראציע פון איין אפיצער, מאכט עפעס מיט דער האנד, נאר עס הייסט ניט צעטרייבען די באסיאקעס. איציקעל שאסטעפאל וויל עפענען דאס פענסטער און אויסשרייען צו אנטאן איוואנאוויטש׳ן ער זאל זיך אננעהמען, ער זאל צעטרייבען אט די שכורים, לאזט איהם ניט שיווקע, זי האלט איהם צו ביי דער האנד.

— איצי! עפען ניט דאס פענסטער! איצי! מיר זענען פארביי! איצי!

און פלוצים דערזעהט ער די טאכטער איז עפעס געקומען צו לויפען מיט איין אימפעט און „חברה״ ארום איהר. זי לויפט-צו, שלאגט זיך דורך צו׳ם געבונדענעם פארעל, וויל זיך אנבויגען צו זיי א פנים אויפבינדען. איציקעל ציטערט מיט אלע איברים, וויל עפענען דאס פענסטער און א רוף

טהון די טאַטער, לאָזט איהם ניט שיוקע.

— איצי! עפען ניט קיין פענסטער! איצי! מיר וועגען פארביי! איצי! ...

— לאָז מיך! — שרייט איציקעל און רייסט זיך צום פענסטער, און דערזעהט, ווי איינער וואַרפט זיך אויף זיין טאַטער, און ווי זיין טאַטער ציהט־אויס די האַנד און שיסט־אויס איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, און נאָך איהר שיסען־אויס אויך די איבעריגע חברה־לייט, און די באָסיאַקעס פאַלען איינס נאָך דאָס אַנדערע, און ער ווייסט ניט, וואָס וועט דאָ זיין? און ער דערזעהט, עס ווערט פריהער אַ מהומה, אַ רויך, אַ צעלויפעניש, און צוריק אַ צונויפלויפעניש שוין פון פאָליציי, סאָלדאַטען, קאָזאַקען, מיט פיקעס און מיט ביקסען, און עס הערט זיך אַ מורא'דיגער שאָס פון אַ סך־אַ סך ביקסען, און ער זעהט, ווי צוויי קאָזאַקען לאָזען זיך פייל אויס'ן בויגען גלייך צו זיין טאַטער מיט די פיקעס, איין האַלבע מינוט און עס וועט זיין נאָך טאַמאַראַ'ן! אויס טאַמאַראַ! ...

— שיוקע! אונזער טאַטער ...

מעהר קאָן איציקעל שאַסטעפאַל ניט אַרויסרעדען, וואָרום עס הערט זיך אַ שטאַרקער זעץ אין טהיר אַריין. נאָך דעם זעץ נאָך אַ זעץ, אַ שטאַרקערער פונ'ם ערשטען זעץ, און עס פאַלט־איין די טהיר און עס איז אַ פולע שטוב מיט באָסיאַקעס, חוליגאַנעס. שיוקע פאַלט חלשות און איציקעל שאַסטעפאַל פאַר שרעק זעצט זיך צו צו דער ערד.

און די רעכטע וואַכהאַנאַליע הויבט זיך ערשט אָן. זי געהט פון איין גאַס אין דער צווייטער, פון דער צווייטער אין דער דריטער און אַזוי ווייטער און ווייטער. און עס הערט זיך אַ טייוועלש געשריי און עס געהט אַ שדים־טאַנץ. עס האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם אַ פייפען, אַ הודזשען, אַ קלאַפען, אַ ברעכען, אַ יאָמער מיט אַ געלעכטער, אַ רבונו של עולם—מיט אַ חורראַ! און עס האָבען זיך אויסגעמישט פעדערען מיט בלוט, מיט שערבלעך, מיט האָר, מיט

שטיקלעך פאפיר, מיט מארך, מיט צעריסענע ספרים, מיט צענאסענעם וויין — א מארנער מישמאש פון קולות, א מארנער מישמאש פון זאכען. און אלעס ווערט אויסגעמישט, און מענשען הערען אויף זעהען ווי געוועהנליך, הערען אויף הארכען ווי געוועהנליך, הערען אויף פיהלען ווי געוועהנליך, און די גאנצע וועלט זעהט-אויס, ווי זי טרינקט זיך אין א געדיכט וואסער, וואס לויפט פון אלע זייטען און קאלט און פאלט און זשומעט און זידט; דאס וואסער וואקסט, דאס וואסער ווערט העכער, ברייטער און טיעפער, דאס וואסער צעשפרייט זיך און צעגיסט זיך איבער דער גאנצער ערד, ווי א מבול.

קאפיטעל ס״ח.

ישראל'יק רייזט.

דער יודישער היסטאריקער, וואס וועט אמאל קומען בעשרייבען די געשיכטע פון זיין פאלק אינ'ם אנפאנג פונ'ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט (לעזער! מיינע און אייערע ביינער וועלען שוין וואהרשיינליך לאנג רוהען אין קבר און אויף אונזערע מצבות וועט מען קוים-קוים קאנען איבערלייענען די שבחים, וואס מע וועט אויף אונז אנשרייבען, סיידען מע וועט זיי לאזען מאכען פון גוטען מארמארשטיין און לאזען קריצען די אותיות א ביסעל טיעפער...), אז דער צוקינפטיגער היסטאריקער וועט קומען צו בעשרייבען דעם קאפיטעל פון פאגראמען פונ'ם יאהר נייןצעןהונדערט פינף און ווייטער,— וועט ער זיך געוויס אבשטעלען און פערטראכטען זיך. וואס וועט זיין דאס פערטראכטען זיך? נישט איבער דעם, ווי אונמענשליך, בארבאריש מען האט בעהאנדעלט דאס היסטארישע כפרה-היהנדעל, וואס מען רופט דאס „ישראל'יק”; נישט איבער דעם, וואס אנגערייצטע הונגעריגע און פון צרות פערשכור'טע מענשען זענען ווי ווילדע חיות ארויסגעפאלען אויף זייערע אייגענע אונשולדיגע ברידער און שוועסטער פון איין אנדער גלויבען; נישט איבער-

דעם, וואָס מענשען זענען געפאַלען אַזוי נידריג, אַז זיי האָבען אָהן אַ שום אורזאַכע און אפשר גאָר אָהן אַ שום אויפרעגונג געטוידטעט אַלטע לייט, געגוואַלדעוועט קראַנקע פרויען, געפּייניגט אונשולדיגע מיידלעך, געריסען קליינע קינדער; נישט איבער דעם, וואָס עס האָבען זיך געפונען מענשען אינטעליגענטען, פּראָפעסאָרען פון אוניווערזיטעטען, רעדאַקטאָרען פון צייטונגען, פערפאַסער פון ביכער, געלעהרטע אינזשינערען און לעהרער, וואָס האָבען אונטערגעגעבען היץ צו פערווילדעטע חוליגאַנעם, זיי זאָלען פערניכטען די יודען און אַלעס וואָס געהערט צו יודען; נישט איבער דעם, וואָס עס האָבען זיך געפונען מענשען פון פערשידענע פּאַרטייען וואָס זייענדיג פערבלענדעט אין די אינטערעסען פון זייער פּאַרטיי, האָבען זיי אויף אַ ווייַלע פערגעסען די אינטערעסען פון זייער פאָלק; נישט איבער דעם, וואָס די זינקענדע אין מבול האָבען געצאַפּעלט, אָנגעחאַפּט זיך איינס אינ׳ם אַנדערען, געראַנגעלט זיך און געטרונקען איינס דאָס אַנדערע און נישט געזעהען פאַר זיך די ליכטיגע וועלט: דערויף איז דאָס אַ מבול, וואָס אַלעס בעקומט אין איהם איין אַנדער פּנים, איין אַנדער געשטאַלט, איין אַנדער אויסזעהען.

אַז דער צוקינפטיגער היסטאָריקער וועט זיך פערטראַכטען, וועט ער זיך פערטראַכטען אויף איין אַנדער זאַך. ער וועט זיך פרעגען: „ווי אַזוי האָט די גאַנצע מענשהייט אין יענער צייט געקאָנט צוזעהען אַזעלכע מערדערייען אין מיטען העלען טאָג אינ׳ם נאָמען פון פּאָליטישען קאַמפּף — און נישט איינשטעלען זיך פאַר׳ן שוואַכערען, פאַר׳ן אונשולדיגען און פאַר׳ן אונבעוואָפענטען? ווי אַזוי האָבען געקאָנט אַזוי פיעל מעכטיגע לייט זעהען, ווי מע שלאַכטעט טאָג־טעגליך טויזענדער פון מענשען — און נישט אַריינמישען זיך אפילו מיט קיין וואָרט אים נאָמען פון עפּעס אַ צוגעטראַכטען פּרינציפּ, וואָס איז ערגליך מיט׳ן פּרינציפּ: „צווישען פרעמדע מאַן און ווייַב טאָר מען זיך ניט מישען“... אָבער מיט נאָך מעהר פערוואונדערונג וועט דער צוקינפטיגער היסטאָריקער פרעגען:

„ווי אזוי האבען געקאנט אין יענע צייטען די יודען פון די איבריגע זאגענאנטע ציוויליזירטע לענדער לייענען אלע טאג, אז מע קוילעט אונ'ברחמנות און אויף אזא שענדליכען אופן זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער—און שווייגען?... ווי אזוי האבען געקאנט יענע יודען אין יענער צייט אין יענע לענדער רוהען, עסען, טרינקען, שלאפען, לעבען? לעבען ווי האבען זיי געקאנט?!...

אט דאס וועלען זיין די מחשבות און געדאנקען, אויף וועלכע דער צוקינפטיגער היסטאריקער וועט זיך פערטראכטען און נישט קאנען געהן ווייטער פארטזעצען זיין ארבייט, ער וועט זיך קוים גלויבען, אז ער וועט זיך נעהמען גריבלען אין די פאפירען פון יענער צייט, און ער וועט זאגען: ענטוועדער—אדער: ענטוועדער יענע מענשען אין יענע צייטען האבען ניט ריכטיג געשריבען, אדער מיר פערשטעהן ניט זייער שפראך...

* *
*

עס איז געווען א נאסער, א קאלטער פריהמארגען, איינער פון יענע קאלטע נאסע אסיענדיגע טעג, וואס מע זאגט, אז עס איז „איין עבירה א הונד ארויסצולאזען אויף דער גאס", און דאך איז דער באהנהויף, אויף וועלכען מיר האבען זיך אמאל געטראפען מיט אונזערע לעזער, בשעת סאשא ראפאלאוויטש און טאמארא שאכטעפאל זענען אנגעקומען פון פעטערבורג אהיים אויף פסח, געווען פול געפאקט מיט מענשען, און איבערהויפט די דריטע קלאסע. עס איז ניט געווען א נאדעל דורכצווארפען. מעהרסטענס פאסאזשירען זענען געווען אחינו בני ישראל. מען קאן זאגען, במעט לויטער יודען. געזעסען און געשטאנען קעפ אויף קעפ ווייבער מיט קינדער מיט טשעמאדאנעס, טארבעס, זעק און פעקלעך און קישענס, קישענס, קישענס!... די פנים'ער ביי אלע אנגעשראקענע, פערצווייפעלטע, קוקען זיך ארום אויף אלע זייטען, ציטערען פאר א געשריי, פאר א פייף.. לויט די שמועסען פון די פאסאזשירען דארף מען רעכענען

אז דאס זענען עמיגראנטען, ווארום עס לאזען זיך הערען די ווערטער: „ליבוי... האמבורג... שיפסקארטען... אמע-ריקא... דאסווארט „אמעריקא“ אפטער פון אלץ. דאס ווארט „אמעריקא“ האט פאר זיי א בעזונדער צוציהונגס-קראפט, א מין כשוף. דאס איז א וואונש, א אידעאל, וואס א סך א סך פון זיי האבען לאנג וועגען דעם געטרוימט. אמע-ריקא שטעלט זיך זיי פאר א מין יענע וועלט, א מין גן-עדן. הלואי, רבונו של עולם, מע זאל זיי חאטש אריינלאזען, נית אבשיקען צוריק, צוריק אהער אין דעם גיהנום. בעסער שטארבען איידער צוריק אהער.

דאס געשריי איז גרויס, דער טומעל מיט'ן לויפען מיט'ן שטופען זיך איז נאך גרעסער, צווישען די פארשוינען זעהט מען איינינגע מיט איבערגעבונדענע קעפ, מיט אונ-טערגעבלויעטע אויגען, מיט פערשוואלענע באקען, אויס-געזעצטע צעהן, האלבע קאליקעס, סימנים פונ'ם נאך נית פערהיילטען, נאך נית אבגעקיהלטען פאגראם...

— מע וועט אייך נית אריינלאזען קיין אמעריקא! — רייצט זיך א יונגעל מיט א פנים פון א קאטשקע קעגען א יודינע מיט איין איינגעקוועטשטען שטערען.

— א מכה דער מאמע דיינער! ענטפערט איהם די יודינע — אבי איך האב געזונדע אויגען, האב איך דיך אין דער ערד!

דארט זיצט א יונג ווייבעל און זייגט א קינד און שלעפט א יודען פאר דער פאלע. זי וויל וויסען, צי מע לאזט אריין קיין אמעריקא מיט זייגענדיגע קינדער? דער יוד דאווענט, קאן איהר נישט ענטפערן, טהוט ער איהר א מאך מיט דער האנד, ווי איינער רעדט: „דו ביזט נעביך א בהמה“! און קוקט זיך ארום בשעת מעשה, צי זעהט נית דער זשאנדארם, ווי ער דאווענט...

בעזונדער אין א ווינקעלע זיצט א געזינדעל: א פאטער, א מוטער, זעקס קינדער, פיער יונגלעך, — יונגלעך איז אין אמעריקא, זאגט מען, א גליק, זיי געהן ארבייטען — צוויי

מיידלעך, — מיידלעך, זאגט מען, איז אויך א גליק אין אמע-ריקא, זיי געהען ארבייטען, און א באבע מיט א זיידען זענען דא. די באבע וואלט אפשר אויך געפאהרען מיט די קינדער קיין אמעריקא, קאן זי ניט איבער'ן זיידען, ווייל ער איז א בלינדער. א בלינדען לאזט מען קיין אמעריקא ניט אריין, מוז זי דא בלייבען מיט'ן אלטען, סיידען אמאל, איבער הונדערט און 20 יאהר, וועלען זיי איהר צושיקען פון דארטען א שיפסקארטע... דערווייל זאל ער לעבען. גענוג, אז גאט האט איהם געשטראפט, מע האט איהם בשעת פאגראם אויס-געשטאכען ביידע אויגען דערפאר, וואס ער האט ניט גע-וואלט זאגען וואו איז די קינדערס געלד, הונדערט און 22 קערבלעך... און דער אלטער זיידע גלעט די אייניקלעך איבער די קעפלעך, וויינט מיט זיינע בלינדע אויגען און זאגט צו זיי:

— איך וועל אייך שוין מעהר, קינדערלעך, ניט זעהען קיין מאל! קיין מאל אייך ניט זעהען מעהר!...

צווישען די עמיגראנטען קאן מען דערקענען נחמיה דעם שוסטער, זיין ווייב זיסעל און זייער עלטערען זוהן חיים. דער יונגערער, בעני, ליגט אויפ'ן הייליגען ארט אונטער א גאנץ פיינע מצבה. זיי האבען אויסגעקויפט וואס זיי האבען געהאט און געשטעלט איהם א צוים. זאל חאטש בלייבען א צוים, סיי ווי סיי וועלען מיר איהם שוין ניט זעהען; קומען פון אמעריקא אויף קבר-אבות וועלען מיר שוין אזוי גיך ניט קומען...

— האסט א טעות, אלטער, מיר וועלען נאך קומען צוריק אלע און איך א ודאי...

אזוי זאגט חיים צום פאטער און ער וויל איהם איינ-רעדען, אז ער, חיים, פאהרט ניט אהין אויף שטענדיג און ניט צוליעב זיך פאהרט ער, נאר צוליעב זיי, און זאל זיך נאר א ביסעל איבערקאכען אט דא, וועלען אלע פאהרען צוריק אהער „צו אונז", אזוי ווי מען פאהרט איצונד אהין, קיין אמעריקא...

— אם ירצה השם! — מישט זיך אריין א יוד א ווילד פרעמדער פון דער זייט, וואס שניידט דינע ריפטלעך ברויט מיט א קליין שארף מעסעריל און בעשמירט דאס מיט א געלכעל פון איין איי און בעט-אויס אביסעל זאלץ ביי א פרעמדער יודינע מיט א פערוויינט פנים צו זיך אין הויפען אריין.

נאך צוויי בעקאנטע פארשוינען דרעהען זיך ארום דא אין דער איינגשאפט. איינער א הויכער, א דארער, א דויטער, מיט א הויכען האלז, מיט א הויכען קאלנער, מיט א רויטען שניפס און מיט א קליין קאפעלושעל אויפ'ן שפיץ קאפ; דער אנדערער איין איינגעהויקערטער מיט געגרייזעלטע הערלעך מיט איין אויסגעבויגענע נאז. דער לעזער האט געוויס דערקענט אונזער העלד סאשא ראפאלאוויטש און זיין חבר שמעון קעסלער.

— ישראל'יק רייזט! — זאגט קעסלער צו זיין חבר און שטעלט זיך אב בעטראכטען די עמיגראנטען. — א פאלק, וואס עמיגרירט שוין באלד צוויי טויזענד יאהר. פון וואנען נעהמט זיך צו איהם אזוי פיעל כח און געדולד?

סאשא שווייגט, בעטראכט די עמיגראנטען און קעסלער זעצט-פאר:

— ישראל'יק פאהרט! ישראל'יק רייזט! ישראל'יק איז מקיים גאטס געבאט צו אונזער אלטען זיידען אברהם: לך לך — זאלסט ארויסגעהן פון דיין לאנד און פון דיין געבורטס-ארט און פון דיין פאטערס הויז! זאלסט ארויסגעהן קערפערליך און גייסטליך! אימער געהן!

— ער וואלט געמעגט אמאל שוין בעזעצען זיך אין זיין לאנד, אויפהערען צו זיין א וואנדערער! גענוג שוין געליטען גלות! — זאגט איהם סאשא.

— האסט א טעות — רייסט איהם איבער קעסלער — האסט פערגעסען, וואס דער האמבורגער רב רפאל שמשון הירש זאגט אין זיינע בעריהמטע „19 בריעף פון בן עזיאל"? „אין דעם אייביגען וואנדערען פון לאנד צו לאנד בעשטעהט

אונזער מיסיאן, און אין דעם טאג, וואס יודען וועלען אויפ-
הערען אפּריכטען גלות, וועלען זיי חלילה אויפהערען צו
זיין יודען". — זאגט אט דער מערקווירדיגער רב —
טראגען אויף זיך די פעראנטווארטליכקייט פון דער גאנצער
וועלט. מהאי דאך אצונד, ווען מיר זענען צו שאנד און צו
שפּאט, פאדערט מען פון אונז, מיר זאלען זיין עהרליכער
און ערענטליכער און בעסער און פיינער פאר אלעמען, היינט
וואס פאר פּרעטענזיעס וועלען שוין האבען צו אונז די פעל-
קער אין דער צייט, ווען מיר וועלען זיין לייטען גלייך איף
אונזער אייגענער ערד?"... ניין, ברודער! אונזער מיסיאן
איז וואנדערען, אימער זיין צווישען פרעמדע פעלקער, זיין
א ביישפּיעל פאר אלעמען...

— וואס איז דא די מערקווירדיגקייט ווייס איך ניט! —
זאגט סאשא צו זיין חבר קעסלער — גענוג האבען מיר שוין
געדיענט אלס מיסיאנערען! גענוג צו זיין זאלץ פאר פרעמדע
זופּען, הייוען פאר פרעמדע חלות!... גענוג! מתי אעשה
גם אנכי לביתי? — צייט, זיך אויך אמאל אין זינען האבען,
צי ניין? אזוי האט געטענה'ט אמאל אונזער פאטער
יעקב...

און וואס ווייטער רעדט סאשא מיט אלץ מעהר ווארעמ-
קייט, און עס רינגלען איהם ארום ווילד-פרעמדע מענשען,
הערען זיך איין, ווי ער רעדט. ווייבער פערשטעהען, אז דאס
איז מסתמא א מין מוסר און זענען פארטיג צו וויינען. צווי-
שען די מאנסבילען שטעהט אויך דאס יודעל פון דער זייט,
וואס האט ערשט ניט לאנג געגעסען קליינע רייפטעלעך
ברויט מיט איי בעשמירט, און אזוי ווי ער איז א מענש,
וואס האט ליעב אומעדום אריינצושטעלען א ווארט, מישט
ער זיך אריין אויך דא און טהוט א זאג צו דעם איבעריגען
עולם.

— אמת, ווי מיר יודען זענען!

— ווער זייט איהר? — פרעגט איהם סאשא, וואס
איז גרייט זיך אריינצולאזען מיט איהם אין א געשפּרעך, ווער

ער איז און וואוהין ער פאהרט און אזוי ווייטער, נאר עס קוטש-אונטער אונזער בעקאנטער איציקעל שאסטעפאל מיט זיין טאכטער טאמארא און שווארצען טרויער נאך איהר מוטער שיוקע, וואס האט ניט געקאנט איבערטראגען די צרות און איז באלד נאכ'ן פאגראם אוועקגעשטארבען. איציקעל שאסטעפאל האט זיך שטארק פערענדערט. טאמארא איז געווארען נאך שענער ווי פריהער.

מיר זאלען אייך מיט ליכט, אייער צוג געהט אב אין צעהן מינוט ארום!... אזוי זאגט איציקעל שאסטעפאל צו ביידע חברים, מאכט מיט'ן שירם ווי אלע מאל, און אלע פיער לאזען זיך געהן, שטופען זיך דורך צווישען שטעהענדע, געהענדע, זיצענדע און ליגענדע מאסען, צווישען יודען, וואס רעדען, צווישען ווייבער, וואס שעלטען, צווישען קינדער וואס וויינען. און מיר זעהען צווישען זיי א סך בעקאנטע פנים'ער, וואס מיר האבען זיי בעגעגענט ניט איין מאל אין אונזער ראמאן, נאר מיר שטעלען זיך ניט אב אויף זיי, ווייל מיר דענקען, מיר פיהלען, אז מיר מיט אונזערע פארשוינען האבען זיך שוין אביסעל צוגעגעסען דעם לעזער...

און טאמער בענקט איהר נאך זיי, קאן איך אייך אנזאגען א בשורה, אז מיר וועלען זיך נאך בעגעגענען מיט איינינע פון אונזערע העלדען אויף דער גרויסער רייזע, וואס זיי האבען אונטערגענומען, איינינע — אין דעם הייליגען לאנד פון אונזערע אבות אבותינו, איינינע — נאך דעם גליקליכען, פרייען, גאלדענעם לאנד אמעריקא... דערווייל געזעגענען מיר זיך אב מיט אונזער לעזער:

— אויף ווידערזעהען!...

ענדע.